STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00551

# DI NAKHT UN DER TOG

A. M. Fuchs

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Jerrold I. & Shelley Kaufman*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
קוואל

דער קוואַ

# די נאַכט און דער טאָג


Benn



תשכ״א — ניו־יאָרק — 1961

A. M. FUCHS

# DI NACHT UN DER TOG

# *THE NIGHT AND THE DAY*

צוגעגרייט צום דרוק — רחל אײַזענבערג און מלך ראַוויטש

—

שער־בלאַט און צייכנונגען צום אָנהייב פֿון די קאַפּיטלען — א. לאָנדאָן

—

סדר פֿון זאַץ און אײַנבאַנד — ישראל לאָנדאָן

—

איבערדרוקן, אַפֿילו טײלווײַז, איז שטרענג פֿאַרווערט

COPYRIGHT 1961, BY ISRAEL LONDON

*All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without the permission of "Kval" Publishers*

*Published by*

DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

—

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

# אינהאַלט

11 — די נאַכט

31 — אין קעלער

35 — די קליינע מאַגיע

46 — די פלאָגערם

53 — גאַליציאַנער יידן

64 — דער אַלטער וואָלף

88 — האַרבסט אין סאָד

104 — דער לעצטער וועג

119 — דאָס הימל-ליכט

124 — דער יורד

131 — דער נאַכט-מענטש

137 — דער מאַרק

142 — די נייעם

148 — א שליטן אין מאַרק

160 — דער קדוש פון קרילעוויץ

170 — דער אָפּגרונט

184 — די אַלטע שטוב

191 — דער שטן

216 — די דעמבענע טיר

228 — דער אַלטער כוח

233 — דער לאַנדשטורמאַן

256 — דער ציון-ייד

262 — היים בלוט

278 — דער טאָג

# א. מ. פוקס דער דערציילער

אַלע ליטעראַטורן, יעדע קונסט, איז רײַך אין דורכשניטלעכקייטן און אָרעם אין באַדײַטנדיקע טאַלאַנטן. די האַלבע, פֿערטל און אַכטל טאַלאַנטן דאָמינירן. דער מענטש וואָס איז אומבאַהאָלפֿן מיט דער פען אָדער מיט דעם פענדזל, איז אָפֿט זייער געשיקט אין שאַפֿן אַטמאָספֿערע אַרום זיך, אין רעקלאַמירן זײַן אייגענע גרויסקייט. אַזוי אַרום פּאַסירט אין יעדן דור, אַז גרויסע טאַלאַנטן ווערן פֿאַר־שוויגן.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז דער אומבאַהאָלפֿענער שרײַבער אָפֿט אַליין דער פֿאַרלעגער, אַליין דער פֿאַרשפּרייטער פֿון זײַן ווערק און נישט זעלטן — אַליין דער קריטיקער וואָס זינגט זײַן אייגענע לויב. ער רעדט מיט אויטאָריטעט אין נאָמען פֿון דער ייִדישער קולטור. ער זאַמלט פֿאַר איר געלט. ער קלאָגט אויף איר שפֿל המצבֿ.

אין דער דאָזיקער טראַגישער אַטמאָספֿערע לעבן און מאַטערן זיך עטלעכע גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן. איינער פֿון זיי, אפֿשר דער סאַמע טראַגישסטער, איז א. מ. פֿוקס.

א. מ. פֿוקס איז, קאָן זײַן, פּרימיטיוו לויט זײַן בילדונג, אָבער נישט לויט זײַן שאַפֿן. ס׳זענען גאָרנישט פֿאַראַן קיין פּרימיטיווע שעפֿער. יעדער שעפֿער איז אין זײַן פֿעלד ראַפֿינירט. א. מ. פֿוקס האָט אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען בערך מיט פֿערציק יאָר צוריק און ער האָט אָפֿט דערהויבן די דערציילונג צו אַ הויך וואָס קיינער פֿאַר אים האָט נישט דערגרייכט. פֿוקסעס כּוח — אָדער בייזע גבֿורה — ליגט אין שילדערן, אין דער וואָרט־שילדערונג. ער קאָן אין זײַן ייִדיש מאָלן לאַנדשאַפֿטן און סיטואַציעס וואָס עס דוכט זיך אַז מ׳קאָן זיי מיט דער פּען נישט אַרויסברענגען. ער האָט אַן אויג וואָס זעט אַלץ, יעדע פֿאַרב, יעדע שאַטירונג פֿון אַ פֿאַרב, אַן אויער פֿאַר קלאַנגען, אַ נאָז פֿאַר ריחות. א. מ. פֿוקס איז אַ מענטש מיט וואַכע חושים און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט צו געפֿינען דאָס ריכטיקע וואָרט פֿאַר יעדער איבערלעבונג. זײַן דערציילונג „ווינטער״ האָט געמאַכט אַ פֿוראָר. אין זײַן ערשט בוך „אויפֿן בערגל״ זענען פֿאַראַן דערציילונגען וואָס זענען און וועלן פֿאַרבלײַבן מײַסטער־ווערק.

א. מ. פֿוקס געהערט צו יענע קינסטלער וואָס מ׳קאָן באַצייכענען ווי איינזײַטיק. ער שרײַבט דערציילונגען און בלויז דערציילונגען. פֿוקס האָט געפּרווּט שרײַבן אַ ראָמאַן, אָבער אַרויסגעקומען איז אַ לאַנגע זאַמלונג פֿון דערציילונגען. פֿוקס קאָן היפּנאָטיזירן דעם

לייענער, אָבער ער האָט זיך אַליין אויך היפּנאָטיזירט. ער האָט, ווי אַ פֿאַקיר, געצייכנט אַרום זיך אַ קרײַז און זיך באַשווירן פֿון אים נישט אַרויסצוגיין. זײַן וועלט איז געווען און געבליבן דאָס האַלב־שטעטל האַלב־דערפֿל ערגעץ אין גאַליציע. זײַנע העלדן זענען עטלעכע אָרעמע ייִדן, אײַנגעזונקען אין דלות, ווי אויך זייערע ווײַבער, זין, טעכטער און אַ ביסל גוים, וואָס זענען כּמעט אַזוי אָרעם ווי די ייִדן.

¶ פֿוקס אידעאַליזירט נישט די אָרעמעלײַט. ער מאָנט נישט פֿאַר זיי קיין סאָציאַלע רעפֿאָרמען. די אָרעמעלײַט זענען פֿאַר אים די מענטשהײַט. ס׳זענען פֿאַראַן צווישן זיי צדיקים און רשעים, ער־לעכע און פֿאַלשע, צניעותדיקע און אויסגעלאַסענע. פֿוקס באַ־האַנדלט זיי נישט מיט סענטימענטאַלן רחמנות און באַדויערן. זיי זענען אים צו־נאָענט ער זאָל זיי באַטראַכטן ווי אַ כּלל. ער האָט מיט יעדן פֿון זיי חשבונות. אַפֿילו מיט די באַשעפֿענישן וואָס לעבן צוזאַמען מיט די דאָזיקע אביונים האָט א. מ. פֿוקס אינדיווידועלע חשבונות. קונסט און אינדיווידואַליזם זענען פֿאַקטיש סינאָנימען. דער אמתער קינסטלער זעט אין אַלץ אייגנאַרטיקייט. נישט בלויז מענטשן און חיות, נאָר אַפֿילו דאָס וועטער בײַ פֿוקסן איז אַלע מאָל אַנדערש און באַזיצט יעדעס מאָל זײַן פּנים, זײַן שטימונג.

¶ א. מ. פֿוקס איז נישט קיין פּרימיטיווער שרײַבער — ווי אייניקע האָבן אים באַצייכנט — נאָר דער היפּוך דערפֿון: אַ מאָדערניסט. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין ייִדיש די געדיכטע מאַלערײַ, דאָס אָנלייגן פֿאַרבן איינע אויף דער אַנדערער אין אַזאַ מאָס, אַז דער געוויינלעכער לייענער ווערט דערפֿון צעמישט און דעזאָריענטירט. פֿוקסעס שרײַבן האָט נישט קיין „וואַסער״. עס איז סאַמע געדיכט־קייט. ער גיט בלויז עסענץ. צוליב דעם קאָן מען באַצייכענען פֿוקסן ווי אַ שרײַבער פֿאַר שרײַבער. מען מוז אים לייענען פּאַמעלעך און צעקײַען יעדן זאַץ. יעדער אויסדרוק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ בילד. פֿוקס לייגט אַרײַן אין איין בלעטל מער קינסט־לערישע ענערגיע וויפֿל אַנדערע לייגן אַרײַן אין אַ גאַנץ בוך.

ער פרעסט צונויף בילדער צו אַזאַ געדיכטקייט אַז זיי זענען אָפט אומזעבאַר פֿאַר יענע וואָס קאָנען נישט זיי פּאַמעלעך פֿונאַנדער־נעמען און צעלאָזן.

■ ס׳זענען געווען ביי אַמאָליקע יידן אַזוינע שרייבער. מ׳האָט געזאָגט אויף זיי אַז זיי האָבן מקצר־געווען דערפֿאַר ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג פּאַפּיר צו שרייבן. אַזוי האָט געשריבן — אויף זיין געביט — דער מהר״ם שיף. אַזוי האָט געשריבן דער פרי מגדים. אַזוי האָט געשריבן דער ווילנער גאון. מ׳דאַרף האָבן צו זייערע ספרים פירושים. אין פֿוקסעס פֿאַל דאַרף מען נישט קיין פירוש. ער איז אינגאַנצן קלאָר. אָבער דער לייענער מוז אָפּשטעלן נאָך יעדן זאַץ און זיך אָפּגעבן אַ חשבון וואָס ער האָט געלייענט.

■ אין דער צייט פֿון דער טרויעריקער פֿאַרשוועכונג פֿון אונדזער ליטעראַטור, ווען פוסטע מענטשן באַוואַרפֿן אונדז מיט אומצייליקע לויזע און פוסטע ביכער, איז אַ זאַמלונג פֿון פֿוקסעס דערציילונגען כמעט אַן אַנאַכראַניזם. עס קומט אַ סך לויב ישראל לאַנדאָ, דעם אייגנטימער פֿון דעם פֿאַרלאַג „דער קוואַל״, וואָס האָט זיך גענומען די מי אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק. פֿוקסעס געדיכטקייט וועט איבערוועגן די אַלע שיטערקייטן. דער מבין וועט דאָ געפֿינען אַן אוצר פֿון בילד און פֿון שפּראַך. פֿוקסעס ווערק איז אַן אָנזאָג אַז די אומבאַהאָלפֿנקייט האָט נאָך נישט אַלץ צעפֿרעסן און פֿאַרוואָסערט. אין אַ געוויסן זין שטעלט פֿאַר מיט זיך א. מ. פֿוקסעס ווערק אַ פּראָטעסט און אַ רוף זיך אָפּצוטיילן פֿון די אַמאַטאָרן און זיך צו האַלטן ביי דער פּראָזע פֿון שלום עליכם און פרץ, בערגעלסאָן און שניאור, זינגער און ראָזענפֿעלד. יידיש איז נישט געוואָרן אָרעמער אין אונדזער צייט, נאָר רייכער. די שפּראַך פֿאַרמאָגט אומגעהייערע כּוחות און מעגלעכקייטן. א. מ. פֿוקס איז איינער פֿון אירע געקליבענע שעפֿער, איינער פֿון אירע זיילן.

יצחק באַשעוויס

# די נאַכט און דער טאָג

# די נאַכט

טונקל פאַרגליווערט אין אוונטלעכן דעמער, איז דער שוואַרצער לייבע געשטאַנען אָנגעבויגן בײַם פּריפּעטשיק, דעם געלאַטעטן טיזליק אויפֿגעהאַנגען אויף איין אַקסל, דעם שווערן האַריקן קאָפּ מיטן פֿוטערנעם היטל אַרונטערגעשטעקט אונטערן געזימס פֿון דעם קוימענדעכל, און ער האָט געגעסן פֿון אַ גרויסן ערדענעם טאָפּ, וואָס איז ענלעך געווען צו זײַן פּנים. זײַן צעקנאָדערטע באָרד האָט זיך געהויבן און גענידערט אַזוי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ גראָ־לעכער פֿויגל היפּט דאָרטן אין דער סאַזשעדיקער פֿינצטערניש, אונטערן פּריפּעטשיק. לייבעס ציין האָבן שטאַרק געקײַט, געריבן ווי מילשטיינער, אָבער די ביסנס פֿונעם ברויט זענען שטעקן געבליבן אין האַלדז, און געוואָרגן ווי ביינער. אָפּגעגעסן, האָט לייבע פֿאַרבונדן דעם טיזליק מיט אַ שטריק, גענומען דעם קרומען סענקאָטן שטעקן און איז אַרויס אין דרויסן. אין פֿאַרטײַעטן אוונט־טונקל האָט דער שניי געבלאָט מיט עפּעס אַ פֿאַר־זינקענדיקן גלאַנצל ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער. דאָס פֿראָסטיקע שטומ־שווײַגן האָט שווער גענאָגט דעם פֿאַרצערטן אָטעם פֿון דער שלײַכנדיקער נאַכט.

אונטער דעם נידעריקן שטאַלדעכל, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט צו דער שטובוואַנט ווי אַ דאַשעק, זענען געשטאַנען צוויי גרויסע שוואַרצע ביקעס, מיט קליינע פּלאַטשיקע מאָרדעס און געהאָרבטע קאַרקן. בײַ די שטאַרקע, קורץ פֿאַרשפּיצטע הערנער זענען געווען פֿאַרקניפּט שטריק און צוגעבונדן צום שטאַלקלאָץ. זייערע אויגן זענען געווען פֿאַרבונדן מיט זעק.

בלינדערהייט האָבן די ביקעס געבויגן די שווערע קעפּ צום שטויסן פֿון אונטן אַרויף מיט די הערנער, געבריליט, געריסן זיך פֿונעם קלאָץ, אַזש ס'האָט געציטערט די ערד אונטערן טופּען פֿון זייערע פֿיס.

— אַ—האַ — — האָט ליבע אַ ברום געטאָן און געניט אַ קנאַק געטאָן מיטן שטעקן איבער אַ ברייטן הינטן. די ביקעס האָבן דערפילט דעם שומר און זענען שטיל געבליבן.

ליבע איז געווען געדונגען פונעם פריץ צו טרייבן די בהמות קיין טאַרנאָפּאָל אין דער גוישער שעכטיאַטקע אַריין. נאָר דער ייִד האָט זיך עפּעס היינטיקן אָוונט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער היים. ער האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער מיט אַ שווער געבויגענעם קאָפּ און פינצטער אָנגעדראָלענעם קנייטש איבער דער נאָז. ער האָט אונטערגערוקט די בהמות אַ בונט שטרוי און זיך מיישב געווען היינטיקע נאַכט זיי נישט צו טרייבן. אין פעדערהייזל האָט ער גענומען מייסטרעווען מיט דער האַק און מיט דער לאָפּעטע, צורעכט מאַכן די איינגעפאַלענע זייטיקע וואַנט. אָבער ער איז אין מיטן דערינען שטיין געבליבן, דאָס שוואַרצהאָריקע פּנים צעקרימט, זייטיק אונטערגעהויבן און די האַק אין דער האַנט, פאַרטראַכט אַז אָטעם ווי פאַרשטיינערט. ניין, ס'האָבן זיך אים נישט געלייגט היינט די הענט עפּעס צו טאָן, און ער איז ווידער אַריין אין שטוב.

די ליבעכע האָט נישט אָנגעצונדן דאָס נאַפּטלעמפּל, אַזוי אַז דער טריבער אָוונט־טונקל האָט ווי אַ גראָער וואָלקן פאַרשלונגען דעם שטוב־חלל, און נאָר אונטערן ברייטן אויוון־ווינקל, שאַרף אָפּגעהויבן פון דער בלאָער קאַלכוואַנט, האָבן זיך שטום געשאָטנט די פאַרמעקטע געשטאַלטן פון דער ליבעכע מיט די צוויי טעכטער רבקה און רחל. די קעפּ פאַרבונדן מיט שאַלן, זענען די ווייבער געזעסן אויף דער לאַנגער הרובעבאַנק, שטיל און געשאָטנט ווי דרימלענדיקע הינער, נאָר די הענט האָבן גיך און געניט געשיילט געלע יאַדרעס פון געטריקנטע קוקורוזעס, פון זאַק אין די פאַרטעכער אַריין. די יאַדרעס האָבן מאַט געלויכטן מיט גאָלדענעם געטונקלטן גלאַנץ, ווי געשאָטנטע בינען. פּלוצעם האָט אַ ברום געטאָן ליבעם קורצער, האַרבער קול מיט אַזאַ גרימיקן כריפּ, אַז די ליבעכע האָט אויפגעהערט צו וויגן, מיט די פיס ביים וויגל, דאָס קינד און ברוכל, דאָס יינגל, איז גיך און דערשראָקן אַרויס פון שטוב:

— רבקה הער נאָר, קום נאָר אַהער.

די עלטסטע טאָכטער האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם ווינקל. לאַנג, מיט אַ געהויקערטער פּלייצע, ווי אַ געבראָכענער בוים. זי האָט שוין געוווסט וואָס דער טאַטע וויל. זי איז אַליין צוגעגאַנגען צום פענצטער און דאָרט שטיין געבליבן, אָנגעבערייט צו דער שׂרפה פון פּיין. בלינדע שאָטנשיין האָט טעמפּ געבלייכט פון די שנייִיק אָנגעפּרווירענע שייבלעך. רבקהס פּנים איז אויבעט געווען דיק אונטערגעבונדן מיט אַ רויטער וואָלענער פאַטשיילע, גלייך זי וואָלט געהאַט צאָנווייטיק. זי האָט נאָר אַלע מאָל טיפער געגאָרעט דאָס פּנים אין דער פאַטשיילע, אַזוי אַז מען האָט נאָר אַרויסגעזען דעם שפּיץ פון דער בלייכער, פאַרשעמטער נאָז, וואָס האָט זיך נישט געהאַט ווו צו באַהאַלטן. די אויגן־לעדלעך זענען געווען טונקל רויט און טרוקן צעגלאַנצט ווי קופּער,

און איין האַנט אין דיק און בלאָ אָראָפּגעהאַנגען מיט דער טויטער ווייכקייט פון אַ צעבראָכענעם אָרעם. ליבע האָט זיך פּאַוואָליע געגענט, נישט אויפ־הייבנדיק דעם שווערן האָריקן קאָפּ. דער קורצער קנייטש אין דער לענג פונעם צעאַקערטן שטערן איז געווען שוואַרץ, אָנגעדראָלן, ווי אַ פּיאַווקע אָנגעזאַפּט מיט בלוט. אַ רגע האָט זיין האַרטער שטומער בליק פון די פאַרזונקענע האָריקע אויגנלעכער געמאָסטן די טאַכטער פון אונטן אַרויף מיט עפּעס אַ גרייזלעכן ניינער, גלייך ער וואָלט זי נישט דערקענט:

— ווען איז דאָס געווען, רבֿקה, האַ? וואָס זאָגסטו? דערצייל נאָר...

איר שטיל בלייך פּנים, וואָס ס'האָט אַרויסגעשטעקט פון דער פּאַטשיילע, האָט אַ צאַפּל געטאָן און ס'איז באַוואַשן געוואָרן מיט אַ רויטער בושה־כוואַליע און באַלד שוואַרץ געוואָרן ווי ערד. פאַר די אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָט געפלאַמט די פינצטערניש.

— ביי נאַכט איז דאָס געווען... כ'בין געגאַנגען אַהיים רופן די מאַמע פון דער שמואליכע. אוי, וואַי, טאַ־טע־ע...

זי האָט גענומען שטיל וויינען, אַז אַ קול ווי אין אַ בייזן חלום.

— ביי אים אין שטוב? — טאַקע ביי אים אַליין, האַ? זאָג נאָר... האָט ליבע איבערגעפרעגט מיט אַ שטילן און שטרענגן כריפּ, גלייך ער וואָלט געפאָרשט עפּעס אַ מוראדיקן סוד, וואָס טאָר קיין מאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן.

— יאָ... יאָ... דאָרט...

די ליבעכע האָט פונעם אויוון־ווינקל אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָט ער זיך עפּעס פּלוצעם דערמאָנט, וואָס וויל ער פונעם קינד, דער גזלן, גלייך ער ווייסט נישט. ער פרעגט שוין ווידער... רבֿקה, קום אַהער, אַז אָך און וויי איז דער מאַמען אין האַרץ... ענטפער אים נישט אַ וואָרט, רבֿקה...

אַ קריצן ווי פון אַ שטומפּיקער זעג, האָט גרויליק אַ גיי געטאָן איבער די ליבער. ס'איז געווען דעם שוואַרצן ליבעס קריצן מיט די ציין. פּלוצעם האָט ער אַ שטאַרקן נעם געטאָן דעם מיידלס נאָכהענגענדיקע ווייכע האַנט פון דעם צעבראָכענעם אָרעם מיט זיינע אייזערנע פינגערצוואַנגען, אַ צי און אַ ריס געטאָן, גלייך ער וואָלט זי געוואָלט אַרויסרייסן, די געבראָכענע האַנט, ווי אַן אונטערגעבראָכענעם צווייג פון אַ בוים, און זי אַוועקוואַרפן. אַ געצווינגן פאַרשטיקטער קרעכץ האָט אַ גרויל געטאָן אין שאָטן־ווינקל:

— אוי אַ־ה טאַ־טע־ע, אַי, אַי.

— ס'טוט וויי? האַ?

— יאָ... יאָ.

— ווי אַזוי?... ער האָט דעך געשלאָגן?

— ער האָט מיר אויסגעדרייט די האַנט.

ליבע האָט אָפּגעלאָזט דער טאָכטערס האַנט. רבֿקה האָט זיך אומגעקערט,

צוריק זיך אַנידערגעזעצט הינטערן אויוון, און בעת די פֿינגער פֿון די ווײַבער האָבן ווידער געשיילט די יאַדרעס פֿון די טרוקענע קוקורוזעס, האָבן זיי געוויינט, מיט אַ שטילן, זינגענדיקן ניגון, ווי דאָס מידע זשומען פֿון האַרבסט־פֿליגן. די אַפּטע אומגליקן האָבן שוין געהאַט אויסגעוועפּט די טרערן, אַז די געריטלטע אויגן האָבן געפֿלאַמט מיט טרוקענעם פֿײַער, ווי מיט צעגליטע שטיינדלעך. ליבע האָט ענגער אַ צי געטאָן דעם שטריק אויפֿן טיזליק און פֿאַרנומען זיך ווידער אוועקצוגיין. בײַ דער טיר איז ער שטיין געבליבן, דעם קאָפּ טיף אויף דער ברוסט געבויגן און געפֿרעגט דאָס ווײַב:

— הער נאָר, שפּרינצע, ווער איז ער?

— וואָס פֿרעגסטו מעך עפּעס, כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון אים. אַן עלטסטער פֿון די זעלנער אַפּנים, אַ שוואַרץ יאָר, גלײַך עס ווייסט נישט. אַבי פֿון מיר סנאָוועץ די נעדערעס... צו וואָס דאַרפֿסטו וויסן, ליבע... אַי קינדער, ס׳וועט מיר נישט גוט...

— איז ער אַ הינער?

— ניין, אַ פֿרעמדער. עפּעס אַ פּריץ, אַ קאָמאַנדיר איז ער, זאָגט מען. אוי, אַז אַ וויסטן סוף זאָל ער האָבן, פֿאַר מײַן קינד. פֿאַר מײַן קינדס חרפּה, גאָטעניו, צאַ־אַ־אַ־ל... געוואַלד... אַ בראָד.

זי האָט אַ ליאַרעם געטאָן מיט אַ נאָגנדיקן יאָמער־ניגון, ווי בײַ אַ לוויה. ליבע האָט אויף איר זײַן גרימיקן הוק געטאָן און ווי מען לעשט אַ פֿײַער מיט אַ שאַף וואַסער, האָט ער אויף דעם געוויין אַ גיכן פֿאָד געטאָן מיט ביידע הענטפֿלאַכן:

— שאַ... שאַ... זײַ שטיל, שפּרינצע, הערסט?. שאַ, זאָג עך.

און ס׳איז שטיל געוואָרן. ליבעס שוואַרצע געשטאַלט האָט זיך פּלוצעם אַ וויג געטאָן אַהין און צוריק איבערן שאָטנדיקן שטובטונקל ווי אַ בלינדער וויכער, און ווידער איז ער געשטאַנען מיטן קאָפּ אונטערן סאָזשעדיקן פּריפּעטשיק. פֿון דאָרט האָט ער אַ באַפֿעל געטאָן דעם ווײַב:

— שפּרינצע, קריך אַרויף אויפֿן בוידעם און נעם אַראָפּ דעם זאַק.

— וואָסאַרן זאַק, ליבע?

— דעם גרויסן זאַק.

— וואָס טויג דיר עפּעס אַ זאַק בײַ נאַכט? ליבע, וועסט נישט גיין אין ערגעץ, ליבע...

— כ׳דאַרף האָבן, זײַ שטיל, שרײַ נישט. נעם אַראָפּ דעם זאַק פֿונעם בוידעם און שוין.

אַ רגע האָט אַ גליוער געטאָן אַ שווער פֿאַרזונקען נאַכטשווײַגן. דאָס פּיצל קינד אין וויגל האָט אַ מידן וויין געטאָן. די מידן האָבן פֿאַרהאַלטן די אָטעמס. ברוכל דאָס ייִנגל איז ווידער אַרויס פֿון דער שטוב.

נאָר שפּרינצע האָט נישט געשוויגן. זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס קול מיט אַ שאַרפֿן געשריי:

— עכל דיר געבן אַ בוידעם היינט, ליבע, אַז וועסט מעד האָבן צו געדענקען... עכל דיר אַצינד קריכן אויפֿן בוידעם, ביי נאַכט?... זאָלסט מיר אַזוי דערלעבן ביז מאָרגן, זאָג אמן.

ליבע האָט זיך פּאַוואָליע גענענט שווערער, ענגער און געדיכטער, ווי אַ שוואַרצער דעמב. ער האָט ווי אַ ביק אַ בויג געטאָן דעם האַריקן קאָפּ צום שטוים און סכּנותדיק שטיל מיט צעקרימטע לעפֿצן און שפּיזיקן בליק, ווי אַ בליץ אין דער פֿינצטער, אַ זייע געטאָן דורך די פֿאַרביסענע ציין מיט פֿאַרשטיקטן צאָרן־געברום:

— גיי שוין אַרויף אויפֿן בוידעם, נו, גיכער... הערסט, שפּרינצע, וואָס מען רעדט צו דיר, צי ניין? און ליבע כאַפּט דעם טאָפּ פֿונעם פּריפּעטשיק און טוט אים אַ וואָרף צו דער ערד.

— אויפֿן בוידעם, וואָסאַר בוידעם, אַז האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר מיטן בוידעם אין איינעם. אַן השגה פֿון אַ ייִדן!... וואָס זאָגסט?... ווער זאָגט?... צו וואָסערע רוחות טויגן אים אַצינד זעק מיט פּעק, מיט שלעק. עכל דיר געבן זעק מיט העק... עכל דיר אַרויסשלאָגן דיין שגעון...

ס'האָט שווער אַ זיך געטאָן אין ליבעס האַריקע אויגן שטומער שוואַרצער גרימצאָרן ווי קאָכעדיקער פּעך, וואָס האָט פֿאַרפּלייצט דאָס נפֿש און פֿאַר־ברענט דעם שׂכל. אַצינד האָט שפּרינצע אַ וויסטן זיפֿץ געטאָן:

— אַי ווי מיר... זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן ווי אַ שאָטן אין דער פֿינצטער און שטיין געבליבן לעבן מאַן, וויליק, מיט אונטערגעהויבענעם נאַקן און צעשפּרייטע הענט, ווי אַ הון פֿאַרן האָן, וואָס דאַרף זיך אויף איר זעצן מיט פֿאַרהוילענעם תּענוג פֿונעם באַשאַף, און ליבעס האַרטער קולאַק ווי אַ האַמער, האָט שוין געפּויקט דאָרטן אין אָנגעברייטן קאַרק אַרײַן, שטום און מיט כּוח, קורצע, טעמפּע זעץ, וואָס האָט געגרוילט די נאַכט מיטן צער פֿון גאָטס באַשעפֿענישן.

ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשעמט פֿאַר מענטשן און ניט פֿאַר די דער־וואַקסענע טעכטער זיינע, דער שוואַרצער ליבע, נאָר באַשטענדיק געגלוסט צו הערשן מיט זיין פֿאַרגרעבטער עקשנות. וואָרעם פּונקט ווי ער איז געווען בטבֿע אַ פֿינצטערער שווייגער, איז דאָס ווייב זיינס געווען אַ פֿלאַמיקע שרייערקע, מיט אַן אָפֿן מויל, וואָס ס'האָט דערפֿון שטענדיק און אומגע־ריכט געהילכט ווי פֿון אַ גרויסן גלאָק. דער מאַן האָט ליב געהאַט, אַז דאָס ווייב זאָל פֿאָלגן, און דאָס ווייב האָט נישט געקאָנט דאָס טאָן. דורך די פֿאַרמאַכטע טיר און פֿענצטער פֿלעגן זיך דעמאָלט טראָגן די קולות פֿון דער שטוב, פֿאַרשטיקטע, באַשווערטע קולות, וואָס ס'האָט פֿון זיי אַרויסגעזעצט אַ פֿאַרדומפּיקט פּויקן, ווי דאָס ברומענדיקע דונערן פֿונעם קעסלפּויק אין מיטן פֿון אַ ליאַרעמדיקער כּלי־זמר־קאַפּעליע.

ווי אַ קאַץ פֿלעגט שפּרינצע, שפּעטער אַ ביסל, שוין האָבן פֿאַרגעסן דעם גאַנצן רומל. נאָך די קלעפּ האָט זי תּמיד זיך דערפֿילט דערפֿרישט און געשטאַרקט ווי נאָך אַ הייס באָד. געדרייטלט פֿון בהלהדיקער צעיאַכמערניש

פלעגט זי מיט ליבשאַפט אַ שלעפּ טאָן דעם מאַנס היטל אַראָפּ איבער די אויגן, שרייַענדיק ווידער אַ מאָל מיט איר הילכיקן קול:

— אַי, געוואַלד, מײַן טײַערער מאַן, זאָל לעבן... ווער האָט נאָך אַזאַ מאַן ווי עך האָב? אַזאַ געזונטער ביק... אַזאַ פאַרדינער, אַזאַ גאָלדענער באַלעבאָס? ווען מען פאָרט אויס גאַנץ קרוין־פּוילן, איאַ, ליבע, וואָס זאָגסטו? האַ?

ס'איז נישט געווען קיין חניפה, נאָר דער אויסגעשלאָגענער אמת, און די וואַרהאַפטע פון די לויבריד האָט נחתדיק אַרויסגעפּישופּט פון לייבעס ביטערן געמיט אַ האַלבן קרומען שמייכל, וואָס האָט אַ פּלי געטאָן איבער דער שוואַרצער האַריקייט פון זײַן פּנים, ווי אַ פײַערפונק אין אַ קוימען.

אויכעט אַצינד האָט שפּרינצע נאָך די קלעפּ צוריק אַרונטערגעשטופּט מיט די פינגער די זײַטיק אַרויסגעשוועבערטע האַרפּאַטלעס אונטער דער קאַפּשאַל. זי האָט גיך אָנגעצונדן דאָס פאַרדרייכערטע נאַפּטלעמפּל אויפן אויוון־געזימס.

ס'האָבן זיך אַ בײַל געטאָן די שאָטנס אונטערן רויטן פּלעמל, און זי איז שוין גיך אַרויפגעקראָכן מיט דער צעבראָכענער לייטער אויפן פינצטערן בוידעם און זי האָט אַראָפּגעבראַכט דעם זאַק.

דאָס איז נישט געווען קיין געוויינטלעכער זאַק פון מעל, קאַרטאָפל אָדער תבואה. ער איז געווען שוואַרץ, שטאַרק, זייער גרויס און עפּעס אומהיימלעך קלעפּיק, ווי פון פאַרטריקנט בלוט. לייבע האָט אים לאַנג באַטראַכט, מיט אַ פאַרהוילענעם אַפּשיי געמאָסטן אים. אײַן אויג פאַרמאַכט און דאָס אַנדערע וואַך געשאַרפט, האָט ער אים באַדעכטיק אויסגעטרעסעט פונעם שטויב, שטרוי און שאַלעכץ און געזוכט אַ שטאַרק שטריקל צו פאַרבינדן אים. אַז ער האָט געפונען דאָס שטריקל, האָט ער דאָס דערווײַל אויפגעהאַנגען אויפן האַלדז. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ פּעטליע. דערנאָך האָט ער דעם זאַק צונויפ־געלייגט, גענומען אים אונטערן אָרעם, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן צו גיין ערגעץ אין דאָרף אַרײַן האַנדלען, און אַזוי שטומשווײַגנדיק איז ער שטיין געבליבן אין מיטן שטוב, דעם קאָפּ געבויגן צום אַקסל. עפּעס אַ שווערער געדאַנק האָט געגראָבן אין מוח מיט ברענענדיקער מאַנונג, אַז דער בראָך אין זײַן הויזגעזינד זאָל פאַרגעלט ווערן. נקמה־דאַרשט האָט געוואָרגן זײַן אָטעם מיט דער צעפײַערטער פּײַן פון דער חרפה. פאַר די אויגן האָט אים גע־שווינדלט די געשטאַלט פון דעם רוצח.

הײַנט גאַנץ פרי האָט לייבע געזען גיין דעם עלטסטן פון די הײַגע רוטענער־זעלנער, דעם זעלביקן וואָס האָט פאַראומגליקט זײַן טאָכטער רבקה. אַ קורצער, אַ קרעפּטיקער, אויסגעסטראַיעט אין טונקל בלאָען ענגן מונדיר פון די פּעטלורעשע קאָזאַקן מיט געלע בענדלעך און מעשענע קנעפּ, וואָס האָבן גאָלדיק געפינקלט אין דער זוניקער שנייוויַסקייט פון פראָסטיק בלאָען דרויסן. אויפן אָנגעדרוקטן אויער איז גאַוועדיק געזעסן אַ ווייסער פעלספּאַדעק מיט אַ רויט ווערכל, ווי אײַנגעטונקען אין בלוט. אַ קרומע שווערד איז געווען אָנגעגורט אויף די לענדן און אַ גרויסער פּיסטויל האָט געשטעקט אין לעדערנעם שיידל, אויפן ברייטן בויך. דאָס אויסגעפרעסענע פּרצוף האָט

זאַט און רויטלעך געשײַנט מיט אַ פֿעט גלאַנצל פֿון חזיר מיט קאַשע. מיט דער קלײנער פֿאַרריסענער נאָז און פֿאַרשטאַכענע בלאָע אויגן האָט ער געשפּאַנט צעווינט מיט זינגענדיקע טריטסקריפּ און אַלע מאָל ווײלעריש אַ שמײַס געטאָן מיט אַ דין שטעקעלע אין די שוואַרץ צעגלאַנצטע שטיוול־כּאַלעוועס, צופֿײַפֿנדיק מיטן מויל. ליבע איז דעמאָלט גראָד געזעסן רײַטנדיק אויפֿן דאַך פֿון זײַן שטוב און צורעכט געמאַכט די צעבראָכענע שינדל. ער האָט באַלד אויפֿגעהערט צו קלאַפּן. די בליציקע האַק האָט ער געהאַלטן אין דער לופֿטן און אַ טשוואַק צווישן די ליפּן. ער איז געזיצן דאָרט, אויפֿן שפּיץ דאַך, ווי אַ שוואַרצער פֿויגל און מיט לאַנגן בליק באַטראַכט דעם עלטסטן. פּלוצעם האָט ער גענומען רופֿן מיט שרײַענדיקן קול:

— העי, העדאַ, דו, פּאַניע עלטסטער... העי... הער נאָר...

יענער איז נאָענט צוגעקומען, נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס האָט צו באַדײַטן און פֿאַרוואונדערט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום דאַך:

— אַ?... וואָס ווילסטו, ייִד, אַ?... וואָס טוסטו דאָרט?

ליבע האָט אַראָפּגעשריגן:

— העי, פּאַניע קאָמאַנדיר, זאָל איך דיר זינגען עפּעס אַ ייִדיש שטיקל, ווילסטו? אַ לידל זינגען, אַ? הער נאָר.

און ער האָט טאַקע גענומען אויפֿן דאַך גאַרגלען:

— אַי, אַי, אל־אדון על כּל ה־מעשׂים, באָ־ם, באָ־ם.

דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— העי, זאָג נאָר, דו חזירשע מאָרדע... ס'געפֿעלט דיר?... אַ? — און ער האָט צו אים אַ פֿאָך געטאָן מיט דער בליציקער האַק.

דעמאָלט האָט יענער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דער ייִד אויפֿן דאַך איז עפּעס אַ משוגענער, האָט ער אַ בייז שפּאַטישן לאַך געטאָן, אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטויל פֿון שיידל און אַ שאָס געטאָן צום דאַך. אַז דער געדריידלטער הילך איז פֿאַרקלונגען און ס'איז צעגאַנגען דאָס בלאָע רויכוואָלקנדל, האָט ער ווידער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך און געזען ליבעס שוואַרץ צעקרימט פּנים מיט דער צעקנאָדערטער באָרד, און אַ בליק האָט פֿון דעם דאָזיקן פּנים אים אַ שפּיז געטאָן, אַ שטומער, שאַרפֿער און פֿינצטערער שנאהבליק, וואָס האָט אים דורכגעבויערט מיט עפּעס אַ קאַלטער, גרויליקער נאַכטשרעק. ער האָט אַ מורמל געטאָן אַ פּאָר ווערטער, „משוגענער זשידעק", אַ שפּײַ געטאָן און איז גיך אַוועקגעגאַנגען.

ליבע האָב זיך אַצינד דערמאָנט אין יענעמס דערשראָקענעם שפּײַ און אַ האַלבער, צופֿרידענער שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן אין דער שוואַרצער האַריקייט פֿון זײַנע ליפּן. ער האָט גענומען דעם זאַק אונטערן אָרעם און געלאָזט זיך גיין פֿון דער שטוב.

דאָס ווײַב איז אונטערגעלאָפֿן צו דער טיר און גלײַך זי וואָלט געטראָפֿן, ווי

ליבע גייט אַצינד און וואָס ער וויל טאָן, האָט זי צו אים אַ שטרעק געטאָן בײדע הענט מיט נאָגנדיקן געשריי:

— געוואַלד, ליבע... פאַרכט דער פאַר גאָט, ליבע... ביסט אַ טאַטע פון קינדער... האָסט צו שפּײַזן אַ הויזגעזינד, אַ ווײַב מיט קינדער, ליבע...

זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בײַם אַרבל. די טעכטער האָבן אים אַרומגע־שטעלט אין רעדל מיט געיאָמער־קולות:

— טאַטע, געוואַלד, גיי נישט... זיץ אין דער היים, טאַטע.

ליבע האָט אַ צעכעסטן ברום אַרויסגעלאָזט:

— נו, וואָס איז? האַ? וועז?... וואָס שרײַט מען? שאַ, לאָז זײַן שטיל. אַוועק פון דאַנען, זאָג עך...

דאָס קינד אין וויגל האָט זיך ווידער צעוויינט מיט זײַן מידן נאַכט־ניגון. דאָס רויטלעכע פלעמל אין פאַררייכערטן נאָפט־לעמפל האָט געצינגלט מיט קרומע לאַנגע שאָטנס איבער די געהויקערטע קאַלכווענט און אויסגעצוימט די בלייכע פּנימער פון די מידן מיט פאַרגליווערטן טרויער. די שטוב־אַרעמקייט מיטן קרומען טיש, מיט די בעטן און די קויטיקע בעבעכעס, האָבן וויסט געהויערט מיט דער שטומער פּײַן פונעם בראָד. נאָר דאָס יינגל ברוכל האָט זיך נעענטער צוגעשאַרט צום טאַטן. זײַנע שוואַרצע אייגעלעך האָבן צאַרנדיק געפינקלט אונטערן צעריסענעם דאַשעק.

— טאַטע, נעם מעך מיט...

ליבע האָט אים פאַרטראַכט אָנגעקוקט, געהאַלטן אַ רגע זײַן שווערע דעמבענע האַנט גוטברודעריש אויף ברוכלס אַקסל, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און אים אָנגעזאָגט מיט שטרענגן ברום:

— זײַ אין שטוב... מיט דער מאַמען און מיט די קינדער... הערסט... ברוכל. דערנאָך האָט ער מיט די עלנבויגנס אַוועקגעשטויסן די ווײַבער און איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר.

## קאַפּיטל צוויי

צום ערשטן איז ליבע נעגאַנגען צו זײַן שוואָגער מנחם עפּעס געוויער ווערן. אויך דאָ האָט אין שטוב אימהדיק טונקל געשאָטנט פונעם נאָפטלעמפּל.

— הערט נאָר, ווי אַזוי הייסט ער? האָט ליבע אַ זאָג געטאָן צו דער שטוב.

— ווער? — האָט די מנחמקע אַ פרעג געטאָן מיט דערשראָקענעם קול.

אָבער דער שלאָפער מנחם, אין בעט, האָט אויף ליבעס שאלה געענטפערט מיט אַ צעקרעכצטן הוסט:

— סטעפּניק, הייסט ער.

די מנחמקע האָט פֿונעם אַלקער־ווינקל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ מיט דער פֿאַרבונדענער שאַל און פֿאַרבראָכן די הענט:

— אוי, אַ וויטיק... ער מיינט דעם עלטסטן...

פֿון זינט מען האָט געוווּסט פֿון דער מעשׂה מיט רבֿקהס אומגליק, האָט די מנחמקע אויסגעמיטן אַרײַנצוגיין צו איר שוועסטער שפּרינצע אין שטוב און צו באַגעגענען לייבען. עפּעס אַ שווערע און שטומע שרעק האָט פֿון איר געבלאָזן ווי אַ שטיק פֿאַרגליווערטער ווינט. ס'איז געווען קאַלט און אומהיימלעך אין זײַנע ד' אמות. מען האָט זיך געהיט אָנצורירן אין זײַן צעפּליקטן מיזליק, ווי אין בגד פֿון עפּעס אַ פֿאַרשאָלטענעם.

די מנחמקע האָט געוווּנקען מיט די אויגן און מיט די הענט צו איר מאַן, ער זאָל נישט ריידן וועגן דעם, אָבער מנחם האָט דווקא גענומען ריידן, מיט זײַן ברייטן, יושרדיקן קול:

ער זאָג מײַנס, אַ היימישער גוי וואָלט נישט געטאָן אַזוינע זאַכן... ער איז אַ פֿרעמדער... מ'זאָגט, אַז ער איז געוואָרן דער קאָמאַנדיר, אָדער ער וויל ווערן דער קאָמאַנדיר פֿונעם שטעטל. נו, נו, מען מעג זיך רעכטן אויף אַ שיינער חתונה. אַז ס'איז הפֿקר געוואָרן אַ וועלט, אַז מ'מעג שוין טאָן, וואָס מען וויל... פֿאַראומגליקן מענטשן... מ'זאָגט — האָט מנחם ווײַטער גערעדט — אַז ער באַפֿאַלט מיט זײַן באַנדע קאָזאַקן ייִדן אין די שטעטלעך און שלאָגט און הרגעט און מאַכט פּאָגראָמען... עפּעס אַ פּעטלורטשיק, אַ רוצח... מ'זאָגט אַז ער איז אַ גלחס אַ זינדל, אַ לערער...

לייבע האָט פֿאַרטראַכט איבערגעפֿרעגט:

— אַ וואָס, אַ וואָס איז ער? אַ לערער?

— יאָ, אַ לערער, ערגעץ אין אַ שקאָלע. אַ... מענטשן זענען הײַנט געוואָרן חיות רעות, וועלף זענען די גוים געוואָרן הײַנט...

— מנחם, זײַ שטיל, מנחם... זע נאָר, ווי ר'האָט זעך צערעדט, ס'דײַן עסק, מנחם? נו, נו, אַ ייִד אַ גולם... שווײַג בעסער, מנחם...

מען האָט שוין געוווּסט פֿון דער מעשׂה, אַז לייבע האָט פֿונעם דאָך זאַמשעפּעט מיטן עלטסטן, אַז לייבע וויל זיך גיין קריגן מיט אים. ס'איז עפּעס געווען די מעשׂה זייער פּריקרע און שרעקעוודיק. ווער ווייס וואָס פֿאַר אַן אומגליק דער ייִד וועט נאָך אָנאַרבעטן. מען שפּילט זיך עפּעס מיטן שוואַרצן לייבען... די לײַט האָבן תּמיד פֿאַר אים מורא געהאַט, געהיט זיך מיט אים צו קריגן. אַ ייִד אַ שלעגער, אַ כּעסן, אַ פֿאַרגרעבטע בריאה, ער קאָן כאַפּן אַ מעסער אויך...

ווי אויף צו להכעיס איז גראָד אַצינד אַרײַנגעקומען אין שטוב יאָסל מיטן לאַנגן פֿאַרשפּיצטן פּנים ווי אַ שפּאַרבער. מנחם האָט געפֿרעגט דעם זון:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס נײַעס אין שטעטל, יאָסל?

— גאָרנישט. סטעפּניק האָט צוגענומען זאַנוועלעס שליטן מיטן פֿערד. דעם פֿעטער לייזער האָט ער אויסגעריסן די באָרד. ער האָט געפּאַטשט סראָל

עליען... און יאסל האט דערציילט נאך ניַעס: סטעפניק האט נעכטן ביַי נאכט פארנארט צו זיך אין קווארטיר דער שמואליכעס מיידעלע, די קליינע בראניע. ער האט זי צעקאלעטשעט... די שמואליכע קלאגט און וויינט...

די מנחמקע האט א פאטש געטאן אין די הענט:

— וואס רעדסטו? אי, כ'נעם חלשן, ס'איז דאך נאך א קינד... זי איז דאך נישט אלט קיין צוועלף יאר. געוואלד, מענטשן, וואס שוויַיגט מען?...

— איר הערט, פעטער לייבע — דערציילט יאסל מיט זיַינע לאנגע צעקרימטע ציין — דא אנומלט האט האווריליקע דער סטראזשניק צוגענומען ביַי זיַין מיַיסטער מעכל דעם סטאלער, דאס גאנצע געציַיג פונעם ווארשטאט. פאר וואס עפעס? אזוי... יידן טארן היַינט נישט מער ארבעטן אין זיַין מלוכה, האט געזאגט דער כלב... וואס זשע טו עך? גיי עך ביַי נאכט אריבער אויף דער ברייטער אוליצע, צו האווריליקען אין שטוב אריַין, און דערלאנג אים צוויי פעטש און נעם צוריק אפ מעכלס קעסטל מיטן געציַיג... הכלל...

— איין פאטש שלאגט אים איבער די מנחמקע די רייד, מיט איר שארפן שפאטבליק אויפן זון.

— שוין ס'איז אים שוין אריַין די ברכה אין די פעטש אויכעט... ביסט א מבין...

— נו, לאז זיַין איינער... אבער ס'איז געווען א גוטער פלעם, איא? מאמע, הא? ר'האט אויסגעשפיגן צוויי ציין, דער כלב...

— נו, נו, מעגסט גומל בענטשן, יאסל... ווען די זעלנער כאפן דעך, וואלט מען דעך געווען חלילה דערהרגעט, ווי איז מיר... א מערכה — האסט דעך באהאלטן... ס'איז מיר ווינציק ארוים די נשמה מיטן חיות פון שרעק... אז ס'איז א בייזע מהומה געקומען אויף די גויִים... אז ס'מעשענע קנעפל געוועלטיקט איבער דער וועלט, און דער ייִד ליגט ניַין איילן אין דער ערד. מ'איז דאך פשוט איַינגעשטעלט מיטן שטיקל לעבן. היַינטיקע ביטערע ציַיטן.

לייבע שטייט און הארכט מיט א וואך אנגעשטעלטן אויער אונטערן צעפליקטן פוטערנעם היטל, דעם געלאטעטן טיזליק פארגארטלט מיט א שטריק. ווי אן אפגעבלעטערטער דעמבעבוים, אז צוויַיגן, שאטנט זיך זיַין שווארצע, לאנגע געשטאלט אין דעם בלייכן שטובטונקל ביז צו דער געהויקערטער סטעליע. זיַין שווערער קאפ מיט דער צעקנאדערטער באָרד איז נאך אלץ פארטראכט גענייגט צום פעלדזיקן אקסל. מיט הארבן אנשטרענג ווארטן די לייט, אז ער זאל עפעס זאגן, עפעס א גריילעך ווארט, אנגעדראלן מיט בייזער צרה, ווי דער באדרענג פון זיַין ביטערן גורל. נאר דער ייִד זאגט גארנישט. ער שוויַיגט לאנג מיט זיַין פארשטיינערטן גליווער ווי א טויבער. פלוצעם טוט ער א ברום:

— יאסל, גיב מיר א שוועבעלע...

ער האט א שטארקן ריַיב געטאן דאס שוועבעלע אז זיַינע ציַיגענע הויזן פון אונטערגעהויבענעם פוס, פארדייכערט ס'ציגארל טיטון, אז דאס רויט־

לעכע פּלעמל האָט אַ רגע אַ צאַפּל געטאָן אויף זײַן מעכטיק געבױגענער נאָז ווי אַ בלוטפּלעק אויף אַ האָרן. אָן אַ גוטער נאַכט, איז ער גיך אַוועק מיטן קלאַציקן טראָט פון זײַנע געקאָוועטע שטיוול, דעם שוואַרצן זאַק אונטערן אָרעם און אויפן אָרט איז געבליבן אַ שטיק סאַזשעדיקער אומעט, וואָס ליגט זיך אויף דער נשמה. מנחם האָט אַזש אַ צעפּײַניקטן קרעכץ געטאָן פון אַפּשײַ:

— לאה, גײ נאָר, פאַרמאַך די טיר...

זי האָט געשטרויכלט איבער דער שוועל, ס'איז איר געפאַלן פון די הענט און זי האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן די אַנגסטן:

— הערט איר, מענטשן, ער זאָג מײַנס, דאָס איז נישט קיין ייִד, נאָר עפּעס אַ טײַוול נישט דאָ געדאַט... שטייט און דומעט ווי אַ דולער... אַז אָפּגעהיטן זאָל מען שוין טאַקע ווערן פון אַזוינע צרות, גאָטעניו... פרעגט אים נאָר בחרם וואָהין ער גייט ערגעץ בײַ נאַכט, מיט עפּעס אַ זאַק גאָר... טאָמער איז נאָך ווינציק דאָס אומגליק מיט רבֿקהן... אַ כּלה־מויד נעבעך... וואָס וועט זי טאָן אַצינד... ווער וועט זי נעמען... ווער וועט מיט אַזוינער אַ שידוך טאָן?... ער קאָן טאַקע געבן אַ סך נדן די טעכטער זײַנע, לײבע, דער וויסטער אָרעמאַן. ווי אַ פערד האָרעוועט ער דאָך. אַרבעט אויף טאָג־לוין, טראָגט לאַסטן, טרײַבט בהמות, האַקט שטיינער פון דער סקאַלע, פירט קלעצער פונעם וואַלד, האַנדלט אין מאַרק, גייט איבער די דערפער, פאַרריכט דעכער, אַקערט מיט דער נאָז די ערד. די מידן אַרבעטן געניי און פאַרדינען אויכעט עטלעכע זעקסער אַ וואָך. נאָר קיין פּרנסה האָט ער נישט, לײבע, ס'שטיקל באַלעבאַטישקייט איז געבראָכן, דער יקרות. אַז אַלע שלעק טשעפּען זיך נאָר צו אים. כאָטש נעם שטרעק אויס די קאָפּעטעס און רײַס קריעה. אַך, אַך, מ'הייצט נישט דאָרט בײַ שפּרינצען, מ'קאָכט נישט קיין עסן... מיט אַ פּיצל קינד אין וויגל... אַ גאָטס רחמנות, כּלעבן... לאָמעד זיי כאָטש אַרײַנטראָגן אַ ביסל געקעכץ, די הונגעריקע קינדער נעבעך, אַז ווײ איז דער מומען אין האַרץ...

מיט פולע אויגן טרערן, דאָס פאַראומערטע פּנים אויסגעצוימט, געריטלט פון פאַרקלעמטן צער, מיטן תּחינה־ניגון פרום צעפּלאַטערט אויף די רייד פון די שמאָלע ליפּן, טוט זיך די מנחמקע גיך און ברייהדיק אַ פאָרע דאָרט אין געטונקלטן קיכווינקל און באַלד טראָגט זי שוין אַ טאָפּ געקעכץ אונטערן פאַרטעך. געהויקערט, געהילט אין דער צעפּליקטער דיקער שאַל איבערן קאָפּ, גייט זי באַלד מיט גיכע דריבנע טריט איבער דער אויסגע־טראָטענער שנייסטעזשקע, אַהין צו איר שוועסטער שפּרינצעס שטוב, דאָרט בײַם עק בערגל.

די אויסגעשטערנטע ווינטערנאַכט אָטעמט מיט שאַרפן פראָסטפּײַער, האָרב פאַרצערט אין אַ קלאָרן שטומשווײַגן. דאָס פולע לבֿנה־פּנים הענגט בלייך פאַרוועבט אין גרינלעכער נעפּלשײַן, קרום צעשמייכלט איבער די בײַכיקע

דין אויסגעשפּיצטע ציבעלע־טורעמלעך מיט אַ זײַטיק ווײַס שנייבעקל פֿון דער שווער דערהויבענער צערקווע, די געטאָפּלטע צלמים שוואַרץ געשאָטנט אונטערן בלאָען, בליציק־צעפֿינקלטן הימלגעצעלט מיט פֿאַרהוילענע פּחדים. פּלוצעם בלײַבט די מנחמקע שטיין און ס׳טוט איר אַ טיאַבקע אין האַרץ. זי הייבט אויף די אויגן און וויווויל ס׳איז אַ היפּש שטיק פֿון ווײַטנס, זעט זי באַשיימפּערלעך ווי דאָרט אונטן, אין נאַכטיק פּוסטן שטעטלמאַרק, צווישן די געהויקערטע ייִדישע שטיבער מיט די לענגלעך אָפּגעווײַסטע שניידעכער, שפּאַנט עפּעס אַ שוואַרצע געשטאַלט, ווי אַ לעבעדיקער שאָטן. זי האָט באַלד דערקענט איר שוואָגער ליבע מיטן פּוטערנעם היטל און מיטן לײַדיקן זאַק אונטערן אָרעם, און ס׳טוט איר עפּעס אומהיימלעך אַ טיאַבקע אין האַרץ. וואָרעם אין דער בלאָער קלאָרקייט איז עפּעס אַלצדינג ווי אין אַ פֿאַרגליווערטן טײַך, שאַרף אַרויסגעשניטן און איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָט איז אַ האַלבע, ווײַס געקאַלכטע שטוב־חורבה ווי אַ צעריסן פּנים פֿאַרצערט פֿון ווייטיק. אַ פֿאַרקוילטער שׂרפֿה־באַלקן שנײַדט זיך שיף מיטן לאַנגן שפּיץ צום שטערן־צעבליצטן הימל־געוועלב, אַראָפּ צום אָפּ־גרונט. די אָפּגעבראָכענע שטיינערנע שול אָנעם דאַך, ווי אָן אַ קאָפּ, הייבט זיך אַרויס העכער פֿון די הײַזער, שווער געהילט אין טיפֿן פֿאַרהוילענעם שטומשווײַגן, ווי אין אַ שוואַרצער מטה־דעק. אַצינד דערפֿילט די מנחמקע ווי אַ שרעק־קעלט פֿאַרקלעמט איר דעם אָטעם. זי האָט שוין בדעה זיך אומצוקערן און אַהיים צו לויפֿן, נאָר די פֿיס זענען איר ווי אונטערגעהאַקט פֿון פּחד. זי פֿאַרגראָבט די נאָז טיפֿער אין דער שאַל, ווי אַ הון וואָס באַהאַלט דאָס קעפּל אונטערן פֿליגל. נאָר פֿאַרט איז זי שוין פֿאַרכאַפּט אין גרײַלעכן נײַגער פֿון דער ווונדערלעכער טרעפֿונג. פֿאַרגנבֿעט כאַפּט זי ווידער אַ בליק פֿון אונטער דער קאָפּשאַל און זי זעט ווי ליבע גייט מיט די פֿיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער נייגט דעם נאַקן, גלײַך ער וויל אַרײַנקוקן אין די געלע שייבלעך פֿון די בלינד אָנגעפּרוירענע, קרום פֿאַרשפּיצטע שטובפֿענצטער, נאָר נישט דורך די פֿענצטער קוקט ער, נײַערט דורך די קוימענס, אַזש ס׳האָט זי, ווי איר טבֿע איז, אָנגעכאַפּט אַ שפּאָט־געלעכטער:

— אַהי... זע נאָר, וואָס איז דאָס? אַ השגה פֿון אַ ייִד צו גיין בײַ נאַכט אַרײַנקוקן אין פֿרעמדע שטיבער, דורכן קוימען גאָר... וואָס וויל ער דאָרט זען? אַ חתונה צי אַ ברית? נאַדיר אַזוינס... נישט אומזיסט זאָגן די לײַט, אַז ליבע איז אַ שטיקל מטורף... ווער ווייס וואָס ער קאָן נאָך עפּעס אָפּטאָן... נאַדיר אַזאַ נאַכט... אַ מערכה וואָס זי איז שוין אָנגעקומען צו שפּרינצעס שטוב. נאָר פּלוצעם טוט איר ווידער אַ קיל דאָס האַרץ פֿון שרעק. זי דערהערט עפּעס אַ קול פֿון אויבן, אַזוי ווי פֿונעם הימל אַראָפּ:

— מומע לאה, זע נאָר... רײַטנדיק אויפֿן שפּיץ דאַך פֿון דער שטוב, זיצט ברוכל מיט דער האַק אין דער האַנט. דאָס ייִנגל זעט אויס דאָרט אויבן ווי עפּעס אַ טונקל געשאָטנטע חיהלע וואָס לאָקערט.

— זע נאַר, דאָס ביסטו, ברוכל. וואָס טוסטו עפּעס אויפֿן דאַך ביַי נאַכט מיט דער האַק ?... קוקטס אים נאַר אָן, אַי, דעם טאַטנס זינדל — זאָגט די מנחמקע שוין דערפֿרייט פֿון נחת — ביסטאַך שוין אַ גרויסער בחורעץ, באַלד אַ גאַנצער חתן־בחור צו מזל... מערטשישעם איבער אַ יאָר ווערסטו דאַך שוין בר מצווה, וועסט אָנהייבן לייגן תּפֿילין, וועסט שוין באַלד טאָקע נעמען אַ כּלה ווי אַ סוכּה, נאַר אַ שלאַק וועט איר פֿעלן. כאַ־כאַ־כאַ... ווייסטו וואָס, קום בעסער אַריַין אין שטוב, כ'האָב דיר געבראַכט וועטשערע, וועסטו אָפּעסן, מאַכן בורא נפֿשות, לייענען קריאַת־שמע און גיין שלאָפֿן.

— מומע לאה, הער נאַר — שריַיט ברוכל פֿונעם שפּיץ דאַך — די ייִנגלעך אין חדר זאָגן, אַז מען טוט אַ טרעסע מיט אַ ציצה, זינקט אײַן דער קלויסטער, איאָ ?

— נאַר אויף אַ האָר זינקט ער איַין... דו האָסט דען ציצית, דו גייסט דען אָנגעטאָן אַ לייַבצודעקל, דו גוייע... בייזערט זיך די מומע גוטמוטיק פֿאַרזאָרגט.

— שקץ תּשקצנו ותעב תתעבנו, כּי חרם הוא... טפֿי... טפֿי... טפֿי... — שריַיט ברוכל און שפּיַיט דריַי מאָל פֿונעם דאַך אַראָפּ. זיַינע צעפֿלעמלטע אויגן, אונטערן צעריסענעם היטלדאַשעק, בליצן אין דער קלאָרער נאַכטיק בלאָער וויַיטקייַט אַריַין. פּלוצעם נעמט ער פּאַכען מיט דער האַק אַהין, אין דער לופֿטן, אַז די מנחמקע מוז אויכעט אַהין אַ ווענד טאָן דעם בליק און זי זעט באַשיַימפּערלעך ווי דער הויכער בריטבייַכיקער שוואַרצער קלויסטער הייבט אָן פּאַוואָליע צו זינקען, אַראָפּ, אַראָפּ... ווי צום גרונט פֿון אַ טיַיך. אָט איז ער שוין אַ העלפֿט, אָט בלויז נאָך אַ שטיקל, און באַלד איז ער שוין אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן, נאַר די צלם־שפּיצן פֿון די טורעמלעך שטעקן נאָך אַ ביסל אַרויס פֿון אויבן, אַזוי ווי ציבעלע־עקלעך פֿון דער ערד.

— אַי, וואַי, שפּרינצע... מאַך נאַר אויף — פֿאַלט די מנחמקע צו מיט דער האַנט צו דער ברעטערנער הויזטיר, זייער פֿאַרכאַפּט פֿון עפּעס אַ פֿריילעכן באַדרענג, ווי ביַי אַ שׂימחה און אַ שׂרפֿה אין איינעם — געוואַלד, מאַך נאַר אויף גיכער... דיַין לייבע איז דאָ אין דער היים ? גאַטעניו, וואַי איז מיר — רופֿט זי מיט אַ דערשראָקענעם תּחינה־ניגון הינטער דער טיר, אַז די שטומע נאַכט־שאָטנס ווערן פֿאַרציטערט פֿון אימה.

## קאַפּיטל דריַי

נאַר לייבע איז נישט געווען אין דער היים. ער שטייט דאָרט אין עק דאָרף, הינטער דער טיר פֿון אַ גוייִשער כאַטע, מיטן לײדיקן זאַק אונטערן אָרעם און קוקט אַריַין מיטן באָרדיקן שוואַרצן קאָפּ אין העלן, געל באַשיַינטן

קליינעם פענצטער וואָס איז צעליאָרעמט ווי ביי אַ חתונה, מיט געזאַנג, צימבל־געשפּיל, געשרייען און הויכע געלעכטערס. שיכּורע רויטענער זעלנער, באַוואָפנטע מיט קרומע שווערדן, זויפן דאָרט בראַנפן פון הילצערנע טעפּ. זיי זינגען און טאַנצן מיט שיקסעס, אין רויט געבלימלטע קליידער, די בלאָנדע צעפּ ווי קרענץ פאַרפלאָכטן אויף די קעפּ.

אַן עלטערער זעלנער, לאַנג ווי אַ דראָנג, שטייט אין דרויסן אויף דער שוועל, די ביקס אויפן אַקסל, און ער האַלט וואַך. צוויי לאַנגע וואָנצעס הענגען אים אַראָפּ איבער די מוילווינקלען ווי צעפּ. ער פּיפּקעט אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק, שפּייט און קלאַפּט מיט די שטיוול איינעם אין צווייטן, צו דערוואַרעמען די פיס. ס'איז אַ דאָרפישער גוי, איוואַן סענק. זיי האָבןביידע געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי. אין דער מלחמה זענען זיי געווען לאַנדשטורמענער פון דעם גאַליציאַנער שים־שים (זיבן און זיבעציק) רעגימענט.

— זאָג נאָר, איוואַן, דער פּאַן עלטסטער סטעפּניק איז דאָ אין דער היים, האַ? פרעגט אים ליבע, היימיש פאַרטרויט.

— זעסט דאָך — ווייזט דער זעלנער מיטן קאָפּ צום פענצטער.

— איך וויל צו אים אַריינגיין, עפּעס ריידן.

— מ'טאָר נישט, כ'קאָן נישט אַריינלאָזן קיין ייִד, דער פּאַן קאָמאַנדיר האָט אַ פּראַזניק.

נו, וועלן מיר צוואַרטן אַ ביסל... כ'האָב צייט...

ליבע זעצט זיך אַנידער אויף דער שוועל, נעמט אַרויס דאָס ביטל טיטון און נעמט דרייען אַ ציגאַרל.

— אַ... דו האָסט טיטון, ייִדן האָבן אַלצדינג... גיב אַהער מיר...

דער גוי שטרעקט אויס די האַנט צו נעמען דעם גאַנצן ביטל, אָבער ליבע שטופּט אים צוריק די האַנט:

— נאָדיר אַ ביסל צו פאַררייכערן, איוואַן.

ווי אַ רויט שלענגל, טוט אַ פלאַקער דאָס שוועבעלע פלעמל צווישן די צוויי דעמבענע האַרטע פינגער.

נו, און דו, איוואַן, שטייסט נאָר אין דרויסן, האַ? דיר גיט מען גאָרנישט.

— כ'שטיי וואַך. ס'איז מלחמה... פריער איז מען געווען אַ זעלנער ביי די אויסטריאַקעס, און אַצינד דאָ אין דער היים. נו, אונדזערע, די רויטענער, פירן הייַנט מלחמה מיט די פּאָליאַקן, פאַרשטייסט, וועגן לאַנד, ס'איז אונדזער לאַנד.

— כ'פאַרשטיי, אַוודאי, יאָ, יאָ — מאַכט ליבע, זייער פאַרקלערט. — האָ? וואָס זאָגסטו? דער פּאַן קאָמאַנדיר איז דאָרט אין שטוב?

— יאָ, יאָ, דאָרט אין שטוב. מאָרגן גייט ער אַוועק פון דאַנען, האָבן זיי געמאַכט אַ פּראַזניק.

— מארגן? וואוהין גייט ער? — טוט זיך לייבע א כאפ מיט שווערן שרעק־קלעם ווי פון בייזן חלום.

— כ'ווייס נישט — זאגט דער גוי — אין א אנדערער שטאט אריין, מסתמא. ער איז א גרויסער פריץ, א גלחס א זינדל. מענטשן זאגן, אז ר'איז א גרויסער גביר, ער וועט ירשענען א גרויסע ירושה... א מאיאנטעק מיט פופציק מארג פעלד...

— פופציק מארג פעלד? — פרעגט לייבע איבער מיט א פארוואונדערט אונטערגעהויבענעם קאפ, און דאס פייערל אויפן שפיץ ציגארל גליט ווי א רויטע קויל אין דער שווארצער האריקייט פון זיין פנים.

— נו, וואס זשע דען מיינסטו, לייבע? דו ביסט טאקע א ייִד, אמת, א ניט־געצלמטער מענטש. אט, יא, פארשטייסטו אבער, די רייכע מענטשן איז תמיד גוט און די ארעמע לייט בידעווען תמיד. אזוי וויל גאט. אזא וועלט שוין. יא יא.

דער זעלנער טוט א שפיי און פיפקעט פארקלערט די ליולקע־ציבעק.

— וואס דארפסטו דעם עלטסטן, לייבע, עפעס האנדלען, הא?...

— ניין, נישט האנדלען. איך וויל אים נאר עפעס פרעגן, פארשטייסטו מיך...

— אזוי, אזוי... נו, זיי הוליען, א שטייגער ווי אט די יונגע הינט... נו, יא, יא, אבער מען טאר נישט ריידן היינטיקע צייטן, מען קאן דיך נאך דערשיסן, לייבע, יא, יא... מען הרגעט די ייִדן...

די טיר עפנט זיך און סטעפניק קומט ארויס מיטן בלויזן קאפ, צעהוידעט פון שיכרות. דאס פרצוף רויט צעגלאנצט פון זעט און שימחה. אויף דער שוועל שטרויכלט ער איבער לייבעס זיצנדיקער געשטאלט און בלייבט א רגע שטיין. דער ייִד הייבט צו אים אויף א זייטיק שווארצבארדיקן קאפ מיט א שווערן, שטומען בליק פון די פינצטערע אויגנהיילן, וואס טוט ווי א שארף מעסער א שנייד אין יענעמס גענעפלטע בלאע אויגן אריין, אז זיי טוען א פינטל מיט גרוליקער שרעק, גלייך ער וויל זיך עפעס דערמאנען וועןן און ווו ער האט געזען דאס דאזיקע אומהיימלעכע פנים מיט דער שווארץ צעקנאדערטער בארד. נאר ער זאגט גארנישט. בלויז ביים אומקער טוט ער לייבן א שטארד מיטן שטיוול אין ריקן און כרוקעט עפעס א זלזול־ווארט:

— אין דיין מאמע... פארפלוכטער זשיד... וואס טוסטו דא? כ'וועל דיך באלד דערשיסן... אלע ייִדן אויסהרגענען... מען וועט דיך אויפהענגען, ייִד... ווידער פארהאקט זיך די טיר מיט די פריילעך צעליארעמטע קולות, געדעמפט צעהודעט אין בלא־בלייכן שטומשווייגן פון דער בליציק אויסגעשטערנטער נאכט. אצינד הייבט זיך לייבע אויף פון דער שוועל און גייט גיך אוועק פון דאנען. נאר ער גייט נישט מיטן פעלדוועג צום שטעטל צוריק אהיים.

ער פארנעמט זיך זייטיק פון דער דארפסטעזשקע און שפאנט גיך איבערן פרייען פעלד מיטן בליק צום קרילוויצער בארג, וואס בלייכט אקעגן דער לבנה מיט טיפע שטיינגריבער, ווי אויפגעריסענע מיילער. אן אפגעברענטע

באַטע־חורבה מיט אַ לאַנגן נאַקעטן קוימען, ווי אַן אָפּגעפּליקטער שחיטה־האַלדז, הויערט אין שווערן נאַכטגליווער. דאָס שלאַכטפֿעלד דאָ פֿון דער מלחמה־צײַט איז נאָך צעשראָמט מיט לאַנגע, צעטרײַבערטע שיסגריבער, אײַנגעוואָרפֿן מיטן געביין פֿון די מתים צווישן פֿאַרזשאַווערטע בינטן שטעכיק דראָט, קלעצער און אַזיינס. צעריסענע ביימער שטרעקן צעקרימטע צווײַגן ווי אָפּגעבראָכענע הענט. דאָס טיף נאַכטיקע שטומשווײַגן אָטעמט מיט די דערוואָרגענע קולות פֿון ווײַט פֿאַרשוועבטע בהלות, ציטערט אָפּ מיט די פֿאַרהוילענע גסיסה־זיפֿצן פֿון די שטאַרבנדיקע, און די אײַנגעוואָרפֿענע שאַרבנקעפּ בלייכן מיט גרינלעכן גלאַנץ, ווי קײַלעכיקע הײפֿטן קרויט אין אַ האַרבסטיקן גאָרטן. טײַכן הייס בלוט האָט דאָ דאַרשטיק געטרונקען די שוואַרצע ערד. זי איז פֿעט און באַפֿרוכפּערט געוואָרן אונטערן פּויערישן אַקער און אַצינד רוט זי אין מנוחה, אײַנגעהילט אין שנייפֿאַרשיט ווי אין אַ ווײַסן שאָפֿנפּעלץ אײַנגעדעקט, וואָס וואַרעמט געטרײַ די ווינטער־זריעה אין איר יערנדיקער טראַכט, מיט דער גאָט־ברכה פֿון ברויט, זעט און שפֿע.

## קאַפּיטל פֿיר

אַז ליבע קומט אָן צו דעם קריליוויצער באַרג, זעצט ער זיך דאָרט אַנידער, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף זײַן האַנטפֿלאַך. די האַריקע אויגן פֿאַרבאָרגן אין די קנעכערנע שאָטנהיילן זענען, ווי בײַ אַ סאָווע, פֿאַרטראַכט מיט שטומען נאַכט־סוד, וואָס זינקט מיט פּײַן פֿון דער פֿאַרוווּנדעטער נשמה, ווי אַ שטיין אין שוואַרץ שאָטנדיקער ברונעם־טיפֿעניש, און גרונטעוועט ערגעץ אין פֿאַרהוילענעם ליכטקוואַל פֿון לעבעדיקן אָטעם.

אַ לײַטישער יונגערמאַן, עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה, אָנגעזאָפּט מיט דער פֿרייד פֿון יונגשאַפֿט און גבֿורה, זעט ער זיך זיצן אין זומערדיק שבתדיקער מנוחה נאָך דער זאַטער סעודה אויף דער שוועל פֿון זײַן אויפֿגערוימטער ווײַס געקאַלכטער שטוב, מיט די צעפֿינקלטע מעשענע בענטשלײַכטער אויפֿן ווײַס געדעקטן טיש. ער זיצט אין די בלויזע העמדאַרבל, דאָס שטרײַמל האָפֿערדיק אויף אַן אויער אָנגערוקט. די גריזן געשאָטנטע גאָרטנביימלעך, טיף פֿאַרדרימלט מיט זײַטיק ווײַסגלײַענדיקע זונפֿלעקן, ווי שטיקער זילבער אויף די בלעטער. שטיל האָבן געבליט די רויטע בעקלעך פֿון די עפּל, באַהאַלטן צווישן די צווײַגן פֿון די קרום צעוואַקסענע אויבסביימער. פֿייגל האָבן אין זיי פֿאַרבענקט געזונגען, און די הינער האָבן מיד געגיוורעט די בײַכער אין הייסן שטויב. אויף זײַן צערטלעכן פֿאָטערשויס איז געזעסן אַ קליין מיידעלע, דאָס ערשטע קינד זײַנס, רבֿקהלע, אין שבתדיקן רויט געבלימלטן קליידל, מיט קײַלעכדיקע נאַקעטע הענטלעך, מיט געפֿלאָכטענע צעפּלעך. די בלישטשענ־

דיקע בעקלעך ווי רויטע עפּל צעשײַנט. זי האָט עפּעס געבעבעט מיט זיסן, קינדישן חן, און ס'האָבן געלאַכט אין די אײנגעלעך די גרויסע, ברוינע שוואַרצאַפּלען ווי קאַרשן. זײַן ליבשאַפט צום קינד האָט פאַרקלערט געברומט אינעם ניגון פון די חזנישע שול־תּפילות ווי דאָס בינען־געזשום פון די גרין נעדיכטע קוסטעס אין גאָרטן. דער עול פונעם לעבן איז דעמאָלט געלעגן אויף זײַן דעמבענעם נאַקן אַנגעהאַקט מיט מי און שווערער האָרע־וואַניע פון די וואָכנטעג. נאָר ער האָט וויליק געטראָגן דעם יאָך און מיט כּוח און בטחון פאַרפונדעוועט די אָרעמע באַלעבאַטישקייט ווי זײַן מזל האָט אויסגעטראָגן; אין גלײַביקער עניוות פאַר גאָט און לײַט געשפּײַזט אַ הויזגעזינד און אויפגעבאַוועט קינדער, מיט צער און שׂימחה. נאָר פּלוצעם, ווי אַ דונער פונעם לויטערן הימל, האָט איין מאָל אַ זעץ געטאָן דער בראָך מיט מלחמה, מיט זעלנערײַ, וואָגל און נע־ונד, מיט נויטן און רדיפות. זײַן באַלעבאַטישקייט איז געבראָכן געוואָרן ווי אַ טאָפּ אויף שערבלעך. אַצינד פלאַקערט די צרה אין זײַן שטוב ווי אַ העליש פײַער. די עלטסטע טאָכטער פאַרוויסט פון חרפּה, דאָס ווײַב און די קינדער פאַראומערט אין ביטערע אַנגסטן, און ער קאָן גאָר נישט פאַרריכטן מיט זײַנע שטאַרקע פאַרמאָ־זאַליעטע הענט, ווי אײַזערנע צוואַנגען.

ליבע הייבט אויף די אויגן צום אויסגעשטרעקטן הימל־געוועלב. די בליציקע שטערן־מזלות שווימען פאַרוויגט אין געאײַביקטן וועלט־סוד. דער גרויסער בער איז מיטן שטרעקט זײַן געבויגענעם קאָפּ ווי אין שטומען געבריל פון דער נאַכט. אין צפון שפּאַנט נימרוד דער גרויסער יעגער אין פּנים פון גאָט, דעם גאָלדענעם יעקבֿ־גאַרטל אַנגעגורט אויף די לענדן, די געצעפּלטע באָרד און לאָקן זילבער־העל צעגלאַנצט און אין דער האַנט טראָגט ער דעם לאַנגן דימענט־בליציקן געיעגשפּיז. געטרײַ לויפן אים נאָך פון הינטן דער גרויסער און דער קלײנער שטערן־כּלבֿ.

דער וואָלף קומט אַן פונעם זײַטיקן דעמבענעם שניי־אָפּגעוויסטן וועלדל. ער שלײַכט באַדעכטיק דעם ווײדל צווישן די הינטערשטע לאַפּעס פאַרקלעמט, די קרומע מאָרדע מיט די שאַרף־שפּיציקע ציין צעקײַכט פון בלוטדאָרשט. ער לויפט גיך מיט זײַטיקן טריט איבערן שניי־פאַרשיטן טאָל, די גראָע פּעל שטויביק אָפּגעזילבערט פון שטערנשײַן. נימרוד וואַרפט אויף אים זײַן לאַנגן דימענטשפּיז, דער גרויסער שטערן־כּלבֿ כאַפּט אים אַן פון פאָרנט בײַם קרום־פאַרשטײַפטן קאָפּ, און דער קלײנער כּלבֿ רײַסט אים פון הינטן בײַם ווײדל. ער שפּרינגט אין דער צעקײַכטער בהלה און וואַלגערט זיך אין פאַרצערטן טויטאַנגסט. דערנאָך שטעלט ער זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף אַן אונטערגעהאַקטן בוימשטאַם און הייבט אויף די צעגאָוועטע מאָרדע מיט מוראדיקן צער־געוואַי צו דעם בלייכן לבֿנה־קאָפּ. שווער קנוילט זיך דער וויסטער געבײל פון דער חיה רעה אין טיפן ציטער פון דעם בלאַ־בליציקן נאַכטשווײַגן, ביז ס'פאַרגייט אין האַרבן גליווער פון די פאַרהוילענע מרחקים. דענצמאָל הייבט זיך ליבע אויף פונעם שטיין און ער שפּאַנט גיך

אַוועק צוריק צום עק דאָרף, אַהין צו סטעפּניקס כאַטע, די פֿענצטער זענען שוין פֿאַרלאָשן מיט נאַכטיק פֿאַרהוילענעם שטומשווייַגן.

דער זעלנער אויף דער וואַך איז נישטאָ מער. לייבע טוט אַ פּרווו די טיר מיטן פֿוס. זי איז פֿון אינעווייניק פֿאַרריגלט. מיט איין שפּרונג איז לייבע אויפֿן דאַך. ער רייַסט אויס אַ פּאָר שטרוי־סנאָפּעס, פֿאַרשווינדט אין בוידעם־לאָך און וואַקסט אויס ווי אַ שוואַרצער שאָטן אין סטעפּניקס שטוב. אַ רויטער קאַנעץ הענגט אונטער אַ פֿאַררייכערט הייליק בילד אין ווינקל. דער הילצערנער געצלמטער, מיטן באַבערדלטן קאָפּ אויפֿן אַקסל, שטרעקט דאָרט די הענט, צוגענאָגלטע צום האָלץ. געשאָטנט אין דער רויטלעכער טונקלקייט פֿון קאַנעץ־פֿלעמל, ווי מיט בלוט באַשפּריצט, ליגט סטעפּניק אויפֿן בעט, אין אָנגעטועכץ, מיטן פּנים אַראָפּ, און כראָפּעט פֿון געשמאַקן שלאָף. אויפֿן האָלצטיש ליגן פּיסטוילן, ליידיקע פֿלעשער, הילצערנע בראָנפֿן־טעפּ, אַ שווערד וואַלגערט זיך אויף דער שטובערד. אַ ביקס הענגט אויף דער וואַנט. שווייסיק־זויערער ריח זעצט פֿונעם שווערן צעלייגטן גוף אויפֿן בעט, די בלאַנדע וואָנצע בלאָזט זיך אין מוילווינקל, און לייבע באַמערקט, אַז די ווינעס פֿון די קליינע בלאָע אויגן זענען ווייס און האַלב געעפֿנט ווי בייַ אַ חזיר. אָט דאָס איז ער? דער מענטש, וואָס שענדט, פֿאַראומגליקט און ממיתט מענטשן צוליב טריפֿהנער הנאה? אויף לייבעס שטערן ווערט דער קנייטש אין דער לענג צווישן די אויגן אָנגעדראָלן מיטן שינאהדיקן פֿייַער פֿון פֿינצטערן גרימצאָרן, אָנטפּלעקט אין גערעכטן מישפּט. ער טאָרעט דעם שלאָפֿנדיקן אין פּלייצע:

— הע, דו פּאַניע קאָמאַנדיר, שטיי נאָר אויף.

דער שלאָפֿנדיקער טוט זיך שווער אַ וואָרף אויף דער אַנדערער זייַט גוף, מיט בייזן געברום:

— לאָז מיך שלאָפֿן, דו הינטישער זון, כ'צעטרען דיר דעם בויך. ס'איז נאָך צייַט אַוועקצוגיין, וועק מיך פֿאַרטאָג — האָב איך דיר באַפֿוילן.

— ניין — שטיי אויף. וועסט אַצינד אַוועקגיין, שוין אַצינד ס'איז נישטאָ קיין צייַט — און לייבע טוט מיטן באַשטיוולטן פֿוס יענעם אַ שטוים אַראָפּ פֿונעם בעט. דער שווערער גוף פֿאַלט ווי אַ קלאָץ, הייבט זיך אויף און בלייַבט פֿאַרשטיינערט פֿון בייזן װוּנדער. מיט אַ געעפֿנטן מויל־לאָך וואָס סרחעט פֿון דעם בראָנפֿן, און ס'כריפּעט זייַן הייזעריק קול:

— העי... ווער איז דאָס... אַ טייַוול... אַ זשיד... סאָלדאַטן, וואַכע! דער־שיסט אים...

לייבע שטייט געשטרעקט, דעם זאַק אונטערן אָרעם, מיט אַ ברייטער פּלייצע און געבייַלטן קולאַק. סטעפּניק דערפֿילט אַצינד ווי אַ שפּיז אין זייַן אויג יענעם שטומען, שאַרפֿן בליק פֿונעם ייִד, וואָס איז אַנומלט געזעסן אויפֿן דאַך. דער שרעקציטער ניכטערט אויס, כּהרף־עין, זייַן שיכּרות. ער טוט אַ כאַפּ דעם פּיסטויל פֿון טיש, אָבער לייבעס ניכער זעץ איבער זייַן האַנט

טוט אַ שלײַדער דאָס געווער צו דער ערד. ער כאַפּט אַ מעסער, נאָר לייבע דרייט אים דאָס מעסער געניט אַרויס פון דער האַנט. עס לאָקערן קעגן אַנאַנד פאַרצוואָגנטע אויגן מיט שאַרפן באַדעכטיקן חוש פון לעצטן געראַנגל. טויט און לעבן וועגן זיך אויף דער וואָגשאָל פון אַ האָר. צוויי שווערע לײַבער פּאַקן זיך מיט די אָרעמס, בײַ די נאַקנס, גלײַך זיי וואָלטן זיך געהאַלדזט, געוואָלט קושן זיך אין די צאָרן צעקרימטע פּנימער. צעקײַכטער אָטעם ברענט פון פאַרביסענע ציין, פאַרבלעזלטע מיט גאַווער, אַ גיד און שטום געשלעג מיט זעץ פון פויסטן, געשטויס פון קעפּ, פּלעם פון הענט — און אַ טויב שווערער פאַל צו דער ערד, גלײַך אַ באַרג וואָלט צעזעצט געוואָרן. סטעפּניק ליגט שוין צעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ, זײַן ברוסט קײַכט ווי אַ בלאָזזאַק. לייבע שטייט איבער אים און ווישט מיטן אַרבל ריגענדיק בלוט פונעם שטערן.

— שטיי אויף — זאָגט לייבע צום באַצוווּנגענעם שונא, און ער טוט אַ צי די אַראָפּגערוקטע הויזן. אָבער יענער בלײַבט שווער זיצן אויף דער ערד, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען צו די קני ווי אַן אונטערגעבראָכענער בוים. אַ צעבאָרכלט געמורמל ציטערט אויף זײַנע צעריסענע ליפּן, אַ בלוטשנור רינט פון מוילווינקל.

— וואָס ווילסטו, יוד, אַ ?... זאָג, כ'וועל דיר באַצאָלן...

— יאָ, יאָ... וועסט באַצאָלן... — זאָגט לייבע מיט מידן אָטעם און קלײַבט אַרויס שטיקלעך שטרוי און בלאָטע פון זײַן צעקנאָדערטער באָרד, — יאָ, יאָ, נאָר נישט וויל איך, נאָר עפּעס ריידן וויל איך דאָ הײַנט מיט דיר.

— וואָס אַזוינס, יוד ? מײַנע זעלנער וועלן דיך כאַפּן און אויפהענגען...

— אָט אַזוי. גאָרנישט... כ'וויל דיך פרעגן, פאַר וואָס דו האָסט געשענדט מײַן טאָכטער ? ביסט דאָך עפּעס אַ פּײַן מענטשל, אַן עלטסטער... איאָ ? דו הינטישער זון, מ'זאָגט, אַז דײַן טאַטע איז אַ גלח. נו, וואָס זשע פרעדיקט ער עפּעס אין קלויסטער, אַז גאָט האָט געבאָטן די מענטשן צו טאָן שלעכטס ? האַ ! און דו אַליין ביסט דאָך אַ לערער אין די שקאָלעס, וואָס זשע לערנסטו די קינדער, רויבן און ממית זײַן מענטשן ? זאָג נאָר, העי, דו פּאַניע קאָמאַנדיר, דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, צי ניין ?

— שווײַג, יוד... מ'וועט אַלע יודן אַרויסטרײַבן פון אונדזער לאַנד... אַלע זשידעס אויסשעכטן...

— שווײַגן ? נו, גוט... מיר וועלן ביידע שווײַגן... עעד יאָ... יאָ... און פון לייבעס ברוסט, וואָס איז נישט געווינט געוועזן צו אויקען און צו קרעכצן, האָט זיך צעינד אַרויסגעשטויסן אַ שווערער, ברומענדיקער זיפץ, וואָס איז דערוואָרגן געוואָרן אין זײַן טונקעלן געמיט ווי אַ שטיין, וואָס פאַלט אין דער טיפעניש פון אַפּגרונט.

— נו... אַן עק, אַ סוף... די נאַכט שטייט נישט... דו וועסט שוין מער נישט הרגענען קיין יודן און נישט פאַראומגליקן קיין מענטשן...

אַצינד האָט לייבע גיך אַז עפּן געטאָן דאָס מויל פֿון זײַן גרויסן, שוואַרצן זאַק איבערן זיצנדיקן שונא, אַרײַנגעפּאַקט אים אין זאַק אַרײַן, גיך פֿאַר־בונדן מיטן שטריק און מיטן כּוח פֿון אַ ביק האָט ער אַ הייב געטאָן דעם אָנגעפּולטן זאַק אויף דער פּלייצע און מיט אים ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. דער אָנגעפּולטער זאַק האָט זיך אַלע מאָל אַ וואָרף געטאָן אויף זײַן רוקן ווי בײַ יענע פּויערים, וואָס טראָגן צום יאַריד אַ חזיר אין זאַק.

אַצינד האָט לייבע שוין ווידער געשפּאַנט מיטן שווערן טראָט פֿון זײַנע געקאָוועטע שטיוול, מיט דער משׂא פֿון טויט אויף די פּלייצעס, איבערן שנייִ־פֿעלד אַהין צום קריליוויצער שטיינבאַרג. ער האָט זיך דאָרט גענייט געדראַפּעט צווישן די שטייניק צעריסענע גרובשפּאַלטן און גענומען נידערן אַראָפּ... אַראָפּ... דאָרט אונטן האָט זיך מוראדיק געטיפֿט אַ פֿינצטער שטיינלאָך ווי אַ פֿאַרשאָלטענער קבֿר. פּויערים פֿון דער געגנט פֿלעגן אַהין אַראָפּ־וואַרפֿן די פּגרים פֿון בהמות און הינט.

מיד האָט געבליכט דאָס געלע לבֿנה־פּנים מיט פֿאַרהוילענעם גליווער איבערן אַשיקן, שוין גראָ געטונקלטן שנייפֿעלד. די בלייכע שטערנאויגן אין גרינלעכן הימל־געצעלט האָבן שוין שטיל פֿאַרצערט דעם דימענטענעם גלאַנציטער. אין צפֿון האָט שאַרף געשוואַרצט אַ שווערע וואַלדוואַנט, און אין מיזרח האָט די געלאָשענע נאַכט געהויערט מיט בלינד דערהויבענעם געפּלוואָלקן.

# אין קעלער

די שמאָלע שטיינטרעפּ, געשפּאָלטענע מיט איינגעפּרעסענעם אַלטן שטויב, מיט אָפּגעטרעטענע טריט־גריבער, האָבן זיך געדריידלט, ווי די רינגען פֿון אַ שלאַנג, אַראָפּ, אַראָפּ, ווי אין דער פֿינצטערניש פֿון אָפּגרונט. בײַם אַראָפּנידערן אין קעלער האָט מען געמוזט נייגן דעם קאָפּ, אַז ער זאָל זיך נישט אָנשלאָגן אין דעם האַלב־קײַלעכדיקן, מיט פֿײַכטן שימל אָנגעוואַקסענעם ציגל־געוועלב, וואָס האָט, ווי אַ גרויסע שוואַרצע שיסל, איבערגעקערט מיטן מויל אַראָפּ, שווער געהויערט איבערן קעלער. צום ערשט זענען די אויגן בלינד געוואָרן אין דער גראָער געדיכטעניש פֿונעם שטויב, וואָס האָט געגעפּלט אין דער לופֿטן ווי אַ וואָלקן אַש. פּעלץ־האָר, געקרימטע שטיקלעך פֿאָדעם, ווי ווײַסע ווערים, זענען געשווומען אין אים. מען האָט געהערט אָפּגעהאַקטע, הייזעריקע הוסטן פֿון ליידיקע ברוסטן, ווי פֿון פּויקן, אין קײַכענדיקן אָטעם, ווי פֿון געוואָרגענע העלדזער.

אַז דאָס אויג האָט זיך אַ רגע צוגעוווינט צו דעם פֿאַרמעקטן האַלב־טונקל און דורכגעדרונגען דעם אַשיקן שטויב־וואָלקן, האָט מען דערזען, ווי דורך דער שאָטקע פֿון אַ זיפּ, דעם דנאָ פֿונעם קעלער, געדעכט אָנגעזעצט מיט קופּעס אָנגעבויגענע מיידלשע קעפּ, ענג צונויפֿגעשטעקטע לעבנאַנאַנד, ווי עופֿות אין אַ שטײַג. די דאָזיקע קעפּ פֿון די ווײַבער, יונגע און אַלטע, האָבן אַלע געהאַט בלייכע, פֿאַרטריקנטע פּנימער, מיט אויסגעצוימטע קנעכערנע טאָלן בײַ די שלײַפֿן, ווי שאַרבנס. די צעשויבערטע קעפּ האָר, פֿול מיט שטיקלעך פֿאָדים און שטויב, זענען געווען שיטער, געל, ווי פֿאַרוויאַנעט גראָז און אין די אײַנגעפֿאַלענע מיילער האָבן זיך געשוואַרצלט פֿאַרפֿוילטע שטיקלעך ציין־פּענקעס, ווי פֿאַרזשאַווערטע שטיקלעך טשוועקעס. עס האָט דאָ נעפּלדיק געטריפֿט מיט אויסגעשוויצט שווערן, זויערלעך־וואַרעמען ריח. אין די הערצער

זענען דאָ שטום געווען אָנגעוואַקסן פֿאַרביטערטע נויטן, ווי סאַזשע אין קוימענס. אַז זיי האָבן אויף אַ רגע אויפֿגעהויבן דעם טעמפּן בליק פֿון גערויטלטע, קרענקלעכע אויגן, איז ער מיד הענגען געבליבן אויף דעם פֿאַרשוואַרצטן ציגל געוועלב, וואָס האָט געטריפֿט מיט דינע וואַסער־טראָפּנס, ווי מיט נאָגנדיקן טרויער־גליווער פֿון פֿאַרקנעכטן לעבן.

גאַנץ פֿון אויבן האָט בלייך געריזלט טריבער שײַן פֿון קליינע פֿענצטערלעך, מיט אײַזערנע גראַטעס, ווי אין תּפֿיסה, און איבער זיי זענען געווען איבערגעצויגן געדיכטע פֿאַרזשאַווערטע, דראָטענע נעצן, וואָס האָבן שטענדיק געציטערט פֿונעם געזשום פֿון די ניי־מאַשינען.

דער קעלער איז געווען אַ וואַרשטאַט פֿון פֿוטערוואַרג און זעק. אין אַ הינטערגעסל פֿון דער שיינער שטאָט ווין. פּעק מיט ווייכע פֿעלן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט שווערן, זויער פֿעטן ריח, זענען אַהער געבראַכט געוואָרן, און די קנאָכיקע, פֿאַרהאָרעוועטע הענט פֿון די ווײַבער האָבן זיי געשניטן מיט שאַרפֿע מעסערס, אַנדערע האָבן זיי געבערשט און געקעמט, ווידער אַנדערע האָבן די פֿעלן גענייט אויפֿן שוים. אין דער טריבער בלינדקייט פֿון די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געל געזופּט די שטויב־וואָלקנס, האָט מען געמאַכט די שיינע פּעלצן, וואָס צירן און וואַרעמען די לײַבער פֿון די רײַכע שטאָטלײַט. אין אַנדערן עק קעלער האָבן געטראַסקעט ניי־מאַשינען, וואָס מען האָט אויף זיי גענייט גראָבע זעק. אַ באַזונדער קופּקעלע מיידלעך האָבן פֿאַרריכט און געלייגט לאַטעס אויף אַלטע, שוואַרצע און קלעפּיקע זעק, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שרעקיקע זשאַבעס. צווישן זיי האָט מען געזען אַרבעטן דרײַ ייִדישע מיידלעך. די קליינע מאַני מיט דער פֿאַרשפּיצטער נאָז, די לאַנגע אײַנגעבויגענע שׂרה בין מיטן גלעזערנעם אויג, און די פֿרעמדע שיינע חנה קרעל, וואָס מאַני האָט זי געבראַכט אַהער, אין קעלער, צו דער אַרבעט.

מיטאָמאָל טוען זיך זייערע קעפּ טיפֿער אַ נייג איבער דער אַרבעט ווי אין שרעק פֿאַר עפּעס אַ צרה. זייערע אָטעמס ווערן פֿאַרשטומט, און מאַניס בליק טוט אַ זײַטיקן פֿלי איבערן קעלער: צי מ'הערט און מ'ווייסט, אַז ס'וועט זיך דאָ באַלד אָפּשפּילן אַ פֿריילעכע מעשׂה. מיט בײדע שפּיציקע עלנבויגנס טוט זי אַ טאָרע אירע ביידע חבֿרטאָרנס, שׂרה בין און חנה קרעל, וואָס זיצן פֿון ביידע זײַטן און אַרבעטן גיכער:

— אוי, קינדער, דער באַלעבאָס גייט, דער אַלטער חזיר, דער הער קנעפּלמאַכער, אַ רוח אין זײַן טאַטן. — ש־אַ־אַ, רעדטס נישט, ווײַל ער וועט בייז ווערן.

ס'דערהערט זיך אַ סקריפּ פֿון דעם ברעטערנעם קאַנטאָר־טירל, וואָס שטייט ווי אַ שטײַג אין ווינקל קעלער, און ס'קײַקלט זיך אַרויס אַ קליין, קײַלעכדיק מענטשל, אונטערטראָגנדיק דאָס הויכע דיקע בײַכל מיט ביידע הענט. זײַנע שאַרפֿע אויגלעך פֿינטלען ברוגז. ער קנעפּלט מיט פֿאַרציטערטע פֿינגער דעם פֿאַרשמירטן, שוואַרצן ראָק. אויפֿן אויסגעקראַכענעם קאָפּ, שטייט פֿאַרשפּיצט אַ מיצל, ווי בײַ אַ גלח. די לאַנגע שופֿר־נאָז איז געבויגן איבער ביידע דיקע ליפּן, וואָס ציִען זיך אין דער ברייט, פֿון איין עק פּנים צום אַנדערן. די מיט־

גאַמבע איז געגאָלט מיט אַ לענגלעך גריבעלע און פֿון ביידע באַקן הענגען אַראָפּ צוויי פֿאַרשפּיצטע געל־גרויע בערד, ווי צוויי פֿלעדערווישן. אויפֿן האַלדז באַמבלט אַ שנור מיט אַ שוואַרצן טרײַבערל. ער דערהערט נישט אויף איין אויער, און אַז מען רעדט צו אים, שטעקט ער אַרײַן דאָס טרײַבערל אין אויער, און ער קרימט דאָס מויל צום טרײַבערל, גלײַך ער וויל זיך אַרײַנפּײַפֿן אין אויער. שטייענדיק אַ ביסל, נעמט ער צום ערשט אַרויס פֿון אייבערשטער וועסטל־קעשענע אַ לעדערן שײַדל און פֿון דאָרט אַ גילדערנעם אויגן־צוויקער, זעצט אים מיט צוויי פֿינגער אַרויף רײַטנדיק אויף דער שופֿר־נאָז, טוט דערנאָך זייער פּאַוואָליע און באַדעכטיק אַ מעלק מיט דער זשמעניע איין העלפֿט באָרד, דערנאָך אַ מעלק מיט דער אַנדערער זשמעניע די אַנדערע העלפֿט און הוסטלט־אָפּ מיט גרימצאָרן.

— האַ? וואָס? וואָס הייסט דאָס? מען אַרבעט אָדער מען שלאָפֿט בײַ מיר, הע? זיי ווילן אומזיסט געלט באַצאָלט? איך שמײַס אײַנען אַלע אַרויס, איך פֿאַרמאַך דעם קעלער, זאָ וואַר איך לעבע! אײַנע באַנדע פֿוילענצער, קײַנע אַרבײַט...

ווי שמיץ פֿון אַ בײַטש פֿאַלן די ביטערע ווערטער איבער די געבויגענע קעפּ פֿון די אַרבעטנדיקע מיידלעך. מאַני דישעס אין האַלדז אַ דריבנע שפּאָט־געלעכטערל, זי קען אים שוין, דעם באַלעבאָס אירן, שוין פֿון זינט יאָרן. זי ווייסט, אַז ער שרעקט נאָר, ער וועט דעם קעלער נישט פֿאַרמאַכן. אָבער שׂרה בין הויבט אויף ווי אַלע טאָג, אַ צאַרנדיק אויג פֿון מיט שינאהדיק פֿײַער, בעת דאָס אַנדערע, בלינדיק גלעזערנע אויגל בלייבט טויט און גלײַכגילטיק, און זי ברומט מיט עקשנותדיקן דערווידער: — וואָס דען, מ׳אַרבעט נישט, מ׳שפּילט זיך עפּעס, צי וואָס? זע נאָר זע, ווי ער האָט זיך צעיאַכמערט, דער בלוטזויגער. ה׳ קנעפּלמאַכער, מ׳האָט פֿאַר אײַנען קיין מורא נישט. גייען זי צום טײַוול, מיטן קעלער צוזאַמען.

דער באַלעבאָס שטעקט אַרײַן דאָס טרײַבערל אין אויער, בויגט נעענטער דאָס בלאַ־געוואָרענע פּנים מיט די צוויי באַקן־בערד און ער שרײַט מיט אַ הייזעריקן געקריי, ווי אַ נישט דערקוילעטער האָן:

— זי, הערן זי, אײַנען האָב איך נישט געפֿרעגט! שווײַגן זי... דען איך שמײַס אײַנען אַרויס... זאָפֿאָרט! זי דומע מויך!

אָבער שׂרה בין שווײַגט נישט. וואָס האָט זי מורא? ס׳וועלן שוין סײַ ווי פֿינצטערן די טעג אירע אין די שטויביקע וואַרשטאַטן און נישט אין דעם קעלער איז אין אַן אַנדערן. וואָס איז פֿאַר אַ חילוק? איר האַרבע שטרײַט־לוסט דרענגט זי זיך צו קריגן, אויסצוטענהן זיך ווער עס איז גערעכט. איר קורצער שטערן קנײטשט זיך פֿאַרוואָלקנט, דאָס אײַנגעפֿאַלענע מויל פֿינצטערט מיט אַ טיפֿן לאָך, ווי אַ גרוב. זי ענטפֿערט שטיל און פֿאַרביסן:

— זאָל ער וואַרפֿן, זאָל ער פֿאַרמאַכן דעם קעלער, וועט מען גיין. מ׳וועט גיין אַלע... מ׳וועט גיין אין שטרײַק. קוקטס אים נאָר אָן, דעם הויטשינדער. נו, הער קנעפּלמאַכער וועט פּגרן זי שוין ווי אַ הונט? וואָס?

דער באַלעבאָס שווייַגט מיט פאַרטיפטע נאָז־קנייטשלעך. שׂרה ביז רעדט יִדיש, כאָטש ער פאַרשטייט דאָס לשון, מאַכט ער זיך פונדעסטוועגן נישט וויסנדיק, גלייַך ער פאַרשטייט נישט. ער ווייסט, אַז יִדישע אַרבעט־מיידלעך טויגן נישט. גוייִשע אַרבעטערינס האָבן פאַר אים מורא און דרך ארץ. אָבער מיט יִדישע איז אַן אומגליק, זיי זענען גרויסע עזותניצעס, האָבן ליב זיך צו קריגן און אים כסדר מבזה צו זייַן. דאָס זענען דען פייַנע לייַטע? עפּעס פרעמדע שלומפערס, פון ווייַטע לענדער, פון פוילן, צי פון גאַליציע. ער וועט זיי אַלע אַרויסשמייַסן פונעם קעלער. ער האָרכט דורכן אויער־טרייַבל ווי די מיידן סודען זיך עפּעס און דושען אין זיך אַ דריבנע שפּאָט־געלעכטער. שׂרה בין פּאַכעט צו אים הינטער דער פּליִיצע מיט אַ געבייַלטער פויסט. ער דערפילט איר צאָרן און ס'טוט מיט אים אַ וואָרף, גלייַך ער וויל די אַלטע מויד אָנכאַפּן בייַם שויבער און זי מיט כּוח אַרויסשלעפּן פונעם קעלער. נאָר אין דער רגע טרעפט זיך זייַן בליק מיטן טויטן גלאַנץ פון איר גלעזערן אויג און ס'טוט אויף אים אַ בלאָז עפּעס אַ טונקעלע שרעק־קעלט; ווי אין אַ בהלה, גיט ער גיך אַ מעלק מיט בײדע זשמעניעס די צוויי באַקנבערד. אָבער פּלוצעם ווערן זייַנע פאַרוואָלקנטע בעקלעך אויסגעלייַטערט. די קליינע אויגלעך אונטער די ברילן־גלעזער פינקלען שוין מיט אַ נחתדיקן פּלעמל. ער האָט באַמערקט אַ נייַ פּנים צווישן די אַרבעטנדיקע מיידלעך, וואָס לייַכט מיט בלאָס־רויטער שיינקייט צווישן די געלע שאַרבן־קעפּ.

ער הוסט אָפּ עטלעכע מאָל זייער צופרידן און פרעגט די נייַע:

— ווער זינד זי? הע? ווי איסט איר ווערטער נאַמען?

— איך הייס חנה קרעל — ענטפערט יענע שטיל און אַ ביסל דערשראָקן.

זי קוקט אים אָן מיט אַפשיי און נייַגער און מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל. זייַן שופר־נאָז דערמאָנט זי אַ רגע דעם פעטער הערשל, דאָרט אין דעם ווייַטן שטעטל, וווּ עס איז געווען איר היים. נאָר זייַנע צוויי באַקן־בערד זענען ווילד פרעמד, ווי די פליגל פון עפּעס אַ גרוילעכן פויגל.

— זאָ, זאָ... ווירקליך וואָר... איין שענעס מערכען... הה... הה... אינען וועל איך נישט אַרויסשמייַסן. זי קענען האָבן אַרבייַט בייַ מיר, אין מייַן קעלער... קומען זי שפּעטער אַרייַן אין מייַן קאַנטאָר, וועל איך זי באַדינגען לויט דעם געזעץ...

אַצינד טוט ער שוין זייער פּאַוואָליע און האַפּערדיק אַ מעלק די צוויי באַקן־בערד און ווי צעטענצלט פון גדולה קערט ער זיך צוריק אום אין זייַן קאַנטאָר־שטייַג. די מיידלעך שווייַגן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— וואָס ווילט איר, ער ווייַזט אויס צו זייַן אַ ווױלער מענטש. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַרבעט — זאָגט חנה.

— יאָ יאָ, איר וועט שוין זען צי ער וועט אייך געבן אַרבעט, דער שד — ענטפערט איר מאַני מיט אַ פאַרביטערטן שמייכל סודותדיק און שאַרף פאַרצווייגן אויף אירע אויסגעצוימטע ליפּן. און שׂרה בינם גלעזערן אויג גלאַנצט מיט טויטן אַפשייַן אין דער געלער טונקלקייט פונעם קעלער.

# די קליינע מאַמע

ירעוודיק און צעטצנצלט

מיט רויט־צעבליטע היץ־פֿלעקן אויף איר בלאַס־אויסגעצערט פּנים, נעמט מאַניע, אין אָוונט, נאָך דעם ווי זי איז אַהיים געקומען פֿון איר שווערן טאָג אַרבעט אין גענייִ־וואַרשטאַט, פֿאַרזאָרגן אירע אייגענע אָרעמע באַדערפֿענישן. געניט און בריהש, ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע, פּאָרעט זי זיך אין ענגן, טונקעלן ווין־שטיבל, מיט אַזאַ פֿלײַסיקן ברען, גלײַך אין אירע מידע אויסגעהאָרעוועטע הענט, וואָס זענען שוין אויסגענאָגט און פֿאַרטריקנט ווי דאַרע צווײַגן, איז אַצינד אַנטפּלעקט עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענע גבֿורה און אין איר קליינעם אויסגעמאַטערטן לײַב איז פּלוצעם אָנגעפֿלייצט אַ צעפֿײַערטער כּוח. זי רוימט און שײַערט, זי וואַשט, פֿאַרריכט און פּרעסט אירע קליידער און וועש. זי שפּרינגט אַרום מיטן בעזעם און מיט שמאַטעס, דראַפּעט זיך אויפֿן בענקל, קערט, ווישט דעם שטויב, פּוצט דעם בלינד־געפֿלעקטן שפּיגל, באַצירט די פֿאַרמעקטע בילדלעך אויף די ווענט מיט קאָלירטע פּאַפּירענע בלומען און סטענגעס, באַדעקט דאָס קליינע טישל מיט אַ שיין סערוועטל און שטעלט דאָרט אַפֿילו אַוועק אַ גלאָז וואַסער מיט אַ לעבעדיק רויט בלימל, וואָס טוט אַ שײַן מיט פֿרישער היימלעכקייט אין דעם אומעטיק־באַשאָטנטן שטיבל.

נאָך דעם, ווי מאַניע וואַשט זיך אַרום, צוואָגט און פֿאַרקעמט איר פֿאַרוויאַנעטן קאָפּ, טוט זי אָן אַ רײַן קליידל מיט אַ ווײַס קעלנערל, ווי לכּבֿוד שבת און זי בלײַבט זיצן מיד און אַפּהענטיק בײַם קליינעם טישל, דעם פֿאַרקלערטן בליק, ווי פֿאַרוועבט ערגעץ אין אַ געגעפּלטן קנויל פֿון ווײַטפֿאַרשוועבטע טעג און יאָרן.

שׂרה בינע, וואָס וווינט מיט מאַניען אין דעם שטיבל איז אויכעט שווין אָפּגעצוואָגן און ריין אָנגעטאָן. זי זיצט ביי איר זייט טישל, דעם געבויגענעם קאָפּ שאַטנדיק פאַרהוילן אין געלן ליכטשיין פונעם עלעקטריע־לעמפּל און זי לייענט אַ בוך מיט שווערן שטום־שווייגן, ווי אַלע אָוונטן, ווען זי קומט אַהיים פון איר נעניי־אַרבעט.

— איר הערט, בינע, — זאָגט מאַניע מיט עפּעס אַ שטיל, קינדיש־פאַרבענקט קול — היינט איז פרייטיק צו נאַכטס, כ׳פלעג אַזוי ליב האָבן דעם שבת אין דער היים. מיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער בעל־מלאָכה, אַ היטלמאַכער. אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר אַלע אין שטוב געאַרבעט, אַלע קינדער, די ברידער און שוועסטער און אויכעט די מאַמע: פון גאַנץ פרי אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביים נאַפט־לאָמפּ, זענען מיר געזעסן ביים טיש און גענייט היטלען פון שטאָף און ס׳איז קוים געווען פרנסה. מיר האָבן געגעסן גרויפּן־גריץ מיט קאַרטאָפל, הערינג מיט ברויט, געטרונקען טיי. דער טאַטע איז געווען אַ שוואַכער ייִד, ער האָט געליטן אויף אַ לונגען־פעלער. ער האָט תמיד צעקייכט געאָטעמט, געהוסט אין שטויב־וואָלקן אַריין, געטרערט מיט קאַליע־געוויטלטע אויגן און געשפּיגן מיט בלוט, נאָר אַז עס האָט זיך געענדיקט די שווערע וואָך אַרבעט און עס איז געקומען שבת, איז די שטוב געווען ריין־ אויפגערוימט און אַלע זענען מיר געווען פריש אָפּגעוואַשן און ציכטיק אָנגעטאָן. די מאַמע האָט פרום געבענטשט ליכט און עס האָבן שיין געפינקלט די אָפּגעפּוצטע מעשענע לייכטער אויפן ווייס־געדעקטן טיש, מיט שמעקנדיקער חלה. אַז דער טאַטע אין נייעם טוכענעם היטל, מיט די פאַרפּוצטע ברידערלעך זענען געקומען פון דער שול פונעם דאַווענען, האָט ער פריילעך געזונגען די תפילה, געמאַכט קידוש און געגעבן דער מאַמען און די קינדער צו פאַרזוכן פונעם קידוש־גלעזל־בראַנפן. ס׳איז געווען שטאַרק און האַרב, אַ ברען־געטאָן אין האַלדז. כ׳האָב געלאַכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. מ׳האָט געגעסן פיש מיט חלה, הייסע לאָקשן מיט יויך מיט זיסן פלייש מיט פלוימען־צימעס. די שטוב איז געווען באַשיינט מיט אַ ליכטיקער פרייד און עס איז מיר אַזוי גוט געווען אויפן האַרץ, אַז עס האָט זיך מיר נאָר געגלוסט צו זינגען און טאַנצן. נאָר אַלע שבת און יום־טוב פלעג איך גיין אין אַרבעטער־פאַראיין אין אונדזער שטעטל, מיט די חברים און חברטעס. מיר האָבן דיסקוטירט, אַ סך גערעדט און געזונגען לידער, געלייענט ביכלעך, געטיילט רויטע פּראָקלאַמאַציעס. אין וועלדל וווּ מיר פלעגן זיך אין געהיים צונויפקומען, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ שטרייק, געוויילט אַ קאָמיטעט און מיר האָבן געגרייט די רעוואָלוציע. איך בין אַלע מאָל געווען פאַרליבט אין אַן אַנדער ייִנגל, נאָר כ׳האָב קיינעם נישט אויסגעזאָגט. דערנאָך, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מען האָט מיך נישט אַרויפגעלאָזט אויפן שיף, ווייל דער דאָקטאָר האָט ביי מיר אויסגעפונען, אַז איך לייד אויף דער ברוסט און כ׳האָב מיך געמוזט אומקערן ביז כ׳וועל מיך אויסהיילן. כ׳בין פאַרפאָרן מיט דער באַן קיין ווין. כ׳האָב דאָ קיינעם נישט געקענט און כ׳האָב נישט געהאַט קיין

געלט. כ'בין געווען מיד און הונגעריק. כ'האָב נישט געהאַט וווּ איבערצונעכטיקן און כ'האָב נישט געוווּסט וווּ צו גיין און וואָס צו טאָן. בין איך געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין פּאַרק אויף אַ באַנק און געוויינט, ווײַל כ'האָב געבענקט אַהיים און עס איז מיר געווען זייער ביטער אויפֿן האַרץ. בײַ נאַכט האָט זיך עפּעס אַ פֿרעמדער מאַן אַנידערגעזעצט לעבן מיר אויף דער באַנק. ער האָט מיך זייער פֿײַן אויסגעפֿרעגט, ווער איך בין און וואָס איך טו דאָ. דערנאָך האָט ער מיך מיט זיסע רייד אָנגערעדט, אַז איך זאָל מיט אים גיין ווײַל ער דינגען אַ צימערל אין אַ האָטעל און פֿאַר מיר באַצאָלן, אַז איך זאָל האָבן וווּ צו שלאָפֿן. האָב איך אים געגלייבט, כ'האָב געמיינט, אַז עס איז עפּעס אַ גוטער מענטש, וואָס האָט אויף מיר רחמנות. נאָר אין האָטעל־צימערל האָט ער פֿאַרשלאָסן די טיר און מיך געוואָלט פֿאַרגוואַלדיקן. האָב איך נישט געלאָזט מיך אָנרירן און כ'האָב גענומען שרײַען געוואַלד, האָט ער מיך געשלאָגן און מיר אויסגעהאַקט אַ צאָן... ביז איך האָב אויפֿגעריסן די טיר און כ'בין אַנטלאָפֿן... כ'האָב גענעכטיקט אונטער דער דונאַי־בריק אויף די שטיינער. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך אַרעסטירט און אײַנגעזעצט אין תּפֿיסה... כ'געדענק, ס'איז געווען פֿרײַטיק צו נאַכטס, מײַן ערשטער שוואַרץ־שבת אין דער פֿרעמדער שטאָט.

— ס'איז נישט ריכטיק — זאָגט שׂרה בינע — איר האָט אַ טעות, ס'איז נישט געווען קיין פֿרײַטיק צו נאַכטס, נאָר אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אָוונט. איך געדענק בעסער. מיר האָבן זיך דאָך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל באַקענט אונטער דער פֿערדינאַנד־בריק. דער פּאָליציינער האָט אונדז בײדע געשלאָגן און אונדז בײדע אַרעסטירט. מיר זענען אַפֿילו צוזאַמען געזעסן אין איין צעל אין דער עליזאַבעט־פּראָמענאַד־תּפֿיסה. דערנאָך האָט מען אונדז פֿאַרמישפּט צוריק צו שיקן קיין פּוילן צו דער גרענעץ, נאָר פֿון דער קולטוס־געמיינדע האָט מען געפּועלט, אַז מיר זאָלן מעגן בלײַבן אין ווין, מען האָט אונדז אַפֿילו געגעבן דעמאָלט צעטלעך אויף אַ וואָך צו עסן אין דער פֿאָלקס־קיך אין דער מאַלץ־גאַס. איר געדענקט שוין נישט, מאַניע? דערנאָך האָבן מיר געוווינט בײַ דער ייִדענע אין קעלער, אין דער קליינער שיף־גאַס און מיר האָבן געפֿונען אַרבעט בײַם קירזשנער אין דער פּראַטער־שטראַסע. ס'איז געווען פֿינף יאָר פֿאַרן וועלט־קריג... איך האָב געוואָלט פֿאָרן קיין אַרגענטינע. כ'האָב אין בוענאָס־אײַרעס אַ ברודער און אַ שוועסטער. נאָר מען האָט מיך אומגעקערט פֿונעם שיף וועגן מײַן אויג... מײַן טאַטע איז געווען אַ תּבֿואה־סוחר, אַ מעקלער, די מאַמע איז יונג געשטאָרבן, ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד, דער טאַטע האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט און די שטיף־מאַמע איז געווען אַ בייזע ייִדענע. כ'בין תּמיד געווען מיט איר אַליין אין שטוב. זי האָט מיך זייער פֿײַנט געהאַט, תּמיד זיך געקריגט, געשריגן, געשאָלטן מיך מיט טויטע קללות, געשלאָגן און געקניפּט. כ'האָב תּמיד געוויינט און כ'האָב מורא געהאַט זי אָנצוקוקן. זי האָט געהאַט אַ פּנים ווי אַ צעפּאַטלטע מכשפֿה. שבת פֿלעגט דער טאַטע זײַן אין דער היים. ער פֿלעגט זיצן בײַם טיש, אַרײַנקוקן אין אַ

ספר, פֿאַרטראַכט געשוויגן און נעצופּט די באָרד. איך האָב ליב געהאַט זיך צו באַהאַלטן אין ווינקל און לייענען מעשׂיות אין דער שטיף־מאַמעס טײַטש־חומש. איין מאָל האָט זי מיך דערפֿאַר אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און מיך אַזאַ וואָרף געטאָן, אַז כ׳בין געפֿאַלן מיטן קאָפּ צום טיש־פֿוס און מיר אויסגעהאַקט אַן אויג... ערשט דאָ, אין ווין, האָט מען מיר אַרײַנגעשטעלט אַ גלעזערן אויג.

אַז שׂרה בינע דערציילט אַצינד די דערמאָנונג פֿון אירע ביטערע יוגנט־טעג, איז איר לעבעדיק אויג פֿײַכט געפֿלט פֿון האַרבן טרויער, בעת דאָס אַנדערע, דאָס בלינדע, גלעזערנע, קוקט טויט און גלײַכגילטיק.

— אָ... דאָ איז נישטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב. ס׳איז דאָ תּמיד אַזוי וואָכעדיק — זאָגט מאַניע מיט אַ פֿאַרבענקטן זיפֿץ.

— פֿאַרוואָס? פֿרומע ייִדן גייען דאָ אויך דאַווענען אין די שולעכלעך, מען מאַכט שבת, מען האַלט פּסח. ראָש השנה און יום־כּיפּור זענען כּמעט אַלע געשעפֿטן אין שטאָט פֿאַרמאַכט, די קאַפֿעס זענען פּוסט, די טראַמווײַען פֿאָרן ליידיק. יאָ, ייִדן בלײַבן אומעטום ייִדן. כּל זמן מען שמדט זיך נישט און אַפֿילו נאָכן שמד איז מען נאָך אויכעט נישט קיין גאַנצער גוי, נאָר אַ האַלבער ייִד. נו, וואָס ווילט איר, מאַניע, ווי קומט צו אונדז בײדע דאָ אַ שבת און אַ יום־טוב? אַז חתונה געהאַט האָבן מיר נישט, מיר האָבן נישט קיין קינדער, מיר פֿירן נישט קיין פֿאַמיליע־לעבן, אַליין זענען מיר ווי די הינט, עלנט ווי אַ שטיין. נו, מילא, בײַ מיר איז שוין פֿאַרפֿאַלן, אָבער איר, מאַניע? איר קאָנט דאָך נאָך חתונה האָבן, קינדער האָבן. איר האָט נאָך צײַט, מסתּמא עטלעכע יאָר צײַט... אַ יאָ? נאָר איר מוזט אײַך אַ ביסל צואײַלן, וואָרעם אָט, אָט, קאָן שוין זײַן צו שפּעט... די יאָרן שטייען נישט, די צײַט לויפֿט.

שׂרה בינע פֿאַרבײַסט אַ ווײַבעריש גיפֿטיק שפּאָט־שמייכעלע אויף איר בלאָ־אײַנגעפֿאַלענעם מויל, אַז ס׳טוט מאַניען אַ שאַרפֿן שטאָך אין האַרץ פֿון בושה און פֿאַרבאָרגענער שרעק. די גערויטלטע פּײַן־פֿלעקן אויף אירע בלאַס־אויסגעצוימטע באַקן ווערן טיפֿער צעבליט. זי ביטערט פֿאַרדראָסיק מיט נאָזיק פֿאַרציטערטן קול:

— וואָס ציילט איר עפּעס מײַנע יאָרן, בינע?... איך בין אַ סך ייִנגער פֿון אײַך, איך בין נאָך נישט אַלט געוואָרן קיין פֿינף און פֿערציק...

שׂרה בינע טוט ביטולדיק אַ צי מיט אירע קנעכערן־פֿאַרשפּיצטע אַקסלען, ניבע דאָס שטעכווערטל אָרט זי נישט אַ האָר. זי פּרוווט קיינמאָל נישט לייקענען איר עלטער און זי האָט נישט קיין מורא פֿאַרן ביטערן אמת. וואָס קאָן זי שוין געווינען צי אָנווערן, אַז איר לעבן איז שוין סײַ־ווי פֿאַרשפּילט? זי זוכט שוין מער נישט קיין גליקן און אין איר אויסגעקילט האַרץ איז שוין פֿון לאַנג אָן פֿאַרלאָשן יעדער פֿונק פֿון האָפֿענונג. נאָר פֿאַרט שמייכלט זי אַצינד מיט גריילעד צעקרימטע לעפֿצן פֿון דעם אַראָפּגעשלונגענעם בזיון. ווי בײַ אַ בייזער קאַץ צאַנט אין איר לעבעדיק אויג אַ גרימיק פֿלעמל, בעת דאָס אַנדערע, גלעזערן אויג, קוקט טויט און גלײַכגילטיק.

זי זאָגט שטיל און פאַרביסן:

— נו, נו, מאַניע, ביי מיר ברויכט איר אייך נישט אַזוי איבערצונעמען. איך קאָן באַשטיין. איך רעכן, אַז קיין סך פעלט אייך אויכעט שוין נישט צו די פינף און פערציק... די באָבע ליגט אייך אויכעט שוין צעלייגט אויפן פנים. מ'איז ברוך השם פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ, נישט צו פאַרזינדיקן.

— איר זענט אַן אַלטע מכשפה, בינע.

— און איר זענט נעבעך אַ יונגע כלה־מיידעלע... ווען גייט איר אונטער דער חופה?... כ'וועל ביי אייך נעמען אונטערפירנס, כ'לעבן.

— איר ווילט אייך שוין ווידער קריגן? נו, הייבט אָן. כ'וועל אייך נישט שוויַיגן.

— ווער האָט דען פאַר אייך מורא?

באַלד ווערן זייביידע ברוגז אַנטשוויגן מיט מיד אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שווער פאַרהילט אין אַ טונקעלן וואָלקן פון צער און פאַרלוירנקייט. נאָר שרה בינע ווייסט פאָרט וואָס זי רעדט. וויַיל שוין אַ שטיק צייַט, אַז מאַניע איז טאַקע פאַרכאַפּט אין אַ געוועבל פון אייַלעניש, וואָס טרייַבט און יאָגט זי אונטער מיט עפּעס אַ סודותדיקן באַדרענג אין גיכן גענגל פון אירע דאַרע, אויסגעקרימטע פיס. אַ שמאָלע, פאַרפּוצטע, מיט אַ גרויסן גרינעם פויגל אויפן געלן שיפּן היטעלע, די אויסגעצערטע באַקן רויזיק געפּודערט, די ליפּן רויט צוגעפאַרבט, לויפט זי אַלע שבת אָונט, נאָך דער אַרבעט, אַהין, אין ראַבינערסעמינאַר אין דער טאַבאַר־שטראַסע, הערן די פאָרטראַגן פונעם הער ראַבינער לעבערהערץ. זי זיצט דאָרט תמיד אין שיינעם העלן זאַל, לייַטיש פאַרשטייַפּט אויפן ריי־בענקל, אין דער ענגער שורה צווישן פעטע, בכּבֿודע וויַיבער, אויסגעסטראָיעטע אין פוטערנע מאַנטלען, צעפינקלטע פון צירונג, צווישן דיקע מענער אין שוואַרצע רעק, מיט גאָלדענע קייטן אויף די דיקע שפּיצבייַכער, מיט הויכע שוואַרץ־געגלאַנצטע צילינדער־הוטן, ווי קוימענס אויף די נאַקעטע ליסע־קעפּ און זי האָרכט פאַרגאַפט די געלערנטע דרשה פון דער וואָך־סדרה.

אויף דער בימה, ביים שטענדער, שטייט דער הער דאָקטאָר מאַקס לעבערהערץ, מיט אַ קליין זייַדן יאַרמלקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ. אַ גילדענע בריל אויף דער לאַנגער איידל־געבויגענער נאָז, דעם שוואַרצן ראָק שטרענג פאַרקנעפּלט, דאָס שאַרף־קאַנטיק געשוירן יונג בערדל איז פעט צעגלאַנצט ווי געזאַלבט מיט שמן זית, אונטערגעשפּאַרט פון אַ הויכן וויַיס־בלענדיק שטייַפן קראַגן מיט אַ ברייט־צעפלאַטערטן שוואַרצן שניפּס, ווי אַ שוועבנדיקער פויגל. ער רעדט דייַטש, קלאָר און העל, מיט אַ שיינעם געצויגענעם ניגון־קול וועגן די לערעס פון משה רבינו און ישעיה הנביא, דעם רמב"ם, מיט פסוקים פון דער תורה און מיט שפּרוכן פון גריכישע פילאָזאָפן, מיט הויכע ווערטער פון דיכטער און דענקער, וועגן מאָראַל און גוטע ווערקע. ער האַלט

אונטער פֿאַרטראַכט דעם הויכן שטערן מיט די שפּיץ פֿינגער, פֿאַרמאַכט אַ רגע ביידע אויגן אין פֿאַרטיפֿטן שווײַגן און ער מאַכט מיט ביידע ווײַסע אײדעלע הענט, אַרויף און אַראָפּ ווי מיט זיי נאָך מער צו דערהייבן אַרויף און צו פֿאַרטיפֿן אַראָפּ, זײַנע שווער־וואָגיקע געדאַנקען וועגן גאָט און דער וועלט, ייִדנטום און מענטשהײַט און ער טוט אַלע מאָל הנאהדיק אַ פֿיר מיטן שפּיץ צונג איבער די דיקע ליפּן, גלײַך ער וואָלט זיך באַלעקט מיט יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט, ווי מיט דער זיסקייט פֿון האָניק.

נאָך מער ווי דער גאַנצער בכּבֿודיקער עולם, וואָס האָרכן מיט פֿאַרגאַפּט־דערהויבענע פּנימער זײַן שיינע דרשה, קוקט אויף אים מאַניע מיט ערפֿאַרכטיק־פֿאַרטראַגענע אויגן, און זי שלינגט דורשטיק זײַנע פֿרעמדע, שווערע ווערטער, ווי וויל זי פֿאַרשטייט גאַרנישט, וואָס ער מיינט צו זאָגן מיט דעם גאַנצן פּלאָנטער פֿון זײַנע טיפֿע געדאַנקען.

פֿאַרטומלט אין דעם געזשום פֿון די פֿרעמדע, שווערע ווערטער, וואָס שיטן פֿון די דרשות, האָט מאַניע גוט אין זינען די הייסע באַגערן פֿון איר אייגענעם חלק אָרעם לעבן, וואָס בליִען אויסגעטיילט אין איר ערלעכער נשמה מיט אַ באַזונדערן טיפֿן בטחון פֿון פֿיל גוטס און גליקן, אָן אַ שיעור.

זי שפּילט אַזוי לאַנג מיט איר שאַרפֿן בליק אויף לעבערהערצס פּנים, ביז זי טרעפֿט זײַנע פֿאַרטראָגענע אויגן און ער דערזעט זי.

בײַם סוף פֿון זײַנע דרשות פּליעסקעט זי פֿריידיק און צעהיצט בראַוואָ מיט די הענט אינאיינעם מיטן גאַנצן צופֿרידענעם עולם און נאָך מער אַליין, די לעצטע, ווען אַלע האָבן שוין אויפֿגעהערט. דערנאָך, ווען מען קומט אַרויס אין נאַכטלעך־באַלויכטענעם דרויסן פֿון די געלע עלעקטריע־לאָמפּן, גייט זי אים נאָך, ווי אָפּגערעדט, מיט פֿאַרגנבֿטע שטילע טריט ביז אין דער דריטער גאַס. ער פֿאַרקלענערט באַלד זײַן גיכן שפּאַן, קוקט זיך אַלע מאָל אום זייער באַדעכטיק צי קיינער זעט נישט, ביז זיי גלײַכן ביידע אויס זייער גאַנג. ער דערלאַנגט איר דערשראָקן אַ ווייכע, וואַרעמע שפּיץ האַנט און ער באַגריסט זי מיט אַ פֿרײַנטלעכן אַנשטעל:

— גוטען אָבענד, גרים גאָט, פֿרײַליין מאַניאַ צוקערמאַן, ניכט וואָר, זאָ איז איר ווערטער נאָמען, וואָס? ווי גייט עס אינען? זי וואָרען הויטע בײַ מײַן פֿאָרטראַג, עס וואָר שיין, וואָס?

— גוטען אָבענד, הער דאָקטאָר ראַבינאַט־קאַנדידאַט, לעבערהערץ — גיט זי אים אָפּ בכּבֿודיק אַלע טיטולן אויף אַ מאָל — יאַוואָל, זי האָבען הויטע זייער שיין געשפּראָכן, לויטער ערהאָבענע געדאַנקען... ווירקליך וואָר.

— זאָ, זאָ, זייער שיין — זאָגט ער צופֿרידן פֿון דעם לויב. נאָר ער האָט אין זין עפּעס אַנדערש:

— גייען וויר אין קינאָ? וואָס? יאָ? נון קאָמען זי אײַן ביסכען שנעלער. שנעלער. ער שפּאַנט גיכער פֿאָרויס, מיט זײַנע לאַנגע פֿיס אין די שמאָלע

געשטרײַפּטע הויזן און מאַניע לויפֿט אים נאָך פֿון הינטן פֿאַרסאָפּעט, קוים וואָס זי כאַפּט אָפּ דעם קורצן אָטעם, ביז אַזוי אין דער זיבעטער גאַס. דאָרט זעצן זיי זיך ערשט אַרײַן אין טראַמבאַן און זיי פֿאָרן ביידע ביז אין ווײַטסטן שטאָט־פֿערטל. ער קויפֿט דאָרט אין קליינעם קינאָ צוויי ביליקע בילעטן און זיי זיצן אין עקסטן פֿינצטערן ווינקל, צווישן די אָנגעזעצטע רײַען מענטשן־קעפּ. מאַניע וויל תּמיד קוקן אַהין, צום צערודערטן שאָטנשפּיל אויף דער בינע־לײַוונט. מענטשן טומלען דאָרט מיט רייד און געשרייען, ס׳פֿאָרן באַנען, רײַטער יאָגן אויף פֿערד, מ׳שיסט און מען שלאָגט זיך מיט מוראדיקע זעץ אין די פּנימער. ס׳הילכט מוזיק־שפּיל, מ׳זעט פֿרעמדע שטעט, גאַסן, פֿעלדער, וועלדער, וואַסערן, שיין פֿאַרפּוצטע מענער און ווײַבער, וואָס קושן זיך לאַנג אין די מײַלער מיט פֿאַרוואָרפֿענע קעפּ, גלײַך זיי זויגן דורשטיק עפּעס אַ געטראַנק פֿון די ליפּן.

נאָר דער הער לעבערהערץ וויל קיין מאָל נישט קוקן צום שפּיל און ער לאָזט אויך מאַניען נישט קוקן. ער נעמט זיך פֿאַרגנבֿעט מיט איר פֿאָרען, ווי ווײַט נאָר מעגלעך. ער שלעפּט זי נעענטער צו זיך, באַגעריק, מיט אַ ווייכער וואָרעמער האַנט. און מאַניע לאָזט אים אַלצדינג טאָן מיט זיך, שעמעוודיק, צעהיצט און דערשראָקן, אָנגעבויגן, מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם, ווי אַ הון ווען ס׳דראַפּעט זיך אויף איר דער גליסטיק אָנגעהרודלטער האָן.

ווען עס ענדיקט דאָס שפּיל אויפֿן בינע־לײַוונט, אַ רגע נאָך איידער עס ווערט ליכטיק אין קינאָ, שאַרט ער זיך גיך אַרויס און ווערט נעלם. אַליין, טרויעריק און פֿאַרלאָזן, פֿאָרט זי דערנאָך אַהיים מיטן טראַמבאַן.

אַ שטיק צײַט האָט מאַניע געגלויבט און געהאָפֿט, אַז פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם הער לעבערהערץ וועט פֿאָרט עפּעס אַרויסקומען אַן ערנצטע זאַך. ווי וויל זי האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז ווײַט נישט זײַן גלײַכן, אַז ער גייט מיט איר אין קינאָ נאָר צוליב דעם, וואָס זי לאָזט זיך פֿון אים אויסנוצן און ווײַל ער ווייסט, אַז זי איז אַ פֿרעמד עלנט מיידל, וואָס וועט קיינעם דערפֿון נישט אויסזאָגן. אויך ווייסט זי, אַז אַזאַ איינער, אַ געלערנטער מאַן, וואָס שטודירט אויף דאָקטאָר ראַבינער, וויל נעמען אַ רײַכע כּלה, מיט אַ סך געלט, מיט אַ גרויסן נדן און פֿון זײַן קלאַס. אָבער וואָס קאָן מען וויסן? ס׳געשען אויכעט אין לעבן ניסים. ס׳טרעפֿט אַ מאָל, אַז רײַכע, פֿאָרנעמע יונגעלײַט, אַפֿילו פּרינצן, פֿאַרליבן זיך דווקא אין אַ פּראָסט אָרעם מיידל, מעג זײַן אַפֿילו נישט אַזאַ שיינקייט און האָבן מיט איר חתונה. אפֿשר וועט איר, מאַניען, אויכעט טרעפֿן אַזאַ גליק? פֿאַרוואָס דען נישט? מען האָט זי נישט געפֿונען הינטערן פּלויט. זי איז אַ וווּיל מיידל, אַ בריה, אַ שטילע, אַן אָרנטלעכע, אַ גוטע נשמה. זי וועט זײַן אַ געטרײַ ווײַב צו איר מאַן און אַ ליבע מאַמע צו אירע קינדער... זי גלייבט, אַז זי געפֿעלט אים און זי האָפֿט תּמיד, אַז מיט דער צײַט, גאָר אין גיכן, מעגלעך נאָך אַז הײַנטיקע וואָך, צי איבער אַכט טאָג שבת צו נאַכטס, נאָך דער דרשה, ווען זיי אַליין וועלן ביידע זיצן אין פֿינצטערן קינאָ אַרומגענומען, וועט ער זיך אין איר פֿאַרליבן טאַקע

אויף א רעכטן אמת און ער וועט זי נעמען פאר א כלה, ווי זי שטייט און גייט... ווארעם זי האט אים שוין איין מאל געגעבן גריילעך אן אנצוהערעניש, אז זי איז אן ארעם ארבעטער־מיידל, א קײַלעכדיקע יתומה, אן געלט, אן אויס־שטײַער און אז זי האט נישט קיין גראשן נדן. ער האט געשוויגן, גאר נישט געענטפערט. א סימן, אז דאס ארט אים נישט... זי האט דעריבער געמעגט גלייבן, אז זי האט שוין א חתן... נאר פארט איז איר תמיד פארקלעמט דאס הארץ מיט א פארבארגענעם שרעק־פײַן, וואס דריקט ווי א שטיין אין געמיט, אז ער איז ווײַט נישט איר גלײַכן, עפעס א בורזשוי אן אויסנוצער, א מענטש פון אן אנדערער וועלט, פונעם רײַכן קלאס, וואס פון זינט זי לעבט האט זי פײַנט און באקעמפט זיי. אויך קאן זי נישט לײַדן זײַנע ווײַסע ווייכע הענט, זײַן געל פעט פנים, מיט די דיקע לעפצן מיט דעם געזאלבטן בערדל, וואס ס'אטעמט פון דעם מיט אן איבלדיקן זאטן ריח פון גענדזן־שמאלץ און זי פילט נישט קיין פונק ליבע צו אים...

איר גלײַכן האט זי תמיד געזוכט פאר א חתן, א פראסטן יונג, אן ערלעכן ארבעטער, א הארעפאשניק מיט שטארקע פארהארעוועטע הענט און א געזונט אפגעברענט פנים, א רעוואלוציאנער, א פרײַהייטס־קעמפער, וואס זיי זאלן בײדע אין איינעם גיין אין ארבעטער־פאראיין, פירן דיסקוסיעס, לייענען בראשורן, זינגען קאמף־לידער, ארגאניזירן שטרײַקן, מארשירן אין דעמאנ־סטראציעס, טראגן די רויטע פאן. מיט אזא חבר האט זי תמיד געוואלט שפילן א ליבע און געחלומט חתונה האבן, קינדער געבערן און זיי אויך דערציִען צו געטרײַע סאציאליסטן און פרײַהייט־קעמפער. נו, האט איר מזל דערצו נישט אויסגעטראגן, איז זי פארזיצן ביז אין די הויכע יארן... און אצינד טאר זי שוין מער נישט איבערקלײַבן, ווארעם באלד קאן שוין צו שפעט זײַן, אט אט, נאך א יאר, נאך א יאר און איר טראכט וועט פארשלאסן ווערן... דעריבער מוז זי זיך אצינד שוין גיך צואײַלן מיטן שידוך און חתונה האבן, לאז זײַן נישט מיט איר גלײַכן און אן ליבע, אבי א סוף, א תכלית. מילא, ס'איז איר מסתמא אזוי באשערט...

און אזוי האט מאניע מיט א פארזארגט און צעשײַנט פנים, פריש גערויטלט פון ווינטער־פרעסטל און פארטראגן ווי אין א חלום, גענומען אין די אוונטן, נאך דער ארבעט, ארומלויפן איבער די העל־באלויכטענע ווינער גאסן, זוכן און צונויפשטעלן א באלעבאטישקייט.

זי האט באלד אויסגעפונען פון די אנאנסן אין די צײַטונגען, אז ס'איז דא צו פארדינגען א שיינע געראמע דירה, מיט גרויסע ליכטיקע צימערן און מיט אלע באקוועמלעכקייטן אין א נײַ הויז אויף פראנץ־יאזעף־קעי. דערנאך האט זי אויסגעזוכט אין די שויפענצטער שוין מעבל צו קויפן, א ווייך ברייט טאפל בעט, טײַערע טעפיכער, ראזע פארהאנגען, קרישטאלענע הענגלאמפען און אלערליי נוצלעכע כלים, כדי נאבל און פײַן אויסצופוצן די וווינונג, ווי ס'פאסט פאר א פארנעם פאר־פאלק, א דאקטאר ראבינער מיט א גרויסן געהאלט. זי האט זיך אויסגעקליבן אין די שויפענצטער שיינע קליידער,

היטעלעך מיט גרינע פֿעדערן, זײַדענע ראָזע אונטערוועש מיט שפּיצעלעך און לאַקירטע שיכעלעך אויף הויכע קנאַפּל, אַ טײַערן פֿעלץ־מאַנטל, אַ זילבערפֿוקס אויפֿן האַלדז און אַפֿילו צירונג, אַ בליציקן בריליאַנט־רינג אין אַן אַטלעס קעסטעלע, גילדערנע בראַסלעטן, אַ גילדערנע האַלדז־קייט און מיט אַ באַזונדערער פֿאַרבאַרגענער פֿרייד אין האַרץ, האָט זי אויסגעקליבן אין די שױפֿענצטער אַ ווײַס קינדערבעטל, אַ שײן פּירוועגל און צירלעכע רויז־זײַדענע וויקעלעך, קינדער העמדלעך און קליידעלעך, וואָס זי האָט גערעכנט צו קויפֿן פֿאַר טײַערע פּרײַזן...

מיט אַ סודותדיק־באַגליקטער פּנים־מינע, ווי בײַ אַ מעוברתער מיט אַן ערשט־לינג, וואָס ריכט זיך הײַנט־מאָרגן אין קימפּעט האָט מאַניע, אַוונטס אין איר שטיבל, גענומען אויך העקלען אַ פּיצעלע טשיפּיקל פֿאַר אַ קינדערקעפּל. געהנדלט און געגלעט דאָס מיט יונג־מוטערלעך־צערטלעכע ליבשאַפֿט־בליקן און דערבײַ האָט זי פֿאַרקלערט אונטערגעזונגען מיטן זיס־פֿאַרבענקטן ניגון דאָס האַרציק־היימישע וויגליד: הינטער יאַנקעלעס וויגעלע שטייט אַ גילדן ציגעלע... ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

איר חבֿרטע, שׂרה בינע, זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ בײַ איר זײַט טישל און זי לייענט ווי תּמיד, שווײַגנדיק־פֿאַרטיפֿט אַ בוך. אויף אירע אײַנגע־פֿאַלענע בלאַסע לעפֿצן איז דין פֿאַרביסן אַ שטעכיק שפּאָט־שמייכעלע, וואָס שפּילט פֿאַרגנבֿעט פֿון איר האַלב־פֿאַרמאַכט לעבעדיק אויג, בעת דאָס אַנדערע, דאָס גלעזערנע, קוקט טויט און גלײַכגילטיק אין געעפֿנטן בוך אַרײַן.
נאָר איין מאָל, דאָס איז געווען אין אַ זוניק־העלן זונטאָג פֿאַרמיטאָג, האָבן מאַניע און שׂרה בינע, ווי געוויינטלעך מאַרשירט, יום־טובֿדיק פֿאַרפּוצטע, אין די פֿרויען־רייען פֿון אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, איבער דער רינג־שטראַסע. ווי אַ פֿלאַמיקער וואַלד פֿלאַטערן די רויטע פֿאָנען איבער דעם צעכוואַליעטן ים קעפּ פֿון די שפּאַנענדיקע מענטשן־רייען, מיט פֿריידיק צעשײַנטע פּנימער. פֿאָרויס שפּילט די מוזיק־קאַפּעלע, פֿריילעך שאַלן די מעשענע טרומייטערס, אָנגעהאָנגענע, ווי גרויסע גילדענע בייגל, אויף מענער־נאַקנס. פּויקן זעצן מיט הילכיקע קלעפּ, גרויסע מעשענע טאַצן, ווי פֿײַערדיק־צעבליצטע זונען זעצן מיט הויכן געקלאַנג אין הענט. טאַטעס טראָגן קינדער רײַטנדיק אויף זייערע אַקסלען און מיט באַגײַסטערטע שטימען זינגען די מאַרשירנדיקע מענטשן אַלע מאָל ווידער די זעלביקע אַרבעטער־לידער, די מאַרסעליעז, דעם אינטערנאַציאָנאַל, פֿאַרטרונקען אין גערויש פֿון דער מוזיק־קאַפּעלע. די מענער הייבן אַ געבײַלטן פֿויסט אין דער לופֿטן, די ווײַבער, אין באַזונדערע רייען, טראָגן רויטע קאָפּ־טיכלעך און פֿאָכן מיט רויטע טיכלעך אין די הענט און אַלע מאַרשירן מיט שטאַרקע, געמאָסטענע טריט און שרײַען מיט פֿריילעך צעהיצטע קולות: — פֿרײַהייט! פֿרײַנדשאַפֿט! — האָך דער אַרבעטער־קלאַס! נידער מיט דער פֿאַשיסטישער רעאַקציע! — עס לעבע דער סאָציאַליזם! — אַ טויט דעם קאַפּיטאַליזם! — פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט! — רויט, רויט! הוראַ! הוררראַ!

מאַניע און שׂרה בינע, אויך מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפּ, מיט אַ קנופּ אויפן נאַקן און מיט רויטע טיכלעך צעפּעבערטע אין די הענט, שפּאַנען אין די ווײַבער־רייען פון דער באַזונדערער יידישער אַרבעטער־אָפּטיילונג, וואָס מאַרשירט צו־לעצט פון דער דעמאָנסטראַציע. מען טראָגט רויטע פאַנען און מען שרײַט פרײַהײַט, און פרײַנדשאַפט און מען זינגט פײַערלעך די זעלביקע אַרבעטער־לידער, נאָר אין היימישן ייִדישן לשון.

ווי תּמיד בײַ די דעמאָנסטראַציעס, איז מאַניע אין גאַנצן צעפלאַקערט פון געהויבענער שׂימחה. זי שפּאַנט מיט כּוח, זינגט באַגײַסטערט אַלע לידער, פאָכעט מיטן רויטן טיכל און שרײַט מיט ברען אַלע שפּרוכן. אויפן וועג, פאַרבײַ דעם געטורעמטן ראַטהויז, דעם פּאַרלאַמענט מיט די גריכישע זײַלן, די מאָנומענטן, דעם אַלטן שטיינערנעם בורג־פּלאַץ־טויער און די פּרעכטיקע געבײַדעס. נאָר פּלוצעם טוט איר עפּעס אַ שווערן קלעם דאָס האַרץ מיט אַ קאַלטן גליווער. זי דערפילט, אַז בײַ שׂרה בינען, וואָס גייט לעבן איר אין דער רייע, איז אויפן אײַנגעפאַלענעם מויל פאַרביסן אַ פאַרגנבעט שפּאָט־שמייכעלע. דאָס לעבעדיקע האַלב־פאַרמאַכטע אויג איז בײַ יענער עפּעס ווי שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט, בעת דאָס אַנדערע, דאָס גלעזערנע אויג, קוקט ערגעץ פאַרויס, אַפּן, מיט אַ טויטן גלײַכגילטיקן בליק. מאַניע הייבט אָהין אויף אירע צעטומלטע אויגן און זי זעט, ווי אַקעגן־איבער פון דעם נאָבעלן קאַפע אימ־פּעריאַל, מיט די ברייטע קלאָרע פענצטער־שויבן, קומט אַרויס אַ הויכער מאַן מיט אַ הויכן שוואַרץ־צעגלאַנצטן צילינדער־הוט אויפן קאָפּ. ער איז שטײַף געפּרעסט אין זײַן שוואַרצן פאַרקנעפּלטן ראָק, גלײַך ער וואָלט אײַנגעשלונגען אַ דראַנג, די דיקע לעפּצן זענען פריש־פלייִשיק רויט און דאָס ברוינע געשווירענע בערדל איבערן הויכן ווײַסן שטײַפן קראַגן איז גלאַנציק פעט געזאַלבט. ער פירט אונטערן אָרעם פאַרנעם־צעטענצלט, אַ דיקע קורצע מויד, אויסגעסטראַיעט אין אַ ברייטן פעלץ־מאַנטל. דאָס ווייכע, רונדע, לבֿנה־פּנים, רויזיק־שמיריק געפּודערט, מיט אַ פעטן געטאַפּלטן גוידער ביז אויף דער הויך אַרויסגעהויבענער ברוסט, ווי אַן אונטערגעלייגט פעסל. זי טראָגט אַ געלן סאַמעט־הוט מיט אַ גרויסן גרינעם שוועבנדיקן פויגל און זי איז צעבליצט פון צירונג, אַ דיקע גילדענע קייט אויפן פעטן האַלדז, בריליאַנט־רינגען אויף די פינגער און אַ מענגע גילדענע בראַסלעטן אויף בײדע הענט.

— אַי, זע נאָר — זאָגט מאַניע בלאַס און פאַרוווּנדערט — דאָס איז דאָך ער, דער הער לעבערהערץ, מיט זײַן רײַכער כּלה, אַי, אַז אַ רוח אין זײַן געפּגרטן טאַטן... כ׳לעבן.

דאָס פאַר־פאָלק איז שטיין געבליבן בײַם זײַט וועג, אָפּצוּוואַרטן ביז די דעמאָנסטראַציע וועט זײַן פאַריבער, כּדי דאָרט אַריבערצוגיין דעם וועג צו דער אַנדערער זײַט גאַס, צום שטאָט־פּאַרק. אַצינד איז שוין מאַניע ווידער האָפּערדיק צעטענצלט. ווען זי גייט פאַרבײַ דעם געאַרעמטן פאַר־פאָלק בײַם זײַט וועג, פאָכעט זי צעהיצט מיטן רויטן טיכל און מיט דער פריילעכער חוצפּה פון די קינדער פון דער אָרעמקייט, שרײַט זי יענעם גלײַך אין פּנים אַרײַן :

— הער דאָקטאָר חאָבינער לעבערהערץ, פֿרײַהײַט, האָד דער אַרבײַטער־קלאַס, נידער מיט דער בורזשואַזיע, עס לעבע דער סאָציאַליזם, פֿרײַהײַט, רויט, רויט! ער האָט גריילעד פֿאַרקרימט די אָפּגעפֿײַנטע נאָז, גלײַך ער וואָלט זיך געמיאוסט פֿון עפּעס אַ שרץ און אָפּגעווענדט דעם קאָפּ מיט איידעלן ברוגז:

— זאָ, וואַס. אײַנע שאַנדע. ווירקליך וואַר.

די כּלה ווידער האָט מיט ווײַבעריש־נײַגעריקן און מבֿינותדיקן בליק אָפּגע־מאָסטן מאַניעס קליינע מאָגערע געשטאַלט מיטן אויסגעצערטן בלאַס־געררויטלטן פּנים פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף און זי האָט מיט ביטול בייז און צופֿרידן אַ שמייכל געטאָן מיטן גאַנצן פֿעטן געטאָפּלטן גוידער און געזאָגט צום חתן:

— זאָ אײַנע פֿרעכע פּאָלנישע יודענשיקסע... קאָם נאָך הויזע, מײַן ליבער מאָקס!

# די פּלאָגערס

האַ, ווּע ? פּלאָגערס ?

מ'האָט דאָך איבערגעקערט אַ וועלט, אַיוואַי, געוואַלד יידן, מ'געדענקט ?...
ס'פּלעגט זיך דאָך אָפּטאָן חושך אין שטעטל: פּלאָגערס, היי היי — זאָגט דער רויטער הערש, גריילעך פֿאַרבליפּט. ער פֿאַרצוואַנגט אַזש פֿריידיק זײַנע מידע האַריקע אויגן, געבלענדט ווי פֿון אַ שטאַרק ליכט, וואָס האָט פּלוצעם פֿון ערגעץ אַ שײַנדל געטאָן און אַזש געוואָרפֿן אַ פֿלאַמיקן אָפּגלאַנץ אויף זײַן ברייטער, רויט־געזילבערטער באָרד, און ווי אַ בליץ, מיט בלענדיק־שאַרפֿן פֿײַער־שטראַל, געשפּאָלטן דעם שוואַרצן וואָלקן, אָנגעדראָלן מיט וויסטע נויטן, ביטערער אָרעמקייט, פּײַן און באַדרענג, אַז אַז ערד. אין די געטיפֿטע ווײַטקײַטן פֿון די פֿאַרשוועבטע לעבנס־טעג, ווי פֿון יענער זײַט נעפּלדיק־געטונקלטן הימל־ברעג, איז וווּנדערלעך אויפֿגעשפּראָצט דער חלומדיק צע־שמייכלטער נשמה־בליק פֿונעם צײַט־פֿאַרוועבטן זכרון, ווי אַן אַנטפּלעקטער אוצר.

פֿריילעך פֿאַרכאַפּט, ווי אין אַ יום־טובֿדיקן תּענוג, הייבן אויף די עלטערע לײַט פֿאַרבענקטע אויגן צו דער סטעליע, די באָרדיקע פּנימער ווי לאָמטערנעס בלייך־באַלויכטענע פֿון דער מזלדיקער דערמאָנונג אין די בחורישע יאָרן, ווען זיי זענען געווען פּלאָגערס. זיי האָבן פֿאַרקלערט, געצמאָקעט מיט די ליפּן, געקוויקט זיך, האָפּערדיק געמאַכט מיט אַ האַנט אין דער לופֿטן און פֿאַרחידושט געשאָקלט מיט די קעפּ :

— אַי, אַי, אַי... פּלאָגערס... דעמאָלט, אין די גוטע אַלטע צײַטן פֿונעם קײַזער פֿראַנץ יאָזעף. היי־היי. טעטעטע. פּלאָגערס.

באלד נאך פסח, ווען די זוניק־געליכטיקטע פרילינג־טעג נעמען מילד און ווארעם אויסטריקענען די לעצטע שווארצע ווינטער־בלאטעס און די צעפּיפטע שווארצע שוואלבן וואס זענען שוין צוריק געקומען פון די ווארעמע לענדער, פליען איילנדיק־נידעריק, כאפן אין די שנעבעלעך שטיקלעך פעטע בלאטע און בויען פארהאוועט זייערע ערד־נעסטן אונטער די שינדלנע דעכער־סטריכעס, האט זיך אנגעהויבן אין לאנד גאליציע די שטעלונג צו די זעלנער קלאסן. די צעשויבערטע קוואקעס פון די יידישע געקאלעכטע שטיבער פירן שוין אויף די מיסט־בערגלעך פאר די טירן זייערע פיצלעך גאלדן־געלע פוכקע הינדעלעך, זוכן צעגוגערט מיט די שנאבלען און גראבלען זערנעס פון דער שווארצער ווארעם־צעיערטער ערד. ארעמע יינגלעך גייען שוין בארוועס, די גליענדיקע זון אין די בלאע הימל־הייכן בליאסקעט מיט קלארע זילבער־פלעקן אויף די קרומלעכע פענצטער־שויבן פון די בלא־ווייסע געקאלעכטע ליימענע הייזלעך. ס׳שפראצט זאפטיק־קלעפיק גרינס אין די גערטנער, אין די ריוועס, און ס׳ווערן בלענדיק שווער אפגעשיט די ביימער מיט זילבעריק ווייסער און בלאלעך רויזער קארשן־ און עפל־בליונג. די מאמעס אין די געבלימלטע קאפ־פאטשיילעס, די פנימער אויסגעלייטערט, זיצן אויף די שוועלן פון די געעפנטע שטובטירן און שיילן קארטאפל אין ערדענע טעפ, ס׳פארשמעקט זיס מיט פרישער מילך פון געקעלבטע בהמות. ביי די פארהאוועטע טאטעס אין די געוועלבער, אין מארק, אין די ווערקשטעלן, זענען די בערד וואכעדיק פארזארגט פון פרנסה, די הענט פארהארעוועט, די אויגן פארטראגן אין שווערן עול פון די טעג. ס׳בליען מיט פרייד און מנוחה די ליבע לעכטיקע שבתים מיט ברייט־צעגלאנצטע שטריימלעך און שווארצע, פארגארטלטע בעקעשעס, מיט צעפינקלטע, מעשענע בענטשלייכטער, אויף ווייס געדעקטע טישן מיט זאטער סעודה אין די ריינע שטיבער. יידן אין ברייטע טליתים דאווענען דערהויבן, באגלאנצטע מיט שול־הייליקייט, מיט גאטס־פארכט און תפילה־געזאנגען.

צום ערשטן נעמט דער אלטער פאן יאנדרוד דער פאליציייניק, מיט זיינע לאנגע גראע וואנצן ווי צעפ, בארוועס, אין זיין רויטן צעפליקטן מונדיר מיט מעשענע קנעפ, פארגארטלט מיט א ברייטן לעדערנעם רימען, זיין גרויסע, פארציטיקע שווערד אנגעגורט אויף די לענדן, די קרומע מארדע באוואקסן מיט האר־שטעכערס, ווי די שטרוי־ווארצל פון אן אפגעשניטן פעלד און בלינד אויף איין אויג, מיט א מוראדיקער מעשענער טשאקע אויפן קאפ, קלינגען „נא גוואלט” אין פאראסטן קרומען גמינע גלאק, ווי ביי א שריפה אויפן יאריד, דערנאך שטעלט ער זיך אוועק אין מיטן מארק אויף א גויישן לייטער־וואגן און ער פויקט מיט א הילצערנעם לעפל הויך און שרעקיק אין זיין גרויסער, געלאטעטער פויק, אזש ס׳זאמלט זיך איין א געזעמל מענטשן —

יִידן אין פאַרמעליקטע טיזליקעס, באָרוועסע גוייִם מיט די דיקע לייַוונט־סטאַנעס איבער די הויזן, אָפּגעריסענע שקצים און מיידן מיט צעפּ, ווייַבער אין אַלטע געלאַטעטע טערקישע שאַלן, מיט נייַגעריק פאַרשפּיצטע פּנימער, ייִנגלעך מיט צעריסענע היטל־דאַשעקעס איבער אַן אויגל. פאַן יאַנדרוך טוט זיך פייַערלעך אַ שטרעק ווי אַ דראַנג. ער ציט אַרויס די שווערד פון דער שייד און האַלט זי מיט שטרענגן ירגזון אין איין האַנט, הויך דערהויבן איבערן קאָפּ. ער נעמט הייזעריק שרייַען און אויסרופן מיט אַ הויך, שטרענג קול פון זייַן קרומלעך אויפגעריסן מויל:

— העי, העי, העי... מענטשן, מענטשן, אהער גייט, אַלע גוטע לייַט, אהער קומט, ווען מיר איַיך באַלד דערציילן די נייַעס וואָס דער קיסר פון עסטרייַך און קעניג פון אונגאַרן, קעניג פון בעהמען, פון סלאָווענים, סערביע און קראַאַטיע, אַפּאָסטאָלישער קעניג פון ירושלים, גרויס־פירשט פון גאַריציע און קעניג פון גאַליציע און לאָדעמעריע, אי טאָק דאַליע, האָט געטאָן — אַרויסלאָזן צום פאָלק, אַז אַלע יונגע לייַט וואָס זענען היי־יאָר אין עלטער פון איין און צוואַנציק יאָר, וועלן זיך מוזן גיין שטעלן קיין זלאָטשעוו צו דער אַסענטירונג־קאָמיסיע, צום מיליטער, פאַר אַ זעלנער; צו דינען דעם קיסר אויף דרייַ יאָר מיליטער־דינסט. און גיב גאָט מזל און געזונט, אַלע ווילע שטאָט לייַט, אַז נישט וועט דער זשאַנדאַר כאַפּן און מען וועט באַשטראָפן מיט אַ יאָר זיצן אין אַרעסט! הערט, הערט, באַלעבאַטים פייַנע, געדענקט און פאַרגעסט נישט וואָס דער קיסר טוט איַיך אָנזאָגן, מיטן שטרענגן געזעץ פון זייַן מאַיעסטעטס באַפעל, הורא! הורא! הורא! אַ נעכיי שלאַק טראַפּי! און ער טוט אַ וויַיטן שפּיַי אין דער וועלט אַרייַן.

— הוררא, הוררא, הורא! — שרייַען די ייִנגלעך מיט הויכע קולות איבערן גאַנצן מאַרק. — אַי יאַנדרוך, דו גנבֿ, אַ בראָך צו דיר! זאָלסט אַזוי כּוח האָבן צו לעבן, ווי עד האָב כּוח צו שרייַען הוררא, הוררא! — שרייַט אַ ייִדענע מיט אַ שוואַכן ווייַנענדיקן קול: — הוררא, הוררא!

די שטעטלדיקע חתן־בחורים, באַלעבאַטישע יונגע לייַט אין די שטעלונג יאָרן, קורצע און קרעפּקע, אָנגעדעמבעטע מיט כּוחות, אָנגעטאָן אין לאַנגע, שוואַרצע איבערציִערס מיט סאַמעטענע קעלנערלעך, אין קייַלעכדיקע, טוכענע היט אויף גלאַטיק־געשוירענע האַרטע קעפּ מיט שפּראַצנדיקע בערדלעך, די קליינע פּיאות ווילעריש געקרייַזלט, פאַרלייגט הינטער די אויערן, פּראָסטע יונגען פון דער אַרעמקייט, אין געקאָוועטע שטיוול מיט אָפּגעברענטע פּנימער, וואָס האָבן אין חדר קוים אויסגעלערנט אַ שייטל עבֿרי, אײדעלע קלויזניקעס און חסידישע זין, וואָס לערנען גמרא בייַם רבין, נגידישע קינדער, וואָס העלפן אונטער דעם חזן זינגען אין שול בייַם דאַוונען, פאַרהאָרעוועטע יאַרידניקעס אין שעפּ־סענע פעל־היטלען, האָרעפּאַשנע בעלי־מלאכות מיט זעק אויף די לענדן, ברייטפּלייציקע פורמאַנעס, פאַרגאַרטלטע מיט שטריק, די בייַטשן אונטערן אָרעם, אַלע אין איינעם, פלעגן זיי, מיט שוואַרץ־צעגלאַנצטע אויגן פון לויטער גדולה און מיט האָפּערדיק־צעהיצטע געבליטן פון ווייַלינגשאַפט, זיך באַלד

נעמען פלאגן דורך די נעכט, כדי אזוי שלעכט אויסצוזען, אז ביי דער אסענטירונג זאל מען זיי מוזן באפרייען פון מיליטער־דינסט. אז יידישע קינדער זאלן אויסגעהיטן ווערן פון גויישע הענט.

פלייש פלעגן די פלאגערס עסן בלויז לכבוד שבת. אין דער וואכן האבן זיי נעגעסן ווארצלען כרייןֿ, א סך רעטעך מיט ציבעלע, זויערן שמאטע־בארשט פון קוואסאק, אלט־געבאקן פיסנע ברויט, פארסטייעטע בולבעס אין שאלעכץ, אן זאלץ; הארטע ארבעס, רוי קרויט, און געהאקטע קראפיווע. זיי האבן איינגענומען אינדיק־זאמען צום אפפירן און טייוול־קרייטעך צו פארשטאפונג. זיי האבן געטרונקען אזויפיל טעפ עסיק מיט פעפער, אז ס׳האט זיי פאריסן די געדערעם פון שארפן זויער־וויטיק און ביטערן בויך בראנד. געררייכערט האבן זיי ציגארלעך פון בוים־קארע, כדי צו קענען גוט הוסטן און אויף די בלויזע לייבער האבן זיי געטראגן שטעכיקע זאק־לייוונט, שטארק פארקניפט מיט שטריק. זיי האבן געפאסט יעדן צווייטן טאג, און פרייטיק אין מרחץ האבן זיי געשוויצט אויף דער אייבערשטער באנק ביז חלשות, כדי אפצונעמען לייב. די פלאגערס האבן נישט געטארט שלאפן, כדי צו ווערן זייער מאגער. בחבֿרותא זענען זיי אויף־געוועזן דורך די נעכט און זיך געטראגן ווי א שייקע צעהוליעטע רעקרוטן איבערן שלאפנדיקן שטעטל, אזוי געוואיעט, געפילדערט און אפגעטאן שפיצלעך די שטאט לייט, אז מען האט א גאנץ יאר דערפון גערעדט און געלאכט אין די שטיבער. זיי פלעגן פארבייטן די שילדן פון די געוועלבער אין מארק, ארויסרייסן די העלצער פון די פלויטן, אויסגעהייצט אין קלויז־אויוון און מען האט געבראטן די געגנבֿעטע הינערשע אייער פון די בוידעמס און עפל און קארטאפל פון די קאמערן. זיי האבן פארשלעפט וואגנס אין טייך אריין, אפגעריסן דעם שטרוי־דאך פונעם מלמדס חדר, דעם בלעכערנעם האן פונעם גמינע־טורעמל, איבערגעקערט דעם גלאק אין מארק, צעהאקט דעם שיפן שטעטל־לאמטערן און אויסגעדרייט דעם אייזערנעם פלומפ פון דער קערניצע. זיי האבן ארויסגעשלעפט דעם שמשס באק פונעם שטעלכל, אים אנגעטאן א צעפליקטע קאפאטע מיט אן אלט שטריימל און אים אנגעבונדן אויפן גאניק פונעם חזנס שטוב. דעם גלחס גענדז האט מען באהאלטן ביים רבֿ אויפן בוידעם און דעם פריצס בריטשקע האט מען געפונען אין שעכט־יאטקע. זיי האבן אויסגעמעלקט קי אין די שטאלן און פון די קאפעלושן געטרונקען די מילך. ביי די נגידישע בעל־הביתטעס האט מען פון די שפייז קאמערן ארויסגעגנבֿעט גלעזערנע סלאיעס איינגעמאכטס, טעפ האניק, טעפ הינער־שמאלץ, פוטער־געבעקס, אייער־קוכנס מיט ראזשינקעס, מערביקע מאן־פלעצן מיט זאלץ, צוקער־בייגל מיט מאנדלען און ציבעלע־קנישעס מיט קעז. פון די שענקען האט מען ארויסגעטראגן אונטער די פאלעס פלעשער וויין, טעפ מעד, פעסלעך ביר און קריגלעך בראנפן. אין דער אלטער מיל, הינטערן טייך, האט מען געפראוועט פריילעכע נאכט סעודות, גענאשט, געגעסן און געזויפן, ביז אין ווייטן טאג אריין, ווען ס׳נעמען קרייען די הענער — — און זיי זענען געווארן פעט ווי געשטאפטע

אינדיקעס. זיי האָבן אין מיטן נאַכט אָנגעקלאַפּט אין די שטוב־פענצטער, אויפגעוועקט די כלה־מיידן פונעם שלאָף און איבערגעשראָקן די ווייבער און קינדער מיט צעמיאַוקעטע קולות, ווי קעץ און מיט פאַרסאַזשעטע פּנימער ווי שדים, מיט אַקסן־הערנער אויף די קעפּ. זיי האָבן געגרעגערט און גע־ליאַרעמט אויף קולות און געלעכטער, אַז די דרימלענדיקע ביימער האָבן זיך געוועקט מיט אַ ציטער. די הענט פאַרלייגט איינער אויפן אַנדערנס אַקסל, האָבן די פלאַגערס, וואָרפנדיק די פיס אין טיף נאַכטיק בלייכן לבנה־שיין מיט לאַנגע, שוואַרצע שאָטנס, געטאַנצט אין מיטן לײדיקן מאַרק אַ פריילעכע קאַלעמייקע, מיט אַזאַ כּוח, אַז ס׳האָט געדונערט די שטילע נאַכט ווי פון אַ געוויטער. זיי האָבן צעליאַרעמט געזונגען מיט בגילופנדיקע צעפלאַמטע נעז, לוסטיקע ייִדישע לידלעך און צעגאַרגלט־חזנישע שטיקלעך פון די שול־תּפילות:

— אַ־אַ־אַ, וטהר לב־נו, לבנו — אוי, לעב־בד־ד, לעבדך באַ־אַ־מת, באַ־מת, באמ־ת, טאַטע פאַטער.

דער געדריידלטער ניגון פלאַטערט פאַרבענקט אין דער טיפער בלאַ־צעשייַנ־טער נאַכט־שטילקייט און ווערט פאַרכאַפּט אין גדלות־געהויבענעם שטעל פונעם פריילעך־אומעטיקן פלאַגער־לידל וואָס האָט געשמט אין גאַנצן לאַנד גאַליציע:

„אוי, בין עך מיר אַ פלאַגערל,
אַ ווילט און אַ פייַנס:
אַ פלאַגערל מלא חן און דעם קייזער דינען מוזטו גייַן.
אוי, ווייַ, אַ זעלנערל, אַ ייִדיש קינד,
אַ שווערדל מיט אַ בלויען שרינט!
קלאָגט די מאַמע מיט געוויין:
אוי, דעם קייזער דינען מוזטו גיין!
אַ פלאַגערל מלא חן און דעם קייזער דינען מוזטו גייַן."

דאָס יונגע האַרץ איז שוין פול אָנגעזאַפּט מיטן זיסן בענקעניש פון די דרימלענדיק־צעבליטע ביימער, חלומדיק אין נאַכט־שווייַגן פון די פאַרהוילענע מזלות און די פלאַגערס זינגען שוין מיט פאַרטרויערטן ניגון־געדריידל פון האַרצקלעמעניש:

„השכיבנו, איי איי, השכיבנו לשלום
והעמידנו לחיים, אוי, לחיים טובים."

נאָר מיט אַ מאָל טוט אַ פלאַקער די באַרוישטע פרייד פון הייסן געמיט און זיי כאַפּן אונטער מיט האַפערדיק צעטראַגענע קולות אַלע אין איינעם:

„האָסטו ביילע, גוטן מעד,
גיב זשע מיר דעם הייבער:
ווילסטו מיינען, אַז ס׳איז שוין שפּעט
צוועלף ערשט איז דער זייגער.״

פֿונעם טיף־בלאָען אויסגעשטערנטן הימל־געצעלט ווי אָנגעזעצט מיט צע־פֿינקלטע דימענטן, קוקט אַראָפּ דאָס פֿולע בלייך־צעשמייכלטע לבֿנה־פּנים מיט קילן חלום־גלאַנץ, וואָס שפּיגלט אַ זילבערן טעלערל אויף שיפֿע, שוואַרצע פֿענצטער־שויבן, ווי אַ יענעוועלטיק־פֿאַרהוילענע בלינונג. ערגעץ וועקט זיך אַ נאַכטיקער שפּילפֿויגל מיט זיין זינגענדיקן געשריי און ווילעריש פֿאַרצויגן דאָס פֿריילעך־געפֿעפֿערטע גאַליציאַנער לידל, וואָס די פֿלאַגערס זינגען אונטער די שטוב־פֿענצטער פֿון די כּלה־מיידן:

„אוי דער קיסר הייסט פֿראַיעס־יאָסל,
דער חתן וווינט אין גוישן געסל,
אין שטעטל איז אַ חתונה,
אין דאָרף איז אַ שׂריפֿה,
מיפֿירט די כּלה — — —״

— שאַ, שאַ, חבֿרה באַטיאַרן, געוואַלד, דער זשאַנדאַר גייט!

— או וואַ, גוט און וויל. נו, מ׳דאַרף אים בעסער אָנרייבן אַ מאָרדע. קינדער, לאָמיר אים נעמען אויף דער האַצקע.

גאַווהדיק־געשטרעקט, מיט געלע, לאַנגע פֿאַרדרייטע וואָנצעס, אויסגעסטראַיעט אין גרינעם מונדיר, מיט די מעשענע קנעפּ, וואָס פֿינקלען גילדן אין מאַטן לבֿנה־ליכט, שפּאַנט שטרענג מיט געמאָסטענע טריט, פּאַן אַלעקסי שטשופּאַק, דער שטעטל־זשאַנדאַר. די ביקס אויפֿן אַקסל, די ברייטע שווערד אָנגעגורט אויף די שטאַרקע לענדן, און זיין מוראדיק שוואַרצער שאָטן שניידט זיך לאַנג און שאַרף איבערן בלייכן, שטילן וועג. אויפֿן הויכן זשמוט גילדענע האָן־פֿעדערן, וואָס אויף זיין גרינעם הוט, ציטערט ווי דימענט־פֿליטערלעך דער גלאַנציקער שטערן־שיין פֿון דער זילבערדיק־בלאָער הימל־טיפֿקייט. זיין וואַכער בליק נישטערט מיט גרינלעכן שמאָלן פֿלעמל־שיין ווי אַ גרימיקער קאָטער, וואָס לאָקערט אין דער נאַכט־שטילקייט איבער די געשפּיצטע שינדל־דעכער פֿון שלאָפֿנדיקע ייִדישע הייזלעך.

— אהאַ, פּשיאַקרעוו, די זשידקעס פֿלאַגערס טוען שוין אָפּ דאָ מעשׂים אין שטעטל. מ׳טאָר נישט ברעכן ס׳געזעץ. ס׳דאַרף זיין רו און אָרדענונג, לויט דעם קיסרס געבאָט!

ער האָט בדעה צו כאַפּן די פֿלאַגערס, צו פֿאַרשרייבן זייערע נעמען אין זיין ביכעלע און דערנאָך זיי צו מאַכן אַ קלאַגע קיין זלאָטשעוו צום געריכט, אַז

מען זאָל באַשטראָפֿן און אײַנזעצן אין אַרעשט אויף זעקס חדשים. נאָר אין שול־געסל טוען פֿלוצעם די חבֿרה פֿלאַגערס אַ שפּרונג אויף אים פֿון אַלע זײַטן. זיי וואַרפֿן אים אַרויף אַ זאַק איבערן קאָפּ, ברעכן אים גוט אַן די ביינער, פֿאַרשטאָפּן אים ס'מויל מיט אַ שמאַטע־קנײדל, בינדן אים מיט אַ שטריק, ווי אַ באָק, און מאַכן אים אַ בײַנאַכטיקע לוויה אויף קאַטאָוועס. צעלייגט אויף אַ לאָקשן־ברעט און איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, טראָגט מען אים אויף די אַקסל ווי אַ מת און מען קלאַפּט מיט אַ פֿלאַקן אין אַ בלעכערנעם טאַץ: צדקה טראַסק. דערנאָך לייגט מען אים אַוועק אויפֿן גרויסן שטיין אין מיטן מאַרק, אַ בעזעם אַנגעגורט אויף די לענדן אַנשטאָט דער שווערד און אַ קאָטשערע אין די הענט אַנשטאָט דער ביקס. מען איז אים מספּיד מיט ליצנותדיק געפּעפּערטע ווערטלעך צום וויינענדיקן ניגון און צום גראַם און מען זאָגט אים אַז מיטן האַרבן וואָרט:

— פּאַניע וואַכמײַסטער, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? מיט אונדזערע ראַדזינער פֿלאַגערס טאָר מען זיך נישט שפּילן... געדענק־זשע!

און זיי צעלויפֿן זיך, איטלעכער אַ היים, אַפּעסן וועטשערע, וואָס די מאַמעס האָבן זיי אָנגעגרייט אין די גרויסע ערדענע געקעכץ־טעפּ און זיך לייגן געשמאַק שלאָפֿן, ביז אין ליכטיקן טאָג אַרײַן. — היי, היי, פֿלאַגערס... פֿלאַגערס...

# גאַליציאַנער ייִדן

## דער טעמפּער גליווער,

וואָס האָט גראָ געשטאַנט אויף די פּנימער פֿון דעם צונויפֿגעדרענגטן געזעמל שטעטלשע ייִדן, האָט געהויערט מיט אַזאַ שווערן קלעם פֿון שטומער פֿאַר־לוירנקייט, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט דאָס זיי זײַנען אויסגעהאַקט פֿון שטיין.

זיי זײַנען געשטאַנען, ווי נעפּלדיק־פֿאַרהוילן אין טונקעלן ווינקל פֿון דער אַנגערייכערטער גמינע־שטוב, צונויפֿגעשטופּט קאָפּ־צו־קאָפּ, מיט די בלויזע האָריק־צעשויבערטע קעפּ, די שעפּסענע פּעל־היטלען פֿאַרקנייטשט אין אַ האַנט, די צעריסענע און געלאַטעטע טיזליקעס פֿאַרגאַרטלטע מיט שטריק, יונג און אַלט, טאַטעס און זין, באָרדיק־צעקנאָדערטע פּנימער, גלאַטע אָפּגעברענטע פּנימער, מיט אָנגעדרודלטע נעז, ווי ברוגזע מחותנים. ווי וויל די לײַט זײַנען געווען, היימישע מענטשן, אָנגעקערטע, שכנים, שותּפֿים און אַלע אין איינעם פֿאַרקניפּט אין דעם זעלבן פֿינצטערן גורל פֿון די רדיפֿות, האָט אָבער שוין אָנגעהויבן אין די פֿאַרלאָשענע אויגן צו שפּיזלען אַ גרימיק פֿײַערל פֿון נמאוסע בליקן, גלײַך זיי וואָלטן פֿאַרגעסן, ווער זיי זײַנען און, עפּעס, ווי פּרעמדע מחבלים, כּוח געהאַט דאָ איינער אויפֿן אַנדערן אויסצולאָזן דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ. זיי האָבן זיך גענומען קריגן מיט צעכּעסטע שטעכ־ווערטלעך:

— לאָז נאָר, דו, לייזער, זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָ אַנידערגעשטעלט אין מיטן דרינען, ווי אַ ליימענער גולם און וויל זעך נישט אַ ריר טאָן, כאַטש גיב אים אַכצן קרענק, שונאי־ציון. רוק דעך אַ ביסל, לייזער, וואָרעם עד האָק דיר אויס אַ צאָן.

— האַ? ווּעַ? הערש, צי ווּעמען רעדסטו אַזוי שיין, די לעקיש־בער. סוקצט אים נאַר אָן־אָ. טו בעסער אַכטונג, אַז כ'זאָל דיר נישט אַ טאַפּ טאָן די זשאַבּרעס וועסטו זעך זען מיט דער עלטער באַבע.

— וואָס שטופּט איר אײַך אַזוי? ישׂראל אליהו? איר מיינט אַפּנים איר זענט דאָ אַליין אויפֿן יאַריד, צי וואָס?

— ווער? עך שטופּ מעך? אַז אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטן, דו קרימינאַל־ניק, שטייט און שטויסט מיטן קאָפּ, ווי אַן אָקס און זאָגט גאָר אויף מיר, הע, עכל דיר דאָ באַלד אָפּשפּילן אַ דאַברידען, אַז וועסט מעך האָבן צו געדענקען.

— טאַקע? אַזוי? זער נאַר, ס'געפֿעלט אים נישט. נו מעגט איר מעך... אויפֿן הויכן... איר הערט, רב ישׂראל אליהו?

— נאַ דיר!

צעפּאַכעטע הענט האָבן זיך אַ הייב געטאָן איבער די צונויפֿגעשטופּטע קעפּ. די פֿאַרקרימטע מײַלער האָבן זיך אַרײַנגעשריגן די זילזול־ווערטער אַזוי נאָענט אײנער אין דעם אַנדערנס צעפֿלאַמטן פּנים, אַז די צאָרנדיקע אָטעמס האָבן געברענט די אויגן מיט פֿינצטערן נעפּל.

— ציכאָ, שאַ, זשידי, פּשאַקרעוו! — האָט אַ געשריי געטאָן דער פּוילישער וואַרטע־זעלנער מיטן געלאָדענעם ביקס, אָנגעשטעלט אין ביידע הענט. — שטיל זאָל זײַן, ווײַל מען וועט אײַך אַלעמען באַלד דערשיסן.

דער גרוילעכער טומל איז פֿאַרשטומט געוואָרן און ישׂראל אליהו דער בעדער האָט געביטערט מיט זײַן האַרבן ביטול־שמייכל.

— שטייען און קריגן זיך, ווי די ווײַבער; אָבער נעמט בעסער און שלאָגט דאָ אויס די פֿענצטער. הערט איר ייִדן, עך זאָג מײַנס, לאָמיר די זעלנער דאָ צעכמאַליען די טריפֿה מאָרדעס, אַז זיי זאָלן זיך באַגיסן מיט דער רויטער יוכע און לאָמיר אַ היים גיין עסן אָנבײַסן. עך בין שוין טאַקע גוט הונגעריק, כ'לעבן, אַז כ'האָב נאָך הײַנט אַפֿילו נישט געדאַווענט.

מען האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ חסר־דעה. די פּוילישע וואַרטע־זעלנער מיט די געלאָדענע ביקסן אין די הענט, זײַנען געשטאַנען בײַ דער טיר און מיט בייזן בליק, ווי בײַ גרימיקע הינט, געהיט די ייִדן, אַז קיינער זאָל נישט פּרוּוון אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, אַזוי פֿון נעכטן בײַ נאַכט אָן, ווען פּויליש מיליטער האָט פֿאַרכאַפּט דאָס גאַליציש שטעטל און מען האָט צונויפֿגעטריבן די ייִדן אין קויטיקן גמינע־הויז, כּדי זיי צו נעמען צו די זעלנער. מען האָט אָבער שוין געהערט, אַז די פּאָליאַקן נעמען אַוועק די ייִדן בלויז צו צוואַנג־אַרבעט ערגעץ צו זייערע מלחמה־פֿראָנטן, הינטער לעמבערג, אַז די ייִדן מוזן דאָרט האַקן שטיינער פֿון די סקאַלעס, גראָבן אָקאָפּעס, אויסהאַקן ביימער אין די וועלדער, אַז מען הויזט אין גריבער אין פֿרײַען פֿעלד און מען ווערט דאָרט געשלאָגן און געפּײַניקט און אַז מען גיט נישט קיין עסן. מען הונגערט און מען פֿרירט.

— ייִדן, געוואַלד, לאָמיר זיך בונטעווען — שרײַט ישׂראל אליהו דער בעדער מיט אַ מוראַדיק קול. ער פאָכעט מיט ביידע הענט אין דער לופטן, טרעסעט מיט כּוח די צעשויבערטע באָרד, ווי אַ לייבן־גריווע, אַז די לײַט ווערן אונטער־געטראָגן פונעם אָרט, מיט צעהיצטן אויפברויז אין די געבליטן.

— אַנו, אַנו, רבֿ ישׂראל אליהו — גיט מען אים אונטער חשק — איר זענט דאָך עפּעס אַ גאַנצער מאַכער, זײַט־זשע איר אַ וווילער יונג און הייבט איר אָן דער ערשטער זיך צו בונטעווען.

— וואָס עפּעס עד איינער אַליין ? — עד אַליין זאָל מיר אײַנשטעלן דאָס לעבן ? אַלע לאָמיר זיך אַ נעם טאָן, אַלע אין איינעם. אַז אַ בראַנד פײַער...

— קומט ייִדן !

דער צונויפגעדרענגטער עולם האָט זיך מיט אַ מאָל אַ שפּאַר־געטאָן פאָרויס צו דער טיר. נאָר די וואָרטע־זעלנער האָבן אויכעט געטאָן אַ שפּאָן פאָרויס מיט די ביקסן אין ביידע הענט, די באַגנעטן נידעריק און סכּנותדיק בליציק, אָנגעשטעלט צו די בײַכער און טריט בײַ טריט צוריקגעדרענגט דעם צערודערטן געזעמל ייִדן.

— צוריק, צוריק, זשידי ! מ׳וועט שיסן.

די לײַט זײַנען שוין ווידער געשטאַנען אויף זייער אָרט, אָפּהענטיק, מיט פאַרקלעמטע אָטעמס און בלייך־געשאָטנטע פּנימער, ווי פאַרהילט מיט עפּעס אַ פאַרהוילענעם חרפּה־וואָלקן.

— מילא, אַז אַ מיתה משונה אויף זיי. מען מוז שוין צוּוואַרטן. אפשר וועט מען שפּעטער זען וואָס צו טאָן, — האָט עמעץ טרויעריק אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, יאָ, שפּעטער, — גרימט ישׂראל אליהו מיטן באַטריבט־צעשאָקלטן קאָפּ — מ׳וועט אײַך שוין שפּעטער דאָ טרײַבערן די געדערעם, נישט קשה.

ער פאַררייכערט זײַן לאַנגן לולקע־ציביק, וואָס אויפן ווײַסן פאַרצעלייענעם טאָפּ איז אויסגעמאָלן דער רויטער קאָפּ פון אַ ציגײַנער מיט אַ גרויסן רינג אין איין אויער. ער פּיפּקעט מיט כּוח, שלינגט הנאהדיק דעם ביטערן טיטון־רויך אויפן ניכטערנעם מאָגן, לאָזט וואָלקנס רויך דורך דער ברייטער נאָז צעליגט איבער דער אייבערשטער לעפּ און אויסגעשפּיצט מיט אַ שאַרפן בויג, ווי דער שנאָבל פון אַ שפּאַרבער און צעטראָגן בייזערט ער זיך אויף זײַנע צוויי בנים, משה יאַנקל און נחום, וואָס האָבן דאָ, אין מיטן דרינען, געשמאַק געגעסן, קנײַפּנדיק בגנבֿה פון די קעשענעס, עפּעס פאַרדעכטיקטן קעלבאָס, מיט אַ טריפה פעטן ריח :

— געוואַלד, הילטײַעס, מאַקאַבונדעס, באַטיאַרן ! מען מעג, האַ ? מען מעג פרעסן אַז אַ היטל, אומגעדאַוונט, אומגעוואַשן ? זאָגט נאָר טײַערע זינדעלעך מײַנע, אַ ברכה האָט מען כאָטש געמאַכט ? אַבי מ׳איז געגאַנגען אין חדר, אַבי ער האָט פון זיך געצויגן די קליי צו צאָלן שׂכר־לימוד. אַז אַזוינע געזונטע איוואַנעס ווילן נישט פאָלגן אַ טאַטן. ער וואָלט זיי כּוח געהאַט אריבערצולייגן

איבער אַ קני און אַנשמײַסן מיטן רימען — טוט ער זיך צעפּלאַמט פון צע־כעסטן אָנשטעל, אַ כאַפּ פאַר די הויזן. — יאַ, יאַ, די בײנער וועט ער זיי אָנברעכן — שרײַט ער מיט ירגזון.

נאָר די בנים הערן אים ווי די קאַץ. זיי האָבן שוין פון לאַנג אָן נישט קיין מורא פאַרן טאַטן צו טאָן, וואָס עס געפעלט זיי, ווייל דער עלטערער, משה יאַנקל, קורץ און גראָב, קײַלעכדיק ווי אַ פעסל, און דער יִינגערער, נחום, לאַנג און שטאַרק ווי אַ דראַנג, און ביידע מיט דעמבענע קאַרקן און פרײלעך צעגלאַנצטע אויגן טיף אונטער די קורצע שטערנס מיט האַרטע שויבערס, געראָטן אין טאַטן, לאַכן אים אין פּנים אַרײַן, ווינקען צו אים ווילעריש מיט אַ שפּאַטיש־צעשמייכלט פאַרקרימט אויג, ווי צו אַ גוטן ברודער און קײַענדיק מיט פולע באַקן טוען זיי אים אַ פאַר אַפּ:

— שאַ, שאַ, טאַטע, קוק אים נאָר אָן אַ... דו זײַ בעסער נישט קיין שוואַנץ־מלמד, וואָס פילדערט ער אַזוי? אַלעמײַ פלעגט ער אַליין אַמאָל עסן אַ כשרן חזיר־זאַדעק מיט געפּרעגלטע האָזן־פולקעס און פאַרביסן מיט געבראָטענע פערד־קניידלעך, אַ מחיה... נאַדיר, ווילסט פאַרזוכן אַ שטיקל קעלבאַס? ס'איז גוט, שעם דער נישט טאַטע, נעם, כאַפּ אַ ביס. האָב נישט קיין מורא!

— אוי אַ נבֿפה, מען מאַכט חוזק פון אַן אייגענעם טאַטן. אַז אויסגערונען האָבן זיי געזאָלט ווערן אין דער מאַמעס בויך, די יִינגאַטשעס זײַנע — האָט ישׂראל אליהו גוטמוטיק געשאָלטן אויף קאַטאַוועס, נאָר אין דער פאַרבאָרגע־ניש פון זײַן פאַטערלעך גוט האַרץ, האָט ער שוין געשעפּט נחת פון זײַנע געראָטענע בנים און געטײַטלט מיטן לולקע־ציבעק צו די מענטשן, כלומרשט באַקלאָגט זיך מיט פאַרביטערט צעשאָקלטן קאָפּ:

— הײַ־הײַ, אָך, אָך, נו, אַ וועלט הײַנט מיט קינדער... צוויי גויעצן האָט ער אויפגעבאַוועט. מ'זינדיקט אויפן שטיק. מ'טוט עבֿירות אויף וואָס די וועלט שטייט. מ'האָט דען יהדות אין האַרצן? איז דען אַ חידוש, וואָס קליינע קינדער שטאַרבן נעבעך פון צײַן־ווייטיק. מען האָט שוין געהערט יענע מעשׂה? איין מאָל איז אַן עקרה געקומען צום רבין מיט אַ קוויטל אַרויסנעמען אַ ברכה, אַז זי זאָל האָבן קינדער. טוט דער רבי אַ הייב אויף די אויגן און אַ קוק אויפן ווײַבל: דאַרפסט זיסיל בת זרח, מאַכט ער, קום נאָר אַהער נעענטער אַ ביסל, וואָס האַסטו אָט אַ דאָ? הכלל דער הייליקער צדיק האָט אויף איר אַרויפגעלייגט די הענט, כּדי זי צו בענטשן און טאַקע באַוויזן אַ מופת... וואָס מיינט איר? פּונקט צום יאָר איז די עקרה געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן־זכר צו מזל... מיטן רבינס כּוח, מיטן רבינס כּוח אוודאי, ווו דען?

ישׂראל אליהו טרעסעט פרײלעך מיט זײַן צעשויבערטער לייבן־גריווע־באָרד. זײַנע אויגן בליצן מיט שפּאַטישע פלאַמעלעך, מיט שאַרפער צונג און מענע־ריש־גרייזלעכע אָנצוהערענישן, טוט ער שיטן קלוגע גלײַכווערטלעך, הוראות, משלים און געפּעפּערטע וויצן, אויף זײַן געמיטלעך־גרינגן, פאַרגרעבטן שטייגער, אַז אַ קאַזאַק קאָן רויט ווערן פון בושה.

ער האָט דאָ אַ גוטן עולם. די געמיינע־לײַט אָרום אים אין ענגן רעדל, קוקן אים אין מויל אַרײַן, ווי אַ דרשן, האָרכן מיט הייסן תענוג, לאַכן הילכיק מיט גלוסטיק־פֿאַרוואַרפֿענע קעפּ, ביז פֿולע אויגן מיט פֿרייד־טרערן. וואָרעם ישׂראל אליהו דערציילט נישט בלויז זײַנע מעשׂיות מיט פּראָסטע ווערטער, נײַערט ער טוט זייער גענױ זיך נאָכקרימען די הוויות פֿון די פּאַרשוינען, מיט אַלע הנדלעך און קנייטשלעך, ווײַל אין די בחורשע יאָרן איז ער געמלעך געווען אַ פֿײַפֿער בײַ די קלעזמער, אַ משורר בײַם חזן, אַ בעלפֿער, אַ חוזק־מאַכער און אַפֿילו אַ שטיקל בדחן. בײַ די פּורים־שפּילער פֿלעגט ער זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ נקבֿה אין דער ראָל פֿון ושתּי המלכּה אין אַ ברייטן רויטן שלעפּקלייד, מיט אויסגעשטאָפּטע ברוסטן, אַ האָרן אויפֿן שטערן און אַ גילדענע קרוין אויפֿן שמויגער. אויבעט האָט ער געקאָנט זאָגן גראַמען, מאַכן קונצן און ליב געהאַט אַ גוטן טרונק בראַנפֿן.

אַצינד טוט ישׂראל אליהו גאַווהדיק אַ שטרעק זײַן מעכטיק געשטאַלט, טענצלט אונטער, פֿאַרצוקט מיט אַ ווילערישן צונויפֿקנאַק די קנאַפּל פֿון די שטיוול, אַ צעשמייכלטן דריי מיט אויסגעשפּיצטע פֿינגער די וואָנצן און מיט אַ פּריציש נויג די האַנט אויפֿן האַרץ און מיט נעפּל־פֿאַרגלאָצטע אויגן, פֿול זיסקייט און גלוסטיקן בענקעניש, מאַכט ער נאָד, ווי אַזוי אַ שנײַדער־געזעל שפּילט שבת נאָכן קוגל, אַ ליבע מיט אַ צעהנדלטער דינסט־מויד. דערנאָך הויקערט ער די פּלייצע, צעקרימט דאָס פּנים מיט גרויס געיאָמער און מאַכט נאָד, ווי אַ וויינענדיקע ידענע זאָגט די תּחינה און רעכנט אויס די נשמות, בײַ קנײַטלעך לייגן, ערבֿ יום הקדוש. ער מאַכט אַ פֿרום פֿאַרדבֿקהטע מינע שטעלט פֿאַר אַ חסיד נאָכן יאַריד, אין דער האַרבעריק, ווי ער שאָקלט זיך בײַם דאַווענען מינחה־מעריבֿ, מיט פֿרום־פֿאַרגלאָצטע אויגן, פּאַטשט אַ וואַנט און ער האָט גאָר אין זינען אַן עבֿירה צו טאָן מיט אַ שיינער נקבֿה.

— פֿע... אַ טפֿי זאָל ער ווערן, דער לץ, אַז אַ ייִד אין די יאָרן זאָל נישט האָבן קיין חרפּה און קיין בושה אין זײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן... אַזאַ גראָבער יונג. שטייט און שפּעט פֿון גאָט און לײַט... אַז די צונג מעג אים שוין אָפּגעדאַרט ווערן — טוט דער אַלטער חנא איצי דער מלמד מיט דער יאַרמולקע אויסגע־שפּיצט איבערן ברייטן צעאַקערטן למדן־שטערן אַ נמאוסן שפּײַ פֿון עגמת־נפֿש. ווי וויל דער גאָטפֿאַרכטיקער זקן איז בטבֿע מילדער פֿון אַ לאָם און לײַטזעליקער פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם צדיק, טוט אים אָבער זייער פֿאַרדריסן ישׂראל אליהוס ביטול און שפּאָט פֿון חסידים און גוטע ייִדן. זײַן גרײַזגראָע באָרד איז זײַטיק אונטערגעהויבן מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ פֿון רוגזה און דאָס איידל־געבלייכטע פּאַרמעט־פּנים איז האַרב געררייטלט מיט ברענענדיקן כּעס פֿון אַ תּלמיד־חכם:

— ישׂראל אליהו, דו ממזר, זײַ שטיל, ווײַל וועסט ברענען און בראָטן אין גיהנום — זאָגט ער מיט צער און וואָרנט מיט אַ פֿינגער.

— רב חנא איצי — מאַכט ישראל אליהו מיט אַ גריילעך פֿאַרשטערטן כריפּ, ווי אַ האָז, ווען מען האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן קרייען — הערט איר, רבי ס'איז אײַער מערכה, וואָס כ'בין אַ מאָל געווען בײַ אײַך אַ תּלמיד אין חדר. אַנישט, וואָלט איך אײַך דאָ נישט פֿאַרשוויגן די העזה. ווי זאָגט דער פּסוק: ויקהל פּקודי, האַצקי נאָ קלאַצקי... איר געדענקט רבי? אשה אַז אשה, כּי אַז, תזריע אַז זי וועט זײַען, וילדה און זי וועט געווינען, זכר אַ זכר. איז דער דין אַזוי... כע־כע־כע.

— האַ! וואָס?... די הייליקע תּורה ביזטו שוין אויכעט מבֿזה! די שייגאָץ אײַנער, שמדעלניק, כ'על דער אויסרײַסן, די הידאַמאַק... — טוט דער מלמד אַ געוואַלטיקן געשריי און מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט, די אויגן צעפֿײַערט פֿון צאָרנדיקן אײַפֿער, וואַרפֿט ער זיך יענעם אַ פּאַטש טאָן אין פּנים, אַז עס זאָל דאָרט בלײַבן אַ צייכן־פֿלאַם פֿון אַלע פֿינף פֿינגער, ווי אַמאָל, אַמאָל, אין חדר, ווען דאָס פֿאַרשייטע ייִנגל האָט נישט געוואָלט אַרײַנקוקן אין חומש און לערנען די סדרה, נאָר אַרויסקוקן אין דרויסן דורכן פֿענצטער און זען, ווי די פֿייגל פֿליִען און נאָכגעזאָגט דעם פּסוק קאַפּידער.

מען מישט זיך אַרײַן מיט ווייכע רייד און מען צענעמט די שטרײַטער:

— נו, נו, ייִדן, קריגט אײַך נישט, ווייסער דאָרט וואָס... לאָזט געמאַך.

ווײַל ווי וויל די לײַט האָבן זייער געאַכפּערט חנא איצי דעם מלמד פֿון וועגן זײַן גרויסן לומדות און פֿרומקייט, אויכעט איז ער אַ חסיד און אַ מקובל, וואָס וויל ברענגען משיח און אַ שליח־ציבור אין קלויז, האָט מען אָבער ליב ישראל אליהון דעם בעדער, צוליב זײַנע גלײַכוווערטלעך און פֿריילעכקייט. אויכעט איז ער אַ שערער, אַ שמש אין פּראָסטן שולכל, ער פֿאַרעכט שטרײַמלעך און קאָן האָקן, אָדער שטעלן באַנקעס און פּיאַווקעס חולאים און אַפֿילו רײַסן ציין און ער קריצט שיינע מצבֿות מיט דורכנדיקע הענט און שטיינערנע רייזעלעך.

חנא איצי דער מלמד און ישראל אליהו דער בעדער זענען פֿול אין אַלע ייִדישע שטעטל־שטיבער. זיי ווייסן די סודות פֿון אַלע שווערע הערצער, זיי גיבן איטלעכן אַ גוטע עצה, זענען מחותנים בײַ אַלע שמחות, זענען חבֿרה־קדישא־לײַט בײַ אַלע לוויות, און פֿאַרהאַרעוועטע אָרעמע־לײַט, געפּרוווטע מיט ייִדישע צרות.

—ייִדן — שרײַט חנא איצי מיט אַ געוואַלטיק קול — כ'האָב אײַערע טאַטעס אויך, און אײַערע זין, אויסגעלערנט בײַ מיר אין חדר אַ שײַטל עבֿרי צי ניין? כ'האָב אײַך אַרײַנגעהאַקט אין די פֿאַרשטאָפּטע קעפּ אַ פּרשה חומש מיט רש"י צי נישט? אַלע זענט איר געווען מײַנע תּלמידים! כ'האָב אײַך געשמיסן מיטן קאַנטשיק, אַז דער רוח האָט אײַך גענומען! כ'בין געווען אַ גוטער רבי, האַ? זאָגט עדות, ממזרים, פֿערד־גנבֿים, וואָרעם כ'וועל אײַך דאָ אויסקנײַפּן די נשמה.

— יא, יא, רבי! כ'זאל אזוי האבן א גוט יאר! — פילדערן די לייט ערפארכטיק, מיט ווערדיק־צעשאקלטע קעפ: מ'האט געלערנט דאוועגען און חומש מיט רש"י אז ס'איז געגאנגען א רויך. יא, יא, אוודאי, ווע דען.

— איי־איי־איי, היי־היי, אין חדר, ווו־דען, די הייליקע תורה, נו, נו, אוודע. איר זענט גערעכט, רבי מ'איז דאך עפעס יידן.

ישראל אליהו טוט ווידערשפעניק א ווארף דעם קאפ, גלייך ער וואלט מורא געהאט, אז ער קאן דא פארשפילן אין קאן זיין גאנצן כבוד.

— יידן — טוט ער א געשריי מיט א הילכיקן קול, אז עס ציטערן די ווענט — עד מאד אייך אלע פרייטיק א היים מרחץ? א יא צי ניין? זאגט, רעדט א ווארט! מען געדענקט דעם שוויץ פאראיארן ערב פסח? א שריפה, א ברען. א גיהנום האב עד דאך געמאכט, אז א רוח אין קהלם טאטן! איר האט אייך גוט מחיה געווען די ביינער, צי נישט?

— יא, יא, ישראל אליהו, גערעכט כ'לעבן, א גדולה אויף דיין קאפ, וועסט האבן א ליכטיקן גן־עדן. א טייערער שוויץ, טע־טע־טע.

נאר פארט האלטן זיי מער מיט חנא איצי דעם מלמד גלייך דער נשמהדיקער תענוג איז זיי ליבער, ווי ישראל אליהוס גוטער שוויץ. זיי רעדן און גרעגערן אלע אין איינעם האפעדיק צעשמייכלט און צעהיצט, מיט גערייטלטע פנימער, ווען זיי דערמאנען זיך די פריידיקע קינדער־יארן און די שפיצלעך, וואס מען פלעגט אפטאן דעם מלמד אין חדר. מיטן רבינס שטריימל האבן זיי פארשטעקט דעם קוימען. דער רביצין האבן זיי אריינגעווארפן א מייזל אין טשאלנט, די גמרות האבן זיי באהאלטן אויפן בוידעם. און איין מאל האבן די חדר־יינגלעך אפילו אונטערגעצונדן דעם דאך פונעם רבינס שטוב און אפגעלאשן די שריפה מיטן פאמעשאף, אז חנא איצי דער מלמד האט זיי געפאטשט ביז בלוט פון די נעז און זיי געשטעלט אין קונע פאר א גאנצן טאג.

— כ'האב דער דענצמאל גוט געקאטעוועט, הא? ישראל אליהו, געדענקסט?

— מאכט דער מלמד מיט א נחתדיק־צעשייגטן ניצחון־שמייכל, געטיפט אין אלע שארפע קנייטשלעך אויף זיין פארמעט־געלן זקן־פנים.

— אי, יא, יא, עד געדענק, רבי, עד געדענק גוט. ס'טוט מיר נאך היינט ווי א זייט פון די קלעפ. אי, האב עד אריינגעכאפט... — מוז ישראל אליהו מודה זיין און ס'קומען אים אזש אין די אויגן צערטלעכע פרייד־טרערן פון דער חלומדיקער דערמאנונג אין די ליכטיקע קינדער־טעג און מיט זיין טיפן ברוסטיקן ניגון־קול נעמט ער אצינד צוען פארבענקט דעם ליב־הארציקן ארויסזאג פון א פסוק חומש, וואס ער האט קיינמאל נישט פארגעסן:

— כנשר, אזוי ווי דער אדלער, וואס טוט טאן פליען זייער הייך אונטערן הימל, טראגט ער דאך, ווי א געטרייער פאטער זיינע יינגע אדלערלעך אויף די אויסגעשפרייטע פליגל איבער די שפיציקע געבערג־פעלדזן, אז זיי זאלן חלילה נישט אראפפאלן און געטייט ווערן, נייערט, אז ער זאל זיי טאן ברענגען בשלום אין ד־ע־ד נע־ע־סט א־ריי־ן... אזוי...

אויכעט בײַ די לײַט זענען די דעמבענע ביינער אַזוי צעשרויפט פון די גוטע זכרונות, אַז די אויגן זענען זיי אָנגעפּלייצט מיט האַרבע פרייד־טרערן און מיט פאַרבענקטע הערצער, העלפן זיי אונטער ישראל אליהון זינגען דעם פּסוק חומש.

נאָר פּלוצעם טוט ישראל אליהו אַ גאַוואַלדיקן טרעסע מיט דער לייבן־גריווע באָרד און אַ צעשטויס מיט די עלנבויגנס דעם געזעמל מענטשן:

— לאָזט נאָר מער, רבי, קומט נאָר מיט מיר — טוט ער אַ זאָג, מיט עפּעס אַ ליצנותדיקן אָנשטעל, אַז די לײַט ווערן פאַרכאַפּט פון נײַגער, וואָס ער וויל דאָ טאָן.

ביידע ייִדן גענענען זיך צו דער טיר, ווו ס'שטייט דער וואָרטע־זעלנער מיטן שווערן העלם, ווי אַן אײַזערנער טאָפּ אויפן קאָפּ, דעם געלאַדענעם ביקס אין ביידע הענט, אַ פינגער אויפן שיס־צינגל, גרייט יעדע מינוט דאָס אַ דריק צו טאָן, אַז עס זאָל אַ פײַער טאָן מיט טויט.

ישראל אליהו טוט אים אַ פרעג:

— זאָג נאָר דו, וואָס ביסטו, אַ זעלנער צי אַ פערדווײַדל, אַ? ווי אַזוי שטייסטו וואַרטע, אַ? באַטשנאַשטש! — טוט ער אויף אים אַ ברען מיט די אויגן און אַזאַ מוראַדיק־שטרענגן געשריי, מיט מיליטערישן באַפעל, אַז יענער טוט זיך אַ שטרעק, ווי אַ דראַנג און דערשראָקן אַ כאַפּ מיט די האַנט־פינגער צום שטערן־ווינקל: סאַלוט! און נאָך איידער דער זעלנער באַנעמט אין זײַן טעמפּן מוח, אַז דער ייִד טרײַבט קאַטאַוועס, ביז ער דערהערט די שפּאַט־געלעכטערס פון דעם געזעמל לײַט, האָט שוין ישראל אליהו אַז עפן געטאָן די טיר, איז אַרויס אין דרויסן און נאָך אים חנא איצי דער מלמד.

די צוויי ייִדן גייען אַראָפּ מיטן בערגל, אַריבער דעם ווײַס־פאַרשנייטן לײדיקן מאַרק, מיטן וועג צום שול־געסל, אַהיים. דער גראָ־געכמאַרעטער ווינטער־טאָג געפּלט מיט שווערן שטומשווײַגן. די קרום־פאַרשפּיצטע פענצטער פון די געהויקערטע ייִדישע שטעטלשטיבער מיט די בלאָ־געקאַלכטע ווענט, זענען בלינד אָנגעפרוירן מיט שניי־פראָסט. מען זעט נישט קיין מענטש אין דרויסן גלײַך דאָס לעבן איז פאַרזונקען געוואָרן אין עפּעס אַ טויטן דרימל, ווי אין אַ פאַרגליווערטן טײַך. ישראל אליהו שפּאַנט פאָרויס, מיט זײַנע גרויסע צע־דרייטע שטיוול און הינטער אים אײַלט חנא איצי דער מלמד, מיט דריבנע טריטלעך און אין דרייען געבויגן, דאָס שוואַרצע שעפּסענע היטל טיף אָנגערוקט איבער די אויערן, ביז אויף דער גרײַז־גראָער באָרד, איין האַנט אַרײַנגעשטעקט אין אַרבל פון דער אַנדערער.

— נו, רבי, ווי געפעלט אײַך די מעשה? כ'האָב אים אָפּגעטאָן אַ שיין שפּיצל דעם וואָרטע־זעלנער, האַ? דאָס הייסט אָפּגעטאָן אויף טערקיש, אַ יאָ? כאַ, כאַ, כאַ! — זאָגט ישראל אליהו און ער צעלאַכט זיך מיט אַזאַ הילכיקן קול, אַז אַ סטאַדע שוואַרצע וואָראָנעס טוט דערשראָקן אַ שוועב־אויף פון אַ שניי־אָנגעבעטן דאַך און פליט אַוועק, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן, זײַטיק איבערן

בײַכיק־ברייטן קלויסטערל, מיט די טאָפּל־געצלמטע ציבעלע־טורעמלעך שאַרף אויסגעשפּיצטע צום נידעריק געכמאַרעטן הימל־דעק.

— אוואַדע, וואָס דען, הונדערט יאָר זאָלסטו לעבן ישׂראל אליהו, האָסט דיר געקויפט אַ מצווה. עד האָב שוין געהאַט קיין כּוח אײַנצושטיין אויף די פיס. יאָ, יאָ, מ׳ווערט נישט יינגער. די יאָרן לויפן. כ׳בין שוין העכער אַ בן־תשעים, צו געזונט. הערסטו, קומען אין מיטן נאַכט אַרײַן אין שטוב אַ שײַקע שקצים מיט ביקסן און שלעפּן מעד אַרויס פונעם בעט, אַז כ׳זאָל מעד גאָר גיין אין דער גמינע שטעלן פאַר אַ זעלנער. משוגעים! רוצחים! פּלאָגן די ייִדן מיט רדיפות און גזירות, רויבן, גזלענען, רײַסן אַ פּאַס פון די אָרעמע לײַט. אײַ, אײַ, דו ווייסט, ווען ער בין מעד געגאַנגען שטעלן צו דער אַסענטירונג? ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען דער קיסר פראַנץ יאָזעף איז אַרויף אויפן טראָן. ס׳איז געווען נאָך איידער דײַן טאַטע איז געבוירן געוואָרן. מען האָט דעמאָלט גענומען בויען די נײַע שול. הײַנט איז די שול שוין ווידער אָפּגעברענט. אַך, אַך, צעשאָסן געוואָרן אין דער מלחמה. ער רעכן טאַקע, אַז מען וועט הײַ־יאָר מעטשישעם מוזן מאַכן דעם נײַעם דאַך. מען דאַרף זיך אַ נעם טאָן צו די באַלעבאַטים מיט די טײַסטערס, אַ יאָ? וואָס זאָגסטו? הער נאָר, ישׂראל אליהו! אַ וועלט הײַנט געוואָרן, האָ? אַ וועלט מיט מענטשן...

— ס׳איז טאַקע משיח־צײַט, כ׳לעבן.

— דו זאָגסט מיר, הע, הע, הע, אַפּנים אַז כ׳האָב דעך טאַקע נישט אומזיסט געקאַטעוועט מיטן קאַנטשיק, האָסט אַ גוט קעפּל, האָסט באַגערט צו לערנען תּורה, נאָר ביסט געווען אַ גרויסער מאַקאַבונד. אַך, יאָ, יאָ, ס׳איז משיח צײַט.

— ווען וועט ער קומען?

— במהרה בימינו. — טוט דער זקן אַ טענצל אונטער און פרייליך אַ פּליעסק אין די הענט. — ער וועט קומען משיח צדקינו.

אַ גוי קומט אַקעגן אין מיטן מאַרק, ער איז לאַנג ווי אַ דראַנג, אַ שווערער בעל־גוף אין אַ נײַעם געלן שאָפּענעם פעלץ, מיט אַ פוטערנעם ספּאַדעק אויפן קאָפּ. ער שפּאַנט פּאַוואָליע און גאַווהדיק, מיט לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע וואָנצן, ווי געלע צעפּ, מיט אײַז־צויטן אַנגעפרוירן איבער דער פראַסטיק גערייטלטער מאָרדע און פון דעם פעטן גלאַנצל אויף די פאַרשפּיצט־אויסגעגאָלטע באַקן־ביינער שײַנט ברייטע מנוחה, זעט און עשירות. ער וואַרפט אַ בייזן בליק פון זײַנע שינאהדיק־געגעפּלטע אויגן, ווי פאַרשטאַכענע בלאָטערס, אויף די צוויי שוואַרצלעכע ייִדן, גלײַך ער וויל זיי דורסן און אַז ער גייט פאַרבײַ זיי גאָר נאָענט, טוט ער מיטן פאַרשפּיצטן עלנבויגן זײַטיק, אַזאַ שטאַרקן שטויס חנא איצין אין ברוסט, אַז דער זקן טוט אַ פאַל אַוועק מיטן פּנים צו דער ערד. ישׂראל אליהו העלפט אים זיך אויפהייבן און אָפּמינטערן. דער אַלטער ייִד טוט אַ שווערן קרעכץ, אַנגעבויגן מיט אַ האַנט אויף אַ זײַט. —

אַי, וואָס אַ גוי, אַ גנבֿ קאָן, אַז אַ נכפּה אויף אים, ר'האָט מער שיר נישט טאַקע געממיתט.

ישראל אליהו איז בלייך געוואָרן. ער טוט אַ צעבעסטן טרעסע מיט דער לייבן־גריוועבאָרד און ווינקט מיט אַ זעטיק־צעפּלעמלט אויג ווי עפּעס אַ פריילעך אנצוהערעניש: — וואָרטס נאָר אוים, רבי, וועט איר זען עפּעס שיינס, — זאָגט ער מיט שפּעטיש פאַרקרימטע לעפּצן:

— העי דו באַלעבאָס, זײַ זשע מוחל, קום נאָר אַהער — שרײַט ישראל אליהו צום גוי און רופט אים מיט אַ פינגער. יענער קערט זיך אום, קומט צו און בייזערט מיט אַ גרימיק קווימשל: — אַ יאַקזשע, זשידי פאַרשאָלטענע, מ'טאָר דאָ נישט גיין אין מאַרק, ס'איז פאַרבאָטן. זשידי אַרוים פון אונדזער מלוכה, מ'וועט אײַך אַלע אויסשיסן... אַלע דערהרגענען, אַלע זשידעס... כ'גיי שוין אין גמינע רופן אַ פּאַטרול זעלנער.

— זע נאָר באַלעבאָס גוטער — מאַכט ישראל אליהו כּלומרשט לטובֿה און ווײַזט אים מיט אַ פינגער פון אונטן — טו נאָר אַ קוק, האָסט פאַרלוירן דעם סראַק פון די הויזן.

דער גוי טוט זיך דערשראָקן אַ קוק אום פון אונטן און איידער ער כאַפּט זיך, אַז דער ייִד טרײַבט מיט אים ליצנות, האָט אים ישראל אליהו אַזאַ מוראַדיקן זעץ געטאָן מיטן געבײַלטן קוליק פון אונטן אַרויף, זײַטיק אין דער געגאָלטער מאָרדע, אַז יענער טוט זיך אַ וואַקל, ווי אַ שיכּור, אַ בלוטיקן שפּײַ אין שניי אַרײַן און אַ דערשטווינטן כּריפּ: — אַוואַ... אַ יאַקזשע? וואָס איז עפּעס דאָס... — זײַן פעט פּרצוף איז אָנגעצונדן מיט אַ רויטן צאָרן־פלאַם. ער רײַבט די צעשלאָגענע מאָרדע מיט אַ האַנט און שווײַגט שווער און פינצטער.

— ס'איז גוט, אַ? דו חזיר־ווײַדל, מען מעג שלאָגן אַז אַלטן מאַן? מיט מיר שלאָג דער, דו סוקין סין — זאָגט אים ישראל אליהו מיטן הארבן וואָרט און ער טוט גיך אוים דעם טיזליק דעם שפּענצער און דאָס שעפּסענע היטל, בלײַבט שטיין באָרדיק צעשויבערט אין די בלויזע העמד־אַרבל און ער טוט מיט כּוח אַ צי די הויזן. אויבעט דער גוי האָט גיך אויסגעטאָן דעם פּעלץ און דעם ספּאָדעק פון קאָפּ. אַ רגע שטייען זיי זיך אַקעגן מיט געבוויגענע קעפּ מיט שינאהדיק־צעשפּיזלטע פײַער־בליקן, געהיט און מוראַדיק־וואָרנדיק, אויג אויף אויג, ווי צוויי אָנגעדרודלטע שטרײַט־העגער. דערנאָך טוט דער גוי דער ערשטער פּלוצעם אַ לויף אָן און אַ שטאַרקן שטוים מיטן קאָפּ, ווי אַ ביק, ישראל אליהון אונטערן האַרץ, אַז דער ייִד נעמט מיט הינטערווײַלעבצ־דיקע טריט זיך וואַקלען, אָט אָט פאַלט ער אַנידער. נאָר ער מינטערט זיך אָפּ אַ רגע, געגעענט זיך פּאַוואָליע און ער כאַפּט אַרום דעם גוי מיט ביידע הענט גלײַך ער וויל זיך מיט אים גוטברידערלעך האַלדזן, נאָר ער דריקט אים, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען פון אַלע זײַנע אָנגעדעמבטע כּוחות, אַז יענעם קנאַקן די ביינער אין לײַב. זיי ראַנגלען זיך, פאַלן צו דער ערד, קוילערן זיך פאַר־קנוילט, הייבן זיך ווידער אויף און נעמען איינער דעם אַנדערן שטום־צעסײַכט,

די ציין פֿאַרביסן, האָסן, זעצן, מיט די געביילטע קוליקעס אין די בייכער, אין די פּנימער, אין ברוסט מיט שווערע קלעפּ, ווי מיט דובינעס, אַ פּלעם אויף אַ פּלעם, אַ פּאַטש אויף אַ פּאַטש, אַ שטויס אויף אַ שטויס. אַט כאַפּט ישׂראל אליהו אַזאַ זעץ פֿונעם גויס קוליק נידעריק אין די גערדעם אַז ס'טוט אים אַ פֿינצטערן פֿלאַם אין די אויגן און ער פֿאַלט אַוועק צו דער ערד, אָן אָטעם. דער גוי טוט זיך אויף אים אַ לאָז, נאָר ישׂראל אליהו כאַפּט אים אויף מיט די באַשטיוולטע פֿיס און טוט אים אַזאַ שלײַדער צוריק, אַז יענער פֿליט אַ שטיק־וועג הינטערווײַלעכטס און קערט זיך דאָרט איבער. ביידע הייבן זיך אויף, גענענען זיך ווידער נאָענט, נאָר נאָענט און ס'נעמען ווידער זעצן די שווערע קלעפּ מיט שווערע אָטעמס און צאָרנדיק צעפֿײַערטע פּנימער.

חנא איצי דער מלמד האַלט זײַטיק אונטערגעהויבן די גרײַז־גראָע באָרד און ער קוקט מיט אַ מבֿינותדיק צעשײַנט אויג אויף דעם מענטשיש־ווערדיקן געשלעג פֿון דעם ייִד מיטן גוי. דער זקן איז אין גאַנצן ביי דעם עסק. אַ יעדן גוטן זעץ, וואָס טרעפֿט מיט כּוח דעם קעגנער אין ציל, שאַצט ער אָפּ דעם רעכטן ווערט. לויבט מיט יושרדיק־צעשאָקלטן קאָפּ און שעפּט נחת:

— גוט, גוט, אַזוי, ווייל, ווייל, אַ טײַערער זעץ. כ'לעבן, אונטערן לינקן אויג, אַ שיינער פּלעם, גלײַך איבערן רעכטן אויער, אַ, אַ, דאָס הייסט אַ קנאַק אין דער מאָרדע.

נאָר פֿאַרט האַלט ער מיט דעם ייִד און גיט אים אונטער חשק:

— ישׂראל אליהו, דערלאַנג אים אין דער זיבעטער ריפּ, טו אים אַ טאָפּ אַ צאָן, דריי אים אַרויס אַ פֿוס, האַק אים אונטער אַ זײַט, דעם כּלבֿ, אַזוי, אַזוי, ברעך אים אַ ביין, טרייבער אים ס'גראָשל.

אַז ישׂראל אליהו גיט דעם גוי דעם לעצטן שטאַרקן זעץ אין דער ברוסט און יענער פֿאַלט אַוועק צו דער ערד און קאָן זיך שוין מער נישט אויפֿהייבן, אָטעמט ער שווער אָפּ, טוט צוריק אָן דעם טיזליק, דאָס היטל אויפֿן קאָפּ, ווישט אָפּ מיט אַ פּאָלע זײַן צעבלוטיקט פּנים, אַ קעם מיט די פֿינגער די צעשויבערטע גרייוע־באָרד און ער שמייכלט שיף מיט אַ צערויסענער לעפּץ און מיט אַ בלאָער בײַל אויפֿן אונטערגעשלאָגענעם אויג:

— נו, קומט רבי, לאָמיר אַ היים גיין עסן. כ'האָב מיר שוין הײַנט פֿאַרדינט דעם אָנבײַסן צי ניין? — זאָגט ער, זייער צופֿרידן מיט זיך און דער וועלט, גאַווהדיק געשטרעקט, ווי אַ דעמבּ צום הימל.

— יאָ, יאָ, ישׂראל אליהו, האָסט אים שוין דערלאַנגט, דעם גויעץ, אַז ער וועט דער האָבן גוט צו געדענקען. נישקשה, מען דאַרף נאָר ווײַזן דעם בייזן כּלבֿ אַ שטעקן.

— אַ גוטן טאָג, רבי.

— אַ גוטן טאָג, גיי געזונטערהייט ישׂראל אליהו. פֿאַרגעס נישט אַרײַנצוקומען אין שולעכל צום מנין, מינחה־מעריבֿ דאַווענען, עד האָב הײַנט יאָרצײַט. מ'וועט נעמען אַ טרינק בראָנפֿן, לחיים.

# דער אַלטער וואָלף

פֿאַר טאָג,

באַלד ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט שחרית, האָט דער אַלטער לייזער גענומען מיט דער אײַזערנער לאָפּעטע אָוועקשאַרן דעם הויך־אָנגעשאָטענעם שניי־הויפֿן פֿון פֿאַרנט פֿון זײַן געהויקערטער ליימענער ירושה־שטוב, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פֿון די גוייִשע כאַטעס, בײַם ברעג פֿונעם שטייניק־צעגריבערטן בערגל־שפּוע, הינטערן געפֿרוירענעם טײַך.

דער נידעריקער שטרוידאַך, שווער באַלאָדן מיטן אָנגעפֿרוירענעם שנייבאַרג, האָט נאָך טיפֿער אַראָפּגענידערט זײַטיק צו דער ערד די נאַקעטע באַלאָגעקאַלכטע ליימווענט, אַז דאָס הײַזל איז פֿאַרזונקען געוואָרן ווי אַ הייל און דאָס שיף־פֿאַרשפּיצטע קליינע פֿענצטערל מיט גראָען רוי־אָנגעפֿראָרענעם אײַזפֿראָסט האָט בלינד אַרויסגעקוקט צו דער ווײַס־פֿאַרגליווערטער ווינטער־וועלט, ווי אַ פֿאַרקרימט אויג מיט אַ בעלמע. אַ שטוים פֿאַרשנייטע ביימער־צווײַגן ליגט נאָענט פֿון דער אַלטער דרויסנטיר און לייזער שטייט שוין מיט דער לאַנגער האַק און האַקט פֿון זיי אויפֿן קלאָץ שײַטן האָלץ. מיט יעדן זעץ אין קלעצל, טוט דער קלאַפּ אַ שאַרפֿן שפּאַלט דאָס פֿאַרדרעמלטע שטום־שווײַגן און פֿון די דערווײַטערטע פּויערישע כאַטעס דערהערט זיך דאָס געביל פֿון אַ הונט, דער קריי פֿון אַ האָן. דער ייִד אַרבעט מיט אַלע כּוחות פֿון זײַן שטאַרקן צעקנאָדערטן לײַב, און פֿון זײַן מויל זעצט מיט פֿראָסטיק־ווײַסע אָטעם־וואָלקנדלעך. דאָס שוואַרצע פּעלהיטל אויפֿן קאָפּ, די געדיכט־האָריקע ברעמענבינטן איבער די אויגן און די געזילבערטע באָרד זענען אָנגעפֿרוירן מיט אײַזצויטן. זײַן דיקער געלאַטעטער שוואַרצער שפּענצער איז פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק. יעדעס מאָל טוט לייזער אַ שפּײַ אין די הענט,

האַרטע צעריפּעטע ווי דעמבקאָרע, און אַ שטאַרקן ריַיב אײַנע אין דער אַנדערער. ער שלאָגט אויך ווי אַ פויער מיט די הענט אונטער די אָרעמס, כּדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען און ער נעמט וויַיטער האַקן דאָס געהילץ, ביז ס׳וואַקסט אָן אַ גרויסער שטויס שיַיטן. לייזער טוט דערנאָך אַ זעץ אַריַין די האַק מיט דער שאַרף אין האַלבן קלאָץ, לייגט אָן אַ הויפן שיַיטן אויף זיַין אָרעם, טראָגט זיי אַריַין אין שטוב און וואַרפט זיי אונטערן אויוון צום הייצן. פונעם איבעריקן, אָנגעהאַקטן געהילץ מאַכט ער בינטן, פאַרקניפּט מיט אַ ריטל און לייגט זיי אָן ביַי דער שטובוואַנט אין דרויסן.

אַלע טאָג טראָגט לייזער אויף דער פּלייצע אַ שווערן זאַק פול מיט שיַיטן־בינטלעך אין שטעטל אַריַין און ער פאַרקויפט הייצונג די וויַיבער. ער לייזט אָפּ עטלעכע זעקסער, און טראָגט אַהיים אַ באָנקעלע טאָפּ, אַ הערינג, אַ טאָלפּן זאַלץ.

שיַיקע, לייזערס זון, ברענגט צוויַיגן אַהיים אַלע אָוונט פונעם וויַיטן סערע־דיצער וואַלד. דער יונג האָט געפונען אַרבעט ביַים פּריץ צו האַקן ביימער. ער באַקומט זיבן זעקסער טאָגלויִן, און ער מעג מיטנעמען אַהיים אַ בונט פון די אָפּגעהאַקטע צוויַיגן. זעט דאָך שוין לייזער, דער פרומער, גאָטפאַרכטיקער אָרעמאַן, אַז דער בורא פאַרלאָזט אים נישט. וואָרעם פון זינט דער עסטריַיכער מלחמה, ווען לייזער האָט געמוזט אויפהערן גיין איבער די דערפער האַנדלען מיט קלאָטשעס, ביינער, שמאַטעס, אַלט איַיזנוואַרג, פעלן און עופות און האָט פאַרלאָרן די בידנע פּרנסה, קאָן מער נישט פאַרדינען אַ גראָצער, וויַיל די גויים ווילן אים גאָר נישט פאַרקויפן און טריַיבן אים מיט אַ שטעקן פון די פּאָדווירעס — זינט דעמאָלט לעבט די משפּחה פון שיַיקע דעם בן־יחידס אַרבעטסלויִן. ווען נישט, זאָגט לייזער, וואָלט, חלילה, טאַקע אויסגעקומען אַז טאַטע־מאַמע זאָלן פון הונגער אויסציִען די קאָפּיטעס.

לייזערס האַרט אָפּגעבריונט באָרדיק פּנים מיט דער דיקער געשטופּלטער נאָז, אָנגעוואַקסן ווי אַ צעקנאָדערטע בולבע, ווערט געשאָטנט מיט שווערן צער־וואָלקן. דער צעאַקערטער שטערן מיט די געדיכטע ברעמען איבער די פרומע אויגן גרימט מיט ביטערניש. ער טוט אַ שפּיליע־אָפּ זיַין אַלטן לעדערנעם הויזן־רימען, לייגט אים צונויף אין צווייען, פּרוּווט אים אויס מיט אַ שטאַרקן שמיץ אין דער לופטן, ווי מיט אַ ביַיטש, און זאָגט אין שטוב צום וויַיב מיט אַ האַרבן ירגזון:

— הערסט וואָס עכל דיר דערציילן, שיינדל, עד האָב מורא, אַז שיַיקעלע איז געוואָרן אַ גוי. ער וויל נישט זאָגן קיין ברכה, ער וויל נישט דאַווענען, ער לייגט נישט קיין תּפילין. אוים ייִד! מייַנסט כ׳זע נישט וואָס ס׳טוט זיך, האַ? מייַנסט כ׳בין בלינד, האַ? עד זע, עד זע. אַ וואָלט איך אים כּוח געהאַט אָנצוהאַקן אַ פּלייצע, בלויז און בלאָ, אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען דריַי וואָכן לייגן אויף די לאָפּעטקעס, כ׳לעבן.

— שוין ווידער, לייזער, טשעפּעסט זיך שוין ווידער צום קינד? א טאַטע איז דאָס, א גזלן, נישט קיין טאַטע. לאָמיך נאָר זען אז דו זאָלסט אים אָנרירן. מיינסט אז ס׳איז אמאָל, לייזער? שײַקעלע איז שוין קיין עין־הרע אויס־געוואַקסן. ער וועט דיר נישט שווײַגן, לייזער, ער קאָן דיר גוט דערלאַנגען אין די זשעברעס, אז דו זאָלסט דערזען דײַן עלטער־באָבע — ענטפֿערט אים שיינדל פֿאַרדראָסיק ווי א קוואָקע, מיט צעשמייכלטן מאַמישן נחת אין איינעם, בעת זי פֿאַרעט זיך פֿאַרזאָרגט, די רויט־געבלימטע פּאַטשיילע פֿאַרקניפּט פֿון אונטן, אין מענערישע שטיוול, מיט אירע גרויסע שוואַרצערדענע קאַכ־טעפּ, בײַם אָנגעהייצטן אויוון.

לייזער מאַכט אויף מויל און אויערן און טוט נאָך א מאָל א שטאַרקן שמײַס מיטן לעדערנעם רימען אין דער לופֿטן, נאָענט פֿאַרן ווײַבס פּנים.

— האַ? — מאַקע אַזוי? זאָג נאָר, שיינדל, אפֿשר וועט דײַן וויל זינדל זיך גאָר נעמען שלאָגן מיטן אייגענעם טאַטן?

— וואָס זשע איז ער שולדיק?

לייזער טוט א וואָרף מיט די אַקסלען:

— ר׳איז נישט שולדיק? ווער דען איז שולדיק? דער רוח, דער טײַוול?

— וואָס איז דײַן עסק, לייזער?

— נישט מײַן עסק? וועמענס דען עסק, א שטייגער, דעם רבס, דער רביצינס?

— לאָז ער טאָן וואָס ער וויל, ר׳איז דאָך שוין א גרויסער יונג, קיין עין־הרע, שײַקעלע, א חתן־בחורעטע, לײַטן גלײַך, ער וועט חתונה האָבן, האָבן קינדער, וועסט זײַן א זיידע, לייזער, און עד וועל זײַן א באָבע אין נחת און פֿרייד.

לייזער לאָזט זיך נישט פֿאַררײדן די ציין, ווי ווייל ס׳טוט אים א מחיהדיקן גלעט אין האַרץ מיט פֿאַרבאָרגענער פֿאָטערלעכער ליבשאַפֿט און זײַן הייסער גרימצאָן קילט אָפּ.

— אז ער וויל דאָך פֿאָרט נישט זײַן קיין ייִד, שיינדל!

— האָב עד א דאגה, אַבי ער זאָל זײַן געזונט.

— טאַקע? האָסט נישט קיין דאגה? און א קדיש ווו? וועסטו נעמען? וועסט דיר קויפֿן אויפֿן יאָריד א קדיש?

— א וואָסער קדיש?

— וואָס הייסט א וואָסער קדיש? א גאָלדענער קדיש! — טוט לייזער א מוראַדיקן געשריי דעם ווײַב אין פּנים אַרײַן.

— לייזער, גיי דיר צום גוטן יאָר, דו ווילסט כאַפּן א פּיטשאַטעק אויפֿן ניכטערנעם מאָגן. טשעפּעט זיך צום קינד, ווי א קלעשטש.

— אַי, א וועלט הײַנט געוואָרן, א שיינע וועלט.

לייזער טרעט אָפּ. ער טוט צוריק אָן דעם רימען אויף די הויזן און ביטערט צו זיך אַליין מיטן שווער צעשאָקלטן קאָפּ.

יאָ, שוין נישט דער זעלבער שײַקע, ווי אין זײַנע יינגליאָרן, ווען ער האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָט און לײַט, געאַכפּערט דעם טאַטן, געציטערט אימת־מוות פֿאַרן טאַטנס שווערן, שטרענגן בליק סײַ אין דער היים, סײַ שבת און יום־טובֿ אין שולעכל, בײַם דאַווענען פֿונעם סידור. געזאָגט מודה אני און געלייענט קריאת שמע, געפֿאַסט אַלע תעניתים, געבענטשט אתרוג, געשלאָגן כפּרות מיט אַ ווײַסן געבונדענעם האָן איבערן קאָפּ און פּסח בײַם סדר געפֿרעגט די פֿיר קשיות. יום כּיפּור, לעבן טאַטן אין שול, האָט ער זיך מיט אַ שטאַרקן קוליק געשלאָגן על־חטא, געהאָרכט שופֿר בלאָזן ווי אַ שאַלונג פֿונעם הימל. ער האָט מיט טיף אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן צום אָרון־קודש, ער זאָל נישט בלינד ווערן אויף בײדע אויגן, ווען ס׳האָבן געדוכנט די כּהנים, די טליתים איבער די קעפּ, מיט די אויפֿגע־הויבענע געשפּרייטע הענט־פֿינגער ווי זינגענדיקע מתים. אין די געל־געגרויטלטע פֿלעמלעך פֿון די וואַקסענע יזכּור־ליכט, אַרײַנגעשטעקטע אין די זאַמד־קעסטלעך, אין שולווינקל, האָט ער געזען פֿלאַטערן די נשמות. זיי האָבן אים שטומשווײַגנדיק געווונקען מיט שוואַרצע אויגנלעכער און אים גערופֿן מיט אַ קנעכערנעם פֿינגער, אַז ס׳איז אים פֿאַרשניטן געוואָרן ס׳חיות פֿון פּחד.

נאָר אין חדר אַרײַן לערנען האָט שײַקע נישט געוואָלט גיין און אָפֿט אָפּגע־נאַרט דעם טאַטן אַז ער איז יאָ געגאַנגען, ווײַל ליבער איז אים געווען אין די זוניקע זומערטעג אַרומצולויפֿן בּאַרוועס, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אין די גוייִשע תּבֿואה־פֿעלדער, זיך דראַפּען אויף די ביימער און פּײַפֿן מיטן מויל צו די פֿייגל, ליגן אין גרינעם גראָז און כאַפּן זשוקעס, שפּרינגען איבער גריבער, זיך שלאָגן מיט שקצים, וואַרפֿן שטײנער, און ווינטער אַ גאַנצן טאָג — זיך גליטשן אויפֿן געפֿרוירענעם טײַך, מאַכן שניימענטשן, טרײַבן די וואָראָנעס, קריכן אויף פֿרעמדע בוידעמס, שליטלען זיך באַרג אַראָפּ. אַהיים פֿלעג ער אָוונט קומען מיד און ביטער אויסגעהונגערט, ווי אַ פֿאַר־וואָגלטער הונט, מיט אַ צעדראַפּעט פּנים און אַ צעפֿליקט היטל.

איין מאָל, נאָך וועטשערע, האָט לייזער זיך שווער אויפֿגעהויבן פֿון בענקל בײַם טיש, אָפּגעשפּיליעט דעם לעדערנעם רימען פֿון די הויזן, אויסגעפּרוווט מיט אַ שטאַרקן שמײַס אין דער לופֿטן און אַ רוף געטאָן מיט אַ פֿינגער:

— קום נאָר אַהער, שײַקעלע, ביסט געווען אין חדר? האָסט געדאַוונט מינחה־מעריבֿ, האַ?

לייזער האָט באַקומען שאַרפֿע, שמאָלע גרינע אויגן און אַ רויט־צעכעסט פּנים מיט אַ פֿאַרקרימטער באָרד. די מאַמע שיינדל האָט אויפֿגעהויבן אַ געשריי און פֿאַרשטעלט שײַקען מיטן פֿאַרטעך. נאָר לייזער האָט אים פֿון איר אָוועקגעריסן, אויסגעטאָן אים דעם שפּענצער, פֿאַרהויבן דאָס העמד און גענומען שמײַסן מיט כּוח און היץ. שײַקע איז געשטאַנען אָנגעבויגן און

שוויַיגנדיק אַריַינגעכאַפּט דעם טאַטנס מוראדיקע שמיץ. וואָכן־לאַנג זענען אים דערנאָך געשטאַנענע די בלוין און בלאָ פאַרלאָפענע פאַסן ווי שוואַרצע שלענג אויפן ליַיב, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אוועקליַיגן אויף די פּלייצעס און געמוטשט ביַי נאַכט שלאָפן אויפן בויך. מיט יאָרן שפּעטער, ווען שיַיקע האָט שוין געלייגט תּפילין, שוין געווען אַ חתן־בחור מיט ליַיטן גליַיך און געאַרבעט ביַים פּריץ אין סערעדיצער וואַלד ביַים האַקן ביימער און האָט פאַרדינט טאָגלוין, איז ער נאָך אַלץ געווען אין שול ביַים דאַווענען שעמעוודיק־דערשראָקן. אַז מען פלעגט אים אַ מאָל, אום יום־טוב, אויפרופן צו דער תּורה, איז ער געשטאַנען מיטן טאַטנס טלית איבערן קאָפּ ביַים באַלעמער פאַרן צעעפנטן ספר און די שאַרפע אותיות האָבן ווי העק געפּאַכעט אין פּנים. ער האָט שטיל געשטאַמלט, פאַרטויַשט ווערטער פון דער ערשטער ברכה מיט דער צווייטער: אשר נתן, אשר נתן נטע בתוכנו... און ס׳איז אים אַרויסגעטראָטן שווייס אויפן שטערן. דער טאַטע פלעגט אים נאָך אַלץ שלאָגן מיטן הויזן־רימען, אָבער שוין נישט מער איבער דער נאַקעטער פּלייצע, נאָר אַזוי אין אָנגעטועכץ אַזוי ער האָט געטראָפן, און שיַיקע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ און די הענט אַראָפּגעלאָזט און שטום געליטן.

נאָר היַינט האָט זיך פון שיַיקעס נשמה שוין אין גאַנצן אָפּגעטאָן די שעמעוודיקייט פאַר ליַיט און די מורא פאַרן טאַטן. ער וויל שוין אַפילו מיט אַ האַלב אויער מער נישט הערן דעם טאַטנס ירגזון. ווי אַלע פרימאָרגן, איידער ער גייט אוועק אין וואַלד צו זיַין אַרבעט, שטייט ער אין דרויסן, אויף דער פּאָדווירע, טרעט מיט אַ באַשטיוולטן פוס דאָס רעדל פונעם רונדן קרעמענעם שליַיפשטיין און שאַרפט זיַין האַק, אַז ס׳שפּריצן פונקען און טוט אַלע מאָל געניט אַ פּרוּוו די שאַרף פון דער האַק מיטן דיקן פינגער. לייזער דרייט זיך פּאַוואָליע און אָנגעבויגן אַהין און אַהער, ברוגז, אָנגעדרודלט און לויערט אויף אים פון דער וויַיטנס ווי אַ קאָטער אויף אַ פויגל.

— אַ גוט מאָרגן דיר, טאַטע, נו, האָסט שוין געדאַוונט? — טוט שיַיקע אַ לאַך מיט אַ פול מויל וויַיס צעבליצטע ציין. לייזער דערפילט דעם זונס שפּאָט ווי אַ שטאָך אין האַרצן און ער כאַפּט גיך אוועק דעם קאָפּ. אָך, ווען ער האָט אויסגעכאַוועט! אַ גוי, אַ משומד. אַזוי פיל יאָרן אוועק־געצאָלט דעם לערער ראַניש אויף שׂכר־לימוד, אַז דער זון זאָל קענען עבֿרי און אַ פרשה חומש, מאַכן אַ ברכה און דאַווענען און זיַין אַ ייִד, ווי ס׳קער צו זיַין.

— אַי, שיַיקעלע, דו שפּילסט זיך מיט גאָט. געדענק, מיט גאָט טוט מען זיך נישט שפּילן — ברומט לייזער אין דער באָרד אַריַין.

ס׳איז אים שוין אין גאַנצן קלאָר, אַז דער זון טוט אים ווידערשפּעניקן און לייזער האָט נישט קיין עצה ווי אַזוי אים ביַיצוקומען, סיַידן נעם און פּלעט אים דעם מוח מיט אַ שטעקן. נאָר טאָמער וועט אים שיַיקע נישט שוויַיגן, הא? טאָמער דערלאַנגט ער אים טאַקע צוריק? ווי וויל לייזער פילט זיך

נאָך בכּוח און ער האָט שטאַרק חשק זיך צו פֿאַרמעסטן מיטן זון, איז ער אָבער שוין פֿאָרט אַן אויסגעהאָרעוועטער זקן, העכער אַ בן שבֿעים און שײַקע איז אויסגעוואַקסן אַ יונג מיט ביינער, אַ דעמב מיט אײַזערנע הענט, הע־הע־הע, אַז ער קאָן אונטערהייבן אַ פֿערד, ווי ער, לייזער, אין זײַנע יונגע יאָרן. ווויל, ווויל, כ׳לעבן. ער מעג טאַקע צופֿרידן זײַן מיט אַזאַ זון. נאָר וואָס קומט אַרויס דערפֿון אַז גאָט דינען וויל ער שוין נישט מער, שײַקע, און דער טאַטע האָט שוין נישט איבער אים קיין שליטה. וואָרעם שײַקע איז פֿאַר די לעצטע פֿיר יאָר געווען אַ זעלנער אין דער עסטרײַכער אַרמיי און ער איז ערשט נישט לאַנג אַהיימגעקומען פֿונעם קייזער פֿראַנץ יאָזעפֿס פֿאַרלאָרענער מלחמה, מיט גוט פֿאַרהיילטע וווּנדן פֿון געווערקוילן, מעסערשטעך און אײַזן־שפּענער אַרײַנגעכאַפּטע אויף די שלאַכטפֿעלדער אין זײַן גאַנצן לײַב. ער טראָגט נאָך זײַן אָפּגענוצטן גרינעם זעלנער־מאַנטל מיט די מעשענע קנעפּ, מיטן רויטן קאַפּראַל־בענדל אָנגענייט אויפֿן אַרבל און באַגאַרטלט מיטן ברייטן לעדערנעם מיליטער־רימען. ער האָט באַהאַלטן אין שטוב־קופֿערט, אײַנגעבונדן אין אַ ציפֿל פֿון דער מאַמעס שבתדיקער טערקישער שאַל, געצירשנט פֿון דער באָבען, זײַנע מעדאַלן, קופּערנע און זילבערנע, מיטן קייזערס צווייבאָרדיקן נאַקעטן קאָפּ און דעם צווייקעפּיק־געקרוינטן אָדלער אויסגעקריצט אויף ביידע זײַטן, וואָס ער האָט באַקומען פֿאַר זײַן געטרײַען מיליטערדינסט און גבֿורות קעגן שונא אויף די שלאַכט־פֿעלדער. שײַקע שפּאַנט איצט גאַוודיק מיט זײַן ברייטער ברוסט און דעמ־בענעם קאַרק, דאָס פּויערישע פֿעלהיטל מיט לאַנגע וואָלצויטן זיצט אויף זײַן שווערן קאָפּ האָפֿערדיק אָנגערוקט אויף איין אויער, זײַנע שטיוול זענען טאָפּלט געקאָוועט מיט אײַזן, און אַז ער גייט, זענען זײַנע שפּאַן שטרענג געמאָסטן און ער פֿאָכעט מיט איין האַנט. שײַקע איז שוין אויסגעווען אַ וועלט, ער האָט געזען שטעט און לענדער און האָט זיך אויסגעמענטשלט. אַז ער קומט אַ מאָל שבת אָדער זונטיק אין שטעטל, אין רחלס שענק, גיט ער אַ פֿאָכע מיט זײַן סענקאַטן שטעקן און טוט אַ פֿריילעכן געשריי:

— חבֿרה פֿערד־גנבֿים! וואָס הערט מען עפּעס נײַעס אין דער וועלט? וואָס זאָגט לענין און טראָצקי? דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט געהאַלטן אַ גוטע רעדע! די באָלשעוויקעס גייען אויף פּעטליורען! האַ־האַ־האַ!

די גרויסע אָנגערויכערטע שענקשטוב מיט לאַנגע טישן און בענק איז פֿול אָנגעפּאַקט מיט פֿרעמדע און היימישע יונגען פֿון די פּראָסטע לײַט, הענדלער, טאָגלוינער, געזונטע צוריקגעקומענע זעלנער, אָנגעטאָן אין אַלטע גרינע מיליטער־מאַנטלען אָנגעפּאַקט מיט שמוגל־סחורות: זייף, לעדער, טיטון, צוקער, זאַלץ, וואָס זיי ברענגען מיט סכּנות נפֿשות פֿון סטרי, פֿון טאַרנאָפּאָל, פֿון בראָד, פֿון זלאָטשעוו און לעמבערג. זיי רעדן און גרעגערן אַלע אינאיינעם מיט האַרטע, צעהיצטע פּנימער. זיי באָרען זיך, באַרימען זיך מיט גליקן און גבֿורות, פּילדערן מיט קולות און געלעכטערס, אַז ס׳הייבט זיך די סטעליע און ס׳קלינגען די פֿענצטער און שײַקע איז אין מיטן פֿון דעם פֿריילעכן

געזעמל. ער טרינקט מיט זיי אַ גלאָז ביר, נאַשט אַ זיס קיכל, עסט אַ געזאַלצן איי מיט אַ זעמל, שפּילט מיט זיי אין קאָרטן, אין דאָמינאָ, רייכערט ציגאַרלעך און דערציילט און האָט ליב צו הערן פאַרגרעבטע זעלנערוויצן און שטאַרק געפּעפּערטע ליבע־געשיכטעלעך און ער איז אַ שותּף צו די נאַכטיקע שמוגל־מיסחרים, צו געשלעגן מיט שקצים און זעלנער־וואַכטעס פון דער רוטענער־מלוכה. חבֿרה פּאַטשן אים גוטברודעריש מיט אַ האַנט אין קאַרק און טרײַבן ליצנות:

— נו, שײַקעלע, גייסט עפּעס אַ ביסל חתונה האָבן מיט אַ שיין שיקסל אויפן בוידעם, דו ציטערסט, האַ? האָסט מורא פאַרן טאַטן?

— ווער, עך?? עך האָב נישט קיין מורא פאַר קיינעם. האַ־האַ־האַ!

— מ'זאָגט אַז דײַן טאַטע ברעכט דיר די ביינער ווײַל דו ווילסט נישט דאַווענען. פּע, שײַקעלע, ביסט געוואָרן אַ גוי, צי וואָס? אַ ייִד דאַרף דאַווענען. צי דו ווילסט דער גאָר שמדן, האַ? מ'וועט דער ברענען און בראָטן אַ לעבעדיקן אין גיהנום, אַז ס'וועט גיין אַ רויך.

— כ'האָב עס אין ד'רערד. — זאָגט שײַקע שמעוודיק צעשמייכלט מיט זײַנע גרויסע ווײַס־צעבליצטע ציין.

— שײַקעלע, גוטער ברודער, מ'טאָר נישט זינדיקן, דער טאַטע וועט דיר אָנשמײַסן דעם הינטן מיטן רימען און גאָט וועט שטראָפן, געדענק!

— ווער, מײַן אַלטער תּרח, אַנו, זאָל ער פּרוּוון מעך אָנרירן, עך לייג אים אַנידער מיט איין האַנט אויף בײדע לאָפּעטקעס!

— איי, געוואַלד, אַז אייגענעם טאַטן? הערי, חבֿרה, שײַקע וויל הרגענען דעם טאַטן, מען דאַרף אים לייגן אין חרם!

— שאַ, שאַ, בעסער הייס שטעלן ביר, וועסטו דער אויסקויפן פון אַלע עבֿירות, וועסט גלײַך אַרײַנפליִען אין גן־עדן, וועסט ווערן אַ צדיק און עסן דעם לוויתן, איאַ, שײַקעלע?

אַז ער גייט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט פונעם שענק, איז דער ווינטער־הימל אויסגעשטערנט מיט גרויסע, גרינע, בלאָע און רויטע בליציק־צעפינקלטע דימענטן. די שטיוולטריט זינקען מיט פראָסטיקן געפּידל אין דער נאַכט־שטילקייט. פון דער ווײַטנס קומט אַז אַ ייִד גלײַך ער וואָלט אַראָפּגענידערט פונעם הימל. שײַקע זעט, אַז ס'איז דער געשטאַרבענער זיידע משה מרדכי מיטן דיקן, אַלטן, גראָבן סידור, האַלב אַרײַנגעשטעקט אין בוזעם, ווי דענצמאָל, ווען שײַקע איז געווען אַ קליין ייִנגל און דער זיידע פלעג גיין זאָגן תּהילים אין די שטיבער ווו ס'איז געלעגן אַ קראַנקער, בעטן בײַ גאָט אַ רפואה. ס'טוט דעם יונג אַ קיל אין האַרץ פון שרעק. נאָר באַלד דערקאָנט ער, אַז ס'איז נישט דער טויטער זיידע, נאָר זײַן טאַטע לייזער, וואָס גייט אויכעט זאָגן תּהילים אין די שטיבער. לייזער קומט צו נאָענט און בײדע

גייען און שווייַגן. זיי פאַרנעמען זיך מיטן וועג אַהיים, ביַים ברעג פונעם בערגל־שפּוע.

— פון וואַנען גייסטו טאַטע? — פרעגט שייַקע, די אויגן שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט.

— פונעם פעטער ליבע. ס'קינד איז קראַנק, כ'האָב געזאָגט תּהילים.

## קאַפּיטל צוויי

אַז לייזער דאַוונט אָפּ שחרית פונעם סידור, איַינגעהילט אין זיַין ברייטן טלית פאַרגעלט פון עלטער, מיטן גרויסן של־ראָש אויפן שטערן, פאַר טאָג, נאָך ביַים געוויטלטן פלעמלשיַין פונעם פאַררייכערטן נאַפטלעמפּל — הייבן שוין אָן די בלאָ־געקאַלכטע שטובווענט צו בלייכן מיט דער רויער ווינטער־גראָקייט, וואָס דעמערט פון דעם פענצטערל מיטן פאַרשטעקטן שמאַטעהאָרב אין רעמל אָן אַ שויב. די מאַמע שיינדל איז שוין אַוועקגעגאַנגען מיט די צוויי הילצערנע וואַסערקאַנען צום געפרוירענעם טיַיך, ווו די פויערים האָבן אויפגעהאַקט אַ לאָך אין איַיז, צו ברענגען וואַסער, און לייזער פאַרלעשט דאָס נאַפטלעמפּל אויפן אויוון־געזימס.

אויכעט שייַקע, דער זון, איז שוין פון לאַנג אויפגעשטאַנען פון זיַין געלעגער אין אַלקער־ווינקל, געוואַשן זיך, געזאָגט מודה אַני, און געשטעלט זיך באַלד דאַוונען. אויף זיַין קורצן פאַרגרעבטן שטערן גרויסע תּפילין און אויף זיַין נאַקעטער לינקער האַנט, אונטערן העמד־אַרבל, ביז אויף די מיטלסטע צוויי פינגער, זענען אַזוי שטאַרק פאַרצויגן האַרטע לעדערנע רצועות, אַז די הויט איז איַינגעשניטן ביז אויפן ביין. ער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום צעעפנטן סידור און מורמלט שטיל און פרום מיט די ליפּן. ער טוט אַלע מאָל אַ נעץ אַ פינגער אויף דער צונג און אַ מיש אָן אַפּגעריבן סידור־בלאַט, זאָגט די ערשטע שורות פון אַ תּפילה, היפּערט איבער אַ סך תּפילות אין גאַנצן, כאַפּט דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ פּסוק: מה טובו אהליך יעקב... ברוך אתה ה'... יהי רצון מלפניך... און ער וואַרפט אַלע מאָל אַ פאַרגנבעטן בליק צו דער טיר, גלייַך ער וויל אַנטלויפן פון דער שטוב, נאָר דער וועג איז פאַרשטעלט, וואָרעם דאָרט, ביַי דער טירשוועל פונעם טונקעלן מיזרח־ווינקל, שטייט דער טאַטע מיט זיַין האַק אונטערגעהויבן אין דער רעכטער האַנט און ער היט דעם זון מיט אַ שטרענגן בליק. ער שאָקלט פאַוואָליע זיַין באָרדיקן קאָפּ און ביטערט מיט האַרבן ירגזון:

— אַזוי, שייַקעלע, מ'פאַרבייגט אַ פאַלע פונעם סידור... מ'נאַרט אָפּ גאָט, האָ? עד זע, עד זע! גאָט טאָר מען נישט אָפּנאַרן, גערענק...

שייַקע דערפילט אַ טעמפּע פאַרכט אין האַרץ. ס'ווערן אים פאַרקילט די געדערעם און פאַרקלעמט דער אָטעם. ער שטעלט זיך שמונה־עשׂרה מיט

צונויפֿגענומענע פֿיס, דאָס פּנים צו דער מיזרח־וואַנט און דער סידור מיט ביידע הענט אונטערגעהויבן נאָענט צו די אויגן, הוידעט פֿאַרקלערט די פּלייצע און פֿליסטערט אַז אַ קול: אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב... על הצדיקים ועל החסידים...

און פּלוצעם הייבט ער אויף דעם קאָפּ צו דער סטעליע און ער זעט ווי דאָרט, אויבן, אין שאַטנדיק־געטונקלטן ווינקל הויערט עפּעס אַ געשטאַלט מיט אַ קאָפּ פֿון אַ חיה, און נעגל־לאַפּעס ווי צום שפּרונג, אַ קרום־צעעפֿנטער שנויץ, מיט לאַנגע שאַרף־געשפּיצטע ציין, און לויערט מיט בייזן גרינעם אויגן־פֿײַער, שײַיקען גייט אוים די נשמה. ער מורמלט עלינו לשבח מיט אַ זײַטיקן שפּײַ און נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטאָן די תּפֿילין, צונויפֿגעלייט און אַרײַנגעטאָן אין זעקל, פֿאַרמאַכט ער דעם סידור, און מיט אַנגעבלאָזענע באַקן זאָגט ער צום טאַטן:

— טאַטע, כ'האָב אים געזען.

— וועמען האָסטו געזען?

— דעם וואָלף.

— אַ וואָסער וואָלף?

— דעם אַלטן וואָלף.

— וווּ האָסטו אים געזען?

— אין סערעדיצער וואַלד.

— ווען?

— אַנומלט, בײַ טאָג, בײַ דער אַרבעט.

— נו?

— ר'איז געשטאַנען פֿון דער ווײַטנס צווישן דיביימער און ר'האָט מיך אָנגעקוקט.

— וואָס זשע האָסטו געטאָן?

— גאָרנישט. כ'האָב צו אים געוואָרפֿן אַ שטיק האָלץ, איז ער אַנטלאָפֿן.

— כע־כע־כע, אַ שיינע מעשה כ'לעבן — לאַכט לייזער — היט די ביינער, שײַיקע, ער קאָן אויף דיר שפּרינגען הינטערווײַלעכץ.

— ווייסעך דאָרט וואָס, טאַטע, מיר וועט דער וואָלף גאָרנישט טאָן. נישט בײַ זײַן לעבן וועט ער מיך אָנרירן.

לייזער טוט אים אַ גרימיקן געשריי אין פּנים אַרײַן:

— פֿאַר וואָס עפּעס ניט, האַ? ביסט בײַ אים אַ גרויסער יחסן??

— עך האָב נישט קיין מורא.

— שײַיקעלע, זײַ נישט קיין חכם. בעסער דערטשעפּע נישט מיטן אַלטן גזלן! עך ראָט דיר ווי אַ טאַטע, געדענק, ער קאָן דעך צערײַסן אויף טויט, —

וואָרנט לייזער מיט אַ פינגער און שײַקע ענטפערט אים מיט אַ שפּאַטישן געלעכטער:

— האַ־האַ־האַ, וועמען? מעד וועט ער צערײַסן? האַ־האַ־האַ! — און ער טוט אַ שטאַרקן רײַב בײדע הענט. — אַנו, זאָל ער פּרוּוון, כ'וועל אים גיכער אַרויסלאָזן דעם דרך פון די זשעברעס.

די מאַמע שיינדל קומט דערווײַל אָן מיט דער דיקער ווינטערשאַל פאַרבונדן איבערן קאָפּ. זי טרעט אויס מיט די מענערישע שטיוול אַ פרישע סטעזשקע אין הויך־אָנגעשאָטענעם שניי. די צוויי קאַנען וואַסער וואָס זי ברענגט פונעם טײַך, טראָגט זי ווי אַ פּויערטע מיט אַ קאָראָמיסלע אויף אַן אַקסל. זי גיסט אָן דאָס וואַסער אין אײַנגעפרוירענעם פאַס אין פּירהײַזל, זי נעמט זיך פאַרען אין קיך מיט די קאַכטעפּ בײַם אָנגעהייצטן אויוון און דערציילט די נײַעסן, וואָס זי האָט געהערט פון די שכנים בײַם וואַסער־שעפּן.

— הערסטו לייזער... בײַ יאַנדרוך כלב האָט הײַנט בײַ נאַכט זיך אַרײַנגע־כאַפּט אַ טכויר אויפן בוידעם און אויסגעדרושעט אַכט הינער. בײַ כאַלעמקי סטעלמאַך האָט אַ פוקס אַרויסגעגנבֿעט אַ גאַנדז פון שטאַל און בײַ מיקאָלע סענק האָט אַ וואָלף צעריסן זעקס שאָף אין שטאַל. אַי, אַזוינע שאָדנס אָנגע־טאָן. די גויִים זאָגן אַז מ'וועט גיין אין געיעג אויפן וואָלף.

— דאָס איז ער, יאָ, יאָ, ס'איז זײַן שטיקל אַרבעט, כ'קאָן שווערן, דער אַלטער גזלן איז שוין ווידער דאָ, מ'וועט אים מוזן אָוועקלייגן — זאָגט לייזער פאַרכאַפּט פון היציקן שטרײַטלוסט און קאַלטן פּחד אין איינעם, וואָס איז אים פאַרבאָרגן אין געביין.

— זאָג נאָר לייזער, ס'איז טאַקע דער זעלבער וואָלף, וואָס האָט דיר אַ מאָל צעביסן דעם אַקסל, האַ? — פרעגט שיינדל מיט היימלעכן ניַיגער.

— יאָ, יאָ, ס'איז דער זעלבער ממזר, אַ רוח אין זײַן געפּגרטן טאַטן. ער האָט מעד שיר ניִשט צעריסן אויף טויט. דער אייבערשטער האָט מעד מציל געווען. נאַ, שײַקע, טו נאָר אַ קוק.

לייזער טוט אויס אַן אָרבל פונעם שפּענצער, פאַרהייבט אַן אָרבל פונעם העמד און באַווײַזט דעם נאַקעטן שטאַרקן אַקסל פון דער לינקער האַנט. אַ שטיק פלייש איז פון אים אָפּגעריסן ביז צום ביין און די טיפע וווּנד איז פאַרהיילט מיט אַ דיקער הויט. שײַקע כאַפּט אַ בליק אויפן טאַטנס פאַר־היילטער וווּנד און שמייכלט מיט ביטול.

— אָ־וואַ, אויך מיר אַן עסק, אַ צעביסענער אַקסל... אין מלחמה־צײַט, ווען ער בין געווען אַ זעלנער, בין ער איין מאָל אין אַ שלאַכט פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בויך פון אַ שאַרפן געווער־מעסער, אַז די צעבלוטיקטע געדערעם זענען אַרויסגעקראָכן... ע, ס'איז גאָרנישט!

— אַי, שײַקעלע, ס'האָט דיר נעבעך געמוזט גוט ווי טאָן? — זאָגט שיינדל מיט מאַמישן צער צום זון. — נו, גאָט צו דאַנקען, אַבי דו לעבסט.

— ווייסעד וואָס, ווי טאָן, אַ זעלנער אין דער מלחמה טאָר נישט ווי טאָן. — ענטפערט שײַקע מיט גדלות.

— ווּוע דען, כ׳האָב דער עפּעס געפֿונען אונטערן פּלויט, שײַקעלע. — שמייכלט שוין די מאַמע מיט נחת, און לייזער טוט אים אַ הארבן פֿרעג:

— נו, און פֿאַרן טויט האָסטו נישט קיין מורא געהאַט?

— ניין, כ׳האָב נישט קיין מורא געהאַט! אַ פֿראַנצויזלנער טאָר נישט קיין מורא האָבן פֿאַרן טויט, אַז נישט דערשיסט מען אים ווי אַ האָז.

— גאָט האָט דער אויסגעהיט, שײַקעלע. די באָבע יענטע האָט זיך געמיט, וואָס זשע מיינסטו, כ׳האָב מיר אַפֿשר ווייניק די אויגן אויסגעוויינט דורך די נעכט און געבעטן גאָט פֿאַר מײַן קינדס לעבן, ווייניק פֿאַרשטערטע שבתים און יום־טובֿים געהאַט מיט צרות און אַנגסטן ביז וואַנען כ׳האָב דיך שוין דערלעבט צו זען אין דער היים מיט געזונט.

אין דער קליינער שטוב מיט די צוויי הילצערנע בעטן, הויך־באַלייגט מיט שטרוי און פֿעדערקישנס, מיטן גרויסן שווער־געקאַוועטן ירושה־קופֿערט אויף רעדלעך, מיט די מעשענע בענטשלײַכטער און קופּערנעם חנוכּה־לאָמפּ מיט לייבן און הערשעלעך אויף דער פּאַליצע, ווערט היימלעך און וואַרעם פֿונעם אָנגעהייצטן אויוון מיט די צעפּאַרעטע, ערדענע קאַכטעפּ. אין מיטן פֿון דער געקאַלכטער מיזרח־וואַנט גלאַנצט דאָס גילדן־געמאָלענע מיזרח־בילד, מיט משה און אַהרון. אונטערן מיזרח־בילד הענגט אויף אַ טשוואַק די אײַזערנע פּושקע פֿון ר׳ מאיר בעל הנס מיט אַ קליין שלעסעלע.

שיינדל באַדעקט אַצינד אַ האַלבן טיש מיט אַ גראָבן לײַוונט און זי גרייט אָנבײַסן. די מענער וואַשן די הענט איבערן פֿאַמעשאַף מיט דער שווערער קופּערנער ירושה־קוואָרט, פּליסטערן פֿרום די ברכה, שנײַדן דערנאָך מיטן שאַרפֿן מעסער שטיקער שוואַרץ־ראַזעווע קאָרנברויט פֿונעם האַרטן רונדן לאָבן, טונקען אין זאַלץ די מוציא און זיי זיצן אויף דער לאַנגער באַנק און עסן צוזאַמען, שווײַגנדיקע, מיט אָראָפּגעלאָזטע אויגן פֿון איין גרויסער ערדענער שיסל. זיי עסן אָפּרײַער האַרטן רעטעך מיט ציבעלע און קנאָבל, דערנאָך די הייסע צעפּאַרעטע געקעכצן, רויטן באָרשט מיט קאַרטאָפֿל, זויער־קרויט מיט קאַרענע טייגלעך, געדיכטע קאַשע פֿון גרויפּן, אַרבעס מיט פֿאַסאָ־ליעס און געלע קוקורוזע מיט זאַלץ, פֿאַרטרינקען מיט אַ פֿולער קוואָרט אײַז־קאַלט וואַסער, בענטשן שטיל מזונות און הייבן זיך אויף פֿון דער טישבאַנק מיט געררויטלטע פּנימער און פֿאַרשוויצטע שטערנס, צעהיצט און שווער, אַז ס׳הייבט זיך אַ זויערלעך־וואַרעמע פּאַרע צו דער סטעליע.

דער טאַטע און זון בלײַבן שטיין אין מיטן שטוב, טוען אַ צי די הויזן און קוקן זיך אַרײַן אין די אויגן, אַנגעדרודלטע מיט שטרײַטלוסט, ווי הענער. לייזער טוט פּלוצעם מיט ביידע הענט אַ כאַפּ דעם זונס רעכטע האַנט און נעמט זי אים אַרונטערדרייען צו דער פּלייצע מיט מוראדיקן כּוח, אַז האָט ער

זי שווין אַ שטיק אָפּגעבויגן און נאָך אַ שטיק ווײַטער. נאָר שײַקע האַלט אוים דעם שטאַרקן דריי. זײַן האַנט טוט זיך מער קיין ריר נישט און לייזער לאָזט זי אָפּ. שײַקע שמייכלט, מיט אַ פֿאַרביסענעם לעפֿץ, פֿון נצחון.

— ס׳גייט נישט טאַטע, האַ? זאָל ער דער ליגן אויף בײדע לאָפּעטקעס, ווילסט?

לייזער טוט אַ שפּאַטישן לאַך:

— אַ טאַטן, שײַקעלע? מען מעג? אַ טאַטן ווילסטו ליגן, אַנו, פּרוּווּ.

בײדע טוען אַ שטעל אַ פֿוס פֿון פֿאַרנט, כאַפּן זיך אַרום מיט די הענט און הייבן זיך אָן ראַנגלען, צו ערשט גוטמוטיק, לײַכט, ווי אויף קאַטאָוועס, באַלד אָבער שטאַרקער, ענגער פֿאַרקלעמט, ביז זיי פֿאַלן צום דיל פֿאַרקנוילט מיט די לײַבער, מיט צעקײַכטע אָטעמס. אָט ליגט שוין לייזער אויפֿן רוקן און שײַקע קניט זײַטיק און דריקט אים אַראָפּ די אַקסלען מיט בײדע הענט, אָט, אָט, נאָך אַ רגע, נאָך איין לעצטער דריק און לייזערס בײדע פּלייצעס ליגן שוין אויסגעגלײַכט. נאָר מיט אַ מאָל טוט זיך לייזער אַזאַ שטאַרקן ריס, אַ שטויס און אַ הייב אונטער, אַז שײַקע פֿאַלט פֿון אים אין גאַנצן אַוועק. די מאַמע שיינדל שטייט און קוקט און שעפּט נחת:

— זע נאָר, שײַקע, לייזער, מ׳באַרעט זיך גאָר גאַנץ פֿרי, נאָכן אָנבײַסן, אַ טאַטע מיט אַ זינדל זענען דאָס, נו, גענוג שוין, צי ניין?

בײדע פֿאַלגן, שטייען אויף פֿון דער ערד, מאַכן זיך צורעכט די בגדים, און אָטעמען אָפּ שעמעוודיק און צופֿרידן.

שײַקע אײַלט זיך אַוועקצוגיין צו דער אַרבעט אין וואַלד. ער לייגט אַרײַן אין זײַן זעלנער־בײַטל אַ שטיק ברויט מיט עטלעכע ציבעלעס, אַ ביסל זאַלץ, אַ בלעכערן פֿלעשל וואַסער, הענגט אַריבער דעם בײַטל אויף אַן אַקסל, שטעקט אַרײַן זײַן האַק מיטן לאַנגן הילצערנעם הענטל אין לעדערנעם גאַרטל־רימען, נעמט זײַן סענקאַטן קורצן שטעקן אונטערן אָרעם, פֿאַררוקט דאָס פֿוטערנע היטל אויף אַן אויער, זאָגט אַ גוטן־טאָג און שפּאַנט גיך אַוועק מיט דער סטעזשקע, אַראָפּ פֿונעם בערגל־שפּוע.

— שײַקעלע, גיי געזונטערהייט! — שרײַט אים נאָך די מאַמע.

— אַז מ׳פֿאַרגעסט אַפֿילו אַ קוש צו טאָן די מזוזה, אַזאַ גוועץ אויסגע־באַוועט — גרימט לייזער ברוגז. ער גיט אַ באַריר מיט צוויי שפּיץ פֿינגער דעם אַלטן הילצערנעם מזוזה־שײַדל פֿון דרויסנטיר און טוט פֿרום אַ קוש מיט די לעפֿצן די פֿינגער פֿאַרן זונס וועגן. און באַלד טוט לייזער אַ שפּײַ אין די דלאַניעס און נעמט זיך צו זײַן אַרבעט אָנצוהאַקן האָלץ אויפֿן האַלבן פֿאַדווירע־קלאָץ.

## קאַפּיטל דרײַ

אַז שײַקע שפּאַנט אַוועק מיט דער שמאָלער שניי־סטעזשקע, פֿײַפֿט ער מיט די ליפּן דאָ אַ פֿריילעכן, דאָ אַ פֿאַרבענקטן ניגון פֿון אַ ייִדיש לידל, פֿון אַן אוקראַיִניש לידל, פֿון עפּעס אַ זעלנערמאַרש, וואָס איז אים אַרײַן אין אויער און זשומעט אים ווי אַ זינגענדיקע בין. ער גייט זײַטיק מיט די פּלויטן פֿון די שכנותדיקע פּויערישע באַלעבאַטישקייטן, מיט די נידעריקע ליימענע כאַטעס אָרומגעפּאַקטע מיט שטרוי־זאַהאַטעס. אויף די פּלויטן הענגען גרויסע ערדענע טעפּ. שוואַרצע וואָראָנעס פּיקן מיט די שנאָבלען אויף די מיסט־הויפֿנס, גראָע שפּערלען פֿליִען און פּיפּסן פֿאַרהאַוועט איבער די שניי־אָנגעבעטע דעכער מיט לאַנגע אײַזסטרעמפּעס אָנגעפֿרוירן פֿון די סטריכעס. טשאַטעס הינער און גענדז גאָגערן, הענער קרייען, קי מוקען פֿאַרבענקט אין די שטאַלן און פֿערד הירזשען שוין מיט זאַטע קוויטשעלעך.

די הינט פֿון די פּאָדווירעס טוען זיך אַ לאָז צו די פּלויטן מיט בייז־צעקײַכטן נעביל אויפֿן פֿרעמדן פֿאַרבײַגייער, מיט זײַן שטעקן אונטערן אָרעם. ברייטע פּויערים, פֿרימאָרגנדיק אויסגערוטע, די פֿאַרשפּיצטע באַקנביינער גערויטלט מיט אַ זאַט גלאָנצל פֿון חזיר מיט קאַשע, די בלויזע צעקודלטע קעפּ גבֿורההדיק דערהויבן, די לאַנגע געלע וואָנצן, ווי צעפּ, שוין מיט אײַזצויטן אָנגעפֿראָרן, אין דיקע שאַפּענע פּעלצן, די שטיוול מיט שטרוי אײַנגעבונדן, פּאָרען זיך אויף די פּאָדווירעס, וואַרפֿן מיסט פֿון די שטאַלן, שפּאַנען די קליינע, ברוינע פֿערד אין לאַנגע שליטנס, לאָדן פֿולע תּבֿואה־זעק מיט קאָרן און גערשטן צו פֿאָרן צו דער מיל מאָלן מעל און גרויפּן. פּויערטעס מיט הויכע טראָגע־דיקע בײַכער, אין יוכטענע שטיוול, די גראָבע לײַוונטענע סטאַנעס פֿאַרהויבן, טראָגן פֿון די קי־שטאַלן פֿולע עמערס פֿריש־געמעלקטע מילך, הייפֿטן גרין קרויט, רויטע בערעקעס און הויפֿנס קאַרטאָפֿל אין די פֿאַרטעכער פֿון די שפּײַזקאַמערן אין די אָנגעהייצטע כאַטעס אַרײַן.

די פּויערים וואַרפֿן אַ זײַטיק־גרימיקן בליק צו דעם ייִדישן יונג ווען ער גייט פֿאַרבײַ הינטער זייערע פּלויטן און זיי שטעלן אַן אַ טויבע פּלייצע מיט פֿינצטערן ברוגז. אַז שײַקע באַגעגנט אויף די פּאָדווירעס אַ לאַנגן שייגעץ, ווי אַ דראָנג, גדלותדיק אויסגעצטראָיעט אין גרינעם זעלנער־מונדיר מיט מע־שענע קנעפּ און רויטע בענדער פֿון דעם רוטענער מיליטער, דערקאָנען זיי זיך פֿון די ייִנגל־יאָרן ווען זיי פֿלעגן זיך אָפּט שלאָגן מיט די קוליקעס, צעבלוטיקן די נעז, צעדראַפּען די פּנימער מיט די נעגל, וואַרפֿן שטיינער איינער צום צווייטן און שרײַען: זשיד־כאָבלאָמיד, חזיר־אויער, עשׂו־גנבֿ, סוקין־סין. אַצינד שפּיזן זיי מיט מוראַדיקע שׂינאה־בליקן און שווײַגנדיק מיט פֿאַרביסענעם גרימצאָרן מעסטן זיי זיך די געשטאַלטן פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף. שײַקע טוט געניט אַ לייג זײַן רעכטע האַנט אויף זײַן האָק אין לעדער־גאַרטל, ווי אַ זעלנער אויפֿן געווער. אַ רגע וועגן זיי איבער

אין געדאַנק, מיט באַדעכטיקער פֿויערישער ווערדע, איינער דעם אַנדערנס גבֿורה, טוען אַ שפּײַ אַנן ווענדן אַפּ די קעפּ.

— האָ־האָ־האָ, שמייכלט שײַקע מיט ביטול, קוק אים נאָר אָן, דאַנעלקע חזיר־ווײַדל, אויך מיר אַ זעלנער אונטער דער מאַמעס פֿאַרטעך. אַי וואָלט עך אים כּוח געהאַט גוט אַרויסצודרייען אַ פּוס פּונעם ת... כ'לעבן. — נאָר פֿאַרט טוט אים אַ ביטער אין האַרץ אַ שאַרף קינאה־געפֿיל, ווײַל ער ווייס אַז יענע, די גויִים און די שקצים, האָבן פֿאַרכאַפּט דאָס לאַנד, ס'איז זייער מדינה, זיי פֿירן מלחמה מיט די שכנותדיקע פּאָליאַקן וועגן דער מלוכה און די ייִדן האָבן אַ מכּה, סײַדן ציון, ארץ־ישראל. די חלוצים גייען טאַקע שוין אַוועק אַהין, חבֿרה־לײַט לאָזן זיך דורך די קאַרפּאַטן־בערג, דורך רומעניע און אונגאַרן, צו פּוס, מיט באַנען, מיט שיפֿן. ער, שײַקע, וואָלט אויכעט געוואָלט אַוועק אַהין אין ייִדישן לאַנד אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. אָבער ער קאָן נישט אַוועק מיט די חלוצים קיין ציון, ער דאַרף פֿאַרדינען און דערנערן די עלטערן, טאָמער נישט וועלן זיי אומקומען פֿון הונגער. נאָר אַז שײַקע דערזעט דורך אַ פּלויט אַ דערוואַקסן שיקסל, מיט אַ ראָז פּנים און שוואַרצע, לאַנגע אויגנברעמען, דעם קאָפּ פֿאַרבונדן מיט אַ רויט־געבלימלטער כוסטע, אַז זי זעט אויס ווי אַ זומערדיקע זונבלום, טוט ער צו איר ווױלעריש צעשמייכלט אַ פֿײַף מיטן מויל און ער רופֿט זי מיט אַ פֿינגער:

— קום נאָר אַהער, מאַרושקאַ, שיין קעצעלע, ווילסט כ'זאָל דיר קויפֿן אויפֿן יאַריד אַ שנירל רויטע קרעלן? קום אַהער צו מיר, שיין מיידעלע.

זי לאָזט שעמעוודיק אַראָפּ די ברוינע אויגן מיט די שוואַרצע ברעמען. כאַפּט אויף אים אַ זײַטיק־פֿאַרגנבֿעטן בליק מיט שמייכלדיק צעחנדלטן נײַגער:

אַ זעלנער איז אַ זעלנער, מיט מעשענע קנעפּ, אַ ווױלער יונג, ס'היטל אויף אַן אויער, מיט אַ קליין פֿאַרשוירן וואָנצעלע.

בײדע גייען אַוועק, נאָר זיי קוקן זיך נאָך אום עטלעכע מאָל מיט שיפֿע קעפּ און צעשמייכלטע פּנימער, פֿון ווײַטנס, ביז וואַנען זיי זעען זיך נישט מער.

— האָ־האָ־האָ! — טוט שײַקע אַ לאַך צו זיך אַליין און ער פֿײַפֿט ווידער און שפּאַנט זײַן וועג גוט אויפֿגעלייגט מיט פֿאַרקלערטן מענערישן תּענוג, וואָרעם ס'איז שוין געקומען אויפֿן געדעכעניש זײַן פֿריילעך פּעקל מיט ליבעגליקן בײַ יונגע ווײַבער, האָרט און דערנעמאָל, אין שטעט און דערפֿער אין מלחמה־צײַט, ווען ער האָט געטאָן זינדיקן ווײַל ער איז געווען אַ זעלנער. הײַנט שדכנט ער זיך שוין צו כײַקע־פּערעלע דער נייטאָרין, ישראל־עליע דעם בעדערס ייִנגערער טאָכטער, אַ שיין מיידל מיט שוואַרצע צעפּ. ער קומט אַהין אין שטוב יעדן שבת נאָכן עסן און ברענגט אין אַ טיכל עפּל, ניס און דיניע־קערלעך. זיי קנאַקן יאָדרעס, טרינקען סאָדע־וואַסער מיט סיראָפּ, זינגען לידלעך, שפּילן אַ ליבע און ער וויל מיט איר אַ חתן ווערן און חתונה־האָבן. נאָר איר טאַטע, ישראל־עליע דער גנבֿ, וויל אים דווקא אָפּנאַרן און אים אונטערשטעלן פֿאַר אַ כּלה די עלטערע טאָכטער נעכע, די געשטופּלטע

אַלטע מויד מיט אַ געשפּאַלטענער האָזענער ליפּ און אַן אויג מיט אַ בעלמע. האָט ער טאַקע טיף אין דער ערד ישׂראל־עליען מיט נעבעך אין איינעם, ווײַל אָפּנאַרן וועט ער, שײַקע לײַזערס, זיך שוין נישט לאָזן מער פון קיינעם. האַ־האַ־האַ, נישטאָ מער קיין נאַראָנים!

באַלד הינטער דער אַלטער הילצערנער מיל מיטן גרויסן אײַז־אָנגעפרוירענעם צעבראָכענעם וואַסעררעד פאַרנעמט זיך שײַקע צום פרײַען פעלד אַרויס. אַ בייזע פרעמדקייט גליוערט איבער די שנייפעלדער, אַז דעם יונג כאַפּט אָן אַ פּחד, גלײַך דאָרט, פאַרהוילן אין גראָען פראָסטנעפּל, גייט אויף אים די שוואַרצע הויכע ביימערוואַנט פונעם סערעדיצער וואַלד. זי קומט אַלע מאָל נעענטער און נעענטער. אַזוי ווי אין וויסטן חלום ווערן אים די פיס קלאָציק־שווער, קוים וואָס ער קאָן טאָן אַ שפּאַן — און פּלוצעם געפינט ער זיך שוין אין מיטן וואַלד־געדיכטעניש. די הויכע שוואַרצע דיקע סאָסנעביימער זענען ענג אָנגעשטעלט איינער גאָר נאָענט צום אַנדערן, מיט גלײַך־געשטרעקטע ווײַס־פאַרשנייטע צווײַגנהענט. שײַקע גייט ווײַטער צווישן די ביימער, ביז ער קומט אָן צו זײַן אָפּגעלייגדיקטן אַרבעטסאָרט און ס׳ווערט אים הימלעכער פאַר די אויגן, ווען ער זעט די צעריסענע פּענקע־קעפּ פון די אָפּגעהאַקטע ביימער. אַצינד לייגט ער אַוועק זײַטיק אויף אַ שטיין זײַן זעלנערישן שפּײַזבײַטל, דעם שטעקן, נעמט אַרויס די האַק פונעם רימען־גאַרטל און נעמט זיך צו זײַן טאָגאַרבעט. ער גיט אַ שפּײַ אין די הענט און טוט זיי אַ רײַב מיט כּוח און הייבט אָן מיט זײַן שאַרפער האַק אונטערצוהאַקן אַ בוים. ער האַקט אַרויס גרויסע שטיקער פונעם ווײַסן האָלץ. ס׳פאַרשמעקט מיט פרישער זשיווויצע און דער געקלאַפּ פון דער האַק קומט צוריק מיט ווײַטן צעשטויסענעם ווידערקול פון די געדיכט־אָנגעשטעלטע הויכע וואַלד־ביימער. ער אַרבעט שווער, טוט אַלע מאָל אַ וויש מיטן אַרבל דעם שווייס פונעם שטערן און פון זײַן מויל זעצט אַ ווײַסער פּאַרע־וואָלקן, אַז די וואָל פון זײַן פוטערן היטל ווערט גיך אָנגעפרוירן מיט אײַזצויטן. ווי תּמיד, בײַ דער וואַלדאַרבעט, אין פאַרקלערטער איינזאַמקייט, האָט שײַקע ליב אַ זונג צו טאָן מיט זײַן רויען פאַרגרעבטן קול עפּעס אַ האָפערדיקן ניגון פון אַ יום־טובֿדיקער תּפילה, וואָס קומט אים גראָד אויפן געדעכעניש. ער דערמאָנט זיך ווי דער זקן רבֿ שלום, דער בעל־תּפילה, פלעג נאָכן לייענען אָראָפּגיין די זעקס טרעפּ פונעם באַלעמער געהילט אין זײַן ווײַסן ברייטן טלית מיט דער זילבערנער עטרה איבערן ווערדיק־דערהויבענעם קאָפּ, די שווערע ספר־תּורה אין רויטן סאַמעטענעם מענטעלע, מיט דער גרויסער זילבערנער קרוין אַרומגענומען מיט ביידע הענט, און מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן פלעג ער שיין און הויך אויסזינגען: ה־מ־ל־ד! ה־י־ו־ש־ב על כּסא — — — שײַקע טוט פּלוצעם אַ האַק איבער זײַן צעגאָרגלטן תּפילה־געזאַנג און בלײַבט שטיל. ער הייבט אויף די אויגן און זעט ווי דאָרט, אַ ביסל דערווײַטערט, צווישן די געגעפּלטע ביימער, שטייט אַ וואָלף און קוקט אים אָן מיט שאַרפן און גרין־צעבליצטן אויגן־פײַער. אַ גרויסער, גרייז־

גראָער וואָלף מיט אַ קרום־צעעפנטן שנויץ, פול מיט ווייסע קליינע דין־פאַרשפּיצטע ציין, שטייט און לויערט מיט אימהדיקן שווייגן. שייקע טוט צו אים אַ וואָרף זיין שטעקן און דער וואָלף ווערט נעלם.

## קאַפּיטל פיר

דער אונטערגעהאַקטער סאָסנעבוים שטייט נאָך אַ רגע אויף זיין דינעם איינגעביסענעם האַלדז. שייקע טוט אים אַ שטאַרקן שטויס מיט ביידע הענט. דער בוים ברעכט איין מיט אַ קרעכץ און טוט צעהוידעט אַ פאַל מיט טויבן דונערקלאַפּ צווישן די ביימערשטאַמען. שייקע קוקט אים אָן אַ רגע. דער טויטער בוימקלאָץ איז, דוכט זיך, פיל לענגער ווי ביים לעבן, און ס׳דערמאָנט דעם יונג די דערשאָסענע זעלנער־מתים, וואָס ער פלעג זען ליגן אויסגעצויגן מיטן פּנים צום הימל, מיטן פּנים צו דער ערד, אַנגעוואָרפן איבערן שלאַכטפעלד.

אַז שייקע האַקט אָפּ פון די געפאַלענע ביימער די צווייגן, לייגט ער זיי אָן אין הויפנס און גרייט אָן גלייכע דרענגלעך, אַז ער זאָל אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, אהיימטראָגן אַ בונט צווייגן־געהילץ, מיטן שטריק אויף דער פּלייצע. סוף וואָך קומען פאַראַבקעס מיט פערד און שליטנס פונעם פּריצס הויף. זיי לאָדן די קלעצער און פירן אַוועק צו דער שטאַטבאַז. יעדן פרייטיק, מיטאָג־צייט, גייט שייקע צום פּריץ נעמען זיין אַרבעטסלוין פאַר דער וואָך. ער רוט אין דער היים שבת און זונטיק.

זינט ס׳האָט זיך אין וואַלד אַנגעהויבן באַווייזן דער וואָלף, האָט דעם יונג גענומען טונקלען אין די אויגן אַ שאָטן פון פאַרבאָרגענער אומרו. ער זוכט אים מיט שאַרפן בליק, פון דער ווייטנס צווישן די ביימער און ער קוקט זיך אַלע מאָל אום פון אַלע זייטן. ס׳שטערט אים אין דער אַרבעט און ער בענקט נאָך זיין זעלנערביקס. ער ווייס, אַז נאָר ווען ער זאָל האָבן אַ שיסגעווער, ער זאָל קאָנען פון ווייט אַוועקלייגן דעם וואָלף מיט אַ גוט געצילטער קויל אין קאָפּ, וואָלט ער דאָ געווען זיכער מיטן לעבן. ווייל דער וואָלף קאָן זיך צו אים שטילערהייט פאַרגנבענען מיט זיין זייטיקן געשלייך און אַ שפּרונג טאָן אויף אים הינטערווייַלעכץ גלייך צום האַלדז. דעמאָלט איז שוין נישטאָ קיין רעטונג, נישט מיט דער האַק און נישט מיט קיין מעסער. סיידן מיט די בלויזע הענט.

שאַ, אַט האָסטו אים שוין ווידער דעם אַלטן גזלן, אַ רוח אין זיין געפערטן טאַטן, וואָס וויל ער פון מיר? כ׳וועל אים ברעכן אַ ביין, כ׳לעבן — צאַרנט שייקע, ווען ער דערזעט פלוצעם דעם וואָלף שטיין פון דער ווייטנס צווישן די ביימערשטאַמען, זייטיק אויף אַ שטייניק־געבערגלטן אָרט אַנגעוואַקסן מיט מאָך און פאַרפלאַכטן מיט געדיכטע ווינטערדיק־דאַרע דערנערקוסטעס. דער

וואָלף לויערט שטום און קוקט צו אים מיט אימהדיק גרינעם פייערגלאַנץ פון זיינע שמאָלע אויגן, דער קרום־צעעפנטער שנויץ מיט די ווייסע שאַרף־געשפיצטע ציין בייז געשטשירעט. דעם לאַנג־האָריקן ווידל האָט ער פאַר־קלעמט צווישן די הינטערשטע לאַפּעס און דעם קורצן דיקן קאָפּ, אַז אַ האַלדז, נאָך מער איינגעצויגן, ווי גרייט צום שפרונג.

שייקע הערט אויף צו האַקן דעם בוים. פאַרקלעמט די האַק אין זיין רעכטער האַנט, וואַרט ער אָפּ מיט פאַרביסענע ציין און פאַרשטיקטן אָטעם. דער וואָלף טוט זיך נישט קיין ריר. שייקע וואַרפט צו אים זיין שטעקן, פאָכעט מיט דער האַק, נאָר דער וואָלף טרעט אָלץ נישט אָפּ פון זיין אָרט. אַצינד קלייבט דער יונג גיך צונויף אַ ביסעלע דינע, דאַרע צווייגלעך, צינדט דאָס אָן מיט אַ שוועבעלע, בלאָזט אונטער מיטן מויל, מאַכט אַ פייער, לייגט אַרויף דאַרע צווייגן ביז ס׳דערהייבט זיך אַ רויטער פלאַקער מיט אַ זייל ווייסן רויך און דער וואָלף ווערט נעלם. האַ־האַ־האַ, ער האָט געמאַכט אַ ויברח, דער ממזר, ער האָט מורא פאַרן פייער, אַז די כאַליערע זאָל אים טרעפן! — און שייקע נעמט זיך ווידער צו זיין אַרבעט.

נאָר שפּעטער האָט דער וואָלף, ווייזט אויס, זיך שוין צוגעוווינט צום פייער און ער איז שוין נישט מער אַנטלאָפן, ווען ס׳האָט געברענט אַ צווייג־שייטער. שייקע האָט אים געזען אַלע מאָל פאַרביילויפן שטילערהייט, דאָ נאָר נאָענט, דאָ דערווייטערט צווישן די ביימערשטאַמען, האַפערדיק צע־טענצלט, האָץ, האָץ, די צונג אַרויסגעשטעקט פון צעעפנטן שנויץ און וויל־געקוקט צום פייער.

אויכעט שייקע האָט מסתמא שוין זיך צוגעוווינט צו דעם אָפטן אָנבליק פון דער חיה רעה. אַז ער האָט זיך אַלע טאָג אָנידערגעזעצט אויף אַ קלאָץ געשמאַק עסן זיין מיטאָגברויט פונעם ביטל, אָנגעריבן עס מיט קנאָבל און זאַלץ און פאַרביסן מיט אַ זאַפטיקער ציבעלע, האָט ער גוטמוטיק געוואָרפן ברעקלעך ברויט צו די וואָראָנעס און האָט געזוכט דעם וואָלף מיט די אויגן. אין זיין באַשטענדיקער ליבשאַפט צו גאָטס באַשעפענישן האָט ער געפילט אַ צער בעלי־חיים, טאָמער איז דער וואָלף אויכעט הונגעריק. ווייל דעם ביטערן טעם פון הונגער וואָס פאַרשנורט די געדערעם ווי מיט אַ שטריק, שטעכט און שניידט און פינצטערט אין די אויגן מיט אַ שוואַרצן פלאַם, אַז די געשוואָלענע צונג איז מויל ווערט פאַרדאַרט ווי אַ שטיק בוימקאָרע, האָט דער יונג גוט געקאַנט פון זינט ער איז צו זיין שכל געקומען. ווייל איז אין טונקעלן געדיכטן סערעדיצער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן מײַלן ווייט, אַזש ביז הינטער טאַרנאָפּאָל, געווען גענוג חיות צום פאַרצוק פאַר די וועלף: הערשלעך, סאַרנעס, האָזן, פעטע בורסוקעס און ווילדע הינט. שייקע פלעג טאַקע אָפט אין וואַלד געפינען אָפּגעפרעסענע ביינער און שאַרבנס פון פאַר־צוקטע חיות און ער האָט דערקאַנט אויף דער ערד די אימהדיקע טריט־סימנים פון שאַרפע וועלפישע נעגל־לאַפּעס. ער האָט געפילט אַ רחמנות צו די

באַשעפּעניש וואָס דער וואָלף טוט פאַרצוקן און אַ צאַרן אויף דעם אַלטן, בלוטדאַרשטיקן רוצח. אַ פּגירה אויף אים, האָט שײַקע אַ קלער געטאָן, ער צערײַסט נאָר שוואַכע חיות וואָס קאָנען זיך קעגן אים נישט װערן. אויף אַ וואַלד־חזיר צי אַ בער טוט ער קיין מאָל נישט אַנפאַלן, ער היט זיך זײַנע טריפהנע ביינער. קראַנק איז ער צו פרעסן גראָז, דער שד, און נישט צערײַסן לעבעדיקע חיות? כ׳וואָלט אים כּוח געהאַט אוועקצולייגן, כ׳לעבן, ס׳קומט אים טאַקע אַ טויט.

נאָר איין מאָל האָט דער וואָלף פּלוצעם אַזוי נאָענט אַ לויף געטאָן פאַר שײַקעס פיס, אַז דער יונג האָט זיך פון שרעק אַ וואַקל געטאָן און שיר נישט געפאַלן נאַזנדיק איבער אַ קלאָץ. ער האָט אים נאָכגעוואָרפן די האַק און נישט געטראָפן. אַז אַנדערש מאָל איז אים טאַקע שוין געשען אַ שטיקל צרה. ס׳איז געווען אין טונקלפּראַסטיקן אוונט־געדעמער, ווען שײַקע איז אַהיימגעגאַנגען פונעם וואַלד אָנגעבויגן, מיט זײַן גרויסן שווערן בונט צווײַגן אָנגעלאָדן אויף דער פּלייצע. פּלוצעם האָט דער וואָלף שטילערהייט אַ שפרונג געטאָן אויף אים פון הינטערווײַלעכץ און שײַקע האָט דערפילט אַ טיפן שטעכיקן ביס. ער האָט אַ געשריי געטאָן: אי! — און דער בונט צווײַגן איז אים אַראָפּגעפאַלן פון דער פּלייצע. דער וואָלף איז אַנטלאָפן און שײַקע איז אים נאָכגעלאָפן טיפער אין טונקעלן וואַלד אַרײַן צווישן די ביימער, געיאָגט אים אַ היפּשע ווײַל און ווידער געוואָרפן אויף אים זײַן האַק. ווײַזט אויס, אַז דאָס מאָל האָט ער אים יאָ געטראָפן און געבראָכן אַ הינטערשטע לאַפּע, ווײַל אַ רגע איידער דער וואָלף איז נעלם געוואָרן, האָט שײַקע געכאַפּט מיטן בליק ווי דער וואָלף הינקט אין דריבנעם גאַלאָפּ אויף דרײַ פיס. ער האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ צופרידן נקמה־געפיל. דער ביס האָט אים האַרב געשמאַרצט. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט פינגער אונטער די געלעכערטע הויזן קליינע גריבלעך פון די וועלפישע ציין אין דיקן פלייש. קיין בלוט איז נישט געווען. — האַ־האַ־האַ, דער ממזר, ער האָט מיר שיר נישט אַרויסגעריסן אַ שטיק פלייש פון ת... האַ־האַ־האַ, נו, וואָס וועט זײַן? ער וויל מיך גאָרנישט לאָזן אַרבעטן אין וואַלד? דער סוקין סין, גלײַך ס׳איז זײַן וואַלד. אַ שיינע מעשׂה, כ׳לעבן. וואָס טו עך טאָמער צערײַסט ער מיר אַ האַנט, אַז כ׳וועל נישט קאָנען אַרבעטן און כ׳וועל פאַרלירן דעם טאַגלוין ביים פּריץ? פון וואַנען, אַ שטייגער, וועט מען לעבן און האָבן פּרנסה? הא? — ס׳כאַפּט אים אָן אַ ביטערע זאָרג און באַטריבט געמיט. נאָר ער שטאַרקט זיך באַלד און טוט אַ שפּײַ מיט ביטול: ווייסעך דאָרט וואָס, מיט מיר וועט ער זיך נישט שפּילן אין קוצעניו־מוצעניו. עך בין נישט קיין מלופּן־קינד. עך קאָן אים ווײַזן אַ קונץ און אים אוועקלייגן אַ פּגר.

און שײַקע האָט ווידער גענומען זײַן בונט צווײַגן אויף דער פּלייצע און דעם גאַנצן וועג אַהיים געקלערט ווי אַזוי בײַצוקומען דעם וואָלף, נאָר קיין עצה האָט ער נישט געפונען. אין דער היים האָט שײַקע וויל פאַרשווייגן די מעשׂה און נישט אויסגעזאָגט וועגן דעם ביס, אַז די מאַמע זאָל נישט האָבן קיין

אנגסטן און דער טאַטע זאָל נישט נעמען פון אים שפּעטן מיט שטעכווערטלעך. ווי וויל ס'האָט אים געבריט דער חשק דווקא זיך צו באַרימען, אַז ער האָט דעם וואָלף געבראָכן אַ פוס מיט דער האַק.

נאָר פון זינט יענער געשעעניש האָט שײַקע בײַם האַקן ביימער אין וואַלד זיך אַלע מאָל אויסגעגלײַכט, אומרויִק געלאָקערט מיט זײַן שאַרפן בליק און זײַנע גראָע תמיד צעשמייכלטע אויגן האָבן שוין באַקומען אַ גרימיקן שאַטנ־גלאַנץ, ווי געשליפן אײַזן. די ליפּן זענען אים געוואָרן קרומלעך צעעפנט און פאַרצערט מיט ביטערניש, דאָס גוטמוטיקע, פאַרברענטע פּנים — האַרט, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. אָפט האָט ער געזען פון ווײַט, אין צערייכערטן גראָען פראַסטנעפּל, נידעריק צווישן די ביימערשטאַמען, ווי דער וואָלף לויפט דאָרט הינקענדיק אויף זײַן הינטערשטער לאַפּע, נאָר קוקט שוין נישט מער מיט זײַן גרינעם אויגן־פײַער צו אים, צו שײַקען. ער טראָגט זיך בלויז שטילערהייט פאַרבײַ, דעם קאָפּ אַנגעבויגן, די פעל צוויטיק־צעשויבערט, ווי דאָס אַנטפלעקטע בייז פון דער וועלט, אַז ער, שײַקע, דערפילט אַ שרעק־קעלטל אין האַרץ און ס'ווערט אים פאַרקלעמט דער אָטעם.

מער האָט שײַקע שוין נישט געזען דעם וואָלף, ווען ער האָט געטאָן אַלע טאָג זײַן אַרבעט אין וואַלד. נאָר איין מאָל האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ וועלפיש געוואָי, דאָ גאָר נאָענט צווישן די שטאַמען, מיט אַ פאַרצויגענעם פּײַן־געיאָמער, גלײַך דער גאַנצער וואַלד איז פול מיט בלוטדאָרשטיקע צעוואָיעטע וועלף, וואָס לאָקערן צו צערײַסן אים אויף שטיקער.

ער האָט אויפגעהערט צו האַקן דעם בוים, געשטאַנען מיט דער האַק אין האַנט און געהאָרכט דעם וואָלפישן געוואָי. זײַן פּנים איז געווען פאַרגלי־ווערט פון פּײַן און ס'זענען אים געקומען אויפן געדעכעניש די נעכט אויף די שלאַכטפעלדער, ווען ער איז געווען אַ זעלנער אין דער מלחמה און ער פלעג אָפט שטיין איינער אַליין וואַכטע, ערגעץ אין אַ דערווײַטערטער שיס־גרוב, און פאַרכאַפּט געהאָרכט דעם אימהדיקן געליאַרעם מיט צעדונערטע און צעקווייטשעטע קולות פון האַרמאַטן און שיסערײַען איבער זײַן קאָפּ, אַז ס'האָט צעריסן די וועלט מיט צעשטורעמטע פײַערבליצן און ער האָט געפילט די נאָענטע טויט־סכנה אין די ביינער, אָט־אָט קאָן אים טרעפן אַ פײַער, אַ קויל פון אַ ביקס, אַ שטיק אײַזנשפּאָן פון אַן אויפגעריסענער קאַנאָנען־קויל, צי פון אַ באָמבע, צי ווייס דער רוח וואָס, גלײַך אין קאָפּ אַרײַן צי אין האַרץ אַרײַן, און ער בלײַבט אַ קאַליקע מיט אָפּגעריסענע הענט און פיס, צי ווערט גאָר אין גאַנצן געהרגעט, האַ־האַ־האַ, אַז אַ האָן וועט אַפילו קיין קריי נישט טאָן און ס'וועט זײַן פאַרפאַלן ווי אַ הונט אויף אַ יאַריד. נו, זעט ער דאַך טאַקע וויל, אַז דאָרט האָט אים גאָט יאָקאָש אויסגעהיט פונעם טויט, און ס'קומט איבער אים אַצינד אַ שטאַרקונג, אַז דאָס פאַרקרימטע פּנים ווערט אים ווידער אויסגעגלײַכט, די אויגן ווידער געלײַטערט מיט אַ צעשמייכלטן גלאַנץ, און ער פאַרגעסט דעם וואָלף מיט אַלע געליטענע פּחדים און יסורים פון דער מלחמה־צײַט, אַזוי ווי אַ שטיין

וואָס זינקט אין די טיפֿע וואַסערן פֿון אַ ברונעם. ער אָטעמט גרינג און מיט פֿרייד און זײַן נשמה איז שוין ווידער אַנגעקוועלט פֿון האָפֿערדיקייט. און ווי ער שטייט אַזוי אין וואַלד בײַ זײַן אַרבעט און האַקט אַ בוים, זינגט ער טאַקע מיט זײַן הויכן פֿאַרגרעבטן קול אַ שטיקל תּפֿילה וואָס ס'איז אים גראָד געקומען אויפֿן געדעכעניש. — השמים אי, השמים שמים להי — והארץ — — —

## קאַפּיטל פֿינף

אין מיטן נאַכט האָט אַ שכנותדיקער פּויער געפּויקט מיטן קוליק אין דער הילצערנער דרויסנטיר פֿון לייזערס שטוב און געשריִען: — געוואַלד, געוואַלד! שטיי אויף, שכן! קום, קום, לייזערקע! דער וואַלד האָט צעריסן בײַ מיקאַליי זדרול אַ קו אין שטאַל! מ'גייט הײַנט בײַ נאַכט אויף געיעג אין סערעדיצער וואַלד אַרײַן אויפֿן וואָלף! קום גיכער, מ'טרעפֿט זיך בײַ דער מיל!

די לײַט אין שטוב דערוואַכן שווער און מיד פֿונעם האַרטן נאַכטשלאָף נאָך אַ טאָג פֿון האַרעוואַניע און טוען זיך אָן די קליידער אין דער רויער שטוביקער נאַכטקעלט. לייזער וואַשט די הענט, טוט אָן דאָס שעפּסענע פּעלהיטל אויף דער יאַרמולקע, פֿאַרגאַרטלט דעם שפּענצער מיטן שבתדיקן טאַשמעלע, און צינדט פֿרום אָן דעם אַלטן פֿאַרדרייבערטן אײַזערנעם לאַמטערן מיטן שטיקל אָפּגעברענטן ליכט, ווי אין די פֿינצטערע אָסיען־נעכט מיט רעגנס און בלאָטעס, ווען די לײַט פֿלעגן גיין אין שול אַרײַן צו סליחות, ווי וויל ס'איז הײַנט גראָד אַ ליכטיקע נאַכט מיט אַ פֿולער לבֿנה. שיינדל נעמט מיטן בעזעם אַ ביסל אויסקערן די שטוב. פֿון איעדער משפּחה הינטערן בערגל־שפּוע גייט אויף געיעג איין מאַן. לייזער איז דער איינציקער ייִדישער שכן און די פּויערים קומען, ווי אַמאָליקע צײַטן, אויכעט הײַנט אים רופֿן צו גיין אין וואַלד אַרײַן אויף געיעג. שײַקע האָט דער ערשטער זיך אויפֿגעוועקט פֿונעם שלאָף אויף זײַן געלעגער, אין אָפּגעזונדערטן אַלקערווינקל, זיך אָנגעטאָן די שטיוול און ענג־פֿאַרצויגן זײַן ברייטן לעדער־גאַרטל אויפֿן זעלנער־מאַנטל. ער אײַלט זיך ווי אויף אַ מיליטערישן באַפֿעל.

— לייזער, גיי אפֿשר אויכעט מיט, וועסטו אַכטונג געבן אויפֿן קינד, הערסט לייזער. — זאָגט שיינדל אין איר מאַמישער זאָרג.

— ווייסעד וואָס איז דאַרט דאָ אַכטונג צו געבן — ענטפֿערט לייזער, — נו, זאָל ער מיטגיין? שײַקע, ווילסט? — פֿרעגט ער דעם זון — ער קאָן מיטגיין פֿאַר וואָס נישט. כ'בין דאָך שוין איין מאָל געגאַנגען מיט די גויים אין געיעג אויפֿן וואָלף, געדענקסט, שיינדל?

— וואַדען, כ׳געדענק נישט, דער וואָלף האָט דער טאַטע דעמאָלט שיר נישט צעריסן, נישט היינט געדאַכט. ס׳איז דיר ביינגעשטאַנען זכות אָבות, און דער וואָס כ׳בין נישט ווערט צו דערמאַנען זיין נאָמען האָט דער מציל געווען. איאַ, לייזער, האַ? אַי, גאַטעניו, באַהיט און באַשיץ מיין קינד פון אַל דאָס בייז.

זי האָט פולע אויגן מיט טרערן און זי טוט פרום אַ ווישׁ מיט די פינגער דאָס אָנגעפרוירענע פענצטער־שייבל.

— נאַדיר שוין... מאַמע. האָב נישט קיין מורא, טאַטע, דו גיי נישט אין ערגעץ, עך גיי אַליין, — זאָגט שייקע. לייזער טוט פלוצעם אַ געשריי:

— וואָס ווערטו נעמען, שייקע, האַ? קיין הייווידלע איז נישטאָ אין שטוב, די האַק, דאָס מעסער צי די לאָפּעטע? הרגע בעסער אים מיט דער האַק.

— וואָס טויג מיר אַ האַק מיט אַ מעסער, מיט אַ לאָפּעטע, עך נעם בעסער מיין שטעקן — זאָגט שייקע צעשמייכלט און גדלותדיק.

— שפּיל דער נישט מיטן אַלטן וואָלף, שייקע, עך ראָט דיר ווי אַ טאַטע, כ׳לעבן — זאָגט לייזער מיט אַ וואַרענענדיקן ניגון.

— וואָס ווילסטו פונעם קינד, לייזער? שייקעלע, נעם וואָס דו ווילסט, נאָר גיב גוט אַכטונג, כ׳בעט דער, זאָלסטעד האַלטן לעבן אַלע גויים, זאָלסט נישט גיין באַזונדער, הערסט שייקעלע, זאָלסט באַלד אַהיים קומען מיט גאָטס הילף אָן אַ מיכשול — זאָגט אים אָן די מאַמע מיט פאַרבאַרגענע אָנגסטן אין האַרץ און דער טאַטע באַגלייט אים אין דרויסן ביז צום ברעג פונעם געפרוירענעם טייַך.

— שייקע זאָלסט דער גוט אומקוקן פון הינטערווייַלעכץ, געדענק.

— טאַטע, האָב נישט קיין מורא, האַ־האַ־האַ.

— וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? — זאָגט לייזער מיט אַ לאַנגן בליק אויפן זון און ער קערט זיך אום צו דער שטוב.

אַז שייקע קומט אָן צו דער אַלטער מיל, שטייען שוין דאָרט פויערים אין דיקע שאָפּענע פעלצן מיט הייווידלעס, קאָסעס, לאָפּעטעס, העק און דרענג־לעד אויף די אַקסלען. זיי באַטראַכטן אַ רגע דעם ייִדישן שכן, לייזערקעס זון, און זיין קורצן סענקאַטן שטעקן מיט נייַגער און ברוגז־אַנגעדראָלענע נעז, ווי וויל זיי האָבן אַ רעספּעקט פאַר זיין שטאַרקער זעלנער־געשטאַלט, פאַר זיין מיליטערישן ראָק מיט די מעשענע קנעפּ, פאַרגאַרטלט מיטן ברייטן לעדערנעם רימען מיטן מעשענעם שלאָס. באַלד נעמט מען גיין, שווער און שווייַגנדיק, מיט אומהיימלעך צעזונגענע שטיוולטריט אין נאַכטיקן פראָסט, אויפן בלאָען שנייוועג, צום ווייַטן סערעדיצער וואַלד.

## קאפיטל זעקס

דער בלייך געבלויטער הימל־קײַלעך איז פארצויגן געווען מיט עפעס א פרעמדן, גרינלעך־געלן אפשיין, וואס האט זיך אויבן, אין דער געהויכטער טיפעניש, פארשניטן מיט א שווארצן ברעג ווי פון א געפינצטערטער גרוב, איבערגעקערט מיטן מויל אראפ, אז די פארזונקענע נאכטשטערן האבן פון דארט מוראדיק גרוים און בייז געפלאקערט מיט רויטע, גרינע און בלאע פײַערן, ווי שארף צעבליצטע אויגן פון יענעוועלטיקע חיות, פארבארגענע אין די אייביקע פינצטערנישן פון די הימלישע אפגרונטן, וואס לאקערן צו פארצוקן די וועלט.

גאר נידעריק אפגעשיידט און זײַטיק פארהאנגען אונטער דער שווארצער הימלגרוב, האט אין דרום־מיזרח געהויערט די פולע לבנה.

דאס העל־ווײַסע לבנה־ליכט האט שווער געזילבערט דעם פראסטיק־געבלויטן שנייבאדעק מיט עפעס א פרעמדן געלן שאטן־גליווער, ווי באשיט מיט א בלינדן אש־געשטויב, און ס'האט אויסגעזען ווי די העלגעליכטיקטע לבנה־נאכט וואלט גאר קיין נאכט נישט געווען, נײַערט אזא פארבלענדטער געדעמער פון א טויטן־טאג. א דארער פעלדבוים שטייט אנגעבויגן ווי א געפרוירענער זקן מיט נאקעטן געביין. ער שפרייט זײַנע לײַדיק־צעקרימטע צווײַגנהענט מיט די פארשפיצטע נעגלריטער פארשטאכן אין בלייכן וועלטגליווער. זײַן דיקער סענקאטער, צעקנאדערטער שטאם האט א לאנגע ברוגז־אראפגעלאזטע פלאקן־נאז, א צעפליקט־געגרײַזלטע קארעבארד. ער גלאצט בייז מיט פאר־שמאלטע אויסגעברענטע אויגנלעכער. זײַן הארט פארפלאנטערטער ווארצל־געפלעכט קריכט אונטער אים פון דער פארשנייטער ערד ארויס, ווי פאר־קניפטע פארדארטע שלאנגען. דער בוים ווארפט נישט קיין שאטן, אין ווײַטקײַט בלייכט א חורבה פון א פעלדכאטע מיט אונטערגעבראכענע האלבע ווענט און א לאנגן געקאלכטן קוימען, ווי א נאקעטער האלדז געשטרעקט צו דער שחיטה.

אז די פויערים קומען אין וואלד, הענגט דער לבנה־שארבן, הויך פאר־שטאכן אויף די פארשנייטע צווײַגן פון די שווארצעביימער. די פויערים גייען שטילערהייט און זוכן מיט די אויגן אויף דער פארשנייטער ערד די שארף־צעגריבלטע טריט־סימנים פונעם וואלף, ביז זיי קומען אן צו א שטייניקן בערגל, מיט טונקל־צעלעכערטע טיפענישן. דא מוז ערגעץ זײַן די נארע פונעם וואלף. מיט די ווידלעס, העק, קאסעס און דרענגלעך אין די הענט, שטעלן זיי זיך ארום דעם בערגל, הייבן אויף א געשריי און קלאפן אין די ביימער, אז דער וואלף זאל ארויסגיין פון זײַן נארע: הא־הא־הא־הא! הו־הו־הו־הו! כאך! כאך! און באלד באווײַזט זיך דער וואלף. זיי יאגן אים פון אלע זײַטן מיט א ווילדן געשריי, און די חיה שפרינגט ארויף אויפן שטייניקן געהייב און בלײַבט דארט שטיין, גרא־גרין, געזילבערט אין בלייכן

לבֿנה־ליכט מיט צעבליצטן אויגן־פֿײַער און אימהדיק געשטשירעטע ציין פֿון זײַן שפּיציק־פֿאַרקרימטער מאָרדע, די לאַפּעס אײַנגעצויגן, גרייט צום שפּרונג. די פּויערים דרענגען זיך צונויף מיט די רוקנס צו די ביימערשטאַמען, צלמען זיך פֿון פּחד און פֿליסטערן: האַספּאָדי פּאָמילוי... אויף וועמעס האַלדז וועט דער וואָלף צו ערשט אַ שפּרונג טאָן? וועמען וועט ער צערײַסן אויף טויט?... אַ ביסל דערווײַטערט פֿון די פּויערים, נעענטער צום וואָלף שטייט שײַקע מיט שמאָל פֿאַרצוואָגנטע אויגן און שטאַרק פֿאַרביסענע ציין.

— האַ־האַ־האַ! דער ממזר, ער מיינט מעך... ער וועט שפּרינגען אויף מיר, פֿון פֿאָרנט וועט ער שפּרינגען... האַ־האַ! — טוט שײַקע אַ געשריי און אַ וואָרף זײַן שטעקן אויפֿן וואָלף און טרעפֿט אים אין קאָפּ. דער וואָלף טוט אַ לויף אַראָפּ פֿון זײַן געהייכטן אָרט און שײַקע באַווײַזט אין איין רגע זיך זײַטיק אַ שטעל צו טאָן איידער דער וואָלף גיט אויף אים אַ שפּרונג. שײַקע טוט אַ כאַפּ אַוועק דעם קאָפּ און גיט אים געניט זײַן העכער דערהויבענעם לינקן אַקסל. ער דערפֿילט אַ טיפֿן ביס און טוט אַ ריס זײַן אַקסל פֿון די וועלפֿישע ציין. דער וואָלף הענגט אויף אים אַ רגע מיט אײַנגעגראָבענע לאַפּע־נעגל, ביז אין פֿלייש אַרײַן, אָבער שײַקע כאַפּט אים אָן מיט די פֿינגער פֿון איין האַנט די פֿעל אונטערן האַלדז און מיט די פֿינגער פֿון דער אַנדערער האַנט די פֿעל אויפֿן קאַרק און ווערגט אים מיט שטאַרקן קלעם פֿון די הענט און לאָזט נישט אָפּ. זיי פֿאַלן אַוועק צו דער ערד און דער מענטש און די חיה ראַנגלען זיך אַ רגע איינער מיטן אַנדערן אין אימהדיקן געוואַלגער, נאָר שײַקע לאָזט נישט אַרויס פֿון זײַנע הענט דעם האַלדז און נאַקן פֿון דעם וואָלף. ער וואַרפֿט זיך אויף אים מיט זײַן גאַנצן לײַב, האַלט אים מיט אַ קני אויפֿן בויך און ווערגט און ווערגט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער מיט די פֿאַרצוואָגנטע פֿינגער, אַז די פּויערים, אַ ביסל דערווײַטערט, צונויפֿגעדרענגט, קוקן מיט פֿאַרכאַפּטן ווונדער און צלמען זיך פֿון פּחד. ביז וואַנען דער וואָלף בלײַבט ליגן טויט, מיט אויסגעשטרעקטע לאַפּעס און בלוטיק־צעגאָווערטן שנויץ.

שײַקע הייבט זיך אויף פֿון דער ערד. ער טוט אויס אַן אַרבל, וואַשט אָפּ מיט הויפֿנס שניי זײַן בלוטיק־צעריסענעם אַקסל, פֿאַרבינדט די וווּנד מיטן צעריסענעם העמד־אַרבל און פֿאַרשנירט זי מיט אַ שטריקל. ער אָטעמט אָפּ מיט אַ בלאָז פֿון פֿולע באַקן, מיד און בלייך, דערנאָך טוט ער ווידער אָן דעם ראָק און דעם מאַנטל, פֿאַרציט ענג דעם לעדערנעם רימען, נעמט זײַן פֿוטער־היטל און טוט דאָס זײַטיק אָן אויף אַן אויער. ער וואַשט די הענט מיט שניי און ווישט זיי אָפּ מיט אַ פּאָלע, געפֿינט זײַן שטעקן און נעמט אים ווידער אונטערן אָרעם.

— אַ, אַוואַ, אַ שיין שטיקל אַרבעט געווען. נו, כ'האָב אים אָוועקגעלייגט דעם אַלטן וואָלף, אַ יאַקזשע, האַ־האַ־האַ! — זאָגט ער צו די פּויערים. נאָר זיי ענטפֿערן אים נישט אַ וואָרט. זיי בינדן דעם וואָלף די לאַפּעס מיט שטריק, נעמען אים אויף אַ דרענגל און טראָגן אים אויף אַן אַקסל אַוועק פֿונעם וואַלד.

ער איז אַזוי שווער אַז צוויי פּויערים טראָגן אים פון פאָרנט און צוויי פון הינטן מיטן דרענגל אויף די אַקסלען. די אַנדערע פּויערים גייען פון הינטן, ווי נאָך אַ לוויה. זיי רעדן צופרידן אַלע אין איינעם און זאָגן נאָך דעם וואָלף שבחים ווי נאָך אַ בכבודיקן מת. זיי רעכענען אויס וויפל שאָף, קעלבער און אַמאָל אַפילו רינדער און פערד דער אַלטער גזלן האָט צעריסן אין די שטאַלן ביי פּויערים פון די אוליצעס און די דערפער פון דער געגנט, און וויפל ס'זענען ווערט געווען די שאָדנס, וואָס די באַלעבאַטים האָבן געליטן.

— נו, אַ לויב צו גאָט, מען האָט אים שוין אוועקגעלייגט, אַ יאָקושע...

שייקע האָט געשפּאַנט זייטיק, אַ ביסל דערוויטערט פון דעם געזעמל פּויערים. ער האָט אַלע מאָל געוואָרפן אַ בליק אויף דעם טויטן וואָלף, וואָס די פּויערים האָבן געטראָגן מיטן דרענגל אויף די אַקסלען, אַ קנאַביק־צעשויבערטן, מיט די געבונדענע לאַפּעס אַרויף, דעם קאָפּ און דעם ווידל זייטיק אַראָפּגע־האַנגען, די ציין אין געעפנטן שנויץ פאַרביסן אין דער צונג, — אַ נעבעכ־דיקער פּגר, אַז ס'האָט דעם יונג פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי וויל ס'האָט אים היים געשמאַרצט די ווונד פונעם צעריסענעם אַקסל, און ער האָט געפילט אַ גרויסע נקמה־פרייד.

דער שפּעטנאַכטיקער פראָסט האָט שטיל געברענט מיט שאַרפן, בלאָען פייער־גלאַנץ אויף די ווייסע שנייפעלדער און דער געלער לבנה־שאַרבן אין הימל־קיילעך האָט געשמייכלט מיט זיין פאַרהוילענעם שאָטן־גליווער איבער דער בלייך־געליכטיקטער ווינטערוועלט.

# האַרבסט אין סאַד

דאָס לעצטע ווינטעראויבסט

אין סאַד ווערט שוין אָפּגעטרעסעט פֿון די ביימער און אײַנגעזאַמלט לעבן שטרויבײַדל אין זעק. אָנגעשיט אין הויכע קופּעס. גרויסע, העל־גרינע ווינטער־עפּל, טונקל־גרינע דיליע־באַרן, רויטע, זאַפֿטיקע קאַסטנס וועלשענע ניס, נאָך אין זייערע געשפּאָלטענע ראָסע־נאַסע גרינע הויטן. דער שאַרפֿער אויבסט־ריח פֿאַרשמעקט די וועלט מיט זיס־האַרבן אַטעם־פֿלאַטער, וואָס קילט אָפּגעזעצט אין נעטיפֿטן שאָטן־טונקל פֿון מאַכיקע גראָזן און אָנטפּלעקטע ערדוואָרצלען, אָנגעזאַפּט מיט ראָסע.

ר׳ זעליק דער סאַדאָווניק איז פֿון באַגינען אָן זייער פֿאַרהאָוועט, אָנגעבויגן מיט די לאַנגע ציצית פֿונעם לײַב־צודעקל איבער די שטיוול. דעם געלאַטעטן שפּענצער צעכראַסטעט, די אַלטע יאַרמולקע פֿאַרשפּיצט אויפֿן האַריקן קאָפּ און די רויט־געזילבערטע באָרד אונטערגעהויבן ווי אַ פֿײַערפֿליגל, שפּאַנט ער אַהין און אַהער צווישן די ביימער, טרעסעט אַ בוים און קלײַבט די עפּל אין זאַק אַרײַן.

דראַפּעט זיך אויף אַ בוים און רײַסט די עפּל אין אַ טאָרבע אַרײַן, אָנגעהאַנגען מיט אַ שטריק אויפֿן אַקסל און ער טרײַבט אונטער די אויבסט־רײַסער, דאָרפֿישע שקצים, לאַנגע ווי דראָנגעז, באָרוועסע שיקסעס מיט בלאָנדע צעפּ און געדויטלטע פּיסקעס. זייערע גרויסע ווײַס־בליציקע ציין, ווי העק, בײַסן זיי כסדר אַרײַן, מיט זאַפֿטיקן קנאַק, אין די שענסטע גרעסטע עפּל, ווערטלען זיך געגאַנגערט, לאַכן מיט קוויטשיקע קולות און זינגען שפּאָט־לידלעך פֿונעם ייִד:

— זשיד, זשיד כאַלאַמיד, וויטער וויע, אַ ווין ביזשיט פּאָהוביל טשאָביטי, טאַי פּאַשאָל.

ר׳ זעליק ווארפט צו זיי א ווארנדיקן קוליק, צארנט און שרייט מיט זיין מוראדיקן געבייזער־קול:

— א כאלערע אין די בייכער, בענקארטע, היידא, היידא, גיכער, גיכער, רירט א האנט גנבים, פרעסער, א רוח אין איירע געפגרטע מאמעס אריין. הא! זע נאר ווי מ׳שפילט זיך מ׳וויל נישט ארבעטן! פאר אומזיסט וויל מען צוויי זעקסער, זיין בלוט, טאג־לוין? א קרענק וועט ער צאלן און נישט קיין געלט. רויבער, גזלנים. ארויס פונעם סאד...

נאר די אויבסט־רייסער הארכן אים נישט. פאוואליע רייסן אפ די שקצים עטלעכע עפל פון די צווייגן, קריכן אראפ פון דיביימער, זיי טראגן די עפל אין די ברייטע שטרויען־געפלאכטענע קאפעלושן מיט ביידע הענט צום ביידל אפצושיטן אויף דער אויבסט־קופע. די שיקסעס טראגן די עפל אין די פארהויבענע לייוונטענע העמדער, איבער די נאקעטע, גערויטלטע פיס.

אז זיי קומען זיך אקעגן, געגענען זיי זיך צעשמייכלט און צעטענצלט, פארלעכ־וויז, זינגען גוייִשע לידלעך און פירן אוים עפעס א גאנצן שימחה־שפיל פון הארבסטיקער פירות־איינזאמלונג.

— האפ־האפ — רעב ליפע! ווו איז ערגעץ דער גולם? מיטן קאפ אין דרערד, שונאי ציון. געוואלד, ר׳ ליפע, וואס טוט מען נישט אכטונג אויף מיין פראצע — שרייט ר׳ זעליק צעפלאמט פון איילעניש און ירגזון — מ׳קוילעט מעך אפ, מ׳שטעלט מעך בדלות! איר האט נישט קיין יאנדעס ר׳ ליפע!

זוניק־מילד געלעכטיקט און זאפטיק־קיל געזעטיקט שטייען די מידע הארבסט־טעג פארוועבט אין חלומדיק פארקלערטער שטילקייט אין געצייטיקטן סאד. די ברייט־צעצווייגטע אויבסט־ביימער גלייען שוין גילדן־גערויטלט מיט וויא־נענדיקע בלעטער, צעפלעמלטע פייערצונגען.

פון נאענטן דארף טוט זיך אלעמאל ווי פארגעסן א טראג דער זינגענדיק־געצויגענער קריי פון א האן, וואס פארזינקט נאך טיפער דאס פרידלעכע שווייגן. פארהוילן אין די ביימער שנירלט פארבענקטער פייגל־געזאנג ווי א געזעגן־טרויער פונעם ליבן זומער, איידער זיי פליען אוועק איבערווינטערן אין די ווייטע, ווארעמע לענדער, מעבר לים. חלומדיק ציט זילבעריק צעגלאנצ־טער שפינגעוועב, צעוויגט אין דער בלאער לופט. דאס גרינע גראז איז שוין פארטרוקנט און איינגעטרעטן צו דער ערד. די כאפטעם אנטבלויזן זייערע פולע בעכער מיט געצייטיקטע זאמען. די גילדענע בינען זשומען שטיל מיטן מידן געפלי פון זאטע בייכלעך און זויגן שוין דעם לעצטן האניקזאפט פון די רויט־וויאנענדיקע הארן־בלומען. קוים וואס מ׳זעט שוין א געלגרין גע־שפרענקלט פלאטערל, מיט שוואכן געשוועב איבער א וויאנענדיקן קוסט. די ביימער וואס זענען שוין ליידיק פונעם אפגעטרעסלטן אויבסט, שטייען צעשויבערט, מיט איבערגעקערטע געלע בלעטער און צעבראכענע שטענגלעך. ס׳לעכטיקן פלוצעם שטיקער בלאער הימל אין דער הויך צווישן די אפגע־

לידיקטע צווייגן און דא און דארט, אויפן שפיץ בוים, איז אנטפלעקט אן איבערגעבליבענער עפל. לאנג פארלאזענע פויגלנעסטן, געפלאכטן פון דינע ריטלעך, ווייך אויסגעבעט מיט קליינע פעדערלעך און פארטרוקנטע בלומענבלעטלעך, זענען אנטבלויזט צווישן דיקע צווייגן־העלצער, ווי מיט געשפרייטע פינגער פון א שטארקער האנט אונטערגעהאלטן.

שווער און פול שטייען נאך די יונגע ביימער מיטן אומציימטיקן ווינטעראויבסט. זייערע באלאדענע צווייגן מיט אראפהענגענדיקע גרינע זויערע עפל, גרויסע ווי קעפ, הארטע ברוינע דיליע־בארן ווי קופערנע גלאקן, זענען טיף געבויגן אונטער דער זאטער לאסט פון די פירות און אונטערגעשפארט מיט דרענגלעך. דאס ווינטעראויבסט ווערט צום לעצט אפגעטרעסלט פון די ביימער, ערשט אין סוף חודש אלול. עס צייטיקט שפעט אום ווינטער. אנגעהויפט אין קופעס אויף שטרוי, אין די קאמערן און אויף די בוידעמס פון די סאדאוור ניקעס. עס ווערט גילדן־געל און ווייך אנגעזאפט מיט זיסזאפטיקער ווייניקייט און ס׳דויערט ביז ערב פסח. די שטעטל־לייט קויפן נאך א לעצטן ווינטערעפל אויף חרוסת צום סדר. דערווייל איז ר׳ זעליק סאדאווניק נאך זייער פארהארעוועט ביים רייסן און איינזאמלען דאס לעצטע זומעראויבסט. די געלע איילעפל מיט א רויט בעקל, וואס שמעקן ווי רויזן, די קליינע טונקל־גרינע רינעטן מיט א פאראסטע הייטל, ווי א געמיין פנים, נאר א טעם האבן זיי ווי האניק, די גלאט־לענגלעכע „ווייננפעסלעך" אנגעגאסן מיט זיסווייניקן זאפט. די הארטע סויבל־בארן און די גלאנציק־גילדענע קיניג־בארן.

פון גאנץ פרי אן שפאנט ר׳ זעליק ארום אין סאד זייער פארהארעוועט. דעם געלאטעטן שפענצער פארגארטלט מיט א שטריק. א יארמולקע שיף אנגערוקט אויף אן אויער, דעם קאפ מיט דער רויט־געזילבערטער בארד פארריסן אין דער הייך צו די ביימער און אלע מאל טוט ער מיט ביידע ארעמס א נעם ארום א דיקן בוים־שטאם, גלייך ער וואלט אים מיט ליבשאפט צוגעדריקט צו דער ברייטער ברוסט און טוט מיט אים אזא שטארקן טרעסע, אז דער בוים טוט פון זיך ווי פארכאפט פון שרעק א שיט אראפ א געדעכטן שווערן האגל עפל מיט הארטן געדעכטן שווערן קלאפ אין ווייכן גראז אריין צו דער ערד.

ר׳ ליפע, דער היטער, העלפט זיין באלעבאס צונויפקלייבן דאס אפגעטרעסעטע אויבסט אין זאק אריין. דערנאך טוט ער זיך ר׳ זעליק א טיפן בויג אונטער און ר׳ ליפע פארגיט אים זייער געניט דעם שווערן אנגעפולטן זאק אויף דער פלייצע, וואס ר׳ זעליק טראגט אוועק צום שטרויענעם ביידל און שטעלט אים דארט אנידער לעבן די אנדערע זעק אויבסט. ר׳ זעליק פארבינדט די זעק מיט שטריקלעך און מאכט עטלעכע שטארקע קניפ. ר׳ ליפע ווידער לייגט זייער באדעכטיק, אוועק פון אויבן אויף יעדן זאק באזונדער, א קליין שטרויעלע, אז ער זאל האבן א סימן טאמער וועט דערווייל חלילה געשען עפעס א גנבה. דאביי איז זיין געל, שטארק געריינצלט זקן־פנים מיטן ווייסן פעכקע גארגל־בערדעלע חשודיק פארשפיצט, מיט א גרין פלעמל אין די האלב־

פאַרמאַכטע אויגן, ווי ביי אַ לויערנדיקן קאַטער, גרייט צו כאַפּן דעם גנבֿ און געזיכערט מיטן זיסן נקמה־תּענוג פון נצחון.

אין די דאָזיקע טעג איז אַנטפּלעקט ר׳ ליפּעס נוצלעכקייט. ער האָרעוועט שווער ביים איינזאַמלען דאָס אויבסט און אין מיטן נאַכט שטייט ער אויף פונעם שלאָף, שפּאַנט אַרום צווישן שוואַרץ־געשאָטנטעביימער מיטן סענקאָטן שטעקן אונטערן אָרעם און היט מיט גרויס געטריישאַפט דעם סאַד. און ווען ר׳ זעליק צאָלט־אויס פּרייטיק ר׳ ליפּען דעם וואָכן־לוין צען קופּערנע זעקסער אויף דער האַנט, איז זיין פּלייצע אויסגעגליכן מיט אַ באַלעבאַטישער צופרידנקייט וואָס ער גיט אַ ייִד פּרנסה. און ר׳ ליפּע ציילט איבער די מטבעות צוויי מאָל, פאַרבינדט זיי באַדעכטיק אין קניפּל און באַהאַלט אין בוזעם מיט ווערדע, אַז ער נעמט נישט אומזיסט קיין געלט, נייערט גוט פאַרדינטן לוין פאַר זיין שווערער טירחה, אַ גאַנצע וואָך.

ביידע ייִדן באָדן זיך לכּבֿוד שבת אין דער שמאָלער, קלאָרער וואַסער־ריקע, אונטער די געדעכטע ווערבע־ביימער. זיי שמירן־אָפּ די שטיוול מיט פעט־צעגלאַנצטן דיאָגעט, טוען אָן פרישע געלאָטעטע העמדער מיט קעלנער. די שוואַרצע ציגענע בעקעשעס מיט גאַרטלען און מיט ברייטע רויטלעכע שטריימלעך אויף די קעפּ. די בערד און פּאות אויסגעצוואָגן, זענען זיי מקבל שבת מיט פריידיקן געזאַנג און אויסגעלייטערטע פּנימער. דערהויבן פון קדושה גלייך די שכינה וואָלט אויף זיי גערוט, צווישן די שטיל־שווייגנדיקע ביימער אונטערן בלאָ־געטונקלטן הימל־געוועב. דער גאַנצער סאַד מיט קילער אוונט־ראָסע אָנגעזאַפּט. און גלייך זיי וואָלטן דערנאָד אהיים געקומען פון דער שול, פונעם דאַוונען, זאָגן זיי זיך איינער דעם אַנדערן מיט לייטזעליקן און מילדן קאָפּ־שאָקל ווי גוטע שכנים:

— אַ גוט שבת.

— אַ גוט שבת.

זיי מאַכן קידוש און עסן די סעודה מיט חלה.

קליין און שמאָל, אויסגעסטראַיעט אין זיין ענג בעקעשל מיטן פאַרשפּיצטן שטריימל־ווערכל, דאָס ווייסע פּעכקע בערדל איידל אויסגעלעגט, האָט ר׳ ליפּע, דער היטער, אַ פּנים ווי עפּעס אַ בכּבֿודיק רבֿילע און ר׳ זעליק, גרויס מגושמדיק צעקנאָדערט, מיט זיין לאַנגער רויטער באָרד אין דער געלאָטעטער בעקעשע און אָפּגענוצטן שטריימל, זעט ער אויס ווי ר׳ ליפּעס שמש.

אַז ביידע ייִדן דאַוונען שבת אין דער פרי אין סאַד, אונטערן נידעריקן, צעצווייגטן באַרן־בוים, געהילט מיט די טליתים איבער די קעפּ, שרייען זיי די תּפילות מיט הויכע זינגענדיקע קולות, און די באָרוועסע דאָרף־גויים, מיט די סטאַנעס איבער די פּלודערן, לאַפּאַטעס און גראַבליעס אויף די אַקסלען, וואָס גייען פאַרביי פון יענער זייט סאַד־פּלויט, צו די פעלדער, בלייבן אַ רגע שטיין, כאַפּן אַ קוק, האָרכן מיט פאַרוווּנדערטן אַפּשיי, און זאָגן איינער צום אַנדערן:

— זשידי פֿײַנאַ שפּיעוואַיאָן נאַ שאַבאַס.

נאָכן קידוש מאַכן מיט אַ גוטן טרונק בראָנפֿן, איז ר׳ זעליק מכבד ר׳ ליפּען מיט אַ מעריביק מאָן־פּלעצל. שפּעטער זיצן בײדע ייִדן אויפֿן ברייטן אונטער־געהאַקטן שטאָם־קלאָץ און עלעהיי ר׳ זעליק האָט גענומען אַן אורח אויף שבת, איז ער מהנה ר׳ ליפּען מיט דער סעודה. זיי מאַכן המוציא איבער אַ גרויסער געשמאַקער בולקע. ר׳ זעליק האַלט פֿעסט צווישן די קני די קאַלטע ערדענע טעפּ געקעכץ, וואָס זײַן ווײַב, אין דער היים, גיט אים אַלע פֿרײַטיק מיט אין סאָד אַרײַן אויף שבת.

בײדע ייִדן עסן פּאַוואַליע מיט הילצערנע לעפֿל, פֿונעם טאָפּ קאַשע מיט יויך, אַ שטיקל פֿלייש, לאָקשן־קוגל, מערן־צימעס, פֿאַרטרינקען מיט קאַלט וואַסער פֿונעם לײמענעם קרוג. לעגן זיך אונטער דאָס האַרץ מיט אַ זיסער באַר, דערקוויקן די נשמה מיט ווייכן ווײַניקן עפּל, גלעטן זיך אָפּ בנעימותדיק די בערד, בענטשן זאַט און פֿרום מיט אַ לויב־זיפֿץ דעם באַשעפֿער.

במנוחה, פֿון אַ גאַנצער וואָך האָרעוואַניע, שלאָפֿן זיי זיך גוט אויס אויפֿן גראָז, אין קילן שאָטן אונטערן באַרן־בוים און זאָגן דערנאָך אַ ביסל תהילים, מיט אַ וויינענדיק פֿרומען ניגון און צעהוידעטע פּלייצעס.

די טיפֿע בלאָקייט פֿונעם קלאָרן הימל געוועלב האָט באַקומען אַ רויז־ווײַסן געשימער ווי געגעפּלט מיט בלאַסן זילבער־שטויב, און די נידעריק־צעשטראַלטע סוף־זומער־זון האָט שוין קיל געגרויטלט באַגלאַנצט די גרינע צווײַגן־בלעטער פֿון די ברייט־צעוואַקסענע סאָד־ביימער מיטן העלן גאָלדבראַן פֿון די שטילע האַרבסט־טעג. די צעשויבערטע ביימער זענען שוין באַלד אײַנגאַנצן אָפּגעלײדיקט פֿון די פּירות. ס׳פֿאַלן שוין פֿון זיי געל־פֿאַרוויאַנעטע בלעטער מיט גרינגן געפֿלאַטער צום דין צעטרעטענעם פֿאַרוויאַנעטן ערד־גראָז. דינע זילבערדיק צעגלאַנצטע פֿעדים שפּינגעוועב שוועבן צעווייגט אין דער לופֿטן און אונטערן בלאָען הימל ציט פּאַוואָליע אַ לעבעדיקער דרײַעקיקער וואָלקן פֿון שוועבנדיקע בושלעם מיט לאַנגע געשטרעקטע, רויטע שנאָבלען און פֿיס, אַהין ערגעץ, קיין דרום, איבערצווווינטערן אין די וואַרעמע לענדער. פֿון די פֿאַרוויאַנעטע בלומען כאַפּטעם שיטן זיך שוין די זריעה־מאָנדלעך ווי פֿון גילדענע בעכערלעך.

אַן אײנציקער פֿויגל זינגט חלומדיק פֿאַרבאָרגן ערגעץ צווישן די ביימער און אַ גראָ העזל לויפֿט פֿאַרבײַ מיט לאַנגע אָנגעשטעלטע אויערן און ווערט נעלם אין דער גילדענער כאַפּטע־געדעכטעניש. ס׳שמעקט מיט דער שפֿע פֿון אײַנגעזאַמלטער תבֿואה, געצײַטיקטע פּירות, בהמה־מיסט און שוואַרצע האַרבסט־ערד פֿון די אַרומיקע שניט־פֿעלדער.

פֿולע זעק און אָנגעשיטע הוילע קופּעס מיט עפּל און באַרן, קאַסטנס מיט וועלשענע נים און לאַנגע, שמאָלע פֿעסלעך, אָנגעפֿילטע מיט טונקלרויטע פֿלוימען, פֿריש באַהויכטע מיט מאַט־זילבערדיקן ראָסע־אָטעם, זענען אָנגעהויפֿט אויבן אין סאָד, לעבן שטרוי־בײַדל. די קילע האַרבסט־לופֿט איז

שווער און געווערציק האַרב אָנגעפּלייצט מיט די ווײַניק זאַפֿטיקע און האַניק זיסע ריחות פֿונעם אויבסט. הויך אין די זוניק־באַגילדעטע ביימער־צווײַגן ציטיקן די לעצטע ווינטערעפּל ווי גרויסע גרינע קעפּ מיט אַ רויט בעקל און די האַרטע זויערע דאַליע־באַרן ווי ברוין־אָפּגעברענטע פּנימער, ציטיקן נאָך פֿאַרגעסענע מיט זונענגלאַנץ צווישן די האַרטע גרינע בלעטער פֿון זייערע שמאָלע ביימער־צווײַגן.

אין דער שטאַנדיקער שטילקייט צווישן די סאָד־ביימער הערט מען, דאַכט זיך, דעם אומעטיקן אָפּקלאַנג פֿונעם אלולדיקן שופֿר־בלאָזן, וואָס ייִדן פּרוּוון אויס, דאָרט אין ווײַטקײַט אין דער שטעטלדיקער שול, גלײַך די האַרבסטיק־זוניקע וועלט איז אָנגעזאַפּט מיטן פֿרומען אָטעם פֿון די פֿאַרכטיקע טעג.

ראָש השנה שטייט פֿאַר דער טיר. עס זענען די לעצטע טעג פֿונעם אויבסט־אײַנזאַמלונג אין סאָד. ר׳ זעליק דער סאַדאָווניק און ר׳ ליפּע דער היטער, האָרעווען מיט אַלע כּוחות פֿון זייערע צעקנאָדערטע לײַבער. זיי טרעסען די ביימער און קלײַבן דאָס אויבסט אין זעק, דראַפּען זיך אויף די הויכע ביימער און רײַסן די לעצטע עפּל און באַרן פֿון די צווײַגן אין גרויסע טאָרבעס אַרײַן. זיי טראָגן די פֿולע זעק אויבסט, אָנגעבויגענע אויף די פּלייצעס, די פֿולע קעסטלעך ניס און פֿעסלעך פֿלוימען, אויף די קעפּ, אויף די קאַרקן.

ביידע אַלטע ייִדן זענען אין די בלויזע העמד־אַרבל, די לאַנגע ציצית פֿון די לײַב־צודעקן איבער די הויזן, די יאַרמולקעס פֿאַרשפּיצט אויף די גראָע קעפּ. בײַ ר׳ זעליקן איז די גרויסע רויט־געזילבערטע באָרד זײַטיק אונטער־געהויבן, ווי אַ זילבערנער פֿליגל אין זוניק־שטאַנדיקן געפֿליטער צווישן די ביימער און ר׳ ליפּעס קליין ווײַס בערדל איז פֿאַרקלעפּט מיט שטרויעלעך און גראָזן.

— אַ גערעטעניש הײַ־יאָר, קיין עין הרע, אַ יאָ, ר׳ זעליק? וויפֿל אַ שטייגער קאָן דער סאַד אַראָפּוואַרפֿן ריווח? אפֿשר אַ גאַנצן הונדערטער מזומן אַ יאָ?

— האַ, וועוּ? — ענטפֿערט ר׳ זעליק און שטעלט אונטער מיט אַ האַנט ס׳אויערלעפּל, ווי וויל ער איז גאָר נישט טויב.

— מ׳לייזט אָפּ ב״ה שיין געלט פֿאַרן אויבסט אין שטעטל, אין מאַרק. די ווײַבער קערן אַ סך קויפֿן, ערבֿ יום־טובֿ, אַ יאָ? ר׳ זעליק, האַ? — רעדט ר׳ ליפּע ווײַטער, מיט זײַן שטילן ניגון־קול.

— נישקשה, מ׳זעט אַ גראָצער, מ׳דאַרף אָפּצאָלן די חובֿות, געבן די מענטשן אויף יום־טובֿ. — טוט ר׳ זעליק אַ שווערן שאָקל מיטן קאָפּ.

— הערט איר, ר׳ זעליק: אַמאָליקע יאָרן, אַז ס׳איז געווען אַ גערעטעניש אין די סעדער, איז אויבסט געוואָרן ביליק, בלאָטע. מ׳האָט אומזיסט אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנצן זומער און צום סוף האָט מען נאָך געמוזט דערלייגן צום מיסחר. מ׳איז בדיל הדל געוואָרן. מ׳האָט אָנגעווירן אַ פֿאַרמעגן.

ר' זעליק קנייטשט ברוגז דעם האַרטן שטערן און שווייַגט. וואָס בעבעט ער עפּעס, דער טיפּש, אַ לויזער קאָפּ, ר'האָט שוין נישט קיין אַנדערע דאגות? וואָס פעלט אים? אַבי זייַנע צוועלף זעקסער וואַכן־לוין צאָלט ער אים אויס אַ יעדן פרייַטיק, מזומן געלט.

— נו, און די סכנות וואָס מ'האָט אויסצושטיין זענען בייַ אייַך גאָרנישט. מ'איז דאָך פשוט אייַנגעשטעלט מיטן לעבן, אָך, אָך... איר הערט, ר' זעליק, איין מאָל האָט געטראָפן אַז אַ ייִד, אַ סוחר, איז אַהיים געפאָרן פונעם יריד, בייַ נאַכט, דורכן דעמבע־וואַלד, זענען אים באַפאַלן גזלנים מיט העק, מען האָט אים שיר נישט דערהרגעט און בייַ אים גערויבט דעם גאַנצן בייַטל מיט געלט. אפשר הונדערט ראַניש זילבער.

אַ שרעק קעלטל טוט אַ גליווער ר' זעליקן אין האַרץ. ער בלייַבט שטיין אַנגעבויגן, מיטן זאַק עפּל אויף דער פּלייצע און ער קוקט אָן ר' ליפּען מיט אַ צעכעסטן בליק, גלייַך ער וויל אים דורס זייַן:

— אייַ ווי, ר' ליפּע, זענט איר אַ ייִד, אַז עס מעג אַ רוח אין אייַער טאַטנס טאַטן, כ'לעבן, איר הערט צי ניין?

בייזערט זיך ר' זעליק מיט צעקרימטע ליפּן פון גרימצאָרן און ער גייט אַוועק מיט גיכע שפּאַן.

— וואָס! ר' זעליק איר גלייבט נישט? — שרייַט אים נאָך ר' ליפּע, פון אונטן, אויבעט מיט אַ זאַק עפּל אויף די פּלייצעס — מ'האָט אפשר פאַר יאָרן, ערב ראש השנה, נישט אַרייַנגעבראַכט אין שטעטל משה שמואל, דעם סערעדינצער אַרענדאַר אַ טויטן, וואָס מ'האָט געפונען אין דעם דעמבע־וואַלד? די שקצים האָבן אים דאָרט בייַ נאַכט דערהרגעט.

◆

אַלע פאַרטאָג איידער די זון גייט אויף, פאַרהילט אין נאַכטביק־טונקעלן שטילשווייַגן, אַנגעזאַפּט מיט קילער פעלדראָסע, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, פירט ר' זעליק אַ פול אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט זעק און קאַסטנס אויבסט, פונעם סאָד אין שטעטל אַרייַן. אַנגעבויגן, מיטן קאָפּ צו דער ערד, מיט לאַנגע געשפּרייטע פיס, שלעפּט דאָס ברוינע קנאָכיקע פערד מיט אַלע כוחות דעם שווערן וואָגן זיס־זאַפטיקע משאָ, איבער די שמאָלע צעגריבערטע פעלדוועגן, דערנאָך דורכן אימהדיק פינצטערן דעמבע־וואַלד און ווידער מיטן פעלדוועג, בערגל אַרויף און בערגל אַראָפּ, ביז מען קומט אָן אין שטעטל און ר' זעליק פאַרפאָרט מיטן וואָגן אין מיטן לידיקן מאַרק און בלייַבט שטיין.

— אַ הוי! זאָגט ער צום פערד און שטייַגט אַראָפּ פונעם וואָגן מיטן בייַטש אונטערן אָרעם.

צום ערשטן שפאנט ער אויס דאס פערד פונעם וואגן און בינדט עס אן מיט די לייצן צום דישל, אז ס'זאל קענען אפרוען און ער טוט אים א לייכטן, פריינדלעך געטריישן זעץ מיטן קוליק אין בויך:

נו, הא, נעם פ... זיך אויס.

דאס פערד פאלגט דעם בעל־הבית, ס'פארהייבט דעם ווידל מיט א רעשיקן גאס. דערנאך ברענגט דער ייד פונעם מארק־ברונעם א שעפל פריש וואסער, טרינקט אן דאס פערד און שיט אים אן א פול קעסטל פיטער, א סך שטרוי־סיעטשקע און א קליין ביסעלע האבער, און ער צעמישט עס מיט בידע הענט. נאר דאס פערד צעבלאזט מיט די נאזדרעס די שטרוי־סיעטשקע און זוכט ארויס מיט די לעפצן די זערנעם האבער און קייעט מיט זיינע גרויסע ציין פאוואליע און געשמאק. ר' זעליק קוקט זיך דערווייל ארום אין ליידיקן מארק. אויף די געהויקערטע שטעטל־שטיבער מיט די בלאלעך געקאלכטע ווענט און געלאטעטע שינדלדעכער, ליגט דער נאכטיק הארטער שלאף פון די פארהארעוועטע לייט. אין גראבלוילעכן הארבסטיקן דעמער־נעפל פונעם ערשטן שפראץ אויף טאג דערהייבט זיך אין מיטן די אלטע, שטיינערנע שול. אויף אירע לאנגע געטונקלטע פענצטער דרימלט פארכטיקע קדושה. דערנעבן שטייט דעם רבס הויז מיטן ברייטן שטערן־געזימס, דער אנגעבויגענער הילצערנער בית המדרש און אויבן ביים ברעג פונעם לאנגען קייזער־שטראז איז דעם רבינס געמויערטער הויף האלב פארבארגן צווישן קוסטעביימלעך. זייטיק הויערן ברייט און שווער ווי אנגעדראלן מיט שטומען ברוגז, די צוויי קלויסטערס, דער פוילישער מיטן לאנגן צלם אויפן הויכן גלאקן־טורעם און דער רוטענישער מיט די קליינע קרומע צלמים אויף די בייכיק־אנגעשטעלטע ציבעלע טורעמלעך. דעם פריצס מויערל און דעם גלחס גרויס הויז זענען באשאטנט, ארומגעשטעלט מיט הויכע טאפאלביימער, הינטער די פלויטן פון די גערטנער. פון ווייטנס טונקלען געגעפלט צווישן די ביימער די גוייִשע גאסן מיט די ליימענע כאטעס און שטרויענע דעכער, די פאדווירעס אנגעשטעלט מיט הויכע סטויגן שטרוי. מ'הערט שוין פון זייערע שטאלן מרוקען בהמות, הירזשען פון פערד, חזירים כרוקען, הענער קרייען, הינט בילן. בארוועסע גויים, די גראבע לייוונט־סטאנעס איבער די קורצע לייוונטענע הויזן, מיט ברייטע שטרוי־היט אויף די קודלאטע קעפ, פארן שוין דארט מיט פערד און וואגנס אין די פעלדער ארויס, צום קארטאפל־גראבן, די סנאפעס תבואה איינזאמלען, די ליידיקע שניטפעלדער צעאקערן פאר דער ווינטער־זריעה.

די הימל־בלאקייט בלייכט מיטן לעצטן ציטער פון די געלאשענע שטערן. דער זילבעריקער לבנה־האָרן פארגייט אין דרום־מערב; דער אויפגעגאנגענער מארגנשטערן בליצט מיט גרינלעך דימענטענעם געשטראל און ווערט פארבלאסט פון ערשטן רויזן פייערשטרייף איבערן שוין־העלן מיזרח הימל־ברעג. די זון קומט באלד ארויס מיט נעפלעך געראויטלטן געשטראל אויף די צעבליעסקעטע פענצטער־שויבן פון די שטיבער. דער רויטער בלעכענער שול־דאך

כאפט א בליכן פלאם. די ביימער זענען פארגאסן מיט גילדענעם בלעטער־גלאנץ און די צלמים אויף די קלויסטערס גליען מיט שארפן בליאסק. די טאג־העלקייט צעשימערט די פארדרימלטע וועלט מיט ראזער פרישקייט פונעם הארבסטיק־קילן פרימארגן־גאלד און דאס גאנצע שטעטל איז איבערגעקערט מיט די דעכער אראפ, צעשפיגלט אין די קלארע וואסערן פונעם ברייטן זוניקן טייַך איבערן בלאען הימל־געוועב פון אונטן ארויף.

נאר עפעס א גראלעכער וואלקן־שטרייַף, לאנג און שמאל, מיט א ברייטן קאפ און טונקלגלאנציק גערויטלט, וואס זעט אויס ווי א גרויסע פארבלוטיקטע האק, ליגט זיך מיטן שארפן שפיץ איבערן זון־פנים און צעשנייַדט זי אויף צוויי העלפטן. די גענעכטיקטע פרימארגן־וועלט שאטנט פלוצעם מיט אן אומהיימלעכען געפלימער.

ר׳ זעליק הייבט אויף א פארקלערטן בליק צום הימל. ער ווייסט, אז דאס איז הייַנט א סימן אויף א נעפלדיק פינצטערער נאכט און ס׳ווערט אים עפעס שווער אויפן הארצן. ווארום דער ייִד באדארף הייַנט ביי נאכט צוריק פארן מיטן פערד און וואגן אין דארפישן סאד אריַין דורכן דעמבע־וואלד און ס׳טרעפט אז אין אזוינע נעפלדיק־פינצטערע נעכט לאקערן דארט גזלנים מיט העק אויף א ייִדן.

דער הארבסטיק־קילער זון־גלאנץווארפט א שווערן בליאסק, ווי פון אן אלטן זילבער־שפיגל איבערן טונקל־גערויטלטן שול־דאך, העכער דערהויבן איבער אלע שטאטישע שטובדעכער, אונטערן בלאס־בלאען הימל־קייַלעך. פריהארבסט געגעפל איז שוין פארזאפט מיט דער שטראליקער פרייד פון די יום טוב טעג און געזעטיקט מיט די זיסע זאפטן פון געצייַטיקטע פירות. פון די שטוב־פענצטער בליאסקען די גלאז־שויבן אונטער די ווייַסע פארהענגלעד, מיט יום טובדיקער קלארקייט איבערן מארק־פלאץ און די פארהארעוועטע מאנסלייַט האבן שוין אנגעהויבן צו ווייַזן דער וועלט זייערע אויסגעלייַטערטע בארדיקע פנימער פון די נאענטע פארכטיקע טעג.

די גאנצע שטאט איז הארב באשמעקט מיטן זיס־ווייַניקן אויבסט־ריח פון די הייפנס עפל, בארן, פלוימען און וועלטשענע ניס, וואס ר׳ זעליק דער סאדאווניק ברענגט אלע טאג מיט זייַן שווער־באלאדענעם וואגן פון די דארפישע סעדער אין מארק אריַין און פארקויפט די ווייַבער אויף יום טוב. די קינדער נאשן די פירות פון פולע קעשענעס, מיט פרייד־צעגלאנצטע אויגן און פולע מייַלער זיסן זאפט.

אין די בלא־געקאלכטע שטיבער גרינט און רויטלט מיט פולע שיסלען אויבסט, די מארק־זיצעריננס האבן שוין פולע מולטערס, זעק און קעסטלעך, מיט פרישע עפל און פלוימען צום פארקויפן, די קרעמער אין די געוועלבן קנאקן מיט די ציין יונגע וועלטשענע ניס, אלע בייסן אריַין אין גרויסע געלע עפל מיט א רויט בעקל, מען עסט זאפטיקע פלוימען, מען שפייַט פונעם מויל די הארטע קערן און דער זיסער תענוג פונעם זאפטיקן אויבסט דערקוויקט שוין

דאָס האַרץ פֿון די לײַט מיטן האָפֿערדיקן בטחון אויף אַ גוט נײַ יאָר. נאָר ער, ר' זעליק אַליין, דער אַלטער ייִד מיט דער געזילבערטער רויטלעכער באָרד, אין זײַנע ווײַס־פֿאַרשטויבטע גרויסע שטיוול, די פּאָלעס פֿון זײַן וואָכעדיקן געלאַטעטן בעקעשע־טיזליק פֿאַרשטעקט אין שטריק־גאַרטל, דעם צעדרייַטן קאַפּעליוש איבער דער שוואַרצער יאַרמולקע ווי אַן ערדערן שיסעלע אָנגערוקט זײַטיק אויפֿן גרייזן קאָפּ, איז צעקנאָדערט אָנגעבויגן מיט די ברייטע פֿאַרהאָרעוועטע פּלייצעס, ווי באַשווערט פֿון עפּעס אַ מוראַדיקער לאַסט, וואָס פֿאַלט אויף אים אַלע יאָר אין די דאָזיקע ערבֿ ראש השנה טעג.

אַלע מאָל ווען ר' זעליק טוט אַ פֿאַרגנבֿעטן בליק צו דער בלייך געזילבערטער האַרבסט זון, ווערן זײַנע געדיכטע ברעמען־בוגנס אונטערן צעאַקערטן שטערן, ענגער פֿאַרקניפּט פֿון עפּעס אַ שטומער, פֿאַרקלערטער זאָרג, וואָס טוט אים אַ נאָג אין האַרץ מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם קלעם. דער זוניקער טאָג אָטעמט מיטן קילן געשטויב פֿון די גויִשע פֿערד און וואָגנס, וואָס קומען אַן און פֿאָרן אַוועק מיט חלומדיקן געקלאַפּ און דריבנע פֿערד־געטענצל פֿונעם ברייטן מאַרק־פּלאַץ און דער צעבליעסקעטער צלם־שפּיץ פֿונעם געהויכטן קלויסטערטורעם שפּיזלט מיט גערויטלטן בלענד, די קליינע שפּערלפֿייגל שוועבן ווי גראָע וואָלקנדלעך. זיי היפּן צעשויבערט און פּיפּסן חלומדיק אויף די דעכער, איבערן מאַרק און ווערן פֿאַרבאָרגן אין שאָטנדיקן געצווײַג פֿון די גרין־גילדענע ווערג־ביימער, גאָרטן קוסטעס און הילצערנע פּלויטן. בהמות מרוקען און עס קרייען די הענער מיט לאַנג פֿאַרצויגענעם גערריידל. ערגעץ האַווקעט אַ הונט מיט הייזעריקן געביל און דער מאַרק־גלאָק קלינגט אין מיטן טאָג געדרימל. אין בלאָס־בלאָען הימל קײַלעד איז די זון רויז צעגליט אונטער אַ קליינעם ווײַסן וואָלקן, ווי אונטער אַ שניי־בערגל. אַז ר' זעליק נעמט רעכטעווען די ליידיקע קעסטלעך, זעק און טאָרבעס, פֿונעם אויספֿאַר־קויפֿטן אויבסט אין וואָגן און שפּאַנט ווידער אײַן דאָס פֿערד בײַם דישעל, דאַכט זיך אים אויס, דאָס די לײַט, באָרדיקע ייִדן אין שוואַרצע בעקעשעס, ווײַבער מיט געבלימטע פֿאַטשיילעס אויף די קעפּ, באָרוועסע ייִנגלעך מיט צעריסענע דאַשעק־היטלען, וואָס גייען פֿאַרבײַ דעם מאַרק, בלײַבן אַ רגע שטיין און קוקן אים אָן מיט רחמנותדיקע אויגן, גלײַך זיי ווייסן עפּעס וועגן אים אַ ביטערן סוד. ער האָרכט אַפֿילו עפּעס שטילערהייט באַדויערן־ווערטער:

— זע נאָר, ר' זעליק דער סאַדאָווניק... אַי וואַי אַזאַ ייִד, אַ דעמב. אַ ווױלער ייִד. כ'לעבן, אַ פֿרומער, אַן ערלעכער. אַי וואַי, אַפּנים אָנגעצייכנט צום נײַעם יאָר... נעבעך...

אַ באָרוועסער גוי, אין אַ צעפֿליקטן גראָבן לײַוונטענעם סטאַן איבער די קורצע לײַוונטענע צעריסענע הויזן, צעבראַסטעט און אויסגעדאַרט, ווי אַ בוים־וואָרצל, מיט אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש, אַז אַ דנאָ, ווי אַ ראָד, אויף זײַן האָריק צעקודעלטן קאָפּ, דרייט זיך אַרום אין מאַרק פֿאַר די טירן פֿון די ייִדישע געוועלבער, באַהאָנגענע מיט בונטן לעדערנע בײַטשן, אײַזערנע טעפּ, רויט־געבלימטע כוסטעס, לאַפּאַטעס, קאָסעס און שטיקער לעדער און

ער קוקט באַדעכטיק מיט זײַנע קלײנע גרינע, בײזע אויגן ווי האַרט פֿאַר־שטאַכענע בלאַטערס. ער טאַפּט און טאַפּט מיט די געשוואַרצטע הענט די סחורות און די באַרדיקע קרעמער מיט יאַרמולקעס טרײַבן אים מיט געבײזער פֿון די שוועלן:

— אַ שטאַ טאַקיי טו? וואָס ווילסטו? עפּעס קויפֿן צי גנבֿענען? אַוועק פֿון דאַנען, זאָגט מען דיר, צון אַלדע רוחות, גיי דיר, אַוועק, אַוועק.

— אַ יאַקזשע — זאָגט דער גוי און הייבט אויף די פֿאַרשפּיצטע מאַרדע קרום באַוואַקסן מיט געלע האָר־שטעכערס, ווי מיט שטרוי־וואַרצלען — אַ יאַקזשע, נעמאַ הראָשי (נישטאָ קיין געלד). די ייִדן האָבן ס'גאַנצע געלט. הע־הע־הע, זשידי...

דער גוי שלענדערט פּאַוואָליע צווישן די שטעלעס פֿון די ווײַבער זיצערקעס מיט זעק אויבסט, מולטערס זעמל, בייגל און מאַן־פֿלעץ, הויפֿנס טשוועקעס, קניפּיק מעסערלעך, דורע פֿײַפֿערס, גרינע, רויטע און בלאָע סטענגעס, זעק מיט ציבעלע, דיניע־קערלעך, קעסטלעך מיט עפּל און פֿלוימען און ער טאַפּט די סחורות, דינגט און דינגט און היט מיט די פֿאַרשטאַכענע אויגן צי די ווײַבער פֿאַרקוקן זיך נישט ערגעץ. נאָר זיי טרײַבן אים אַוועק:

— גיי דיר, דאָ טשאַרטי מאַטרי, אַוועק פֿון דאַנען, דו גנבֿ אײנער.

דער גוי טרעט אָפּ, דרייט זיך אַהין און אַהער אין מאַרק און ער געגענט צו זעליקס וואָגן. ער עפֿנט אַ מויל מיט גרויסע, קרומע, לאַנגע און נאַקעטע ציין ווי בײַ אַ שאַרבן, טײַטלט מיט אַ פֿינגער דעם ייִד אין פּנים אַרײַן און זאָגט מיט אַ גריילעכן געקוויטשל:

— אַ יאַקזשע... זעליק... דו פֿאַרסט הײַנט בײַ נאַכט מיטן וואָגן קיין וויספּיוועץ אין סאַד אַרײַן? דורכן סערעדינצער וואַלד? אַ יאָ? הע־הע־הע. געלט האָסטו? געלט... אַ סך זילבער־געלט... הע? אַ ווו האַלטסטו באַהאַלטן דעם בײַטל מיט געלט?

דעם ייִד טוט אַ ברען אַ כּעס אויף דעם פֿרעמדן גוי, און ס'טוט אים אַ קיל אַ שרעק־קעלטל אין האַרץ, ווי וויל ער ווייסט נישט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען. ער בייזערט זיך אויף דעם גוי מיט מוראַדיקן געשריי און טוט אים אַ שטויס אַוועק מיטן עלנבויגן:

— וואָס איז דאָס דײַן עסק? ביסט אַ גזלן, הע? אַז געבײ טעבי אַ כאַלעריע אין די געדערים אַרײַן; אַ וואָסער געלט?

— מ'וועט דער דערהרגענען, זעליק, בײַ נאַכט אין וואַלד וועט מען דער דערהרגענען...

זאָגט דער גוי זייער שטיל דעם ייִד גלײַך אין די אויגן אַרײַן...

— וועמען וועט מען דערהרגענען, הע? וואָס באַלאַקעסטו, דו, סוקין סין, ווילסט אַז כ'זאָל דיר דאָ ברעכן דײַן טריפֿה בײַז, הע? — פֿרעגט אים זעליק

אויבעט שוין מיט אַ שטיל קול, דאָס אָפּגעברוינטע פּנים פאַרקרימט פון גרימצאָרן און די באָרד מסובן אונטערגעהויבן, ווי אַ האַק.

— אַ וואָט טעבע... דיך וועט מען דערהרגענען, ביי נאַכט אין וואַלד וועט מען דיך דערהרגענען, און אונדזערע כלאָפּציעס וועלן ביי דיר אָוועקנעמען ס׳גאַנצע געלט, אַ פולן ביטל מיט זילבער־געלט, האַ, האַ, האַ, — טייטלט דער גוי ווידער מיט אַ פינגער דעם ייד אין פּנים אַריין, ווי מיט אַ פאַרשפּיצט מעסער.

— אַז אַ טפו צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבן, דו בענקאַרט, דו רוצח איינער, אַ טפו! — וויל אויף אים ר׳ זעליק זייטיק אַ שפּיי טאָן. נאָר דער גויעצל איז פּלוצעם שוין פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן, ווי איינגע־זונקען אין דער ערד אַריין.

— ווייסעך דאָרט וואָס, עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ גויעצל אַ גנבֿ, נו, מילא, אַ הי... — טוט ר׳ זעליק אַ קלער מיט געשטאַרקטן ווילן צו פאַרטרייבן די אומרו פונעם האַרץ. אוודאי מוז ער נאָך היינט ביי נאַכט צוריקפאָרן אין ווייטן דאָרף־סאָד אַריין, דורכן סערעדינצער וואַלד, מיטן אָפּגעלייזטן זילבער־געלט פאַרן אויבסט, אין זיין פאַרקניפּטן ליוונטענעם ביטל, באַהאַלטן אין שטיוול־כאָלעווע. יאָ, יאָ, שקצים רויבער לאָקערן דאָרט אין פינצטערן וואַלד אויף יידן... נו, וואָסי? וואָס האָט ער מורא צו האָבן? אַ ייד איז אין גאָטס הענט, צי ניין? ווייסעך וואָס. ס׳גייט אַ ניי יאָר מיט געזונט און לעבן און הצלחה, ווי ס׳איז אים אָנגעצייכנט אין הימל.

אויסגעגלייכט די אַלטע ביינער, דעם באָרדיקן קאָפּ דערהויבן און דאָס האַרץ געשטאַרקט מיט פרומען בטחון, זעצט זיך ר׳ זעליק אַרויף אויפן וואָגן, נעמט די לייצעס אין די הענט און ער טוט אַ טרייב דאָס פערד מיטן בייטש:

— הייטאַ וויאָ, ווישטאַאַאַ.

דאָס דאַרע, ברוינע פערד נעמט לויפן, צעטענצלט מיטן שטויביקן שטאָטוועג און ר׳ זעליק איילט אַהיים צו קומען צו זיין שטוב, אויפן בערגל, אַז אין אָוונט זאָל ער ווידער אָוועקפאָרן מיטן פערד און וואָגן, אַהין, אין ווייטן דאָרף־סאָד אַריין, און ביי נאַכט וועט ער מוזן דורכפאָרן דעם פינצטערן סערעדינצער וואַלד, וווּ ס׳לאָקערן גזלנים אויף יידן־דורכפאָרער.

געהויכט אין גרינלעך־בלאָע דרום־הימלען איז די זון שטראַליק־וויים צעגליט מיט אַ מיד געטרויטלט שאָטן־געבלענד פון האַרבסטיק־קילן געגנפּל. פון דער שול טראָגט זיך דער חלומדיקער געשאַל פונעם שופר, וואָס דער שמש פּרוווט אוים און דאָס געדריידלטע געבלאָז פלאַטערט קלאָר און טיף מיטן פרומען, זוניק־האַרבן אָטעם פון די פאַרכטיקע טעג.

אין די זוניקע האַרבסט־טעג ווערט ר׳ זעליק דער סאַדאָווניק גיך פאַרטיק אין שטעטל־מאַרק מיט זיין וואָגן אויבסט, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פון די דאָרפישע סעדער. די ווייבער האָבן גיך אויסגעקויפט די פולע זעק

עפּל און בארן, פלוימען און וועלטשענע ניס און ר׳ זעליק פארט באלד א היים צו זיין שטוב אויפן בערגל מיטן לײדיקן וואגן. ער שפּאַנט אויס דאס פערד, גיט איס א בונט היי צו קייען, עסט אָפּ אָנבייסן און באלד טאקע זיצט ער שוין ביים גרויסן דעמבענעם שטוב־טיש, די יארמולקע פארשפּיצט אויפן אלטן גראען קאפּ. די רויט־גזילבערטע באָרד צעקנאָדערט און ער חשבונט פארקלערט מיטן קריידל אויפן טיש, פארשרייבט צעקרימטע צאלן, קאָטשערעס מיט לאפּאטעס, אויף דער טיר פון דער שאַפע, אויפן ברעטל פון פענצטער. ער ציילט באדעכטיק צוויי מאל דאס אפּגעלייזטע געלט פונעם ליוונט בײטל און שטעלט אויס אויפן טיש זיילן גרויסע שווערע זילבער־ראגישן, קראנעס און זעקסערס, קופערנע פירערס און גראַצערס, אז עס זעט אויס ווי א וועלדל מיט אפּגעטעסעטע קלעצלעך.

דעם גרעסטן טייל פונעם געלט לייגט ער אריין אין א שטארק ליוונטן טאָר־בעלע, פארקניפּט מיט א דיקן שטריקל און באהאלט עס צום אנדער שותּפות־געלט, אין גרויסן, גרינעם קופערט, געקאוועט מיט אייזערנע רייפן, וואס שטייט אין שטובווינקל אויף פיר אייזערנע רעדער און ער פארשליסט איס אויף צוויי גרויסע שלעסער. דעם שליסל באהאלט דער זיידע ערגעץ אין קוימען־לאָך אונטערן אויוון, אז אפילו די באבע שׂרה אליין ווייסט קיין מאל נישט דעם ארט פונעם באהעלטעניש.

די דאזיקע ריווח־געלטער וועט ר׳ זעליק פארטיילן זיינע זין און איידעמס, די שותּפים צו די סעדער, ווען זיי וועלן א היים קומען אויף ראש השנה. זיי וועלן דערפון דארפן לעבן מיט ווייב און קינדער, א גאנצן ווינטער, העכער א האלב יאר צייט, ביז איבער א יאר, נאך שבועות, און ער וועט נאך האבן דערפון אויכעט איינצוצאלן אן אדרויף די פּריצים, ווען מען וועט ביי זיי פונס־ניי דינגען די סעדער אין די דערפער.

דעם אנדערן טייל פון דעם אפּגעלייזטן געלט לייגט ר׳ זעליק אריין אין זיין איינענעם ליוונטן בײטל־טײַסטער, פארבינדט איס מיטן לאנגן שטריק מיט שטארקע קניפּן און באהאלט איס אין שטיוול־כאלעווע, מיט א שווער הארץ, אז עס זאל איס חלילה נישט געשען קיין שאדן, אז ער זאל נישט פארלירן, צי מען זאל איס חלילה נישט באגנבענען, צי באגזלענען. ווארעם פון די געלטער וואס ער טראגט ביי זיך מוז ער נאך אפּצאלן דעם רעשט חובות — די פריצים אין די דערפער פאר די געדונגענע סעדער, באצאלן דעם לוין די אויבסט־רייסער, די דארפישע שקצים און שיקסעס, דעם וואכן־לוין ר׳ ליפּען, דעם סאד־היטער, אפּצאלן דעם סטעלמאך פארן פארעכטן דעם וואגן, איינ־קויפן זעק און כלים.

דער טאג פארגייט מיט הארעוואניע און זארגן און אז עס נעמט דעמערן דער אוונט, הייבט אן ר׳ זעליק צו איילן כדי צוריק צו פארן אין סאד אריין. די ווייבער, טעכטער און שניר ברענגען שוין די קיישלעך מיט ברויטן און געקעכצן וואס זיי שטעלן אריין אין וואגן, פאר די מענער אין די סעדער.

ר' זעליק האָט שוין אָפּגעדאַווענט אין שטוב מינחה ומעריב און אָפּגעגעסן וועטשערע. די באָבע שׂרה טוט אויף דער דרויסן שוועל פאַרזאָרגט אַ קוק צום אויסגעשטערנטן הימל. דער בלאָ־בליציקער אָוונט־שטערן פאַרגייט אין טונקל רויט־געגעפּלטן מערבֿ הימל.

— זעליק, הערסט, עס וועט זײַן אַ פינצטערע נאַכט הײַנט אין דעמבע־וואַלד... אפשר וואָלסטו הײַנט איבערגענעכטיקט אין דער היים און מערשטעם מאָרגן אין דער פרי צוריק פאָרן אין סאַד אַרײַן, האָ? פאָלג מעך, זעליק, אפשר... ערבֿ יום טובֿ זענען דאָ גזלנים אין דעמבע־וואַלד — זיי לאָקערן אויף ייִדן... עס איז אַ גרויסע סכּנה... הערסט זעליק... אפשר...

ר' זעליק טוט אויף איר אַ שטרענגן, נאָר רחמנותדיקן קוק פון זײַנע שווערע האַריקע אויגן, בײַם רויטלעכן פלעמל פונעם אָנגעצונדענעם נאַפטלאָמפּ אין שטוב.

— וואָס רעדסטו, שׂרה, דאָס אויבסט שטייט אָנגעגרייט אין די סעדער, מען דאַרף מערטשע שם פאַרטאָג פאָרן אין שטעטל אַרײַן מיטן וואָגן עפּל, זאָל עך גאָר נעכטיקן אין דער היים? געהערט אַזוינס? חלילה! איך האָב נישט קיין צײַט. איך גיי שוין אָוועקפאָרן.

די באָבע שׂרה שווײַגט מיט אַ שווערן האַרץ. ר' זעליק טוט פרום אַ באַריר מיט צוויי שפּיץ פינגער דעם גרויסן הילצערנעם שיידל פון דער מזוזה, בײַ דער טיר, אַ קוש די פינגער און ער זיצט שוין אויפן וואָגן.

— זײַט געזונט, שׂרה, קינדער, אַ גוטע נאַכט. — וויאָ! — טוט ער אַ שמיץ מיטן בײַטש דאָס פערדל און עס נעמט אַראָפּציען פונעם בערגל מיטן ליידיקן וואָגן.

— פאָר געזונט, זעליק! טאַטע, שווער, זיידע, אַ גוטע נאַכט! — שרײַען אים נאָך די ווײַבער און די קינדער — פאָר געזונט!

— אַ גוטע נאַכט. זײַ אָפּגעהיט בײַם דעמבע־וואַלד! הערסט זעליק, — זאָגט די באָבע שׂרה מיט פײַכטע אויגן. זי באַגלייט דעם מאַן מיטן וואָגן ביזן בערגל אַראָפּ און זי קערט זיך אום, מיט אַ פאַרזאָרגטן זיפץ אין שטוב אַרײַן און זי וואַרפט אַרײַן אַ נדבה, אַ גראָצער, אין דער מאיר־בעל־הנס פושקע מיט פרומען האַרץ־קלעמעניש.

די האַרבסט נאַכט הויערט קיל און פינצטער, אָן אַ לבֿנה. דער טונקעלער הימל איז נידעריק, באַזייעט מיט בליציקע שטערן, בלאָע, רויטע, און גרינלעך צעפינקלטע, ווי יענעוועלטיק צעפּלעמלטע אויגן, שטום און שרעקיק.

דאָס פערד טענצלט מיט גיכן געלויף איבערן פעלד־וועג, גלײַך עס וויל גיכער אַנטלויפן פון די סכּנות וואָס לויערן אין דער שטילער פינצטערניש. פון ווײַטנס דריידלט דער אומעטיקער דודע־צעפײַף פון אַ שייגעץ, וואָס רײַט אויף אַ פערד, ערגעץ צו נאַכטיקער פעלד־פּאַשע. די ערד שמעקט האַרב און רוי מיט אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל.

בערגל ארויף און בערגל אראפ פארט ר' זעליק מיטן פערד און וואגן, נאך אלץ פארקלערט אין זיינע חשבונות, פארוועבט אין דער שוועריקייט פון די אויסגעהארעוועטע טעג פון זיינע לאנגע יארן לעבן און פארזארגט אין די פארהוילענע סכנות פון די פינצטערע נעכט.

א פינצטער נעפל פארהילט די וועלט ווען ר' זעליק פארט ארײַן אין שווארצן דעמבע־וואלד. פלוצעם ווערט דאס פערד אומרויק. עס נעמט פערקען מיט די נאזדרעס, עס ווארפט מיטן קאפ, עס פאכעט מיטן לאנגן וויידל, עס טוט דערשראקן א הייב א הירזשנדיקן קוויטשל, עס רײַסט די לייצן און עס בלײַבט שטיין. אהא! ר' זעליק ווייסט שוין וואס דאס באטײַט! דאס פערד האט מיט זײַנע געשפיצטע אויערן דערהארכט דעם אטעם פון די פארבארגענע רויבער, וואס לויערן אויף אים אין וואלד... פון זינט ער איז צו זײַן שכל געקומען איז דער ייד גוט געניט אין דעם עסק. ער האט דאס שוין געזען נאך אין די ייִנגל־יארן, ווען ער פלעגט פארן בײַ נאכט אין סאד ארײַן מיט זײַן זיידן און מיט זײַן טאטן, די סאדאווניקעס, און מיט אים אליין האט שוין אויכעט א סך מאל געטראפן די זעלביקע צרה, אז די שקצים רויבער האבן אים צעהאקט דעם קאפ מיט א האק און באגזלט. זיי ווייסן שוין אפילו בירושה, אז די יידן־סאדאווניקעס האלטן באהאלטן דעם בײַטל מיטן זילבער־געלט אין שטיוול־כאלעווע.

נאר ר' זעליק איז אבער שוין אויכעט גוט געווארנט און ער האט שוין זײַן גוט אויסגעפרוווט פארטל, ייד אקעגן צו שטעלן די גזלנים.

צום ערשטן שפאנט ער גיך אוים דאס פערד און פארקניפט עס פעסט מיט די לייצן פון פארנט מיטן קאפ צום דישעל, אז די רויבער זאלן נישט קאנען פארכאפן דאס פערד און וואגן און אנטלויפן מיט אים. דערנאך נעמט ער אראפ דעם אײַזערן־געקאוועטן ארטשיק פונעם וואגן און ער האלט אים שטארק איןביידע הענט און לויערט, באהאלטן זײַטיק, לעבן פערד. מיט פארביסענע ציין און פארקלעמטן אטעם ווארט ער, דער אלטער געזונטער ייד, גרייט צו דער מלחמה מיטן שונא, פאר זײַן לעבן, פאר זײַן האב און גוטס.

באלד טאקע נעמט עפעס אימהדיק שארכען אין דער נעפליק־פינצטערער וואלד־טיפעניש. עס דוכט זיך אז די שווארצע ביימער־שאטנס שלײַכן דארט מיט פארגנבעטע בארוועסע טריט. א רגע בליצן גאר נאענט בייזע גרינע אויגן־פלעמלעך ווי פון וועלף. די באנדע רויבער טוט זיך גיך א לאז צום וואגן, מיט גריילעכע גרימיק־צעפליסטערטע קולות: דאוואי זשיד הראשי, בא טעבע זאביו! (גיב אהער ייד דאס געלט, ווארום מ'וועט דיך דערהרגענען).

— א כאלערע טעבע דאס, ראזבוי! (א כאלערע וועל איך דיר געבן, דו גזלן)

— שרײַט ר' זעליק צעפײַערט פון גרימצארן. און מיט אלע זײַנע אנגעדעמט־בעטע כוחות, בירושה פון זײַנע פאטערס, יידן סאדאווניקעס פון דורות, טוט ער זיך א ווארף אויף די שקצים רויבער. ער שלאגט און האקט אין דער פינצטער מיטן ארטשיק איבער קעפ, איבער לײַבער, איבער הענט. ער דער־

לאנגט זעץ אין פנימער און כאפט קלעפ מיט א דרענגל איבערן קאפ, מיט א האק אין אקסל, שטעך פון א מעסער אין די הענט, אין פנים. דאס פערד הירזשעט מיט אימהדיקע קולות. און גלייך די שטומע צונג ווייסט מיט זיין בהמהשן שכל, אז עס דארף זיך אין דעם געשלעג אננעמען פארן באלע־באס, שפרינגט עס אונטער, אהין און אהער, עס שמייסט מיטן שטארקן וויידל אין די פנימער פון די אנפאלער, עס קאפעט מיט די אונטערשטע געקאוועטע פיס די שקצים, רויבער אין די בייכער און עס בייסט מיט די ציין ווו עס טרעפט נאר אין די לייבער פון די שונאים.

דאס געשלעג דויערט אזוי עטלעכע רגעס ביז די רויבער אנטלויפן צעמזיקטע, צעבלוטיקטע, צוריק אין וואלד־טיפעניש און ווערן נעלם אין דער נעפלדיק קילער נאכט פינצטערניש.

זעליק אטעמט מיט טיפן געבלאז פון מויל ווי געוויינטלעך נאך א שווערער ארבעט, ער גרימט און פלוכט אז דער רוח זאל דאס נעמען, אז א שריפה און א נכפה זאל קומען אויף די שקצים־רויבער. אהא! ער האט זיי גוט דערלאנגט, גוט אנגעבראכן די ביינער! מיטן ארבל ווישט ער אפ דאס צעבלוטיקטע פנים, מיט א פאלע די צעשטאכענע הענט און ער טוט גיך א טאפ מיט א פינגער ביים שטיוול־כאלעווע. — נו, עס איז דא... דער ביטל מיטן זילבער־געלט איז דא... נישט געהאט חלילה קיין שאדן.

דערנאך שפאנט ער ווידער איין דאס פערד אין וואגן, טוט דאס גוטמוטיק געטריי א טרייב מיטן בייטש: — הייטא וויאאאא! לויף, לויף.

ביידע, דער מענטש און די חיה זענען שוין ווידער בארויקט און צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט און פערד־און־וואגן פארט שוין ווייטער אין פינצטערן וואלד און דערנאך מיטן פעלד־וועג, צום דארפישן סאד.

ר' זעליק גיט אפ, אין זיין פרומען הארץ, א לויב און דאנק דעם אויבערשטן, וואס האט אים געהאלפן ניצול ווערן פון די גזלנישע הענט. ער וועט בענטשן גומל און מנדר זיין ח"י צ"ל, אכצן גראצער, צו מזל און ברכה און צום לעבן, פאר ליכט אין שול, לכבוד יום טוב.

# דער לעצטער וועג

ווי אַ באַהאַלטענע חיה־רעה אין טיפֿער טונקלקייט פֿון איר הייל, וואָס מ׳זעט זי נישט, נאָר מ׳פֿילט די שרעק פֿון דעם בייזן בלוטדאָרשט, צעברומט פֿון שאַרף־ציינערדיקן גרימיקן פּיסק, אַזוי האָט וואָרענענדיק־בייז געברומט און געקלאָקערט די פֿאַרטייַעטע אַשיק־גראָע ווינטערנאַכט. דער פֿראָסטיק־שאַרפֿער ווינטשטורעם האָט טויב געשטורעמט די געפֿרוירענע וועלט מיט בלינדע שניי־זאַווערוכעס. אין געוועלב פֿון דער טויטער וויסטעניש האָט, ווי דער אָטעם פֿון גאָט, געשוועבט אַ ווייַס לעבעדיק פּאַרע־וואָלקנדל און זיך שווער געבייַלט און געבלאָזן פֿון די מיט די אייַזצעפּלעך אָנגעפֿרוירענע נאָזלעכער פֿון אַ פֿאַרוואָגלט פֿערד.

דאָס איז געווען בילמע, מנחמס פֿערד. מיט דעם צונאָמען „בילמע" האָט מען דאָס פֿערד גערופֿן, ווייַל דאָס לינקע אויג איז בייַ אים געווען בלינד, פֿאַרצויגן מיט אַ טעמפּער, ווייַסער בילמע, ווי מיט אַ שאָלעכץ פֿון אַן איי. הייַנטיקע נאַכט האָט מען בילמען פֿאַרטריבן פֿון זייַן היים — פֿון זייַן לײדיק צעבראָכן שטעלעכל, אַז ער זאָל גיין ערגעץ אַליין זוכן חיונה, אָדער אומקומען ערגעץ אין די שנייִקע פֿעלדער.

קרימלעך איז דאָס פֿערד אַצינד געלאָפֿן, געהאָצקעט מיטן לאַנג־געשטרעקטן האַלדז, מיט דער צעשויבערטער גריווע און דעם פֿאַרריסענעם ווידל, גלייַך אויף זייַן קנאָכיק־צעשונדענעם רוקן וואָלט זיך אַרויפֿגעכאַפּט און געריטן די בייזע נאַכט־חיה, מיט שפּיציק־פֿאַרקרימטער שד־מאָרדע און צעקרעלטע נעגלפּים, וואָס שלייַדערט די ווינטן פֿון אירע שוואַרצהאָריקע לאַפּעס און שרפֿהט די וועלט מיטן פֿראָסטפֿייַער פֿון אירע נאָזדרעס.

אַפּט מאָל איז דאָס פערד שטיין געבליבן, בהלהדיק אַ געשריי געטאָן אין נאַכט־טויבקייט, כדי צו לאָזן זיך דערהערן, אַ שטאַרקן טרעסע געטאָן מיט דער פאַרשטאַרטער פּעל, ווי אַראָפּצושליידערן דעם רייטנדיקן שד פונעם רוקן, אַ קראַץ געטאָן מיט דער מאָרדע דעם מיט שניי־אַנגעוואַקסענעם בויך, און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי צו זוכן אַן עצה: וואָס טוט מען? ווי אַזוי דערהאַלט מען ס'חיות? ווידער אַ מאָל האָט ער מיט די נאָזלעכער אַ בלאָז געטאָן צו דער פאַרפרוירענער ערד, מיט די דיקע לעפצן אַ נעם געטאָן אַ מויל שניי, אַ גיכן שלונג געטאָן, און אַ שאַרפער, ברומענדיקער ציטער האָט פּראַסטיק געשטאָכן אין לײַדיקן בויך, ווי מיט אײַזשפּיזן.

אַזוי גייענדיק, געריסן פונעם גרימיקן ווינט, האָט זיך דער מידער בהמה זייער געגלוסט אַנידערצוליגן אויף דער אַנגעפרוירענער שנייערד, אַפּצורוען פונעם וויסטן וואַנדערן און אײַנצודרימלען. די טויט־סכּנה, וואָס האָט געלאָקערט פון אַזאַ מחיהדיקער בענקשאַפט, האָט דורכגעריזלט מיט אַנגסט־ציטער די גערפרוירענע געבליטן. דאָס פערד האָט פאַרטריבן דעם גיפטיקן חשק, ווי אַ שטעכיקע פליג, מיטן ווידל, און בילמע האָט גיך אַוועקגע־האַצקעט, ווייטער אין דער נאַכט אַרײַן, דעם מידן לאַנגן קאָפּ נידעריק געבויגן, גלײַך ס'וויל אַנשמעקן הילף פון דער ערד. אָבער די אײַז־פאַרקאַ־וועטע ערד־גרודעס האָבן זיך געוויִסט, האַרטע און שפּיציקע, ווי פאַר־שימלטע שטיינער. ס'איז געווען פאַרשלאָסן די טראַכט פון דער ערד, טויט און נאַקעט, אַן דעם מינדסטן וואָרצל פון אַ לעבעדיקן געוויקס. מיט דער אָפּגעטראָטענער קאָפּיטע האָט דאָס פערד זי געהאַקט, די טויטע ערד, צו ערשט מיט טיפן גערולדיקן בטחון און דערנאָך מיט פּײַנלעך פאַרצאַרנטן הירזשען, וואָס האָט זיך שווער געשטויסן פונעם שטומען האַלדז, מיט פאַרביטערטן געיאָמער. אומזיסט. די אומדערבאַרעמקייט פונעם אײַזפּראָסט האָט אָפּגעטויט דאָס מינדסטע גרעזל.

אַז דער וואַיענדיקער ווינט איז אַ רגע שטיל געבליבן, גלײַך די ברומענדיקע אומרו פון דער נאַכט וואָלט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט זיך אַשיק געגראַמט אַ ווײַטע, געבערגלטע הייד, וואָס אין איר מיט האָט זיך געשניטן אַ שמאָלער, צעריסענער פעלדוועג. בילמע האָט דערקענט די געגנט. הייסער פריידאָטעם האָט געוואָרעמט זײַנע געדערעם. וויפל מאָל איז ער אָט אין אַזאַ שווערער זאַווערוכע־נאַכט, צוריקוועגס, מיד פון אַנגעהאָרעוועטן טאָג, געלאָפן דאַ אַהיים, געשלעפּט אַ פולן שליטן, אָן אַנגעפּאַקטן מיט זעק סחורה; באַרג־אַראָפּ האָט זיך דער שליטן געגליטשט, געפלויגן, געהאַקט אין די הינטערשטע פיס, אַז בילמע האָט, אָנזאַמלענדיק אַלע כּוחות פון זײַן ברוסט, קוים אײַנגעהאַלטן דעם דישעל. באַרג־אַרויף ווידער איז געווען שווער צו שלעפּן די אָנגעלאָדענע משא. ער פלעגט קוים קריכן, שווער געהויבן די זײַטן און געריסן די ערד מיט די אײַזערנע קאָפּיטעס פון אַלע פיר פיס. זײַן אָטעם פלעגט קײַכן; די פעל האָט זיך געריכערט פון צעהיצטער מי. אָבער ווי גוט איז געווען, ווען מען איז צום סוף אָנגעקומען אַהיים. מנחם, דער

באַלעבאָס מיט דער ווייס־אײַנגעפּרווירענער באָרד, מיטן שעפּסענעם היטל, האָט אים אויסגעשפּאַנט פון די פּאַרפּלאָנטערטע שטריק, וואָס זענען האַרט אײַנגעפּרווירן געווען ווי אײַזן, אַראָפּגענומען דעם שווערן כאָמעט פון זײַן האַלדז און בעת־מעשׂה געגעדט צו אים מיט ליבלעכע רייד, מיט פרומער גוטסקייט אַ גלעט געטאָן זײַן האַלדז, אים אַרײַנגעפירט אין פינצטערן שטעלעכל, און ווי אַ געטרײַער טאַטע איבערגעדעקט דעם הייסן רוקן מיט אַ זאַק, דאָס צעפּאַרעטע פערד זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן. זיס און וווּיל־פאַרדינט איז געווען די רו, ווען מ׳האָט זיך אַנידערגעלייגט אין וואַרעמען, ווייכן מיסט, די פיס אונטערן לײַב, איבערן קאָפּ האָט אונטערן באַלקן געשטעקט אַ שמעקנדיקער בינטל היי. בילמע פלעג אָנגעמען אַ פול מויל היי, געשמאַק און זשעדנע געקײַט, פילנדיק דעם איידעלן ריח פון געווירץ אין זײַנע נאָזלעכער, געקײַט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דערפילט מחיהדיקע זאַטקייט אין פולן בויך און ווייכע, זיסע מידקייט אין די דרימלדיקע אויגן־לעפּלעך. דאָס אַלצדינג, די וואַרעמע שטאַל און דאָס בינטל שמעקנדיקע היי, איז נישט געווען מער. טרויעריקע בענקשאַפט האָט געצויגן צו דעם. אַ ווייטיק ווי אַ צעשטורעמטער וואַלד האָט געברומט אַצינד אין זײַנע לײַדיקע געדערעם.

בילמע איז ווידער אַ רגע שטיין געבליבן און מיט אויסגעצויגענעם האַלדז אָפּגעהירזשעט: זאָל ער נאָך אַ מאָל זיך אומקערן אַהין, אַהיים? ניין, ס׳איז נישטאָ צו וואָס. פון לאַנג שוין איז נישט געווען קיין איינציקע שטרוי אין צעבראָכענעם, מיט שנײ־פאַרבלאָזענעם שטעלעכל, און ס׳איז געווען אין אים קעלטער און ווינטיקער, ווי אין פרײַען דרויסן. פון לאַנג שוין האָט בילמע דאָרט אָפּגעגריזשעט מיט די טעמפּ־געוואָרענע ציין דאָס אײַנגעפּרווירענע לײַם פון די ווענט און די טרוקענע ערד אונטער זײַנע פיס. פון לאַנג שוין, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם שולדיקן בליק פון זײַן אָרעמען באַלעבאָס, וואָס האָט דאָס פערד נישט מער שוין געשפּאַנט אין שליטן און איז אוועקגעפאָרן מיט אים האַנדלען אין דאָרף אַרײַן, נאָר איז געזעסן דאָרט, אין זײַן קאַלטן, אָרעמען שטיבל, און כּסדר געהוסט און געקרעכצט פון שלאַפקייט. ס׳איז אים, בילמען, באַוווּסט געווען, אַז נישט פון שלעכטסקייט האָט אים זײַן באַלעבאָס פאַרשטויסן און אַרויסגעטריבן פון צעבראָכענעם שטעלעכל. די שטילע בהמה האָט געפילט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה אין דער שווערקייט פון מענטשלעכער נויט. נו, מילא, גייט ער, בילמע, אין דער וועלט אַרײַן. וועט מען זיך זוכן אַ נײַעם באַלעבאָס מיט אַ נײַער שטאַל. פון זינט ער געדענקט זיך איז ער גרייט און ווילדיק צו זײַן דינסט אין לעבן, אײַנגעשפּאַנט בײַם דישעל, מיטן כאָמעט אויפן האַלדז און צו שלעפּן לאַסטן. פאַר אָט דער טירחה זײַנער וועט אים דער מענטש נאָך באַצאָלן מיט חיונה, מיט אַ בינטל היי, מיט אַ שטעלעכל, אַ דאַך איבערן קאָפּ.

קיין גרויסער באַדערפער איז ער, בילמע, קיין מאָל נישט געווען. דער האָבער האָט נישט געשטאָכן זײַן גומען מיט האָפערדיקער זעט. ער האָט קיין מאָל

נישט פּריציש געטענצלט מיט זילבער־פּאַרפּוצטן זאָטל און פֿלאַטערדיקע פֿעדערבושן אויפֿן גדלותדיקן געצוויגענעם האַלדז, נישט געקאָנט מאַכן קיין קונצן, און נישט געלאָפֿן ווי אַן אָדלער מיט באַוואָפֿנטן, גאָלד־באַצירטן רײַטער אין די טומלדיקע שלאַכטן, מיט טרומייטער־געבלאָז און פּויקן־געווערבל. מיט אַ בליק, אַ זײַטיק־ביטולדיקן און שינאהדיק־שטומען, וואָס האָט געשפּיזלט פֿון זײַן איינציק זעעוודיק גרוים אויג, באַלויכטן מיט שׂכל, פֿלעגט ער אַמאָל קוקן אויף די שיינע, זאַט־אויסגעפּאַשעטע, פּריצישע פֿערד מיט די גלאַנציק־געבויגענע העלדזער, וואָס טוען גדלותדיק אַ הירזשע מיט נאַרישן קוויטשל. אומזיסטיקע פּרעסערס — האָט זײַן בליק געצערנט — קנעכטישע נשמות. זיי ציִען נישט דעם גוצלעכן אַקער, אָדער דעם צעבראָכענעם פּרנסה־וואָגן פֿונעם אָרעמאַן. וואַרטס נאָר אויס, איר זינדיקע פּוסט־און־פּאַסניקעס, — האָבן זיך געשאָקלט בילמעם אָפּגעריבענע אויערן — ס׳וועט קומען די צײַט, ווען ס׳וועלן נישט זײַן אויף דער וועלט קיין שיינע, לײַכטע בריטשקעס, ווי קינדער־שפּילעכלעך, צו טענצלען אין זיי גלאַנציק־אויסגעפּוצט אין זילבערנע קלעפּערלעך און מעשענע טעצעלעך, גלוסטיק־צעחנדלט, ווי שיינע ווײַבער. ניין, ס׳וועלן נישט זײַן מער קיין רײַכע פּריצים, וואָס וועלן אויף אײַך האָפֿערדיק־צעטענצלט רײַטן מיט פֿעטע הינטנס און אײַך פֿון תּענוג קיצלען מיט די שפּאָרן די זאַטע בײַכער. אײַנשפּאַנען וועט מען אײַך אין יאָך, צו אַקערן די ערד, צו שלעפֿן די משׂא פֿון די וואָגנס גלײַך מיט אונדז, אַרבעטספֿערד, האַ־האָ, אײַער צײַט וועט נאָך קומען, איר גאַוהדיקע לײדיק־גייערס, אָן שׂכל און אָן יושר.

איין מאָל, געדענקט בילמע, איז ער געשטאַנען אין שטעטלמאַרק אויסגעשפּאַנט בײַם קרומען דישעל פֿון זײַן צעבראָכענעם וואָגן און מיד געקײַט פֿונעם זומערדיקן, זאַפֿטיקן בינטל שטרוי. דאָס גרויסע גליִענדיקע זונאויג אין טיף בלאָען הימל־געוועלב האָט גאָלדיק געציטערט אויף די גרינע ביימערשפּיצן, וואָס זייער שוואַרצער שאָטן האָט אָפּגעפֿרישט דאָס צעהיצטע לײַב. קופּעס אויבסט האָבן געשמעקט פֿון די קעסטלעך. מענטשן מיט צעקנאָדערטע, גוטמוטיק־פֿאַרברענטע פּנימער האָבן ווי די הינער געגאָגערט פֿריילעכע רייד. וואָלקנס פֿליגן האָבן געזשומעט אַרום זײַן קאָפּ, געשטאָכן מיט זייערע קליינע מוילשפּיזלעך זײַן פֿעל, געקיצלט די נאָזלעכער, געזויגן די אויגן־ווינקלען, אָבער בילמע האָט זיי פֿאַרטריבן מיטן פֿאָכנדיקן ווידל. פֿייגל האָבן צעפֿײַפֿט געהיפּט און גיך געפּיקט מיט די גענייטע שנעבעלעך זערנעם פֿון דעם צעפֿאַרעטן פֿערדמיסט און באָרוועסע ייִנגלעך האָבן, שפּילנדיק זיך לעבן אים, געקנאַקט מיטן בײַטשל, געשפּרונגען און געשריגן. זײַן באַלעבאָס האָט דעמאָלט נחתדיק געשמייכלט אין דער באָרד אַרײַן. פֿריילעך איז בילמען דעמאָלט געווען אויף דער נשמה. לעבן אים, בײַ עפּעס אַ פּריצישער בריטשקע, איז געשטאַנען אַן אויסגעשפּאַנטע שיינע שקאַפּע, גלאַנציק־אויסגעבערשט, מיט אַ קײַלעכדיק־פֿולן בויך, ווי אַ זאַפֿטיק־באַגראָזט זומערבערגל. בילמע האָט אַ פֿריידיקן ברום געטאָן, אַ טרעסע געטאָן

מיט דער פעל, אויסצופוצן זיך, אפצוּוואַרפן די שטיקלעך מיסט פון לײַב, אַ שמיץ געטאָן מיטן וויידל, כּדי אָנצוזאַמלען חשק, דערנאָך געפּרוּווט די שכנהטע אַ צערטלעכן גלעט טאָן מיט דער מאָרדע און אַרויפגעלייגט זײַן קאָפּ אויף איר האַלדז, כּדי איר אײַנצורוימען אין אויער אַ סוד פון ליבשאַפט. אָבער די שקאַפּע האָט דעם פּראָסטן, קנאַקיק־דאַרן בחור אָפּגעשטויסן מיט אַ בײַזן געהירזשל. זי האָט געקאַפּעט מיט די פיס, געריסן דעם דישעל, געשריגן און געקוויטשעט, גלײַך מען וויל זי קוילען. הי־הי־הי — אַ העזה אַ ביסל פון אַ קבצן! אוועק! בילמע, אַ פאַרשעמטער, האָט אָפּגערוקט זיך אַ ביסל ווײַטער, פאַרדראָסן אַ קראַץ געטאָן זיך מיט די ציין אין דער ברוסט:

נו, מילא, באַדאַרף מען נישט. וועט ער זיך באַגיין אָן דער פּריצישער שקאַפּע, וועט ער וואַרטן אויף זײַנס גלײַכן. דערווײַל אָבער האָט ער מיט פּראָסטאַקישער הכנעה געפּרוּווט כאַטש אָננעמען אַ מויל האָבער פון יענערס זאַק, כּדי טועם צו זײַן אַ געשמאַקן ביסן, אָבער די גלאַנציקע נגידית האָט צאַרנדיק געוואָרטשעט און גענומען זיך וואַרפן מיט העליש אָנגעצונדענעם כּעס. זי האָט געפּאַטשט מיטן לאַנגן, שיינעם וויידל, אין צעפּײַערטער בהלה געשטויסן מיטן קאָפּ, גרייט דורס צו זײַן, געשריגן און זיך געוואָרפן ווי אין קדחת. דעמאָלט איז שוין בילמע אַרויס פון די כּלים. זײַן גרימצאָרן האָט אויפגעזאָטן מיט פינצטער־בייזן ברום. הו־הו — וואָס איז דאָס? ס׳איז טאַקע איר האָבער? זי האָט געאַרבעט אויף דעם מיטן שוויס פון איר לײַב? און בילמע האָט גיך און טיף אַ שינאהדיקן ביס געטאָן דער פּריצישער שקאַפּע אין סאַמע שיינעם האַלדז, צעריסן די גלאַנציקע פעל מיט זײַנע שאַרפע, פעדערשטע ציין. שטעקנס און בײַטשן האָבן באַלד געשמיסן אין זײַן רוקן ווי אַ פײַערדיקער האָגל, די באַלעבאַטים האָבן זיך געקריגט, און מען האָט אים אוועקגעטריבן פון מאַרק מיט קללות און שרעקגעשריי. די הנאה אָבער פון יענעם ניצחון איבער דער שיינער, פוסטער יחסנטע פילט ער נאָך ביז אַצינד, און ער שמייכלט אין זײַן נשמה, מיט דער אָנגעבויגענער מאָרדע, וואָס די האַרשטעכערס זענען אָנגעפּרוירן מיט שניי ווי אַ ווײַסע באָרד.

די דאָזיקע דערמאָנונג פון אַמאָליקע גוטע טעג באַשײַנט אַצינד בילמעס יִיאוּשדיקן געדאַנק מיט ליכטיקייט פון גוטער באַגעגעניש. יאָקאָש וועט ער נישט אומקומען. ער וועט זיך געפינען אַ נײַעם באַלעבאָס, וואָס וועט אים צונעמען צו דער אַרבעט. יאָ, דערווײַל איז נישטאָ פון וואָס זיך אַזוי שטאַרק צו זאָרגן. און בילמעס טרויעריק־אָראָפּגעלאָזטער קאָפּ הייבט זיך אונטער מיט האָפערדיקן ביטחון. ער שפּאַנט מיט גיכן גאַנג, האָצקעט אונטער און נעמט אַפילו טענצלדיק לויפן, שנײַדט מיט דער מאָרדע דעם ווינט. וואָרעם דאָרט אין דער ווײַטקייט, הינטערן בערגל, שײַנט אויף דער טונקעלער שניי־גראָקייט דער דאַך פון אַ הײַם. ס׳שמעקט פון דאָרט מיט דער וואָרעמקייט פון שטרוי. ס׳איז אַ פּויערישע כאַטע, נידעריק אײַנגעגראָבן אין דער ערד און אַרומגעפּאַקט מיט אַ געדעכטער, שטרויענער זאַהאַטע, ווי מיט אַ

שעפּסענעם פּעלץ. אַז בילמע קומט אַהין צו, שמעקט ער צו ערשט אַרום די כאַטע פון אַלע פיר זײַטן. ניין, קיין פערד איז דאָ נישטאָ. מעגלעך, אַז דער נײַער באַלעבאָס וועט אים צונעמען צו דער אַרבעט, אָבער צו ערשט איז כּדאַי זיך אונטערצוזעלנען די פאַרשמאַכטע גערערעם, און ער טוט אַ שלעפּ מיט די לעפצן אַ מויל שטרוי, אַ זשמוט קאַלטן, מיט אײַזשניי אָנגעפרוירענעם שטרוי. ס'איז אַ געשמאַקער ביסן, וואָס דערוואַרעמט אַ רגע דעם ליידיקן, פאַרהונגערטן בויך. ער קײַט געשמאַק און טוט אַ פריידיקן ניס. און אַט האָט ער געפונען אַ נײַע היים. געלויבט זאָל זײַן דער באַשעפער פון די בּרואים. באַלד וועט מען אים אַרײַנטרײַבן אין דער וואַרעמער שטאַל און זײַן לעבן וועט אויף ס'נײַ אויפבלײַען מיט אַרבעט און קראַפט. אָבער פּלוצעם טוט זײַן קאָפּ אַ ציטער פון ווייטיק. דער רוקן טוט אים זײַטיק אַ ברען. אַ שטעקן האָט אַ קנאַק געטאָן איבער זײַן קנאָכיקן הינטער־חלק. אַ שאַרפער בײַטש־שמיץ טוט אַ ברי איבער דער פעל. צו אַזאַ ווייטיק איז בילמע שוין געוווינט פון לאַנג־אָן. וואָרעם די באַלעבאַטים שלאָגן גענוג. ער האָט זיך גאָרנישט געחידושט, ווען ער האָט אַצינד געכאַפּט נאָך עטלעכע בײַטשן. ער האָט גיך אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ פון דעם פרעמדן שטרוי און אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן. ווײַל ס'איז אים באַוווּסט געווען, אַז פאַר אַט אַזאַ נאַש־טאָן פון פרעמדן פאַרמעג כאַפּט מען שלעק.

— אַ, דאָ כאָליערי! ווי־עעע. אַז אָנשיקעניש, אַ פרעמד פערד גאָר — האָט בילמע געהערט אַ געשרײַ — און זײַן גאַנץ לײַב האָט דריבנע אַ ציטער געטאָן, אין דעם געשריי האָט זײַן שאַרף אויער דערהערט אַ פרעמד בייז וואָרט וואָס זאָגט נישט צו קיין גוטס. ס'איז געווען אַ שינאהדיקער, אומדערבאַרעמדיקער געשריי. ווי תּמיד, האָט בילמע אויסגעדרייט דעם לאַנגן קאָפּ מיטן קלוגן בליק אין זײַן טיף, גרויס, שוואַרץ אויג, און ער האָט אַצינד געזען שטיין אַ קליינעם, געהויקערטן פּויערל אין גרויסע שטיוול, מיט אַ צעפּליקטן געלן שאָפּענעם פּעלץ איבערן סטאַן, די בײַטש אין האַנט און לאַנגע האָר־קודלעס אויפן בלויזן קאָפּ. דעם פּויערס אויגן זענען געווען פאַרמאַכט און בייז־פאַרנעפּלט פון געשטערטן שלאָף. זײַן קײַלעכדיקע נאָז, ווי אַ קאַרטאָפל, איז געווען אײַנגעפּעקלט אין געדיכטע וואָנצעס:

— אַ, דאָ טשאָרטי מאַטרע, העי וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ פערדל. עפּעס אַ רוח צי וואָס, אַ פרעמדע נבֿלה, צעשלעפּט די גאַנצע זאַהאַטע. דער ווינט וועט נאָך אומוואַרפן די כאַטע, מ'וועט נאָך פאַרפרוירן ווערן. אַ — וויִע־עעע. דאָ כאָליערי... אַזאַ זאַווערוכע, ה־י־י־י... אַוועק, אַוועק פון דאַנען!...

דער ווינט האָט פאַרצוקט דעם פּויערלס געשריי, און ער האָט ווידער אַ קנאַק געטאָן בילמען מיטן בײַטששטעקן איבער די פיס.

בילמע איז אָבער גאָרנישט נתפּעל געוואָרן פון דעם נײַעם זעץ. ער האָט אונטערטעניק אַ הירזשע געטאָן, אַוועקגעהאָצקעט אַ ביסל ווי אויף קאַטאָוועס, צוריקגעקומען און זיך אַ ווילערישן דריי געטאָן אין רעדל, צו ערשט מיטן

הינטן און דערנאָך מיטן פאַרנט, פאַרן פויערס בליק, בכדי צו ווײַזן זײַן לײַב, אַנצובײַטן זײַנע כּוחות, ווי ער איז דאָס געווינט געווען צו טאָן אויף די ירידים דעמאָלט נאָך, ווען די באַלעבאַטים האָבן אים געקויפט און פאַר־קויפט איינער צום אַנדערן. דערנאָך האָט בילמע אַ שטרעק געטאָן דעם האַלדז און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ. אַ שטייגער ווי ער וואָלט אַ זאָג טאָן מיט זײַן שטומער צונג: נו, באַלעבאָס לעבן, זעסט אַ פערד, אַ וווּיל פערדל, איאָ? אָבער כ׳בין הפקר, אַן אַ היים. אַ ביטערע צײַט איז געקומען אויף מיר, אַ בייזער גורל האָט מיך געטראָפן. ס׳איז מלחמה־צײַט, מ׳האָט מיך פאַרטריבן פון מײַן היימשטעטל. כ׳בין ביטער הונגעריק און מוראדיק מיד. נו, גוטער מענטש, נעם מיך אָן צו דײַן פעלדאַרבעט. כ׳וועל דיר דינען געטרײַ, כ׳וועל דיר פירן ס׳מיסט אויף דײַן פעלד, כ׳וועל ציִען דעם אַקער אויף דײַן שוואַרצער ערד, אַהיימשלעפּן די תבואה־וואָגנס פונעם אָפּגעשניטענעם פעלד צום שײַער. כ׳וועל דיר אָפּפירן מיטן וואָגן די זעק קאָרן און ווייץ צו דער מיל אָפּצומאָלן אויף געשמאַקן ברויט; אַ זאַטן, אַ יום־טובֿדיק אויסגעפּוצטן, מיט רויטע בענדער און בלאָע סטענגעס, וועל איך דיך פירן מיט דײַן ווײַב און קינדער זונטיק אין דאָרף אַרײַן צום קלויסטער, דו זאָלסט דאָרט בעטן צו דײַן גאָט אויף פרידן, געזונט און גערעטעניש. בלויז פאַרן ביסל חיונה, פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ, וועל איך דיר דינען. יאָ, וועסט קיין חרטה נישט האָבן. כ׳בין איבעריקנס אַ גרויסע מציאה, ס׳קאָסט נישט קיין גראָשן געלט. גאַנץ אומזיסט. נו, נעם זשע גיכער און לאָז מיך אַרײַן אין שטאַל אַנצוּוואַרעמען זיך און גיב מיר אַ ביסל היי צום עסן. צי אַפילו אַ ביסל טרוקן שטרוי צום קײַען, וואָרעם כ׳ווער דערפרוירן פון קעלט. דער פראָסט גליווערט מיט טויט אין מײַנע בלוטן. כ׳קום אום פון הונגער. דערבאַרעם זיך, גוטער באַלעבאָס, האָב רחמנות אויף דער שטומער בהמה. אין אַזאַ שווערער זאַווערוכע, אין אַזאַ בייז־צעשטורעמטער ווינטערנאַכט, כ׳וועל דאָך מוזן אויסגיין אין פרײַען פעלד.

דאָס פויערל האָט פאַרשטאַנען דאָס שטום־לשון פון דעם פערד. ער האָט זיך פּאַוואָליע גענעענט און געזען, אַז בילמע איז אַ גרויס, ברוין־קנאַכיק פערד, בלינד אויפן רעכטן אויג און מיט שאַרפע ריפּן אויפן אײַנגעפאַלענעם בויך, ווי רײַפן אויף אַ צעלעכצטן פאַס. די שפּיציקע קנאָכן האָבן אַרויסגעשטעקט ווי סענקעס פון אַ דאַרן קלאָץ און זיי האָבן באַלד דורכגעלעכערט די מאָגערע, בלוטיק־צעשונדענע פעל, וואָס זי איז געווען אָנגעפרוירן מיט שנייפראָסט, ווי אָפּגעווײַסטע בוימקאָרע. דער אויסגעקראַכענער קורצער ווידל איז געווען ווי צוגעניייט מיט שיטערע שטעד צום אײַנגעדאַרטן הינטן. און די צע־שויבערטע גריווע, ווי אַ בונט שטרוי, האָט זיך געבלאָזן אין דער לופטן.

דעם פויערלס קאָפּ האָט זיך שפּאַטיש־שמייכלענדיק צעשאָקלט:

— אַ ייִדיש פערדל, פון דעם שטעטל מסתּמא, כע־כע־כע!

און ער האָט אַרײַנגעשטופּט צוויי פינגער אין בילמעס נאָזלעכער, צעעפנט די שיפע מאָרדע און אָנגעטאַפּט עטלעכע נאָך שטאַרקע, געזונטע ציין,

וויווויל בילמע איז שוין נישט געווען קיין יונגער לאָשיק, אָבער פֿאָרט נאָך אין די צײַטיקע זומעריאָרן. מבֿינותדיק האָט דאָס פֿויערל אַרומגעטאַפּט בילמעס קנאָכן, די פֿעל, די פֿיס. ווען דאָס פֿערד זאָל האָבן פּאַשע, וואָלט עס נאָך געקאָנט ווערן אַ לײַט. דעם פּויערלס שטערן האָט זיך געקנייטשט צוערשט מיט רחמנות צו דער פֿאַרוואָגלטער בהמה, נעבעך — אַ שאָד, גאָטס באַשעפֿעניש, — און דערנאָך מיט לאַנגן יִשובֿ־הדעת, קראַצנדיק מיט אַ פֿינגער אין די קודלעס. יאָ, אַן אומזיסטיק פֿערדל, אַ גרויסע מציאה, אָבער ביז וויאַסנע־צײַט איז נאָך ווײַט, און קיין פּאַשע צו האָדעווען איז נישטאָ. נישט קיין היי און נישט קיין ביסל שטרוי אַפֿילו. דער אײַזערנער שטיוול פֿון די בייזע מלחמות האָט צעטראָטן און צעריסן זײַן שטיקל פֿעלד. ניין, ניין, וואָס טויג אים אָט די פּגירה? זי איז נישט ווערט קיין גראָשן. מען טרײַבט הײַנט אַוועק די פֿערד, ווײַל ס'איז נישטאָ קיין פּאַשע. ניין, ער באַדאַרף נישט קיין פֿערד, כאָטש ס'איז אַ גרויסער שאָדן. און זײַן שטעקן האָט ווידער אַ קנאַק געטאָן בילמען איבערן רוקן, אַז די דאַרע קנאָכן האָבן אַזש געקלונגען ווי אײַזן.

— אַ ווײַע, צו אַלדי רוחות... ווײַעע, אַוועק, אַוועק פֿון דאַנען!

צום לעצטן מאָל האָט בילמע אויסגעדרייט זײַן שטומען, טרויעריקן קאָפּ, און זײַן זעעוודיק גרויס אויג האָט אַ בעט געטאָן מיט שטומען צער־בליק: טרײַבסטו מיך טאַקע אַוועק, באַלעבאָס, האַ? האָסט נישט קיין רחמנות אויף אַ שטומער בהמה? זײַנע אויערן האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן, אָבער דער שטעקן האָט געשלאָגן און געשלאָגן, האָט געטריבן און געטריבן, און בילמע האָט געמוזט אַוועקגיין ווײַטער, ווײַטער אין פֿעלד אַרײַן. ער האָט זיך נישט מער אומגעקוקט. זײַנע שוואַכע פֿיס, די אָפּגעהאָרעוועטע, האָבן נישט געקאָנט מער דערטראָגן די שווערקייט פֿונעם פֿאַרהונגערטן לײַב, און בילמעס גאַנג איז געוואָרן לאַנגזאַמער, אומזיכערער און שיף צעהוידעט ווי ביי אַ שיכּור. ער האָט געשטרויכלט, געפֿאַלן אין צעריסענע ערדלעכער, פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין שטעכיקע דערנערקוסטעס. מיט צאָרנדיקער שׂינאה איז געקומען אויף זײַן זכּרון יענער טאָג, ווען ער איז דאָ איבער די צעשאָ־סענע פֿעלדער געלאָפֿן מיט צעפּאַרעטער פֿעל אונטערן גאָסרעגן, געשלעפּט שווערע אײַזערנע קאַנאָנעז פֿון די בלאָטעגריבער, בעת ס'האָט פֿון אויבן געדונערט מיט צעריסענע שטיקער אײַזן און פֿון אונטן האָט געשטורעמט מיט פֿײַערדיקע ערדוואָלקנס, וואָס האָבן געזעצט פֿון די פֿעלדער, גלײַך די וועלט וואָלט צעזעצט געוואָרן. אַצינד איז די וועלט דאָ שטיל פֿאַרטײַעט אין נאַכטיקן גליווער. ווי אַ בעטלער פּרוּווט בילמע אַנקלאַפּן מיט דער מאָרדע אין די מיט שניי פֿאַרשאָטענע טירן פֿון שלאָפֿנדיקע כאַטעס, אָבער די טירן בלײַבן שטום און פֿאַרקאָוועט. און ער וואַנדערט ווײַטער אַוועק פֿונעם דאָרף, ווידער אין צעשטורעמטן פֿרײַען פֿעלד אַרויס. פּלוצעם טוט בילמע פֿריידיק אַ שפּיץ אָן די אויערן. מענטשלעכע טריט דערטראָגן זיך צו זײַן געהער. פֿאַרשנייטע זעלנער זענען געגאַנגען אין אַ לאַנגער שורה,

איינער הינטערן אַנדערן, מיט ביקסן אויף די אַקסל, אַנגעפּעקלטע און שווער באַלאָדענע מיט משׂאות פון טויטנדיקן כלי־זין, מיד־דערפרוירענע און פאַרשטאַרטע פון קעלט. זיי האָבן קוים געאָטעמט. מיט בלוט־און־פולווער־רויך האָט פון זיי געשמעקט.

בילמע האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון יענער זייט. ער האָט גענומען דערשראָקן היפּן און אַנטלויפן פונעם וועג, כדי אויסצומיידן די דאָזיקע מענטשן, וואָס ס'האָט פון זיי געאָטעמט מיט פאַרדאַרבונג. אָבער די בייז־ווילקייט פון זייער אויג האָט שוין געהאַט דערזען פון דער ווייטנס דאָס בלאָנדזשענדיקע פערד.

— העי, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ שד? עפּעס אַ פערדל?

— מען דאַרף דערשיסן.

— כאַ־כאַ־כאַ, אַ נבֿלה, ס'אַ שאָד אַ קויל.

דער וואָס איז געגאַנגען פאָרויס און דאָס געזאָגט האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון דער פּלייצע און געצילט. עס האָט אַ הילך געטאָן, דער שאָס, מיט טאָפּעלן נאָכקלעכן ווידערקול. און בילמע האָט דערפילט אַ פייערדיקן ווייטיק אויף זיין פעל. ער איז אונטערגעשפּרונגען מיט דערוואָרגענעם שרעקגעשריי, געפּאַכעט מיטן ווידל אויף דער פרישער ווונד, און אין אַ רגע אַרום איז געווען דאָרט, אויף זיין צעלעכערטן רוקן, אַ מכּה פון אַנגע־פרוירענעם בלוטגליווער. לויפנדיק אַ ביסל ווייטער, האָט ער געזען זעלנער מיט פאַרבונדענע קעפּ האָקן אין וועלדל. בגנבֿה, מיט קליינע, שטילע העקלעך האָבן זיי אויסגעהאַקט די לעצטע איבערגעבליבענעביימער, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט גנבֿענען אַ שטיקל וועלט. נאָך אַנדערע האָבן מיט קורצע ריסקאָלעם געריסן, געשונדן, געגראָבן זיך אין דער געפרוירענער ערד, גלייך זיי וואָלטן זיך ווי קראָטן געוואָלט איינגראָבן אין ערדלעכער.

נאָך אַנדערע, מיט אייזערנע טעפּ אויף די קעפּ, די פּנימער שוואַרץ־פאַר־שטיינערט, זענען געזעסן ווי באַהאַלטענע גזלנים אין טיפן גרוב און געלאָקערט מיט אַנגעשטעלטע ביקסן. מיט שטילע היימישע רייד האָבן זיי גערופן דאָס פערד צו זיך. בילמע איז שטאַרק נייגעריק צו וויסן צוליב וואָס די מענטשן זיצן אין אַזאַ קאַלטער זאַווערוכע־נאַכט אין מיטן פעלד, אין די געפרוירענע ערדלעכער. אַ רגע האָט ער זיך געקווענקלט, געשראָקן זיך פאַרן פאַרבאָרגענעם בייז. צום סוף אָבער האָט ער געפילט, אַז אָט די מענטשן זענען פאַרוואָגלטע גלייך ווי ער, ליידן הונגער און קעלט פונקט ווי ער. ער האָט זיך אַציינד פּאַוואָליע דערנענטערט, ווי בעטנדיק עפּעס, אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צו זיי. אַ האַנט האָט אים רחמנותדיק דערלאַנגט אַ שטיק פאַרפרוירן ברויט אין מויל אַריין. ער האָט גיך אַראָפּגעשלונגען דעם זיסן ביסן, אַ פריידיקן הירזשע געטאָן צום דאַנק און זיינע לעפּצן האָבן אַ וואַרעמען לעק געטאָן דעם נדבֿנס האַנט און געבעטן נאָך. אַ רגע האָט די לייד פון די ברואים פאַרבונדן דעם מענטש מיט דער בהמה אין קרובישאַפט פונעם אומגליק. מען האָט

גערעדט צו אים גוטע רייד. ס׳איז אים געווען גוט צו פילן א גלעט אויפן רוקן. צוויי זעלנער זענען ארויסגעקראכן פון דער גרוב, האבן פארווארפן אים א שטריק אויפן האלדז, געשלעפט אים ערגעץ צו א וויטלעכן ביידל. ער איז געגאנגען מיט ביטחון, אפשר האט זיך שוין געענדיקט די עת־צרה און ס׳איז אנגעקומען די הילף? אפשר פירט מען אים שוין אין שטאל אריין?

ס׳האט שטוביק־היימישלעך געשמעקט מיט רויך־ און קאך־טעפ, אבער אין איינעם מיט דעם האט בילמע אנגעשמעקט עפעס אומווערדיק־בלוטיקס פון גרוילעך חיהשן מענטשן־געדאנק. א דריבנער ציטער איז געלאפן איבער זיינע אברים, ס׳האט א בליץ געטאן א מעסער הינטער דער פאלע, א האק האט זיך א הויב געטאן צו זיין קאפ, און בילמע האט זיך מיט אלע כוחות א שטארקן ריס געטאן פונעם מענטשנס האנט, צעקאפעט מיט די הינטערשטע פיס, קרום געשפרונגען מיט קורצן, שווער־אויסשטויסנדיקן אטעם פון די צעשפרייטע נאזלעכער, גלייך ער וואלט געלאפן ערגעץ אהיים, וואס וועט אים באשיצן פון אלדאס בייז. אין זיין זכרון האט זיך צעשפרייט א גרינך־באגראזטע שמעקנדיקע פאשע, ווען ער, בילמע, איז נאך געווען א קליין, ברוין לאשעקל און איז נאכגעלאפן א הויך־אנגעלאדענעם היי־וואגן, געשפרונגען צעיובלט פון יונגער פרייד, מיט א פארריסן וויידעלע, לעבן זיין ברוינער איינגעשפאנטער מוטער, וואס האט אים געגלעט און געהיט מיט איר צערטלעכן מוטער־בליק. ער איז געלאפן אצינד צווישן צוויי בערגלעך, אהיים, אין דארף אריין, צו יענער שטאל, וווּ ער איז געבוירן געווארן. צעהיצט פון שוויים, איז בילמע אנגעקומען אהין, געדרייט זיך דארט, געשמעקט מיט דער מארדע צווישן ליימבערגלעך און מיט צער געהירזשעט צווישן האלבע ווענט. ס׳איז נישט געווען מער דארט נישט קיין דעכער, נישט קיין שטיבער און נישט קיין שטאלן. פארשנייטע ליימקופעס און צעבראכענע שרפה־חורבות האבן זיך געבליכט ווי פגרים־שארבנס. בילמעס קאפ האט ווידער טרויעריק זיך אראפגעלאזט צו דער ערד. ער האט געשארט דארט מיט א פוס, געזוכט און גענישטערט מיט דער מארדע הינטער א חורבה־וואנט. די אויערן האבן זיך געלייגט און געהויבן, די נאזלעכער האבן צעבלאזן דעם שניי, ביז ער האט עפעס געפונען. יא, דא איז געווען די שטאל, די ערשטע היים זיינע, און מיט פריידיקן ציטער טוט זיך זיין גוף שווער א לייג אויף דער פארפרוירענער ליימקופע הינטער דער וואנט־חורבה. שניי־וואלקנס האבן באלד באשאטן זיין בויך, אט־אט און זיין לייב איז ביז צום האלדז פארזונקען אין גלאטיקן שנייבערגל. מידע רו נעפלט אין זיין אינגעווייד, די אויגנלעפלעך קלעפן זיך אין גליווערדיקן דרימל. אבער זיינע געבליטן זענען וואך. עס האָרכט דאס געשפיצטע אויער די פארשלעפערטע ברומעריי פונעם ווינט.

עפעס א צעקייכטע זקנה, מיט א ליידיק מויל, אנגעפעלצט אין לאכעס, געבויגן אויף א שטעקן, קריכט ארויס פון א חורבה־לאך. זי ברומט בייז און זי טאפט, טאפט מיט ציטערדיקע זקנה־פינגער איבער בילמעס קאפ.

בילמע פֿילט די קנאַכיקע פֿינגער פֿונעם טויט אויף זײַן לײַב. ניין, ער וויל נישט שטאַרבן, ער וויל ווײַטער לעבן, אַרבעטן און אַרבעטן, אַבי פֿילן דאָס זאַפֿטיקע געווירץ פֿון דער לופֿט. ער דראַפּעט זיך אַרויס פֿונעם שנייבערגל הינטער דער חורבה־וואַנט, שמײַסט מיטן ווידל, טרעסעט אָפּ די שלאָף־לײמונג פֿון זײַן אויג, און שפּאַנט אַוועק ווײַטער, ווײַטער. ער מײַדט אויס מענטשלעכן יישוב, אַנטלויפֿט אין ווײַטער פֿעלדלײדיקייט, און גרימיק האָט ער אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זײַן טאַקן דעם יאָך פֿון געבונדנקייט צום מענטש, צוריקגענומען די גערויבטע פֿרײַהייט פֿון דורות. איבער טאָל און בערג איז ער אַצינד געגאַנגען, געשפּרונגען איבער גריבער און דורכגעשניטן שיטערע וועלדלעך, געגליטשט זיך איבערן אײַז פֿון געפֿרוירענע טײַכן און געשלײַכט איבער וואַלדיקע בערגלעך. ער האָט אַ טיפֿן און לאַנגן הירזשע געטאָן, אַ פֿריידגעשריי פֿון דערלייזונג, גלײַך ער וואָלט וועלן אָנזאָגן אַ פֿריילעכע בשׂורה צו דורות פֿערד, וואָס האָבן אַמאָל ווילד געלעבט ערגעץ דאָרט, געפּאַשעט זיך אין דער ווײַטקייט פֿון די הויך־גראָזיקע סטעפּעס, אַז ער, בילמע, קערט זיך אום צו די פֿאַרלוירענע וועלטן, צו יענער פֿרײַקייט פֿון דער ווילדעניש, נאָך אײדער דער מענטש האָט געכאַפּט די פֿערד מיט זײַן שטריק, געפּענטעט און געבײַטשט, אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער האָט זייערע האַרטנעקיקע קעפּ געבויגן אונטערן יאָך פֿונעם כאָמעט און אָפּגערעכטעוועט זייערע לײַבער צו פֿרידלעכער אַרבעט, צום נוץ פֿאַרן מענטש.

דעם קאָפּ אָנגעשטעלט פֿאָרויס, קעגן ווינט, האָט בילמע געקלערט צו לויפֿן אַהין, ווײַט אַהין, צו יענע מיט זון־פֿאַרגאָסענע סטעפּעס, וווּ זײַן לײַב וועט פֿאַרטרונקען ווערן אין גרינעם וואָלד פֿון די הויכע גראָזן און זײַן מאָרדע וועט כסדר אָננעמען אַ פֿול מויל זאַפֿטיק גראָז און קײַען, קײַען מיט די ציין, ביז דער ליידיקער בויך וועט ווערן פֿול און זאַט. אָבער ס׳ווײַזט אויס, אַז ביז צו יענע גאָט־געבענטשטע, פֿרײַע, גרינע סטעפּעס איז נאָך אַ שפּאָר ביסל ווײַט געווען, און בילמעס שוואַכער אָטעם איז אַלץ קירצער געוואָרן. פֿון דעסט וועגן האָט דאָס פֿערד דערפֿילט, אַז די טויטגעפֿרוירענע ערד נעמט זיך דערבאַרעמען איבער דער פֿאַרלוירנקייט פֿון די בריאים. די נאַכט האָט זיך אויסגעלײַטערט. דער צעשריגענער ווינט איז פֿאַרשטומט געבליבן, די פֿראָסטיקע זאַווערוכע האָט אויפֿגעהערט צו בלאָזן. שיטערע, נאַקעטע וועלדלעך שפּרייטן זיך איבער די בערג. אַצינד האָט בילמע געקאָנט צופּן מיט זײַנע לעפֿצן האַרטע גראָזן, גרינע סאָסנע־צווײַגלעך פֿון ביימער־שטאַמען, ריטלעך און וואָרצלען. ער האָט געהאַצקעט פּאַוואָליע, געקײַט מיט די ציין און אַלץ טיפֿער און טיפֿער זיך פֿאַרלאָרן אין די וועלדער, טאָלן און בערגלעך, וואָס אָטעמען מיט ווילדער פֿרײַקייט פֿון חיהשן לעבן. אַ גלאַטיק ווײַס־בלאָע שנייוועלט שפּרייט זיך שטיל און פֿרידלעך, ווי אַ בלאָ־געזילבערטער הימל. די שניישײַן ווערט אַלץ ליכטיקער, זילבערט איבער די ליידיקע ביימערשפּיצן, איבער אָפּגעריסענע, ווײַסע וואָלקנבערג, וואָס שווימען פּאַוואָליע, אונטערן הימל. גרין־גאָלדענע, פֿראָסטיק־קלאָרע שטערן ציטערן ווי פֿינטלדיקע אויגן

אין הויכער בלאָקייט. טריט־סימנים אין שניי לויפֿן אין אַלע זײַטן, שאַרפֿע פֿייגלשע און קליינע קײַלעכדיק־טעמפּע פֿון פֿרעמדע, ווילדע חיות. מיט פֿאַרבאָרגענע סכּנות שמעקט פֿון די טריט־סימנים. אַ בלייכער לבֿנה־קאָפּ בלײַבט שטיין איבערן באַרגשפּיץ און קוקט אַראָפּ מיט געלער, אײַנזאַמער נאַקעטקייט, ווי אַ שאַרבן. אַ נאַכטפֿויגל טוט אַ פּאַטש מיט די פֿליגל און פֿלאַטערט דערשראָקן אין דער טונקלקייט צווישן די דאַרע צווײַגן. נאָענט פֿאַר בילמעס מאָרדע טוט עפּעס אַ שאָרך. אַ קליין, שוואַרץ חיהלע גליטשט זיך אַרוים פֿון אַ קאָרטש ריטלעך און אַנטלויפֿט מיט בהלהדיקער אַנגסט. ס׳איז אומזיסטיקע שרעק, וואָרעם בילמע לויפֿט נישט נאָך צו פֿאַרצוקן עס. ער קוקט נאָך מיט אַ גוטמוטיק קלוג אויג פֿון זײַטיק אונטערגעהויבענעם קאָפּ און טוט אַ טרעסע מיט בײדע אויערן. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אים. זײַן נפֿש איז פֿונעם אײדלסטן מין צווישן די חיות און דער ריח פֿון בלוט איז אַ גרויל צו זײַן נשמה. נאָך אַ שוואַרץ חיהלע גליטשט זיך פֿאַרבײַ און ווערט נעלם. אַ גראָ העזל שפּרינגט אַרוים פֿונעם לאָך אונטערן בוים־שטאַם און היפּט אומגעריכט, עס פֿאַרשווינדט און באַווײַזט זיך ווידער צווישן די ביימער און ווײַטקייט.

בילמע פֿילט, אַז די וועלט האָט זיך פּלוצעם צערודערט אין סודותדיקער שרעק. אויך ער נעמט לויפֿן, גלײַך מען וואָלט אים געשמיסן מיט פֿײַערדיקע בײַטשן. ער שפּרינגט מיט אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און צעשפּרייטע נאָזלעכער אין דער לופֿטן. אין זײַנע שאַרף־געשפּיצטע אויערן דרינגט אַ ווײַטע, צעברילטע יללה. עס שמעקט מיט וואָרעמען שווייס־אָטעם אין קרישטאָל־קלאָרער לופֿט, סם־המוות פֿילט זיך אין דעם אָטעם. ס׳איז דער אָטעם פֿון בלוט־שונא פֿון דורות. ס׳איז דער וואָלף. די שרעק טוט בילמען אַ שלײַדער, ער שטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס. דערנאָך פֿאַלט ער צוריק צו דער ערד, מיט דערשטיקטן פּחד־געברום און פֿאַרטומלטע חושים, גלײַך די האַנט פֿון אַ שד שלעפּט אים בײַ דער גריווע אין די תּהומות פֿון פּחד אַרײַן. ער מיינט, אַז ער אַנטלויפֿט, אָבער ער דרייט זיך אין רעדל אויפֿן זעלביקן אָרט, ווי אין אַ שׂרפֿה.

אַ דריבנער ציטער איז געלאָפֿן איבער דער פֿעל, געקנייטשט זי אונטערן פּלוצעמדיקן ווינטשטורעם, אַרײַנגעדרונגען אין די קנאָכן און זיי אָנגעפֿילט מיט לײמונג. די גריווע אויפֿן שטערן האָט זיך אַ שטעל געטאָן קאַפּויער, ווי אַ בינטל דראָט. דער ווײדל האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער הויך און פֿאַרשטאַרט געבליבן. די שרעק האָט פֿאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. באַלד אָבער טוט זיך בילמע אַ ריס פֿונעם אָרט, נעמט לויפֿן אַהין און אַהער, איבער די ווײַסע ערדגרודעס באַרג־אַרויף. ער שפּרינגט מיטן לאַנגן, געשטרעקטן האַלדז און קרום־צעעפֿנטע ליפּן און ווײַסע שאַרבנציין, ער פֿאַלט און גליטשט זיך אין טאָל אַראָפּ און טוט אַ לאַנג צעצויגענעם געשריי, יענעם גרויליק־קוויטשיקן פֿערדישן געשריי, וואָס האָט דורות־לאַנג גערופֿן צו הילף זײַנע בלוט־קרובֿים, די פֿערד, צו שטעלן זיך אין רעדל מיט די קעפּ

צו אַנאַנד און די הינטנס צום טויט־שׂונא, בכדי אין איינעם צו שיצן די העלדזער און צו שלאָגן מיט די שטאַרקע הינטערשטע פֿיס־קאָפּיטעס די אַנגרייַפֿער. אָבער אַצינד זענען די קרובֿים־פֿערד נישט געקומען צו הילף דעם איינזאַם פֿאַרשטויסענעם, און בלויז דער ווידערקול פֿון דער נאַכטשטילקייט האָט אָפּגעענטפֿערט מיט פֿריידיק־בייזן ניצחון־געשריי פֿון וועלפֿישן גרויל־געוואָי. אַז בילמע האָט אין שרעקגעלויף אַ ווענד געטאָן דעם קאָפּ, האָט זייַן אויג דערזען ברענען גרינע פֿייַערפֿלעמלעד אין דער בלאָער ווייַטקייט. זיי זענען געקומען נעענטער, נעענטער, וואָרעם ס'האָט כּישופֿדיק געצויגן, דאָס בלאָע פֿייַער, דעם פֿערדס פֿאַרשטאַרטן בליק. און ס'איז נישט געווען מער דער שׂכל פֿונעם מענטש, דעם באַלעבאָס, וואָס זאָל האַלטן די לייצעס אין די הענט, טרייַבן מיט בייַטששטעקן פֿאָרויס, פֿאָרויס, אָדער אָנצינדן אַ בונט שטרוי און וואַרפֿן דאָס פֿונעם שליטן, כּדי צו פֿאַרטרייַבן די וועלף און באַשיצן דאָס לעבן. אַצינד איז בילמע געווען אַליין אויף גאָטס ווייַטער וועלט. אויג אויף אויג מיטן וואָלף.

דרייַ זענען זיי געווען, מיט זילבערנע נאָדל־שטעכערס אויף די שפּיציקע מאָרדעס, קליינע און גיך־לויפֿנדיקע, פֿלינקע אַרום און אין רעדל, ווי ווירבערס. די גרינע אויגפֿייַערן האָבן געגליט, ווי פֿלינקע פֿונקען. זייערע צעשויבערטע פֿעלן האָבן זיך ווי בלאָזעק געהויבן אויף די אייַנגעפֿאַלענע בייַכער. די דיקע, לאַנגע, פֿאַרבויגענע ווידלען האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אויפֿן שניי. פֿון די צעקרימטע, שאַרפֿע מאָרדעס האָט זיך געשטויסן הייזעריק־בייזער הונגער־יאָמער. זייערע אויערן האָבן זיך געשטייַפֿט, קורצע און פֿאַרשפּיצטע, ווי אייַזערנע לעפֿל. אין פֿלאַמיקן וואָלקן פֿון ווייַסער שרעק, וואָס האָט אַצינד פֿאַרהילט בילמעס אייניציק זעעוודיק אויג, זענען געלאָפֿן די וועלף מיט געשטרעקטע לאַפּעס, גלייַך זיי וואָלטן געשווומען אין אַ ווייַסן טייַך. בילמע האָט זיך אַ הייב און אַ טראָג געטאָן אין דער לופֿט, ווי אַ פֿויגל איבערן פֿרייַען פֿעלד, נאָענט צום וואַלדבערג, און פּלוצעם האָט ער דערפֿילט אויף זייַן האַלדז דינע, שאַרפֿע שטעך. אַ צענויפֿגעדרייטער וואָלף, ווי אַ פּיאַווקע, איז שוין געזעסן אויף זייַן נאַקן, מיט אייַנגעגראָבענע ציין און נעגל. בילמע האָט אַ גרימיק דערצאַרנטן, קוויטשיקן געשריי געטאָן און מיט דערוואַכטן כּוח אַ שלייַדער געטאָן דעם קאָפּ צו אַ בוימשטאַם. דער וואָלף איז אַראָפּ־געפֿאַלן, געקאַרטשעט זיך אַ רגע אין שניי און ווידער אונטערגעשפּרונגען נאָענט צום פֿערדס האַלדז. בילמע האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אין דער מאָרדע, אַ שפּרונג געטאָן און מיט דער הינטערשטער פֿוס־קאָפּיטע געטראָפֿן דעם צווייטן וואָלף אין בויך. אַ רגע האָט ער ברומענדיק אָפּגע־אָטעמט. האַ? פֿון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ גבֿורה? אַזאַ שלעגער־כּוח? ס'איז געווען דער לעבנס־ווילן, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיטן מלאך־המוות. דאָס בלוט האָט רוישיק געהיצט אין בילמעס אָדערן, זייַן פֿעל האָט זיך געפּאַרעט און געציטערט. די וועלף זענען אַ ביסל אָפּגעטראָטן, געוויינט אַ רגע מיט דין־געצויגענעם יאָמער, ווי קליינע קינדער, און אומגע־

ריכט ווידער אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופֿטן מיט בליציקער גיכקייט, גלײַך ס'וואָלט זיי עמעצער אָפּגעשנעלט פֿון דער ערד. אין בילמעס אויג האָט געהיפּט אַ פֿײַער־וואָלקן מיט געשפּיצטע ציין און שאַרף־צעקרעלטע נעגל. זײַן האַלדז איז שוין געווען בלוטיק צעריסן. איצט האָט זיך דאָס פֿערד פּאַוואָליע געדרוקט הינטערווײַלעכץ אַהין, צום נאָענטן פֿעלדבערגל, וואָס האָט זיך געבלייכט אין ווײַסן לבֿנה־ליכט, ווי אַן איינזאַמער קבֿר.

ס'איז געווען אַן אומטערגעהוילטער פֿעלדז, וואָס מ'האָט זיך געקאָנט אונטער אים באַהאַלטן. אַ געקרימטער, דאַרער בוים האָט געשטרעקט פֿאַרטריקנטע צווײַגנהענט מיט לאַנגע, דינע ריטער. זײַן שוואַרצער שאָטן אויפֿן בלאָען שניי האָט זיך געשאַרפֿט מיט לאַנגע, שוואַרצע נעגל. אַז בילמע איז אַהין צוגעקומען, האָט ער זיך טויט־מיד אַנידערגעזעצט אויף די הינטערשטע צוויי פֿיס, מיטן רוקן אין פֿעלדז־שפּאַרע. די פֿעדערשטע פֿיס, אַ ביסל צעשפּרייטע, האָבן זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד מיט די קאָפּיטעס, און די גרויסע ציין, הינטער די פֿאַרהויבענע לעפֿצן, זענען געווען פֿאַרביסן ווי העק. אויף זײַן געבויגן־אויסגעשטײַפֿטן האַלדז האָט די אויפֿגעשטעלטע גריווע געציטערט, ווי אַ בונט שטרוי אין ווינט. דער פֿאַרגליווערטער שרעקבליק אין זײַן גרויס שוואַרץ אויג האָט זיך זײַטיק אײַנגעגעסן אין אַן אַנדער אויג; אַ שמאָלס און גרין־בליצנדיקס, פֿאַרנעפּלט פֿון ווילדן בלוטדאָרשט. ס'איז געווען דאָס אויג פֿונעם וואָלף. ער האָט זיך שטיל פֿאַרגנבֿעט, געדרוקט, דער וואָלף, געשלײַכט פֿון הינטערן פֿעלדז מיט צעשפּרייטע לאַפּעס, די שמאָלע צונג אַרויסגעשטעקט צווישן די לאַנגע פֿיר שאַרף־געשפּיצטע ציין, דעם געדיכטן האָריקן ווײַדל פֿאַרבויגן נאָכגעשלעפּט אויפֿן שניי, און הינטער אים האָבן זיך נאָך שטילער און פֿאַרגנבֿעטער, מיט שיפּע קעפּ און אונטערגעהויבענע קרום־צעעפֿנטע מאָרדעס, געשלײַכט די אַנדערע צוויי וועלף. נעענטער און נעענטער זענען זיי געקומען, מיט שטום־ווילדן בלוטדאָרשט צעגליט אין געגעפּלט־גרינעם אויגפֿײַער, אַנגעברייט צו פֿאַרצוקן דעם קרבן. געגרויטלטער וואָלקנפּאַס האָט צעשניטן דעם בלייכן פֿאַרמעקטן לבֿנה־קאָפּ אויף צוויי העלפֿטן, בלייכע האָבן זיך די שטערן געלאָשן, פֿאַרשווּנדן אין יענעוועלטיקע הייכן. דער מיזרח־הימל האָט זיך קלאָר געלײַטערט, אַרויסגעהויבן פֿון טונקל־בלאָען ערדנידער. גרין־צעפֿינקלט מיט דער בלייכקייט פֿון פֿאַרגיין איז זײַן טיפֿן גלאַנץ, האָט אויפֿגעשײַנט דער מאָרגן־שטערן. מיט שטילן געדויש פֿון געבוירענעם זונפֿײַער האָבן פֿריידיק אָפּגעציטערט די דאַרע ביימערשפּיצן, געגרויטלטע מיט דינע גאָלדשטראַלן.

ס'איז געווען דער טויט, וואָס האָט זיך אַצינד פּאַוואָליע גענענט צום פֿערד מיט געשפּיצטע ציין און שאַרף־געקרעלטע נעגל. דאַרע ריטלעך האָבן זיך אימהדיק געבראָכן אונטער די לאַפּעס פֿון די שלײַכנדיקע וועלף און געוועקט דעם פֿאַרהוילענעם אָטעם פֿונעם שטומשווײַגנדיקן באַגינען.

אַ שווער באַפֿעדערטע סאָווע איז געקומען צו פֿליִען. זי האָט זיך שטום און פֿאַרטראַכט אוועקגעשטעלט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ בוים. פֿון איר קײַלעכדיק

פֿעדער־פּנים האָט אַרויסגעשטעקט אַ געקרימטער שנאָבל, ווי אַ געבויגענע נאָז פֿון אַ באָרדיק מענטשלעך פּנים. איר קאָפּ איז געווען איינגעצויגן און די צוויי קיילעכדיקע, ווי שוואַרצע דימענטן גלאַנציקע, קלוג־שאַרפֿע אויגן האָבן מיט שטומען שׂכל געקוקט אויפֿן אייביקן טונקעלן סוד פֿון לעבן און טויט. זי האָט געזען, די נאַכטסאָווע, ווי דריי וועלף טאַנצן אַרום דעם פֿערדס קאָפּ אין צעוואָיעטן געוועדבל און ס'ציטערט אַ לעצטער טויטגעשריי, ראַנג־לעניש און שפּריצנדיק בלוט אויף ראָז־בלאָען שניישימער. בילמע ליגט מיט שוואַך־זיד־הייבנדיקע זייטן. אַ רגע צאַפּלען דריבנע זיינע געשטרעקטע הינטערשטע פֿיס און בלייבן פֿאַרשטייפֿט. לעצטער גסיסה־אָטעם פֿאַרעט זיך שוואַך פֿון זיינע צעריסענע נאָזלעכער. די נשמה פֿון דער באַשעפֿעניש הייבט זיך אַרויס פֿון זיי, צאַפּלט און טראָגט זיך, ווי אַ ווייסער פֿויגל, צו די רויט־בלאָע הימלהייכן. די גדערעם לייזן זיך אויף, שטויסן אַרויס דאָס לעצטע מיסט. דער רחמים־בליק אין גרויסן, שוואַרצן, פֿערדישן אויג צאַנקט, ווערט פֿאַרלאָשן פֿונעם לעצטן טויטציטער, בעת די וועלפֿישע ציין רייסן שוין שטיקער היים פֿלייש פֿון זיין לייב. די חיות־רעות לויפֿן, שפּרינגען אין רעדל, די ווידלען איינגעקלעמט צווישן די לאַפּעס, אין ווילד־באַרוישטן זאַט־טאַנץ, מיט אונטערגעהויבענע שוואַרץ־פֿאַרבלוטיקטע, קרומע מאָרדעס, וואָס צוקן און שלינגען. ווי פֿון אַ קרבן־תּמים שפּריצט היים דאָס רויטע בלוט צום גאָלדיקן זונפֿלאַם איבערן וואַלד.

# דאָס הימל־ליכט

**שטיל און שעמעוודיק** איז לאה שטיין געבליבן אויף דער טירשוועל פֿון ישׂראל עלים שפּײַז־געוועלב. דאָרט איז געווען פֿול אָנגעשטופּט מיט קונים. ייִדן, ווײַבער, גויִים און גויעטעס, שיקסלעך און פּריצעלעך און עפּעס פֿרעמדע מענטשן פֿון אַנדערע ערטער, מיט זעק סחורה, פֿעסער, פּעק און פֿולע פּאַליצעס מיט שפּעצערײַ. דער ישׂראל עליכעס צוויי טעכטער, נעכע און סערל, שטאַרק דיקע מיידן ווי די בערן, מיט שוואַרצע צעפּ האָר און פֿולע רויטע באַקן ווי עפּל, אָנגעטאָן אין פֿאַרסמאָלעטע יופּעס, האָבן מיט גרויסע רויטע נאַסע הענט פֿאַרקויפֿט פֿעטע הערינג און צוקער און נאַפֿט, טיטון און זאַלץ, זייף, בוימל, גרויפּן, רײַז, האָניק, טיי און קאַווע, ציקאָריע און ראָזשינקעס. זיי האָבן געמאָסטן אויף דער קוואָרט, געוווגן אויף דער וואָג און געלייזט געלט, אַז ס'האָט געזעצט אַ הייסער וואָלקן אָטעם פֿון צעגוגערטע רייד, דינגעניש און קולות.

אויבן אָן, דערהויבן הינטערן לאַנגן געוועלב־טיש איבערן גרויסן געלט־שופּלאָד, איז געזיצן די קרעמערין שׂרה בראַנע, ישׂראל עלים ווײַב, ברייט און שווער געהילט אין וואַרעמען פֿוטערמאַנטל מיט אַ גלײַענדיקן פֿײַער טאָפּ אונטערן קלייד, ווי אַ קוואָקע אויף אייער, און זי האָט געקלומפּערט מיטן געלט אין דער גרויסער פֿאַרטעך־קעשענע, אַכטונג געטאָן אויף די קונים, אַז מען זאָל צאָלן און נישט גנבֿענען, גענומען געצאָלט און אַרויסגעגעבן רעשט געלט און זי האָט כּסדר געוואָרפֿן געשיט און געשטופּט אין מויל זשמענים ראָזשינקעס און מאַנדלען, צוקערלעך און לעקעכלעך, גענאַשט און געקײַעט ווי אַ נגידות, מיט פֿעטע באַקן און געטאָפּלטן גוידער.

— גאָט העלף, שׂרה בראַנע, וואָס מאַכט איר גוטס. געלויבט איז גאָט אַבי מ'זעט זיך מיט געזונט — האָט לאה לײַטזעליק גערעדט צו שׂרה בראַנע פֿון

דער ווייטנס. קיינער האָט איר נישט געענטפערט, לאה האָט זיך נעענטער געשטופּט אויף דער טירשוועל. זי האָט געוווּנקען מיט צעשײַנטע אויגן פון פרײַנדלעכער היימישקייט:

— קיין עין הרע, אַ פול געוועלב מיט קונים, כ'לעבן, מען לייזט, גאָט צו דאַנק, שוין געלט, איאַ, האַ? ווער דען, נו, זאָל זײַן מיט מזל און ברכה, איר הערט, שׂרה בראַנע לעבן, מ'לייזט אַ שיינעם גראָצער.

לאה האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס זי האַלט אין איין אַנווינטשן און קיינער ענטפערט איר אַפילו נישט אַ וואָרט. אַבי זי האָט געמיינט, אַז וויבאַלד שׂרה בראַנע וועט זי דערזען, וועט זי זיך גאָר מיט איר אַרומכאַפּן. עפּעס אַ קליינ־קייט, אַזוינע גוטע פרײַנד פון זינט מ'לעבט. שׂרה בראַנע וועט זי אַרײַנרופן אין געוועלב, איר דערציילן נײַעס, אויספרעגן זי וואָס ס'טוט זיך עפּעס בײַ שכנים, וואָס ס'הערט זיך עפּעס בײַ מישפּחה לײַט, בײַ קרובים, וואָס מ'רעדט און וואָס מ'זאָגט און מ'וועט רעדן און מ'וועט דערציילן וואָס ס'הערט זיך און וואָס ס'טוט זיך, און מ'וועט איר געבן עפּעס גוטס צו פאַרזוכן, אַז זי זאָל זיך אונטערלענען ס'האַרץ, ווארעם שׂרה בראַנע איז דאָך עפּעס אַ היימישער מענטש, מ'קען זיך פון זינט אַ האַלב לעבן, מ'איז געגאַנגען איינס צום אַנדערן אויף שׂימחות און מבקר חולה זײַן טאָמער איז עמעץ פאַרשלאָפט געוואָרן און אַנווינטשעווען אַ גוט יאָר און אַ גוט קוויטל ערב ראָש השנה און ערב יום כּיפּור. די קינדער זענען חבֿרים פונעם חדר. די מענער זיצן בײַ איין טיש בײַם דאַווענען אין שול און וויפל איז דאָ אַז שׂרה בראַנע די בעדעריין פלעגט קומען צו לאהן אין שטוב, אַלע שבת און יום טובֿ גאַנץ פרי, ווי צו אַלע באַלעבאָסטעס, מיטן אונטערגעשטעלטן פאַרטעך נאָך אַ שטיק חלה, אַ בולקע, עס זאָל נישט אויסגערעדט זײַן, און לאה האָט געגעבן מיט אַ פרומען בליק און מיטן גאַנצן האַרץ און אַרויסבאַגלייט די בעדעריין ביז אין דרויסן אַרויס און לײַטזעליק פלעגט זי אַנווינטשעווען, אַז מ'זאָל עסן צו געזונט און ס'זאָל וויל באַקומען. אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר, גייט געזונט, שׂרה בראַנע לעבן.

נאָר אַצינד האָט זיך לאהן געדאַכט, אַז שׂרה בראַנע קוקט זי אָן מיט אַ קרום אויג און מיט עפּעס אַ ברוגזן פרעמדן בליק, גלײַך זי דערקאַנט זי נישט. ווי איז מיר, וואָס איז דאָס? כ'ווער אײַנגעזונקען! ס'האָט איר גענומען פלאַמען ס'פּנים פון חרפּה און זי האָט טיפער געהויקערט די פּלייצע אין דער שאַל, גלײַך זי וויל זיך באַהאַלטן פאַר זיך אַליין. נאָר שׂרה בראַנעס שאַרף קוויטשיק קול האָט זיך שוין אויף איר ווײַסט געבייזערט:

— געזען אַזוינס? האַ? אַז אַנשיקעניש! אהי! אַ העזה אַ ביסל פון אַ שלעפּערקע, אַנידערגעשטעלט זיך בײַ יענעם אין געוועלב אויף דער טיר און לאָזט נישט אַרײַן די קונים. הערט נאָר דאָרט, זײַט זשע מוחל, גייט אַוועק פון דאַנען. כ'האָב אײַך נישט וואָס צו געבן הײַנט. קומט פרייטיק. וועט מען אײַך געבן אַ נדבֿה... אַ האַלבן גראָצער.

צום ערשט האָט לאה זייער פֿאַרוווּנדערט אויפֿגעהויבן די אויגן. נאָר זי האָט גאָר נישט געזען. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט געפֿינצטערט פֿאַר איר בליק. וועמען מיינט מען? זי טאַקע? וואָס הייסט עפּעס דאָס? אַוואָסער נדבֿה? זי איז דאָך געקומען אין געוועלב אײַנקויפֿן שפּײַז, צי ניין? נאָר באַלד האָט זי בלייך און פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד מיט טיף געבויגענעם קאָפּ, גלײַך מען האָט איר אַ זעץ געטאָן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ, און דער אָטעם איז איר פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון ווייטיק. שאַ נאָר, וואָס איז דאָס עפּעס, האַ? נדבֿה... נדבֿה... נדבֿה...

דאָס ביטערע וואָרט ברומט איר אין די אויערן ווי אַ פֿאַרטויבטער גלאָק, ברענט איר מיט טעמפּן חרפּה־פּײַן אין דער נשמה. נאָגט ווי אַ וואָרעם אין האַרץ: נדבֿה... נדבֿה... נדבֿה...

נאָר אין באַשוועלטן געמיט האָט קלאָר און שאַרף גערופֿן און געמאָנט דער עול: עך האָב צו שפּײַזן אַ שטוב מיט פֿרעמדע יתומים, הונגעריקע קליינע קינדער נעבעך, קיין עין הרע, און נישט דאָ געדאַכט. אַז ס'רײַסט מיר אויס ס'האַרץ פֿון רחמנות און ווייטיק, ווי גאָט איז מיר ליב. — עפּעס אַ כּוח פֿון גערעכטיקייט און פֿרײַקייט האָט אַ פֿלייץ געטאָן מיט דעם געדאַנק, וואָס האָט איר געשטאַרקט און דערהויבן דאָס פֿאַרקלעמטע חיות מיט אַ מין ווערדיקן ירגזון. אַזש לאה האָט געטאָן אַ גרימיקן הייב־אויף דעם קאָפּ. מיט אַ צעפֿלאַמט צאָרן־פּנים, גרײַט צום שטרײַט:

— וואָס האָב עך עפּעס מורא פֿאַר שׂרה בראַנע, דער בעדערין? זע נאָר, אויך מיר אַ נגידית געוואָרן, די אויפֿגעקומענע קבצנטע? האַ? אַז זי האָט גאָר נײַן אײַלן טיף אין דער ערד מיט איר געלט און מיט איר געוועלב אין איינעם. עך בין נאָך ברוך השם אַ שיינע באַלעבאָסטע, אַ טאַטנס טאָכטער, און ווער איז יענע געווען עפּעס אַ דינסטמויד פֿון קאָזלעוו. זי איז דאָך דאָ געווען אַ פֿרעמדע שנור, ווער קען זי, ווער ווייסט זי... מ'האָט דאָך דערציילט, אַז איר טאַטע איז אין קאָזלעוו גאָר אַלע מאָל געזיצן אין קרימינאַל, עפּעס פֿאַר גניבֿות אַפּנים צי וואָס... אַז אָפּגעהיטן זאָל מען שוין טאַקע ווערן, גאָטעניו. נו, זעסטו, יענע מעשׂה, כ'לעבן. נאָר דערנאָך איז איר מאַן, ישׂראל עלי דער בעדער, געוואָרן אַ עושר אין דער מלחמה־צײַט, מיט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס געלט, מיט אַ פֿול געוועלב סחורה, מיט שפּע און מחיה און מיט שיין פּרנסה. בײַ לײַטנס העלפֿט יאַקאָש גאָט און מ'ווערט שיין אויפֿגערעכט. מען מעג זי פֿרעגן בחרם ווי אַזוי, ווער וואָס און ווען. נאָר זי וויל נישט זינדיקן מיט די רייד. זי האָפֿט צו גאָט, אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט זי אויכעט נישט פֿאַרלאָזן. און לאה האָט זיך געטאָן מיט כּוח אַ שטופּ אַרײַן אין געוועלב, צווישן אַלע קונים, געהייסן די מיידן מען זאָל איר גיך פֿאַרקויפֿן אַ לאַבן ברויט, אַ קוואָרט קאַשע־גרויפּן, אַ פֿערטל פֿונט צוקער, פֿאַר פֿיר גראָצער קאַווע מיט ציקאָריע, אַ הערינג, אַ קוואַטירל בוימל, אַ קרענצל ציבעלע, אַ פֿונט רײַז, אַ פּעקל בענטשליכט און אַ פּודעלע שוועבעלעך, ווײַל

זי האָט נישט קיין צײַט און זי מוז אַהיים גיין און אָפּקאָכן וועטשערע. מען האָט איר אָנגעמאָסטן און אָפּגעוווויגן און זי האָט אַרײַנגעלייגט די סחורה אין איר שטרויען געפּלאָכטענעם קײַשל. דערנאָך האָט זי מיט דער האַרטער, ברוגזער פּנים־מינע פֿון געניטע און ערלעכע אָרעמעלײַט, אַ פֿאַר־האַקטן זאָג געטאָן:

— שׂרה בראָנע, הערט נאָר, עד האָב הײַנט נישט קיין קליין געלט אין קעשענע... צו צאָלן, זײַט זשע מוחל, פֿאַרשרײַבט דאָרט מיטן קריידל דעם חובֿ, ביז איבעראַכטאָג דאָנערשטיק, מירטשישעם.

נאָר די קרעמערין האָט זיך געטאָן אַ גיכן הייב אויף פֿון איר דערהייכטן זיץ־אָרט הינטערן געוועלבטיש, צוגעלאָפֿן, אַרויסגעכאַפּט די שפּײַז־זאַכן פֿון לאהס קײַשל און אַ געשריי געטאָן מיט שטעכיקן געבייזער:

— עד גיב נישט אויף באָרג.

אַז לאה האָט זיך ווידער אַרויסגעשלײַכט פֿונעם געוועלב מיטן לײדיקן קײַשל אָנגעהאָנגען אויף אַ האַנט, איז זי געווען מיד און געהויקערט, מיט דער געלאָטעטער שאַל אויפֿן טרויעריק אָנגעבויגענעם קאָפּ. ווי בײַ אַן אַבֿל, זענען אירע אויגן געווען פֿאַרגאָסן מיט ברענענדיקע צער־טרערן און ס'האָט איר געציטערט דאָס פֿאַראומערטע דאַרע פּנים באַהאַלטן פֿון חרפּה אין די שאַל קנייטשן. אירע צעקרימטע און פֿאַרשמאַכטע ליפּן האָבן פֿרום און צעפּײַ־ניקט געביטערט:

— גאָטעניו, דו ביסט אַ גרויסער און גערעכטער גאָט, דו קאָנסט שטראָפֿן... לאָמעך דערלעבן אַ נקמה אין דעם בייזן מענטש, וואָס האָט מעך אַזוי מבֿייש געווען, אַז זי זאָל פֿילן מײַן טעם... אַז מען זאָל איר גוט אויסלײדיקן די קעשענעס מיט די פּאָליצעס... אַז כ'זאָל נאָך דערלעבן צו זען מיט מײַנע אייגענע אויגן ווי זי גייט איבער די הײַזער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט בעטן אַ נדבֿה... אַ נדבֿה... אַ נדבֿה... אַלע נויטן פֿון די געטונקלטע טעג אין פֿאַרזונקענער אָרעמקייט זענען געווען אַצינד פֿאַרקנוילט אין אַ מוראַדיקן באַדרענג, ווי אַ שוואַרץ וואַסער געגרייכט ביז צום האַלדז און ווי אין ווייסטן חלום, האָט זיך די נשמה געראַנגלט אין גרייליכע אַנגסטן און געלעכצט מיט פֿאַרצערטן אָטעם צו ליכט און דערלייזונג.

די קאַלט אָנגעפֿרוירענע וועלט מיט די קוויטיקע שניי־קופּעס און געהויקערטע שטוב חורבֿות אין עפּעס ווי געהאָנגען אַ פֿאַרקרימטע אין דער לופֿטן און עס האָט ערגעץ שווער און פֿאַרהוילן געלויערט אַ שרעקיקע, פֿאַרצאַרנטע טונקלקייט פֿאַרקלעמט ווי מיט די ווייען פֿון טויט און לעבן. נאָר פּלוצעם האָט זיך לאהן געדאַכט, אַז דאָרט אין עק גראָ־געכמאַרעטן הימל האָט אַ שנײַד געטאָן אַ שאַרפֿער פֿײַער־בליץ, האָט געשפּאָלטן דעם טונקל־געכמאַרעטן הימל־דעק ווי מיט אַ האַק און ס'האָט אַ פֿלייץ געטאָן אַ רויטער ליכט־פֿלאַקער פֿונעם אומטלעכן זון־פֿאַרגאַנג, אַז ס'האָט אַזש געבלענדט אין די אויגן, ווי

א שריפה און פון וויַטנס האט זיך דארט אנטפלעקט א בלאלער געריטעלטע הימל־קלארקייט מיט אזא יום טובדיק דערהויבענער נשמה־פרייד, גליַיך אלע טעג פון די לאנג־פארשוועבטע יונגע יארן, פארבארגענע אין הארץ מיט גוטס און פרייד און תענוג, זענען דארט אצינד צעשיַינט און צעבליט, ווי פריילעך־צעפלאמטע פנימער ביַי א שימחה, ווען מען ווינטשעוועט אז אל דאס גוטס איין מענטש דעם אנדערן. אהא, זעט זי דאך באשיַינפערלעך, לאה די ארעמע יידענע, מנחמס וויַיב, אז דאס מוז טאקע זיַין א גוטער סימן פון דער ניַיער, דער גוטער און ליכטיקער וועלט, וואס זי האט וועגן דעם געהארכט אזוי פיל רעדן און טענהן און זיך שפארן און געבן צו פארשטיין, טאקע איר מאן מנחם מיט אירע צוויי זין, יוסף און סענדער, אין שטוב און אין דרויסן מיט מענטשן, מיט פרעמדע און מיט די היימישע שטעטל־ליַיט, נאר זי האט נישט פארשטאנען אקוראט וואס מען מיינט און זי האט נישט געוווּסט ווער און וואס און ווען, און נישט געקאנט גליַיבן זייערע ווערטער, ווי וויל זי האט באשטענדיק געפילט, אז זיי זענען גערעכט, אז זיי ווילן אויפריכטן די ארעמע ליַיט, איַינפירן יושר, פרנסה און זעט פאר אלע מענטשן. און מיט דער גאנצער נשמה איז זי מיט ליבשאפט פארקניפט מיט זייער לעבן און מעשים און מיטן גאנצן הארץ האט זי תמיד געוווּנטשן מזל און ברכה. ווארעם זי איז דאך א מאמע און ס'זענען אייגענע קינדער, און אפילו די פרעמדע קינדער זענען איר אויכעט אזוי זעלב ליב און אייגן און טיַיער. זי וויַיטיקט מיט זייערע יסורים, זי פרייט זיך מיט זייערע גדולות, ציטערט מיט זייערע סכנות און זי בעט גאט פאר זייער אלעמענס געזונט און לעבן.

עפעס א נאגנדיקע און האפערדיקע בענקשאפט צו דער זייער גוטער וועלט און צו די ליבע און גוטע מענטשן האט זי אצינד פארכאפט מיט הארץ־פרייד און גליַיך זי האט נישט קיין ציַיט, אזוי ווי ערב יום טוב פאר ליכט בענטשן, האט לאה גענומען איַילנדיק און גרינג שפאנען מיט אירע צעקרימטע מענערישע שטיוול איבערן ליידיקן מארק־פלאץ, צו גיין אהיים, אדער ערגעץ צו זוכן אירע ליַיט, דעם מאן און די זין, אז זי זאל זיי דערציילן פון דער זעונג, וואס זי האט געזען אין הימל און מיט זיי א סך רעדן וועגן דעם גאנצן עסק וואס מען זאל נעמען גיך טאן, אז ס'זאל באלד שוין טאקע ווערן אלצדינג גוט און וויל און פיַין, מיט גאטס הילף און אן א שטרויכלונג.

דער רויטער הימל־ברעג איז מעריב־ברעג האט אנגעהויבן בלייכן און לעשן מיט קאלטן בלאען ליכט־געשימער און פאוואליע פארדעמערט איז גראען אוונט געטונקל.

# דער יריד

עס האָט בײַ נאַכט א ברעג געטאָן אַ שאַרף פֿרעסטל און די ווײַס־פֿאַרשנייטע ווינטערטעג האָבן פֿריש און קאַלט געלויכטן מיט זוניקן געבליסק פֿון בלאָער הימל־לויטערקייט, אַז עס האָט געפֿעבלט אין די אויגן מיט צעבליצטע פֿראָסט־דימענטן. פֿריילעך האָבן געצווישערט די צעשויבערטע שפּערלעך אויף די נאַקעטע ביימער. בלאָע רויכלעך האָבן געקרײַזלט פֿון די שטובקוימענס איבער די שניי־אָנגעבעטע דעכער. די שוואַרצע וואָראָנעס האָבן מיט שאַרפֿע שנאָבלען געפּיקט אויף די מיסט־בערגלעך. די לײַט האָבן האָפֿערדיק געשפּאַנט אין פֿראָסטיק שנייִיקן דרויסן, געסקריפּעט מיט די שטיוול־טריט, געבלאָזן מיט אָטעם־וואָלקנדלעך פֿון די מײַלער און עס איז אַלע מאָל שטיין־געבליבן, אַ געזעמל מענטשן אין מאַרק, מיט אונטערגעהויבענע קעפּ און פֿאַרשפּיצטע פּנימער פֿון נײַגער און װוּנדער: זעט נאָר זעט, אָרעלע שענקער האָט שוין גענומען בויען אַ נײַע מויער? ער האָט גיך און באַלד אָנגעטריבן אַ עולם אַרבעטס־לײַט, טאָג־לוינער, בעל־מלאָכהס, מוליאַרעס, ייִדן און גויִים. מען האָט געבראַכט צופֿירן וואָגנס ציגל, שטיינער, געהילץ און אײַזנוואַרג. מען האָט געלאָשן קאַלך, פֿאַרקנעטן וואַפּנע און זײַטיק אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, אַקעגן איבער דעם ברייטבײַיִכיקן קלויסטער מיט די פֿאַרשפּיצט געצלמטע טורעמלעך האָבן באַלד גענומען וואַקסן רויטע ציגל־ווענט, אויף אַ גרויסן ברייטן פּלאַץ.

— וואָס איז דאָ, האַ? וואָס טויג אים נאָך אַ מויער, אַז ער האָט דאָך זײַן גרוים הויז מיטן שענק, מיט אַ נײַעם דאַך שוין, מיט נאָך צוויי הײַזער, אָרעלע דער גנבֿ — האָבן די לײַט גערעדט און עפּעס נישט געקאָנט גלייבן די גאַנצע זאַך.

— אַז עס איז דאָך גאָרנישט אָרעלעס פּלאַץ. אַז דער פּלאַץ געהערט דאָך צו רעב דניאל כהן, האַ ווּעֶ? אַ יאָ צי ניין? אַ פֿרעמדער פּלאַץ.

— נו, אַ דאגה, גבֿירים האָבן שוין אַ טריף מזל, וועט ער האָבן נאָך אַ מויער, אַרעלע שענקער.

— וואָס הייסט? עס איז עפּעס הפקר אַ וועלט? מען מעג רויבן?

די לײַט האָבן אים פֿײַנט געהאַט, דעם אויפֿגעקומענעם גבֿיר, דער אַרעלע שענקער, ווײַל ער האָט אין מלחמה צײַט געפֿירט געשעפֿטן מיט די מיליטער לײַט, מיט די פּריצים, אָנגעאַרבעט אַ יקרות אין שפּײַז, געבאַרגט געלטער און אַלע מאָל אָנגעזעצט, געדרייט אַ וועלט, „געשיבט" מיט וואַגאָנעס שפּײַז, סחורה, אַהין און אַהער, אין שטעט און ערטער נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, פֿאַרדינט אוצרות געלט און געוואָרן אַ גבֿיר. דאַקעגן האָט מען רחמנות געהאַט אויף דעם איידעלן ייִד און למדן, רעב דניאל כהן, וואָס אַמאָל איז ער געווען אַן עושר, נאָר זײַן גרויס הויז מיטן רײַכן סחורה־געוועלב אין מיטן מאַרק, איז צעשאָסן און פֿאַרברענט געוואָרן. ער איז געוואָרן אַ יורד און אַן אָרעמאַן. אויבעט איז ער אַן אַלמן און זײַן איינציקער זון איז געפֿאַלן אויף די שלאַכט־פֿעלדער פֿון דער עסטרײַכישער מלחמה, אַז ער איז אויף דער עלטער געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. פֿון זינט ער איז צוריק געקומען פֿון דער „פּלוכט", וווינט רעב דניאל כהן קאַמערינגע בײַ חנא איצי דעם מלמד אין אַלקער שטיבל. ער זיצט אין בית המדרש און לערנט און קיינער ווייסט נישט פֿון וואַנען ער לעבט און מיט וואָס ער קומט איבער אַ טאָג.

נאָר אַרעלע שענקער, מיט פּראָסטיק פֿאַרפֿלאָמטע שפּיץ־בעקעלעך, דאָס ווייכע געלע געשווירענע בערדל פּעט אויסגעגלאַנצט, ווי געזאַלבט מיט בוימל, קומט אַלע מאָל צו אין מאַרק שוואַרצלעך אויסגעפּוצט אין ביבערנעם טולעפּל צום הויזגעבוי. ער טוט דאָ און דאָרט אַ שטאַרד מיטן זילבערנעם גאַלקע־שטעקן אין אַ קופּע ציגל און ער מאַכט ברוגזלעך־גוטמוטיק מיט אַ לײַטזעליק צע־שמייכלט ווערטל צו די פֿאַרשמירטע אַרבעטורער, וואָס ראַיען אין די געבויי־קופּעס, שלעפּן אײַזנס, באַלקנס, טראָגן ציגל, פּאַטשן מיט די קעלנעס, קלאַפּן מיט די האַמערס און מויערן די ווענט. — אַך, אַך, קינדערלעך, מען שפּילט זיך. דער טאָג שטייט נישט. רירט זיך. נו, אַ ביסעלע גיכער, גוטע ברידער, גיט זיך אַ ריר כ'לעבן.

ער הייבט אויף אַ געראָיטלטע זיס־צעשמייכלטע נאָז און רעדט צו די מענטשן, פּלעמלט מיט די גרינע אויגן און זיפֿצט:

— אַך, אַך, נו, נו, חבֿרה־לײַט, הײַדאַ, אַ גוטן טרונק בראָנפֿן וועט מען שוין בײַ אים, אַרעלען אין שענק יאַקאַש אַרײַנכאַפּן. הע, הע, ער האָט דעם אמתן זעקס און נײַנציקער אַקאַוויט. פּששש. ער זאָגט אײַך, אַ בראַנד־פֿײַער. ער רײַבט צופֿרידן די ווייכע, ווייסע הענט פֿון זעט און ווױלטאָג, און רײַכקייט און אַלצדינג געראָט אים גוט און ווויל און פֿײַן גאָט צו דאַנק. יאָ, יאָ, אַוואַדע, ווּע דען. פּשש, פּשש,פּשש.

קיינער ענטפֿערט אים נישט. מען קוקט אים אָן מיט שינאה און אַפּשיי. די לײַט ווייסן, אַז אַרעלע שענקער האָט מיט אַזוינע ווייכע ווערטער און מיטן

שטאַרקן טרונק־בראַנפֿן אָפּגעגאַרט דעם אַלטן דניאל כהן, אויסגעגאַרט יענעמס פּלאַץ פֿונעם צעשאָטענעם הויז פֿאַר אַ שיבוש, אַרײַנגערוקט דעם יורד אַ גאַנצן פּאַק צעפֿליקטע געלט־פּאַפּירלעך, הונדערטער מיט טויזנטער קאָר־באַוואַנצעס פֿון דער רוטענער מלוכה, וואָס האָבן נישט די ווערט אַ ציבעלע.

— טרינקט, טרינקט אַ גלעזעלע, לחיים, צו געזונט און פּרנסה, אָט־דאָ־אַ שרײַבט אונטער אײַער נאָמען רעב דניאל — ציטערנדיק מיט די ברעמען ווי אַ קאָטער מיט דער וואָנצע האָט אַרעלע געטײַטלט מיט אַ פֿינגער אויפֿן באַשריבענעם פּאַפּיר־אַקט.

דער אַלטער ייִד האָט פּאַוואָלע אָנגעטאָן די ברילן באַדעכטיק אַ גלעט געטאָן די גראָע באָרד, אַ קוק געטאָן דאָ אויף דעם אונטערגערוקטן פּאַפּיר־אַקט, דאָ אויפֿן אויסגעסטראַיעטן יונגנמאַן, און געזאָגט צו אים רויק און ווערדיק מיט אַ קאָפּ־שאָקל:

— דו מיינסט, אַ פּנים, אַז דו נאַרסט מיך אָפּ? האַ? ביסט אַ שוואַנץ. איך באַדאַרף שוין אויף אַ כּפּרה דיך מיט די מויערן, מיט דײַן געלט. אָד יאָ, יאָ, טוט דער אַלטער אַ ביטערן זיפֿץ. דײַן טאַטע, משה יוסף, איז נאָך געווען אַ וווילער ייִד, אַן ערלעכער געשעפֿטסמאַן, אַ פֿרומער מאַן, אַ למדן. דו אָבער, ווײַזט אויס, ביסט שוין אַ גראָבער יונג, אַ ליגנער און אַ גנבֿ. וואָס זשע איז אַ וווּנדער, וואָס דו נאַרסט אָפּ מענטשן, האַ?

און ער האָט אונטערגעשריבן זײַן נאָמען אויפֿן פּאַפּיר.

אַרעלע האָט גיך באַהאַלטן דעם פּאַפּיר־אַקט אין זײַן טיפֿער שטאַרקער בוזעם־קעשענע און פֿריידיק געאָטעמט מיט דער גערויטלטער נאָז.

— וויל, וויל, צו מזל. יאָ, יאָ, לחיים, לחיים.

די לײַט האָבן געקוקט קרום אויף דעם עסק. די ייִדן האָבן גערעדט האַרבע ווערטער. רײַכע פּויערים, אין שכנות פֿונעם מאַרקפּלאַץ, האָבן בייז געוואָרנט, אַז זיי וועלן נישט לאָזן בויען קיין ייִדישע מויערן לעבן קלויסטער. אָבער אַרעלע האָט שוין געפֿונען אַן עצה. ער האָט געמאַכט דעם עסק בשותּפֿות מיט דעם שטאָטישן פּריץ, דעם פּאַן סטאַכעוויטש, וואָס יענעמס הויז־גאָרטן האָט דאָרט געגרענעצט מיט ר׳ דניאלס חורבֿה־פּלאַץ. אַרעלע שענקער איז אַזוי לאַנג געלאָפֿן און זיך געבוקט מיטן בלויזן געלן קאָפּ, דעם טוכענעם קאַפּעליוש אין האַנט בײַם פּריץ אין פּאַרצימער און פֿאַרבעטן דעם פּאַן פּרײַמיק צו נאַכטס צו זיך אין דער שיינער שטוב, אויף עסן ייִדישע געפֿילטע פֿיש, וואָס זײַן ווײַב סערעלע די נגידית קאָן אַזוי גוט קאָכן און מיט זעקס און נײַנציקער בראַנפֿן צום טרינקען לחיים פֿאַר די ייִדישע פֿיש.

און אַרעלע איז אַזוי לאַנג נאָכגעלאָפֿן לעבן קלינגענדיקן שליטן, ווען דער פּריץ איז געפֿאָרן זונטיק צום קלויסטער געהילט אין בערענעם פּעלץ און ער האָט אַזוי פֿיל געוווּנקען מיט די גנבֿהשע אויגן און געבעטן, געשעפּט מיט זײַנע זיסע רייד ווי אַ נקבֿה, דעם פּריץ אין אויער אַרײַן: — האַ, האַ, האַ! —

פאַניע, יעגאַמאַשטש, פאַניע כראַביע, ניעד זשיע הוררא! יאַסניע פאַן סטאַכעוויטש, אַ גרויס געשעפט, יאַק באַגאַ קאַכאַם, עס וועט זיַין גוט און גלאַט. דאָס געלט צום בויען, וועט ער, אַרעלע, שוין אַריַינליינגן, וווּ דעַן. עס זאָל זיַין אַלצדינג בשותּפות מיטן פּריצס נאָמען און מע וועט אוועקשטעלן בשותּפות אַ מויער אַ געוואָלט. דערנאָך וועט מען פאַרקויפן און פאַרדינען אוצרות געלט. פששש, פשש — ביז וואַנען דער פּריץ האָט אויכעט אונטערגעשריבן דעם פּאַפּיר־אַקט.

אַ גוט געשעפטעלע האָט ער שוין געמאַכט. אַרעלע דער רויבער. דעם פּריץ וועט ער שוין יאַקאָש אָפּבאַרען און באַלד וועט טאַקע זיַין די שענצטע ניַיע מויער אין מיטן מאַרק, זיַינע. ווער ווייסט, צי ער וועט דאָרט עפענען נאָך אַ שענק, צי אַ געוועלב מיט אַ מאַגאַזין, צי ער וועט גאָר פאַרדינגען דירות. אַז ווייסט אים דער רוח.

ישׂראל־אלי דער בעדער, מיט זיַין צעשויבערטער באָרד, ווי אַ לייבגריוועַ, דעם פוטער אויף די אַקסלען, גייט פאַרביַי מיטן לאַנגן לולקע־ציביק אין מויל, צעהאַפּקעט.

— וואָס ווילט איר מענטשן — זאָגט ער — דער יורד דניאל כהן ברויד נישט זיַין חורבה פּלאַץ. אָבער דער אַרעלע וועט אויפבויען אַ מויער־הויז, אַז עס וועט פאַרכאַפּן דאָס אויג.

— ווער ברויד דעם גנבֿס מויערן — ענטפערט אים יאָסל, מנחמס זון מיט אַ ברעט ציגל אויפן קאַרק — ער אַליין פרעסט און זויפט, און מיר אַרבעטן אויף אים ווי די פערד, אַ קרענק וועט ער האָבן, נישט קיין מויער.

— דערוויַיל גוטער ברודער, פירט זיך די וועלט אַזוי, אַז ווער עס האָט מער שׂכל אין קאָפּ און געלט אין קעשענע, דער איז תּקיף, און דו וועסט נישט איבערמאַכן די וועלט, הערסט יאָסל?

— מען וועט שוין זען, צי מען וועט נישט איבערמאַכן, רעבֿ ישׂראל אלי — ווינקט עפּעס דער יונג מיט אַ סודותדיק פאַרקוועטשט אויג — מען וועט שוין זען, וואָס עס וועט זיַין.

◆

דער שוואַרצער לייבע אַרבעט אויפן טאָג. ער האָרעוועט שווער און געטריַי, די באָרד פאַרשמירט מיט ליים און וואַפּנע און מיט אַ זאַק אויף די לענדן. ער לייגט ציגל, איינעם אויף דעם אַנדערן, שמירט גיך אונטער וואַפּנע מיט דער קעלניע, קלאַפּט פון אויבן מיטן העמערל, און אונטער זיַינע בריהשע שוואַרץ פאַרמאַזאַליעטע הענט וואַקסט אַלץ העכער און העכער די פון ציגל־געוויטלטע מויער־וואַנט ווי אַ נאַקעטע, זון־פאַרברענטע פּלייצע. לעבן אים אַרבעט האָווריליע דער גוייִשער שטאָט מוליאַר, אַן איבערגעבויגענער איַינ־

נעדראַרטער מאַן מיט אַ לאַנגן פּנים און לאַנגע מוילוואַנצן. ער ניסט אַ סך מיט דער דאַרער בלאַער נאָז, און ער קלאָגט זיך, אַז עס איז אים קאַלט. די וואַפּנע פּרירט אין זײַנע הענט. ער איז קראַנק אויף דער ברוסט, זאָגט ער, ווינטער האָט ער שוין נישט קיין כּוח צו אַרבעטן, אָבער ער מוז דאָך פאַרדינען אויפן בידנעם שטיקל ברויט, האָדעווען אַ הויזגעזינט. זײַנע צוויי ייִנגלעך אַרבעטן אויכעט אָט־דאָ־אָ, זיי רוימען אָפּ דאָס חורבה־ליים מיט די רידלעס, און דאָס ווײַב זײַנס וואַשט גרעט פון די פּריצהטעס. עס איז אָבער פאָרט נישטאָ וואָס צו עסן, ווײַל דער יקרות איז אַזוי גרויס, אַז אַ ברויט און קאַרטאָפל איז נישטאָ. ער וויל עפּעס פרעגן בײַ ליבען, שטויסט ער זיך לאַנג מיט דער דעה און צום סוף טוט ער אַ לאַנגן הוסט:

— זאָג נאָר, פאַן ליבע, דיר צאָלט ער אויך נישט דעם אַרבעטסלוין, דער פאַן אַראָן שענקער, האַ?

— ניין, — ענטפערט ליבע, און ער טוט בײַן אַ צי בײַדע אַקסלען — ניין ער צאָלט נישט. ער זאָגט צו, ער הייסט קומען שפּעטער און מאָרגן און בלײַבט שולדיק דעם לוין.

אָבי ער, האָוורילע, האָט געמיינט, אַז די ייִדישע אַרבעטער צאָלט ער יאָ. און ער, ליבע, האָט געמיינט, אַז פאַר אַ גוי האָט ער מורא און צאָלט דעם לוין.

— ווייס ער וואָס אַ נעבעכדיקער טאָג: ער צאָלט נישט קיינעם.

הערט מען שרײַען די אַרבעטערער אויף די הויכע מויער־רושטאָוואַניעס... און פּלוצלונג נעמט זיך טראָגן אַ גרימיקער געררודער, ווי עפּעס אַ פאַרבאָר־גענער שטורעם געברום. עמעץ שרײַט, אַז מען וויל זיך בונטעווען, אַז מען דאַרף אַ שטרײַק, ווײַל אַרעלע שענקער וויל נישט צאָלן דעם אַרבעטס־לוין.

— הערט נאָר מענטשן — טוט פּלוצעם האָוורילע אַ געשריי — איך זאָג, מען זאָל אָוועקלייגן די אַרבעט. אַז זיי ווילן נישט צאָלן, די ווילע באַלע־באָטים, כאַפּט זיי דער רוח, זאָלן זיי אַליין אַרבעטן. קומט לאָמיר אַוועק גיין.

די אַרבעטער, גוייִם און ייִדן, פאַרשמירטע מיט ליים, מיט בלוט־פאַרבאַקענע בײַלן אויף די הענט, אין צערײַסענע טיזליקעס, קומען זיך צונויף מיט די לאָפּאַטעס, העק און געצייגן. מען גיט אים געדעכט האָוורילן. יאָ, מ׳דאַרף עפּעס זען צו טאָן, מען קאָן נישט הונגערן און אַרבעטן, צאָלן זאָלן זיי דעם לוין.

— אוודאי, תּיכף באַצאָלן און העכערן, יאָ, יאָ, העכערן דעם לוין אויכעט.

— לאָמיר צעוואַרפן די ווענט און אַהיים גיין, וואָס זענען מיר עפּעס פערד?

— ניין, עס איז טאַקע נישט קיין יושר, צו אַרבעטן אַן לוין.

— אמת, אמת; מען שינדט פון אונדז די הויט.

— אַ שטרײַק לאָמיר מאַכן.

— יאָ, יאָ, אַ שטרײַק, הערי מענטשן, צעקלאַפּט די מויער — שרײַט יאָסל און ליבע פּאַטשט מיט אַ מוראַדיקן קוליק:

— די צייז עלעד אים אויסזעצן ,דעם אָרעלע גנבֿ, דעם אַנזעצער.

די פֿאַרבאָרגענע ביטערניש פֿון אָרעמקייט, נויט און עוולות פֿלאַקערט אויף. זיי שטייען און רעדן אין צונויפֿגעדרענגטע געזעמלען. די ערלעכע אויגן גליִען מיט צאָרן־פֿונקען, געבײַלטע פֿויסטן וואַרפֿן זיך אין דער לופֿטן. די לײַט כאַפּן קלעצער, לאַפּאַטעס און מען צעשטויסט און מען צעהאַקט די פֿרישע געמויערטע רויטע ציגל־ווענט. מיט די שטיוול שלײַדערט מען די שעפֿלעך וואַפּנע, מען צעהאַקט די געהילצער מיט די העק, און עס פֿליִען אין דער לופֿטן דרענגער, ציגל און שטיינער און עס שרײַען קולות.

אָרעלע שענקער קומט צולויפֿן מיט צעפֿלאַטערטע פּאָלעס, מיט בלאַסע בעקלעך און מיטן אויפֿגעהויבענעם שטעקן. דערזען דעם חורבן, האָט ער פֿאַרבראָכן די הענט, געוואָרגן זיך מיט גרימעניש, ווי אַ נישט דערקוילעטער האָן, מיט פֿאַרצאָרנטע רויטע אויגן און מיט אַ יאָמערדיק קוויטשל האָט ער געשריגן איבערן גאַנצן מאַרק און אויסגעלאָזט דאָס בייזע האַרץ צו די ייִדן. וואָרעם פֿאַר די גוייִם האָט ער מורא געהאַט:

— האָ וועט? אַי וואַי מיר, געוואַלד, וואָסי דאָעס? אַסטי געהערט אַזאַ מעשׂה? פּעטע. אַ מיאוסע זאַך כ'לעבן. מען האָט אומגעוואָרפֿן די מויער? בדיל הדל געשטעלט אַ מענטש? אַי ווײַ איז אים געשען. זע נאָר זע, אונדזערע ייִדעלעך. גיי גיב זיי צו פֿאַרדינען. בונטעווען נאָר די גוייִם. טאַקע זייער באַבעס דאגה. אַנישט ווילן זיי דען אַרבעטן, די לײַדיקגייערס, אומזיסט גיב זיי געלט וועלן זיי נעמען. ווע דען. ער האָט אָבער תּמיד געזאָגט, אַז מיט ייִדן איז נאָר גוט קוגל צו עסן. ניין, ער וועט נישט שווײַגן, עס איז דען זײַן מויער? עס איז דעם פּריצס מויער. ער, אָרעלע, איז נאָר אַ שותּף, דער פּריץ האָט אַרײַנגעלעגט ס'געלט, ס'קער דעם פּריץ.

ער האָט געשריגן מיט אַ צעקרומטן מויל, געוואָרפֿן מיט די הענט ווי מיט צעפֿאַכטע פֿליגל, געהויבן דעם שטעקן, געוואָרנט מיט אַ פֿינגער און זיך געבייזערט:

— שאַ, שאַ, דער פּריץ. יאָ, יאָ. דער פּריץ וועט אײַנזעצן אין קרימינאַל. מען וועט נאָך הײַנט דאָ דערשיסן עמעצן, צו אַלדע גוטע יאָר. ייִדן, געוואַלד, פּעטע, ס'דאָ דער פּריץ, ס'דאָ זעלנער, די פּאָליציי. מען וועט שיסן, שיסן. ייִדן, שעמט אײַך אין ווײַטן האַלדז אַרײַן. וואָס זשע, ער, אָרעלע, אַנטלויפֿט שוין קיין אַמעריקע, צי וואָס? נישקשה, ער איז נאָך אַ ביטוח, ברוך השם. מען מעג אים נאָך געטרויען עטלעכע הונדערט ראַניש־זילבער. ער וועט קיינעם חלילה נישט אָנזעצן. וואָסי, עס איז עפּעס סדום? אַזאַ שאָדן, געוואַלד געשריגן. מענטשן, אַזאַ בראַד. קערט אים אום דעם שאָדן.

— באַצאָלט בעסער פֿאַר דער אַרבעט, אָרעלע, באַצאָלט דעם טאָג־לוין — האָבן זיך אַ טראָג געטאָן צאָרנדיקע געשרייען — באַצאָלט וויפֿל איר זענט שולדיק, אַ רוח אין אײַער געפּגרטן טאַטן. רויבער, גנבֿ, אַנזעצער.

— די ווײַבער און קינדער ווילן עסן ברויט. מען קאָן נישט אַרבעטן הונגעריק. בײַם צאָל דעם לוין.

אין אַוונט, בײַם ווינטערדיקן גרין־געבלייכטן לבֿנה־ליכט מיט פּראַקטיש שאַרפֿן שניי געזילבערט, איז געשטאַנען אין מאַרק דער יורד ר׳ דניאל כּהן אויסגעגלײַכט, אין זײַן גלאַטן, אויסגעבערשטן, לאַנגן, שוואַרצן פֿוטער־מאַנטל מיטן סאַמעטענעם הוט אויפֿן גרײַזן קאָפּ, די גראָע באָרד ווירדיק אונטערגעהויבן און אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן, האָט ער געקוקט פֿאַר־קלערט מיט אַ צעאַקערט הויכן שטערן, אויף דעם גרויסן חורבֿה־פּלאַץ פֿון זײַן אַמאָליק שיין הויז אין מיטן מאַרק, מיט די רײַכע געוועלבן סחורות, און זיסע שפּײַזן און שטאַרקן ווײַן און פֿריידן און תּענוג. וווילטאָג און שימחות און געזונט און גדלות און גאווה. גאָלד און זילבער און געלט, און צירונג און זײַדנס; גלאַנץ און סויבלענעם פּעלץ; שיינע שול נגינה און ברייטן פֿאַרנעם בײַ לײַטן און גאָטס ברכה און מזל און שפֿע; און מיט ווײַב און קינדער און גרויסער משפּחה און גדולה, עושר און כּבֿוד. און ער האָט אָנגעקוקט די קופּעס ציגל פֿון דער צעוואָרפֿענער מויער פֿון אַרעלע שענקערס נײַעם הויז־געביי אויף זײַן פּלאַץ. ער האָט געפּליסטערט מיט צעקרימטע ליפּצן פֿון האַרץ־ביטערניש און פֿאַרקלערטן וועלט־געדאַנק: אַזוי, אַזוי, אַזוי איז די מעשׂה. יש דין ויש דיין. יאָ, יאָ, ס׳איז דאָ, ס׳איז דאָ.

# דער נאַכט־מענטש

א צעקרימטער גאָרטן־פּלויט

מוט ערגעץ אַ נאַכטיק־שווערן קרעכץ און שרעקיקע שאַרכן פּלאַטערן פֿאַר־ציטערט. עס ווערט פֿאַרלוירן אַ שאַטנדיקער פֿאַד פֿון אַ פֿליגל אין ווייכער פֿינצטערניש, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, אין קוימען פֿאַלט אַ שטיינדל מיט טונקעלער פֿאַרטויבטקייט אַראָפּ אין סאַזשיקער טיפֿעניש פֿון אַפּגרונט, אַ זינגענדיקער וויי־געשריי מוט זיך פּלוצעם אַ שנײַד, ווי אַ בליץ אין דער שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט־פֿינצטערניש.

— אי־ווײַ־ווײַ. אי־ווײַ־ווײַ.

דאָס קול קומט דעמפּיק ווי פֿון אַ גרוב, שווער, מיט גריילער פֿאַרצויגענעם ניגון. נאָר סאַליאַר דער גנבֿ דערשרעקט זיך נישט. ער ליגט צעליינט מיטן בויך אַראָפּ, פֿאַרמעקט אין ווייכער בוידעם־פֿינצטערניש, ווי אַ שוואַרצע שפּין אין געוועב, פֿאַרהוילן דאָרט צווישן שטויביקע שקראַבעס, שמאַטעס, האַלבע פֿלעשער, פֿאַרזשאַווערטע פֿאַס־רײַפֿן, אַלטע טעפּ, צעשיטע שמות. זײַן וואָד אויער איז געשפּיצט און עס האָרכט דעם מינדעסטן נאַכט־שאָרך. דאָס שאַרפֿע אויג שפּיזלט מיט גרינלעכן גלאַנץ, ווי בײַ אַ בייזן קאָטער. און ווי ווייל ער האָט אַ שווערע גראָבע פֿאַרמאַזאַליעטע פֿויערנהאַנט, ווי אַ קלאָץ, איז זי אָבער פֿאָרט לייכט און דין מיט לאַנגע קנעכערנע פֿינגער ווי בײַ אַ מת. ער האַלט מיט זיי לײַכט און טויטפֿאַרצוואַנגט דעם שנאָבל פֿונעם הינדל, וואָס ער האָט געגנבֿעט פֿונעם בוידעם, אַז ס׳זאָל נישט שרײַען. דערנאָך הייבט ער זיך אויף. שטיל און גליטשיק־לייכט, ווי אַ נאַכט־חיה, שלײַכט ער אַרוים דורכן דאַך־לאָך אין דרויסן אַרוים, מיטן געגנבֿעטן הינדל אין בוזעם באַהאַלטן אין וואַרעמקייט פֿונעם טויט־שאָטן.

דער הימל איז פול מיט רויט און גרין און בלא־צעפינקלטע שטערן, נאר די פינצטערניש איז אזוי געדיכט, אז מען קאן זי אנטאפן מיט דער האנט, ווי סמאלע. אבער דאס שארפע אויג סאליארס דרינגט זי דורך און נישטערט אין די בלינדע שאטנס, וואס לאקערן שווארץ־געקנוילטע ווי בערן צווישן די ביימער־געדעכטענישן, דארט אונטער די אפגעשיטע גרוב־ברעגעס פונעם וועג, ביי די געהויקערטע שטיבער מיט די קרומע גארטן־פלויטן פונעם עק שטעטל. שטום און גרימיק הויערט די שווערע שווארצקייט פונעםברייטן קלויסטער. עפעס א טויב געפרעפל, שטיינערן קאלט און שרעקיק פליסטערט דארט אין דער ליידיקייט פון דעם טיפן קלויסטער־בויד.

די שווארצע שטיין־ווענט הינטערן גליטשיקן שעכט־יאטקע־גרוב זיינען פול מיט בלוט. עס דאכט זיך, אז די דערשטיקטע קולות פון די געקוילעטע בהמה־העלדזער זיפצן נאך דארט אין גסיסה.

סאליאר היפט ווי א ריזיקער פראש מיט לאנגע, געקרימטע הענט און פיס, אונטער דער שטיינערנער וואנט פון דער אלטער שול, פארכטיק אנגעפאקט מיט מתים אין ווייסע תכריכים מיט טליתים איבער די שארבן קעפ, וואס שאקלען זיך און דאווענען. ער דראפעט זיך איבער געהויקערטע שינדל־דעכלעך מיט צעבראכענע שפיץ בוידעמס און אפגעריסענע צעקרימטע לאטעס, וואס רייטן אנגערוקט איבער די שווארץ־פארשוווּמענע קופעס יידישע שטיבער, איינגעוואקסענע איינס אינס אנדערע, מיט די בייכיקע ווענט, פארזונקענע אין אומרויִקן שלאף, באשווערט מיט די זארגן פון די טעג.

ווי א בלוטיק רויט אויג, סודותדיק געצונדן, לייכט א פענצטערל, שיף־פאר־האנגען, אין מיטן פון דער נאכט־שווארצקייט. א לאנגער, שארף־קאנטיקער פאס געל ליכט שטרעקט זיך דערפון, ווי א גילדן ברעט. אינעווייניק, אין שטוב, פלאמט אין אויוון א שטיל, גרוים פייער, ווי רויטע טיכער וואלטן זיך דארטן געוויקלט און פארשלונגען. ביי די זייטן פארען שווארצע, בייכיקע טעפ וואסער. אויף דער ווייסער וואנט מאלט זיך גרוים דער אנגעבויגענער, ברייטער, שווארצער שאטן פון א יידענעס געהארבעטער פלייצע. די לאנגע שארף אפשטייענדיקע עקן פון איר אונטערגעבונדענער פאטשיילע לויפן גיך אהין און אהער, צעיאכמערט פון שטומען גערודער, און אלע מאל הערט זיך פארשטארקט און נאגנדיק דער זינגענדיקער וויי־געשריי:

— אי־וויי־וויי, אי וויי־וויי געוואלד — אי־וויי ווא־יא.

עס איז דאס נאכטיקע קול פון א געווינערין נאר עס וועקט נישט די פאר גליווערטע נאכט־שטומקייט, עס פלאטערט אין דער נאכט־טיפעניש, וווייד און אימהדיק ווי א שלאנג.

עפעס א געשטאלט שטייט דארט אין ליכטשיין פונעם פענצטער, אונטער דער איינגעזונקענער שטוב־וואנט, ווו דאס ווייבל גייט־צו־קינד. עס איז דעם גנב סאליארס לאנגע, שווארצע געשטאלט. און ווי וווייל ער דארף זיך איילן מיט דער גנבה אין בוזעם, האט ער פון דעסט וועגן ליב ארויסצושטעקן דעם

קאָפּ פֿון וואַנט־ווינקל און אַרײַנצוקוקן אין ליכטיקן פֿענצטערל. ער זעט ווי עפּעס אַ שטומע בהלה טראָגט זיך דאָרט אין קליינעם שטיבל. אויפֿן קוימען געזימס פֿון ווײַס־געקאַלכטן אויוון רייכערט מיט בלינדן צאַפּל אַ סאָזשיק נאַפֿט־לעמפּל מיט אַ צעבראָכן גלעזל, פֿאַרקלעפּט מיט אַ פּאַפּירל. איין בעטל איז ליידיק צעוואָרפֿן, און דאָס אַנדערע איז פֿאַרהאָנגען מיט אַ ווײַס לײַלעך. הערשראָקענע קינדער מיט שמאַלע, געקרײַזלטע קעפּלעך, אין די בלויזע סטענדלעך, שטופּן זיך אין ווינקל און גרעגערן אַלע אין איין קופּע. אַ לאַנגער, איבערגעבויגענער ייִד, דער טאַטע, מיט אַ שיטער לאַנג בערדל, ווי בײַ אַ הייפּטל קנאָבל, די ציצית איבער די שטיוול, לויפֿט עפּעס אַהין און אַהער פֿון באַדרענג מיט געשטרעקטע הענט. ער זוכט עפּעס מיטן צעקרימטן מויל און פֿאַרצערטן בליק פֿון נאַכט־סוד.

צוויי ווײַבער מיט שאַלן אויף די קעפּ און פֿאַרשפּיצטע געלע נעז, טראָגן אין דער לופֿטן, אָנגעשפּאַרט אויף די הויכע בײַכער, די פֿאַרענדיקע טעפּ וואַסער, אַרומגענומענע מיט די פֿאַרטעכער, זיי זאָלן נישט ברײַען די הענט, און אויבן־אָן בײַם טיש, וויגט זיך די געבויגענע פּלייצע פֿון אַן אַלטן ייִדן מיט אַ צוגעקלעפּטער יאַרמולקע, ווי אַ שיסעלע, אויפֿן קאָפּ. די לאַנגע גרײַז־גראָע באָרד און פּאות, ביז צום גאַרטל פֿון דער צעפֿליקטער בעקעשע, שאָקלען זיך איבערן געעפֿנטן, גרויסן ספֿר. ער זאָגט תהילים מיט אַ געבײַלטער האַנט, געשטרעקט צו דער בײַכיקער, בלאָער סטעליע, בעטנדיק רחמים.

און דאָרט אונטערן ווײַסן לײַלעך טוט זיך שוין עפּעס אָפּ אַ שווער געשען. אָפּגעשוואַכטע קרעכצן פּלאַטערן מיט פֿרײדיקן אָטעם. דאָס רויטע פּלאַם־ליכט איז שטוב שײַנט מיט העלן יום־טובֿ גלאַנץ. אַלע פּנימער שײַנען מיט ברייטע שמייכלען. די באָבע זעלדע טײַטלט צום בעט מיט איר לאַכנדיקער פֿויגל־נאָז. עפּעס שרײַט זי און טענצלט אונטער פֿון גדולה. אירע הענט פֿון די פֿאַר־קאַטשעטע אַרבל שטעקן אַרויס לאַנגע און פֿאַרבלוטיקטע, און באַלד טוט זי אַ נעם פֿון אונטערן לײַלעך אַ לעבעדיק נפֿשל: אַ קליין מענטשעלע. זי האַלט דאָס אין דער הייך, אַ רויטס און אַ נאַס. ס׳צאַפּלט מיט הענטלעך און מיט פֿיסלעך גלײַך ס׳וואָלט געשווומען אין דער נײַער ערדישער וועלט, מיט אַ חלומדיק געוויין, און ס׳טוט ווי אַ ציגעלע אַ געשריי:

— מע־ע...

די באָבע זעלדע טוט דאָס אַ פּעטשל אין געזעסל און אַ וואָרף אַרײַן אין הייס־פֿאַרענדיקער מולטער וואַסער. סאָליאַר קוקט און לאַכט. ער ווייסט, אַז אַ קינד איז געבוירן געוואָרן דאָ אין שטוב. אַ מענטש איז געקומען אויף דער וועלט, אַ נײַע נשמה איז דאָ. פֿון וואַנען? ווי אַזוי? צו וואָס? ס׳עפֿנט זיך זײַן מויל ווי אַ גרוב, די קליינע, פֿאַרשפּיצטע אויגן פֿאַרקריכן, ווי שפּינען, טיפֿער אין די שאָטן־לעכער, ער קראַצט מיט אַלע פֿינף פֿינגער אין די לאַנגע קאָפּ־קודלעס, און ער קאָן נישט משׂיג זײַן דעם סוד פֿון לעבן. אַ גרימיק שמייכעלע צעקרימט זײַנע שטעכיק־באַוואָקסענע ליפּן. זײַן הויכע, שוואַרצע

געשטאַלט ציט זיך אויס נאָך לענגער, שטאַנדיק אײַנגעוואַקסן אין נאַכט־חשבונות, פֿאַרכאַפּט פֿון בייזן קלערן און פֿאַרהוילן פֿאַרן מענטשלעכן אויג, ווי אַ נישט גוטער. און פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער גנבֿעט, שפּיזלט ער אַצינד מיט גרינלעכן פֿײַער־בליק און מיט פֿאַרצערטן פּרצוף, אין ליכטיקן פֿענצטער, קוקט לאַנג און שטום און עס ציטערט פֿון דאָרט שווין מיט געלן שײַן־פֿלעק, גלײַך עפּעס אַ קאַלט ווינטל וואָלט אַ בלאָז געטאָן מיט דעמפּן שרעק־גליווער.

נאָר אַ מערכה, וואָס אונטערן קישעלע פֿונעם נײַ־געבוירענעם קינד ליגט אַ דיקער פֿרום אויסגעדאַוונטער קרבן־מינחה־סידור מיט דעם נאָמען פֿון גאָט, פֿאַרגעלט פֿון טרערן און באַשפּריצט מיט חלבֿ. און צוקאָפּנס פֿון דער קימ־פּעטאָרין קלעפּן אויפֿן לײַלעך פֿאַרכטיקע, ווײַסע שיר־המעלות־בריוולעך:
שדי, קרע שטן...

◆

— טיפּ־טיפּ־טיפּ.

— דרין־דרין־דרין.

— טיפּ־טיפּ־טיפּ.

צום ערשטן האָט דער קליינער שימעלע, יונה קרעמערס ייִנגל, אויף זײַן שלאָף־געלעגער אונטערן אויוון, דערהערט דעם דריבנעם אַנקלאַפּ אין טונקל גע־בלייכטן שטוב־פֿענצטער, דאָרט אין נאַכטיק־פֿינצטערן דרויסן, וואָס האָט שאַרף אָפּגעציטערט אין זײַן וואַכער נשמה, מיט פֿאַרהוילענעם פּחד.

בײַ טאָג איז ער, שימעלע, טאַקע אַ גאַנצער ווילער יונג, דעם צעריסענעם היטל־דאַשעק שיף־אַנגערוקט אויף אַ שוואַרצגלאַנציק קלוגן אויגל. ער האָט ליב זיך גאַווהדיק צו שלאָגן מיט שקצימלעך און ייִנגלעך אין מאַרק, צו וואַרפֿן שטיינער, שפּרינגען איבער טיפֿע גריבער און זיך הוידען אויף דראַנגען. ער קלעטערט אויף די העכסטעביימער. זומער קאָן ער אויסשווימען דעם גאַנצן שטעטל־טײַך און ווינטער איז ער דער בעסטער גליטשער אויפֿן אײַז און אַלע ייִנגלעך האָבן אים ליב צו האָבן פֿאַר אַ חבֿרל.

אין חדר פֿירט שימעלע דאָס רעדל. ער טוט אַפּ שפּיצלעך דעם מלמד און כאַפּט אַרײַן קניפּ, פּעטש און קללות, ווי וויל ער האָט אַ גוט קעפּל, באַגערט צו לערנען און ער קאָן גוט דאַווענען און אַלע חומש־מעשׂיות פֿון אויסנווייניק. שׂימחת־תּורה אין שול מאַכט ער די ברכות איבער דער תּורה בעסער פֿון אַלע ייִנגלעך אונטערן טלית. בײַ טאַטע מאַמע אין די אויגן איז ער דאָס געראָטנסטע קינד מער פֿון אַלע ברידערלעך און שוועסטערלעך און פּסח בײַם סדר שעפּן זיי פֿון אים נחת, ווען ער פֿרעגט די פֿיר קשיות מיט אַ שיין זינגענדיק קול, ווי אַ צעקלונגען גלעקל.

שבת און יום־טובֿ, פֿאַרפּוצט אין ציינגענעם אַנצוגל, מיט אַ גילדן בענדל אויפֿן היטל־דאַשעק גייט שימעלע לײַטיש מיטן טאַטן דאַווענען אין שול. ער

פֿאַסט אַלע תּעניתים, תּשעה באָבֿ, יום כּיפּור און אסתּר תּענית. ער קאָן מעבֿר זײַן די סדרה מיטן ניגון־טראָפּ, זאָגט פֿרום „ברכו נפֿשי” און לערנט „פּרקי אָבֿות” שבת בײַם רבין אין חדר, און בײַ נאַכט פֿאַרן שלאָפֿן גיין, זאָגט ער בורא נפֿשות און לייענט קריאת שמע.

חנוכּה, נאָך דעם ווי דער טאַטע צינדט די ליכטלעך, שפּילט שימעלע מיט די חבֿרים אין דריידלעך און געווינט ניס און קנעפּלעך. חמשה עשׂר עסט ער באָקסער, פֿײַגן, ראָזשינקעס, מאַנדלען און טייטלען, וואָס וואַקסן אין ארץ ישׂראל. פּורים נאָך דעם מגילה־לייענען, טראָגט ער אויף אַ טעלער, איבערגעדעקט מיט אַ ווײַסן סערוועטל, המן־טאַשן, האָניק בייגל און שטרודל — שלח מנות בײַ די נגידים אין די שטיבער. מען שיקט אים אַ גאַנג און מען גיט אים אַ גראָשן פֿאַרן וועג, און אַלע לײַט זאָגן אַז ער איז אַ וווּיל יינגל.

ערבֿ שמיני עצרת שנײַדט ער בײַ דער ריקע הושענות און פֿאַרקויפֿט אין מאַרק אַ בינטל פֿאַר אַ גראָשן. ערבֿ שבֿועות פֿאַרקויפֿט ער אין די שטובן גרינס, בוים־צווײַגלעך און ליפּעד־שאָווער פֿונעם טײַך און ער שיסט אויפֿן באַרג סיני, הינטערן גלחס גאָרטן, מיט פֿײַל און בויגן. ערבֿ פּסח איז ער אַ וואַסער־גיסער בײַם מײַרע־קנעטער, בײַם מצה־באַקן און ערבֿ יום הקדוש טראָגט ער אין אַ שטרויענעם געפֿלאָכטענעם קויש, די כּפּרות פֿון די באַלעבאַטים צו שעכטן בײַם שוחט. ער כאַפּט פֿייגל אויף דעכער, גנבֿעט קרייטעכצער פֿון גערטנער, פֿוןביימער און ער לויפֿט נאָך אַ חזיר און שלאָגט אים מיטן שטעקן.

שימעלע רײַט אויך אויף אַ פֿערד און ער האָט פֿולע קעשענעס מיט שיינע זאַכן: אַ רויטהילצערן קניפּיק מעסערל, אַ צינערן פֿײַפֿל, אַ מעשן־זייגערל־רעדל, אַ קליין גרין פֿלעשעלע שוואַרצע גלאַטע דונער־שטיינדלעך, אַ בריל־גלעזל וואָס כאַפּט דאָס זון־פֿײַער און צינדט אָן טרוקן גראָז. ער האָט ליב צו לייענען, האָרכן און דערציילן וווּנדערלעכע מעשׂיות פֿון אליהו הנבֿיא און פֿון פֿעלד־רויבער און וואַלד־גזלנים מיט העק און שווערדן, בני מלכים און בת מלכּהס אין גילדענע בגדים, פֿון וועלף און חיות רעות, פּיפּערנאָטערס, שדים, רוחות מיט הערנער, שלענג און עקדישן מיט ברענענדיקע אויגן, מוראדיקע צעפּאַטלטע כּישוף־מאַכערס און מכשפֿות.

בײַ נאַכט האָט שימעלע יונהס ליב צו קוקן אין בלאָען אויסגעשטערנטן הימל־געוועלב און ציילן די דימענטן־צעפֿינקלטע שטערן. דאָס פֿולע בלייכע לבֿנה פּנים שמייכלט צו אים מיט יענע־וועלטיקע סודות און אַז ער קוקט בײַ טאָג צו די שווימענדיקע ווײַסע וואָלקנס אין הימל, זעט ער לייבן און בערן, געהאָרבעטע קעמלען, מוראדיקע העלפֿאַנטן און לעמפּערטן מיט צעשויבערטע גריוועס און אויפֿגעריסענע מײַלער, וואָס פֿאַרצוקן שאָף און רינדער און ווײַסע לעמער. ריזן־מענטשן אין טיפֿע היילן טראָגן בערג אויף די קעפּ און רײַטוואָגנס פֿליִען מיט צעפֿלאָכטענע פֿערד. אַז ער קוקט אין רויטצעפֿלאַקערטן זון־פֿאַרגאַנג, בײַם ברעג שטעטל־הימל, זעט ער די איבערקערעניש פֿון סדום און עמורה מיט פֿײַער־פֿלאַמען פֿון פּעך און שוועבל, וואָס גיסן פֿונעם

הימל. אין יעדן זומערדיקן שלאָקס־רעגן מיט צעשטורעמטע ווינטן, פליִצט דער מבול מיט פאַרטרונקענע מענטשן און חיות. אין גלאַנציקן גראָז־טיפעניש מיט ווייס־צעבליטע פרילינג־ביימער, לעכטיקט דער גן־עדן.

שימעלע זעט ווי איבער די לאַנגע שטויביקע פעלדוועגן, וואָס פאַרלירן זיך אין וועלט־וויַטקייט, ציִען אין דער מידבר די מחנות ייִדן מיט די טלומיקעס אויף די פלייצעס, זיי גייען, אייַלנדיק, אַרויס פון מצרים, אהרון הכהן אין די גילדענע קליידער, דאָרט לוויִם שאַלן אין זילבערנע שופרות און טראָגן אויף די אַקסלען דעם גילדענעם משכן און פאַרויס שפּאַנט משה רבנו, מיט דער לאַנגער, וויַיסער באָרד, דעם שטעקן אין דער האַנט, וואָס שפּאַלט דעם ים סוף. אַלע חומש־מעשׂיות, וואָס שימעלע לערנט ביַים רבי מנשה אין חדר, זענען לעבעדיק אַנטפּלעקט אין זיַין צעשפּילטן דמיון און זיַין חלומדיקע נשמה איז תּמיד פאַרטראָגן אין פאַרהוילענע וועלטן. צוליב דעם אַלעם רופט מען אים מיט די צונעמען: מאַקאַבונד, באַטיאַר, ממזר, משומד און הוליאַק.

◆

— דרין־דרין.

— ט־יפ, ט־יפ, ט־יפ.

— דרין־דרין.

אַז דאָס ייִנגל האָרכט איצט ביַי נאַכט, ווי ס׳קלאַפּט עמעץ אין פענצטער, ווייסט ער, אַז דאָס איז סאַליאַר דער גנבֿ, וואָס איז געקומען צו זיַין טאַטן, פאַרקויפן עפּעס אַ גנבֿה. ער האָט דעם מוראדיקן גוי נאָך קיין מאָל נישט געזען פאַר די אויגן, וואָרעם, אַז דער גנבֿ קומט אַריַין ביַי נאַכט אין שטוב, טאָר מען נישט אָנצינדן דאָס נאַפט־לעמפּל. נאָר ער ווייסט, אַז סאַליאַר איז אַ שד, מיט באָקהערנער אויפן שטערן און פערד־פיס מיט קאָפּעטעס, אַז ער וווינט אין אַ פאַרשאָלטענעם ברונעם אין די שטיין־גריבער־וואָלעס, דאָרט אין עק שטעטל, וווּ די גויִים וואַרפן אַריַין פּגרים פון פערד און הינט און די ייִנגלעך האָבן מורא דאָרט פאַרביַי צו גיין, שפּיַיען אויס פון דער וויַיטנס דריַי מאָל, זאָגן אַ שפּרוך און טוען אַ טרעסע מיט אַ ציצה פון ליַיבצודעקל, אַז די שדים זאָלן אויף זיי נישט קיין קאַנטע האָבן קיין שליטה.

ליגט ער, שימעלע, צונויפגעדרייט ווי אַ קאַץ, אונטערן צודעק, אַז בלויז די נאָז, די אויערן און די אויגן פון זיַין פּנים, ווי ביַי אַ שטומען נאַכט־פויגל, זענען שאַרף־שפּירעוודיק אַריַינגעוואַקסן אין דער פינצטער און זיַין וואָר האָרץ איז גריילעך פאַרצערט אין נעפּלדיקן שרעק־גליווער פון דער חלומדיק פאַרהוילענער נאַכט־וועלט. ער פליסטערט האָרב מיט הייסן אָטעם:

— אַי וואַי, עך האָב נישט קיין מורא.

# דער מאַרק

דער ווײַס־פֿאַרשנייטער שטעטלדיקער מאַרק איז טרוקן אָנגעפֿרוירן מיט אַ פֿריש שאַרף ברענעדיק פֿרעסטל. בערדיקע ייִדן אין שוואַרצע טיזליקעס, מיט שעפּסענע פּעל־היטלען אויף די קעפּ, גויִים אין דיקע שאָפּענע פּעלצן, גויעטעס אין לאַנגע גראָבע וואַרעטעס געהילט — שפּאַנען מיט דריבנע פֿראָסט־טריט פֿון זייערע געקאַ־וועטע שטיװל, אַרומגעבונדן מיט שטרוי און קליינע, ווײַסע אָטעם־וואָלקנדלעך זעצן פֿון זייערע מײַלער. פֿערד הירזשען, קי רעווען פֿאַרבענקט, חזרים קוויטשען מיט גרויליק־פֿאַרצויגענע קולות. די לאַנגע גויִישע שליטנס פֿול מיט געבונדענע עופֿות, אײַנגעוואַרעמטע אין שטרוי, זענען ענג אָנגעשטעלט זײַטיק בײַ די ייִדישע געוועלבלעך, הינטערן ברוגזן קלויסטער מיט די פֿאַרשנייטע געצלמטע טורעמלעך.

ווײַבער, די קעפּ פֿאַרבונדן מיט דיקע, צעפֿליקטע שאַלן, די פֿאַראומערטע פּנימער, פֿאַרדאַרט ווי גרודעס — זיצן ווי קוואָקעס אויף צעבראָכענע קעסט־לעך, מיט פֿולע פֿײַער־טעפּ צעגליטע קוילן אונטער די געלאַטעטע קליידער און מיט צעקרימטע מײַלער שרײַען זיי מיט אַ תּחינה־ניגון און רופֿן קונים צו זייערע מולטערס מיט סחורות:

— מענטשן, גוטע, אַהער קומט, קויפֿט, קויפֿט שיינע זאַכן, ביליק, ביליק!

— פֿרישע אייער־בייגל, זעמל און פּלעצל, פּלעצל, פּלעצל! מאָן־בייגל, מאָן־בייגל!

די לאַנגע הערשעכע האָט צו פֿאַרקויפֿן אַ קופּע פֿאַרזשאַווערט אײַזנוואַרג, טשוועקעס, שרויפֿן, קייטן, אַלטע לאַפּעטעס, צעבויגענע רײַפֿן, צעבײַלטע טעפּ. די לייזערקע איז געשטאַנען מיט אַ זאַק ציבעלעס, אַ בלעך נאַפֿט, אַ קופּע אַלטע, צעדרייטע שטיװל און געלעכערטע, שטרויענע קאַפּעליושן. און די זקנה, די משהכע, האָט פֿאַרקויפֿט זאַלץ, שוועבעלעך, אינגבער, פֿעפֿער,

נעגעלעך און געווערץ פון קליינע זעקעלעך, איינגעטריקנט ווי איר פנים, וואס האבן הארב־פארשמעקט דעם פראסטיקן ווינטער טאג מיט ריחות פון ווייטע, ווארעמע לענדער.

די מנחמקע האט געמאסטן ווייסע דיניע־קערלעך אויפן קווארטירל, געוויגן פונעם קעסטל זיסע, געפרוירענע עפל אויף דער וואגשאל מיט פארקניפטע שטריקעלעך, און זי איז געווען ברוגז מיט איר מחותנתטע ברײנע, וואס איז געזעסן לעבן איר מיטן לאקשן־ברעט, אויסגעלייגט מיט קופקעלעך וועלשענע ניס, רויטע לעקעכלעך, ווי קליינע מענטשעלעך מיט לאנגע בערד, געלע האניק־קיכלעך, אויסגעשניטן ווי פייגל און פארקלעפטע צוקערלעך אין זילבערנע פאפירלעך.

ישראל־עלי האט געהאט צו פארקויפן א גאנצע שטעל מיט ליולקע־ציביקעס, רויטע מעסערלעך, גרינע זייף, קאפיטעס, קאלד־בערשטלעך, דודע־פייפערס, בייטשן, הילצערנע לעפל, קנעפ נאדל־פאדעם, לעדערווארג און ערדענע טעפ. און זלאטע די אלמנה איז געזעסן מיט איר קרעמל צעלניק, געבלימטע טיכער, בלאע, רויטע, גרינע און ראזע סטענגעס, בלעכענע שפיגעלעך, גלעזערנע קרעלן, ביינערנע קעמלעך, גילדן פליטערווארג און קאלירטע, פאפירענע צאצקעס. זי האט געהאלטן דעם איינגעפעקלטן קאפ מיטן צעקנאדערטן פנים, פארשווארצט ווי א רעטעך, אויף אן אקסל און פינטלענדיק מיט די גערויטלטע אויגן, האט זי מיט זינגענדיקן געשריי, העכער פון אלע ווייבער, גערופן די קונים:

— מאלאדיצעס, חתנים, אהער קומט, אהער! גיט עפעס צו לייזן אן ארעמער אלמנה מיט זעקס קליינע יתומים, נעבעך. קויפט, קויפט פיינע מתנות פאר די שיינע כלות צום טאנץ. ביליק, ביליק. א בראנד אין די קעפ און א מכה אין די געדערעם א צוגאב! קויפט, קויפט, מענטשן ווילע.

לאנגע שקצים און רויטע שיקסעם דרייען זיך שווייגנדיק און באדעכטיק ארום די שטעלעס, קוקן מיט בייזע, פארשטאכענע אויגן, טאפן די סחורות, דינגען און ווארטן אויף א בהלה. די שקצים טוען טאקע אלע מאל, מיט א זעץ מיט א פוס, א קער איבער א מולטער מיט סחורה און די ווייבער שרייען און שעלטן, רייסן זיך פארבייסן מיט די שיקסעס, וואס כאפן די זאכן און אנט־לויפן. די ווייבער־זיצערקעס פארברעכן די הענט, לויפן אהין און אהער, שרייען געוואלד, קלייבן צענויף די רעשטלעך ארעמע סחורות און ביטערן מיט גרימצארן:

— אזא בראך! א שטאך! א שרפה! א מגפה! גאטעניו, וואס שווייגסטו! פאר וואס נעמסטו דעך נישט אן די יידישע קריוודע? אז די שווארצע כאליערע זאל שוין אויסגיין צו זייערע קעפ, די גנבים! א פגירה זיי אין די בייכער, נאר האבעווען ווילן זיי, רוצחים! גזלנים! געוואלד!

די הארבע, זאפטיקע קללות פלאטערן ווי צעקראקעטע וואראנעס און ווערן פארשוועבט אין פראסטיקן נעפל. זלאטע די אלמנה טוט אלע מאל א הייב אונטער דעם קאפ, זעט זי מיט פריידיקן, מאמעשן נחת, ווי דארט, הינטערן

קלויסטער־פּלויט, צווישן די הויכע, דאַרעביימער, איז אַן אויסגעברענטער שטוב־חורבה, שפּילן זיך אַ קופּע יידישע קינדער, וואָס קריכן אַרום ווי די מערישקעס, רײַסן אויף קלעצער, דראַפּען זיך אויף די האַלבע ווענט, שלעפּן שטיינער און ציגל אויף די אָפּשיט־בערגלעך און בויען דאָרט פּיתום און רעמסס, צעגונערטע מיט געשרייען און געלעכטערס אויף קולי־קולות. זלאַטע דערקאַנט דאָרט אויכעט אירע קינדער, קרעפּקע, קליינע יינגלעך אין לאַכעס, מיט צעפּליקטע היטלעך, מיידעלעך מיט האַרט־געפּלאָכטענע צעפּלעך אין צעדרייטע שקראַבעס, פאַרשמירטע, פריילעך פאַרטומלטע און הונגעריקע ווי וועלפּלעך. זי היט זיי געטריי, מיט איר טריבן בליק, פון דער ווײַטנס און זי רופט זיי, ווי אַ פאַרזאָרגטע קוואָקע:

— מעכלע, שׂרהלע, חיהלע, דודל, משהלע, טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ. קומט אַהער קינדערלעך, צו דער מאַמען, נאַדיר...

אַז זיי קומען צו איר אָנגעלאָפן פאַרטראָגן און צעהיצט, פיטערט זי זיי מיט שטיקער ברויט פון עם קײַשל, ווישט זיי מיטן פאַרטעך די נאַסע, רויטע נעזלעך און בייזערט זיך גוטמוטיק:

— אַ היים גייט, ממזרים כ׳על אײַך אָנפּאַטשן. זע נאָר, נאָר מ׳יאָגט, נאָר מ׳וואַיעוועט, מ׳רײַסט די שטיוול.

— מאַמע, שאַ־שאַ, גיב עסן, גיכער! מיר, מיר, נאָך אַ שטיקל ברויט, נאָך אַ שטיקל, מאַמע, כ׳בין הונגעריק, גיב, גיב.

אַז די קינדער אַנטלויפן ווידער, שמייכלט זלאַטע זייער צופרידן מיט אירע צעקרימטע לעפּצן און אין פאַראומערטן האַרצן, דערקוויקט פון ליבשאַפט, דאַנקט זי גאָט פאַר זייער געזונט און פרייד און פאַר די עטלעכע גרײַצער לייזונג אין פאַרטעך־קעשענע, גרוים ווי אַ טאַרבע, פאַרבונדן אויפן צעפּליקטן טיזליק. אין אָונט, אַז זי וועט אַהיים קומען פונעם מאַרק, רעכנט זי צו קאָכן פאַר די יתומים אַ זאַטע וועטשערע: באָרשט מיט בולבעס און קאַשע מיט אַרבעס; אַזש דער אָרעמער אַלמנה ווערט בײַ דעם גוטן געדאַנק ליכטיק אין די קאַליע אויגן.

אַזוי ווי אַ שאָטן דרייט זיך אַרום אין מאַרק, צווישן די יידן און גוים, דער שוואַרצער לייבע, מיט זײַן לײדיקן זאַק אונטערן אָרעם. נאָר ער האַנדלט גאָרנישט, וואָרעם ער איז שוין נקי, און ער האָט נישט קיין געלט, מיט וואָס צו האַנדלען. די גוים האָבן אים שוין פאַרטריבן פון זײַן אַרבעט בײַ הער באַן אויף טאָג־לוין, און מען האָט אים דאָרט שיר נישט געפּלעט דעם מוח, בעת ער האָט געשלעפּט און געלאָדן די קלעצער אין וואַגאָן; קוים וואָס ער איז אַוועק מיט גאַנצע ביינער. די גאַנצע וויסטע אָרעמקייט פון דער וועלט גליווערט אויף זײַן קורצער, צעקנאָדערטער, שוואַרץ־געזילבערטער באָרד, טרויערט פון זײַן געלאַטעטן ראָק, פאַרבונדן מיטן שטריקל. לייבע בלײַבט שטיין אין מיטן דרינען, שווער, מיט קלאָציקע פיס, עפּעס ווי פאַרלוירן אין פוסטעניש פון עולם התהו, און מיט וויסטן נײַגער קוקט ער ווי צוויי שיכורע,

אָנגעפּעלצטע גויִים, מיט רויטע, זאַט־געגרויטלטע פּנימער און ברייטע, האַרטע נעז, קריגן זיך עפּעס זייער שטיל. גלײַך זיי וואָלטן זיך געסודעט, מיט הייזעריקן כריפּ, שפּײַען זיך בייז אין די קליינע געגעפּלטע אויגן אַרײַן, כאַפּן זיך אַרום מיט שווערע הענט, ווי מיט בערישע לאַפּעס, קושן זיך אין די באַקן מיט צעיאָכמערטן געיאָמער און פֿאַרקנוילן זיך אין געשלעג, ווי צענויפֿגעוואַקסענע דראָנגעז, גלײַך זיי וואָלטן זיך נאָך ווײַטער אַזוי געהאַלדזט. לייבע שרײַט צו זיי, פֿײַערט זיי אונטער, מיט האַרבע שפּאַט־ווערטער:

— דערלאַנג אים, באַלעבאָס! רײַב אים אַ מאָרדע, מחותן! זעץ אים אויס די ציין, גוטער מענטש! אַזוי, אַזוי, ווילער כלאָפּ, אין די זשעברעס פֿאַרפֿאַר אים! מאַך אים פֿאַר אַ קאַליקע! אַ פֿוס דריי אים אויס, פֿרומער מאַן! לייג אים אַוועק! הרגע!

דאָס געשלעג איז שטיל און פֿאַרהאַקט מיט טעמפּער, פּויערישער גבֿורה. איינער פֿליקט דעם אַנדערנס קודלעס פֿונעם קאָפּ, פּאַוואָלע און באַדעכטיק מיט צוויי פֿינגער, גלײַך ער וואָלט געפֿליקט פֿעדערן פֿון אַ גאָנער; דער אַנדערער פּויקט מיטן קולאַק, ווי מיט אַ דובינע, דעם פֿליקער פֿון הינטן אין בויך אַרײַן. פֿון זייערע צעבלוטיקטע מיילער טריפֿט גאַוער. זיי קײַכן מיט הייסן געבריל, און פּלוצעם טוט זיך אַ שנײַד אַ לאַנגער, גרויליקער קוויטש, ווי פֿון אַ דערשטאָכענעם חזיר, און מען דערזעט ווי איין פּויער כאַפּט אַרײַן צווישן די ציין דעם אַנדערנס אויער, בײַסט, בײַסט און שפּײַט אויס אַ שטיקל בלוטיק פֿלייש:

— אַ נעכיי שלאַק טראַפֿי!

דער צעדמטער פּויער טאַפּט און טאַפּט מיטן פֿינגער, זייער פֿאַרחידושט, אויפֿן לידיקן רויט־צעפֿלײשטן אָרט, אונטערן שעפּסענעם פֿעל־היטל, און געפֿינט דאָרט גאָרנישט. ער קוקט זיך אום אויסגעניכטערט־דערשראָקן:

— אַ שטאָ טאַביע? אַ? נישטאָ ס׳אויער? אַ יאַקזשע? אַוו איז אַהינגעקומען דאָס אויער זײַנס? אַז ערשט נאָר־וואָס האָט ער דאָך געהאַט צוויי אויערן?

— נעמאַ, נעמאַ, נישטאָ — זאָגט אים לייבע — נישטאָ דאָס אויער. האָסט עס מסתּמא פֿאַרלוירן אויפֿן יאַריד. זאָרג נישט, ס׳וועט דיר אָנוואַקסן, באַלעבאָס־לעבן, ביז צום פּראַזניק וועט אָנוואַקסן אַ נײַער אויער.

דערנאָך געפֿינט דער גוי זײַן אָפּגעביסן אויער. ער הייבט עס אויף פֿונעם שניי, ווישט דערפֿון אָפּ ס׳בלוט מיטן אַרבל, באַטראַכט דאָס שטיקל בלייך, טויט פֿלײשל מיט אַ רחמנותדיקן בליק און באַהאַלט עס באַדעכטיק אין בוזעם, אַז ער זאָל עס אין דער היים, אין דאָרף, ווײַזן דעם ווײַב און אַלע פּויערים, זונטיק אין קרעטשמע.

אויכעט לייבע דערפֿילט עפּעס אַ רחמנות צו דעם צעדמטן פּויער און ס׳טוט אין אים אַ ברען אַ געדעכטער צאָרן מיט שפּאָט אין איינעם:

— ווייסטו וואָס, גוטער מענטש — זאָגט ער מיט צעקרימטע ליפּן — איך וועל האַלטן דײַן שונא און דו בײַם אים אויבעט אָפּ אַן אויער.

לייבע ליגט אַוועק זײַן לײדיקן זאַק אויף דער ערד. ער טוט אַ צי די הויזן, אַ שפּײַ אין זײַנע פֿאַרמאַזאַליעטע הענט און אַ רײַב זיי מיט כּוח, גלײַך ער פֿאַרנעמט זיך אונטערצוהאַקן אַ דעמב און ער טוט גיך און גענוט אַ כאַפּ אַרום מיט זײַנע שטאַרקע הענט, דעם אַנדערן גוי, אַז יענער קאָן זיך נישט מער אַ ריר טאָן און פֿרײַכט מיט דערוואָרגענעם אָטעם און אַרויסגעשטאַרטע אויגן פֿון שווערן באַדרענג.

פֿאַוואָלע דערנענטערט זיך דער צעדמטער פּויער און טוט אַ כאַפּ אַרײַן יענעמס אויער, ווי אַ הונט אין די ציין אַרײַן, בײַסט, בײַסט, מיט גרימיקן געבריל, און שפּײַט אויס דאָס בלוטיק פֿליישל אין ווײַסן שניי אַרײַן:

— אַ נעבײַ שלאַק טראָפּי!

אַ גרינלעכער נעפּל נעמט רייכערן און פֿאַרהילט דעם מאַרק מיט אַ בלינדן גליוועד, ווי אַ געפֿרוירענעם טײַך.

# די נײַעס

זלאַטע די אַלמנה איז געגאַנגען צו איר שוועסטער, לאה, אין שטוב אַרײַן. זייער שטיל, ווי עפּעס אַ וויסטן סוד, האָט זי געזאָגט: — יאָסל, וווּ איז ערגעץ יאָסל? הער נאָר דו, ס'זענען שוין דאָ נײַע זעלנער אין שטאָט, האָ? כ'האָב געזען דײַן כּלה, עלקע, ווי איז דײַן לעבן. ווער זענען עפּעס די נײַע זעלנער, האָ? יאָסל, זאָג נאָר. איי גאָטעניו, אַ וועלט הײַנט. לאה קום נאָר אַהער, מעגסט הערן, זי טאַנצט דאָך אין שענק, מיט די זעלנער, די כּלה זײַנע, עלקע. איי אַ מויד איז זי דיר.

יאָסל האָט זיך נישט אומגעקוקט. אין זײַן פֿאַרטומלטן באַדרענג האָט ער געהערט ווי די מאַמע סודעט זיך עפּעס מיט זלאַטען אויפֿן ווינק און מיט אַ פֿאַרזאָרגטן זיפֿצנדיקן ניגון. ער האָט געפֿילט ווי דער מאַמעס נאָז איז געוואָרן לאַנג און ברוגז אַנגעדרודלט. אין די אויערן האָט אים עפּעס טויב געווערבלט, גלײַך ער וואָלט זיך געטרונקען אונטערן וואַסער. די שאַרפֿע קנאה פּײַן האָט אים פֿאַרשניטן ס'חיות און גרימצאָרן האָט געשאָטנט אין זײַנע אויגן. דער יונג האָט מיט אַ זאַק אויף די לענדן גיך געהובלט אַ ברעט אויפֿן טיש. ער האָט געמייסטערט אַ טיר, געשניצט מיט דער דלוטע און זײַן גאַנץ לײַדנדיק נפֿש איז ווי אַ פֿלאַקן געווען אַרײַנגעהאַקט אין דער סטאָ־לערישער מלאָכה, ער האָט קרומלעד געשמייכלט מיט זײַנע גרויסע ציין. דאָס אויסגעשפּיצטע פּנים, ווי ביַי אַ שפּאַרבער, האָט קנאַכערן געטונקלט.

— ווייס'עד וואָס — האָט ער הייזעריק געזאָגט. — וואָס גייט אונדז אָן די גאַנצע מעשׂה. אַ יעדער איינער טוט הײַנט וואָס ער וויל. ער, יאָסל, רעכנט אָוועקצופֿאָרן פֿון דאַנען. מען וועט דען קענען לעבן דאָ? די גויִים וועלן נישט לאָזן. ער זאָגט זײַנס, ווי תּמיד, אַז ס'טויג אַלצדינג אויף אַ כּפּרה און שוין. מען דאַרף זיך אַרויסציִען ערגעץ אין אַן אַנדערער שטאָט.

— טאַקע? אַזוי? ווּהין וועסטו דיך אַרויסציִען? אַ שטייגער? גיי לויף קיין האַצעפּלאַץ, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַרשלאָסן. און וואָס זאָל מען טאָן מיטן קראַנקן טאַטן, ווּהין זאָל מען אים שלעפּן? קיין בויבעריק? מ'האָט זיך נאָך אפשר ווייניק אַנגעליטן און געוואָגלט אויף די פּלוכטן אין דער מלחמה, אַז מ'איז דאָך קוים לעבעדיק ערשט אַהיים געקומען?

לאה האָט גערעדט און געוויינט מיט איר נאָגנדיקן טרויער ניגון, אַז ס'האָט פאַרקלעמט אין די גדערים. געהויקערט אין דער צעפּליקטער שאַל, האָט זי געשיילט קאַרטאָפל, געבלאָזן אין דער צערויכערטער הרובע מיטן גאַנצן פאַר־אומערטן פּנים, וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע, און ווידער האָט זי זיך גענומען סודן מיט דער שוועסטער: נייַע זעלנער? וואָס הייסט עפּעס דאָס, ווער זיינען זיי? ווען זענען זיי אַריין אין שטעטל? עפּעס אַ נייַע צרה מסתמא. מען דאַרף זיך ערגעץ באַהאַלטן, אַנטלויפן.

סענדער, דער יינגערער זון, אויסגעסטראַיעט אין זיינע אויסגעגלאַנצטע שטיוועלער, מיטן גרינעם קאַפּעלושל האָפערדיק אַנגערוקט אויפן אויער, האָט געהאַקט שפּענער פון אַ שטיק האָלץ אויף דער שוועל. ער איז שטיין געבליבן דערשראָקן מיט דער האַק אין דער האַנט און זיך גענומען בייַזערן אויף דער מומע זלאַטען, גלייך זי איז שולדיק אין דער צרה:

— וואָס בעבעט זי עפּעס דאָרט זלאַטע? הער נאָר, דו ביסט שוין אויבעט געוואָרן אַ פרומע גבאיטע? קוק זי נאָר אָן. זי קומט גאָר גאַנץ פרי אַנרעדן פּאַטשטן. הערסט, מאַמע, אַלע מיידלעך און אַלע יינגלעך גייען היינט טאַנצן. ער, סענדער אַליין, גייט אויך טאַנצן אין די שענקען מיט מיידלעך. שייַקע לייזערס און זיינע שותּפים משה, יאַנקל און נחום סראָל־עליס גייען אויבעט טאַנצן. מ'בייסט חלילה נישט אָפּ אַ שטיקל פון קיינעם. זלאַטע, הערסט, דו גיי בעסער אַהיים און גיב דיינע קינדער עסן אַנבייסן, וועסטו גלייכער טאָן אַ גוטן טאָג און אַ גוט יאָר און האָב דיר אַ גוטן שליט־וועג. פאַרגעס נישט צו קומען גוט־שבת ביטן און טו אַ קוש די מזוזה.

— די שונאים זאָלן אַזוי האָבן די ציין אין מויל, צי זי האָט זיי וואָס צו געבן עסן, די קינדער אירע — האָט זלאַטע אַ ביטערן זיפץ געטאָן, אַז ס'האָט אַ ריס געטאָן אין האַרץ פון שרעק. מנחם האָט איר נאָכגעקוקט מיט זיין שטענדיק פאַרטראַכטן צער־בליק און שווער אָפּגעהוסט. זיין שלאָפער קאָפּ אין אָפּגעריבענעם שעפּסענעם היטל איז געווען טיף אַנגעבויגן. דאָס אויס־געצערטע באָרדיקע פּנים בלייך פאַרוואָלקנט, האָט ער זיך שוין געפּאַרעט בייַ זיין אַרבעט. מיט אַ גרויסער זאַקנאָדל אין די אָדערדיקע איינגעדאַרטע הענט, האָט ער געשטאָכן אַ האַרטן צעפּליקטן גוייִשן פעלץ, וואָס האָט מיט זויערן און שטויביקן ריח טעמפּ גדרושעט זיין צעקייַכטן אָטעם אין דעם קראַנקן האַרץ. ער האָט גענייט געלאַטעט און פאַרריכט דעם פעלץ, ווי מיט עפּעס אַ הנאה, ווי ווייל דער ייִד האָט געוווסט, אַז די גויִים באַצאָלן נישט קיין לוין פאַר דער אַרבעט און ווילן אַלצדינג אומזיסט. ס'איז זייער מלוכה, טענהן זיי מיט גאווה, און די ייִדן מוז מען אַרויסטרייַבן פונעם לאַנד.

— מ'הערט, אז די פוילישע זעלנער זענען נאך ערגער צו די יידן ווי די רוטענישע. די רוצחים האבן געמאכט א מוראדיקן פאגראם אין לעמבערג. זיי האבן געהרגעט הונדערט יידן און פארברענט די אלטע שול. מ'זאגט, אז ס'טוט זיך אפ חושך אין די שטעט און שטעטלעך אין גאליציע — האט מנחם זיך שטיל אנגערופן און א שווערן קוק געטאן צו די צוויי זין אין שטוב.

סענדער האט זיך געכאפט אנטאן זיין מאנטל:

— יא, יא, טאטע, ס'איז טאקע אמת. זיי זענען אלע ווילד, א שרפה אויף זיי. ווער ווייסט וואס ס'וועט זיך אפטאן אין שטעטל. מ'דארף גוט אכטונג טאן אויף די גזלנים. יאסל, באהאלט די האק. — האט ער געזאגט א פארטראגענער פון אויפרעג. ער האט נאך נעכטן געהערט, אז פאליאקן זענען אריין אין שטעטל. די רוטענער זעלנער זענען אנטלאפן אין די ארומיקע דערפער און ס'עט זיין א שלאכט. זיי האבן שוין פארכאפט די באן מיט דער בריק איבערן טייך. מ'זאגט, אז די פאליאקן מאכן א נייע אסענטירונג, אז אלע יידן וועלן זיך מוזן גיין שטעלן צו די פוילישע זעלנער. א מהומה אויף זייערע קעפ. הערסט, יאסל, דו זיי אין שטוב און טו אכטונג און ער טו א לויף זען וואס ס'טוט זיך עפעס אין דרויסן.

לאה האט אים געטאן א כאפ ביי א פאלע, פארשטעלט אים די טיר און זיך געבייזערט:

— ניין, חלילה, ווייי איז מיר. געוואלד, סענדער, וועסט נישט גיין אין ערגעץ. ער וועל דעך נישט לאזן גיין. קינד מיינס, פאלג בעסער א מאמע און זיץ אין דער היים אין אזא ווילדן טאג, וועסטו גלייכער טאן. טאטעניו, ליובעניו, זינדעלע מיינס, געוואלד געשריגן, רוצח, גיי נישט — האט זי פלוצעם גענומען בעטן מיט ווייבע, גוטע און ווייכענדיקע רייד. זי האט שוין גענוג צרות אז אים אויבעט. טאמער, חלילה, כאפט מען אים אין דרויסן און מען פירט אים ערגעץ אוועק, וואס וועט זיין, הא? אז די זין זענען דאך ערשט אהיים געקומען פון דער מלחמה, אז זי האט שוין געדאנקט גאט, אז זי האט זיי דערלעבט צו זען לעבעדיקע און געזונטע אין שטוב. זי האט זיך ווייניק די אויגן אויס־געוויינט? — מנחם, וואס שווייגסטו, מנחם? לאז אים נישט גיין.

נאר מנחם האט פארטראכט געשוויגן מיט דער צעקנאדערטער באָרד און סענדער האט נישט געוואלט פאלגן די מאמע, ער האט א פראל געטאן מיט דער טיר און איז אוועק זען וואס ס'טוט זיך עפעס אין דער וועלט און הערן נייעס. אבער ער האט גארנישט געזען און גארנישט געהערט. נישטא קיין נייעס.

די ווייסע שטילקייט האט געגליווערט ווי מיט אז אנגעפלייצט איבערגעשראקן שווייגן. א פרישער שניי איז אנגעפאלן, א גלאטיקער און א טויטער. קיין שום פוס האט אים נאך נישט באריר.ט. ווי א ווייסער הימל, א שווער פארטייעטער, איז ער געלעגן אויסגעשפרייט און געווארנט מיט שטומען בייז. די טירן פון

די געהויקערטע ייִדישע שטיבער זענען געווען פאַרהאַקט און טויב פאַרבלאָזן מיט שניי־הויפנס, גלײַך אינעווייניק אין זיי וואָלטן געווען פאַרגראָבן מתים, ווי אין קבֿרים־בערגלעך. סענדער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער טויטער שטילשווײַגעניש. און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז עפּעס איז נישט גוט. ער איז געשטאַנען איינער אַליין, און זײַן יונג פּנים האָט געציטערט די שאַרפע אַנגעשטרענגטע מינע פון אַ חיה, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן ערגעץ אין אַ פרעמד פעלד. פּלוצעם האָט דער יונג אַ שפּיץ געטאָן די אויערן. ס'האָט זיך געהערט פון ערגעץ אַ בייזער פראַל פון אַ טיר און אַן איבערגעהאַקט געשריי: געוואַלד! אויבן אין דער לאַנגער גאַס, האָבן צוויי נײַע זעלנער, מיט די פיר־שפּיציקע היטלעך, אַרויסגעפירט אַ באָרדיקן ייִדן פון דער שטוב און אים אונטערגעטריבן, געהאַקט מיט דער ביקס אין די קני, אַז ער זאָל גיין גיכער:

— ריר דיך, ייִד, מאַך אַ שפּאַן, גיכער.

— אַהאַ, ס'הויבט זיך שוין אָן די חתונה. מ'כאַפּט שוין ייִדן. — האָט סענדער גרימיק אַ פליסטער געטאָן. ער איז געלאָפן צו רחלען אין שענק אַרײַן: קיינער איז דאָ נישט געווען. די פּוסטע קעלט פון די בלאָע געקאַלעכטע ווענט האָט אָנגעיאָגט נאָך מער ביטערניש. די דיקע פאַרהאַוועטע און צעשויבערטע שענקערין האָט גיך געפּאַקט קופּערנע כּלים אין זעק אַרײַן. זי האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו דערציילן, וואָס ס'טוט זיך. אויף איר אויבערשטער שוואַרץ באַהאָרטער ליפּ זענען געשטאַנען טראָפּנס אַנגסט שוויים ווי פּערע־לעך. — מ'נעמט, — האָט זי צערודערט געזאָגט, — מען נעמט שוין. אין דער גמינע איז שוין דאָ אַ פּוילישע קאָמיסיע. מען נעמט אַלע ייִדן צו די זעלנער, ייִדן און רוטענער גויִם. פּוילישע זעלנער גייען אַרום אין ייִדישע שטיבער און שלעפּן אַוועק מאַנצבילן. איר מאַן מיטן זון האָט מען נישט גענומען, זי האָט געגעבן געלט. זי קען דעם עלטסטן. זי וועט אַרומגיין צונויפנעמען געלט בײַ די ייִדן, און מען וועט „אָפּבעטן" די קאָמיסיע. האָ, סענדער, וויפל זענט איר פאַרשווין? דו, דײַן טאַטע און דײַן ברודער יאָסל. דרײַ אירע. וועסט געבן געלט? וויפל גיסטו? — האָט רחל געזאָגט מיט איר ברייטן ניגון, און אויסגעשטעלט די האַנט צו נעמען.

— איך קאָן אײַך געבן אַ קדחת — האָט איר סענדער בייז אָפּגעענטפערט און אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר. דער יונג האָט תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז רחל די שענקערין וועט שוין דאָ מאַכן אַ שיינעם גרײַצער געלט בײַ דעם עסק. אָבער ער האָט קיין צײַט נישט געהאַט אַצינד צו קלערן וועגן דעם. ער איז גיך געלאָפן אַ היים. דער שניי האָט אים געשפּריצט פון די שטיוול אין פּנים אַרײַן. אַ פאַרסאָפּעטער איז ער אַרײַן אין שטוב, צוגעלאָפן צום קופערט און אַרויסגעכאַפּט די פאַטשיילע פון דאָרט מיט דער אײַנגעבונדענער הגדה, וואָס אין איר איז געווען זײַן ביסל צעפּליקטע געלט־פּאַפּירלעך; ער האָט גיך און פאַרטומלט גענומען זוכן אין די ווינקלען אַן אָרט דאָס צו באַהאַלטן.

— נא דיר, אט האסטו דיר א נייע מעשה מיט א נייער צרה, מיט נייע זעלנער, — האט סענדער שטיל א ברום געטאן צו דער שטוב, מיט א וואלקן פון בהלה אויף זיין אויסגעצויגן פנים. ער האט גיך גענומען פאקן בעבעכעס, געבונדן פעק אין אלקערווינקל, גלייך ער וואלט זיך געגרייט צו דער פלוכט ערגעץ. ער האט געכאפט די שבתדיקע מעשענע לייכטער מיט דער צעברא־כענער העסע, מיטן מעשענעם שטויסל און געהייסן זיין ברודער יאסל נעמען די לאפעטע און פארגראבן די זאכן אין דרויסן אונטער דער וואנט, אזוי ווי מען האט דאס געטאן דעמאלט, אין אנהויב פון דער עסטרייכישער מלחמה, ווען מ׳איז געפליכטעט פונעם שטעטל, איידער ס׳זענען אריין די קאזאקן און דערנאך ביי די היידאמאקעס, און דערנאך ביי די רויטענער.

לאה האט גענומען ברעכן די פינגער און קנייפן די באקן:

— ווי איז מיר, שוין ווידער. מ׳הייבט שוין ווידער אן פארגראבן ד בענטשלייכטער מיטן שטויסל. מ׳האט זיי דאך ערשט אויסגעגראבן. סענדער, דערצייל נאר וואס ס׳טוט זיך עפעס אין שטעטל נייעס. וואס שווייגסטו, דו ממזר, דו גזלן, רעד א ווארט. מענטשן, מנחם, קינדער כ׳נעם שרייען געוואלד! זי האט געוואלט וויסן אקוראט ווער און וואס און ווען. נאר סענדער האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, דוקא גארנישט געוואלט דערציילן.

— שא, שא, מאמע, דו רעד נאר נישט קיין סך, ס׳וועט שוין זיין גוט — האט דער יונג עפעס צופרידן א רייב געטאן די הענט מיט כוח און געשטאנען אן אויסגעגלייכטער, ווי אנגעברייט צו געוואגטע מעשים. עפעס א גלוסטיקער נייגער פון נייעם געשען האט אים פלוצעם אנגעכאפט און צעפינקלט די אויגן מיט א האפערדיק גלאנצל. מנחם האט אים אנגעקוקט מיט א פאר־שטערטן בליק:

— וואס הייסט עפעס דאס? וואס וועט שוין זיין גוט? ביסט דול געווארן, שונאי ציון, צי וואס? בעסער זע עפעס צו טאן. אפשר גיין זיך ערגעץ באהאלטן? מ׳דארף זען וואס יידן טוען. מיינסט אפנים, אז פון דיינע חכמות וועט מען געהאלפן ווערן? מ׳טאר זיך נישט שפילן מיט פייער.

מנחם האט זיך געבייזערט אויפן זון, נאר ער האט עפעס אויכעט נישט גע־ווּסט פארוואס. ער האט פלוצעם אנגעטאן זיין אלט געלאטעט פוטער, פארגארטלט דאס מיט א שטריקל, אראפגערוקט דאס שעפסענע היטל איבער די אויערן, גלייך ער וואלט זיך געקליבן ערגעץ אין ווייטן וועג אריין אויף דער פלוכט, און איילנדיק גענומען זיך פארן מיט די טלומעקעס אין שטוב־ווינקל, געקראכן מיט דער צעבראכענער לייטער אויף דעם שניי־פארשאטענעם בוידעם און געזוכט דארט עפעס. דערנאך האט דער ייד גענומען פלאנטערן עפעס א פארקנופטן בונט שטריק, וואס קיינער האט נישט געוווּסט צוליב וואס ער באדארף זיי האבן אצינד. ווי מיט עפעס א זייער באדעכטיקטער כוונה האט ער געצויגן און געריסן מיט די אויסגעצערטע קנעבערנע פינגער, געביסן מיט די ציין דעם הארטן, פארהאקטן קנויל שטריק, און פון גרויס

אָנשטרענגונג האָט נאָך שווערער געזעגט זײַן צעקיַיכטער אָטעם, גלײַך ער וואָלט בדעה געהאַט אַזוי אויפֿצופּלאָנטערן דעם גאַנצן ווײסטן קנופּ פֿונעם פֿאַרלוירענעם לעבן. מיד און אָפּהענטיק, ווי פֿון עפּעס אַ פּײנלעכן טעות, איז ער באַלד שטיין געבליבן אין מיטן דרינען, געהויקערט און פֿאַרטראַכט, ווי פֿאַרזונקען אין טונקעלן גליווער פֿון אַ שטומען צער וואָס האָט נישט קיין ברעג, ווי דער אָפּגרונט. מנחם איז צוגעגאַנגען צום קרומלעכן פֿענצטער וואָס איז געווען בלינד אָנגעפּרוירן מיט אײַז־פּראָסט, ווי אָנגעוואַקסן מיט גרינלעך־גראָען שימל. אויפֿגעהויבן דאָרט זײַן פֿאַרקלערטן בליק און זיך שטיל אָנגערופֿן:

— יאָסל, ווו ביסטו ערגעץ? הער נאָר, מ׳דאַרף בעסער עפּעס אָנגרייטן, אַז ס׳זאָל זײַן צו דער האַנט, טאָמער מאַכט זיך עפּעס בײַ נאַכט, חלילה.

ברייטפּלייציק און שווער־שווײַגנדיק, מיט אַ שאַרפֿן שאָטן אויף זײַן קנע־כערנער נאָז, האָט יאָסל געגומען זײַן סטאָליערישע האַק און זי אַוועקגע־שטעלט, באַהאַלטן הינטערן אויוון־ווינקל, צוקאָפּנס פֿון זײַן געלעגער.

# אַ שליטן אין מאַרק

דאָס איז געווען די לאַסט פֿון אַ ווינטערדיק געטונקלטן, רוי געגעפּלטן טאָג באַגינען, וואָס איז פּראַסטיק קאַלט, שווער און אײַז־אַנגעפּרוירן אַזוי ווי אין אײַזן גע־פּאַנצערט און ליידיק געשפּרייט אין גראָער שניי פֿאַרשיטונג פֿון נאַכטיק פֿאַרהוילענע מרחקים, טיף פֿאַרזונקען געווען אין טויבן שטומשווײַגן פֿון עפּעס אַ מאָוימדיק ווייסטן יענע־וועלטיקן חלום־גליוועך, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף.

פֿאַרטײַעט ווי אַ שאָטן־פֿלעק, הויערט אײנזאַם אויפֿן סאַמע העכסטן צווײַגל־שפּיץ פֿון אַ דאַר צעקנאָדערטן פֿעלדבוים אַ שוואַרצע וואָראָנע. זי דרימלט מיט איין אויגל, נאָר מיטן אַנדערן לאָקערט זי שאַרף אין בלינדן אוויר, דעם שטאַרק געשפּיצטן שנאָבל קרום אונטערגעהויבן, אָנגעגרייט צו פֿאַרצוקן און אַלע מאָל אַזוי ווי אַ גרייטע וואָרענונג, שיקט זי ערגעץ אַ הייזעריק־אָפּגעהאַקטן קרעכץ געשריי: קררראַ... קראַאַאַ... און דאָס ווייסטע קול טיפֿט נאָך שווערער די פֿאַרקלעמטע פּרעמדקייט פֿון טויטער ווינטער וועלט, עפּעס ווי איבערגעקערט מיט דער לינקער זײַט פֿון אויבן.

נאָר פּאַוואָליע נידערט די גראָע נעפּל־כמאַרע איבערן שטייניק צעגריבערטן בערגל־שיפּוע, הענגט אָן שטיקער בלינד נעפּל־רויך אויף שטעכיקן געפּלאָנט פֿון קופּעס דאַרע קוסט־ריטלעך צווישן צעריסענע ביימער־שטאַמען מיט אַנטבלויזט־צעקנאָדערטע וואָרצלען פֿון אויסגעהאַקטן וועלדל און אַנטפּלעקט אונטען, בײַם טאָלבערג, די פּלוצעמדיק אַרויסגעהויבענע אָנגעוואָרפֿנקייט פֿון נאַקעט־געהויקערטע יידישע שטעטל־הייזלעך, מיט שווערע שנייבערג אויף קרום געלאַטעטע שינדל־דעכער און בלינדער פֿאַרזינקעניש פֿון אײַז־אָנגע־פּרוירענע פֿענצטער־פֿלעקן מיד־געבלייכט, אין טעמפּן שרעק פֿונעם בייז און נאַכטיק אָנגעפּליצט מיטן ווילדן הפקר. אַזוי ווי דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט,

שאָטנט אין מיטן די אויסגעברענטע שול־חורבֿה אָן אַ דאַך. האַרב ציטערט אַף דער רויער דרויסן־גליווער מיט לעבעדיקן פֿאַרע־אָטעם. אַ ייִד גייט שוין דאָרט אין מאַרק אַרײַן. ס'איז דער שאַרפֿער פֿראָסטסקריפּ פֿונעם שוואַצן לייבעם שווער באַשטיוולטע פֿיס־טריט, וואָס וועקט די פֿאַראומערטע שטאָט־לײַט פֿון פֿאַרוואָגלטן דרימל.

וואָרעם דער דאָזיקער ייִד, לייבע, האָט פֿון תּמיד אָן די טבֿע זיך צו פֿעדערן פֿאַר טאָג כּדי צו זײַן דער סאַמע ערשטער אין מאַרק, אפֿשר וועט אים דער איבערשטער באַשערן עפּעס אַ מציאה צו האַנדלען און ער וועט מצליח זײַן, ווײַל ער האָט צו שפּייזן אַ הויזגעזינט.

די גאַנצע אָרעמקייט פֿונעם ביטערן לעבן הענגט אויף די לאַטעס פֿון זײַן צעפֿליקטן בגד, פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריקל. זײַן שעפּסן היטל איז אָנגערוקט איבער די אויערן ביז אויפֿן האַרטן קלומפּן פֿון זײַן שוואַרץ־געזילבערטער באָרד און אונטערן אָרעם טראָגט ער אַ ליידיקן זאַק. ווי אין תּכריכים איז אָנגעטאָן דער שניי־פֿאַרשאָטענער ווײַסער מאַרקפּלאַץ אָן אַ סימן פֿון פֿוס־טריט. לייבע האָפֿט אַז פֿאַרט וועט אים עמעץ געבן עפּעס אָן אַרבעט אויפֿן טאָג און ער וועט פֿאַרדינען צוויי זעקסער אויף ברויט אין שטוב אַרײַן פֿאַרן ווײַב מיט די קינדער.

אין דער טויבער פּוסטקייט איז נאָך פֿאַרבאָרגן דער אָפּקלאַנג פֿון די לאַנג פֿאַרשוועבטע יאַריד־קולות, וואָס האָבן דאָ אַמאָל, אין די גוטע אַלטע צײַטן, גערוישט מיט מי און שפֿע און געזעטיקטן תּכלית פֿון דורותדיקן אײַנגעפֿונ־דעוועטן קיום און ווערדיקן לעבן, וואָס איז פּלוצעם געבראָכן געוואָרן.

— אַ טפֿו זאָל דאָס ווערן — מאַכט לייבע צו זיך אַליין, אַ הייב טוענדיק אָן אַקסל מיט ביטול — אַז מען זעט נישט אַ הונט אין דרויסן. ס'איז ליידיק די וועלט.

אונטערגעטריבן פֿון אומרו, וואָס זיצט אים ווי אַ שפּאַרבער אויפֿן נאַקן און פּיקט אים מיט שפּיציקן זאָרג־שנאָבל אין מוח, צעאַקערט ער מיטן לאַנגן שפּאַן די שנייִקע ליידיקייט אײַלנדיק אַהין און אַהער, און ווי אַלע מאָל, טרעט ער אויס דער ערשטער אַ סטעזשקע אין מאַרק.

אומזיסט נישטערט דער ייִד מיט צער־געגנעפּלטע אויגן, טיף פֿאַרזונקענע אין דער קנעכערנער האַריקייט פֿון זײַנע געדיכטע ברעמען־בונטן, נאָר ער זעט גאָרנישט און אומזיסט דריקט אויפֿן פֿאַראומערטן געמיט די וויליקע לאַסט פֿונעם עול, וואָס האָט קיינמאָל נישט געמינערט דעם ביטערן געראַנגל פֿון זײַנע פֿאַרהאָרעוועטע טעג און אָרעמקייט.

די פּײַן פֿון אָפּהענגט כאַפּט אַרום ווי אַ אײַזערנע קלעם לייבעס נפֿש און מיט שרעק פֿילט ער ווי דער סם המוות פֿון מידקייט נעמט ריזלען ווי קאַלטער שאָטן אין זײַנע געבליטן, און ער טוט זיך אַ זעץ אַנידער אויפֿן עק פֿונעם גרויסן מאַרקשטיין וואָס ליגט דאָרט מקדמונים, האַלב שוין אין דער ערד פֿאַרזונקען, ווי אַ פֿאַרצײַטיקע מצבֿה. זײַן שווערער קאָפּ איז אויף אַ האַנט

אנגעשפארט און דאס בארדיקע פנים, טונקל געהארטעוועט, ווי פון דעמבער־האלץ געשניצט, איז שטום פארטראכט, ווי אין דורותדיקן חלום־געדאנק פון אנטפלעקטן וועלטסוד, וואס אייביקט אין די הייכן מיטן פארבארגענעם ווילן פונעם באשעפער אין טיפן וועלט־שווייגן.

שא נאר, וואס איז דאס? טוט ליבע פלוצעם א הייב אויף דעם קאפ און בויערט איין דעם בליק אין ווייטקייט. דארט אויבן מיטן שטעטלוועג מיניעט עפעס א פלעק, וואקסט גרעסער, קומט נעענטער און פון נעפלדיקן וואלקן שיילט זיך ארויס א גוי מיט א שליטן.

ליבע טוט זיך א ריס פונעם ארט, מיט דער דעה אהין א לויף צו טאן, אפשר פירט דער גוי עפעס צו פארקויפן, נאר ער קאן זיך נישט א ריר טאן. די פיס זענען אים ווי אונטערגעהאקט און ער בלייבט שטיין ווי געפענטעט. עפעס א גרייזלעכער אפשיי ווייעט פון דארט, אזש ער טוט א פיר מיט א האנט איבער די אויגן ווי צו פארטרייבן עפעס א וויסטן חלום.

פאוואליע, שטיל און שווער גליטשט זיך גלאטיק דער שליטן, ווי בעלאדן מיט עפעס אן אימהדיקער לאסט און דער גוי גייט לעבן פערד, מיטן בייטש אונטערן ארעם.

דער שליטן האט צוויי דישלעס צונויפגעהאלטן מיט א הילצערנעם בויגן פון פארנט און דאס קליינע דארע פערדל מיט א קניפ אין ווידל, די געקרייזלטע פעל מיט איין צויטן אנגעפרוירן, שלעפט צעקייכט די משא דעם לאנגן דארן קאפ טיף אראפגעלאזט, די לעפצן זענען פארהויבן און די גרויסע פארביסענע ציין ווייסן זיך נאקעט און אימהדיק אזוי ווי ביי א פגר־שארבן:

— העי... וויא... וויא... — טרייבט דער גוי מיט א פוילבלעכן קרעכץ דאס שלייכנדיק פערדל.

מיטן קרומען בליק פון אונטער זיין פינצטערן שטערן־קנייטש, אנגעדראלן מיט חשד, באטראכט ליבע פון ווייטנס דעם פרעמדן גוי מיטן אומהיימלעכן שליטן און ער דערקענט אז דאס מוז זיין עפעס א גוי פון ווייטע מקומות, וואס אזוינס זעט מען נישט אין די היגע גאליציאנער געגנטן. מן הסתם א קאצאפ פון יענער זייט גרענעץ, פון רוסלאנד, פון וואנען ס'טראגן זיך די פינצטערע בשורות וועגן די יידן־הריגות. קלאציק שפאנט דער גוי, אן שטיוול, די פיס אין שטרויענע לאפטשעס זיך איינגעפעקלט. האריק צעקודלעט, מיט א גרויסער פעלץ־קוטשמע אויף אן אויער אנגערוקט, דעם שאפענעם פעלץ איבערגעקערט מיט די לאנגע שווארצע וואלצויטן פון אויבן, זעט ער אויס ווי א בער. זיין פאקן־צעגריבערט פרצוף מיט א ברייטער נאז, בלא גערויטלט ביים שפיץ, מיט אן איין אנגעפרוירענער בארד שארף ווי א האק, איז אנגעבמורעט מיט שטומען בייז און עס שפיזלט מיט לאנגע שינאה־בליקן פון קליינע, גרינע ווי בלאטערס, הארט פארשטאכענע אויגן.

אויבעט ביים גוי זענען די לעפצן פארהויבן און ס'וויסן זיך נאקעט אנטבלויזט זיינע פארביסענע ציין, ווי ביי א שארבן. אזוי ווי פון מרחקים, פון

דורותדיקער בלוטלאָסט און פאַרטראַגן אין נאַכטיקן גליווער קומט אַז דער דאָזיקער גוי מיטן שליטן איז גאַנץ פריִיִנדיקער וועלט־פּוסטעניש. ער פאַר־פאַרט אין מיטן מאַרק און שטעלט זיך אָפּ לעבן שטיין: האָו, — האָו, — טפּררר, ברומט ער און פּאַטשט אונטער מיט די הענט אונטער די אָרעמס כדי זיך צו דערוואַרעמען, דערנאָך נעמט ער זיך פּאַוואָליע פּאָרען בײַם שליטן, גיט דעם פערדל אַ בינטל היי צו פיטערן און אַליין נעמט ער אויך עסן אָנבײַסן, שוואַרץ ברויט פון אַ טאָרבע און צווישן די ציין אַ שטיק ווײַסן חזיר, שנײַדט פון דעם מיטן שאַרפן מעסער קליינע שטיקלעך ווייך און שטיל ווי זייף אין מויל אַרײַן, קײַעט און קרעכצט מיט תענוג און זעט.

— הער גאָר, באַלעבאָס־לעבן, גוטער מענטש, האָסט עפּעס געבראַכט צו פאַרקויפן, האַ? זאָג נאָר, וואָס האָסטו אַזוינס? — שרײַט צו אים דער שוואַרצער לייבע פון ווײַטנס און דער טונקעלער אַפּשיי וואָס שטויסט אים אָפּ פון עם גוי מיטן שליטן, שטאַרקט זיך נאָך מער אין זײַן געמיט.

— געבראַכט. געבראַכט. אַז די ייִדן וועלן באַצאָלן, וועט ער אָפּגעבן. — ברומט דער גוי ווי צו זיך אַליין, נישט אומקוקנדיק זיך און לייבע פאַרשטייט נישט וואָס ער מיינט.

— העי. אַ שטאַ קאַזאַטע. ווײַז נאָר אַהער וואָס דו האָסט געבראַכט אַזוינס אין שליטן. וואָס זאָגסטו עפּעס? — פרעגט אים לייבע איבער, נאָר ער גייט נישט צו נעענטער.

— ס'איז דאָ. ס'איז דאָ. באַצאָל פריִער ס'געלט. קיין פּאַפּירן געלט נעמט ער נישט, נאָר זילבער געלט וועט ער נעמען. גיב געלט, ייִד, פּאַכעט דער גוי מיטן בײַטש. ער האָט געהערט אַז זײַנע לײַט, די פּעטלורצעס, וואָס שעכטן אויס די ייִדן דערציילן אַ מעשׂה, אַז פאַר אַ לעבעדיקן ייִד צאָלט מען אַ צענערל און פאַר אַ טויטן צוויי צענערלעך, אין זילבער.

— אַ יאַק זשע. געלט גיב, ייִד. צוויי צענערלעך זילבער.

און ער טוט אַ ווײַטן שפּײַ־שפּריץ דורך די ציין אין שניי אַרײַן.

דעם גויס פינצטערע רייד קריכן ווי גיפטיקע ווערעם אין דער נשמה, אַז אימה־שאָטן טוט אַ בלייך לייבעס שוואַרצלעך פּנים און זײַן שטערן־קנייטש איז אָנגעדראָלן מיט צער און צאָרן.

שטאָט־לײַט נעמען זיך שוין שאַרן אין מאַרק. אַ גוי מיט אַ שליטן סחורה איז דאָ? מ'האָט שוין פון לאַנג אַז, פון זינט די מלחמה יאָרן, אַזוינס נישט געזען. די שונאי ישׂראל ריידן אַז די גויים צו פאַרטיליקן די ייִדן. די וועלט איז געחורבט און די מענטשן זײַנען געוואָרן וועלף. מיט בייזער מאַכט, געוועלטיקט דער שׂטן און דער מלאך המות באַגלייט אויף שריט און טריט. נאָר פּרנסה באַדאַרף מען פון דעסט וועגן פאַרט צו ציִען. פון וואַנען און פון וואָס? קיינער ווייסט דאָס נישט. גאָט שפּײַזט אַ ווערעמל אונטער דער ערד. ברויט, ברויט, גיב גאָט.

דרייען זיך ייִדן אין מאַרק, באַרדיק און געלאַטעט, אַפּהענטיק און גע־הויקערט, פֿאַראומערטע ווײַבער אין מאַנצבילישע שטיוול און צעפֿליקטע שאַלן אײַנגעפּעקלט, האַרעפּאַשנע יונגען אין קורצע רעק, די הענט אין די קעשענעס, אַ הויפֿן נשארים פֿון דער פּליטה, אַ בינטל אָרעמע לײַט, אין קלעם פֿון די רדיפֿות מיט גרינלעך פֿאַרקרומטע פּנימער פֿון נײַגער. קוקט מען פֿון ווײַטנס צו דעם שווער באַלאַדענעם שליטן און מען וואַרפֿט זיך איבער מיט שטילע האַלבע ווערטער, אומהיימלעך אויפֿן ווינט. ווער ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס? האַ? קיינער וואָגט נישט צוצוגיין נענטער, ווײַל דער גוי טרײַבט נאָך אַלץ מיט דער בײַטש פֿון ווײַטנס און בייזערט זיך, ווי דול אויפֿן קול, אַז מען זאָל אים פֿרײַער באַצאָלן. צוויי צענערלעך זילבער־געלט קומט אים. ווייניקער וועט ער נישט נעמען.

— אַז כאַפּ דאָס דער רוח, ער וועט אַ קוק טאָן. — זאָגט סענדער מנחמס, וואָס האָט תּמיד ליב אויסצוכאַפּן אַ מציאה, און דער בחור טוט אַ לויף צום שליטן, גיט אַ שלעפּ אַראָפּ דאָרט די זעק מיטן שטרוי און בלײַבט שטיין אַ בלייכער מיט דערוואָרגענעם אָטעם.

— אַ הרוג! ס'איז אַ טויטער ייִד. — שרײַט סענדער צו די מענטשן.

אַ שרעק־קעלטל טוט אַ גליווער דאָס האַרץ. די פּנימער ווערן גראָ פֿאַרשטײ־נערט פֿון צער.

שוין ווידער אַ הרוג.

פּאַוואָליע גענעענט דער שוואַרצער לייבע צום גוי לעבן שליטן, דעם שווערן קאָפּ אָנגעשטעלט ווי צום שטויסן, די האַרטע באָרד וואַרענענדיק אונטער־געהויבן, די לעפֿצן גרימיק צעקרימט און מיט בליציקע צאָרן־פֿונקען אין האַריק־קנעכערנע אויגנלעכער, אַז דער גוי נעמט אַ צעמישטער אָפּטרעטן הינטערווײַלעכץ, נאָר לייבע רוקט זיך אויף אים זײַטיק און נעענטער, מיט דער גאַנצער משא פֿון זײַן דעמבען־שטאַרקן גוף. מיט גלײַענדיקן שינאה־אָטעם און פֿאַרביסענע ציין זאָגט ער אים:

— מ'וועט דיר באַצאָלן. דו חזיר־מאַרדע! וויפֿל ס'קומט דיר, וועט מען דיר שוין אָפּצאָלן. בלוט־געלט אין זילבער. דערנאָך טוט זיך לייבע אַ טיפֿן בייג מיט עפּעס אַ פֿאַרכטיקן פֿײַן און ער טוט דעם גוי אַ הייב־אונטער בײַ בײדע פּיס, דרייט מיט אים ווי מיט אַ כּפּרה אין דער לופֿטן און טוט אים אַ ווײַטן שלײַדער צו דער ערד, אַזש דער גוי לאָזט אַרויס אַ גריילעך פֿאַרחידושט קוויטשל. או — וואַאַ. אַ יאָק זשע? עי —

אַ געזעמל דערשראָקענע וואָראָנעס טוט זיך פּלוצעמדיק ווי אַ שוואַרצער וואָלקן, אַ ריס פֿון דער שנייוויסקייט און משופּע שוועבנדיק אַ טראָג אין דער הייך אונטער גראָען כמאַרע־הימל. אַ נידעריק הענגענדיקע, גרויסע, רויטע ווינטער־זון, ווי אַ בלוטיק אויג, קאַלט געשאָטנט מיט האַרבן פֿראָסט־פּײַער האָט זיך באַוויזן אַ רגע און ווידער פֿאַרהוילן געוואָרן.

— שוין ווידער אַ הרוג.

אויפֿן שליטן איז געלעגן אַ לאַנגער, שמאָל אויסגעצויגענער מענטש, מיט גרויסע שטיוול, מיטן פּנים אַראָפּ, אין אַ קורץ, אונטערגעבונדן פּעלצל און מיט אַ צעריסן און פֿאַרבלוטיקט שעפּסן פּעל־היטל.

סענדער האָט אים תּיכּף דערקענט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— ס׳איז סראָל־עליע! מ׳האָט דערהרגעט סראָל־עליען! געוואַלד!

די פֿאַרחושכטע פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, די מיילער האָבן זיך צעקרימט געעפֿנט פֿון וווּנדער און צער. מ׳האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן. וואָס הייסט עפּעס סראָל־עליע? מ׳האָט זיך פּאַוואָליע דערנעענטערט צום שליטן, מ׳האָט אַ קוק געטאָן: יאָ, טאַקע, ס׳איז ער, סראָל־עליע דער בעדער. מ׳האָט פֿרום אַ מורמל געטאָן: ברוך דיין אמת.

דער גוי האָט זיך צעבייזערט, געכאַפּט די בײַטש און אָפּגעטריבן די ייִדן פֿונעם שליטן. ער האָט געפֿונען דעם טויטן ייִד, האָט ער געשריגן, אין פֿעלד, האָט ער אים געבראַכט אין שטאָט אַרײַן, אויב מען וועט אים נישט באַצאָלן וועט ער נישט אַרויסגעבן דעם הרוג. און פּלוצעם האָט מען געזען ווי פֿון ווײַטנס לויפֿט שוין שׂרה בראַנע, סראָל־עליעס ווײַב, הענדום פּענדום מיט אַ צעפֿלאַכטענער פֿאַטשיילע און מיט בהלהדיק געשטרעקטע הענט. ס׳לויפֿן סראָל־עליעס טעכטער, די דיקע מיידן מיט אָנגעבויגענע קעפּ, פֿאַרבונדענע אין שאַלן און ס׳טראָגט זיך אַ זינגענדיקע יללה איבערן שנייִיקן מאַרק.

— אָי ווי איז מיר, סראָל־עליע, געוואַלד, אויף וועמען האָסטו מיך איבער־געלאָזן מײַן טײַערער מאַ־אַ־ז, מײַן לעכטיקער שפּײַזער.

— אָי — אָי — טאַ־טע גע־וו־אַ־ל־ד טאַטעניו. ווײַ געשריגן טאַ־ט־ע — ווי אָנגעפֿלויגענע שרײַענדיקע און דערשראָקענע הינער, זענען די ווײַבער צו צום שליטן, אָבער דער גוי האָט צעשפּרייט די הענט, געפֿאָכעט מיט דער בײַטש און נישט צוגעלאָזט נעענטער און זיך געבייזערט מיט אַ קוויטשענדיקן קולכל:

— באַצאָלט, באַצאָלט פֿריִער, ווײַבער, דערנאָך וועט איר אים נעמען, אומ־זיסט פֿירט ער נישט קיין טויטע ייִדן.

די ווײַבער זענען אַ רגע פֿאַרשטומט געבליבן, זיי האָבן געקוקט מיט צער אויף די אונטערגעהויבענע נעז און קרומלעכע אויגן, איינע אויף דער אַנ־דערער און דערנאָך אַלע אין איינעם אויפֿן גוי, וואָס האָט דערווײַל אַרויס געשלעפּט פֿונעם בוזעם די לאַנגע, שוואַרצע אויסגערייכערטע ליולקע־ציבעק, אויסגעקלאַפּט זי אין דער כאַלעווע פֿון שטיוול, אָנגעשטאָפּט זי מיט טיטון, פֿאַררייכערט, געפּיפּקעט מיט הנאה, געשנײַצט די פֿאַרענדיקע נאָז אין צוויי פֿינגער און צעבייזערט געשריגן:

— הע, ייִדן, וואָס באַצאָלט איר נישט. הא? מ׳וועט אײַך שענקען, הע, אַ יאַק זשע? פֿאַרשטייט איר צי ניין? איך פֿיר אים צוריק. אָט זעט נאָר מענטשן גוטע. פֿאָר איך מיר אַזוי אין פֿעלד, זע איך, ווי אונדזערע זעלנערלעך, די היידאַמאַקעס האָבן דאָרט געהרגעט אַ ייִד, מיט די ביקסן, און זיי נעמען

צו דאָס געלט פֿון זײַנע קעשענעס און גייען אַוועק. קלער איך מיר מ׳דאַרף נעמען דעם טויטן אויפֿן שליטן, אָפּפֿירן אים אין שטאָט אַרײַן וועלן שוין די ייִדן באַצאָלן. גיט אַהער, גיט אַהער געלט.

מ׳האָט געזען ווי די סראָל־עליעכע דינגט זיך מיטן גוי. זי שרײַט מיט אַ זינגענדיקן קלאָג־ניגון, זי ציילט צעפּליקטע געלט־פּאַפּירלעך און זי רעדט מיט געוויין:

— הערט זשע מײַנע צרות, מענטשן, שרײַ עך צו אים, געוואַלד, סראָל־עליע, רויבער, מערדער, ווו גייסטו, סטײַטש וואָס רעדטסטו, ווער גייט עפּעס הײַנטיקע צײַטן פֿאַרטאָג אין דאָרף אַרײַן? מ׳וועט דאָך דעך דערהרגענען. ניין, זאָגט ער, ער מוז גיין אין דאָרף אַרײַן, אפֿשר וועט עפּעס דער אייבערשטער באַשערן. נו, אָט האָט איר אים. וואָס האָב עך געזאָגט? אוי, סראָל־עליע סר־אָ־ל ע־ל־יע, ווײ איז מי־ר. מ׳האָט דעך דערהרגעט.

סראָל־עליעס טעכטער האָבן שטיל געיאָמערט מיט מידן געברום, די רויטע פּנימער באַהאַלטן אין די הענט. די ווײַבער האָבן געווישט די טרערנדיקע אויגן מיטן אַרבל, געשאָקלט רחמנותדיק דעם קאָפּ און נאָכגעזאָגט דעם מתס שבֿחים:

— אַזאַ קלוגער ייִד געווען, סראָל־עליע, אַזאַ ווילער מענטש, ער האָב אים תּמיד ליב געהאָט צו הערן רעדן, זײַנע מעשׂיות, זײַנע ווערטלעך. אײ ווײ מיר, גאָטעניו, ס׳איז אים אוודאי געווען אָנגעצייכנט, נעבעך, אומצוקומען. וועלכער מענטש האָט זיך עפּעס הײַנטיקע צײַטן אין די הענט? ר׳וועט שוין האָבן אַ לעכטיקן גן־עדן, סראָל־עליע, אַז ווײל איז צו אים.

דערווײַל האָט דער גוי אַ טרײַב געטאָן דאָס פֿערדל מיט דער בײַטש, דער שליטן האָט זיך פּאַוואָליע גענומען רוקן איבערן שניי און דער געזעמל מענטשן איז פּאַוואָליע נאָכגעגאַנגען טריט־בײַ־טריט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי בײַ אַ לוויה. ייִנגלעך זענען געלאָפֿן פֿאָרויס.

שלום בער האָט זיך דערנענטערט צו זײַן מחותן מנחמן און געזאָגט:

— זעסט מנחם, האָ? דאַכט זיך געווען אַ ייִד אַ חכם, סראָל־עליע, פֿון דעסט וועגן האָט ער זיך פֿאַרט באַנאַרישט. אָט ליגט ער שוין אַ טויטער.

— יאָ, יאָ, ס׳העלפֿן נישט קיין חכמות. ווע דען. נישט הײַנט — איז מאָרגן. פֿונעם מלאך המוות העלפֿט וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען, — האָט מנחם געענטפֿערט און ס׳האָבן זיך טרויעריק אַראָפּגעלאָזט זײַנע לײַדנדיקע רויט־צעיאָטערטע אויגן צום שניי:

— אַליין האָט ער מיר געזאָגט, סראָל־עליע, אַז מען דאַרף זיך היטן די ביינער, ווו־זשע איז ער געקראָכן? האָ? ער וואָלט נאָר געוואָלט וויסן וווּ־אַהין ער איז געגאַנגען, ער האָט געקערט אָנטרעפֿן די היידאַמאַקעס אין פֿעלד — האָט גערעדט דער רויטער הערש, פֿאָכנדיק מיט אַ האַנט אין דער לופֿטן, אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפֿערט.

דער גראָער פּראָסטנעפּל האָט שאַרפער געגליווערט און זיך געריבערט פון דער ווייטנס. ווי שוואַרצע שטיקער קויל, האָבן ווייסט געשווען די וואָראָנעס, און די גרינע אייז־צעפּ זענען אַראָפּגעהאָנגען פון די ווייסע שניידעכער ווי איבערגעקערטע ליכט. אַנגעבויגן האָט זיך געשאַרט דער שוואַרצלעכער געזעמל יידן נאָכן שליטן מיטן מת.

נאָענט ביים שליטן זענען געגאַנגען די יונגע, די הענט אין די קעשענעס, סענדער מיט זיין ברודער יאָסל. משה־יאַנקל און נחום, ישראל־עליעס בנים. פון צווישן זיי אַלע האָט אַרויסגעשטעקט דער גרויסער פעל־ספּאָדיק פון שייקע־לייזערס קאָפּ. ער האָט ווי תּמיד געטראָגן זיין גראָבן, געקאָוועטן שטעקן אונטערן אָרעם, און זיינע קליינע אויגן האָבן אומרויִק געפינטלט. זיין שווערער בליק האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט אויף סראַל־עליעס לאַנג־געשטרעקטער געשטאַלט, וואָס איז געלעגן צעלייגט אויפן שליטן. עפּעס האָט ער געהאַט אַ חשד, שייקע. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז סראַל־עליע רירט זיך און ס'האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט סראַל־עליען אַ פּאַטש צו טאָן מיט דער האַנט אויפן הינטן. האָט ער זיך פּאַוואָליע דערנעענטערט און ווי מיט אַ פּראַלניק אַ פּלעם געטאָן אויף יענעם אָרט:

— טויט ווי אַלע מתים. — האָט שייקע אַ זאָג געטאָן.

סענדער האָט אים בייז אָפּגעשטויסן:

— ביסט משוגע געוואָרן, שייקע גוי. וואָס טוסטו? אַ מת?

שייקעס פּאַרקאַטשעטע לעפצן האָבן זיך ברייטער צעשמייכלט און ער האָט אַ פידל געטאָן מיטן גראָבן פינגער אונטער זיין נאָז, גלייך ער קלערט עפּעס:

— הערט איר, קינדער, כ'האָב געמיינט, אַז ער מאַכט זיך געפּגרט סראַל־עליע. אפנים ר'האָט זיך טאַקע שוין אָפּגעטראָגן.

און ווידער האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויטער סראַל־עליע האָט זיך אַ ריר געטאָן.

מ'קאָן נישט וויסן, צי סראַל־עליע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חלשות פריִער נאָך, צי איצטער, ווען שייקע האָט אים דערלאַנגט דעם פּלעם אויפן הינטן. ער האָט געהערט וואָס שייקע רעדט, געפילט ווי ס'קיצלט אים אַ שטרוי אין דער נאָז, ווי ס'רוישט אין קאָפּ ווי אין אַ מיל און זיינע בלייכע לעפצן האָבן געמורמלט אין שטרוי אַריין:

— איי, איי, אַז אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין, שייקע אָקס!

פריִער האָט סראַל־עליע טאַקע באמת נישט געקאָנט אַ ריר טאָן קיין אבר. ביקסן פון די היידאַמאַקעס האָבן אים צעקלאַפּט ווי אַ וויניקן עפּל. ער האָט געמיינט, אַז ער שטאַרבט שוין און ער האָט שוין אין האַרצן אָפּגעזאָגט ווידוי. ער האָט נישט געדענקט, סראַל־עליע, אַקוראַט, וואָס ס'איז מיט אים געשען אויפן וויַטן שניי־פאַרשיטן פעלד ווען דער גוי האָט אים אַרויפגעפּאַקט

אויפֿן שליטן און אוועקגעפֿירט. אָבער אַצינד, אַז ער האָט זיך אָפּגעמינטערט פֿונעם הינער־פֿלעט האָט זײַן נשמה אַרומגעכאַפּט אַ הייסע כוואַליע פֿון פֿרייד.

עהע, עד לעב, עד לעב. כ׳בין נישט געשטאָרבן. ווי גוט ס׳איז צו לעבן, אַ, גאָטעניו, אַ לויב צו דיר פֿאַר דײַן גנאָד. ער האָט געפֿילט אַ באַדערפֿעניש דאַבײַ, ווי תּמיד פֿון תּענוג אַ קעם צו טאָן מיט אַלע פֿינף פֿינגער זײַן גריווע־באָרד, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ס׳איז אים גוט געווען אַזוי צו ליגן אײַנגעוואָרעמט אין שטרוי, און ס׳איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן דאָס שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַ גאַנצער שטאָט מענטשן, וואָס ס׳קלאָגן נאָך אים דאָס ווײַב און די טעכטער. אהאַ, אַצינד ערשט וועלן זיי וויסן, וואָס ס׳באַטײַט אַ מאַן און אַ טאַטע, מ׳וועט אים שוין נישט הערן ווי די קאָץ, אײַ אַ מצווה אויף זיי. און אַז ער וועט עפּעס חלילה נישט געזונט ווערן אַמאָל, אויפֿן מאָגן, צי וואָס, וועט מען אים שוין נישט מער לאָזן ליגן אַ קרעכצנדיקן, אַליין אויפֿן קאַלטן אויוון. עפּעס אַ פֿרעמדן אָרעמאַן. אַ!

מ׳וויינט, מ׳וויינט, אַ תּענוג, כ׳לעבן. ס׳איז אים געפֿעלן געוואָרן, סראָל־עליען, וואָס ס׳טרויערן נאָך אים אַזוי פֿיל מענטשן, וואָס ער האָט אַזאַ שיינע לוויה און וואָס מ׳זאָגט אים נאָך שבֿחים. אַצינד איז ער אַ חשובֿ, נישט מער סראָל־עליע הער בעדער! אַ שיינער ייִד, אַ חכם איז ער אַצינד! העהעהע, דרד ארץ! און ס׳האָט זיך אים שוין געגלוסט, סראָל־עליען, דעם עולם עפּעס אָפּצוטאָן אַ טובֿה, זיי צו וואָרענען און צו פֿאַרזאָרגן. אָט גייען זיי די הפֿקר־געוואָרענע לעבנס, די געבראָכענע אָרעמע לײַט, אָן אַרבעט, אָן ברויט.

דער שליטן איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן די חרובֿע שול אָן דעם דאַך, מיט די ליידיקע אויסגעבריענטע פֿענצטער־לעכער ווי אויסגעגרובענע אויגן און זיך דערנעענטערט צו דער שטיינערנער באָד־חורבֿה, צו סראָל־עליעס היים־שטוב.

— טפּררר! — האָט דער גוי אַ ברום געטאָן.

דאָס פֿערדל איז שטיין געבליבן. מיט פֿײַערלעכן רחמנות האָבן זיך די לײַט אַ לאָז געטאָן צום שליטן, אַראָפּצוטראָגן דעם הרוג. אָבער פּלוצעם איז מען שטיין געבליבן ווי פֿאַרשטיינערטע פֿון חידוש, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פֿריקרע אָפּגענאַרטע נעז. וואָרעם אין דער זעלבער רגע האָט זיך סראָל־עליע אויפֿגעהויבן פֿונעם שליטן, אַראָפּגעקראָכן, אָפּגעשאָרט דאָס שטרוי פֿון דער באָרד, צורעכט געמאַכט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און אויסגעגלײַכט די צעבראָכענע ביינער מיט אַ שווערן קרעכץ. די האָר אויפֿן שטערן זענען געווען פֿאַרקלעפּט מיט טונקל־געפֿרוירענעם בלוט, די נאָז צעפּלעטשט ווי אַ פּלעצל און די ליפּן בלוטיק צעריסן ווי רוי פֿלייש. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ פֿאָר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, גלײַך ער וויל זיך שטאַרקער פֿאַר־זיכערן, אַז ער איז ניצול געוואָרן פֿונעם טויט, אַז ער לעבט און אָטעמט. דערנאָך האָט ער אונטערגעבונדן די אַראָפּגערוקטע הויזן מיטן שטריקל, אַ קעם געטאָן די באָרד מיט אַלע פֿינף פֿינגער. מען האָט אים אַרומגעשטעלט אין רעדל, מיט פֿריידיק האַלבגעעפֿנטע מײַלער, גרייט צו פֿאַרשלינגען די

וואונדערלעכע נייַעס. לייזער האָט זיך אַ בייג געטאָן, אַ וויש געטאָן די הענט אין שניי און פרום געמאַכט אַ ברכה: ברוך ה׳ מחיה מתים. סראַל־עליע האָט אויף אים אַ שפּעטישן קוק געטאָן. איין אויג איז ביַי אים געווען אין גאַנצן פאַרזונקען אין די קלוגע הויט־קנייטשלעך און האַלב פאַרמאַכט, גלייַך ס׳וואָלט געלאַכט פונעם אַנדערן, דעם גרויס־געעפנטן און אונטערגעשלאָגענעם, מיט אַ גרויסער בייַל, ווי אַ קאַרטאָפל. זייַן הויכע געשטאַלט האָט זיך שווער און פאַוואָליע אַ שטרעק געטאָן, ווי אַ בוים, אַז מען הייבט אים אונטער פון דער ערד. סראַל־עליע האָט געוווסט זייַן באַטייַט אַצינדער. זייַן נשמה האָט זיך געגרויסט מיטן שליחות צו די לייַט דאָ. מען האָט געוואַרט אויף זייַן וואָרט. צום סוף האָט ער אָפּגעהוסט, אָנגעהויבן רעדן מיט הייזעריקן קול צו די אונטערגעהויבענע פּנימער:

— ס׳איז שלעכט, ייִדן. הערט איר, מענטשן, ס׳איז זייער שלעכט. ס׳איז סכנות נפשות, אוי, אוי, אוי, די ביינער טוען מיר ווײ, מ׳האָט מיך שיין צעבויקערט, כע, כע, כע... נאָר וואָס־זשע דען, סראַל־עליען הרגעט מען נישט אַזוי גיך. איינעם פון די הײדאַמאַקעס, וואָס זענען אים באַפאַלן האָט ער צעבראָכן די ביקס און צעהאַקט דעם קאָפּ אויף צווייען. ער וועט מעד שוין האָבן צו געדענקען, דער כּלב.

— בע, סראַל־עליע, דו קערסט אָפּבאַקן אַ ליגן.

— אַ ליגן? זאָל זייַן ליגן. ווער־זשע הייסט דיר גלויבן.

— וווּ זענט איר געווען רעב סראַל־עליע?

— ווּ כ׳בין געווען?... אין ערגעץ נישט, כ׳האָב געפרוווט גיין הערן עפּעס נייַעס, זעען וואָס ס׳טוט זיך עפּעס אין דער וועלט, צי מען קען זעך ראַטעווען.

— נו, נו, נו, דערציילט, דערציילט.

— נייז, ס׳איז אומזיסט. ס׳איז פאַרשלאָסן די וועלט. מען פאַרשטייט צי ניין? אַרום און אַרום פאַרשלאָסן ווי אַ שטייַג. די הײדאַמאַקעס רוקן זיך אָן פון אַלע זייַטן ווי כּמאַרעס. דאָרט איבער דער גרענעץ אין רוסלאַנד, כאַפּן זיי קלעפּ ווי די ברעטער. די באָלשעוויקעס רוקן זיך שוין נעענטער און דושען זיי אויס.

— נו, וואָס־זשע וועט זייַן? סראַל־עליע?

— ס׳עט זייַן גוט, ייִדן. ס׳עט קומען די ישועה. אָרעמע לייַט וועלן געהאָלפן ווערן, איר פאַרשטייט צי ניין? יענע רעכטן אויף די אָרעמע לייַט און שלאָגן די פּעטליורצעס. זיי מאַכן די רעוואָלוציע. לענין און טראָצקי און די פּויערים און די אַרבעט־לייַט. זיי בונטעווען די וועלט. זיי האַלטן מיט יושר. זיי קערן איבער די וועלט. ס׳עט זייַן אַ נייַע וועלט. זיי וועלן קומען צו אונדז אויך. מען וועט געהאָלפן ווערן. די אָרעמע לייַט וועלן געהאָלפן ווערן.

— טאַקע? אַ־ז־וי־וי.

— יאָ, יאָ, מ׳וועט שוין זען. ס׳וועט זייַן גוט.

— וואָס טויג מיר דײַן נײַע וועלט, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו קאַכן אָנבײַסן?

— האָט לאה די מנחמקע אַ רעד געטאָן און זי האָט שפּעטיש אַ צי געטאָן בײדע אַקסלען.

— ווער דאַרף דײַן אָנבײַסן, לאה.

— נו, דו ביסט אַן עושר, סראָל־עליע, דאַרפסטו נישט. דו וועסט שוין יאַקאָש הײַנט עסן אַ גוטן באָרשטש מיט בולבעס אָנבײַסן, סראָל־עליע. מעגסטו טאַקע שײַן דרשנען, כ'לעבן. ווּע דען... אַז ס'איז פול אין דער קעשענע, איז לויז דער קאָפּ.

סראָל־עליעס צאָרנדיקער בליק האָט געטראָפן לאהן ווי אַ שאַרפע פײַל:

— שווײַג, זאָגט מען דיר.

מנחם האָט זיך אַ שטופּ געטאָן פאָרויס. ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן מיט גלייביקן האָפן:

— נו, וואָס זשע טוט מען דערווײַל, אַצינד, סראָל־עליע? ביז ס'וועלן קומען יענע, די באָלשעוויקעס? וואָס טוט מען? האַ? עד מיין צי וועט מען זעד דערוואַרטן, צי וועט מען דערלעבן די נײַע וועלט.

— וואָס מען טוט, מנחם? מען לעבט און שווײַ. מען דאַרף האָרעווען, אַרבעטן, עסן ברויט און יאַקאָש וועט שוין דער אייבערשטער העלפן. זיצן און וואַרטן אויפן טויט איז נישט קיין תכלית.

— אַט־אַט־אַט, דאָס איז דאָך טאַקע מײַן טענה. ער האַלט אין איין שרײַען, ייִדן, געוואַלד, — האָט אַ זאָג געטאָן דער אַלטער חנא־איטשע דער מלמד. אָבער סראָל־עליע האָט אים מיטן שטרענגן בליק איבערגעשלאָגן די רייד און ווײַטער אָנגעהויבן, אַ קעם טוענדיק מיט די פינגער זײַן באָרד:

— איר פאַרשטייט, מענטשן, צי ניין? מ'טאָר נישט אַזויפיל שטאַרבן. האָט מען שוין געהערט אַזוינס, דער טויט איז געוואָרן אַ לעקעכל. איר ווייסט ווי אַזוי אַ מענטש ווערט דערפרווירן? ער זעצט זיך אַנידער אין שניי באַפן אַ דרימל, דער דרימל איז זייער זיס, דערווײַל אָבער ווערן אים אָפּגענומען הענט און פיס פונעם פראָסט און ער ווערט שוין אַנטשלאָפן אַזוי אויף אייביק, ווי אַ געפגרט קעצל. אָבער אַז מען שטאַרקט זעד און מען גייט ווײַטער, דער־וואַרעמט מען זעד און מען ווערט ניצול. זעט איר, עד בין אַ ייִד אַ עקשן. מערטשי־מאַרגן שטיי עד אויף גאַנץ פרי און עד גיי אַוועק קיין זבאַרעוו. אַזוי זענען זיך ייִדן נוהג פון תמיד אַן: די שונאים ממיתן און מיר טוען אונדזערס. וויים עד וואָס, אַ־אַ־אַ.

ער האָט ווידער אַ קנאַק־אויס געטאָן די ביינער, אַז ס'האָט געטראַסקעט ווי מען ברעכט האָלץ און ער האָט געזאָגט:

— אַ גוטן טאָג, מענטשן, עד גיי מעד בעסער אַ ביסל צולייגן אויפן אויוון. און זײַן לאַנגע געשטאַלט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער שטוב־טיר, וואָס זי איז געווען אָנגעוואַקסן מיט גרינעם אײַז, ווי געקאָוועט אין אײַזן. די לײַט

זענען נאָך געשטאַנען אַ ביסל. די מײַלער האָבן קרומלעך אונטער־געשמייכלט און די קעפּ האָבן זיך אַ ביסל אויפגעהויבן. פון סראָל־עליעס רייד האָט עפּעס אַ ווייע געטאָן מיט נײַעם האַפן ווי ווײַל מען האָט אים ווייניק געגלייבט. מען האָט געהערט פון סראָל־עליעס שטוב מענערישע און ווײַבערישע קולות, פריילעכע און ווי יום־טובדיק געהויבענע, און ס'האָט עפּעס דערמאָנט די פריילעכקייט פון פּורים, ווען ס'גייען אַרום פאַרשטעלטע און מען לאַכט אין די שטיבער.

די לײַט האָבן גענומען גיין אַהיים, מיט דערפרישטע הערצער און עפּעס האַרטע שטערנס, ווי אַנגעברייט צום נײַעם לעבן. לאה די מנחמקע האָט גוט־מוטיק אַ רײַב געטאָן די געפרוירענע הענט:

— אַ טפו זאָל ער ווערן... אַ חשק פון אַ ייִד צו מאַכן זיך געפּגרט. האַ־האַ ישראל־עליע אַזאַ ממזר. הייסט דאָס אָנגעפּײַפּט אַ גאַנצער שטאָט מענטשן! שווין איין מאָל אַ ייִד, אַ גנבֿ, אַ פויגל מיט קעשענעס. איר שפּילט אײַך מיט אים. נישט אומזיסט איז מען געוואָרן נגידים. וווּ־דען, מ'האָט נישט קיין שכל בײַ לײַטנס, אַז ס'איז פריילעכער אויפן האַרץ, גלוסט זיך אַפּצוטאָן שפּיצלעך.

מען האָט געלאַכט מיט צעשאָקלטע קעפּ, היי, היי. מען האָט נאָך געהערט פון דער ווײַטנס, ווי דער גוי פונעם שליטן דינגט זיך נאָך אַלץ מיט דער סראָל־עליעבע, ווי ער שרײַט און שעלט, און ס'האָט זיך פאַרלוירן זײַן בייז צעצ־קוויטשלט קול אין גליווער פון פראָסטיקן נעפּל, אין ווײַסער ווײַטקײַט פון טויטער שניי־פאַרשיטער וועלט:

— געלט, געלט, געלט באַצאָל מיר, ייִד. צוויי זילבערנע צענער, באַצאָל.

# דער קדוש פֿון קרילעוויץ

דער בלייך געטונקלטער שאָטן־גליווער פֿון דעם טויב־אויסגעגאַנגטן ווינטערטאָג, האָט פּלוצעם, ווי אַ מידע, חלומדיק־פֿאַרטײַעטע וואָלד־חיה אין איר געפֿינצטערטער ערד־הײַל, שרעקיק אַ צאַפּל געטאָן און די שמאָלע, קרומפֿאַרשפּיצטע שטוב־טיר, האָט זיך פּלוצעם ברייט אַן עפֿן געטאָן מיט אַזאַ שווערן פֿאַרכטיק־פֿאַרכאַפּטן קרעכץ, אַז דער אָטעם פֿון די לײַט איז פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון פּחד. וואָרעם פֿונעם ווײַסן פֿראָסט־וואָלקן וואָס האָט בײַז אַ זעץ געטאָן מיט בלינדן אימפּעט פֿון דער אָפֿענער דרויסן־טיר, האָבן זיך עפּעס פֿרעמד און פֿאַרטראָגן ווי פֿון אַן אָפּגרונטיקן נעפּל־גליווער, גריילעך אַרויסגעקנוילט צוויי פֿאַרטונקלט־צעקנאָדערטע געשטאַלטן, ווי נאַכטיק־פֿאַרהוילענע בוימשטאַמען, זיי זענען שטיין געבליבן אין מיטן־דרינען, אָפּהענטיק און פֿאַרלוירן, מיט פֿאַרצערטע אויגן און פֿאַרקלעמטע לעפֿצן, די קעפּ טיף געבויגן צו דער ערד, ווי פֿאַרזונקען אין האַרבן שטומשווײַגן פֿון עפּעס ווײַסטן שרעק־סוד.

אַזוי ווי בײַ פֿרעמדע, מידע וואָגלער, זענען בײַ ביידע ייִדן די פּאָלעס פֿון זייערע צעפֿליקטע און געלאַטעטע טיזליקעס געווען אונטערגעשטעקט אין רויע שטריקגאַרטלען, און זיי זענען געווען אין גאַנצן אָנגעפֿרוירן מיט גראָע אײַז־צויטן, נעפּליק געזילבערט, באַקלעפּט ווי מיט פֿעדערן אויף די צעדרייטע שטיוול. די שעפּסענע היטלען אָנגערוקטע איבער די אויערן, אויף די געדיכטע בערד, אויף די ברעמען־בינטן טיף איבער די אויגן. זיי האָבן עפּעס אויסגעזען גלײַך זיי וואָלטן אַזוי לאַנג געוואַנדערט צופֿוס, ערגעץ איבער ווײַטע אײַז־מדבריות און אָנגעקומען פֿון עק וועלט. מען האָט קוים דערקאָנט דעם פֿעטער לייזערס געל־געשטופּלטע, קײַלעכיקע נאָז, ווי אַ צעגריבלטע לימענע און דעם פֿעטער לייבס האַרטע באַקן־ביינער, ווי דעמבענע סענקעס, אויסגע־

שפּיצטע פון זײַן שוואַרץ־באַרדיק פּנים, וואָס איז געווען עפּעס אַצינד פאַר־בונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, ווי פון צײַן־ווייטיק.

נאָר וואָס האָט עפּעס לייבע געטראָגן אויף זײַן ברייטער אָנגעדעמבעטער פּלייצע? ס'איז געווען אַ פולער זאַק, ווי הענצמאַל, בעת די ווינטערדיקע שטעטל־יאַרידים, ווען די משפּחה־לײַט האָבן אין מאַרק געהאַנדלט בשותפות און פלעגן אַרײַנפאַלן אין שטוב, די פּלייצעס באַלאָדענע מיט שווערע זעק תּבֿואה, בהמה־פעלן, קלאַטשע, דיניע־קערלעך, אײַזנוואַרג, צי אויבסט און ס'האָט פאַרשמעקט די ווינטערדיקע אומעטיקע שטובאַרעמקייט מיטן וואַרעמען אָטעם פון מיסחר און ריווח, זעט און פרייד.

אַצינד אָבער, האָט פון דעם אָנגעפּילטן זאַק אויף לייבעס פּלייצע אימהדיק געווייעט מיט טויטער, ערדיק־דעמפּער קעלט, וואָס האָט פאַרשלאָגן די בלייכע פּנימער מיט טעמפּן גליווער פון צער און שרעק ווי אויסגעהאַקטע פון שטיין. דער אָנגעפּילטער זאַק איז געווען אַזוי גרויס און שווער, אַז לייבע, דער גיבור, האָט, מיט פאַרביסענע ציין, געקרעכצט אונטער דער משׂא און שיר זיך נישט אײַנגעבראָכן. מיט זײַנע ביידע שטאַרקע הענט האָט ער ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען צוגעהאַלטן דעם זאַקציפּל פון פאַרנט אויף זײַן מעכטיקער ברוסט און זײַן דעמבענער קאַרק איז געווען קרומלעך אויסגעשטײַפּט און אָנגעהאַקט מיט אַזאַ פײַנלעכן באַדרענג פון אַלע אָנגעזאַמלטע כּוחות, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט דאָס דער ייִד טראָגט אַזוי די לאַסט פון דער גאַנצער וועלט. דערנאָך האָט ער זיך אַ טיפן נויג געטאָן, גלײַך ער וואָלט זיך פאַרכטיק געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד. לייזער האָט אים באַדעכטיק געהאָלפן אַראָפּ־נעמען דעם מוראַדיקן זאַק פונעם רוקן און זיי האָבן פון אים אַרויסגעצויגן אַ טויטן מענטש.

— נאַדיר... אָט האָסטו אַ קדוש...

צום ערשטן האָט זיך גיך און געהויקערט, אין זײַן געלאַטעטן פוטערנעם שפּענצער, גענענעט דער שלאָפער מנחם. מיט אַ פאַרשטערטן בליק פון זײַנע קאַליע געוואָרטלטע אויגן האָט ער אַ זײַטיקן קוק געטאָן אויפן מת און זײַן געל־אויסגעצערט באַרדיק פּנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן מיט אַ שוואַרצן צער־שאָטן. ער האָט פרום אַ פּליסטער געטאָן מיט שרעק־אָטעם:

— ברוך דיין אמת.

זײַן ווײַב לאה האָט אַ כאַפּ געטאָן איר שאַל אויפן קאָפּ, גלײַך זי וויל אַנט־לויפן פון דער שטוב. נאָר זי איז שטיין געבליבן בלאָס און צעטראָגן, פאַר־בראָכן די הענט, געטאָן אַ שווערן זיפץ און דערנאָך אַ געשריי געטאָן מיט איר נאָגנדיקן ניגון־קול:

— אוי, אַ ווייטיק איז מיר אין האַרץ, זעט נאָר מענטשן, געוואַלד, ס'איז דאָך ער, רב אשר, דער קריליוויצער אַרענדאַר. מ'האָט אים נעבעך געהרגעט.

איר ברודער לייזער האָט זי ביטולדיק אָוועקגעשטופּט מיט אַן עלנבויגן, ווי עפּעס אַ פרעמדע ייִדענע:

— נו, גיי, גיי, לאה, שריַי נישט, מ'טאָר נישט.

דער הרוג איז ווי געזעסן אויף דער שטוב־ערד, אנגעטאָן אין זיַין שוואַרצער פאַרגאַרטלטער קאַפּאָטע, נאָר מיט גרויסע באַרוועס־נאַקעטע פּיס. זיַין צעהאַקטער גראָ־באַרדיקער קאָפּ, די אויסגעשפּיצטע סאַמעטענע יאַרמלקע מיט פאַרבאַקענעם בלוט פאַרקלעפּט צו די האַרצויטן, איז געווען אנגעבויגן אויף אַן אַקסל. מען האָט אים אויסגעגליַיכט און צוגעדעקט מיט אַן אַלט בגד, ווי איינעם אַ בכבודיקן פרעמדן אורח, וואָס האָט זיך דאָ געלייגט שלאָפן אויף דער ערד, אין מיטן שטוב.

יאָסל און סענדער, מנחמס צוויי זין, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט לאַנגע בלייכע פּנימער, די הענט אין די קעשענעס, ווי אויסגעברענט פון אַלע זייערע יונגע כוחות. סענדער האָט ברוגז געגרימט אויף די עלטערע ליַיט, הלמאי מען מאַכט עפּעס אַזאַ גריילעכן גערודער מיט דער צרה. דעם געהרגעטן ייִד מיט זיַין פאַרפייניקטער טאַכטער האָט ער ביַי נאַכט געהאַט געפונען אין פעלד. אויף צוויי פערד, וואָס דער יונג האָט געקויפט אין דאָרף ביַי די רוטענער זעלנער, האָט ער זיי ריַיטנדיק געבראַכט פאַרטאָג אין שטעטל צום שוואַרצן לייבע אין שטוב אַריַין און אים אנגעזאָגט, אַז מען זאָל דעם הרוג טאָן זיַין רעכט און אים מאַכן אַ גיכע לוויה, שאַ, שטיל, אַז קיינער זאָל נישט וויסן... וואָרעם צו וואָס באַדאַרף מען עמעצן איבערשרעקן. ער וויל נישט אַנטאָן דעם טאַטן קיין צרות... אַ קראַנקער מענטש... אַן עק, אַ סוף, טוט אַ מצווה... איר הערט וואָס מ'רעדט צו איַיך, פעטער לייבע.

— יאָ, יאָ, אוודאי, ווע דען — האָט אים לייבע געענטפערט זייער ליַיטזעליק און פאַרשטענדיק, גרייט איַינצוליייגן אַ וועלט. אָט וועט ער טאָן אַ לויף אַריבער צו לייזערן און מ'וועט שוין טאָן זיַין רעכט דעם קדוש.

נאָר ווי וויל די צוויי ייִדן זענען געווען חברה־קדישא־ליַיט, האָבן זיי זיך פון דעסט וועגן עפּעס גענומען אַרומטראָגן מיטן מת אין זאַק אויף די פּלייצעס אין אַלע שטיבער, גליַיך זיי וואָלטן בדעה געהאַט דווקא צו דערשרעקן מענטשן.

צום סוף האָבן זיי אים געבראַכט אַהער, צו מנחמען אין שטוב אַריַין.

פון דער געשפּאָלטענער סטעליע, אונטערגעשפּאַרט מיטן קרומען דרענגל, האָט טעמפּ געהויערט די וויסטע אַרעמקייט, שוואַרץ געגליווערט פון די בלאָ־געקאַלכטע געהויקערטע ווענט און טונקל געשאָטנט פון קאַלטן אויוון־ווינקל, ווי אַן אימהדיק גראָ שפּינגעוועב, איבער די קעפּ פון די אָפּהענטיקע ליַיט, גליַיך קיינער וואָלט נישט געוווּסט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן מיטן מת.

— נו, מענטשן, וואָס הערט זיך? ווי זענט איר געווען? וואָס האָט איר געטאָן? מען דאַרף דאָך עפּעס מאַכן די לוויה, צי ניין? אוי ווי מיר, ייִדן, וואָס שטייט מען ווי די ליימענע גולמס? אויף וואָס וואַרט מען, ס'זאָל קומען משיח? מ'הרגעט, מ'פּיַיניקט און קיינער טוט זיך נישט קיין ריר. וואָס זשע וועט זיַין דער סוף? ווי גייט מען, ווי לויפט מען און וואָס טוט מען?... אַ, גאָטעניו.

אַזוי האָט לאה מיט טרערן־אָנגעפּליצטע אויגן גערעדט און געמאָנט מיט איר נאָגנדיקן יאָמער־ניגון און נישט אויפֿגעהערט צו ברעכן די דאַרע הענט אין בהלהדיק־פֿאַרכאַפּטן באַדרענג, ווי ביַי אַ שׂרפֿה.

— גאָר נישט, וואָס זאָל זיך הערן, לאה, וואָס ווילסטו אַ שטייגער, האַ, מעגסט שריַיען חי וקים, ס'וועט דיר אַ סך העלפֿן. מ'דאַרף אים טאָן זיַין רעכט און שוין, וואָס פֿרעגסטו, ס'איז הפקר ס'ייִדישע בלוט. אַז ער וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מ'האָט אים געהרגעט, ר' אָשרן, נעבעך. אַזאַ גוטער, אַזאַ פֿרומער, אַזאַ ווילער ייִד געווען, אַזאַ כּשרע נשמה — האָט זיך אָפּגערופֿן איר ברודער ליזער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט זיַין דיקן קרבן־מינחה סידור פֿון בוזעם, אַ מיש געטאָן אין די צעשיטע געלע בלעטער, גליַיך ער וואָלט זיך געקליבן צו זאָגן תהילים, און שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פֿאַרכטיק־פֿאַרצערטן קאָפּ, ווי ביַי שופֿר־בלאָזן, צו נעילה.

נאָר באַלד האָט לאה אין אַלקער־ווינקל גענומען זייער סודען זיך מיט ליזערן און ליבען, געוויזן מיט ביידע אויפֿגעהויבענע הענט און געפּלעמלט מיט נאַסע אויגן:

— געוואַלד, ליבע, וואָס טוט זיך עפּעס דאָ? ווי קאָן מיַין קראַנקער מאַן טאָן דעם מת זיַין רעכט? אָטאָ קוקט אים אָן, אַז ער האָט דאָך שוין אַליין אַ פּנים פֿון אַ מת, אַז ער האָט דאָך שוין אַליין נישט קיין כּוח צו דעכען מיטן שלאָפֿן האַרץ, ער וועט דאָך דאָ היַינט אַליין באַלד שטאַרבן פֿון צרות, נו, ליזער, ביסט דאָך עפּעס אַ שטיקל באַגרעבער, נו, ליבע, וואָס טוסטו דעך נישט אַ ביסל אַ פֿאָרע, האַ? געוואַלד, ייִדן, ס'איז דאָך דאָ אַ חבֿרה־קדישא אין שטעטל, צי ניין?

דער שוואַרצער ליבע האָט טאַקע פֿאַרטראַכט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפֿן אַקסל, גליַיך ער וויל עפּעס קלערן אַן עצה און דער פֿינצטערער קנייטש אין דער לענג פֿון זיַין צעאַקערטן שטערן איז אָנגעדראָלן געוואָרן מיט ירגוזן. ער האָט טאַקע איַינגעזען, אַז זיַין שוועגערין, די מנחמקע, איז גערעכט, נאָר ער אַליין ווייסט נישט וואָס מען טוט. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ טויבן געברום ווי פֿונעם חלום:

— האַ, וועע? נו, נו, שאַ. וואָס עפּעס די מעשׂה? אַ כּלל, כ'וועל טאַקע אַריבער לויפֿן צו ישׂראל־עליען דעם בעדער, אפֿשר וועט מען קענען אונטער־הייצן די געפֿרוירענע מקווה. הער נאָר, וואָס זאָגסטו, ליזער? מ'דאַרף אַרויפֿ־לויפֿן אויפֿן בית עלמין און אויסגראָבן דעם קבֿר, אַ יאָ? האַ און ווו זענען ערגעץ די כּלים, די מטה? ליזער הערסט?

—עד וויס, לאָמיר אַ לויף טאָן צו ישׂראל־עליען, פֿון מיַינעטוועגן מעג זיַין אַזוי... אַבי מ'זאָל מאַכן דעם קדוש אַ שיינע לוויה. נו קום זשע גיכער.

זיי זענען באַלד אַוועק פֿון דער שטוב, מיט שווער געבויגענע פּלייצעס, די הענט עפּעס אַריַינגעשטעקט אין די אַרבל, ווי פֿאַרהאַוועטע כּלי קודש בעת דער פּטירה פֿון אַ צדיק, צעטראָגן און פֿאַרכאַפּט פֿון קדושה.

יאָסל האָט זיך אַ שאַר געטאָן לעבן זײַן ברודער סענדער. בײַ בײדע יונגען זענען די פּנימער געוואָרן אַלץ מער פאַרקרימט און אויסגעצוימט, ווי פון לאַנגן תּענית.

— זאָג נאָר, סענדער, וווּ האָסטו געפונען דעם טויטן אַרענדאַר? בײַ דער אָפּגעברענטער מיל, אַ־יאָ? הינטערן אויסגעהאַקטן וועלדל? — האָט יאָסל פּלוצעם אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַרקלעמטן פּליסטער.

סענדער האָט אויף אים זײַטיק אַ קוק געטאָן מיט פאַרוווּנדערטן אָפּשיי, ווי אויף אַ דילן.

— וואָס רעדסטו? פון וואַנען ווייסטו...

יאָ, יאָ, ס'איז טאַקע געווען דאָרט... יאָסל האָט צו אים נאָענט צוגעבויגן זײַן לאַנג אויסגעביינערט פּנים מיט דער שאַרפער נאָז און געפּליסטערט מיט פאַרקרימטע ליפּן:

— זעסט דאָך, כ'ווייס. מ'האָט אים אַרויסגעריסן די צונג פונעם מויל.

— יאָ, ס'איז שרעקלעך, די רוצחים האָבן אים דערהרגעט און זײַן טאָכטער, שׂרה־גיטל, האָבן זיי פאַרפייניקט.

— ווייסט ווער ס'האָט דאָס געטאָן?

— וואָס הייסט, ווער? די קאָזאַקן מסתּמא. ס'איז אַנומלט אָנגעקומען אַ שײַקע פעטליורצעס פון קאָזלעוו, זיי האָבן דאָרט פאַרברענט דאָס שטעטל מיט דער שול און די ייִדן האָבן געפּליכטעט. זיי האָבן פאַרברענט ר' אשרס קרעטשמע אין דאָרף אין קרילעוויץ.

— מיכאַלקע דער באָד־גוי. ער איז עס געווען. ער האָט ר' אשרן אַרויסגעריסן די צונג פונעם מויל — מאַכט יאָסל ווי צו זיך אַליין מיט פאַרביסענעם גרימצאָרן אין די פאַרצוואָגנטע אויגן.

— פאַר וואָס עפּעס מיכאַלקע? ווי קומט דער כּלב אַהין גאָר? ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט, צי וואָס?

— אַזוי. ס'איז געווען מיכאַלקע, ס'האָט זיך מיר טאַקע געחלומט. כ'ווייס אַלצדינג. כ'בין אויכעט דאָרט געווען. אין קרילעוויץ אין דער קרעטשמע. ס'איז דאָרט געווען אַ גאַנצע חתונה. כ'וועל אים דערהרגענען, מיכאַלקען.

יאָסל האָט באַקומען אַ פאַרשפּיצט פּנים, ווי אַ שפּאַרבער. זײַנע שמאָלע, גרינע אויגן האָבן אַ שאַרפן בליץ געטאָן, אַז סענדער האָט דערפילט אַ שרעקקעלטל אין די ביינער. וואָס איז דאָס? ס'האָט דאָך קיינער נישט געזען ווען און וווּ ער האָט געפונען דעם טויטן ייִד. ער האָט מיט אַ כּיוון קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם. בלויז ער, סענדער אַליין, האָט געזען בײַ נאַכט אין בלאָען שײַן פון בלייכן לבֿנה־ליכט אויפן ווייס־גלאַנציקן שניי, דעם הרוגס שוואַרץ־פאַרבלוטיקטן און ליידיקן מויל־לאָך. ער האָט וועגן דעם נישט גערעדט צו קיינעם אַ וואָרט, און קיינער האָט דאָס נישט געוווּסט. פון וואַנען זשע ווייסט יאָסל אַלצדינג? סײַדן דער יונג איז טאַקע עפּעס אַ שטיקל משוגענער...

די בליקן פון די ברידער האבן זיך פלוצעם געטראפן, זיך שארף א רגע איינגעבויערט ביז אויפן גרונט פון דער נשמה און סענדערן האט זיך געדאכט, אז יאסל ווינקט עפעס צו אים מיט א טונקעלן סוד, וואס נעפלט אין אפגרונט פון בראנד און טויט, ווי אין א בייזן חלום.

— איי, יאסל, ביסטו עפעס א לעקיש, הערסטו, בעבעסט נארישקייטן, כ'לעבן. וואס ווייסטו? ווער, וואס, ווען? ס'אז אומגליק מיט די יידן און שוין — האט סענדער מיט צערודערטן ערגער אווארף געטאן דעם קאפ, אייליק פארקנעפלט דעם מאנטל און איז אוועקגעגאנגען פון דער שטוב. זיין האפערדיק געמיט האט נישט געקאנט פארטראגן די מוראדיקע לאסט פון פארהוילענע מעשים, וואס ס'איז שווער צו באנעמען מיטן גלייכן שכל.

יאסל האט אים גריילעד נאכגעקוקט, מיט א שפעטישן שמייכל פון א צעקרימטן מוילווינקל:

— גיי, גיי. וועסט דערפון ווייט נישט אנטלויפן. וועסט שוין צוריק קומען.

זיין טאטע האט זיך דערנעענטערט, ביטער צעהוסט, מיט א שטילער טרויעריקער מינע:

— נו, יאסל, נעם בעסער דעם ריסקאל וועסטו העלפן לייזערן אויפן הייליקן ארט גראבן דעם קבר פאר ר' אשרס וועגן ,ווייל די ערד איז געפרוירן. מען מוז זי אפשר אויפהאקן מיט דער האק.

— גוט, גוט, טאטע, זארג נישט. מ'וועט אים שוין מקבר זיין. די היידאמאקעס הרגענען און די יידן באגראבן — האט יאסל פלוצעם א זאג געטאן און געטאן א נעם די האק פונעם ווינקל און שטיין געבליבן מיט דער אויפגעהויבענער האק אין דער האנט. פאוואליע, שווייגנדיק און ערפארכטיק, מיט בלאס און רויט פארפלאמטע פנימער, די צניעותדיקע אויגן שעמעוודיק אראפגעלאזט צו דער ערד, פירנדיק אונטער די ארעמס עפעס א פרעמדע מויד, ווי מען פירט אונטער א כלה צו דער חופה, זענען אריינגעקומען דעם שווארצן לייבעס צוויי טעכטער, רחל און רבקה, די קעפ טיף־אנגעבויגענע, ווי באלאדן מיט דער פארהוילענער חרפה פון דורות פארפייניקטע יידישע טעכטער. זיי האבן געהאלפן די פרעמדע אנידער זעצן אויפן הינקענדיקן בענקל און מיט פארקלעמטן אפשיי האבן זיי זיך אפגערוקט אלע מאל א ביסל ווייטער פון איר, נעענטער צו דער טיר, ווי צו זיין גיך גרייט ערגעץ אנטרונען צו ווערן.

ביים פרעמדן מיידל, א דארפיש שטארקע, א פולבריסטיקע, מיט גרויסע, געראויטלטע, פארהארעוועטע הענט פון ערד גראבן, קי מעלקן, קארטאפל שיילן און גרעט וואשן, האבן אין די קאלד־ווייסע, אויסגעהוילטע באקן, אין סאמע מיט, געברענט צוויי רויטע פלעקן, א צעהאקטע נאז, געל ווי וואקס, האט ווי טויט און צוגעקלעפט ארויסגעשטעקט פון שטום פארצערטן פנים. אירע קרימלעד־צעעפנטע, בלייכע לעפצן, האבן ווייסט געציטערט, גלייך ס'וואלט מיט איר פארגליווערט לייב געווארפן אין פראסטיקן פיבער. די

פאַרלאָשענע אויגן האָבן געקוקט פאָרויס, פאַרשטאַרט, ווי בלינדע, וואָס זעען גאָרנישט.

— אהאַ. אָט דאָס איז זי, שׂרה גיטל, דעם דערהרגעטן אָרענדאַרס טאָכטער — האָט זי יאָסל אָנגעקוקט מיט אַ לאַנגן דערשראָקענעם בליק. מען האָט זי קוים דערקאַנט. איר צורה איז געווען פרעמד פאַרנעפּלט, ווי פון אינעווייניק פאַרשלאָסן מיט אַן אײַזערנעם דעק פון פאַרהאַקטן פּחד. זי איז געזעסן אויבן אַן בײַם קרומען שטוב־טיש, שטײַף געשטרעקט, ווי אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטעקן, אַריבער דער לעץ פונעם בענקל. די גרויסע רויטע הענט, וואָס זענען געלעגן אין שויס, האָבן זיך גרייַלעך באַוועגט און די פינגער האָבן גיך געפלאָכטן, עפּעס געאַרבעט, געדרייט, גלײַך זיי וואָלטן געשטריקט אַן אומגעזעענעם זאָק. זי האָט קוים אַרויסגערעדט אַ וואָרט און גאָרנישט געקאָנט זיך דערמאָנען וואָס ס'איז מיט איר געשען. זי האָט נאָר געדענקט, אַז זי האָט אין דער היים אין קרעטשמע געבאַקן אַ געבעקל ברויט. דער טאַטע האָט די לאַבנס אַרײַנגעגליַיגט אין גרויסן קויש און ביידע זענען זיי אָוונט־צײַט געגאַנגען מיט די ברויטן אין שטעטל אַרײַן, כּדי זיי צו פאַרקויפן. אין פעלד האָט דער טאַטע געזונגען אויפן קול הייליקע שול תּפילות, אָבער אין מיטן וועג האָט זיי אַ פּנים באַפאַלן אַ באַנדע זעלנער, הײַדאַמאַקעס, און מען האָט איר אָנגעטאָן יסורים. סענדער האָט זי טאָקע געפונען ליגן אין אַ גרוב, אַ פאַרחלשטע, נישט ווײַט פון דעם הרוג. וואָס עס איז ווײַטער געווען, געדענקט זי נישט. איר קלייד איז געווען צעריסן. עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ זוים ווײַס העמד און אַ שטיק בלייבער, נאַקעטער פוס, העכער פון דער קני.

לאה האָט דאָס איר אַלע מאָל צוגעדעקט, געפּאַרעט זיך אַרום איר, מיט געהויבענער ווײַבערישער געניטקייט און איר צוגעניײט דאָס צעריסענע קלייד מיט גרויסע לויזע שטעך ווי תּכריכים־נעט. דער ייִדענעס אײַנגעפאַלן מויל איז געווען רחמנותדיק פרום פאַרצערט. נאָר פאַרט האָט מען געהערט ווי זי רעדט צו דער פאַרפּײַניקטער מיט איר נאָגנדיקן ניגון:

— לאָז נאָר, שׂרה גיטל, זײַ אײַן לײַטיש, דערמאָן דער נאָר, ביסט דאָ צווישן היימישע מענטשן, טאָכטער שטאַרק דער, אַ דאָס האַרץ קאָן צעפּלאַצט ווערן פון צרות... נעם מאַד דיר צורעכט ס'אָנגעטועכץ... נאָ אָט האָסטו אַ ביסל געקעכץ מיט ברויט, לעז דיר אונטער ס'האַרץ, ווײַ איז דאָס לעבן, אַ שיינעם לײַט האָבן זיי שוין געמאַכט פון דיר, די רוצחים.

זי האָט געטרײַ דערלאַנגט דעם מיידל אַ פאַרענדיק שיסל געקעכץ. יענע האָט ווי אַ דערשראָקן קינד, וואָס פאָלגט די מאַמע, אַ ביס געטאָן פון דעם שטיק ברויט אין דער האַנט, געוואָרגן זיך מיטן ביסן, אָוועקגעלייגט און ווידער פאַרשטאַרט געקוקט מיט די פאַרגלייזטע אויגן פאָרויס אין דער וועלט אַרײַן, גלײַך זי וואָלט ערגעץ אין פאַרהוילענער ווײַטקייט געזען עפּעס אַן אימהדיק געשעעניש, וואָס פאַרשוועבט אין נעפּלדיקן טונקל און אַנטפּלעקט זיך ווידער אין גריילעכער קלאָרקייט. די רויטע פלעקן אויף אירע בלאַסע באַקן האָבן

נאָך טיפֿער געפּלאָמט. מיט אַ מאָל האָט זי אַ וווּנד געטאָן דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט דעם בלינדן בליק צום געבערגלטן מת אויף דער ערד, און געזאָגט מיט אַ טיפֿן דעמפּיקן כריפּ, ווי אַ קול פֿון אַ גרוב:

— זיי האָבן צוגעגנבֿעט בײַ דעם טאַטן די שטיוול, די זעלנער. זיי האָבן אים געלאָזט ליגן באָרוועס אין שניי. ער קאָן זיך נאָך פֿאַרקילן, דער טאַטע, אין אַזאַ פֿראָסט.

לאה האָט ווי געפּלעפּט אַ ווײַז געטאָן מיטן פֿינגער אויפֿן שטערן און סודותדיק געוווּנקען מיט איין אויג צו דער פֿאַרפֿײַניקטער:

— איר הערט, זי רעדט שוין פֿון וועג. אוי, ווײ, עס הייבט זיך שוין אָן די רעכטע גדולה. ווער ווייסט, וואָס די רוצחים האָבן איר אַזוינס אָנגעטאָן. אָט־אָ זיצט זי און דומעט... ס'איז שוין אַן אָד און ווי צו אירע יונגע יאָרן, די אָרעמע יתומה, נעבעך, אַז זי הערט דאָך גאָר נישט וואָס מען רעדט צו איר; אַז זי טוט דאָך גאָר נישט קיין וויין, קיין קרעכץ אַפֿילו. נו, נו. ס'איז שוין יענע מעשׂה. מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן. אַזאַ בראָך.

פּלוצעם האָט זיך אַן עפּן געטאָן די טיר מיט אַ זעץ און אַ פּאַליש און ס'איז אַרײַן די מומע שפּרינצע, לייבעם ווײַב, ברייט אָנגעפּעלצט אין קערצן געלאָטעטן שפּענצער, די גרינע געבלימלטע קאָפּפּאַטשיילע בהלהדיק צעפּלאָכטן איבערן רויט־בלאָ־צעפֿײַערטן פּנים, און ווי ווײַל שׂרה גיטל איז שוין געזעסן אַ גאַנצן אין דער פֿרי בײַ איר אין שטוב און זי האָט שוין געגנוג באַוויינט און אויסגעפֿרעגט די גאַנצע מעשׂה, האָט זי פֿון דעסט וועגן אַצינד ווי אַ צעפּלאָטערטע קוואָקע געוואָרפֿן די הענט אין דער לופֿטן, און געשריגן מיט בהלהדיק לאַנג־צעצויגענעם יאָמער־ניגון, ווי בײַ קבֿרים־רײַסן:

— גאָטעניו, ווי איז מיר, געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? שׂרה גיטל, הער נאָר, וואָס איז מיט דיר געשען, האָ, ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן? די היידאַמאַקעס אַז אַ גיכער טויט אויף זיי, רבונו־של־עולם, אַז אַ שׂרפֿה, אַ מגפֿה, פֿאַר אונדזער בלוט, פֿאַר אונדזער בושה. אוי, אַ ווייטיק און אַן אַכטיק מיר, זע נאָר, מ'האָט דעך שוין שיין אָפּגעקוילעט. האַ, נו, מענטשן. ס'איז דאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, צי ניין, וואָס זשע שווײַגט ער עפּעס... שׂרה גיטל, הערסט, נאַ, אָט האָסטו, באַהאַלט אַ ברויטל. און אַ ביסל גרויפּן האָב עך דיר געבראַכט, נאַדיר נעם צו אַ ביסל שפּײַז, ס'וועט דיר גוט צונוץ קומען, ביזטאָך נעבעך אָרעם ווי די נאַכט, אַ פֿאַרלאָזענע יתומה, — זי האָט אָפּירגענומען פֿון ברייטן פֿאַרטעך אַן אָנגעפּילט טאָרבעלע גרויפּן, לײַטזעליק דערלאַנגט דאָס יענער אין די הענט אַרײַן און נאָך מער צעפּלאָמט און העכער שרײַענדיק געטענהט צו די מענטשן — דעם טאַטן האָט מען איר דערהרגעט און זי אַליין אַזוי פֿאַרפֿײַניקט, אין איין טאָג... כ'בין דאָך אויכעט אַ מאַמע פֿון טעכטער, כּלה־מיידן קיין עין הרע, ווער זשע זאָל באַהיטן און באַשיצן אונדזערע קינדער, די בידנע שאָף, פֿאַר די בייזע וועלף, פֿאָטער דערבאַרעמדיקער אין הימל. אַ ווײ, נעם נקמה פֿאַר אונדזער גרויסן בראָך, שׂרה גיטל, מ'וועט דעך שוין פֿירן אונטער דער שוואַרצער חופּה.

לאה און שפּרינצעסביידע טעכטער, רבֿקה און רחל, האָבן באַלד אויבעט אויפֿגעהויבן די הויכע ניגון־קולות און איר געהאַלפֿן קלאָגן, אַז די שטוב איז פֿול געוואָרן מיט צעפּלאָמטן געיאָמער און וויגעשריי. די מאַנסלייט האָבן זיך נישט אַריינגעמישט. מען האָט נאָר געפֿילט די האַרבע שרעק פֿון זייער נאָגנדיקן קלאָג־געוויין, ווי יום־הקודש צו נעילה, ווען עס טראָגן זיך צעליאַרעמטע יללות פֿון דער איבערשטער ווייבערישער שול, און די מאַנסלייט האָבן מורא אַהין אַ קוק צו טאָן, שווייגן פֿאַרקלעמט און האָרכן מיט שרעק.

ס'איז שוין געווען אַ פֿולע שטוב מיט שטעטל־לייט, באַרדיקע ייִדן מיט שעפּסענע היטלען, מיט שטריק־פֿאַרגאַרטלטע מיזליקעס, פֿאַראומערטע ווייבער, מיט דיקע שאַלן אויף די קעפּ, מיידלעך מיט פֿאַרשעמטע פּנימער, קינדער מיט צעפּליקטע דאַשיקעס איבער די אויגן.

ס'האָט זיך באַוויזן דער אַלטער חנא־איצי, דער מלמד און בעל־תּפֿילה. ער האָט טאַקע אַצינדער אַ שטאַרקן פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, ווי מיטן פּראַלניק אויפֿן באַלעמער אין שול; און שטרענג אַ טרייסל געטאָן זיין ווייסע צוויי־שפּיציקע באָרד, מיט געדעמפּטן געבייזער: — שאַ, שטיל, נו, ווייבער, לאָז זיין שטילער אַ ביסל, מ'טאָר נישט עסן ווען ס'ליגט אַ מת אין שטוב. געהערט אַזוינס.

— ווייבער אַרויס פֿון דאַנען.

די ווייבער זענען מיט אַ מאָל שטיל געבליבן, גענומען זיך אין געדרענג רוקן צו דער טיר.

פּלוצעם האָט לאה אָנגענומען שׂרה גיטלען ביי איין האַנט און שפּרינצע ביי דער אַנדערער. מען האָט זי אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און זי אָפּגעלאָזט, ווי אַ קינד וואָס מען פּרוווט צי עס קאָן שוין אַליין טאָן אַ שפּריין. זיי האָבן זי טאַקע געלאָקט מיט פֿרום־צעשאָקלטע קעפּ:

— אַנו, אַנו, שׂרה גיטל, גיי נאָר אַ ביסל... עפּעס שטעלן זיך דיר גאָר נישט די פֿיס... אַזוי, אַזוי... נו, מאַך אַ שפּאַן... אַהער קום. אַהער.

די פֿיס האָבן זיך טאַקע נישט געשטעלט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. פֿאַרשטייפֿטע, באַנומענע, האָבן זיי זיך שווער און קלאָציק געשטרעקט, ווי ביי איינעם, וואָס גייט אויף קוליעס. אַזוי, אַז שׂרה גיטל האָט שיר נישט אַ פֿאַל געטאָן, ווי אַז אונטערגעהאַקטער בוים צו דער ערד. די ווייבער האָבן זי גיך אונטערגעכאַפּט פֿאַר די אָרעמס, געדרייט זיך מיט איר אַהין־אַהער, פֿאַרשטייפֿט, צעווייגט אין ענגן רעדל, ווי עפּעס אין אַ גריילעכן מצווה־טאַנץ און אַזוי שלייכנדיק אַריינגעפֿירט זי אין אַלקער־ווינקל. דאָרט האָבן זיי איר אויסגעבעט אַ געלעגער הינטערן אויוון, אָוועקגעלייגט און איינגעדעקט מיט לאַבעס, אַז ס'זאָל איר זיין וואַרעם און איר איינגעטעבן מיטן הילצערנעם לעפֿל אין מויל טייוול־קרייטעכץ מיט רומיאַנעק און ראַבאַרבער־וואָרצל מיט אינדיק זאַמען, אַז ס'זאָל איר היים אָנבריען די פֿאַרקילטע געדערעם, צו אַ רפֿואה. ס'האָבן זיך שטיל, אייליק און בריהש געפּאָרעט אַרום איר די ווייבער מיט צעפּאָרעטע

טעפּ וואַסער, ווי ביַי אַ קימפּעטאָרין נאָר מיט פאַרגליווערטן שאָטן־צער אויף די געריטלט־פאַרוויינטע פּנימער, ווי ביַי אַ מת, וואָס מ'רעכט אוים צו קבורה. ס'זענען אַריַינגעקומען ייִדן און די ליַיט האָבן זיך ענגער צונויפגעדרענגט. זלאַטע די אַלמנה, לאַהס שוועסטער, מיט איר קופּע קינדער, קלענערע און גרעסערע, ייִנגלעך אין צעפּליקטע שפּענצערס, מיידלעך מיט האַרטע קורצע צעפּלעך און פאַרשמירטע פּנימער, האָבן ווי אַ מחנה צערודערטע פייגל הויך געגרעגערט אין שטוב און ברוכל, דעם שוואַרצן לייבעס ייִנגל, האָט זיך צוגע־שטופּט נעענטער. אין זיַינע שוואַרץ־צעגלאַנצטע אויגן האָט געפּלעמלט אַ סוד. ער האָט פאַררוקט דעם צעבראָכענעם דאַשעק פון היטל און מיט אַ צעעפנט מויל פון וווּנדער, האָט ער לאַנג געקוקט אויף די בלייכע נאַקעטע פיס פונעם מת, צעליגטע אויף דער ערד, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטערן צודעק, אַזוינע מוראדיקע גרויסע פיס, גליַיך זיי וואָלטן געהאַט אַזוי־אַ באַרוועס אַרומגעשפּאַנט איבער דער גאַנצער וועלט. ברוכל איז געווען אַ בעלן מיט אַ פינגער אַנצורירן אַ גרויסע, בלייכע, טויטע פיאַטע. מ'האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט און אָוועקגעטריבן:

— אַוועק פון דאַנען. קינדער טאָרן זיך נישט פאַרען ביַי אַ מת. אַהיים גייט מאַקאַבונדעס, מ'עט איַיך אָנפּאַטשן.

# דער אַפּגרונט

טויב און שווער באַלאָדן מיט זײַנע גרימיק געטונקלטע לאַסט־סודות, האָט דער כמאַרע אָנגעדראָלענער ווינטער־הימל, ווי אַן אײַזערנער דעק, געהויערט אימהדיק־נידעריק איבער דעם תּהומיק געטיפֿטן שווײַגן פֿון נאַכטיק פֿאַרזונקענעם וועלטגליוווער. פּאַוואָליע און טעמפּ הייבט אָן בלייכן אַ מיד פֿאַרוואָגלטער טאָגבאַגינען מיט זײַן פּראָסטיק רויער ליכטשײַן, וואָס שלײַכט בלינד און עפּעס ווי האָריק־שטעכיק איבער דער געפֿרוירענער וויסטעניש פֿון דער אַשיק גראָער שניי־פֿאַרשיטונג און פֿאַרהוילענעם שאָטנקאָפּ פֿון אייביקן חושך.

אַ שיטערער נעפּל־וואָלקן נידערט איבערן צעגריבערטן באַרג־שיפּוע. פֿון זײַן טריב צערויכערטער טראַכט אַנטפּלעקן זיך שפּיציק צעקרימטע שטיינסקאַלעס, מיט שאַרף אַרויסגעהאַקטע ווענטשפּאַלטן, ווי גריילעד פֿאַרצערטע ריזן־פּרצופֿים. שוואַרץ צעקנאָדערטע וואָרצלען קריכן פֿון ברעגעס, פֿאַררײסן אין געדיכטן געפֿלעכט פֿון שטעכיקע דערנערקוסטעס. ווי אַ וויסטער טויט־געראַנגל פֿון פֿאַרדאַרטע שלענג און עקדישן זעט דאָס אויס. געבויגן איבערן געפֿרוי־רענעם טאָלזומפּ, שטייען האַלבע צעלעכערטע ווערבעשטאַמען מיט לאַנגע דינע ריטער אויף די שוואַרצע גראָבע סענקשפּיצן, ווי צעקודלטע שדים־קעפּ. אַנגעוואָרפֿענע פֿערדשאַרבנס בלייכן דאָרט שרעקיק מיט נאַקעטן געביין, די גרויסע ציין, ווי שאַרפֿע העק, ברייט פֿאַררײסן ווי אין גריילעכן שפּאָט־שמייכל, און די שטום פֿאַרטײַעטע וועלט איז רוי אויסגענאָגט־געטונקלט, גרימלעד אַרײַנגעהאַקט ערגעץ אין יענעוועלטיקע אײַז־מדבריות ווי פֿאַרן באַשאַף און אָנגעפֿלייצט מיט ווילדער פֿרעמדקייט, ווי איבערגעקערט מיטן אַפּגרונט פֿון אויבן.

פֿון דער אַשיק צעזיפּטער שנייגראָקייט אין שניי־פֿאַרשאָטענעם טאָל קוקט אַרויס דער גרינלעכער אײַזגלאַנץ פֿונעם געפֿרוירענעם טײַכקײַלעד, ווי אַן אָפּן טויט אויג מיט גרימיקער וואָרענונג אין זײַן בלינד־פֿאַרגלייזטן סוד־בליק.

אהין ארויף גלאצט דער טויטער אײַזבליק צו לייזערס הייזל, וואס הויקערט נאקעט און בלויז מיט די בלאַ געקאלעכטע ווענט, ווי אַ איינזאמע נעסט, האלב שוין אין דער ערד פארזונקען, אין מיטן פונעם שטייניק צעגריבערטן בערגל־שיפּוע, דארט אין עק שטעטל ווײַט שוין הינטערן בית־עלמין. אין אויסגעזעצטן שײַבל פון דעם שיף פארשפּיצטן, אנגעפרוירענעם פענצטער שטעקט אַ דיקער, שווארצער, שמאלער הארב, ווי אנגעדעמבט מיט כּוח, גלײַך ער וואלט, ווי אַן ארויסגעשטעקט אויג, געטרײַ געהיט דאס שוואכע קוימענרויכל, וואס קרײַזלט הימלעד ווי אַ לעבעדיקער אטעם, איבערן שניי־אנגעבעטן דאך, אַז יענער טויטער אײַזבליק פונעם טײַך, זאל דאס ניט פארצערן. נאר פּאַוואַליע ווערט דער שמאטעהארב ווײַס פארצויגן מיט בלינדן אײַזפראסט, ווי פארשפּינט אין אַ גליווערנעץ פון בייזן חלום, דאס קוימענרויכל הייבט אן אַלץ שוואכער צו בלאזן, ס׳גוססט שוין מיט לעצטן אטעם, אט־אט און ס׳גייט אויס אין שטילן צער פון פארלאשענעם לעבן. נאר ס׳גייט נישט אויס אין גאנצן, נײַערט ס׳שטארקט זיך מיט לעצטן באדרענג אין זיך ארײַן און ס׳נעמט שלײַכן אין דער פינצטערער קוימענהייל צוריק אין שטוב ארײַן, ווען די לייזערקע נעמט אין קאלט פארגליווערטן אין דער פרי אונטערהייצן די צעבראכענע רובע מיט עטלעכע מאגערע נאסע שפּענער.

די ייִדענע אין דער פארקניפּטער שאל אויפן קאפּ ראנגלט זיך מיטן רויך, ווי מיטן דחקות פונעם לעבן. זי פארקלעפּט די לעכער מיט ליים, פארשמירט די שפּעלטעלעך, פארשטעקט דעם רויך מיט שטרוי, נאר דער רויך קריכט דורך אלע פארקלעפּטע שפּעלטעלעך שווארץ, אײַנגעגעסן און ביטערבײַסיק ביז די גאנצע שטוב ווערט פול מיט אַ שווערן רויכוואלקן, ווי אַ שׂרפה־חורבה. דערנצמאל באווײַזט זיך פּלוצעם אַן אויסגעשטרעקטע האנט, דערנאך אַ גרויסער באָרדיקער קאפּ אין אַ שעפּסנהיטל, אין בלינדן נעפּל־גליווער, און ס׳הייבט זיך ארויס דער מאן ערגעץ פון אַ גרוב, ווי פון אַ קבֿר.

מען הערט ווי לייזער פּרעט זיך, טרעט מיט שווערע טריט פון זײַנע געקאוועטע שטיוול, און ווען דער ייִד שטייט דערנאך אין מיזרח־ווינקל, מיט אַ שטריק פארגארטלט דעם געלאטעטן טיזליק און געהילט אין זײַןברייטן טלית דאוונט ער שחרית פון זײַן דיקן, צעשיטן סידור און הוידעט פרום־צעמורמלט די ברייטע פּלייצע, פאלט אַ העלער ליכטשטראל אויף זײַן הארט געקנאדערט באָרדיק פּנים, און דער גרויסער של־ראש הויערט ווי אַן אײַזערנער טאפּ אויף זײַן קורצן, פארגרעבטן שטערן. פון די שבתדיקע, מעשענע בענטשלײַכטער וואס שטייען אויפן געזימס, אנגעזאפּט מיטן ליכט פון קדושה און מנוחה, קומט דער קלארער שטראל, וואס שפּאלט ווי אַ בליץ דעם געדיכטן, גראען רויכוואלקן אין שטוב. נאכן דאוונען בלייבט לייזער שטיין בײַם טיש, פון דער אנדערער זײַט טיש שטייט דאס ווײַב. ווי דורך אַ נעפּלנעץ קוקן זיי זיך אן מיט אַ ווילד פרעמדן בליק, ווי ברואים פון אַן אנדער וועלט:

— נו, הא, שיינדל, גיב אהער דעם אנבײַסן — טוט לייזער פּלוצעם אַ געשריי מיט אַ געוואלדיקן קול, גלײַך ער וואלט גערופן זײַן ווײַב פון עק וועלט.

— האַ, ווּעָ... וואָסער אַנבײַסן, לײזער... ענטפערט אים די ייִדענע מיט אַ נאָך העכערן קול, וואָס טראָגט זיך אין דער האַרבער בלענדעניש דעמפּ און הויל ווי פון מרחקים.

— נו, נו, נאַדיר גאַר אַזאַ מעשה... אַה...

און לײזער נעמט פּאַוואָליע נידערן ערגעץ אַראָפּ, אַראָפּ אין גרוב אַרײַן, וואָס איז אָנגעפּילט מיט אַ פינצטער צערויכערטן וואָלקן, ווי אַ פאַרגליווערטער טײַך, שטעקט אַרויס אַ האַלב אויסגעשטרעקטע האַנט, קוים וואָס ס׳זעט זיך נאָך דער באָרדיקער קאָפּ, ביז דער ייִד ווערט אין גאַנצן נעלם, ווי פאַרזונקען אין אָפּגרונט.

דאָס שוואַכע חיות פון די אויסגענאָגטע טעג, דער פאַרציטערטער אוצר פון די אָרעמע לײַט, דאָס האַלבע זעקל צעקנאָדערטע קאַרטאָפל, באַדעכטיק באַהאַלטן אויפן בוידעם אונטערן שטרויבונט, אַז ס׳זאָל אַרײַנקומען די ברכה, האָט זיך אָבער געמינערט און געמינערט, אַלע מאָל קלענער און ווינציקער געוואָרן. מיט האַרבער זאָרג האָט זיי די לײזערקע שפּאָרעוודיק אָנגעטאַפּט מיט דערשראָקענע פינגער, יעדע בולבע באַזונדער, ווי זי האָט אַרויסגענומען די לעצטע עטלעכע בולבעס אין דער ערדענער שיסל אַרײַן צום שיילן, און זי האָט געביטערט מיט זיפצנדיקן צער.

— נאַדיר... אָט אָסטי אַ... אײַ־ווײ, אַ מעסטל בולבעס, טפו... ס׳איז אַרײַן די קללה. נו, לײזער, שוין פאַרטיק, אַ, וואָס זאָגסטו? האַ? וואָס זיצסטו אין גרוב ווי אַ קוואָקע, מײנסט אַפנים, אַז ס׳וועט דיר עמעצער אַרײַנוואַרפן עפּעס אַ מציאה אין שטוב אַרײַן? אַ חשק פון אַ ייִד צו ליגן אַ גאַנצן טאָג אין גרוב. הער נאַר, לײזער, אפשר וואָלסטו זיך שוין אַרויסגערירט אין דרויסן אַרויס. טאָמער וועט דער אייבערשטער עפּעס באַשערן, מ׳וועט פאַרדינען אַ פּאָר גרײַצער, וועסט עפּעס אַהײם ברענגען. אײַ, ווי די בולבעס זענען שוין אויסגעגאַן. נו, לײזער, וואָס שווײַגסטו, האַ?

די ייִדענע האָט טיפער אָנגערוקט די צעפליקטע שאַל אויפן קאָפּ און אַנטשוויגן געבליבן אין אַנגסטן, גלײַך די געפּרוווטע נשמה האָט זיך אָפּגעריסן פון די פאַרשמאַכטע לעפּצן, געפלאַטערט אַ רגע ווי אַ מידער פויגל אונטער דער געהויקערטער סטעליע און פאַרשוועבט געוואָרן אין נעפּלדיקע מרחקים.

לײזער האָט ניט געענטפערט. ער האָט ניט ליב געהאַט דעם ווײַבס טענות. ער איז געזעסן אײַנגעבויגן אויפן דנאָ פון אַן איבערגעקערטער וואַסערקאַן, ווי שאָטנדיק פאַרהוילן אין אַ גרוב, וואָס האָט גרײַלעך געטונקלט אין מיטן שטוב ווי אַן אויסגעבערענט מוילאָך, דער גרונט נאָכגענעפּלט פון רויך. די אײַזערנע בריל פאַרבונדן מיט אַ שטריקל, געזאַטלט אויף דער ברייטער געשטופּלטער נאָז, די שיטערע, שוואַרץ געזילבערטע באָרד אונטערגעהויבן, ווי אַ געעפנטער פליגל, —האָט דער ייִד מיט אַ גרויסער און גראָבער זאַקנאָדל פּאַוואָליע גענייט אַ גרויסע טאָרבע.

די גרוב איז געווען טיף אויסגעהוילן אין מיטן פון דער שטובערד. ווארעם בעת דער עסטרייך־רוסישער מלחמה, ווען לייזער מיט זיין ווייב זענען אַנט־לאָפן, האבן די זעלנער אין זיין פאַרלאָזט געהויקערט שטיבל געמאַכט אַ שטאַל פאַר בהמות און עופות, און ס׳איז אין מיטן פאַרבליבן די אויסגעראַיעטע גרוב. אז דער ייד האט זיך שפּעטער אומגעקערט אהיים פון דעם וואָגל אין דער פרעמד, איז אים די דאָזיקע גרוב באַזונדער ניחא געווען, ווי אַלע מכשירים פון דער באַלעבאַטישקייט, וואס קומען צו נוץ. ער האט ליב געהאט צו זיצן דווקא אין גרוב מיטן טאַפּ געקעכץ צווישן די קניעס און עסן ווארעמעס. אויבעט דער פּעקעליק איז געווען איינגעפאַלן, און די גרוב האט געדינט לייזערן פאַר אַ פּעקעליק. שבת, נאָך דער אָרעמער סעודה, האט ער ליב געהאט זיך אַריינצורוקן אין גרוב אַריין. ער איז געלעגן דאָרט אין דער טיפעניש פון דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרזונקען אין הארטן שלאָף, און אַנגעפּעלצט אין אַלטן, אויסגעקראַכענעם פוטער, האט ער הערמאַנט אַ בער, וואס שלאָפט אין זיין הייל דעם לאַנגן, פאַרטייעטן ווינטערשלאָף.

— אַ חשק פון אַ יידן אַריינצוקריכן אין קבר אַריין. מען ליגט שוין אזוי אויך גענוג אין דער ערד. גאָט האט אים באַשערט אַ גרוב, ליגט ער — האט די לייזערקע גערעדט מיט תרעומות. נאָר לייזער האט נישט געהאָרכט דאָס ווייב. ער האט זיך געקוויקט פון תענוג, און מען האט געהערט זיין ברייט צעצויגן קול פונעם גרוב אַרויס:

— אַ... אַ מחיה... אַ מערבה ס׳איז דאָ אַ שטיקל גרוב... געלויבט איז גאָט דערפאַר. ביי לייטנס איז דאָס אויבעט נישטאָ, כ׳לעבן. די לייט האבן מיט קינאה געזאָגט, אַז לייזער איז טאַקע גערעכט, ווארעם אויפן דנאָ פון גרוב איז געלעגן דאָס שטרוימיסט, וואס די בהמות און עופות האבן דאָרט איבער־געלאָזט, און דאָס האט אַ ביסל געשמעקט מיט ווארעמער, זויערלעכער היימ־לעכקייט, מיט פאַרלוירענער באַלעבאַטישקייט, מילדער געמאַכט די לײדיקע פוסטקייט, וואס האט ווי אַ מילשטיין אזוי שווער געהויערט איז אַלע אַנדערע געחרובטע יידישע שטעטלשטיבער.

אַז לייזער איז אַצינד פאַרטיק געווארן מיטן נייען די טאָרבע, האט ער זי באַדעכטיק אַנגעמאַסטן. ס׳איז געווען אַ טיפע און ברייטע טאָרבע, געמאַכט פון דעם גראָבן זאַק, וואס לייזער דער דאָרפגייער פלעגט אים טראָגן אויף די פּלייצעס פול מיט סחורה — פלאַקס, תבואה, פעל און אַלט אייזנוואַרג, דעמאָלט ווען ער פלעגט גיין האַנדלען איבער די דערפער און פאַרדינען פרנסה. מיט אַ פריידיקן שמייכל און לייטזעליק צעשאָקלטן קאָפּ, ווי מען באַטראַכט אַ מענטש וואס טוט אָן אַ ניי יום־טובדיק מלבוש, מיט איין אויג האַלב צוגע־מאַכט פון וואונדער, האט די יידענע באַטראַכט דעם מאַן מיט דער טאָרבע:

— איי, איי, איי, נישט אומזיסט איז ער אַזאַ בריה. וואס האט ער עפּעס אין זינען צו טאָן, לייזער? — ס איז געווען קלאָר, אַז ער האט היינט בדעה צו גיין ערגעץ אין דאָרף אַריין עפּעס האַנדלען. ווארעם וואס ווען טאַקע זיין

דער סוף? מען קאָן דאָך נישט נעמען און אויסשטרעקן די קאַפּעטעס, האַ, וואָס? איאָ, אַז מען טוט עפּעס, העלפט גאָט. דער אייבערשטער וועט נישט פאַרלאָזן. שיינדל האָט פרום אַ וויש געטאָן מיט די פינגער דעם שניי אויפן אַנגעפרוירענעם פענצטערשייבל, און באַגלייך דער געאייביקטער ביטחון וואָלט זיך ווי אַ פייערפונק צעפלויגן אין אַלע געחרובטע שטיבער און אַריינגע־דרונגען אין די הערצער פון די אָפּהענטיקע אָרעמע לייט, האָט זיך אַז עפּן געטאָן די אייז אַנגעוואָקסענע טיר מיט אַ שווערן קרעכץ, און ס'איז אַריין געקומען אַ היימישער מענטש, שלום בער, אין לאַנגן, צעפליקטן טיזליק, די הענט אין די אַרבל, די פּליצעס געבויגן, די געדיכטע באָרד אָפּגעווייסט פון פראָסט:

— גוט מאָרגן. אַ... אַ מחיה, דאָ איז דאָך טאַקע עפּעס אַ גן־עדן, ס'איז וואַרעם אין שטוב.

— אַ גוט יאָר. זע נאָר, שלום בער, ס'קאַצל קומט, ווו גייסטו ערגעץ? וואָס הערט זיך עפּעס אין דרויסן, האַ? ס'איז קאַלט איאָ?

— איי, איי, איי אַ קרירה... נישטאָ ווו צו גיין, סיידן אין דער ערד אַריין, שונאי־ישׂראל.

די לייזערקע האָט זיך גאָר דערפרייט מיטן היימישן ייִדן, גלייך זי וואָלט דערזען משיחן. וואָרעם שייקע, דער זון, איז שוין עטלעכע טעג נישט געקומען אַהיים, פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין די שטעטלעך ביי זיינע מיסחרים, און מען האָט נישט געהערט פון דעם יונג קיין סלעד און קיין דעך.

— הערט איר, מענטשן, כ'וואָלט היינט געוואָלט גיין ערגעץ אין דאָרף אַריין. אפשר עפּעס האַנדלען, עפּעס פאַרדינען אויף פרנסה... ס'איז דאָך טאַקע שוין באַו מים צום גאָרגל. הערסטו, לייזער, אי וואַי, וואָלט עד מעד כוח געהאַט צו וואַשן צו אַ הייסן גראַשל מיט אַ פרישן פּידפּאַלעק, אויף מיין נאמנות... שלום בער האָט מחיהדיק אַ רייב געטאָן זיינע פאַרמאַזאַליעטע הענט, ווי דעמבענע קאָרע, און זיך געקוויקט פון זעט און תענוג, גלייך ער וואָלט שוין טאַקע געגעסן דעם געשמאַקן מאכל, אַזש אין די האָריק פאַרזונקענע אויסגעלאָשענע אויגן טוט אַ פּלעמל אַ פריידיקער ציטער.

— אַנו, ייִדן, טוט אַ ריר די זשאַבערעס. טאַקע זייער ווייל, אפשר וואָלט איר געגאַנגען בשותפות? האַ, לייזער, וואָס זאָגסטו? — מאַכט שיינדל, זייער צופרידן פון דער גוטער טרעפונג, און נאָר לייזערס געשטופּלטע נאָז האָט זיך אַנגעדרודלט מיט גרימיקן ברוגז, באַגלייך מ'וואָלט אים געוואָלט באַעוולהן.

ער האָט אַ קורצן, שווערן בליק געוואָרפן צום ווייב, אָפּגעמאַסטן זי פון אונטן אַרויף, מיט אַ האַרבן ירגזון:

— וואָס גייט דאָס עפּעס דער אָן, שיינדל, האַ? עד האָב פיינט, אַז ווייבער מישן זיך אין מיינע מיסחרים.

שלום בער האָט גוטמוטיק געשמייכלט מיט דער גאַנצער געדיכטער באָרד־האָריקייט פון זיין צעקנאָדערט פּנים:

— ניטע, לאָז אים געמאַך, שיינדל, סע־כע־כע, ער האָט שוין דעם טראַנק, דער מאַן דיינער. נו־נו, מען דאַרף מיט אים גיין מיט גוטן, ווי מיט אַ ווייך איי. איי, לייזער, לייזער, דו ווייסט גאָר נישט, וואָס ס'טוט זיך היינט אויף דער וועלט, וואָס ביסטו עפּעס געוואָרן אַזאַ רשע?? גלייב מיר, דער מענטש נעמט מיט זיך גאָר נישט אין קבֿר אַריין, נאָר מעשׂים־טובֿים נעמט מען מיט זיך אויף יענער וועלט.

— אַ, יאָ, יאָ, ביי זיין ליבן נאָמען טאָר מען זיך נישט איבערנעמען — האָט שיינדל אַ זיפץ געטאָן און אַנטשווּיגן געבליבן.

לייזער האָט מיט פאַרשעמטער חרטה אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— ווייסעד וואָס זיי דולן אים דעם ספּאָדעק דאָרט. וואָס טויג מיר שותּפים? אַליין איז די נשמה ריין, וואָס דער אייבערשטער באַשערט, איז גאָטס און דיינס.

שלום בער האָט פאַרדראָסיק אַ קראַץ געטאָן מיט אַ פינגער אין זיין געדיכטער באָרד, שווער פאַרקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט שוין אויכעט אַ ביסל ברוגזלעך:

— הערסטו לייזער וואָס עכ'ל דיר דערציילן, ביסט אַ גרויסער נאַר, כ'לעבן. דו ביסט טאַקע, זאָלסט מיר מוחל זיין, אַ ייִד אַ מלמד. אָט וויל ער נישט בשותּפות, גלייך ס'איז דאָ ווּ צו גיין און ווּ צו פאַרדינען אַ גריצער. דו מיינסט אפֿנים, אַז ס'איז אַמאָליקע צייטן ביים קייזער פראַנץ יאָזעף? ס'איז היינט אַ מהומה אויף די גויים, מיט אַ מלחמה, מיט רדיפות... מ'וואָרגט דעם ייִד. אַמאָל, אַז מען איז אַרויסגעגאַנגען אין דאָרף, האָט מען געקויפט אַ בינט פלאַקס, מיט אַ קאָרץ תּבֿואה, מיט אַ קעלבן פעלעכל, האָט מען יאָקאַש אַרויס־געשלאָגן דריי זעקסער ריווח. אָבער היינט? וואָסער גוי וועט דיר פאַרקויפן פלאַקס מיט תּבֿואה? סיידן אַ משוגענער. זיי האַנדלען אַליין, די גויים, רייסן אַרויס דעם ייִדן דעם ביסן פונעם מויל, טרייבן פון די שוועלן, שלאָגן און יאָגן — אַ שרעק... אַ־אַ־אָ—ד, יאָ, יאָ, אַ שיין שטיקל צייט האָט מען זיך דערלעבט, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, וואָס פרעגסטו, כאַטש נעם די ציין און לייג זיי אויף דער פּאָליצע. נאָר גאָרנישט, אַז מען גיין אין איינעם איז היימלעכער... כּוויים, קום, קום לייזער. אפֿשר פאַרט וועט דער אייבערשטער עפּעס באַשערן... ס'איז דאָך שוין נישטאָ, זאָלסט זאָגן, אַ שטיקל ברויט אין שטוב. ער זאָגט דעם אמת, ס'איז שוין טאַקע קריעת ים־סוף. זיין טאָכטער, עלקע, האָט געהאָט ביי דער ישׂראַלעכע אַ ביסל גענייי, האָט זי פאַרלוירן די אַרבעט. דאָס מיידל ברענגט נישט מער אַהיים קיין גריצער פאַרדינסט. אין שטוב איז קאַלט, חושך, ס'וויב ליגט מיט געשוואָלענע פיס.

— נו, פון מיינעטוועגן זאָל זיין בשותּפות. מילא, אַז דו האָסטעד איינגע־שפּאַרט — האָט לייזער זייטיק אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ מיט פאַרבאַרגענעם רחמנות — הלוואַי מ'זאָל אונדז ביידן נישט אָנברעכן ערגעץ די ביינער... נו, גוט, לאָז זיין אַזוי, וועט מען גיין בשותּפות. און לייזער האָט אויפגעהויבן

אַ פאַרטראַכטן בליק צו דער געהויקערטער סטעליע, אויף זײַן סענקאַטן פּנים האָט זיך געלייגט אַ טונקעלער שאָטן פון פאַרבאָרגענעם פּחד, גלײַך ער וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס אַ ביטערן נסיון.

אויבעט שלום בער האָט פּלוצעם אַ שווערן קרעכץ געטאָן. זײַנע פאַרשמאַכטע האַריקע לעפּצן האָבן פאַרשטומט געציטערט, באַגלײַך ס'וואָלט גאָר נישט מעגלעך געווען מיט רייד אויסצודערציילן די טיפעניש פון די פאַרהאַקטע פּײַנען, אין די לײדיקע געדערעם האָט גרימיק געברומט דער הונגער. די לייזערקע האָט זיך אָזש דערשראָקן. ווי איז מיר, שלום בער, וואָס איז דיר... קערסט געבעד זײַן גוט הונגעריק. איאָ?... אַז אַך און ווי.

זי האָט זיך גיך ווי פאַרגנבֿעט אַ פאָרע געטאָן בײַ די טעפּ אין רובע־ווינקל און באַלד אונטערגעטראָגן שלום בערן אַ גרויסע ערדענע שיסל פאַרענדיק געקעכץ:

— נאַ, שלום בער, זעץ דער צום טיש, נעם מאַך המוציא צום ברויט, פאַרזוך נאָר אַ ביסל בולבע יושקע, וועסטו דיר אונטערלענען ס'האַרץ. נעם עס אַ ביסל אָנבײַסן.

ער האָט אַ נעם געטאָן מיט ציטערנדיקע הענט, באַדעכטיק געבלאָזן, די וואַנצע־האָר אײַנגעטונקען אין הילצערנעם לעפל, גיך געשלונגען דאָס געקעכץ, און ס'האָבן זיך ווארעם גענומען רייטלען זײַנע בלייבע, אויסגעצוימטע באַקנביינער; אין די פאַרלאָשענע אויגן האָט אויפגעגלאַנצט אַ לעבעדיק פלעמל פון דערפרישטן חיות, און ער האָט זיך געקוויקט.

— אַ, אַ מחיה אַ ביסל וואַרעמס, כ'לעבן. אַזאַ גוט אָנבײַסן האָט ער שוין טאָקע לאַנג נישט געגעסן. אַז ס'איז דעם ייִד שוין גוט ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, האָט ער אָפגעווישט די באָרד, זאַט אָפגעאָטעמט און זיך אָנגערופן:

— נו, לייזער, איאָ, ווילסט מעד צונעמען פאַר אַ שותף? האַ? נו, לאָמיר גיין היינט אין איינעם, וועט זײַן פריילעכער.

לייזער האָט גאַווהדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן שווערן קאָפּ. ס'איז אים זייער ווילגעפעלן וואָס מ'האַלט אים פאַר אַזאַ גרויסן יחסן און מען בעט אים. ס'האָט זיך אים אָזש געגלוסט צו טרײַבן לצנות:

— פאַרשטייסטו מעד, שלום בער, טאַנצן, טאַנצט מען אין איינעם, אָבער עסן, עסט מען באַזונדער. כע, כע, כע.

שלום בער האָט זיך אויסגעגלײַכט אויסגעקנאַקט די פאַרהאָרעוועטע ביינער.

— יאָ, אָבי ער האָט געמיינט, אַז אָט־אָט און מען שטרעקט זיך שוין אויס אַז ס'איז שוין טאָקע עק וועלט. אַ מערכה, ס'איז אים אײַנגעפאַלן צו גיין היינט צו לייזערן, צו הערן, וואָס טוט זיך עפּעס נײַעס אויף דער וועלט. יאָ, דער דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל פאַרלאָזט נישט אַ ווערעמל אונטער דער ערד. ער האָט דערפילט הייסער דאָס פײַער פון ביטחון, וואָס האָט געשטאַרקט די נשמה, אויפגעריכט דאָס פאַראומערטע לעבן, וואָס האָט שוין

געגוססט ביי אים אין קאַלטן שטיבל, ווי אַ צאַנקנדיק ליכטל. און אַצינד האָט דער ייִד שוין איין זיין אויסגעלייטערטן דמיון געזען שטיין אַ פולע שטוב מיט אָנגעפּילטע זעק תבואה, פלאַקס און פעל, וואָס מען וועט האַנדלען היינט אין דאָרף בשותפות מיט לייזערן, סחורה און ריווח, ווארעמקייט און ברויט צו דער זעט. און ס'האָט זיך אים שוין געגלוסט צו דערציילן אַ שיינע מעשה פונעם מדרש, ווי אַזוי איינער אַ גרויסער תנא פונעם חרוב־געוואָרענעם ירושלים איז אַמאָל פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט צו אַ האַר קיין מצרים, האָט ער געבעט זייער געוויינט, דער תנא, און זיינע טרערן זענען אַריינגעפאַלן אין דעם בעכער וויין, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם האַר. אָבער פּלוצעם האָט גאָט געטאָן אַ נס...

די לייזערקע האָט אונטערגעהויבן דאָס פאַרחושכטע פּנים פון נחת.

— נו, ייִדן, גיכער, איילט אייך, דער טאָג שטייט נישט. גייטס און קויפטס צוויי טכוירן, אַז גאָט און לייט זאָלן אונדז מקנא זיין. נישקשה, איר קאָנט נאָך אהיים ברענגען אַ קאָרץ קאָרן מיט צוויי גענדז.

— יאָ, יאָ, — האָט שלום בער לייטזעליק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווודען, מ'עט איינלייגן אַ וועלט.

מיט דער פריידיקער היימישקייט פון ייִדן, גוטע פריינד, האָט שלום בער נאָכן עסן מיט ביידע הענט אַרומגענומען די וואָרעמע רובע, גלייך ער וואָלט זי געוואָלט צודריקן צום האַרצן, ווי אַ געליבט נפש. און ער האָט אַ לאַנגן און דערלייזנדיקן זיפץ געטאָן פון טיפסטן האַרץ אַרויס, די פאַרדאַגהטע נאָז האָט זיך צעשיינט מיט געריייטלטן גלאַנץ. ער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און אַצינד האָט ער ערשט דערזען לייזערס טאָרבע ליגן אויפן טיש, גרויס, ניי און לידיק אָנגעברייט צו שפע, און ער האָט נישט געקאָנט אַפּריסן דעם מבינותדיקן בליק פון איר. ס'האָט זיך דעם אָרעמאַן אויסגעדאַכט, אַז די ישועה איז שוין געקומען. ניין, ווי אַזוי גאָט ברוך הוא פירט זיך דאָס זיין וועלטל איז טאַקע גאָר נישט צו פאַרשטיין מיט מענטשלעכן שכל. נסים ונפלאות. אַ שיין ביסל מציאות קאָנען אַריין אין דער טאָרבע... לייזער האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט, געקראַצט דעם קאָפּ, געברומט און געדרייט זיך ווי אַ ברוגזדיקער מחותן. ער האָט נישט געקאָנט גלאַט אַראָפּשלינגען דעם ווייבס האָפערדיקע רייד, ער איז שטיין געבליבן פּלוצעם גאָר נאָענט און אַ גרימיקן קוק געטאָן איר גלייך אין די אויגן.

— הערסטו, שיינדל, מילא דעם קאָרץ קאָרן איז ער איר שוין מוחל, אָבער וואָס וועסטו טאָן אַ שטייגער מיט די גענדז? וועסט זיי איינמאַכן אין זויערן, האַ? צי וועסט זיי אפשר אויפעסן? ביי איר איז נישט קיין מלאכה... טאַקע כדאי זיך איינצושטעלן ס'לעבן...

— נו, וואָס זשע ווילסטו, לייזער? פון מיינעטוועגן וועסט מעגן פאַרקויפן מיט היזק. זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ ווי אַ קוואָקע מיט ירגזון:

— עד דארף דײַנע געגדז אויף כּפּרות, לייזער, מיט דיר אין איינעם, מײַנע שׂונאים.

שלום בער האט געפּרוווט שלום מאכן:

— שאַט, שאַט, מענטשן, נו קריגט איַך נישט. מען דארף זײַן ליבן נאָמען נישט פרעגן קיין שאלות, ער ווייסט שוין אַליין וואס ר'האט צו טאָן... מילא אַז מ'שטעלט נישט אײַן, נעמט מען ניט אַרויס. לאָז זײַן געגדז מיט קאַטשקעס, מיט אינדיקעס, אַבי געזונט.

די קעפּ האָבן זיך שווער און פאַרשטומט אַראָפּגעלאָזט. די אָטעמס זענען פאַרגליווערט געבליבן צווישן די בלייכע לעפּצן, גלײַך די ווידערשפּעניקע רייד קאָנען נישט פאַרטויבן די שרעקפּײַן פון דער נשמה, ווארעם די לײַט האָבן געוווּסט, אַז מען לאָזט זיך אין ווײַטן דארף אַרײַן מיט סכּנות נפשות. וויפל ייִדן, האָט מען געהערט דערציילן, זענען שוין אומגעקומען ערגעץ אין דער וויסטעניש פון פרײַען פעלד? אָדער מען ווערט דערפרוירן אין די שניי־גריבער, אָדער די הײַדאַמאַקעס, די רוצחים, דערהרגענען מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, ווען זיי כאַפּן אַ ייִד ערגעץ אין די דערפער.

פאַוואָליע האָט לייזער אָנגעטאָן די טאַרבע אויף די לענדן, אַראָפּגערוקט דאָס שעפּסנהיטל איבער די אויערן. שלום בער האָט פאַרגאַרטלט זײַן טיזליק מיט אַ שטריק, געגומען זײַן סענקאַטן שטעקן אין האַנט, ווי אָנגעבריײט צום וואַגלען אין עק וועלט.

מיט שווער באַלאָדענע געמיטער האָבן די שותּפים אויף דער שוועל אַ וויש געטאָן די מזוזה און פרום אַ קוש געטאָן די שפּיץ־פינגער:

— אַ גוטן טאָג.

— אַ גוט יאָר, גייט געזונטערהייט, ייִדן, זײַט מצליח און געפינט אַ כּשרע מציאה.

אין דרויסן זענען שוין געשטאַנען מענטשן, ייִדן און ייִדענעס, אין צעפּליקטע שפּענצערס, די קעפּ פאַרבונדן מיט שאַלן, גלײַך זיי זענען זיך צונויפגעקומען קוקן אויף עפּעס אַ וווּנדער, און מען האָט באַגלייט די צוויי דאַרפגייערס מיט פאַרכטיקע בליקן, ווי זיי וואָלטן אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין ווײַטע מדינות, הינטער די הרי חושך, וווּ ס'לאָקערן אויף די וועגן שלענג און עקדישן און פון וואַנען מ'קומט שוין נישט צוריק אַ לעבעדיקער. מ'האָט זיי לאַנג און שטום נאָכגעקוקט, ביז מען האָט די צוויי געהויקערטע געשטאַלטן פאַרלוירן פונעם אויג, און די שנייִקע ווײַטקייט פון טריב געגעפּלטן ווינטערטאָג האָט זיי פאַרשלונגען.

אין פרײַען פעלד האָט באַלד אַ זעץ געטאָן אַ שרײַענדיקע זאַווערוכע מיט צעשיטע שנייוואָלקנס. דער וואָיענדיקער אײַזווינט האָט געבלאָזן מיט צעקײַכטן קוויטש אין פּנים, געשניטן מיט שאַרפן פראָסט, ווי מיט מעסערס, געשמיסן די בערד און צעטיילט זיי אויף צוויי העלפטן, ווי פלאַסן בײַ אַ פיש. לייזער איז געגאַנגען פאָרויס, טיף געגראָבן מיט זײַנע גרויסע געקאָוועטע שטיוול,

ארומגעבונדענע מיט שטרוי, אין די ווייכע שניי־לעכער, אנגעבויגן געשפּאַנט מיט דער ליידיקער טאַרבע אויף די לענדן, און הינטער אים, אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, איז געגאַנגען שלום בער שווער צעאָטעמט מיטן ליידיקן זאַק אויף די פּלייצעס. איבער דער ווייט געשפּרייטער ליידיקייט פון ווייסן שנייִיקן פעלד האָט זיך נישט באַוויזן קיין שום טונקעלער פלעק, קיין שום לעבעדיק נפש:

— מ'זאָל כאַטש זען אַ הונט אין דרויסן! — האָט לייזער געברומט אונטערן נאָז, דאָס פּנים אין גאַנצן אַנגעוואַקסן מיט איַיזצוויטן.

— לייזער, געוואַלד, וואָס יאַגסטו אַזוי? וועסט פאַרזוימען דעם יריד? כ'האָב שוין נישט קיין כּוח צו היכען. אַי, אַי, אַי, — האָט שלום בער געשריגן אין וואַיענדיקן ווינט אַריַין — לויף נישט אַזוי, לייזער, הער נאַר, ווי אַזוי איז דאָס עפּעס געקומען אַזאַ בייזע ציַיט אויף ייִדן, האַ? זאָג נאַר, גאָט האָט טאַקע שוין פאַרגעסן ס'פאָלק ישראל? האַ?

— וואָס בעבעסטו דאָרט, כ'הער נישט אַ וואָרט, קום גיכער, מען דאַרף פאַרדינען אויף שבת — האָט לייזער נאָך העכער געשריגן, און די צעליאַ־רעמטע בערע האָט גריילעך פאַרצוקט זיַינע ווערטער פון די צעקרימטע ליפּן.

אין דער גראָער ווייסטעניש האָט זיך פון דער ווייַטנס אויפגעהויבן עפּעס אַ ווייַס בערגל ווי אַ לענגלעכער קבר. אַז מען איז נעענטער צוגעקומען, האָט מען דערקענט אַ גויִשע כאַטע, איַינגעפּעקלט אין שטרוי, איַינגעוואָרעמט אין זעט און פאַרדרימלט אין ווינטער־מנוחה. די קליינע, שיפּע פענצטערלעך, בלינד און געפרוירן מיט שנייפראָסט, האָבן פרעמד און אומהיימלעך אַרויסגעקוקט, ווי אויגן פון עפּעס אַ פרעמדער חיה, וואָס מ'קאָן זי נישט. געלויבט איז זיַין ליבער נאָמען — האָבן ביידע ייִדן אַ זאָג געטאָן — מען זעט שוין ב"ה אַ שטוב. אָבער איידער זיי האָבן זיך געלאָזט אַהין מיטן שנייִיקן פעלד, איז פּלוצעם פאַרן בליק אויסגעוואַקסן אַ רוטענער זעלנער לאַנג ווי אַ דראָנג, מיט אַ פאַרשנייטן ספּאָדעק ווי אַ וויַיסער בער אויפן קאָפּ און מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. אין לעדערנעם גאַרטל, אויף דער ברוסט פון לאַנגן מאַנטל, האָבן געשטעקט פּאַטראָנעס, אַ קרומע שווערד איז געווען אַנגעגורט אויף די לענדן. ער האָט געהאַט אַ רויטע נאָז ווי אַ בוראַק און אַ האַלב צעהאַקטע מאָרדע.

— האַלט, שטיין בליַיבן — האָט ער בייז אַ געשריי געטאָן און אַנגעשטעלט דעם שפּיז פון דער ביקס לייזערן צום בויך:

— וווּהין גייט איר, זשידעס? הע, פאַרשאָלטענע, ס'געלט גיט אַהער. גנבים, אַלצדינג אַהער געבן, ס'גאַנצע פאַרמעג, וואָרעם כ'וועל דערשיסן אויף טויט.

— האַ, וואָס, וווּהין זאָלן מיר גיין — האָט אים שלום בער געענטפערט — מיר גייען נישט אין ערגעץ. אין דאָרף אַריַין גייט מען, גוטער מענטש, אַז ס'זאָל דיר שוין פוילן ס'דרויב, כ'לעבן.

— דאַ טאָר מען נישט גיין. ס'איז פאַרבאָטן, — האָט דער זעלנער געגומען שריַיען מיט אַ טויבן קול ווי אַ צערעוועטער אָקס.

— וואָס הייסט מען טאָר נישט — האָט לייזער געבייזערט מיט גיכע הילכנדיקע רייד און אויכעט מיט אַ רויט־צעפּלאָמטער נאָז פֿון צאָרן — וואָס הייסט מען טאָר נישט? האָט מען שוין געהערט אַזאַ טענה פֿון אַ גוי אַ גנבֿ... מיר גייען עפּעס, חלילה, גנבֿענען, צי ראַבעווען, צי וואָס? מיר גייען האַנדלען, אפֿשר וועט מען קויפֿן ביי גוטע מענטשן אַ מעסטל בולבעס, אַ שאָק הייפּטן־קרויט, אַ ביסל אַרבעס, אַ קאָרץ קאָרן. מען דאַרף דאָך עפּעס לעבן — צי נישט — אפֿשר פֿלאַקס, געגרז?

— צו דער כאָלערע, ייִד, היינט טאָר מען נישט האַנדלען, זאָגט מען דיר... ס'איז פֿאַרבאָטן, הערסט נישט? נישטאָ קיין קרויט, נישטאָ קיין אַרבעס, נישטאָ קיין קאָרן. — פֿאַר ייִדן איז גאָר נישטאָ... אַ ניכיי שלאָק טראַפּי, זשידי... — האָט דער זעלנער געשריגן און נישט אַוועקגענומען די ביקס פֿון לייזערס בויך — ס'איז אונדזער מלוכה. ייִדן אַרויס פֿון אונדזער לאַנד. אַלע נישט געצאַלטע אויסקוילען... באַטקאָ פּעטליורע שעכט שוין...

— וואָס הייסט ס'איז פֿאַרבאָטן? — האָט לייזער גענומען שרייען נאָך העכער אין טויב צעליאַרעמטן ווינט אַריין; פֿון זיינע צעקרימטע לעפֿצן אונטער די אייז־צעפּלעד פֿון דער וואָנצע האָט געבלאָזן מיט ווייסע פּאַרע־וואָלקנדלעך — איך גיי עפּעס דאָ דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס? איך גיי שוין דאָ אַזוי קיין עין־הרע פֿופֿציק יאָר. קומסטו פֿלוצעם, דו חזיר־ווידל, און זאָגסט: מען טאָר נישט... עד ד... דיר אין דער מאַמען אַריין, דו הינטישער זון, וואָס דו ביסט, ווער פֿרעגט דיך? וואָס פֿאַר אַ רעכט האָסטו נישט צו לאָזן גיין היגע באַלעבאַטים וווּ מען וויל? הפקר אַ וועלט, צי וואָס? עד זעץ דיר אוים די ציין.

דער בייזער ווינטשטורם האָט אַלע מאָל אַ שמיים געטאָן אַ שנייוואָלקן אין די פּנימער, פֿאַרשלונגען די רייד פֿון די פּראַסטיק אפּגעווייסטע מענטשן. דער זעלנער האָט אַליץ געשריגן זיינם מיט אַ נאַסער, רויטער נאָז, אונטערטאַנצנדיק אויפֿן אָרט מיט די גרויסע שטיוול צו דערוואַרעמען די פֿים.

— העי און אַ „פּרעפּוסטקע" האָט איר, ייִדן? אַן אַ „פּרעפּוסטקע" לאָזט מען נישט גיין אין דאָרף אַריין.

לייזער האָט אַ וואָרף געטאָן אין דער לופֿטן:

— האַ? וואָס זאָגסטו, אַ „פּרעפּוסטקע"? ווּ נעמט מען „פּרעפּוסטקעס"?

— אין דאָרף ביים וואָיט — האָט געשריגן דער זעלנער.

— לאָז זשע אונדז גיין אין דאָרף אַריין, וועלן מיר נעמען אַ „פּרעפּוסטקע", האָט געשריגן שלום בער. ער האָט פֿון ווייסער בלענדעניש קוים וואָס געפּינטלט מיט די אָנגעפֿרוירענע אויגנלעדלעך.

— אַן אַ „פּרעפּוסטקע" טאָר מען נישט גיין אין דאָרף אַריין, ייִדן, איר פֿאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אייך? נישט געצאַלטע שאַבריינעס, וואָס איר זענט. כ'וועל אייך ביידע דאָ דערשיסן.

— הערסט רייד פון אַ גוי, אַ חזיר — איז שלום בער אַזש אונטערגעשפּרונגען פון ווּנדער, — האָט מען שוין געהערט אַ טענה פון אַ כּלבֿ? לאָז נאָר מער, לייזער — זאָג נאָר דו קלאָץ איינער, ווי אַזוי זשע זאָל מען נעמען דאָס צעטל בײַם וואָיט, אַז דו לאָזט נישט גיין אין דאָרף אַרײַן — האַ? אַפּנים, דו האָסט אַ קאָפּ פון אַ פערד. וואָס הייסט עפּעס — וועסט שיסן? מען מעג דען הרגענען מענטשן? האַ?

לייזער האָט אונטערגעהויבן זײַן שווערן קוליק און גענומען זיך רוקן נעענטער צום שייגעץ מיט אַ גרימיקער וואָרענונג אין די פּאַראַיִזטע אויגן:

— הער נאָר, דו חזירשע מאָרדע, ווילסט כ׳זאָל דיר דאָ אָנברעכן די ביינער? אָט אַ זעסטו מיט דעם קוליק...

— אַז מ׳זאָגט, מ׳טאָר נישט — טאָר מען נישט... פאַרשטייסטו, ייִד? איך בין אַ קאַפּראַל און היט דעם וועג, אַז ס׳זאָלן ניט גיין קיין ייִדן.

— גיי בעסער אַהיים, וואָרעם כ׳צעטרען דיר דעם בויך. אָט אַ זעסטו, אַזוי מיטן ביקס. איך שטיי אויף דער וואַך... ס׳איז אונדזער מלוכה — שרײַט דער זעלנער זײַנס.

— לייזער, לאָז מער דבֿרן מיטן כּלבֿ. לאָז ער ברענען מיט זײַן מלוכה אין איינעם. שוין אַ רעכטע מלוכה מיט רעכטע באַלעבאַטים, מ׳דאַרף אים עפּעס אַרײַנרוקן אין יד אַרײַן — האָט שלום בער געשריגן צו לייזערס אָנגעפּרוי־רענעם שעפּסנהיטל, דאָרט ווו ס׳באַדאַרף זײַן דאָס אויער — הערסטו, לייזער, מיט בייזן וועסטו גאָרנישט אויספירן, נאָר מיט גוטן... לאָז ער ווערן די כּפּרה פאַר כּל ישׂראל.

און ער האָט גענומען גוטמוטיק אײַנטענהן מיטן שייגעץ.

— הער נאָר, דו זעלנער, וואָס רעדסטו עפּעס נאַרישקייטן, גוטער מענטש, קענסט אונדז נישט צי וואָס? מיר זענען צוויי ייִדן, אַלטע באַלעבאַטים פון ראָזדינע, סוחרים, דאָרפגייער. מען דאַרף עפּעס פאַרדינען, מ׳דאַרף לעבן. אפשר האָסטו עפּעס צו פאַרקויפן — אַ פעלכל, אַ בינטל פלאַקס, אַ קעלבל. מיר וועלן גוט באַצאָלן, נאַרישער גוי. נאַדיר צוויי זעקסער אויף אַ טרונק בראָנפן און לאָז אונדז גיין אין דאָרף אַרײַן נעמען בײַם וואָיט אַזאַ צעטל, הערסט? אַז ס׳זאָל דיר פוילן ס׳דרויב און ס׳זאָל דיר פגרן די מאַמע, נאָך הײַנט.

— ניין נעמאַ... גאָרנישט, ייִדעלעד, גייט אַוועק פון דאַנען גיכער, אַז אַ צעטל טאָר מען נישט גיין ווײַטער, וואָרעם כ׳נעם שיסן. ער האָט באַהאַלטן די מטבע אין קעשענע און גיך אָנגעשטעלט די געלאָדענע ביקס מיטן פינגער אויפן צינגל, גרייט אַ דריק צו טאָן, אַז די וועלט זאָל געצונדן ווערן מיט בליץ פון פײַער און טויט.

— האָב אים אין דער אַדמה, לייזער, קום בעסער, וועלן מיר זיך אומקערן אַהיים, ווײַל ס׳פאַלט צו די נאַכט, זאָל ער זײַן די כּפּרה, דער כּלבֿ. מילא אַז ס׳איז נישט באַשערט. זעסטאָך, אַז די וועלט איז פאַרשטעלט.

שלום בערם פּליצע מיטן לידיקן זאַק איז געווען שווער געהויקערט, ווי באַלאָדן מיט דער שטומער פּיַין פון דורותדיקן באַדרענג. נאָר לייזער האָט זיך נישט געוואַלט אומקערן אַהיים מיט דער לידיקער טאָרבע. זיַין געשטאַלט האָט זיך אַ שטרעק געטאָן מיט פּאַרעקשנטער גבורה. זיַינע פאַרשפּיצטע באַקנביינער האָבן אַ פלאַקער געטאָן מיטן האַרבן גרימצאָרן פון פאַרשוועכטן גערעכט:

— וואָס הייסט, ער לאָזט נישט גיין דער המן, ס'איז עפּעס זיַין וועלט צי וואָס? — האָט לייזער אַ געשריי געטאָן מיט געוואַלדיקן קול, ווי אַ דונער־זעץ פונעם הימל. און דער ייִד האָט זיך מיט אויפגעהויבענע געביַילטע הענט געוואָרפן אויפן שייגעץ. זיי האָבן זיך שווער געראַנגלט מיט די לייבער, גע־שטויסן מיט די קעפּ, ווי ביקעס, געשליַידערט און געוואַלגערט זיך מיט צע־קיַיכטע כּעס־אָטעמס אויפן שנייפאַרשיטן פעלד, ביז זיי האָבן זיך אַראָפּגע־קיַיקלט מיטן אַפּשיט ערגעץ אין אַ געטיפטן גרוב.

אַז לייזער האָט זיך אויפגעהויבן און אַפּגעמינטערט, איז ער שוין געווען איינער אַליין. ער האָט נישט דערקענט די געגנט און געבלאָנדזשעט אין דער וויַיסער שנייוויסטעניש מיט קלאַציק שווערע פיס און פינצטערניש אין די אויגן. ס'האָט טרוקן און שוואַרץ געבלאָזן מיט בלינדע שנייבערעס, ווי מיט איַיזן נעהאַקט און פאַרכאַפּט די אָטעמס, און דער פראָסט האָט פאַרשטאַרט די אבֿרים מיט איַיזיקן גליווער. דער שניי האָט געפלאַמט מיט שטעכיקן פיַיער און שריַיענדיקן ווינטשטוים. ער איז געווען אַפּגעשיט מיט טויטער וויַיסקייט, ווי אַ מת אין תּכריכים.

ער האָט געבלאָנדזשעט אין אויסגעהאַקטע וועלדער, געשטרויכלט איבער צע־קנאָדערטע וואָרצלען, צעשטאָכן ס'פּנים אין דערנערקוסטעס, געפאַלן אין גריבער פולע מיט מתים־שאַרבנס, געזונקען אין געפרוירענע זומפּן און זיך אין אָטעם געדראַפּעט אויף שאַרפשפּיציקע שטיינפעלדזן. דער געפרוירענער טיַיך האָט זיך איַינגעבראָכן אונטער די פיסטריט. ער איז אַריַינגעפאַלן אין וואַסער און קוים זיך אַרויסגעדראַפּעט פון די איַיז־לעכער. דאָס לייב האָט געפּאַרעט אונטער דעם פאַרנעצטן און גיך געפרוירענעם טיזליק, גליַיך עס וואָלט געברענט פון אינעווייניק און ס'האָט געזעצט פון אים אַ רויך. פון וויַיטנס האָט שרעקיק געצויגן, געיאָמערט דער גרויליקער געוואָי פון אַ הונגעריקן וואָלף, ביז דער געכמאַרעטער אוונטטונקל, שווער און גראָ ווי איַיזן, האָט פּאַוואָליע פאַרצוקט דעם קורצן ווינטערטאָג.

זיַין לידיקע טאָרבע איז געווען שווער אָנגעבלאָזן מיט ווינט, גליַיך דער ייִד וואָלט אין איר געטראָגן די לאַסט פון דער וועלט.

אַז לייזער איז פּלוצעם אָנגעקומען צום בערגל־שיפּוע, איז ער אָנגעבויגן אַריַין אין שטוב און שטומשוויַיגנדיק אַ שאָקל געטאָן דעם באָרדיקן קאָפּ, גליַיך דער פאַרהוילענער סוד פונעם בוראָס ווילן איז צו אים ערשט היַינט אַנטפּלעקט געוואָרן.

אין טונקעלן ווינקל האט ער פרום אפגעדאוונט מינחה און מעריב, און דער קאפ האט זיך ביי אים שווער אראפגעלאזט ווי ביי אן אבל. שיינדל האט אים מורא געהאט אויסצופרעגן. זי איז שטיל געזעסן פארהילט אין דער שאל און מיט שוואכן אטעם צרהדיק געבלאזן אין די געפרוירענע הענט. די שטוב איז ווידער געווען אנגעפילט מיט א רויכוואלקן.

וויסט צעקנאדערט און ווי חרפהדיק צעפליקט אין טונקעלן שאטן־גליוועד, האט זיך לייזער געגעענט צו דער גרוב מיט עפעס א בייזן ווונדער, גלייך ער וואלט זי איצט צום ערשטן מאל דערזען אין מיטן שטובערד. אין דער טיפע־ניש, האט זיך, געל ווי שוועבל און שווארץ ווי פעך, געביילט א געדיכטער נעפלרויך, גלייך ס'וואלט דארט געזאדן און געברענט אין אינגעווייד פון דער וועלט. מיט גרימיק צעאקערטן שטערן האט דער ייִד פלוצעם א שפיי געטאן אין דער פינצטערער צערויכערטער טיפעניש ווי אין אפגרונט אריין.

— אהי זאל דאס ווערן... זע נאר וואס איז דאס... נאדיר גאר א גרוב צו מיינע צרות... מען דארף זי בעסער פארשיטן — און שוין.

# די אַלטע שטוב

מיטן טונקלגראָ־פֿאַרכמאַרעטן טאָג, באַגין, האָט אַ בלאָז געטאָן אַ וואַרעמער דעמפּער ווינט. דער שניי אין דרויסן איז געוואָרן געל און צעקנייטשט ווי אַן אַלט פּנים. דער אָפּגעלאָזטער פֿראָסט איז גערונען מיט דיקע טרערן פֿון די פֿענצטער־שויבן, געטריפֿט פֿון די פֿאַרשנייטע דעכער מיט קויטיקע וואַסערלעך. די אײַז־צעפּ פֿון די סטריכעס האָבן זיך געבראָכן, זענען אַראָפּגעפֿאַלן. געדיכטע נעפּלען האָבן בלינד גע־רייכערט און פֿאַרהילט די ערד מיטן הימל אין אַ גראָען, נאַסן געקנויל ווי מיט אָנגעוווייקטע זעק, אַז ס'האָט ביַיסיק גענעצט די פּנימער און געפֿינצטערט אין די אויגן. ס'האָט באַלד אַ גאַס געטאָן אַ דיקער, בייז־צעבראָמטער רעגן, וואָס האָט געפּויקט אַ גאַנצע נאַכט, ווי האָגל אין די פֿענצטער. ביַי טאָג האָט זיך דער רעגן נאָך מער געשטאַרקט, געגאָסן מיט צעבערס, פֿאַרפֿלייצט די גע־טונקלטע וועלט מיט אָנגעדראָלענע וואַסער־ריקעס און צעקנאָטן די בלאָטע מיטן שניי אין אַ געדיכטן, שוואַרצן שליאַם. די שטיבער האָבן זיך געהויקערט אין די פֿאַרגאָסענע וואַסערן ווי צעווייקטע נעסטן, און די פֿאַרנעצטע מענטשן אין דרויסן זענען מיט זייערע פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול געזונקען ביז איבער די קני אין די טיפֿע, קוויטשענדיקע וואַסער־לעכער.

צום ערשטן איז אײַנגעפֿאַלן דעם קרומען שמואליקס שטוב. די ווענט האָבן זיך אַנידערגעזעצט און ס'איז געוואָרן פֿון זיי אַ קופּע נאַס ליים, מיט אַ צעבראָכענעם שינדל־דאָך.

מען האָט דערציילט, אַז דער קרומער שמואליק האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין דער ווײַבערישער שול. מען האָט אים געזען אַ הינקענדיקן, אַז אויסגעווייקטן, טראָגן די פּעק מיט די בעבעכעס אויפֿן קאָפּ אין שול אַרײַן. פֿון הינטן איז נאָכגעגאַנגען דאָס ווײַב אין דער שאַל, באַלאָדן מיט כּלים און טעפּ, און די צוויי קינדער, קליינע מיידעלעך מיט נאַסע צעפּלעך און באָרוועסע, געריטלטע

פּיסלעך, אין גרויסע, צעריסענע טשיזמעס. זיי האָבן אויכעט געטראָגן בעבע־
כעס אויף די קעפּלעך.

— אַי, אַ בראָך, שמואליק, זע נאָר אַ וויסט לעבן, לאָמיר בעסער שטאַרבן
און שוין — האָט אַלע מאָל שמואליקס ווייַב חיה־שׂרה אַ ביטערן געשריי
געטאָן אין רעגן אַרייַן.

— גיי, זייַ נישט קיין נאַר, וואָס אייַלסטו דער אַזוי צו שטאַרבן? האַ?
גלייב מיר, אַז דעם מלאך המוות פאַרזוימט מען נישט. לאָמיר בעסער
נעמען און צורעכט מאַכן די שטוב, — האָט שמואליק געזאָגט מיט זייַן
גוטמוטיקן שמייכל אין אונטערגעהויבענעם שיטערן בערדל.

ער האָט אַרייַנגעפּאַקט דאָס ווייַב מיט די קינדער אין בוידעם־ווינקל פון דער
ווייַבערישער שול, צווישן די שטויביקע קופּעס שמות, און אַליין האָט ער
אָנגעהויבן אַרומצוגיין, מיט אַ בלאָלעך רויטער נאָז פון נעץ און באַדרענג,
איבער די שטיבער בעטן מען זאָל קומען אים העלפן צורעכט מאַכן זייַן
אייַנגעפאַלענע שטוב־חורבה.

— ייִדן, טוטס אַ מצווה, נו, קומט העלפט מיר אויפשטעלן די שטוב, כ׳האָב
דאָך נישט וווּ צו וווינען. מ׳קאָן דאָך נישט וווינען אין דער ווייַבערישער שול
אויפן בוידעם, נו?

מען האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ חסר־דעה.

— ס׳טייַטש, וואָס רעדסטו, שמואליק? אין אַזאַ דרויסן? אין אַזאַ גאָס
רעגן? ווער קאָן זיך דען אַ ריר טאָן פון דער שטוב, הא?

אָבער שמואליקס נעלע אויגן האָבן בעטנדיק געפינטלט מיט אַזוי פיל צער,
אַז ס׳האָט געריסן דאָס האַרץ פון רחמנות. ייִדן, היימישע לייַט, זענען
געגאַנגען טאָן אַ מצווה. דער פעטער לייזער מיט זייַן זון שייַקע, דער שוואַרצער
לייבע, דוד קאַזליק, מנחם מיט זייַנע צוויי זין יאָסל און סענדער, מעכל דער
סטאָליאַר. די עלטערע לייַט מיט אויסגעוויקטע בערד, די יונגען מיט געריטלטע
פאַרנעצטע פּנימער, האָבן זיך געפּאַרעט בייַ דער חורבה, געגראָבן און געהאַקט
און געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. מען האָט אַרויסגעשלעפּט די צעבראָכענע בעלקעס
פון דער קופּע ליים, געשלאָגן פּלעקער מיט דער האַק, און אין גאָס רעגן האָט
מען אויפגעשטעלט די רישטאָוואַניע און מען האָט גענומען אַרייַנשלאָגן
לייַסטלעך פאַר די ווענט. מען האָט געזען דאָרט די אָנגעבויגענע ייִדן, פאַר־
שוואַרצטע פון בלאָטע, האָווען אַהין און אַהער, ווי מוראַשקעס אין אַ צע־
שטערטער נעסט.

פריִער, איידער שמואליקס שטוב, אין עק פון דער גוייִשער גאַס, איז אין רעגן־
גאָס אייַנגעפאַלן, איז דער אָרעמאַן פאַרט געווען אַ שטיקל באַלעבאָס מיט
זייַן בידנער פּרנסה. גויִים פלעגן קומען צו אים אין שטוב אַרייַן קויפן אַ
טאַלפּן זאַליץ, אַ פודעלע שוועבעלעך, אַ טרונק בראָנפן מיט אַ פאַרדאַרטן
זעמל פאַר אַ גרייַצער, וואָס זייַן ווייַב האָט אַליין געבאַקן אין אויוון צום
פאַרקויף. שקצים פלעגן אים אַפּטאָן שפּיצלעך, אונטערצינדן דעם דאַך,

אויסזעצן אַ שויב און אין מיטן נאַכט האָבן זיי געקוויטשעט הינטער דער דרויסן־טיר, נאָכגעמאַכט קולות פון חזירים און הינט, געקרייט ווי הענער, געשריגן, גערעדט ניבול־פה ווערטער, געלאַכט מיט צעהירזשעטע קולות און געשפעט פון דעם „זשיד". אַפּט האָבן זיי אים אַרײַנגעוואָרפן אַ געפּגרטע קאַץ דורכן פענצטער אין שטוב אַרײַן.

דעם קרומען שמואליקס אויגן זענען תמיד געווען קאַליע, געריטלט און אָנגעגאָסן מיט טרערן־וואַסער און זײַן געבויגענע נאָז האָט באַקומען אַ בלאָען, גלאַנציקן שפּיץ. ער האָט ליב געהאַט, פאַרגנבעט פאַרן ווײַב, זיך צוצוכאַפּן צום באַנקעלע בראַנפן און אַ זופּ טאָן. דער ביטערער טראָפּן האָט אים מחיהדיק אַ ברי געטאָן אין די געדערעם, אָנגעפילט אַ רגע די געפּלאָגטע נשמה מיט אַ שיין פון זויערער פרייד און זײַנע צעקרימטע ליפּן האָבן שטענדיק געשמייכלט. סענדער מנחמס פּלעגט מיט אים אין מאַרק מאַכן אַ שפּאַס:

— נו, וואָס הערט זיך, שמואליק, ווי גייען די געשעפטן? פאַרדינסט עפּעס אַ סך געלט?

— געלויבט איז גאָט דערפאַר, כ'האָב היינט געגעבן צו לייזן מײַן ווײַב צוויי גרײַצער פאַר אַ טרונק בראַנפן.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט סענדער געלאַכט מיט אַ פול מויל ווײַסע ציין — ווערסטו דאָך טאַקע ווערן אַ גביר, שמואליק.

די לײַט האָבן פון אים געשפעט, נאָר שמואליק האָט גוטמוטיק געשמייכלט מיט דער בלאָער נאָז־שפּיץ, מיטן קורצן שיטערן בערדל און מיט די פאַר־טרערנטע אויגן און זײַן גאַנץ פּנים האָט אויסגעזעען ווי צעשײַנט מיט עפּעס אַ ווײנענדיקן געלעכטער.

אַז די שקצים פון דער לאַנגער גוייִשער גאַס האָבן געזען, ווי ייִדן האָבן צוריק אויפגעשטעלט די רישטאַוואַניע פון שמואליקס אײַנגעפאַלענער שטוב, זענען זיי בײַ נאַכט געקומען און אומגעוואָרפן די בעלקעס מיט די דרענגלעך. נאָר מאָרגן, גאַנץ פרי, איז דער קרומער שמואליק ווידער אַרומגעהונקען איבער ייִדישע שטיבער, פאַרנעצט און פאַראומערט ווי אַ אויסגעוויקטער האָז, און געבעטן מיט אַ ווײנענדיק קול און צעפינטלטע, אָנגעגאָסענע אויגן:

— נו, מענטשן, טוט אַ מצווה, קומט, העלפט מיר צורעכט מאַכן די שטוב. די כלבים האָבן אומגעוואָרפן די רישטאַוואַניע, קומט, קומט, ייִדן, כ'האָב דאָך נישט קיין דירה, כ'האָב דאָך נישט וווּ צו וווינען מיט אַ ווײַב און קינדער. מען האָט געוווּסט, אַז ס'איז אומזיסט. די שקצים וועלן נישט לאָזן צורעכט מאַכן די שטוב, און מען האָט סײַ־ווי אין גאַס רעגן און אין דער צעקנעטענער בלאָטע גאַרנישט געקאָנט טאָן. ס'איז געווען עפּעס מוראדיק און אויכעט אומנוציק דער גאַנצער עסק. פון דעסט וועגן האָט קיינער נישט געקאָנט אַפּזאָגן. ס'טײַטש, אַ ייִד וווינט נעבעך מיט ווײַב און קינד אויפן בוידעם פון דער ווײַבערישער שול. ס'איז געווען אין שמואליקס אומגליק עפּעס אַ

מין צרהדיקער שפּאַט, וואָס האָט אָפּהענטיק געמאַכט די לײַט מיט פאַר־ביטערטן ביטול:

— שמואליק, אײ, אַ בראַד, דו דאַוונסט אין דער װײַבערישער שול מיט די װײַבערישע מתים? — האָט סענדער מנחמס געפּאַטשט אים אין פּלײצע מיט געלעכטער — ביסטו דאָך טאַקע אַ נאַש בראַט, כ׳לעבן.

— נו, נו, מילא — האָט שמואליק געשמײכלט — לאָז זײַן מיט װײַבערישע מתים.

און װידער האָבן די לײַט זיך געפּאַרעט בײַ דער קופּע לײם און געהילץ פון שמואליקס שטוב־חורבה, געגראָבן, געשלעפּט און געקלאַפּט, ביז װאַנען ס׳איז װידער געשטאַנען די פּאַרטרױערטע רישטאַװאַניע מיט די פיר בעלקעס, לײדיקע, שװאַרץ און קרימלעך־צעפּאָרן. די װינקלען מיט די צוגעשלאָגענע קלעצלעך האָבן עפּעס אױסגעזען װי תּליות.

— הערט איר, מענטשן, כ׳על בלײַבן נעכטיקן בײַ דער שטוב, כ׳װעל היטן, האָט שמואליק געזאָגט מיט אַ הארבן קול, דעם קאָפּ אָנגעבױגן און ס׳האָבן אומהײמלעך פאַרשטאַרט געפינקלט זײַנע אָנגעגאָסענע אױגן.

מען האָט אים װידער אָנגעקוקט װי אַ חסר־דעה.

— זײַ נישט קײן „שװאַנץ", שמואליק — האָט סענדער שױן זיך געבײזערט, — גײ בעסער און לײג דער שלאָפן. װאָס װילסטו, אַז דײַן װײַב זאָל װערן אַן אַלמנה? האָ?

— נײן, כ׳װעל נישט אָפּטרעטן, כ׳װעל היטן מײַן שטוב.

◆

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שטורעם־װינט יאָמערלעך געשריגן, געפּײַפט אין קוימען, מוראדיק געװאָיעט, װי װעלף, הינטער די שטוב־װענט, געקלונגען מיט די פּענצטער־שױבן, געריסן די צעקרעכצטע דעכער, געהאַקט די װעלט און געטרעסעט מיט שטיבער, װי מיט שטרױ. דער שלאָף האָט געגליװערט אױף די הײסע אױגן, װי אַ בלײַערנער װאָלקן. אַז סענדער האָט אין גראָען פּאַרטאָג קוים אײַנגעדרימלט, האָט ער געהערט, װי ס׳טוען עפּעס אַ זעץ דעמבענע באַלקנס מיט אַ מוראדיקן געליאַרעם און ס׳האָט אים אַ שלײַדער געטאָן פונעם געלעגער, װי פון אַ בארג אַראָפּ. זײַנע אױגן האָבן זיך אױפגעריסן און ער האָט געזען שטײן אין מיטן שטוב די מאַמע מיט דער פאַרבונדענער שאַל אױפן קאָפּ, זי האָט פאַרבראָכן די הענט און דערצײלט מיט הארבן צער־קול און פאַרקלעמטן האַרץ:

— די שקצים האָבן אים אָנגעטאָן אַ מעשה בײַ נאַכט, דעם קרומען שמואליק, אױ, װײ, געװאַלד! מענטשן לױפן קוקן אױף דעם בײזן װוּנדער.

אַז סענדער איז באַלד געקומען צו גיין צו שמואליקס שטוב־חורבה, האָבן זיך שוין דאָרט, פון דער ווייטנס, אין גראָען נעפּלדיקן באַגין, געדרייט אַנגעבויגענע ייִדן אין שעפּסענע פּעל־היטלען, אין געלאַטעטע פֿאַרנעצטע טיזליקעס, מיט פֿאַרבלאַטיקטע שטיוול און פֿאַראומערטע בערדיקע פּנימער.

די לײַט האָבן פֿאַרשטומט און פֿאַרגרימט פון שרעק און פּײַן געקוקט און געזען ווי פונעם ווינקל־באַלקן הענגט אויף אַ גראָבן און קורצן שטריק דעם קרומען שמואליקס קליינע געשטאַלט, מיט לאַנגע, דאַרע באָרוועסע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די צעפּליקטע הויזן, ווי צוגעבריענטע צווײַגן, זײַן בלויזער צעשויבערטער קאָפּ איז געווען אַנגעבויגן מיט דער נאָז צו דער ברוסט, גלײַך ער וואָלט אויף עפּעס געברוגזט. אַ שוואַרצער וואָראָנע־פויגל איז געשטאַנען אויפן שפּיץ באַלקן, מיט אַ שאַרפן אונטערגעהויבענעם שנאָבל און זײַטיק געלאַקערט מיטן שוואַרצן אויגל. אונטן אָבער, אונטערן באַלקן פון דער רישטאָוואַניע, איז געזעסן מיט אויפגעשטעלטע קניִען, דער מטורפֿער שייגעץ, יאַשקע הוליאַק, באָרוועס און צעכראַסטעט מיט אַ וועלפּיש־פֿאַרשפּיצטער מאָרדע.

יאַשקע פּלעגט זיך אַרומדרייען זומער און ווינטער, מיט אָפֿענעם און צעקרימטן מויל איבערן שטעטל מאַרק. אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, פֿאַרשיכּורט און געזונגען. אַז מען האָט אים געגעבן אַ גרײַצער, האָט ער געטאַנצט אין מיטן מאַרק. זײַנע גרינע אויגן זענען געווען אַציִנד פֿאַרקראָכן אין די קנאָכערנע לעכער, ווי אימהדיקע שפּינען. פון זײַן צעפּאַטלטן קאָפּ זענען אַראָפּגעהאַנגען די נאַסע האָר־קודלעס, ווי בינטן היי איבערן פֿאַרשאַרצטן פּרצוף. ער האָט עפּעס גריילעד געפּליסטערט מיט צעקרימטע לעפֿצן און אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַנגעשטעלט אַ געלאָדענע זעלנער־ביקס, מיטן פינגער אויפן שיס־ציִנגל און געהיט...

מען האָט דערציילט, אַז די שקצים האָבן בײַ נאַכט געהאַנגען דעם קרומען שמואליק אויף דער רישטאָוואַניע פון זײַן שטוב, אַז זיי זאָלן האָבן אַ געשפּעט און זיי האָבן אַנגעזאָגט דעם דולן יאַשקע, אַז ער זאָל זיצן מיט דער ביקס און אָפּהיטן דעם געהאַנגענעם, אַז די ייִדן זאָלן אים נישט אַראָפּגנבֿענען פון דער תּליה... אַ טעמפּער גרויל האָט געגליווערט די נשמה און פֿאַרשטיינערט די פּנימער. מען האָט מורא געהאַט צוצוקומען נעענטער, ווײַל מען האָט געוווּסט, אַז דער משוגענער שייגעץ וועט טאַקע שיסן.

ס׳האָט בלינד געריזלט אַ דין, קאַלט רעגנדל. אַנגעבויגענע האָבן זיך די לײַט שטום־שווײַגנדיק געדרייט פון דער ווײַטנס. שמואליקס ווײַב מיט די צוויי קינדער האָבן געוויינט און געיאָמערט מיט פֿאַרצווייגענע קולות, מיט אַ נאָגנדיקן ניגון:

— אַי, אַ בראָד, אַוווּ איז ערגעץ מײַן שפּײַזער, האַ? שמואליק? וואָס האָסטו געטאָן?? געוואַלד, אויף וועמען האָסטו מעד איבערגעלאָזט? אַ

וויסטע אַלמנה מיט אָרעמע יתומים, מענטשן, געוואַלד! טוט מיר מאַן זיין רעכט!

— אַי, טאַטע, טאַטע, וויי־וויי, מאַמע, מאַמע — האָבן די צוויי קליינע מיידעלעך געקלאָגט.

אַ ברענענדיקע חרפה האָט פאַרשטאַרקט דעם צער. די לייט האָבן גריילעך אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד:

— וואָס הייסט? מען האָט מורא פאַר אַ משוגענעם שייגעץ צו טאָן אַ ייִד זיין רעכט? — האָט סענדער מנחמס געגרימט בלאַס און צעטראָגן, — אַנו, לאָזט נאָר מער, לאָמער נאָר זען, וואָס דאָ טוט זען.

סענדער האָט זיך גיך אַ בויג געטאָן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן. און באַלד האָט מען געזען, ווי ער דראַפּעט זיך אויף באַלקן און נאָך איידער דער שייגעץ האָט צייט געהאַט אַ הויב צו טאָן די ביקס, האָט סענדער אַ שפּרונג געטאָן אויף יענעמס פּלייצע. מען האָט געזען אַ ראַנגלעניש מיט אַ שטויסונג מיט הענט, מיט קעפּ, מיט די פּיס און מיט צעקייַכטע אָטעמס און ביידע פאַר־פלאָכטענע לייבער זענען אַראָפּגעפאַלן אין בלאָטע־גרוב. ייִדן זענען צוגע־לאָפן. מען האָט אָפּגעשניטן דעם געהאַנגענעם פונעם בעליק, אים אוועק־געטראָגן און געטאָן זיין רעכט.

שמואליק האָט געהאַט אַ שיינע לוויה. אַ עולם ייִדן האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. מען האָט אים נאָכגעזאָגט שבחים, אַז ער איז געווען אַן ערלעכער, אַ ווילער, אַ גאָטספאַרכטיקער ייִד און כל ימיו אַן אָרעמאַן, אַז ער וועט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.

באַלד נאָך דער לוויה האָט מנחם צונויפגעמאַכט אַ נדבה פאַר דער אָרעמער אַלמנה, און לאה האָט באַלד אָפּגעטראָגן, אונטער דער שאַל אַ טאָפּ הייס געקעכץ אָנצוהאָדעווען די בידנע יתומים. אַז זי איז אַהיים געקומען האָט זי פרום אָפּגעזיפצט:

— נו, כאָטש געטאָן אַ מצווה היינט, אפשר איז נאָך פאַרט נישט דער הימל ביי דער ערד. וואָס זאָגסטו, מנחם, האַ?

מנחם האָט פאַרקלערט געשוויגן, מיט אַ צעאַקערטן שטערן. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרשאַטנט אין אַ אונטלער געטונקלטן שטוב־ווינקל, מיטן באָרדיקן, בלייך אויסגעצוימטן פּנים צו דער מיזרח־וואַנט און מיט אַ האַנט אויף די אויגן געדאַוונט מינחה־מעריב. דערנאָך האָט דער ייִד מיט פאַרבאָר־גענער שרעק אַ זוך געטאָן מיט די אויגן און אומרויִק געפרעגט:

— וווּ איז ערגעץ סענדער? ווו איז ערגעץ יאָסל? זאָג נאָר, לאה, האָסט נישט געזען ערגעץ די קינדער?

— ווי איז מיר, נייַן, כ'האָב נישט געזען די קינדער, פון זינט ביי טאָג. לאָמער נאָר אַ לויף טאָן אין דרויסן ערגעץ געוווּיר ווערן. זי האָט געכאַפּט

די שאָל אויפֿן קאָפּ און זי איז גיך אוועק פֿון דער שטוב. אויבעט מנחם איז באַלד אוועק געגאַנגען.

ער איז אַנגעקומען מיטן ברעג פֿונעם בערגל שיפּוע און ער האָט געזען פֿון וויַיטנס, ווי אין אַוונטלעד, גראָ־פֿאַרטונקלטן געגעפּל גייען זיַינע צוויי זין, יאָסל און סענדער, און זיי שלעפּן מיט אַ שטריק פֿאַרקניפּט ביַי די פֿיס, דעם געהרגעטן שייגעץ יאַשקע הוליאַס, אַהין מיטן וועג וואָס פֿירט צום גויִשן צווינטער.

מנחם האָט שווער געאָטעמט, מיט פֿיַינלעכן גליווער אין דער נשמה. ער איז נאָכגעגאַנגען, דערוויַיטערט פֿון הינטן, אַנגעבויגן, מיט די שווערע שטיוול־שפּאַן אין די בלאָטיקע וואַסער־לעכער און ער האָט אַלע מאָל אַ ביטערן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ שטייגער ער זאָגט צו עמעצן: — אַזוי, אַזוי, מיַינע ליבע ליַיט, יאָ, יאָ, אַזוי איז די מעשׂה. ביז וואַנען ס׳איז צוגעפֿאַלן די אימהדיקע געפֿינצטערטע ווינטער־נאַכט און ס׳איז פֿאַרהוילן געוואָרן די וועלט ווי מיט אַ שוואַרצער כמאַרע.

# דער שטן

זוי ווי אָפּגעשיט מיט ווײַסער פּרילינג־בלױנג, האָבן די זילבערן אָנגעפּרוירענע ביימער געשטרעקט זייערע שניי באַלאָדענע צווײַגן אין דער בלאָלעך קלאָרער, זוניק צעגלאַנצטער ווינטערוועלט, וואָס האָט שאַרף געבליאַסקעט מיט דינע, פּראָסטיק צעשפּילטע דימענט־פּליטערלעך און שטיל געפּלעמלט מיט ווײַסן בלענד פֿון די שניי אָנגעבעטע שטעטלדעכער. גרויס און רייטלעך צעגליט, ווי אַן אײַזקאַלטער פֿײַערקאָפּ איז די ווינטערדיקע פֿרימאָרגן־זון טיף אײַנגעפּאַסט אין גרינלעך בלאַסן הימל־געוועלב ווי אין אַן איבערגעקערטער קרישטאָל־שיסל. מיט לאַנגע צעבליצטע שטראַלנשפּיזן גליט די זון אַלץ קלאָרער און לויטערער דעם האַרב געליכטיקטן טאָג, און שיט מיט בליציקע אײַזפֿונקען אויפֿן פּראָסטיק צעגלאַנצטן שניי, וואָס זינגט און פֿידלט אונטער די פּיסטריט מיט דינעם חלומדיקן ניגון־געסקריפּ, ווי פֿון אַן אַנדערער וועלט.

פֿון די גרין געפּלאָכטענע אײַזצעפּ, וואָס שטעקן פֿאַרשפּיצטע אין די דעכערסטריכעס, קאַפּען שוין קלאָרע וואַסער־טראָפּנס וואָס ווערן גיך געפֿרוירן און פֿינקלען ווי רויטע פֿײַערקרעלן. דער פֿרישער פֿראָסט ברענט שטאַרקער, צופּט ווי מיט שאַרפֿע שערלעך די אויערשפּיצן, בריט האַרב אין דער נאָז, פֿאַרכאַפּט ווײַסע אָטעם־וואָלקנדלעך פֿון די מײַלער און מאָלט אויף די זוניק צעגלאַנצטע פֿענצטערשויבן דינע, זילבערנע קרענצלעך אײַזבלומען, שמאָלע, דימענטענע בוימצווײַגלעך, ווי אין שפּיגל פֿון פֿאַרהוילענעם חלום־וועלדל ערגעץ אונטערן הימלבראָג.

גאַנצע מחנות גראָע שפּערעלעך פֿליִען און היפּן אויף די געזילבערטע דרויסנביימער, אויף די פּלויטן און גאַניקעס. די קליינע פֿייגל פּיפּן פֿריילעך, וואַרעמען זיך מחיהדיק אין דער צעבליאַסקעטער זון, וואָס שמייכלט צו

זיי ווי א דימענטאוויג פון דער בלענדיק בלאער הימלטיפקייט און די שווארצע ווארענעס לייכטן אזש מיט א פעטן גלאנץ ווי אפגעפוצט מיט סמאלע. זיי קראקען אצינד זאט און פיקן באגעריק מיט די שפיציקע שנאבלען זערנעס פון די גאלדענע קנײדלעך פערדמיסט, אויפן גלאטן אײַזגעפלאסטערטן שטעטל־וועג. אויף אן אנגעווארעמטער טירשוועל וואשט זיך פלײַסיק א געלע קאץ מיטן לאפקעלע. ס'קלינגט חלומדיק דערוויטערט א פערדגלעקל פון א שטיל פארנדיקן שליטן, גלײַך ער וואלט געשוועבט אין דער לופטן; און פון ערגעץ א פלויט טראגט זיך קלאר און פײַערלעך דער געדריידלטער קריי פון א האן און פארלירט זיך ווי א רויטער גאלדענער שנור אין דער זוניק צעשטראלטער וועלט־לויטערקייט. די בלא געקאלכטע ווענט פון די געהויקערטע ייִדישע שטעטל־הײַזלעך זענען עפעס ווי אויסגעגלײַכט און ליכטיקער געווארן. די אפגעברענטע שול אין דעם דאך דערהייבט זיך העכער און אפילו די ליימענע חורבות וואס זענען דא פארבליבן צעשאסענע פון דער עסטרײַך־רוסישער מלחמה, זענען פארגאסן מיט א ווארעמער היימלעכקייט. דאס גאנצע שטעטל איז פארפלייצט מיט אזא זוניק צעבליטער קלארקייט, אז ס'פעכלט אין אויג. די באָרדיקע קעפ מיט די שעפסענע היטלען פון די ייִדן, וואס שפאנען אין דרויסן מיט צעסקריפעטע שטיוולטריט, זענען טאקע האפערדיק דערהויבן, זייערע געלאטעטע טיזליקעס ברייט צעקנעפלט, און ביי די ווײַבער זענען די דיקע צעפראנדזלטע קאפשאלן ווײַט אויפגעבונדן. זייערע תמיד פאראומערטע פנימער זענען א ביסל אויסגעקלערט פון די טיפע זארגקנייטשן און אין מארק, אויפן בלאען אײַזגליטש, יאגן זיך שוין פריילעך צעגוגערטע ייִנגלעך מיט פריש געריײטלטע פנימער און שווארץ צעגלאנצטע אויגן, גלײַך די פינצטערע וועלט מיט אלע בייזע פחדים און ביטערע נויטן וואלט מיט א מאל פארפלייצט געווארן פון א זוניק צעשאטראלטן ליכט־ים, וואס בליאסקעט מיט פריידיק צעשפילטן גערויש, ווי א בלענדיק צעבליטער געלעכטער, אז א קול. די קליינע זילבעריקע רויכזײַלן, וואס שטײַגן פון די קוימענס איבער די ווײַס צעפלעמלטע שניידעכער, גלײַך צום בלאען הימל, פארשמעקן הארב דעם שארפן דרויסנפראסט מיט היימישן באגער פון לעבעדיקן אטעם.

ס'איז ליכטיק אפגעגאסן מיט זון דעם גלחס שיין מויערל מיט די בלומענטעפ אויף די רויט און גרין געמאלענע פענצטער. ס'בליצט דארט אין דער לופטן, ווי א שיף צעוויגטער זילבערוואלקן, א שוועבנדיקע מחנה טויבן מיט ווײַס צעגלאנצטע בײַכלעך. און אין די ווײַטע גויִישע אוליצעס, מיט די אין שטרוי אײַנגעפעקלטע ליימענע כאטעס, פולע מיט קינדער און ברויט, הויערן שווער אויף די פאדווערעס אנגעשטעלטע בײַכיקע סטויגן שטרוי, ווי מעכטיקע טורמעס, וואס דרימלען אין שטילער ווינטערדיקער זעט און מנוחה. איז זייער ברייטקייט איז ווי אנגעזאמלט די פויערישע עשירות מיט דער זומערדיקער שפע פון די רחבותדיקע געשפרייטע פעלדער און גערטנער, פון פולע שײַערן תבואה, שטאלן מיט בהמות און עופות, קאמערן מיט אנגעגרייטע

שפּײַז, בוידעמס פֿול מיט זאַפֿטיקן אויבסט און קרייטעכצער און מיט דער גאַנצער גאָטס ברכה פֿון פֿעטער ערד.

נאָר עפּעס אַ טונקעלער קלעם איז גרייליד פֿאַרבאָרגן אין דעם ליכטיק צעשטראַלטן וועלטפֿריד. אַ פֿאַרשטאָכענער שאָטן ציטערט פֿאַרהוילן אין זוניק צעבליטן געפֿינקל פֿונעם צלם אויפֿן הויכן קלויסטער־טורעם, ווי בײַ אַ ליקוי־חמה. שווער און ווי פֿרעמד אַרויסגעהאַקט, אָטעמט דער פּראַסטיק לויטערער זונטיק־פֿרימאָרגן מיט טיף צעצויגענע קלויסטער־געזאַנגען און פֿײַערלעך צעברויזטן אָרגלשפּיל. דער זיסלעכער ריח פֿון געדעמפּעכץ נעפּלט מיט פֿאַרזונקענער שרעק. און אַלע מיט אַ מאָל צעקלינגען זיך פּלוצעם די קלויסטערגלאָקן, ווי מיט אַן אומהיימלעכער וואָרענונג, טונקל באַזעצט אין דעם האַרטן פֿרומען אָפּקלאַנג פֿון די קופּערן צעברומטע קלעפּ, דיק און דין פֿאַרוועבטע, וואָס טראָגן זיך באַנג און טעמפּ, באַשווערטע ווי פֿון ווײַט אָנגעפֿלייצטן, שטום פֿאַרצערטן פּײַנבאַדרענג...

אין מיטן פֿונעם לאַנגן אײַז־געפֿלאַסטערטן שטעטלשטראָז, האָט זיך באַלד פּאַוואָליע געצויגן אַ לעבעדיק צעוויגטער שטראָם מיט גויִים, לאַנגע ווי דראָנגען, וואָס זענען אַהיים געגאַנגען פֿונעם קלויסטער. גלאַט געגאָלטע פּויערים, מיט ברייטע באַקנביינער און שטרוי־געלע איבער די מוילווינקלען אַראָפּגעלאָזטע וואָנצעס, אָנגעוואַקסענע מיט אײַז־צעפּלעך, צופֿרידן און זאַט, ברייט באַלעבאַטיש, די הענט אין די קעשענעס פֿון נײַע, געלע שאָפּענע פּעלצן, אויסגענייט מיט רויטע און בלאָע בענדער. לאַנגע, פֿעט געשמירטע האַרקודלעס האָבן זיך געקנוילט אונטער די בלאָ גראָע שפּיציק אויפֿגע־שטעלטע שמוישענע היטלעך. מען האָט געהערט דאָס גוגערן פֿון די רויט פּנימדיקע גויעס, געהילטע אין לאַנגע, ווײַסע וואָרעטעס. זיי האָבן זיך גייענדיק געוואַקלט, ווי קאַטשקעס, און עס האָבן געפֿלאַמט אין דער זון די רויטע, געל־גרינע געבלימלטע טיכער פֿון די בלאָאויגיקע שיקסעס, קרעפֿטיק גלאַטע, שיין אויסגעפּוצטע, ווי יונגע פֿערד, בייגעוודיק, אין יוכטענע הויך קנאַפּלדיקע שטיוול. צוגעדריקט צו די הויכע בוזעמס, האָבן זיי פֿרום געטראָגן אין די הענט די קליינע גויִישע סידורלעך, מיט ביינטאָוולען און גאָלדענע צלמלעך, געוויקלט אין ווײַסע נאָזטיכלעך. זייערע באַקן זענען געווען האַרט גערויטלט ווי די גרויסע עפּל פֿון זייערע סעדער און זייערע פּנימער זענען געווען רויזיק קײַלעכדיק, ווי די זונרויזן וואָס וואַקסן הינטער די פּלויטן פֿון זייערע גאָרטנס, און זיי קנאַקן די זיסע יאָדער־קערלעך. געדיכט האָט זיך געכוואַליעט דער פֿאַרביק צעפֿינקלטער שטראָם מענטשנקעפּ, ווי אַ לאַנגער לאַן פֿון זייערע רײַכע תּבֿואה־פֿעלדער וואָס איז זומערדיק צעבליט, געשפּרענקלט מיט רויטע מאַנבלומען און בלאָע קאָרנבלומען, און איבער זיי האָבן יום־טובֿדיק געקלונגען די קלויסטערגלאָקן. דער מענטשנשטראָם האָט געפֿלאַמט אין דער זון, ביז אין די ווײַטע לאַנגע, גויִישע גאַסן און צעשיט זיך אין די טירן פֿון זייערע נידעריקע כאַטעס.

— אַ־אַ־אַ, מחיה. אַזאַ ליכטיקער טאָג, אַזאַ טײַערער דרויסן, אַ וואַרעמער, אַ שיינער, אַ פֿרייל עכער, ס׳זאָל מיר נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערן. אַ דאַנק דיר און לויב גאָטעניו אין הימל — אַזוי האָט פֿרום געזאָגט די לייבעכע, בעת זי האָט אויפֿגעבונדן די געלע פֿאַטשיילע אונטער דער גאָמבע און זי פֿאַרקניפּט ווי אַ קופּקע אויפֿן קאָפּ פֿון הינטן, ווי אין ערבֿ־יום־טובֿדיקער צעיאָכמערטער האַוועניש. מיט רויט צעפֿײַערטע הענט פֿון קאַלטן, שניידיקן וואַסער, האָט זיך די ייִדענע געבויגן אין דרויסן בײַם פּלויט און האָט צעהאַנגען געוואַשענע גרעט אויף די קלעצלעך, ווײַסע העמדער מיט צעשפּרייטע אַרבל, זאָקן, טיכער, לײַנענע, ווײַסע הויזן. אין אַ רגע אַרום איז די נאַסע געלאַטעטע וועש טרוקן געפֿרוירן געוואָרן, האַרט און קנאַקנדיק ווי בלעך אַראָפּגעהאַנגען פֿונעם פּלויט ווי מתים.

און גלײַך די קלאָרע לויטערקייט פֿון דער זון וואָלט בליצנדיק געקרוישט מיט גוטן פֿריידיקן תּכלית, באַשערט אין דער אָרעמקייט ממש פֿון דער געהויקערטער בלאָ געקאַלכטער סטעליע אַראָפּ, האָט אין שטוב געקלאַפּט און געזשומעט די ניימאַשין ווי אַ מיל. דער לייבעכעס צוויי טעכטער, רבֿקה און רחל, הויך בוזעמדיקע כּלה־מיידן, מיט שוואַרצע, דיקע צעפּ ווי האָרבייגל אויף די קעפּ, און מיט חנעוודיק פֿאַרבויגענע קליינע נעזלעך, האָבן געניִיט געוואַנט, געשטעפּט ווינגדיק גיך, מיט ביידע פֿיס, דאָס פּלײַענדיקע רעדל, גלײַך זיי וואָלטן אַזוי זיצנדיק געלאָפֿן ערגעץ. זיי האָבן געשווירן מיט דער גרויסער שער דיקע שטאָפֿן, געסטריגעוועט מיט ווײַסן פֿאָדעם גוייִשע מאַנטלען, בונדעס אַזוינע, פּלײַסיק געאַרבעט און גיך פֿאַרטיק געמאַכט. מיט דינע מיידלשע שטימען האָבן זיי אַרײַנגעזונגען אין מעטאַלישן געקלאַפּ פֿון דער ניימאַשין, געצויגענע ייִדישע לידלעך, בעת זייערע שוואַרץ לויפֿנדיקע אויגן האָבן, שעמעוודיק באַהאַלטן, געגלאַנצט און געלאַכט צו די שטאָטישע חתן־בחורים, וואָס האָבן זיך דאָ זונטיקדיק געדרייט אַרײַן און אַרויס פֿון דער שטוב, געזעצט זיך אויפֿן באַנקבעטל, אויפֿן ברעג פֿונעם טיש, געריכערט ציגאַרלעך טיטון, ווויליונגעריש געפֿײַפֿט אַ ביסל מיט די ליפּן, אַרומגעכאַפּט און געבאַרעט זיך, ווער ס׳איז שטאַרקער, געפּרוווט אַרויסרײַסן די שטעקנס אײנער פֿונעם אַנדערנס הענט, אײַנגעקויפּט זיך אויף קאַטאָוועס אַ זעץ טוענדיק מיט אַ דעמבענער האַנט ווי מיט אַ ריסקאַל אין אַ ביקישן שטאַרקן קאַרק און געפּרוווט מיט געלעכטערס און ווערטלדיקע רייד איבערשרײַען דעם רעש פֿון דער מאַשין. דאָס זענען געווען די צוריק געקומענע זעלנער פֿון דער מלחמה, שטעטלדיקע יונגען, האַרעפּאַשניקעס, פֿורמאַנעס, באַלמעלאָכעס און סוחרים, פֿירעקיקע געפּאַקטע אין קורצע רעק מיט שעפּסענע היטלען און אָפּגעפּוצטע געקאָוועטע שטיוול, די האַרטע, פֿאַרברוינטע פּנימער געגאַרבטע פֿון ווינטן, זון און קעלטן ווי שטיינער מיט האַרמאַד. די קלוגע, פֿרייד־דאָרשטיקע אויגן, תּמיד באַהאַלטענע אונטער די קנאַכיקע ברעמענבונטן, ווי גראָע מײַזלעך אין די לעכער, האָבן גלוסטיק געשמייכלט צו די שיינע כּלה־מיידן. זיי האָבן ווויל עריש געטרעסעט מיט שויבערס אויף

די קורצע שטערנס, געשטרעקט מיט גדלות די ברייטע ברוסטן ווי מויערן, געגעסן עפל אריינבייסנדיק מיט שטארקע ציין ווי העק, געקנאקט דיניע־קערלעד פון די קעשענעס, געזונגען פריילעכע לידלעד, געכאפט א טענצל און בארימט זיך מיט לאכנדיקע פנימער:

— איוואי, חבֿרה לצים, הערט איר, וואלט איך אצינד כּוח געהאט אריינ־צוכמאליען א געבראטן גענדזל, ווי כ'בין א ייִד, כ'לעבן.

— שא, שא, כ'האב גוט אנגעבויקערט האוורילע דעם חזירניק, אז ער וועט מיך האבן צו געדענקען, — אלעמאי האב איך אנומלט איינער אליין ארויסגעשלעפט הערש דודס קו פון א שיסגרוב אין פעלד, און זי אים אהיים געבראכט.

— טאקע? זייער וואויל, ביי לייט יאקאש האט מען מזל, טרעפט אן אומגליק, קומען מענטשן ראטעווען, מען טוט א מיצווה. — מאכט די לייבעכע זייער צופרידן. זי פעטשלט מוטערלעד גוטמוטיק די יונגען איבער די פעלדזיקע פלייצעס, לויבט זייערע גבֿורות און זי טוט א פרעג, ניבע אויף קאטאוועס, נאר פארט מיט זייטיקן מיין צו נעמען ריידן דעם שידוך מיט דער טאכטער:

— זאג נאר, דו משה יאנקעלע, א רוח אין דיין טריפהנעם פופיק, ווען וועט מען שוין נעמען ביי דיר אונטערפירנס, דו פערד־גנבֿ איינער, הא? ווען וועסטו שוין א חתן צו מזל?

משה יאנקלס קיילעכיקע נאז, ווי א קאריק אין מיטן פון זיינע אנגעפילטע באקן, שמייכלט מיט פארצויגענע קנייטשעלעד, ווי אין א פולער לבֿנה:

— שפרינצע, עכ'ל אייך דערציילן יענע מעשה מיט דער חתונה. צו וואס טויג מיר שוין איצט זיך צו פארדרייען א קאפ? הא? ס'ברענט נישט. עד האב צייט. א פריער דארף מען פארדינען אויף פרנסה. איינרעכטעווען א שטיקל באלעבאטישקייט און דערנאך וועט מען שוין גיין צו דער חופּה. יא, יא, מעד וועט מען נישט דארפן אונטערפירן. עכ'ל שוין אליין טרעפן — זאגט ער, און טוט זיך א שטארקן פאטש מיט דער האנטפלאד אויף דער קני, אזש די לייבעכע צעלאכט זיך מיט הילכיקן נחת־געלעכטער.

— טאקע? א, א נעכפע אויף דיר, דו בייטלשניידער, נו, וואדען, היינטיקע חתנים האבן דען גאט אין הארצן? הערט איר, מענטשן, אז מיין לייבע איז געקומען פון קאזלעוו מיך אנקוקן פאר א כּלה, איז ער געגאנגען אנגעטאן אין א לאנגער בעקעשע מיט א גארטל. און א בארד האט ער געהאט א שווארצע, א הארטע, ווי א שטיק קויל אויפן פנים און ער האט געשוויגן ווי א שטיין. עד האב מעד זייער געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן, האב עד מעד באהאלטן אויפן בוידעם. הכּלל, די מאמע האט מעד געמוזט אראפ־טרייבן מיטן בעזעם, ווי א הון. וואס זאל עד אייך דערציילן, קינדער, ביז א יאר נאך דער חתונה האב עד מעד געשעמט אים צו רופן לייבע, כ'האב אים גערופן וועלוול. אבער היינטיקע מיידלעד זוכן זיך גאר אליין אויס

חתנים, און די יונגלעך שפּילן גאָר ליבעס ווי אין אַ טעאַטער. אַי, נאָר אַז דער גוטער יאָר זאָל זיי כאַפּן, גאַטעניו, כאַ־כאַ־כאַ, אַ וועלט היינט.

מיט זייטיק מבינותדיקן נחת־בליק האָט זי שוין באַמערקט, די לייבעבע, ווי משה יאַנקל, דער ווילער בחורעץ, שדכנט זיך צו דער יינגערער טאָכטער, צו דער שוואַרץ חנעוודיקער רחל. זי האָט דאָס דערקענט אין דער טאָכטערס באַהאַלטן צאַפּלדיקן אָטעם, אין דער האַרטקייט פונעם יונגס אויסגעלייטערטן שטערן אונטערן שעפּסענעם היטל, אַנגערוקט אויף אַז אויער און אין דעם שמייכלדיקן גלאַנץ פון זיין דיקער נאָז. אין דער פאַרבאַרגעניש פון דער נשמה האָט די ייִדענע געזיפצט:

— פאַר וואָס שדכנט זיך נישט דער יונג ווו ס'איז נייטיקער, צו דער עלטסטער טאָכטער, צו רבקהן? נו, מילא, מ'טאָר נישט איינרייסן מיט גאָט. מען דאַרף אָננעמען פאַר ליב יעדער גנאָד. מיט פריידיק מאַמעשן אויג האָט זי געזען באַשיימפּערלעך, ווי דער יונג בייגט דעם קאָפּ איבער רחלס פּנים און פּליסטערט איר עפּעס אַ זיסן סוד אין אויער:

— אַנו, קעצעלע, ניי מיר נאָר צו ס'קנעפּל, לאָמיר זען, צי דו קאָנסט. פאַרשטייסטו מיך, צום ערשט באַדאַרף אַ ווייב צו זיין אַ גוטע באַלעבאַסטע, איאָ, צי ניין? אַ קוגל מאַכן קאָנסטו? און קאָכן וואַרעניקעס? און קינדער האָבן ווילסטו?...

זיין הייסער אָטעם טוט אַ גלי ווי פייער איבער דעם מיידלס חנעוודיק פּנים, וואָס ווערט פאַרגאָסן ווי אַ בוראַק מיט זאַפטיקער רויטקייט. עס האָט אַ גלוסטיק צוזאָגנדיקן צאַפּל געטאָן דאָס שוואַרצע פייער־פינטל פון איר אויג, בעת זי האָט שעמעוודיק אָנגענומען אַ פאָלע פונעם יונגס ראָק, האַלטנדיק דאָס קנעפּל צווישן די ציין. איר קאָפּ האָט זיך גלאַנציק שוואַרץ געזילבערט אין שאַרפקאַנטיקן זונסנאָפּ וואָס האָט שיף געשטראַלט פונעם פענצטער.

— ניטע, דו בערנטרייבער. נעם אַוועק די לאַפּע און שטיי אויף, וואָרעם כ'וועל דיר נאָך פאַרנייען דעם שכל, וועסטו ביי מיר טאַנצן אַ קאָלעמייקע.

— וואָסי, טשיפּעלע, מ'טאָר דיר נישט קוש טאָן אין פּיסקל, האַ?

די לייבעבע האָט גיך אַ פּליעסק געטאָן אין די הענט, ווי צום מזל־טוב נאָך טעלער ברעכן, און דערנאָך, אונטערהאַלטנדיק מיטביידע הענט דעם הויכן בויך, וואָס האָט געהיפּט פון געלעכטער, מאַכט זי צעפּלאַמט:

— איי ווי מיר, קינדער טייערע, שאַט'ס, קריגט אייך נישט, לעבט אייך בעסער בשלום, גאַטעניו, כאַ־כאַ־כאַ. כ'האָב שוין נישט קיין כּוח אַזוי פיל צו לאַכן.

זי עפנט די טיר מיט אַ פריילעכן געשריי צום זוניק בלענדיקן דרויסן:

— ברוכל ווו ביסטו? קום נאָר אַהער, זונדעלע מיינס.

— מאַמע, געוואַלד, כ'בין הונגעריק, כ'האָב געפּאַסט אַ גאַנצע נאַכט, כ'לעבן. נו גיב שוין אָנבייסן, מאַמע, גיכער, עסן, עסן, עסן.

דאָס יינגל קומט אַרײַן אין שטוב מיט אַ רויטלעך אָנגעפּרוירן פּנים, וואָס ס'איז אָפּגעשיט מיט זוניקע קלייען ווי מיט בליציקע פונקען, און ברענגט צו טראָגן דער מאַמען אַ בונט האָלץ, דאַרע צווײַגן, שפּענער, קלעצלעך צו הייצן, וואָס ער האָט אָנגעקליבן ערגעץ אין וועלדל. די קעשענעס פון זײַן געלאַטעטן, צו גרויסן ראָק זענען אָנגעפּילט מיט זאַכן: ליידיקע פּאַטראָנעס, מעשענע קנעפּ, שנאַלן און רעדלעך. ער געפינט די אוצרות אין די שיסגרובן, אויפן פעלד, אונטערן שניי. אין מאַרק פאַרקויפט ער שטיקער לעדער, אַ טײַבל, אַלט אײַזנוואַרג און ער פאַרדינט שוין אַליין אַ פּאָר גרײַצער אויף דיניע־קערלעך און עפּל.

ווי אַ הונגעריק וועלפל שפּרינגט דאָס קרעפּקע יינגל אין שטוב, שמעקט די טעפּ, רײַבט די הענט מיט כּוח און גוגערט אַזש אַז ווערטער, פון טיפּסטער גדולה.

— אַהאַ, ביסט שוין דאָ, דו מאַקאַבונד — בייזערט זיך די מאַמע גוטמוטיק און זי וויל אים כאַפּן. דערטאַפּט בלויז דאָס היטל און פאַלט שיר נישט אין מיטן שטוב.

— אַהאַ, דו הײַדעמאַק, פון וואַנען קומט מען? פונעם געיעג, פון גליטש? אַבי מ'רײַסט די שטיוול מיט די הויזן. אַז קיין חדר איז נישטאָ, אַז אַ צען יעריקער יונג דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאַס. וואַרט נאַר, דו ממזרוק. לאָז נאַר דער טאַטע אַהיים קומען עלעך דיר שוין צושטעלן אַ שיין בענקעלע.

— ער האָב נישט קיין מורא פאַרן טאַטן — מאַכט ברוכל מיט גדלות. אין זײַנע פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן אונטערן צעריסענעם היטל־דאַשעק בליצן צוויי יום־טובֿים: דער זאַטער שטוב־יום־טובֿ מיט דער צעשײַנטער פרייטיקצ־קייט פון די גרויסע מענטשן אַרום דער גילדן באַמאַלענער, זינגענדיקער נײַ־מאַשין, און דער בלאָ צעפינקלטער יום־טובֿ פונעם פרײַען דרויסן מיט בליאַסקענדיקער זון אויף ציטערדיקע שנײדימענטן. נאָך אַן אוצר האָט ער היינט געפונען אויפן טײַך, בײַם גליטש. אינעם דיקן, בלאָען אײַזשפּיגל ליגט אײַנגעפּרוירן ווי אין גלאָז אַ לאַנגער זילבערנער פיש. אַ גאַנצן אין דער פרי האָט ער געגראָבלט מיט די נעגל, געשאָבן מיטן מעסערל דאָס אײַז, צו דאָביוועז דעם זילבערנעם פיש. ער וועט קיינעם נישט דערציילן פון זײַן פאַרמעגן ביז וואַנען ער וועט אים אויסגראָבן. ער וועט אים אַהיים ברענגען און דערנאָך וועט דער טאַטע אין דאָרף פאַרבײַטן דעם זילבערנעם פיש פאַר אַ פערד מיט אַ שליטן. מ'וועט אַרומפאָרן העט ווײַט איבער די פעלדער און וועלדער, ער מיטן טאַטן, אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן, אונטערן הימל, אַזש אַזש ביז צום לאַנד כּנען ווו ס'שטייט אַבֿרהם אָבֿינו געצעלט און ס'פּאַשען זיך שאָף און רינדער, ס'ציִען קעמלען מיט גאָלדענע נאָזרינגען, ווי ער האָט געלערנט אין חדר, אין חומש.

— ברוכל קרוין — זאָגט די מאַמע, — פאָלג מעך אַ גאַנג, טו אַ לויף, טאַטעלע, צו סראָעלעליען אין געוועלבל אַרײַן און קויף מיר, ליובע, פּאָר

דריי גרייצער צוקער, א פערטל ליטער נאפט, און פאר א האלבן ניי־עם טיי. נאר זאלסט דער גיט דינגען, הערסט? גיי גיכער און זוים דער נישט.

דאס יינגל נעמט די שווארצע, פעטע נאפטפלאש אונטערן ארעם. ער קייעט געשמאק ברויט, וואס ער קנייפט פון דער קעשענע און ערווארט ביז די מאמע פארהייבט מיט באלעבאטישער ברייטקייט דאס פארטעך און זי קלימפערט לאנג, ווי מיט נגידישן תענוג, דאס קופערנע געלט אין דער קעשענע און טוט א זאג צו זיך אליין, מיט פרומען בליק צו דער סטעליע: — נו, געלויבט איז זיין ליבער נאמען, ס'דרייט זיך א לעבעדיקער גרייצער, די קינדער האבן ארבעט. מ'פארדינט פרנסה. קיין עין־הרע. ס'זאל נאר אריינקומען די ברכה.

די שטוב איז פול מיט זון, וואס אין איר גאלדענעם בליאסק זענען ווי פינצטערע שאטנס נעלם געווארן די בייזע פורעניותן פון די לעצטע שווערע צייטן: ווארעם ווי גראז אונטער א שטיין האט שוין געשפראצט נייער, גליענדיקער אטעם פון די צעדריקטע לעבנס. און גלייך זי וואלט גרעסער צעפלאמען דאס פייער פון זעט און גדולה, האט די לייבעכע גערוקט מער שייטער האלץ צום קנאקנדיקן פייער, אונטערן פארסאזשעטן פריפעטשיק, געשוימט מיטן הילצערנעם לעפל דעם קאכעדיקן ערדענעם טאפ בארשט, וואס זיין הייסע פארע האט פארשמעקט די שטוב מיט זינגענדיקער זיסקייט, און דאס לוסטיקע שטעפן פון דער ניימאשין האט פארשלונגען דאס גוגערן פון די מידן, פארהילכט די געלעכטערס פון די יונגע לייט. דער יידענעס קאפ האט זיך נאך לאנג פרום געשאקלט אין הייסער לויב צו גאט, און איר מוח האט שוין אציינד באנומען, צוליב וואס דער מאן אירער, דער שווארצער לייבע, דער גאלדענער באלעבאס, האט פלוצעם ערגעץ אין טארנאפאל געקויפט די ניימאשין, געטראגן זי טעג און נעכט ווי א יאד אויפן האלדז און נאכן בעת ער האט געוואנדערט צו פוס און אהיים געבראכט זי אומגעריכט, אריינגעפאלן ווי זיין טבע איז געווען, פלוצעם אין שטוב, באלאדן ווי מיטן פארמעג פון הצלחה: — נאט, אט האט איר... מ'זאל אכטונג געבן. נישט צעברעכן. מ'עט ארבעטן, מ'עט נייען.

די לייבעכע איז שוין נישט מער ארומגעגאנגען איבער שטיבער, ריידן און וויינען מיט פארבראכענע הענט:

— וואס האט ער עפעס געטאן, דער נארישער מאן אירער. ווער מאשין, וואס מאשין, ר'האט ארויסגעווארפן ס'ביסל געלט אין בלאטע, פארטאכלעוועט ס'לעצטע ביסל ארעמקייט. וואס וועט ער נייען אויף דער מאשין, די צעריסענע הויזן זיינע? נאדיר גאר א מאשין צו אירע צרות. אוי, אז מען האט אזא ביטערן מאן, אן עקשן און א משוגענעם. אז ר'האט דאך אפגעקוילעט אן א מעסער.

נאר גאר גיך איז מיט דער ניימאשין דווקא אריינגעקומען דאס מזל אין שטוב. די טעכטער האבן זיך מער נישט ארומגעדרייט אן ארבעט, פוסט און פאס,

די הענט פאַרפלאָכטן איבער די ציַטיק הויכע בוזעמס, ברוגז אַנגעדרודלט און הונגעריק.

ניין. ס'האָט באַלד ווי אין אַ בינשטאָק גענומען זשומען די אַרבעט אין שטוב. די בריהשע מיידלשע הענט האָבן גענייט, געשטעפּט, געסטריגעוועט מיטן וויַסן פאָדעם, ווי מיט דינע אָדערן, דיקן, ברוינעם געוואַנט פאַר פויערשע פלאַשטשעס וואָס לייבע האָט געבראַכט צו טראָגן פון די דערפער:

— ווער שפּילט זיך עפּעס מיט לייבען, דעם מזיק... אַ פּאַסעסיע האָט ער דאָך געקויפט, אַ מיל מיט אַ גראַלניע — האָט מען גערעדט אין שטעטל, שאָקלענדיק די קעפּ אין קנאַהדיקן ווּנדער. מיט חוזק אין די צעשמייכלטע מיילער האָבן די לייַט פון אים געשפּעט.

— וואָדען? ר'האָט אויפגעמאַכט אַ פאַבריק, דער שוואַרצער לייבע, ער איז אויפגעריכט געוואָרן מיט אַ גוטער פרנסה. מ'שפּינט דאָרט גאָלד, ער וועט ווערן אַ גביר אדיר.

לייבע אָבער האָט נישט געוואָלט הערן די פאַלשע לויב פון די מענטשן. ער האָט אויסגעדרייט אַ טויבע פלייצע צום שפּאַט: — רעדטס מיר צום האַשעק. ביַי מיר וועט מען אַרבעטן געניי, מען וועט נישט זיצן אויפן פּעקאַליק און מ'עט וואַרטן אויף ניסים, ביז ס'עט אַריַינקומען אַ גוי אין שטוב איַינקויפן אַ פּודעלע שוועבעלעך פאַר אַ גריַיצער, און נעמען אויף באָרג...

— איז טאַקע ביטער. ס'איז זויער און ביטער, נישטאָ קיין פרנסה, רב לייבע.

— ביטער? נו, וואָדען, די אָרעמע לייַט זענען זענען תמיד פאַרשוואַרצט געוואָרן. עכ'ל איַיך דערציילן עפּעס שיינס, רב הערש, איר הערט? מ'דאַרף שווער האָרעווען אויף פרנסה. די גויים גזלנען, לאָזן דעם ייִד נישט לעבן. מילא, וואָס זאָל מען טאָן, שטאַרבן פון הונגער? עט, בע. ער אַרבעט אויפן טאָג, לייבע, ביַי דער באַן, לאָדט אָן קלעצער און זעק תבואה, ער טריַיבט בהמות קיין קאָזלעוו און האַקט שטיינער פון דער סקאַלע. נאָר די רוטענער הערשער טענהן, אַז ס'איז זייער מלוכה היַינט און ווילן אים נישט באַצאָלן דעם קאַרגן לוין. ייִדן זאָלן ביַי זיי אַרבעטן אומזיסט, שריַיען זיי, און דערלאַנגען קלעפּ. מ'דאַרף אָנהייבן אַריַינצורעכטעווען ס'צעבראָכענע שטיקל באַלעבאַטישקייט. די אָרעמע לייַט מוזן זיך נעמען צו מלאָכות, אַז נישט וועט מען ליגן אין דער ערד. איאָ, צי ניין?

דער לאַנגער הערש האָט אומגלייביק אַ מעלק געטאָן מיט דער צעקנאָדערטער האַנט זייַן לאַנגע רויטע באָרד, ווי אַ גאָלדענעם פלאַם, אויסגעשטרעקט דעם דאַרן האַלדז, ווי אַ קרומען שטעקן און אַ הוסט געטאָן מיט שפּאָטישן ביטול:

— גערעכט, לייבע. אַוודאי, אַז גאָט האָט איַיך געהאָלפן, איר האָט דערטאַפּט אַ ניימאַשין, מעגט איר זייַן אַ חכם.

לייבע האָט גרימיק אַ הייב געטאָן מיט די אַקסל, ווי אָפּצושאָקלען דעם האָרבן, שבת־צו־נאַכטיקן אומעט פון לאַנגן הערשס שטוב־אָרעמקייט, וואָס האָט ווי אַן אָפּגרונט געפינצטערט מיט טיפער פאַרלוירנקייט.

— וואָס זשע ווילט איר, גאָט זאָל אײַך טאָקע אַרײַנוואַרפֿן די פּרנסה אין פּאַדאָליק, האַ?

— נו ווייל, נו גוט, אָבער אַז מען איז צעבראָכן און געבליבן ווי אויפֿן וואַסער, אַז ס׳איז נישטאָ זיך צו וואָס צו נעמען נאָך דער מלחמה — טענהט דער לאַנגער הערש זײַנס.

— מ׳נעמט זיך, מ׳נעמט זיך. אַז מ׳טוט עפּעס, העלפֿט גאָט. אַז איר׳ט אייביק זיצן הינטערן אויוון און וואַרטן אויף ניסים, וועט איר אויסזיצן הינדעלעך — ענטפֿערט לייבע עפּעס אַ ביסל צערודערט, ווי ווייל ער ווייסט נישט פֿאַר וואָס ס׳האָט אים אַ קיל געטאָן ס׳האַרץ.

— און איר מיינט, אַז איר זענט שוין פֿאַרטיק, לייבע, האַ? הײַנטיקע צײַטן קאָן מען זיך טאָקע פֿאַרזאָרגן. איר טוט אײַערס און דער רוח טוט זײַנס — מאַכט הערש מיט אַ פֿאַרקוועטשט אויג גלײַך ער וואָלט עפּעס געוווּסט אַ שלעכטן סוד.

לייבע טוט אַ פֿינצטערן קנייטש דעם שטערן. ער האָט פֿײַנט אַז מ׳שפּרעכט אים אָן. ער טוט יענעם אַ מעסט מיט אַ שווערן בליק:

— הערט נאָר רב הערש, ס׳אײַער באָבעס עסק מײַנע געשעפֿטן. וואָס בעבעט איר.

— אײַ ווײ, איר ווילט אײַך טאָקע שוין קריגן אויף דער פֿולער וואָך, רב לייבע. לײַט מיר בעסער דרײַ זעקסער ביז מאָרגן.

— נו, נו, גוט, נאָט אײַך... אַ גוטע וואָך. אַ גוט יאָר.

הײַנט פֿאַר טאָג, ווען די שטוביקע זענען נאָך געשלאָפֿן, האָט לייבע, בײַם רויטלעכן שײַן פֿונעם נאַפֿטלעמפּל, זיך געגומען פֿאַרען מיט דער מאַשין. שטום שווײַגנדיק, מיט ערפֿאַרכטיקער פֿרומקייט אין דער זײַטיק אונטער־געהויבענער שוואַרצער באָרד, ווי ווען ער וואָלט אויפֿגעשטאַנען צו סליחות, האָט ער זיך געדרייט אַרום איר און באַטראַכט מיט פֿאַרחידושטן בליק און פֿאַרבאָרגענעם שמייכל דאָס געבוי פֿון מענטשלעכן שׂכל און גלײַך ס׳וואָלט געווען אַ טײַערע גילדענע כּלי, האָט ער זייער געהיט און באַדעכטיק גענומען מיט דער פּאָלע פֿון זײַן טיזליק ווישן דאָס אײַזערנע רעדל, דאָס געשטעל מיטן לויפֿנדיקן צינגל. די גלאַנציקע שטאָלענע גדערעם, דאָס שיפּעלע און די קאָפּסלען, האָט ער לײַכט געפּוצט מיטן אָרבל, געהיט אָפּגעבלאָזן אַ שטויבל און מיט נחת האָט זיך זײַן דערהויבענער בליק געשפּיגלט אין גלאַנציקן קעפּל פֿון דער מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען אין רויטלעכער שאָטנ־דיקן לאָמפּשײַן, ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, ווי דאָס קעפּל פֿון אַ קליין, לעבעדיק פֿערדל, מיט צירלעך געבויגענעם, גאָלדיק באַמאָלענעם העלדזל.

הם, נו יאָ, ס׳איז אַ שיינע זאַך און ס׳ברענגט אַ נוץ, ס׳טראָגט פֿאַרדינסט. אַז אייביק געווער. ס׳איז כּדאַי געווען זיך אויסצובלייזן. וואָרעם ס׳האָט אים אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעג, אַ גאַנצן הונדערטער. אוו האָט לייבע, דער ביטערער אָרעמאַן, גענומען אַזוי פֿיל געלט? אָד, יאָ. ער האָט צונויפֿגעקראַצט, ווי אַ

מויז געגישטערט אין אלע באהעלטענישן און געפונען עטלעכע זעקסער. ער האט פארזעצט דאס מעשענע שטייסל און דעם קופערנעם ירושה־בעקן, פארקויפט א קישן, געליען און געבארגט, ארויסגעצויגן זיך די קליי פון די ביינער. אבער אצינד פילט ער מיט גדלות, עפעס גלייכערס האט ער גאר נישט געקאנט טאן, לייבע, ווי קויפן אט די ניימאשין. מיט א שפאטיש פארקוועטשט אויג פלעגט לייבע א מאל א קוק טאן אויף זלמן יונהן דעם שניידער, ווי ער זיצט דעם גאנצן טאג מיט דער פארשפיצטער יארמלקע און ברייט צעפעכערטער גראער באָרד, געבויגן איבער דער ניימאשין און שטעפט, טענצלט מיט די שטיוול אויפן טריט פונעם פליענדיקן רעדל.

— פע, א חרפה און א בושה. דאס איז נישט קיין מלאכה פאר א מאנצביל, פלעג לייבע ביטולדיק קלערן: ארבעטן זאקן, העקלען, נייען, — ס'איז אן עסק פאר ווייבער, פאר מיידלעך צוצופארדינען א ביסל אויף קליידלעך, אויף שמאכטעס דארטן. אצינד, ווען ער האט זיך איינגעהערט אין דעם קרעפטיקן אטעם פון די שלאפנדיקע טעכטער אויף די געלעגערס, האט אין זיין שווער פארזארגטן פאטערלעכן געמיט, ווי א פונק אין אש אויפגעטליעט א באהאלטענער ביטחון, אז די ניימאשין קאן באטייטן א תכלית, א פרנסה און אפילו נאך עפעס מער דערפון. מענטשן האבן ליב א פריילעכע שטוב. ווי א געניטע שדכנטע קאן די ניימאשין מיט איר גוגערן לאקן די יונגע לייט, ארייננצוברענגען תתנים אין שטוב. פאר וואס נישט? ער האט צוויי כלה־מיידלעך אויסצוגעבן און קיין נדנס איז נישטא. פון וואנען זאל ער נעמען, אז קיילעכיקע פיר יאר איז ער געווען א זעלנער אין דער עסטרייכישער מלחמה, אנגעליטן זיך א ים מיט צרות און יסורים און קוים מיטן נאקעטן לעבן אהיים געקומען נקי, דאס שטיקל באלעבאטישקייט צעבראכן, די אונטערגעוואקסענע קינדער אן א תכלית, די גויים רודפן, דאס שטעטל איז געחרובט. פאר וואס זשע זאל אים גאט נישט העלפן א ביסל הצלחה און אויפריכטונג? נאר קיין סך צו קלערן האט ער אצינד נישט קיין צייט. ער מוז אוועק גיין אין דארף און נאך איידער ס'נעמט טאגן. איינגעהילט אין טלית און תפילין טוט לייבע א דאוון, שאקלט איילנדיק די פלייצע ווי א שאטן אין טונקעלןווינקל, וואשט די הענט, דערנאך קנייפט ער שוין פונעם שווארצן ברויט, קייעט מיט זאפטיק הארבער ציבעלע און דעם רעשט האלב ברויט באהאלט ער אין טארבע אויף מיטצונעמען. פלוצעם אבער האט א שניט געטאן די נאכטיקע שטילקייט עפעס א נאגנדיק פארדושעטער בהלה־געשריי: איי, געוואַ־לד, גזלנים... לייבע, ביסט דא. איי, איי, איי. געוואלד, לייבע, אנטלויף, מ'וויל דער כאפן און דערהרגענען...

ס'איז געווען דעם ווייבס געשריי פונעם חלום. זי האט זיך אויפגעכאפט מיט צעפלאטערטן הארץ און קרום אנגערוקטער קופקע אויפן טרעפ־געשווירענעם קאפ. די שלאף־פארקלעפטע אויגן האבן א רגע פארנעפלט און אומגלייביק געבלאנדזשעט איבער דער שטוב־טונקלקייט.

ליבע האט א צארנדיקן ברום געטאן: — וואס שרייסטו עפעס הא? שפרינצע, וועסט אויפוועקן די קינדער. זע נאר ווי זי האט זיך צעליארעמט, גלייך מ'וויל איר קוילען די באבע.

מיט שוועבנדיקע טריט און געשטרעקטע הענט, גלייך זי וואלט געוואנדערט אין חלום, איז די ליבעכע פונעם בעט אראפ, צוגעגאנגען צום מאן, און ווי בלינד גענומען ארומטאפן זיין פלייצע, דאס היטל, מיט די פינגער איבערן פנים, און זי איז פונקט אזוי שוועבנדיק צוריק ארײַן אין בעט, אויפגעזעצט זיך, די אויגן צעפינטלט מיט אנשטרענג ווי צו דערמאנען זיך דעם בייזן חלום, וואס זי איז נאך ווייטער געווען פארשפינט אין זיין פחדיקן פלאנטער און וואס דער סוף פון אים איז שוין געווען פארמעקט, כאטש מ'פילט זיין גאנצקייט. דערנאך האט זי זיך שוין אין גאנצן צעוועקט און נאך א מאל שווער אפגעקרעכצט: — זע נאר, ליבע, דו ביסט עס גאר, טפו... ס'זאל נאר אויסגיין צום גוטן. כ'האב מיר נישט געוואשן די הענט, הערסט דאך, ס'האט זיך מיר געחלומט א חלום, וואס זאל עד דיר דערציילן, א שרעק־לעכער חלום.

די לאנגע הערשעכע האט עפעס אנגעקלאפט אין פענצטער און זי שרײַט, מ'זאל איר לײַען די ניימאשין. נאך וואס באדארפט איר זי, שרה? כ'וויל פארקנעטן ברויט, מײַנע רינט, זאגט זי. וויי איז מיר, זאג עד, וואס רעדט איר, גייט אײַך געזונטערהייט. אבער די הערשעכע כאפט די מולטער און אנטלויפט. לויף איך איר נאך, און ס'פלאטערט מיר דאס הארץ צום ארויסשפרינגען. דערווײַל טו איך א קוק אויפן בוידעם... הענגט אויף א שטריק...

ליבע האט איר גיך איבערגעשלאגן די רייד, גלייך ער וואלט מורא געהאט צו הארכן דעם וויסטן חלום ביזן סוף.

— זײַ שטיל, הערסטו שפרינצע, נו, שא, זאג עד. מ'פרעגט דער נישט.
ליבע האט פײַנט געהאט חלומות מיט ווײַבערישע מעשיות, מיט בוידעמס. ער האט אנגעטאן דעם ראק, פארגארטלט מיטן שטריקל, אנגערוקט דאס שעפסענע היטל איבער די אויערן, גענומען דעם פאק אנגעגרייטע פויערשע פלאשטשעס אויפן קארק, אוועקצוגיין אין דארף ארײַן אפטראגן די ארבעט. פון דער טיר האט זיך ליבע אומגעקוקט, מיט וואָרנדיקן זײַטיק אנגעשטעלטן שווערן קאפ ווי צום שטויסן, טײַטלענדיק מיטן פינגער צום ווײַב:

— זאלסט היטן... ווי דאס אויג אין קאפ זאלסטו זי אפהיטן, די מאשין, הערסט, וואס מען רעדט צו דיר, הע, שפרינצע. זאלסט נישט ארײַנלאזן א פרעמדן אין שטוב, געדענק.

די ייִדענע האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט. זײַנע רייד האבן זיך געפלאנטערט אין איר צעשפילטן דמיון, ווי שווארצע פייגל אין נעפל־בלינד־קייט. זי האט דרימלדיק געברומט, פארטראגן אין אנדערע וועלטן:

— ווער מיר ניימאַשין, וואָס מיר ניימאַשין, וואָס הייסט עפּעס דאָס היטן. ס׳וועט זי דיר עמעצער אויסכאַפּן און אויפעסן, צי וואָס? הערסטו, לייבע, אַז מענטשן זאָגן, אַז דו ביסט אַ משוגענער ייִד, מעג מען גלייבן.

אַ גאַנצן אין דער פרי הײַנט האָט די לייבעבע געפילט, ווי ס׳פלאַמען איר די אויערן פון עפּעס אַן אויפרעגונג, וואָס ליגט איר אין זינען, נאָר זי געדענקט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. ווי ס׳מאַכט זיך אַ מאָל אַ וואָרט, וואָס ליגט אויף דער צונג און מ׳קאָן דאָס נישט אַרויפברענגען אויף דער געדעכעניש. פאַרן אויג האָט עפּעס געפלאַטערט שוואַרץ ווי אַ שוועבנדיקע וואָראָנע און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די ליכטיקע זון אין דרויסן איז אַ ביסל שאַטנדיק פאַרטונקלט געוואָרן. די יונגע לײַט זענען אין שטוב שוין נישט געווען מער און די ניימאַשין האָט שטילער געקלאַפּט, גלײַך זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל זי דערהערן. די לייבעבע איז צוגעגאַנגען צו רחלען, געבויגן זיך איבערן מיידלשן קאָפּ און ווי אײַנגערוימט אַ סוד, געפרעגט אַ צעטראָגענע פון אומרו: ווו איז ער, ווו זענען זיי?

— ווער, מאַמע?

— הער נאָר, ווו זענען זיי?

— ווער, מאַמע?

— נו, משה יאַנקל, די יונגען, נתן, נחום, סענדער, שײַקע? קיינער איז נישטאָ?

— וויים עד, מאַמע, זיי זענען אַהיים געגאַנגען, מסתמא עסן אָנבײַסן. וואָס דאַרפסטו זיי האָבן?

— גאָר נישט. כ׳פרעג. כ׳זאָג אײַך דעם אמת, קינדער, כ׳דריי מיך אַרום, ווי אַ נעבעכטיקע.

— ברוכל איז אויכעט נישטאָ אין דער היים. ווער ווייס, ווען דער טאַטע וועט אַהיים קומען פונעם דאָרף. ערשט בײַ נאַכט מסתמא. אײַ ווײ מיר. מ׳איז אַליין אין שטוב.

די לייבעבע האָט זיך שטאַרק געחידושט וואָס מ׳זעט פלוצעם נישט קיין מענטש אין דרויסן, כאָטש זוך מיט אַ ליכט אַ לעבעדיקן נפש. ס׳לויפט אפילו נישט דורך קיין הונט. דוכט זיך, ערשט געווען אַ פולער דרויסן מיט ייִדן, מיט גויים, ס׳קער שוין זײַן נאָך וואָרעמס. זונטיק ליגן זיך די גויים צו אַ ביסל שלאָפן אויפן פּעקאַליק. וואָס פעלט זיי דען, די זאַטע בעלי־גופים, קדחת מיט קרענק. זיי האָבן דען דעם ייִדנס דאגות מיט די צרות? ווער ווייסט, ווו לייבע איז ערגעץ. אַז ס׳טוט זיך דאָך אַלע מאָל אַ שפּיל אָפּ אַזוינע בייזע מהומות. מ׳קאָן זיך דען באַוואָרענען? אַך אַך, ס׳האַרץ אָבער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אים נישט לאָזן הײַנט אוועקגיין פון דער היים. בײַ דעם געדאַנק טוט איר טאָקע אַ טיאַכקע אין האַרצן. וואָרעם אַרײַנקומענדיק צוריק אין שטוב, זעט זי, ווי הינטער איר פלייצע שטייט פלוצעם די לאַנגע

הערשעכע מיטן קרומען מויל. די צעריסענע שאַל טיף אַנגערוקט אויפֿן געבויגענעם קאָפּ און דאָס פּאַראָמערטע פּנים איז געווען שאַרף אויסגע־צויגן אין דער לענג, מיט פֿאַרשפּיצטער גאָמבע, ווי אַ האָרן, און אָנגעוואַקסן מיט גרינער אַרעמקייט ווי אײַזן מיט זשאַווער. די האַלב בלינדע אויגן האָבן קרימלעך און נערוויטלט געזוכט עפּעס אויפֿן שטערן. און פֿונעם אײַנגע־פֿאַלענעם מויל אַן ציין איז דאָס קול אַרויסגעקומען קורץ און הייזעריק, מיט שרעקעוודיקן ווידערקלאַנג, ווי פֿון אַ פּוסטן בוידעם:

— נו וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער ניימאַשין? איר ווילט זי פֿאַרקויפֿן? האָ? ס'קער זײַן אַ נײַע, פֿעבלט אין אויג, ווי אַ שטיק גאָלד, אַ מציאה פֿון אַ גנבֿ, וועדען, באַלײַטנס העלפֿט יאַקאַש גאָט. הערט איר, שפּרינצע, ס'איז בעסער ווי אַ מעלקעדיקע קי, איאָ?

די לייבעכע האָט איר אַרויסגעשטעלט צוויי פֿײַגן הינטערן פּלייצע און פֿאַר־גנבֿעט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן:

— אַטפֿו, אַטפֿו, טפֿו. זאָגט כאָטש קיין עין־הרע, וואָסי שׂרה, איר ווילט געבן אַ גוט אויג? נו, גיט... גיט... בײַ אײַך איז ניט קיין מלאכה. בײַ מיר זעט מען גליקן, מעד איז מען מקנא... ערגעץ אַנדערש ווערט מען צעזעצט פֿון ווילטאָג, זאָג עד גאָרנישט. האָטס נישט קיין מורא, שׂרה, כ'בין נאָך נישט געוואָרן קיין נגידית, הלוואי פֿאַרדינט דאָס מײַן מאַן אַלע טאָג, וואָס ס'פֿעלט מיר צו ראָטשילדס פֿאַרמעג.

— ווער גלײַכט זיך דען צו ראָטשילדן. הערט איר, שפּרינצע, כ'וואָלט מעד אַנידערגעזעצט אין מאַרק מיט אַ מולטער סחורה, אַ ביסל בענדלעך מיט טיכלעך, מיט קרעלן, מיט דיניע־קערלעך און ציבאָלעס, נאָר כ'האָב מורא, אַז די גוים וועלן צוכאַפּן — זאָגט שׂרה ווי מיט שיפֿן וווּנק פֿון עפּעס אַ וויסטן סוד, אַזש דער לייבעכעס נאָז איז בלאָס געוואָרן ווי קאַלך.

— אַוואָסערע גוים? ווער וועט עפּעס כאַפּן, וואָס קראַקעט איר ווי אַ וואָראָנע, זײַט זשע מוחל, וואָס איז שוין עפּעס נײַעס? ווײ איז מיר, וואָס רעדט איר, שׂרה.

דער הערשעכעס קרומער בליק האָט נידעריקער געשפּיזלט אונטער דער אַנגערוקטער קאָפּשאַל מיט אַ טונקעלן גליוועך, ווי אַ שאָטן:

— כ'ווייס, עפּעס רעדט מען אין שטעטל. מ'קאָן דען וויסן, וואָס ס'וועט זיך טאָן. זיי ראַבעווען, די גוים... די זעלנער... שפּרינצע, לײַט מיר אַ האַלב ברייטל מיט אַ טאָפּ בולבעס. אפֿשר האָט איר אַ קוואַרט מעל צו באָרגן? האָ?

— יאָ, יאָ, נאָט אײַך, אָבי גייט אײַך, אָבי גייט אײַך אַהיים, שׂרה, געזונטער־הייט.

די לייבעכע גיט איר די שפּײַז אין פֿאַרטעך אַרײַן און שׂרה גייט און ווערט פּלוצעם נעלם פֿון דער שטוב גלײַך זי וואָלט אַרויסגעפֿלויגן דורכן קוימען.

אַז די ליבעבע איז ווידער אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט, ווי אַ דאַשעק צום שטערן, און פינטלדיק מיט די אויגן האָט זי געזען, ווי אונטן ביים וועג, אין דער ווייטקייט צווישן די בלאָ געקאַלכטע ווענט פון צוויי יידישע שטיבער, גייען צוויי גויעצלעך מיט העק אויף די פּלייצעס, שפּאַרן זיך עפּעס, גלייך זיי וואָלטן זיך געקריגט, מיט דינע קווייטשיקע קולעכלעך, און הינטער זיי לויפט נאָך די טונקעלע געשטאַלט פון עפּעס אַ ייִד מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַ שוואַרצלעכער פויגל, מיט צענומענע פליגל, און ער שרייט מיט צאַרנדיק באַנומענעם הייזעריקן בייזער:

— געוואַ־אַלד, מענטשן, ראַטעוועט, רויבע־ע־ערס. העי, גאַספּאַדאַרע, ניטס אַפּ ס׳ביסל סחורה, גיטס אַפּ, רוצחים, וואָס ראַבעוועט איר מיין שטוב.

די ליבעבע האָט נישט געקאָנט דערקענען, נישט דעם ייִד און נישט דאָס קול זיינס. זי האָט אָבער גיך אַראָפּגעכאַפּט ס׳גרעט פון פלויט, אַ רייד טוענדיק צו זיך אַליין: — אָט האָסטו דיר אַ נייע צרה, וואָס איז דאָס עפּעס געוואָרן אין מיטן העלן טאָג? — אַז זי האָט באַלד אין שטוב דער־ציילט די טעכטער, וואָס זי האָט געזען אין דרויסן, האָט מען איר נישט געוואָלט גלייבן.

— ווייסעך וואָס, מאַמע, דיינע נייעס. ס׳האָט זיך דיר געקערט עפּעס חלומען, — האָט געזאָגט רבקה. — ס׳איז אַזאַ שיינער טאָג, אַז ס׳גלוסט זיך מיר טאַנצן — מאַכט די יינגערע, רחל, מיט חנעוודיק צעוויגטע אַקסלען. אין אָונט וועט זי גיין צו דער סראַל־עליכע אין שטוב טאַנצן מיט די יינגלעך און מיידלעך וואָס קומען זיך דאָרט צונויף פאַרברענגען — זאָגט זי מיט צעשמייכלטן גלאַנץ אין איר ליכטיקן בליק, אַזש דער מאַמען ווערט עפּעס פריקרע.

— פרעגט מיך בחרם, קינדער, וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר. די הערשעבע האָט עפּעס אַנגעשפּראָכן אַ צרה. כ׳זאָג אייך, דאָס איז אַ יידענע, גאָט זאָל מעך נישט שטראָפן פאַר די רייד... עפּעס אַ ציגיינערין צי אַ מכשפה, נישט דאָ געדאַכט...

און די ליבעבע איז שטיין געבליבן מיט די אויגן צו דער סטעליע, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען, צי די לאַנגע הערשעבע איז טאַקע געווען דאָ ערשט נאָר וואָס אין שטוב, צי זי האָט זי געזען אין דמיון. זי פילט, אַז זי רעדט, נאָר זי הערט נישט אירע אייגענע רייד. אויגן אויסגעגלאָצטע קוקן זי אָן מיט שרעק, ווי אַ דולע.

וואָרעם ס׳הילכט און ס׳קראַכט הינטער די ווענט, ווי דאָס קנאַקן פון אַ פלוצעמדיקער שׂרפה: ט־ר־אַ־ד, טראַד ט־ר־ר־ר־אַד.

די ליבעבע טוט אַ וואָרף ביידע הענט אין דער לופטן מיט אַ בהלהדיקן שרעקגעשריי:

— זייט נאָר שטיל, קינדער, געוואַלד, הערט נאָר, מען שיסט. נו, נו, אַ שיינע מעשׂה, גאַטעניו אי־עד נעם חלשן און דאָ איז דער טאַטע נישטאָ אין

דער היים. ווו איז ער ערגעץ אוועקגעגאנגען? איי, ליבע, ווי איז מיר. קינדער וואס טוט מען, ווו גייט מען און ווו לויפט מען? — זי האט א קראץ געטאן מיט א פינגער, אין צרהדיקן באדרענג, אונטער דער געקעסטל־טער קאפ־פאטשיילע און אנגעשטעלט א שארף הארכנדיק אויער אין דער טויב פארטיפטער שטילקייט אריין. וואס איז באלד ווי א בארג צעזעצט געווארן מיט א הילכעדיקן שיסן, און דער לעצטער טראך האט ווי א דונער אויפגעריסן די טיר און ס׳איז אריינגעפאלן א פרעמדער מענטש אין שטוב. ס׳איז געווען א גוי, אן אפגעריסענער, מיט שמאטעס אויף די פיס, אין א צעדרייט היטל אן א דנא אויפן שפיץ גרויסן, האריק באוואקסענעם קאפ, ווי א שעפס. עפעס א האלדריגע אפנים, א פרעמדער זעלנער מיט א צעפלאטשטער נאז, ווי א קנעפל. ער איז שטיין געבליבן פארווונדערט אין מיטן שטוב, מיט צעשפרייטע פינגער און קרום צעעפנטן מויל, ווי ביי א חסר־דעה, גלייך ער האט גאר נישט אין זין צו טאן עפעס שלעכטס, נאר ער שרעקט זיך, אז מ׳זאל אים נישט ארויסווארפן. פלוצעם אבער האט ער מבינותדיק א ווארף געטאן אן אייגל צו דער ניימאשין, גלייך ער וואלט זי מיטן בליק געוואלט אונטערהייבן און אפוועגן צי זי איז נישט שווער און צי ער וועט זי קאנען דערטראגן. די לייבעבע האט דערזען דעם סכנותדיקן בליק און זי האט א בראך געטאן מיט די הענט:

— אוי, ווי איז מיר נישט געשען, עפעס אן אנשיקעניש, א שטן, גאט זאל אפהיטן וואס וויל ער דא. ווער איז דער כלב, הא? זאג נאר, דו גוטער מענטש, פון וואנען ביסטו? ווו גייסטו, וואס טוסטו? ביסט נישט קיין הונגער, איא? מעגסט ווערן די כפרה.

ווי דער גוי האט דערשפירט, אז ס׳איז נישטא קיין מאנצביל אין שטוב, האבן זיך זיינע אויגן ווי שפינען פארוועבט מיט צעכעסטע בלא־בלוטיקע אדערלעך, גלייך ער וואלט זיך א בייזער טאן: וואס איז דאס עפעס פאר א באלעבאס, וואס גייט אוועק אין אזא טאג פון דער היים און לאזט איבער א שטוב אויף הפקר? א שיינער באלעבאס...

און ער האט א זאג געטאן מיט א פויעריש קוויטשיקן כיטרע קולעכל און מיט אונטערטעניקן געבעט:

— אט, אט, מענטשן גוטע... איך לויף שוין ארום טעג מיט נעכט און קיינער וויל מיך נישט אריינלאזן אין ערגעץ איבערנעכטיקן, כ׳בין דערפרוירן ווי א הונט, שלאפן ווילט זיך, שלאפן. איאקזשע... דאס געלט גיט אהער, ייִדן... דאס גאנצע געלט... ס׳איז אונדזער מלוכה היינט... ארויס פון אונדזער לאנד... אלע ייִדן וועט מען אויסקוילען... אנעבוי שלאק טראפי, — טוט ער א בייזן שפיי און א רוצחישן הייב א געבײַלטן קוליק.

ער איז געשטאנען א פארשמירטער מיט בלאטע ווי ארויסגעקראכן פון א זומפ, שאטנדיק, האלב פארטונקלט, אפגעשליסן און אפגעריסן און צעקנא־דערט ווי א צעפוילטער בוימווארצל. פון די לעכער פון זיין צעפליקטן

זעלנערראָק מיט די פאַרזשאַווערטע מעשענע קנעפּ האָבן זיך געשוואַרצט שטיקער פון זיין נאַקעטע לייב, וואָס איז געווען האָריק אָנגעוואַקסן, ווי די פעל פון אַ חיה, און צעריסן מיט מכּות ווי ביי אַ מצורע. אויפן קורצן שטערן איז געווען אויסגעשפּיצט אַ גרויסע בלאָע גוליע ווי אַ האָרן און אויפן אָרט פון די אויערן האָבן זיך געדרייטלט שטיקלעך אָנגעדראָלן ווילדפלייש, ווי צוגענייט מיט ווייסע פעדעמשטעך. צוויי לאַנגע ציין, נאַקעטע ווי העק, איינער פון אויבן און איינער פון אונטן, זענען געווען שאַרף פאַרביסן, ווי ביי אַ שאַרבן, אונטער די דינע בייז צעקרימטע ליפּן. די שמאָלע האָריקע אויגן זענען געווען איינס קלענער פון אַנדערן, זייטיק שיף פאַרשפּיצט, אַז ברעמען און מיט אַ טעמפּ פאַרגליווערטן בליק, האַרט ווי אייזן. איין האַנט איז ביי אים געווען אויסגעדרייט ווי אַ פאַרדאַרטער צווייג און ער האָט געהונקען אויף ביידע פיס.

די לייבעכע מיט ביידע טעכטער האָבן אים באַלד גענומען שלעפּן און שטופּן צו דער טיר. נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט אים רירן פונעם אָרט, ווי אַ שווערן קלאָץ.

— מאַמע, זע נאָר, דאָס איז דאָך עפּעס נישט קיין מענטש, נאָר אַ שד — האָט רבֿקה דערשראָקן אַ זאָג געטאָן. רחל האָט נישט געקאָנט גובֿר זיין איר זאַפּטיקן געלעכטער:

— עפּעס אַן אַנשיקעניש, אַזוי ווי אַרויסגעשפּרונגען פון אַ ווילדן חלום, גלייך צו אונדז אין שטוב אַריין. מאַמע, הערסט, נעם ס'האַנטעך און די זייף און שפּרעך אָפּ אויף אַ גוט אויג, וועסטו פאַרטרייבן דעם רוח.

נאָר די לייבעכע האָט אַ ביטערן זיפץ געטאָן:

— אוי וויי און ווינד. ס'איז מיר נישט גוט, קינדער, וואָס טוט מען דאָ מיט דעם גזלן? זי האָט זיך גענענט פּאַוואָליע צו דעם פרעמדן, צוגערוקט דעם קאָפּ נאָענט צו זיין פּרצוף און שאַרף געמאָסטן אים מיט איר וואָרנדיקן בליק. ס'איז געווען גרין אויסגעצערט און ווי בלוטיק אָפּגעשונדן דער פּרצוף, באַוואַקסן מיט האַרטע, שוואַרצע האָר־שטעכערס, ווי מיט דראָט.

— עסן ווילסטו? אַ? פרעסן ברויט, ברויט... שלאָפן איז דאָ נישטאָ ווו, גיי דיר צו דיינע, צו די גוים. ביי זיי איז דאָ היי אויפן בוידעם. ס'איז דאָרט וואַרעם. זי האָט אים געוויזן מיט אַ פינגער, ווי מ'פּאַקט ברויט אין מויל אַריין. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און זי האָט מיטן גרויסן מעסער אַ שנייד געטאָן אַ רעפט ברויט, געשטופּט דאָס דעם גוי אונטער דער נאָז, געוווּנקען מיט לייטזעליקן רחמנות:

— נאַ, נאַדיר, נעם צו ס'שטיק ברויט און פרעס דער אַן, וועסטו זיך מחיה זיין. ביסט אוודאי גוט הונגעריק, איאָ, ווי אַ הונט? וויפל טעג האָסטו שוין נישט געפרעסן?

אַך, אַך, אַך, איז היינט אַ וועלט מיט מענטשן, אַז איבערקערעניש געקומען —
און זי האָט אַ פאַכע געטאָן מיטן מעסער נאָענט אים אין פּנים אַריין, מיטן

שפּיץ צום נאַרגל. ער האָט צוויי בים געטאָן, געקײַעט מיט פולע באַקן, און גלײַך ער וואָלט נישט געהאַט קיין צײַט און דאָס עסן אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, האָט ער דאָס איבעריקע שטיק ברויט אַרײַנגעשטעקט אין קעשענע און גענומען זיך רוקן נעענטער אין פאַרטונקלטן ווינקל, ווי אַ סכנותדיקער שאָטן. צום סוף האָט ער אַרויפגעלייגט אַ שוואַרץ אויסגעקרימטע האַנט אויפן שיינעם גאָלד באַצירטן קעפּל פון דער ניימאַשין, ווי מיט דער בייזער כוונה אַראָפּצודרייען דאָס.

די מיידלעך האָבן זיך געפּלײַסט נישט אומצוקוקן, זיי האָבן געשטעפּט ווײַטער, מיט בלייך געוואָרענע פּנימער און געבויגענע קעפּ, ווי אָנגעברייט צו דער יִידישער צרה פון דור־דורות. מיט געהויקערטער פּלייצע, ווי בײַ אַ קאַץ, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן, האָט די לייבעכע זיך אַ שאַר געטאָן אין דער מיטן:

— הע... דו, וואָס ווילסטו טאָן, אַ? דו חזירישע מאָרדע. כ'האָב דיר געגעבן ברויט גענוג, גיי, גיי. גוטער מענטש, וואָס ווילסטו נאָך? מיר זענען אַליין אָרעמע לײַט, וואָס טויג דיר דאָ צו ראַבעווען, האַ? — זי האָט געפאָכעט מיט ביידע געבײַלטע פויסטן אונטער די אויגן. אירע בלאַע ליפּן האָבן געציטערט און די בלייכע באַקן זענען שוואַרץ געוואָרן פון באַדרענג:

— אַוועק, אַוועק, פאַרנעם דיך פון האַנען, דו רוח.

אַ רגע האָט אין שטוב אַ פליִיץ געטאָן אַ שווערע שטומקייט ווי אַן אָנגע־טראָגענע בלײַערנע כמאַרע, וואָס האָט פאַרשלונגען די וועלט. דערנאָך האָט זיך דער גוי אַ ריס געטאָן און אָפּגעשטויסן די יִידענע מיטן אַקסל. זײַן אָפּגעשוואָלענער פּרצוף האָט זיך פאַרקרימט מיט ווײַט צעשפּרייטע נאָז־לעכער, באַגלײַך ער האָט ערשט נאָר וואָס געטאָן אַ געשמאַקן שמעק טאַבאַק, ער וויל ניסן און ס'קומט נישט.

— שלאָפן... כ'וויל שלאָפן, — האָט ער געברומט אַז אַ סוף און זײַן קאָפּ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט שווערקייט, ווי אַ שטיין אויף דער ברוסט, נאָר פון די שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך האָט באַדאַכטיק געלאָקערט די רציחה.

— טאַקע? — האָט אים די לייבעכע געענטפערט מיט אַ הייזעריקלעך שטילן קול, גלײַך זי וואָלט פלוצעם זייער רויִק געוואָרן:

— אָט זעט נאָר אַ מעשה, כע־כע־כע, ס'וועט זײַן דאָ פרייליך, איי דו כּלב, וואָס זשע זאָגסטו עפּעס גוטס? ווילסט שלאָפן? האַ? ווילסט מיר פאַר־דרייען אַ ספּאָדעק? כ'וועל דיר באַלד ווײַזן. די האַק, וווּ איז ערגעץ די האַק? נאַ דיר גאָר אַזוינס, צו מיר קומען רויבן, אַז אַ ווײַסטער, אַ פינצטערער...

זי האָט געבײַטלט חלומות און גענומען זיך דרייען גיך, אַהין און אַהער זוכן די האַק, די פּאַטשיילע קרום אָנגערוקט אויף אַ האַלבן פּנים, אַז מען האָט אַרויסגעזען די ווײַסלעכע טרעפּ אויפן געשווירענעם קאָפּ, אַ שטייגער ווי זי וואָלט נעזוכט דעם בעזים אויסצוקערן די שטוב. רחל האָט איר

צורעכט געמאַכט די פּאַטשיילע, געהאָלפֿן זוכן און בעת דעם האָט זי אַ קיצלדיקן לאַד געטאָן, צוהאַלטנדיק דאָס מויל מיט דער האַנט צו פֿאַרדושען דאָס זיך שטויסנדיקע געלעכטער אויס מורא פֿאַר דער מאַמען. דער גוי האָט געשטרעקט די הענט אַרומצונעמען דאָס מיידל. זי האָט אים אָפּגעשטויסן מיטן אָקסל, מיט אַזאַ זעץ אַז ער איז געפֿאַלן צו דער וואַנט. מיט אַ האַלב אייגל האָט ער עפּעס ווי דערשראָקן און פֿאַרדעכטיק געקוקט, דאָ צו דער טיר, דאָ צו דער ייִדענע, וואָס זי זוכט די האַק. וואָס טוט זיך עפּעס דאָ אַזוינס? אַ? מ׳וויל אים הרגענען? ס׳האָט זיך אים שטאַרק פֿאַרגלוסט אַ קראַץ צו טאָן מיטן פֿינגער אונטערן היטל, אין די פֿאַרפּאַפּטע האָרקודלעס, כּדי זיך מיישבֿ צו זײַן, צי ער זאָל אַנטלויפֿן, צי שטיין בלײַבן דאָ און וואַרטן ביז די ייִדענע וועט געפֿינען די האַק. פּלוצעם, אָבער, איז די לייבעכע פֿאַרשטאַרט געבליבן מיט אַן אָנגעשטעלטן אויער, גלײַך זי וואָלט זיך עפּעס צוגעהערט צו פֿרעמדע טריט, וואָס קומען צו גאַסט. איר פֿאַרחושכט פּנים איז געוואָרן געלער און צעקנייטשטער, ווי צעקנאַטן ליים. זי האָט אַ בהלהדיקן לויף געטאָן צו דער טיר, געעפֿנט אַ שפּאַרע און אַרויסגעשטרעקט די שפּיץ בלייכע נאָז צום דרויסן:

— אײַ ווײ מיר, ס׳גייען זעלנער מיט ביקסן. געוואַלד, קינדער, באַהאַלט אײַך גיכער, גאָטעניו. נו, מיידן, אויפֿן בוידעם. — און זי האָט גיך פֿאַרריגלט די דרויסנטיר, מיט פֿאַרהאַקטן אָטעם פֿון שרעק.

מען האָט געהערט לויפֿנדיקע טריט פֿון אַרום די ווענט. ווי אַ ווערבלווינט האָט דער קלאַפּ פֿון אָט די לויפֿנדיקע טריט אַ פֿאַרכאַפּ געטאָן די צוויי מיידן אין שטום פֿאַרצאַפּלטן שרעקגעיעג. זייערע שוואַרצע אויגן האָבן געציטערט ווי געכאַפּטע פֿליגן. זייערע לײַבער האָבן אַ רגע געהיפּט אויף איין אָרט מיט דערשטיקטן אָנגסטאָטעם אין די העלדזער, ווי פֿלאַטערדיקע הינער, ווען זיי דערפֿילן דעם שוועבנדיקן יאַסטרעב אין דער לופֿטן. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין טונקעלן פֿאָדערהײַזל, קריכנדיק אויף דעם צעקרימטן בוידעם־לייטער, וואָס עס האָבן אין אים געפֿעלט טרעפּלעך, ווי אַ מויל מיט אויסגעשלאָגענע ציינער. זיי האָבן זיך געדראַפּעט איינע אונטער דער אַנדערער, די מאַמע מיט די טעכטער, מיט סכּנה־אײַלעניש אין די הענט, און האָבן זיך באַלד פֿאַרשטופּט אין פֿינצטערן בוידעם־ווינקל, באַהאַלטנדיק דאָרט די ווײַבערישע צניעות פֿאַרן גזלנישן ליכט פֿון לויטערן טאָג.

ס׳איז קיינער נישט געקומען. די שטילקייט האָט שוואַרץ געגליווערט, ווי אַ געדיכטע בלאָטע. אין שטוב האָט אונטערן אויוון געפּײַפּט די גריל. און אַז די לייבעכע איז אַראָפּגעקראָכן פֿון בוידעם און געעפֿנט די טיר האָט איר אַ ריס געטאָן אין האַרץ. די מאַשין איז נישט געווען. זי האָט אַ בראָך געטאָן די הענט און ס׳האָט אַ גרויל געטאָן איר שווערער, הייזעריקער זיפֿץ:

— אוי, אַז ווינד און ווײ.

איר קרום פֿאַרצערט מויל האָט זיך צעעפֿנט, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט שרײַען און זי קאָן נישט. ווי אין חלום האָט זיך דאָס קול געוואָרגן אין

צוגעשנירטן האלדז און ס'איז נישט ארויסגעקומען. זי האט א לויף געטאן אין דרויסן. פארנעפלטע פון שרעק, האבן געגנישטערט די אויגן איבער דעם זוניק ווייסן שנייבלענד, פון אונטן ארויף, דורך די שווארצע פליטערלעך, וואס האבן זיך געשיט פאר איר קורצן בליק. ווי דורך א געדיכטער זיפ, האט זי געזען, ווי דארט, אין דער ווייטקייט, אויפן וועג, שפאנט אין גיכן גאנג דער גוי אין צעפליקטן זעלנער־מאנטל. דער זעלביקער, וואס איז ערשט נאר וואס געווען ביי איר אין שטוב, און ער טראגט אויפן קארק די נייי־מאשין. זי האט גיך אהין א לויף געטאן מיט פארכאפטן אטעם, און עס האט זיך אויסגעדאכט, אז זי באדארף נאר א רוף טאן, און דער גוי וועט זיך אומקערן, באגלייך ער האט עפעס דורך א טעות גענומען א פארביטענע זאך פון זיין רעה וועגן און ער וועט זי באלד אפגעבן. די לייבעצע האט אויסגעשטרעקט ביידע ווי רחמים בעטנדיקע ארעמס אהין צו דער ווייטקייט. זי איז שטיין געבליבן, אפגעגאסן פון זונבליאסק, און מיט צער אין קול האט זי א געשריי געטאן:

— הער נאר, דו באלעבאס־לעבן, וווּ גייסטו? קום נאר אהער, כ'וועל דיר באצאלן, גיב אפ די ניימאשין, דו גזלן.

אבער דער גוי האט זיך נישט אומגעקוקט. ער איז פארשוועבט געווארן ווי א שווארצע ווארנע אין עק בלאס בלאען הימל, דארט אין א טונקעלער קופע, צווישן זעלנער און שליטנס, וואס האבן זיך געשטויסן, געלאפן און זיך ווידער צונויפגעביילט, ווי א צעטריבענע טשערעדע. אז די לייבעצע איז אהין אנגעקומען איז דארט קיינער נישט געווען. דאס ארט איז געווען ליידיק און זייטיק האט שטיל געדרימלט דער שניי־פארשיטער צווינטער מיט די שרעקיק אנגעשטעלטע צלמים אויף די גוייִשע קברים. זי איז ארא‍פ הינטערן בערגל, גענומען שווער זינקען מיט די מאנצבילישע שטיוול אין ווייכע קופעס שניי און פלוצעם אויסגעקומען צום בית־עולם מיט די אנגע־בויגענע מצבות ווי יידן מיט געהויקערטע פלייצעס.

— נו, גאטעניו, וואס זשע קלערסטו דיר, הא? שטראף, שטראף — האט די לייבעצע א זאג געטאן, ווי פארלוירן אין איר שווערן בראד.

זי האט זיך אומגעקערט אהיים, פארזונקען אין טרויער און ווייטיק, ווי נאך א לוויה, מיט אראפגעלאזטן קאפ נידעריק צו דער ערד.

שטום און קאלט האט טאקע אין שטוב געפוסטעוועט דאס ליידיקע ארט אין ווינקל, ווו עס איז פריער געשטאנען די ניימאשין, ווי דאס געלעגער פון אן אוועקגענומענעם מת. די שטוב־ארעמקייט האט זיך אצינד ווייטער ארויס־געשיילט אין דער שארפער גראלעכער ליכטיקייט. אויפן צעווארפענעם בעטל איז געשטאנען א שווארצער זאק, אנגעפילט מיט הארטע טלומיקעס, תמיד אן אנגעברייטער, ווי צום אנטלויפן. דער זילבערדיקער זונסנאפ פון צעקרימטן פענצטער האט פלוצעם באשטראלט אויף דער וואנט, ווי אן אפגעדעקטע חרפה, א פארטריקנטן בלוטפלעק מיט פעדערן, ווי עפעס אן אלטע צרה מקדמונים.

די ייִדענע האָט שטיל געיאָמערט, פֿון געוווינהייט שוין אַן טרערן, בלויז מיט נאָגנדיקן תּחינה־ניגון, וויגנדיק דעם קאָפּ אַהין און אַהער. זי האָט גערופֿן אין טונקעלן פֿירהויז:

— קינדער, קומטס נאָר אַהער. איר מעגט שוין אַראָפּקריכן פֿונעם בוידעם. שוין. ס'איז נאָכן טראַסק.

מיט אָפֿענע מיילער און טרערן־פֿאַרגאָסענע אויגן, זענען די מיידן שטיין געבליבן פֿאַרגאַפֿטע ווי אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון הימל. זיי האָבן געהויקערט די קעפּ אין די אַקסלען. אַ פֿאַרבאָקענע בענקשאַפֿט צו דער פֿריילעכער אַרבעט האָט שאַרף גענאַגט אין האַרץ. אַ טרויעריקע באַנגקייט צו דער פֿאַרשטערטער גדולה פֿונעם שיינעם זוניקן טאָג, וואָס ס'האָט אין אים אומוועדיק געטונקלט דער בראַד פֿון דער געראַבעוועטער נייעמאַשין, ווי אַ מכּה אויפֿן שטערן. זיי האָבן פֿאַרשעמט געביטערט:

— מאַמע, אוי שלעכט, מאַמע. אוי, אַ גרויסער שאָדן.

— וואָדען, ס'איז גוט? ס'זאָל אַזוי גוט זיין די שׂונאים אין די געדערעם. גאַטעניו.

די קאָפּ־פֿאַטשיילעס צעפֿלאַכטן, ברעכנדיק די הענט, ווי צו אַ גוסס, זענען געקומען צו לויפֿן די מנחמקע און זלאַטע די אַלמנה, דער לייבעכעס שוועסטער. זיי האָבן אונטערגעטאַנצט אויף איין אָרט, ווי צום שפּרינגען קדוש, געוואָרפֿן אַ פֿרומען בליק צו דער סטעליע און געטרייסט:

— נו, שאַ, נו, מילא, לאָז זיין דער בראַד פֿאַר אַן אַנדערן בראַד. אָבי גאָט האָט אָפּגעהיט די קינדער פֿון אַן אומגליק. דאָס איז עפּעס מער ווערט, צי נישט?

די לייבעכע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרייסטן:

— אוודאי, דיר איז גוט צו ריידן, לאָה, וואָדען, ביי לייטנס האָט מען מזל, ס'האָט, חלילה, גאָרנישט געשאַדט ביי אײַך. נו, זאָג זשע אַליין, וואָס וועלן מיר טאָן אַצינד, האַ? פֿון וואַנען וועט מען לעבן? וואָס וועט זי זאָגן דעם מאַן אַז ער וועט אַהיים קומען? ער וועט זייער בייז ווערן, לייבע. ער וועט אַ הוקע טאָן אַז די ווענט וועלן ציטערן. ער וועט איינלייגן די וועלט, לייבע.

טרוקן פֿייער האָט געשפּריצט פֿון אירע פֿאַרצערטע אויגן, ווי פֿון ברענענדיקע שפּענער. ווי די לייד פֿון די גאַט־געפּרוּווטע האָט געריזלט די קלאָג פֿון אירע בלאַ בלייכע צעקרימטע ליפּן:

— אַצינד קומט מען, נאָכן אומגליק? פֿאַר וואָס איז מען פֿריִער נישט געלאָפֿן ראַטעווען? געוואַלד, ס'זאָל כאָטש עמעצער געווען זיין אין שטוב, אַכטונג געבן אויפֿן גוי. לאָה, זלאַטע, ווי זייט איר געווען פֿריִער אַ ביסל, געוואַלד געשריגן, הערט איר, דער רוח האָט מיך אָנגעטראָגן אַרויפֿצולויפֿן אויף אַ מינוטקעלע אויפֿן בוידעם זיך באַהאַלטן. איין מינוט און שוין, די קלאָג איז פֿאַרטיק.

די מנחמקע האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה. ווער גוי, וואָס גוי, ווי קומט עפּעס אַ פרעמדער גוי? מען נעמט אַ שטעקן און מען טרייבט אים אַרויס, דעם כּלב, צו אַלדי רוחות. אַזוינע געזונטע מיידן, זענען זיי חולה געווען זיך אַ ריר צו טאָן? ווער האָט עפּעס מורא דאַרט פאַר אַ גוי אַ גנבֿ, אַ האָלעדריגע? מען צעברעכט אים די ביינער און שוין — יאָמערט שפּרינצע.

— מען דרייט אים אויס אַ פּוס — שרייט זלאַטע.

— וואָס רעדסטו, לאה, מ׳האָט דאָך נעשאַסן. זעלנער זענען געלאָפן... ביסט, אַפּנים, נישט געווען הי?

אַז די מנחמקע האָט אָבער פאַרט נישט געהערט שיסן און נישט געזען קיין זעלנער לויפן... זי איז געשטאַנען און געקנעטן ברויט, הערט זי פּלוצעם אַ געשריי. אַז אַלע צרות טרעפן זיך נאָר דאָ. אַטפו צו מיינע שונאימס קעפּ.

די לייבעכע האָט צענומען די הענט מיט שווערן צער:

— וואָס זשע זאָל עך טאָן, אַז גאָט האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, האַ? פרעג אים נאָר, אַ שטיינער, פאַר וואָס, פאַר ווען? מיט וואָס האָב איך דאָס אַזוינס פאַרזינדיקט?... אָט־אַ טו נאָר אַ קוק, לאה, ר׳האָט דאָך מיר אַרויסגענומען ס׳חיות מיטן לעבן. אַזוי טוט מען? מען צעברעכט אָרעמע לייט?

די מנחמקע האָט איר גיך צוגעהאַלטן ס׳מויל מיט דער האַנט, פאַרכאַפּט פון פאַרכטיקן שרעק, וואָס האָט פאַרשניטן ס׳חיות:

— שאַ, שאַ, אוי ווי איז מיר נישט געשען, זינדיק נישט מיט די רייד, געוואַלד גזלנטע, וואָס טוסטו? מע טאָר נישט לעסטערן גאָט.

די לייבעכע האָט פאַרציטערט אָפּגעווישט די ליפּן מיט דער זשמעניע, באַגלייך זי וואָלט געוואָלט רייניקן ס׳מויל פון די זינדיקע רייד. זי האָט שטיל גע־שושקעט ווי מיט אַ אומהיימלעכן סוד:

— לאָמיך זשע אייך דערציילן, לאה, זלאַטע, — איר הערט, דאָס איז איר שטיקל אַרבעט. די לאַנגע הערשעכע, די שרעכע, עד וואָלט געקאָנט גיין אין שול אַריין און שווערן אַז זי האָט מיר אָפּגעטאָן אַ כּישוף. הערסטו, לאה, ס׳האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט אַ חלום, וואָס זאָל עד דיר זאָגן, אַ ווילדער חלום, כ׳געדענק אָבער נישט דעם שפּיץ.

— נו, זעסטו שוין, וואָס זשע ווילסטו? דאַנק זשע גאָט פאַר דערפאַר — מאַכט לאה פרום, — ווער ווייסט, וואָס ס׳איז חלילה געווען אָנגעצייכנט. לאָז זיין אַן אָפּקומעניש. מ׳שמועסט אין שטאָט, אַז דיין לייבע האָט עפּעס אויף זיך אַ ביטער פּעקל מיט אַן עלטסטן. ווען מען כאַפּט אים, נו... — אַלעמאָי האָב עך געהערט דערציילן אַז לייבע האָט אַנומלט געממיתט אַן עלטסטן ערגעץ אין פעלד. הע, ס׳מעג אים טאַקע אַריין אַ געזונט אין די הענט, לייבען, זאָגט זלאַטע מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ פון נקמה. און

לאה נעמט דערציילן איר שוועסטער שפּרינצע, די מעשׂה פֿון איר חלום. ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז עפּעס אַ גויעצל, אַ גנבֿ, האָט בײַ איר צוגעגנבֿעט די שאַל. איז זי געלאָפֿן אומעטום און געזוכט. ס'איז איר שיר נישט אַרויס דאָס האַרץ פֿון פֿלאַטערניש. פּלוצעם טוט זי אַ קוק אַהאַ, ס'איז דאָ די שאַל.

— טאַקע? נו, לאה, ווו האָסטו זי געפֿונען? — פֿרעגט זלאַטע זייער פֿאַרוווּנדערט.

— ווו מיינסטו איז זי געווען? כ'בין זי געגאַנגען אַנגעטאָן אויפֿן קאָפּ. כ'זאָג דיר, אַזאַ גדולה. כ'האָב שוין געלאַכט פֿונעם חלום.

און די ווײַבער דערציילן זיך מיט סודותדיק אויסגעצויגענע פּנימער די חלומות מיט די טונקל פֿאַרהוילענע צייכנס. זיי האָבן זיך גוט אויסגעטענהט מיט גאָט, געמאָנט יושר און קנײַפּנדיק די באַקן פֿון אימה, געזוכט אַ תּירוץ פֿאַר שפּרינצעס מאַנס ווענן: וואָס וועט ער עפּעס זאָגן, לייבע, אַז ער וועט אַהיים קומען? מיט איין אויג אַ גרוים וועט ער געבן אַ קורצן קוק צום לינקן ווינקל, און מיטן אַנדערן, שמאָל פֿאַרצוואָגט, וועט ער לאַנג, לאַנג מעסטן ס'ווײַב פֿון אונטן אַרויף, בעת דער לענגלעכער קנייטש אויפֿן שטערן וועט ווי אַ פּיאַווקע געשוואָלן ווערן מיט אַ פֿינצטערן צאָרן, ביז ס'וועט גרימיק אַ ברום טאָן פֿון זײַן שוואַרצער באָרד:

— וואָס איז דאָס? — ווו איז די מאַשין? האָ? זאָג, רעד...

און באַגלײַך די לייבעכע וואָלט זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער צרה פֿונעם מאַנס אַהיים קומען, און זי וואָלט וועלן אים אַ רוף טאָן, אַז זי זאָל שוין וואָס גיכער איבערקומען דעם פֿאַרדינטן פּסק, האָט זי ווידער אַ לויף געטאָן אין זון־פֿאַרפֿלייצטן דרויסן אַרויס מיט געשטרעקטע הענט, וואָס עס האָט פֿון זיי געפֿלאַטערט דער נאָגנדיקער ניגון פֿון קבֿרים־רײַסן: — אַי לייבע, לייבע, ווו ביסטו ערגעץ, מײַנע שׂונאים אין דער ערד מיטן קאָפּ, וועסט שוין טרעפֿן אַ שיינע שטוב, לייבע, קום נאָר אַהיים, גי—כער. מ'איז שוין אָפּגעקוילעט.

און ווידער האָט זיך דער לייבעכע אויסגעדאַכט, אַז זי זעט גיין ווי אַ שוואַרצן שאָטן אויף דער שנייווײַסקײַט דעם גוי מיט דער נײַמאַשין אויפֿן קאַרק, דאָרט אונטערן באַרג־שיפּוע צווישן די דאָרע, אָפּגעזילבערטעביימער, ווי ער פֿאַרשווינדט און באַווײַזט זיך ווידער, און אונטער זײַן קאָפּ פֿלאַמט אין דער זון אַ שטיק גאָלד. זי איז אַרײַנגעלאָפֿן אין פֿאָדער־הײַזל און געשריגן דאָרט מיט באַנומענע קולות: — געוואַלד, קינדער, מענטשן, קומטס, ר'איז דאָ, כאַפּט אים, ראַטעוועט. לויפֿט, לויפֿט גיכער, אַהער.

די ווײַבער זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן, אין צעפֿליקטע טיזליקעס, מיט שאַלן אויף די קעפּ. זלאַטע די אַלמנה האָט אַ כאַפּ געטאָן ס'מעסער, די לאַנגע הערשעכע האָט זיך באַוויזן מיטן בעזעם, די מנחמקע האָט געכאַפּט אַ שטעקן, די צוויי מיידן, רבֿקה און רחל, — שײַטן האַלץ אין די הענט. מ'האָט זיך אַ

לאָז געטאָן לויפן. די לייבעבע, מיט דער האַק אין דער האַנט, האָט זיך גיך געטראָגן פאַרויס, באַרג־אַראָפּ, די ווייבער זענען איר נאָכגעלאָפן, אָנגע־בויגן און וויגנדיק זיך, ווי אַ טשאַטע געיאָגטע גענדז. זיי קומען נעענטער, גאָר נאָענט. דער גוי מיט דער מאַשין אויפן קאַרק האָט זיי דערזען. ער איז אַ רגע שטיינגעבליבן מיט ווילד צעעפנטע אויגן און צעקרימטן מויל, גע־עפנט פון איין אויער צום אַנדערן, און די ווייבער האָבן פון דער ווייטנס געשריגן, געוואָרפן די הענט צו אים, ווי צו אַ הונט, וואָס האָט געכאַפּט אַ שטיק פלייש פונעם זאַלצבערעט:

— העי, העי, גיב אָפּ די מאַשין, לייג אַנידער. אַ טשי—י... אַ כאָליערע... גיב אַהער.

דער גוי האָט זיך געטאָן אַ זעץ צו דער ערד, גלייך ער וואָלט געוואָלט די מאַשין אוועקשטעלן און אַנטלויפן. ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, גיך ווידער אַ הייב געטאָן די מאַשין און איז מיט איר אוועק מיט לאַנגע, דער־שראָקענע שפּאַן. אַפּנים, אַז ער האָט שוין פון פריער געהאַט בדעה צו לויפן צו דער ליידיקער קוזשניע זיך באַהאַלטן. וואָרעם פּלוצעם האָבן די ווייבער דערזען, ווי ער איז פאַרשוווּנדן אין דער אָפענער טיר פון דער פאַרסאַזשעטער קוזשניע־חורבה, הינטערן באַרג.

די ווייבער האָבן זיך געלאָזט לויפן אַהין, פאַרויס די לייבעבע, מיט דער בליצנדיקער האַק אויפגעהויבן אין איין האַנט. מען האָט באַמערקט, ווי דער גוי באַהאַלט זיך דאָרט אין טיפן פינצטערן ווינקל. ווי ברומענדיקע קעץ מיט צאָרן־פינקלדיקע אויגן, וואָס ווילן כאַפּן אַ שטשור, האָבן זיך די ווייבער גערוקט נעענטער און נעענטער, די קעפּ געבויגן, מיט פאַרגנבֿעטע, שלייכנ־דיקע טריט.

פּלוצעם האָט מען דערהערט אַ קלאַפּן און ברעכן, שטיקער אייַזן זענען געפלויגן פון דער קוזשניעטיר. די ווייבער האָבן זיך אַ זעץ געטאָן אויפן שניי, באַהאַלטן די קעפּ אונטער די שאַלן, ווי אונטער פליגלען; שלייכנדיק האָבן זיי אַלץ ענגער אַרומגערינגלט די קוזשניע. די לייבעבע האָט זיך די ערשטע אויפגעהויבן און אַ שפּרונג געטאָן מיט דער האַק צו דער טיר, אָבער דער גוי איז שוין נישט געווען דאָרט, אין קוזשניע. מען האָט אים געזען אַן אייַנגעבויגענעם לויפן אויפן ברעטערדעכל און פאַרשווונדן ווערן הינטער דער וואַנט:

— גיכער, גיכער, מענטשן, אַהער, לויפט... כאַפּט אים, אָט דאָרט, — האָט די לייבעבע אַ מוראדיקן געשריי געטאָן.

אַ רגע איז דער גוי הינטער דער וואַנט דאָרט אונטערגעשפּרונגען מיט די פּיס. געשטויסן אַרום זיך, ווי געכאַפּט אין אַ שטיג, און אַז די ווייבער האָבן זיך פּאַוואָליע און שווער אַריבערגעדראַפּעט דעם פּלויט, איז שוין געהאַנגען דאָרט אויף אַ שטריק אַנגעבונדן צום בוימצווייַג, ווי אויף אַ לאַנגער שוואַרץ צעקנאָדערטער האַנט, דער גוי. ער האָט זיך געהוידעט אַ ביסל אויף דער

תליה, די צונג פארביסן צווישן די צוויי ציין. די צעפליקטע הויזן אראפגע־רוקט אויף דעם דיך, און דעם צעקודלטן קאפ אנגעבויגן אויפן אקסל, גלייך ער וואלט געכאפט א געשמאקן דרימל, מיט אפענע וויים און רויט איבער־געעקרטע אויגן. זיין צעקרימטער פרצוף איז געווען גרא, ווי פארשימלט, און דער האלדז האט זיך געשטרעקט נאקעט אויסגעצויגן, בלאגעאדערט, גלייך מ׳וואלט פון אים נאר וואס אפגעפליקט די פעדערן, און ער איז נאך ווארעם... די ווייבער זענען אנטלאפן מיט שטילער אימה.

בלויז די לייבעכע איז שטיין געבליבן. שטיקער פון דער צעבראכענער נייר־מאשין האבן זיך געוואלגערט אויפן שניי, דאס ברעטל, א פארבויגן שטיק אייזן, א צעהאקט רעדל, און דאס שיינע גאלד באמאלענע פעדרקעפל איז געלעגן אפגעדרייט, מיט די שטאלענע שרייפלעך, ווי מיט צעריסענע געדערעם. מיט אויסגעברענטן וויטיק, אזוי ווי מען זוכט צונויף פארקוילטע רעשטלעך פון א שרפה־חורבה, האט די יידענע צונויפגעקליבן די שטיקלעך אייזן אין פאדאליק און מיט פארטראכטן, פאוואליען גאנג אהיים געטראגן זיי. נאך א מאל האט זי זיך אומגעקוקט צום געהאנגענעם. ער איז געווען הארץ, שווארץ געשאטנט און ווי אין רויך פארהוילן. און ערשט איצט האט זיך די לייבעכע דערמאנט דעם סוף פון איר חלום, היינטיקע נאכט. יא, יא, ס׳האט זיך איר געחלומט, אז זי האט געזען ביי דער הערשעכע אויפן בוידעם אט אזוי הענגען דארט איר מאן, לייבעזן... זי האט דריי מאל אויסגעשפיגן מיט א בלייך צעקרימטן מויל און פרום געמורמלט:

— טפו... טפו... אויף אלע פוסטע פעלדער... אויף אלע וויסטע וועלדער... אז אפלייזער.. אז אויסלייזער... פאר מיין מאן, פאר מיינע קינדער און פאר כל ישראל, אמן סלה.

א טויב־פארטייעטער אוונט־דעמער האט שווער געשטארקט דעם ברענענדיקן פראסט, געווארפן א הארטן, טעמפן שאטן, ווי אז אייזערנע דעק אויפן גרא געטונקלטן שניידרויסן און די גרויסע רויט גענעפלטע זון האט זיך צע־קרימט ווי א פארבלוטיקט אויג, גריילעך געזעצט אראפ אין מערב. זי איז נידעריק געזונקען ערגעץ אין געטיפטע תהומות און מיט א לעצטן בייז ווארנענדיקן פייערבליק, ווי פון פארבארגענע סכנות, איז זי גיך אונטער־געגאנגען אין שרעקיק אנגעפלייצטן גליווער, וואס האט פלוצעם פארכאפט דעם גאנצן מיט כמארע אנגעדראלענעם הימל. ווי אנגעיאגט פון וויסטע מרחקים האט מיט א מאל א זעץ געטאן א צארנדיק צעברילטער שטורעמ־ווינט, וואס האט געריסן די וועלט מיט שווער צעשלייַדערטע שנייוואלקנס, פון אויבן און פון אונטן, ווי מיט צעשטויסענע אייזבערג. מוראדיק האט די צעליארעמטע בערע געטראגן בלינד צעבלאזענע זאווערוכעס, געהאקט אין דארע ביימער, שרייענדיק געריסן די דעכער, גריילעך געקוויטשעט אין קוימען, און ווי א צעבושעוועט שווארץ וואסער איז גיך צוגעפאלן די פינצטער צעשטורעמטע ווינטערנאכט.

# די דעמבענע טיר

טיפ־טיפ, טיפ־טיפ.

זייער נאענט און אימהדיק קלאר, נאר אויכעט עפעס דעמפיק, ווייט פארטויבט און פרעמד, ווי פארלוירן אין טיפעניש פון אפגרונטיקן חושך, טוט דער מיטנאכטיקער אנקלאפ אין דער דרויסנזייט פון דער שטובטיר דריבנע א פיקל מיט טרוקענעם אפקלאנג ווי מיט א קנעכערנעם פינגער.

— טיפ־טיפ, טיפ־טיפ.

גלייך עמעץ א פארהוילענער פון יענעוועלטיקע פארבארגענישן איז געקומען רופן:

— קום־קום, קום־קום.

דער וויסטער טיראנקלאפ טוט א שארפן שטאך אין נעפלדיקן געפלאנטער פון די פארוואגלטע שלאף־חלומות. זייער צעריסן שאטן־געוועב פלאטערט נאך אפ א רגע אין מידן זיכרון פון דער דערוואכונג, ווי שרעקיק פארשוועבטע נאכטפייגל פאר די געעפנטע אויגן.

— אויפמאכן! די טיר גיך אויפמאכן, זשידי פארשאלטענע, צו דער כאלערע! אלע דערהרגענען! די טיר אויפמאכן!

דער טויבער געפויק פון קולאקעס און די שווערע קלעפ פון ביקסן־קאלבעס אין דער הילצערנער דרויסנטיר פון לייבעס שטוב זענען געווען פארהילכט מיט בייזע גוייִשע געשרייען און ס'האט זיך גדאכט, אז די שטילקייט פון דער פראסטיקער ווינטערנאכט איז צעזעצט געווארן מיט א צעשטורעמטן שינאה־בראנד פון בלוט און טויט. די דרויסן־בהלה האט אויפגעוועקט און אראפגעשליידערט די מענטשן פון די בעטן און געלעגערס אין שטוב. זיי האבן זיך אין פארטומלטן געאייל געכאפט אנטאן די קליידער, און שפרינצע, לייבעס ווייב, האט אויפגעהויבן איר מוראדיקן ניגון־געשריי:

— אַי, וואַי, געוואַלד, מענטשן, ליבע, קינדער, שטייט אויף, אַי, אַ בראַנד, מ'קלאַפּט אין דער טיר, אַי אַן אומגליק! די היידאַמאַקעס זענען שוין דאָ, די רוצחים זענען אונדז געקומען הרגענען! קינדער לויפֿט, באַהאַלט אײַך אויפֿן בוידעם! ליבע, כאַפּ די האַק, זאָלסט כאַטש איינעם פּלעטן דעם קאָפּ, הערסט, ליבע?

— אויפֿמאַכן! די טיר גיכער אויפֿמאַכן, זשידי, אַ נעכיי שלאַק טראַפּי! מ'וועט דערשיסן! אַלע דערשיסן! אויפֿמאַכן!

די קלעפּ און די געשרייען האָבן אַלץ שטאַרקער געהילכט, אַז די ליימענע ווענט האָבן זיך געטרייסלט, די פֿענצטערשויבן האָבן געציטערט, אָט, אָט נאָך אַ רגע, נאָך איין לעצטער שטאַרקער זעץ אין דער טיר און די שטוב וועט אין גאַנצן אײַנפֿאַלן און וועט באַגראָבן די מענטשן לעבעדיקערהייט אונטער אירע חורבֿות.

די שווערע נאַכט־פֿינצטערניש איז אָנגעזאַפּט מיטן פֿאַרצוויגענעם שרעק־געוויין פֿונעם אויפֿגעוועקטן קינד אין וויגל. דאָס געוויין פֿלאַטערט שטיל און פֿאַרלוירן ווי אַ געבראָכענער פֿליגל. ס'ווערט אַ רגע פֿאַרלאָשן און ס'צאַנקט ווידער אויף, אַז די נשמה ווערט פֿאַרשניטן מיטן צער פֿון דער וועלט.

שפּרינצע האָט גיך אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פֿונעם וויגל. אײַנגעפּעקלט אין קישעלע, הוידעט זי עס אויף די הענט, היפּט אַרום מיט דעם ווי אַ צעשוי־בערטע קוואָקע און זי דריקט עס אַזוי שטאַרק צו צום בוזעם, גלײַך זי וויל עס צוריק אַרײַנשטופּן אין זיך, אין לײַב אַרײַן און פֿאַרבאַרגן פֿון אַל דאָס בייז. זי נעמט עס אײַן מיט גוטע רייד, איבערשרײַענדיק אַלע דרויסנדיקע קולות.

— גאָט איז מיט דיר, קינד מײַנס, שימעלע קרוין, אַי, אַ ווייטיק איז דער מאַמען אין האַרץ, נו, שאַ, וויין נישט, אוצר מײַנער גאָלד מײַנס, מײַן ליכטיק זונעלע, נו, נו, האָב נישט קיין מורא, שימעלע, דער טאַטע איז דאָ אין דער היים, ס'וועט אונדז, חלילה, גאָרנישט געשען. געוואַלד, ליבע, ווי ביסטו, וואָס צינדסטו נישט אָן דעם לאָמפּ? דו הערסט נישט וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן? ס'קערן דאָך זײַן אַ גאַנצע באַנדע זעלנער־שקצים מיט שווערדן און ביקסן, אַז אַ מגפֿה אויף זייערע קעפּ, אַז זיי זאָלן זײַן די כּפּרה פֿאַר דײַן מינדסטן נאָגל, שימעלע, טײַער קינד מײַנס, געוואַלד, ליבע, די רוצחים זענען שוין דאָ!

נאָר ליבע האָט אויף איר זײַטיק אַ האַרבן ברום געטאָן:

— שפּרינצע, שאַ, דו שרײַ נישט, לאָז בעסער זײַן שטיל אין שטוב, הערסט? מ'דאַרף נישט שרײַען.

זײַן שווערע שטים האָט באַלד באַרויקט דאָס ווײַב מיטן וויינענדיקן קינד, גלײַך די שטאַרקע האַנט פֿון זײַן אָנגעדעמבטער גבֿורה האָט זיך דערהויבן איבער די קעפּ פֿון דער מישפּחה מיט געטרײַען פֿאָטערלעכן באַשיץ. דער

ייִד איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, ווי אַ לאַנגער דראַנג, און מיט אַלע חושים האָט ער זיך איינגעהאָרכט צום דרויסנדיקן געטומל פון די אַנפאַלער, גלייַך ער וויל אין דעם געפּויק אין דער טיר הערן עפּעס אַן אַנדער קלאַפּ, אַ שטילן דריבנעם אַנקלאַפּ, ווי מיט אַ קנעכערנעם פינגער פון עמעץ אַ פאַרהוילענעם, וואָס איז אים געקומען רופן... ער האָט זיך פאַוואָליע גע־נעענט, אַנגעריבן אַ שוועבעלע און אַנגעצונדן דאָס פאַררייכערטע נאַפט־לעמפל. דאָס רויטלעכע קנויטפלעמל האָט אַ וואָרף געטאָן לאַנגע דינע מענטשן־שאָטנס אויף די געהויקערטע ווייס־געקאַלכטע שטובווענט, ביז אַרי־בערגעבראָכן אויף דער נידעריקער סטעליע. די פנימער פון די קינדער זענען געווען געבלייכט מיט אַ גרינלעך געלן אָפּשייַן, ווי פון עפּעס אַ ווייַטן שׂריפה־פלאַם, זייערע שוואַרצע אויגן זענען געווען פול מיט טרויער. רבקה, די עלטערע טאָכטער, האָט שוין געהאַלטן אין האַנט דאָס לאַנגע ברויט־מעסער. זי האָט געזאָגט:

— טאַטע, דו זאָלסט נישט עפענען די טיר און נישט אַרויסגיין אין דרויסן. ס'איז מעגלעך, אַז די זעלנער וועלן אַזוי לאַנג קלאַפּן אומזיסט ביז זיי וועלן אַוועקגיין.

— יאָ, יאָ, טאַטע — האָט זיך אָנגערופן רחל די יינגערע מיט אַ שטיק אייַזן אין האַנט און אויף איר אויסגעבלייכט שיין פנים האָט געשוועבט אַ פאַר־שטערטער שמייכל — פאַראַיאָרן, איין מאָל בייַנאַכט, האָט די מאַמע אַזוי געשריגן געוואַלד, אַז די זעלנער האָבן זיך דערשראָקן און זענען אַוועק. די מאַמע האָט זיי נאָכגעוואָרפן שייַטלעך האָלץ.

אויבעט ברוכל, דאָס יינגל, טוט זיך קרעפּקע אַ שטעל מיט זייַנע קליינע פאַרביילטע פויסטן:

— הערסט, טאַטע, עד זאָג דיר, אַז אַ מכּה וועלן זיי קאָנען אויפּברעכן אונדזער דרויסנטיר. ס'איז אַ דעמבענע טיר.

— יאָ, יאָ, קינדער, האָט נישט קיין מורא, פריער גאָט און דערנאָך דער טאַטע וועט אונדז שוין אָפּהיטן — האָט שפּרינצע אַ געשריי געטאָן. אויף איר צעקנייטשט פנים האָט געבלייכט אַ שייַן פון ביטחון. זי האָט צוריק אַרייַנגעלייגט דאָס קינד אין וויגל, אָנגעבויגן מיטן גאַנצן שווערן לייַב, געוויגט עס מיט בײדע הענט און מיט איר הייסן מוטערלעכן אָטעם, נאָענט איבערן קינדס פאַרגרינטן פנימל, האָט זי געפּליסטערט: הער אַ מעשהלע, ציגעלע קאַנסעלע, עפּעלע, בערעלע, גאָלדן שערעלע, איז דאָס ציגעלע געפאָרן ביז קיין פּאַמאַרן.

לייבע האָט שטומשווייַגנדיק מיט פאַרבאַרגענער פאָטערלעכער ליבשאַפט זייַטיק געוואָרפן פאַרוואונדערטע בליקן אויף די צוויי מיידלעך. זע נאָר, זיי זענען דאָך ערשט געווען קליינע קינדער אין שטוב, מיט פאַרשמירטע רויטע בעקלעך און קורצע צעפּלעך, בלויז שבת און יום־טוב זענען זיי געווען ריין, אָפּגעצוואָגן און שיין אָנגעטאָן אין געבלימלטע קליידלעך. אַז ער פלעגט

פֿריִער, מלחמה־צײַט, אַהיים קומען אויף אורלויב פֿון די פֿראָנטן אויף עטלעכע וואָכן, צי ווען ער האָט געהאַט אַ פֿרישע וווּנד צום אויסהיילן, איז ער תּמיד געווען אַזוי פֿאַריאָגט אין די דאגות־פּרנסה, אַז ער האָט קיין מאָל נישט קיין צײַט געהאַט זיך רעכט אומצוקוקן אויף די קינדער. זע נאָר, די טעכטער זענען דאָך שוין אויסגעוואַקסן ווי ביימער, קיין עין־הרע; גרויס און געזונט, כּלה־מיידן, אַ שידוך צו טאָן... זיי אַרבעטן אין שטעטל בײַ געניי און פֿאַרדינען וואָכנלויז, ריידן אַ סך און לאַכן אַ סך, זענען תּמיד אַזוי פֿריילעך און וויסן אַלצדינג. און בּרוכל איז שוין אַלט צוועלף יאָר, ער איז אויכעט גרויס און געזונט, ער גייט אין חדר לערנען חומש און איבער אַ יאָר איז ער שוין אַ בר־מיצווה־בּחור און וועט שוין אָנהייבן לייגן תּפֿילין און מען וועט אים אַרײַנגעבן לערנען אַ מלאָכה, צו אַ סטאָליער אָדער צו אַ שלאָסער, אַז ס׳זאָל זײַן אַ תּכלית. נאָר שימעלע, דאָס איין־יאָריקע קינד אין וויגל, איז נעבעך נישט קיין געראָטנס. ס׳קרענקט אַלע מאָל און ס׳וויינט אַ סך, אַז ס׳ברעכט דאָס האַרץ פֿון רחמנות. אויכעט די קינדער האָבן אַצינד מיט ליבשאַפֿט אָנגעקוקט דעם טאַטן, דערשראָקענע פֿון זײַן פֿרעמדן אָנבליק.

לייבע איז געווען אָנגעטאָן אין זײַן קורצן געלאַטעטן ווינטעררעק, די האָק אַרײַנגעשטעקט אין שטריקגאַרטל, די גרויסע צעדרייטע שטיוול טרוקן פֿאַרבלאָטיקט, דאָס פֿוטערנע היטל אָנגערוקט איבער די אויערן און די קורצע שוואַרץ־גרױלבערטע באָרד זײַטיק פֿאַרקרימט. זײַנע צעקנאָדערטע הענט און דאָס טונקל־אָפּגעברענטע פּנים מיט די פֿאַרשפּיצטע האַרטע באַקנביינער, ווי דעמבענע סעגקעס, זענען געווען צעריסן און צעשטאָכן, אַז ס׳האָט אויסגעזען גלײַך ער איז אָט ערשט אָנגעקומען אַהיים פֿון אַ ווײַטן וועג, ערגעץ פֿון עק וועלט, וווּ ער איז געווען פֿאַרכאַפּט אין ווילדע געראַנגלען און קוים ניצול געוואָרן מיטן לעבן. ער איז געווען מיד און פֿאַרדרייכערט מיט אַ גרינעם שטויבנעפּל, און אין זײַנע טיף־פֿאַרזונקענע אויגן, אין די קנעכערנע היילן, אונטער די געדיכטע צעשויבערטע ברעמענבינטן, האָט געהויערט אַ פֿינצטערער פֿײַנוואָלקן.

ער האָט אַצינד שווער אָפּגעאָטעמט, אַ פֿיר געטאָן מיטן האַנט איבערן פּנים ווי אָפּצווישן דעם שאָטן פֿונעם בייזן חלום און מיט זײַן לאַנגן שפּאַן אַ טראָג געטאָן זיך אין פּירהײַזל. צו ערשט האָט ער מיטביידע הענט באַדעכטיק באַטאַפּט דאָרט די דעמבענע דרויסנטיר פֿון דער לייטענער ירושה־שטוב. זי איז געווען שוין צעלעכצט און צעקרימט פֿון עלטער, אָבער נאָך גענוג שטאַרק און געהילץ, און אין דער לענג און אין דער ברייט באַשלאָגן מיט דיקע קלעצלעך און פֿאַרריגלט מיט אַ גרויסן אײַזערנעם ריגל. לייבע איז געשטאַנען שטיל, מיט פֿאַרהאַלטענעם אָטעם. זייער גענייט, מיט שאַרפֿן אויער, האָט ער זיך אײַנגעהאָרכט צו די טירקלעפּ, צו די רייד און צום געפּליסטער פֿון די אָנפֿאַלער אין דרויסן, ווי ער איז דאָס געווען געוווינט אַזוי צו לויערן אין די פֿראָנטקאַמפֿן אויפֿן שונא אויף די שלאַכטפֿעלדער אין דער ווײַטער וועלט דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ זעלנער אין דער

עסטרײַכער מלחמה. מיט קלאָרן און שטרענגן געדאַנק האָט ער אַצינד באַ־רעכנט די כּוחות פון אנגריף און ווידערשטאַנד. וויפל קאָנען זיי דאָרט זײַן אין דרויסן? אפשר זעקס צי אַכט מאַן, באַוואָפנט מיט ביקסן און ער איז איינער אַליין, אַן געווער, בלויז מיט דער האַק. זיי זענען לויטער יונגע זעלנער און ער איז שוין באַלד א בן־חמישים און ער דאַרף פאַרטיידיקן אַ ווײַב מיט קינדער... אונטערצינדן די שטוב קאָנען זיי נישט, ווײַל דער שינדלדאַך איז אַנגעפרוירן מיט שניי און אײַז. אויפברעכן די שטאַרקע דעמבענע טיר קאָנען זיי אויכעט נישט, סײַדן מיט אַ האַנטבאָמבע. אפנים אַז זיי האָבן נישט אַזאַ וואָפן, ווײַל זיי וואָלטן דאָך שוין פריִער געוואָרפן אַ האַנטבאָמבע. אַהאַ, נו, איז ער אַצינד באַלאַגערט אין זײַן שטוב און ס'ברענט אין אים דער קאַמפּלוסט פון זײַן גבורה אין איינעם מיטן גרימ־צאָרן פון זײַן פאַרשוועכטן יושר־געפיל. זע נאַר, הפקר אַ וועלט? זעלנער־שקצים קומען צו אים פלוצעם אין מיטן נאַכט אין שטוב, רויבן און שלאָגן און הרגענען? פאַר וואָס, פאַר ווען? וועמען האָט ער שלעכטס געטאָן?

וואָס האָט מען צו אים? ער איז דאָך אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ טאָגלוינער בײַ לאַדן געהילץ און תּבואה אויף דער באַן. ער דאַרף דאָך פאַרדינען די קאַרגע פּרנסה, שפּײַזן אַ ווײַב מיט קינדער, אויפריכטן דאָס שטיקל צעבראָכענע באַלעבאַטישקייט. און אַלע מאָל געשעט אים אַ נײַ אומגליק, מיט אַ נײַער צרה, אַז ער קאָן זיך קוים אַרויסדראַפּען פון די ווילדע אַנשיקענישן.

אַזוי ביטערט לייבע אין האַרץ און ס'ברענט אין אים דער גרימצאָרן אויף דער רישעות פון דער וועלט. אַז ער טוט אַ מוראדיקן זעץ מיט דער טעמפּער זײַט פון דער האַק אין דער טיר און ער שרײַט מיטן האַרבן געבייזער:

— אַ כּטאַ, טאַם, הע? וואָס וויל מען דאָ בײַ מיר בײַ נאַכט? אַ יאַקזשע, ראַבונעק? גנבים, באַנדיטן, אַוועק גייט פון דאַנען, ווײַל כ'וועל צעהאַקן די קעפּ, צו אַלדי רוחות, אַוועק!

אַ צעהירזשעטער שפּאָט־געלעכטער ענטפערט אים, פון דער אַנדער זײַט טיר:

— מאַך בעסער אויף די טיר, זשיד, ווײַל מען וועט אײַנברעכן, דאָ כאָלערי, מ'וועט אַלע דערהרגענען, די טיר אויפמאַכן!

— קאָנסט בילן ווי אַ משוגענער הונט ביז מאָרגן! אַ קרענק וועסטו אויפ־ברעכן! ס'איז אַ דעמבענע טיר! אַוועק פון דאַנען, חזיר־מאָרדעס!

— אַ נעבײַ שלאַק טראַפי, זשיד פאַרשיווי! אַרויס!

— אַז אין דײַן געפּגרטער מאַמען אַרײַן, דו פאַרפוילטער ביין! אַוועק פון מײַן שטוב!

די קלעפּ און די זילזולים ליאַרמען פון ביידע זײַטן טיר און שפּרינצעס געשריי פאַרטויבט ווידער אַלע קולות:

— געוואַלד, לייבע, וואָס שטייסטו עפּעס און קריגסט זיך מיט די גזלנים אין מיטן נאַכט? אַרײַן גיי אין שטוב, לייבע זאָלן זיי דאָרט אײַננעמען אַ

מיתה משונה, די רוצחים! קום אהער, נעם בעסער העלפן באַהאַלטן די זאַכן!

ליבע קומט צוריק אַריין אין שטוב. זיין צעבעסטער אָטעם איז געלאָשן. ער שטעקט צוריק אַריין די האַק אין שטריקגאַרטל און ער פאָלגט וואָס ס'ווייב הייסט אים טאָן. דעם אַלטן קופערט שלעפט ער אונטערן איווון אַרונטער, דעם טיש רוקט ער אַריין אין פענצטער־ווינקל, די שאַפע דרייט ער אום מיט דער טיר צו דער וואַנט און ער איז שוין פאַרטיק מיטן ביסל שטוב־אָרעמ־קייט. ער בלייבט שטיין אַפּהענטיק און ווי פאַרלוירן אין אַ פּוסטער חורבה. פאַרוואונדערט קוקט ער נאָך דעם ווייב מיט די קינדער ווי זיי פאַרען זיך פאַרכאַפּט אין צעטומלטן גאַאייל, גליך זיי ראַטעוועז ביי אַ שׂריפה. וויַזט אויס, אַז זיי זענען שוין צוגעוווינט צו אַזוינע נאַכטיקע סכנות, צו זעלנער־אַנפאַלן נאָך דער פריערדיקער מלחמה־צייט, ווען זיי זענען געווען אַליין אין דער היים. שפרינצע פאַרבינדט דאָס בעטגעוואַנט אין ליילעכער און באַהאַלט די פּעק אין אַלקער־ווינקל. די צוויי מיידן, רבקה און רחל, האָבן שוין אָנגעפילט זעק מיט די שבתדיקע בגדים, די קאַכטעפּ, די מעשענע בענטשליכטער, דעם קופערנעם בעקן און אַלע שטובזאַכן וואָס ס'איז זיי נאָר געקומען אונטער די הענט און זיי שלעפּן די זעק איבער דעם לייטער אויפן בוידעם אַרויף, דאָרט זיי צו באַהאַלטן. אויכעט ברוכל טראָגט אויפן פּלייצע דעם האַלבן זאַק מיט קאַרטאָפל פון דער שטוב צו באַהאַלטן אין קעמערל. ליבע טוט אים מיט פאַטערלעכן נחת אַ צי אַראָפּ דעם צעריסענעם היטל־דאַשעק איבער די אויגן און ער זאָגט אים מיט אַ כלומרשט שפּאָטישער שטים ווי צו אַ קליין יינגל, נאָר מיט פאַרטרוילעכן ווונק פון זיינע שטרענגע אויגן, ווי פון אַ מאַן צו אַ מאַן:

— גיי, זיי נישט קיין נאַר, ברוכל, וואָסי? דו האָסט אויכעט מורא, האַ? ווייסעד דאָרט וואָס, ס'וועט גאָר נישט זיין.

אָבער דאָס יינגל גייט נישט איין אויף די טרייסטווערטער, גליך ער ווייס עפּעס בעסער פונעם טאַטן. ער טוט וויל אַ צי מיט די אַקסלען, בליצט מיט די שוואַרצע אויגן און ענטפערט קלאָר און רויק:

— טאַטע, ווער זאָגט דען, אַז כ'האָב מורא? איין מאָל, אין מלחמה־צייט זענען אַריין אין שטעטל קאָזאַקן פון רוסישן מיליטער און געמאַכט אַ פּאָגראָם. די מאַמע מיט די שוועסטער האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם, איך האָב דווקא געוואָלט גיין זען, וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן...

— יאָ, יאָ, ליבע — שרייט שפרינצע — ס'איז טאַקע געווען סכנות־נפשות.

ליבע האָרכט מיט צעאַקערטן שטערן און מיט שטרענג פאַרקניפּטע ברעמענ־בינטן. ס'ברעכט אים טיפער דאָס האַרץ פון רחמנות אויף ווייב און קינדער.

— נו, נו, וואָס זשע איז געווען ווייטער, האַ? וואָס האָט מען געטאָן, — פרעגט ליבע זייער שטיל און פאַרקלערט, מיט עפּעס אַ חרפהדיקן געפיל פון אומרו, גליך ער איז שולדיק אין דעם גאַנצן אומגליק. האָט ער געבראַכט

קינדער אויף דער וועלט, אַז מען זאָל זיי הרגענען? צוליב דעם האָט ער געליטן אַזוי פֿיל יסורים אין דער מלחמה, אַז מען זאָל אים דערנאָך ברעכן דאָס לעבן?

ליבע שאָקלט זײַן שווערן באַרדיקן קאָפּ מיט פֿינצטערן צער. אויף זײַן וועג אַהיים, פֿון דעם איטאַליענישן פֿראָנט, וווּ ס׳האָט זיך געענדיקט די עסטרײַכער מלחמה איז ער אָנגעקומען קיין לעמבערג אַ טאָג נאָכן פּאָגראָם. ער האָט געזען די פֿאַרברענטע אַלטע שול, די שוואַרץ אויסגעברענטע הײַזער אין די ייִדישע גאַסן. ער איז אויכעט געווען אויפֿן הייליקן אָרט בײַ דער לוויה פֿון די צוויי און זיבעציק ייִדישע קרבנות, מענער, ווײַבער און קינדער, וואָס די פּאָליאַקן־זעלנער האָבן דערהרגעט. ער האָט געזען די טויטע ליגן אין אַ לאַנגער שורה, צוגעדעקט מיט פֿאַרבלוטיקטע טליתים. ס׳קלינגט אים נאָך אין די אויערן דער וויינענדיקער געזאַנג פֿונעם אל מלא רחמים, דאָס קדיש זאָגן בציבור און די יללות פֿון ווײַבער און קינדער וואָס האָבן גע־פֿלאַקערט צום הימל. דערנאָך האָט ער זעקס טעג און נעכט מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל אין די רייען פֿון די ייִדישע שוצליַיט געקעמפֿט אין די גאַסן מיט די פּוילישע רוצחים. מ׳האָט טאַקע דעמאָלט עטלעכע פֿון זיי אַוועק־געלייגט טויט, ביז מ׳האָט זיי פֿאַרטריבן און ס׳איז רויִק געוואָרן אין שטאָט. נו, איז אַזאַ צרה הײַנט בײַ נאַכט געקומען אויכעט צו אים, אין זײַן היים און ער איז גרייט מיט זײַן לעבן צו פֿאַרטיידיקן זײַן משפּחה.

אַ טעמפּע שטילקייט האָט אַצינד געגליווערט אין שטוב. די געשרייען אין דרויסן און די קלעפּ אין דער טיר האָבן אויפֿגעהערט. שפּרינצע האָט זיך גענעענט צום מאַן, מיטן פֿאַראומערטן פּנים, זייער נאָענט צו זײַנע אויגן:

— ליבע, זע נאָר ס׳איז עפּעס זייער שטיל געוואָרן אין דרויסן. אפֿשר זענען די שקצים שוין אַוועק, האַ?

— ניין, ניין — שאָקלט ליבע גרימיק מיטן קאָפּ — זיי זענען נישט אַוועק. זיי זענען דאָ. זיי ווילן באַלד ווידער באַפֿאַלן די שטוב.

— מיט שטורעם! — זאָגט ברוכל ווילקענעוודיק.

ליבע טוט אים אַ פֿאַרטרוילעכן ווונק מיט אַן אויג און דאָס ייִנגל לויפֿט גיך אַרויף מיטן לייטער אויפֿן בוידעם. דורך אַ שפּאַרע אין דאַך בויערט ער זײַן שאַרפֿן בליק אין דער פֿינצטערניש און ער זעט אַ קנויל מענטשן־שאָטנס. זיי לויערן מיט גרינע וועלפֿישע אויגן־פֿײַערן. ער קומט צוריק אין שטוב און זאָגט:

— טאַטע, זיי שטייען פֿון דער ווײַטנס, אונטער די ביימער, וואַרטן, טאָמער וועט מען עפֿענען די טיר, איאָ?

— יאָ, יאָ, כ׳ווייס. נו, שפּרינצע, נו, קינדער, גייט גיכער באַהאַלט אײַך, — זאָגט ליבע מיט שטרענגן באַפֿעל און ער וואַרפֿט אויף זיי אַ פֿאַרבענקטן בליק, פֿול מיט זײַן פֿאָטערלעכער ליבשאַפֿט. זיי קוקן אים אָן מיט נעפּלדיק פֿאַרטרערטע אויגן, ווי בײַ אַ לעצטן געזעגענען. אַ העלער שמייכל האָט

פלוצעם א פלאטער געטאן אויף ליבעס טונקל־אפגעברענט האריק פנים, ווי א ווייס זומער־באבעלע אין א געדיכטן דארנקוסט. אויבעט אויף די בלייכע פנימער פון די טעכטער האט זיך באזעצט א שעמעוודיקער שמייכל פון קינדערשער ליבשאפט. שפרינצע טוט אים פלוצעם צערטלעך א צי ביים ארבל און ברוכל טוט א גלעט די האק אין טאטנס שטריקגארטל.

א בייזער רעשיקער טראך האט אין דער רגע א הילך געטאן. דאס אויסגע־זעצטע שטובפענצטער האט א פאל געטאן מיט נאכטיק שרעקיקן געקלאנג פון די צעבראכענע גלאזשויבן און ס'האט גענומען קנאקן א שיסעריי פון ביקסן דורכן אפענעם פענצטערלאך אין שטוב אריין מיט רויך און זיסלעך־סמיקן ריח פון פולווער. שפרינצע האט ארויסגעכאפט דאס קינד פונעם וויגל, אנגעבויגן א לויף געטאן און זיך באהאלטן, מיטן קינד אין די הענט, אין ווינקל אונטערן אויוון. די מיידלעך זענען ארויף מיט דעם לייטער אויפן בוידעם. נאר ברוכל האט זיך א שטעל געטאן לעבן טאטן, אין פארהייזל הינטער דער דרויסנטיר.

— ברוכל, טאמער געשעט עפעס מיט מיר זאלסטו אכטונג געבן אויף דער מאמען מיטן קינד מיט די שוועסטער. הערסט וואס איך זאג דיר אן?

— יא, יא, טאטע, אוודאי.

ליבע טוט אים א שטארקן דריק מיט די פינגער פון דער רעכטער האנט אויפן אקסל, גלייך ער וויל אין אים אריינבויערן זיין גאנץ לעבן.

— נו, אצינד גיי דו אויבעט, באהאלט דיך, ברוכל.

— איך וויל נישט.

— איך הייס!

זייערע בליקן האבן זיך געטראפן אין שאטנדיקן טונקל מיט שארפן שניט, ווי אין א געשפאלטן וואסער, און ס'האבן זיך צעוויגט און פארביטן די געשטאלטן, גלייך ער, ליבע, איז אצינד דאס יינגל מיטן צעריסענעם היטל־דאשעק, זיינטיק איבער אן אויג, און ברוכל איז דער באדיקער טאטע מיט דער האק אין שטריקגארטל.ביידע האבן געשוויגן מיט שווערן אטעם פון צעהיצטע געבליטן. ברוכל האט געפאלגט. ער האט זיך אוועקגעשארט אין פינצטערן ווינקל פונעם געעפנטן קעמערל, אנגעווארפן מיט אלטווארג. פון דארט האט ער ווי פון א הייל געלויערט מיט צעפינקלטע אויגן אהין, צום טאטן ביי דער טיר. אין זיין קליינער געביילטער פויסט האט ער געהאלטן פארקלעמט זיין שארף קניפיק־מעסערל, אונטערגעהויבן מיטן שפיץ גרייט צום שטעך.

אין דער רגע האט גענומען פון דרויסן דונערן מיט טעמפע זעץ אין דער טיר. די לייבער פון די אנפאלער האבן זיך אלע מאל אויף איר א ווארף געטאן מיט פארשטארקטן כוח, אז די דעמבענע טיר האט געקרעכצט אין איר געהילץ. ליבע האלט זי צו מיט זיינע ביידע מעכטיקע געשפרייטע הענט און ער שפארט זי אונטער מיט די קני, נאר די אלטע איזערנע געהענגען און

דער האַקן פונעם ריגעל, ווערן אַלץ לויזער אין באַשלעג און הייבן אָן נאָכצוגעבן דעם שווערן געשטויס פון דער אַנגעוואַליעטער קופּע לייבער פון דער דרויסנזײַט. מ'הערט זייערע צעקײַכטע אָטעמס, צעפּײַערטע אין ווילדן צאָרן. אויכעט לייבעס אָטעם איז צעקײַכט מיט פאַרהאַקטן אָנשטרענג פון זײַנע אַלע כּוחות. דער טעמפּער געשטויס שפּאַרט זיך אַלץ נעענטער, ס'פאַלן שוין אַרויס די טשוועקעס פונעם טירבאַשלעג, דער אײַזערנער ריגל איז געבראָכן, די געעפנטע טירשפּאַרעס ווערן פון ביידע זײַטן אַלץ ברייטער. אַצינד טוט זיך לייבע אַ קער אום און ער האַלט אונטער די טיר מיט זײַן ברייטן רוקן. זי ליגט שוין, די דעמבענע טיר, אין גאַנצן צעלייגט אויף זײַנע פּלייצעס, מיטן אָנגעוואָרפענעם באַרג לײַבער פון די באַדרענגער אויף איר און ער שטופּט זי צוריק. לעבן אים שטייען אַצינד אויכעט די צוויי טעכטער, רבֿקה און רחל, און דאָס יינגל ברוכל. זיי שטעלן אונטער אַן אַקסל און העלפן מיט די הענט צוריקשטופּן די אַרויסגעריסענע טיר מיט דער לעבעדיקער משא לײַבער. זייערע יונגע כּוחות זענען פאַרכאַפּט אין דעם שווערן געראַנגל, טריט בײַ טריט, אַהער און צוריק. אַט טוט שוין אַ שוואַרץ פון ביידע זײַטן געעפנטער טיר אַ לאַנגער פּאַס נאַכט. נאָר לייבע טוט זיך ווידער אַ מאַכטיקן בויג מיטן רוקן און שפּאַרט צוריק די טיר צו די באַלקנס. דאָס רויטלעכע פלעמל פונעם שטוביקן נאַפּטלעמפּל וואַרפט אַ שאַרפן שאָטנשײַן אויף זײַן קנעכערן פּנים. זײַן קאָפּ איז זײַטיק אונטערגעהויבן, די באָרד האַרט פאַרקנאָדערט ווי אַ פאַרברענטער שטײן, דאָס מויל קרום צע־עפנט מיט שוואַרץ־געטיפטן לאָד.

— קינדער, גייט צוריק, באַהאַלט אײַך.

זיי רירן זיך נישט פון אָרט.

— טאַטע, מיר ווילן בלײַבן דאָ מיט דיר.

ער טוט אויף זיי אַ מוראדיקן ברום מיט פאַרביסענע ציין:

— ניין! איך הייס אַוועקגיין!

זיי טרעטן אָפּ הינטערווײַלעכץ, פאַוואַליע און אומווילִיק, מיט די אויגן גענעפּלטע פון צער פאַרבויערט אויף זײַן פּנים און ער באַגלייט זיי מיט שווערן, געטרײַען בליק ביז זיי ווערן נעלם. זײַנע כּוחות נעמען זינקען. די טיר איז שוין אין גאַנצן ברייט פאַרלייגט אויף זײַנע טיף אָנגעבויגענע פּלייצעס, דער מוראדיקער געשטויס אויף איר שטופּט אים צוריק אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין פּירהויזל.

ס'באַווײַזן זיך די צאַרנדיקע רויט־צעפלאַמטע פּרצופים פון די הײדאַמאַקעס מיט פעלהיטלען אויף די קעפּ. אין ווילסטן געוואָרבל פון הענט און בייזע קולות דערקענט לייבע איינעם פון דער באַנדע, פּעטרי, דעם זון פון רײַכן פויער סטעפּאַן דובאַק, פון דעם דאָרף זעדעריוו. לייבע וויל אים זאָגן עפּעס אַ וואָרענדיק וואָרט, נאָר יענער טוט אים גיך אַ זעץ מיט דער אײַזערנער ביקסקאָלבע איבערן קאָפּ. לייבע דערלאַנגט איינעם און אַ צווייטן אַ קלאַפּ

מיט דער האַק און ער אַליין ווערט שוין פאַרגאָסן מיט הייסן בלוטפּליוץ איבערן פּנים, געזאַלצן פאַררונען אין מויל אַריין. פאַרשניטן אין האַרץ מיטן נעוואַלדגעשריי פונעם ווייב און דעם צעקייַכטן שרעקגעוויין פונעם קינד אין שטוב, שטרויכלט ער מיט די פיס און פאַלט אַוועק ווי אַ קלאָץ צו דער ערד, דאָס חיות פאַרלאָשן אין פינצטערניש, ווי פאַרטרונקען אין אַ שוואַרץ וואַסער, מיט דער שווערער דעמבענער טיר באַדעקט איבער זייַן גאַנצער גרויסער געשטאַלט.

די נאַכטיקע בהלה האָט אין לייבעס שטוב אַ פּלאָם געטאָן מיטן געוואָרבל פון קולות און געברעך פון צעהאַקטע זאַכן, מיטן בלינדן וואָלקן צעפּלויגענע פעדערן פון אויפגעטרענטן בעטגעוואַנט און איז ווי אַ צעשטורעמטער וויכער פאַרטראָגן געוואָרן אין פינצטערן דרויסן.

אַ רגע האָט די שטילקייט געגליווערט ווי אַ געפרוירענער טייַך. רבקה, רחל און ברוכל האָבן זיך שוין ווידער געגומען פאַרען אין שטוב, אויפגעהויבן דעם איבערגעקערטן טיש, די צעבראָכענע בענקלעך, דעם צעהאַקטן שפּיגל, די צעריסענע קליידער. שפּרינצע האָט געהאַלטן אין די צעבלוטיקטע הענט דאָס וויינענדיקע קינד. אירע אויגן האָבן געברענט מיט אַ טרוקן פייַער. זי האָט זיך אַ זוכנדיקן דריי־געטאָן אַהין און אַהער אין די שטובווינקלען, מיט שטילן געפּליסטער:

— אוי, ווייַ, קינדער, דער טאַטע איז נישטאָ, מ׳האָט אים דערהרגעט!

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט בלייכע אויסגעצויגענע פּנימער. ברוכל האָט אַ לויף געטאָן אין פירהייַזל און געשריגן:

— ער איז דאָ. ער ליגט אונטער דער טיר.

זיי האָבן געשלעפּט לייבן בייַ אַ האַנט, בייַ די באַשטיוולטע פיס, נאָר מ׳האָט אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער איז געלעגן פאַרהאַקט מיטן פּנים אַראָפּ אונטער דער טיר אין וואַנטווינקל ווי אייַנגעגראָבן אין דער ערד.

— אַ שטריק — האָט ברוכל געשריגן — גיט אַהער אַ שטריק.

ברוכל וואָס האָט פריִער געבאַפּט אַ שטאַך פון אַ זעלנער־מעסער אין פּנים האָט אַצינד געווישט דאָס בלוט מיט אַן אַרבל. די מיידן האָבן געבראַכט אַ שטריק פונעם בוידעם. ברוכל האָט אים פאַרוואָרפן און פאַרקניפּט אונטער דער טיר, זיי האָבן געצויגן מיט אַלע כּוחות, נאָר זיי האָבן זי נישט געקאָנט אונטערהייבן.

— מיט קלעצלעך, מ׳דאַרף אַרונטעררוקן קלעצלעך — האָט דאָס ייִנגל באַפוילן מיטן טאַטנס שטרענגן קול. זיי האָבן געבראַכט העלצער. מ׳האָט זיי אונטערגעשפּאַרט בייַ די טירזייַטן, געשטופּט זיי אונטער לייבעס לייַב און אים נישט געקאָנט אַוועקרירן פון אָרט. פאַרמאַטערטע, אָפּהענטיקע, זענען זיי צוריק אַרייַן אין שטוב און זענען שטיין געבליבן שטום און פאַרשטיינערט.

— וואָס טוט מען, קינדער? האַ? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? — האָט שפּרינצע נאָך שטילער געפּליסטערט, די נאָז בלייך־פאַרשפּיצט ווי בייַ

אַ מת. דאָס קינד האָט פּלוצעם אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן פאַרצויגענעם קריי, ווי פאַרשטיקט מיטן קינד.

— זע נאַר, דער טאַטע איז דאָ, — האָט ברוכל פּלוצעם אַ זאָג געטאָן.

לייבע איז געשטאַנען אויף דער שוועל ברייט און געשטרעקט, דאָס פּנים פאַרשמירט מיט בלוט. שפּרינצע האָט זיך גענעענט צו אים, באַטאַפּט אים מיט די הענט און אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן:

— לייבע, דו לעבסט?

— וואָדען, דו זעסטאָך.

— נו, אַ לויב צו גאָט.

רבקה און רחל האָבן אים צערטלעך אַנגענומען ביַי די אָרעמס און אים אַרײַנגעפירט אין שטוב, זיי האָבן אים געוואַשן דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים און די קאַפּווונד מיט קאַלט וואַסער. ברוכל איז געשטאַנען אויף אַ בענקל און מבינותדיק אַנגעקוקט:

— טאַטע, ס'איז גאָר נישט — האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט אַ האַנט — ווייסעך וואָס, האָסט געכאַפּט אַ שטאַרקן זעץ אין שאַרבן, נאָר דער ביין איז נישט געבראָכן.

— יאָ, יאָ, כ'ווייס — ענטפערט אים לייבע און ער טוט ווידער אַ מאָל נחתדיק אַ צי אַראָפּ דעם יִנגל זײַן היטל־דאַשעק איבער אַן אויג — איך האָב שוין געהאַט אפשר צען אַזוינע קאַפּווונדן, דאָס היילט זיך גיך, כ'לעבן.

די טעכטער האָבן אים צוגעלייגט אַ שטיק שוואַרץ ברויט צו דער וווּנד און אים פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ האַנטעך. אויכעט דער מאַמען האָבן זיי פאַרבונדן די צעשטאָכענע הענט מיט ווײַס לײַוונט. שפּרינצע טוט אַ געשריי:

— אַי, אַ וויטיק, לייבע, די גזלנים האָבן צוגערויבט דײַן בײַטעלע מיטן געלט פון טישקעסטל! וויפל האָסטו געהאַט, לייבע?

— זעכצן קראַן מיט אַכצן גרײַצער — ענטפערט לייבע.

— נו, זאָרג נישט, וועסט גיין צו דער אַרבעט, וועסטו ווידער פאַרדינען אויף פּרנסה, מיט גאָטס הילף.

— זיי האָבן צוגענבֿעט רחלס וואָלן קלייד, מײַן אַלטן מאַנטל און די שיך און זיי האָבן צעריסן דער מאַמעס שאַל, צעבראָכן דעם סאַמאָוואַר און צעפּליקט דעם טאַטנס בעקעשע פון דער שאַפע — זאָגט רבקה אַרומזוכנדיק אין די ווינקלען, און שפּרינצע שרײַט:

— זיי וועלן האָבן די גיכע מפּלה, גאָט וועט זיי שטראָפן פאַר מײַן פּראַצע.

— מ'גייט שוין אויף זיי מיט אַ גרויסער מאַכט פון יענער זײַט, פון רוס־לאַנד — זאָגט רחל מיט ברוגז־פאַרקניפּטע ברעמען פאַרצויגן אויף איר שיינעם בלייכן שטערן, באַשאָטנט מיטן גלאַנץ פון איר שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ האָר — די רויטע אַרמיי שלאָגט זיי פון אַלע זײַטן און די יִדישע זעלנער נעמען פון זיי אַ גוטע נקמה.

— אוודאי, וואָדען, כ'וועל נאָך איינעם פֿון זיי, דעם פּעטרי דובאַק, אָפּהאַקן די לונגען. כ'וועל אים אָפּצאָלן וואָס ס'קומט אים ביי מיר — זאָגט לייבע מיט צעשאָקלטן קאָפּ, ווי פֿאַרקלערט אין עפּעס אַ טונקעלן בלוט־חשבון.

ברוכל געפֿינט אין אַלקער־ווינקל דעם טאַטנס תּפֿילין־זאַק מיטן טלית און מיטן סידור און ער לייגט אים צוריק אויף זיין אָרט אין שאַפֿע. דערנאָך קלייבט ער צונויף צעריסענע שמות פֿונעם חומש, דעם מחזור, די פּסחדיקע הגדות, אַ ספֿרל גרייצער־מעשׂיות, זיין צעשיט בענטשערל, דער מאַמעס טייטש־חומש, דעם דיקן קרבן־מינחה־סידור, בלעטער פֿון זיין סידור. ער טוט פֿרום אַ קוש מיט די לעפֿצן די שמות און לייגט צוריק דעם פּאַק אויפֿן פּאָליצע־ברעטל לעבן מעשענעם חנוכּה־לאָמפּ, דאָרט אונטערן גילדן־פֿאַר־רייכערטן מיזרח־בילד מיטן אויסגעמאָלטן כּותל־מערבֿי.

אויף דער זעלביקער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט טונקלען פֿרישע בלוטפֿלעקן מיט פֿאַרקלעפּטע פֿעדערן. ס'ווייעט דערפֿון מיט עפּעס אַן אַלטן, הארבן, שטומען טרויער, מיט דער פּיין פֿון פֿאַרזונקענע דורות.

לייבע גנעענט צום פֿירהייזל און ברוכל לעבן אים האַלט אונטערגעהויבן אין האַנט דאָס נאַפֿטלעמפּל.

— טאַטע, ס'איז געווען אַ שטאַרקע טיר, נאָך פֿונעם זיידנס שטוב, איאָ? נאָר די רוצחים האָבן זי אויפֿגעבראָכן, ס'איז אַ גרויסער שאָדן. וואָס וועט זיין? האָ?

— יאָ, יאָ, זי האָט לאַנג געדינט און אָפּגעהיט די שטוב. ס'וועט זיין זייער שווער — ענטפֿערט לייבע דעם זון מיט אַ האַנט אויף ברוכלס אַקסל און מיט האַרט־פֿאַרקלערטן בליק און צעאַקערטן שטערן באַטראַכט דער ייִד די דעמבענע טיר ווי זי ליגט צעליגט אין שאַטנדיק רויט־באַלויכטענעם פֿיר־הייזל, באַשפּריצט מיט זיין בלוט, אין איר נאַכטיק פֿאַרהוילענעם געפֿאַל.

# דער אַלטער כּוח

שאַ, שאַ, דער פּריץ גייט... האָט עמעצער וואָרנענדיק אַ פּליסטער געטאָן און דער צונויפגעדרענגטער עולם ייִדן וואָס די פּוילישע זעלנער האָבן צונויפגעטריבן אין דער שטעטלדיקער גמינע צום שטעלונג פאַר דער אַסענטירונג־קאָמיסיע — האָבן אַלע אין איינעם גיך אַ שווערן הייב געטאָן די אַקסלען, גלייך ס׳וואָלט זיך פּלוצעם איינגעבראָכן אַ סטעליע איבער די קעפּ, און מען וויל זיך באַשיצן קעגן די אַראָפּפאַלנדיקע דעמבענע באַלקנס.

באַנומען, האָט מען אַנגעשטעלט די באַטריבטע אויגן, ווי מיד פאַרזונקען אין נייַגער פון אַ טויב־פאַרקלעמטער דערוואַרטונג וואָס האָט טעמפּ געהויערט אין צערייכערטן האַלב־טונקל ווי אַ בלייַערנער כמאַרע־קנויל אַנגעדראָלן מיט וויסטן הפקר.

וואָס וועט דאָ געשען? וועמען האָט עס דער בלינדער גורל שוין אַנגעצייכנט דאָ פאַרכאַפּט צו ווערן פון עפּעס אַ בייזער צרה, וואָס לאָקערט ווי אַ חיה־רעה צו פאַרצוקן דעם קרבן?

פּאַוואָליע און באַדעכטיק, מיט טענצלדיקן שפּאַן, גלייך ער וואָלט געריטן אויף אַ פערדל, גענעענט דער קאָמאַנדיר צום געזעמל ייִדן. דעם לעדערנעם רייַט־בייַטשל האָלט ער נאָכלעסיק־צעפּאָכעט, ווי אַ שפּילעכל מיט צוויי פינגער. דאָס האַרטע האַרבערשטל אויפן קייַלעכדיקן קאָפּ פאַררייַסט נאָך שפּיציקער זייַן קליינע נאָז צווישן די ברייטע, פעט־געריטלטע קינבאַקן, און די געדרייטע געלע וואָנצען זעען אויס ווי קליינע בייַטשלעך. בייז סקריפּעט די צערייצטע הערשער־גאווה פון זייַנע גלאַנציקע שטיוול, שפּאַרט זיך מאַכטיק פון זייַן ענג־אַנגעפּילטן מיליטער־מונדיר מיט די גילדענע שטערן און זילבערנע בענדלעך, אַז אָט, דאַכט זיך, וועלן די מעשענע קנעפּ אַראָפּשפּרינגען פון זייַן

נעפּלאַצטער, ברייטער ברוסט. מיט אַ פאַרקרימטער מינע, גלייך ס'וואָלט אים נישט גוט געוואָרן, טוט ער זיַיטיק אַ בייזן נימאסן שפּיַי:

— פּשיאַ־קרעוו, זשידקי פאַרשאָלטענע. אָט דאָס זיַינען זיי די פרעמדע, שאַכרייעס, גנבים, ציגיַינער, בלוט־זויגער, האָבן זיך ווי די פּעסט איַינגעפרעסן אין אונדזער לאַנד און ווילן פאַרקנעכטן דאָס באַפריַיטע פּוילן. נאָגן אויס די קריסטלעכע פעלקער און קערן איבער די וועלט מיט רעוואָלוציעס, רויבן אַן קאַפּיטאַלן און פאַרכאַפּן די וועלט־הערשאַפט. קאָמוניסטן. באָלשעוויקעס. טראָצקי־בראָנשטיין... ראַדעק־סאָבעלזאָן... בעלאַ קון־קאָהן. די צרה קאָן אים אַליין אויכעט טרעפן. ער איז אַ יחסנדיקער מאַגנאַט, אַ גרויסער פּריץ, אַ ריַיכער יורש פון די קאַפּוסטיטשינסקעס, אַ גוט־באַזיצער פון דערפער, פעלדער און וועלדער, מיט פאַבריקן און גראַלניעס, מיט טויזנטער אַרבעטנדיקע פאַראַבקעס און טאַגלוינער. ער לעבט אין פּאַלאַצן, באָדט זיך אין ווילטאָג, פאַרשפּילט פאַרמעגנס אין קאָרטן; און דאָ קומען פּלוצעם די ייִדן און די קאָמוניסטן און ווילן פאַרכאַפּן זיַינע פאַרמעגנס, פאַרטיילן זיַינע גיטער צו די פּויערים, אָפּגעבן זיַין באַזיץ צו די אַרבעטער און פאַראַבקעס, און ער וועט בליַיבן נקי. ער וועט מוזן עוקר זיַין פונעם פאָטערלאַנד, אַנטלויפן מיט די ביינער און ווערן אַ שטיוול־פּוצער אין פּאַריז... אָדער מ'וועט אים פאַרשיקן קיין סיביר צי גאָר צושטעלן צום װענטל און דערשיסן... דעריבער טאַקע איז ער איַינגערוקט אין גענעראַל האַלערס לעגיאָן. ער איז אַ פּאָלקאָווניק און פירט מלחמה קעגן די שונאים פון פּוילן, די באָלשעוויקעס און רוטענער. מ'פאַרכאַפּט דאָס לאַנד גאַליציע און אין די פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך טוען זיַינע זעלנער שלאָגן און הרגענען די קאָמוניסטן און די ייִדן. דער גרימצאָרן ברענט אָצינד מיט פאַרביסענער שינאה פון זיַין גאַנצער קרעפּקע־אויסגעסטראָיעטער יונגער געשטאַלט, אַזש ס'זעצט, דוכט זיך, אַ רויך פון זיַין גערייטלט־צערייצטן פּרצוף, און זיַינע ציין זיַינען וויַיס און שאַרף פאַרשפּיצט־אַנטבלויזט, ווי ביַי אַ וואָלף. נאָר דער קאַלטער רשע־בליק פון זיַינע פאַרשטאַרטע בלאָע אויגן בליַיבט, ווי אַ שפּיז מוראַדיק שטום באַהעפט, ווי גיפטיק איַינגעפרעסן אויף חנאַ־איצי דעם מלמדס גריַיז־גראָען באָרדיקן קאָפּ מיט דער שוואַרצער סאַמעטענער יאַרמולקע, ווי אַ צוגעקלעפּט ערדערן שיסעלע.

דער געבויגענער זקן וואָס וואַרט דאָ אויכעט צום שטעלונג האָט שוין עפּעס אַ צרה־פּעקל. די זעלנער האָבן אים געכאַפּט ביַים פאַרבאָטענעם מיסחר. ער האָט דערוויַיל פאַרקויפט, אַז אַ שטיַיער צעטל, בייגל און מאָן פּלעצלעך, וואָס זיַין שנור ראַצע די בעקערקע באַקט צו פאַרקויפן אין מאַרק. מען האָט ביַי אים אָוועקגענומען ס'קיישל געבעקס מיט די אָפּגעלייזטע עטלעכע איַיזערנע זעקסער און קופּערנע גריַיצער פונעם קניפּל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אין דער אונטערשטער קעשענע פון זיַין געלאַטעטער קאַפּאָטע. ער וואַרט אָצינד אויף זיַין פּסק און די ייִדן מיינען, אַז דער אַלטער וועט זיך דאָ אוודאי נעמען פאַרענטפערן און אָפּבעטן ביַים קאָמאַנדיר מיט ווייכע רייד פון רחמנות. נאָר זיַין בלייך אויסגעצווימט פאַרמעט־פּנים מיט דער שניי־

ווײַסער צוויי־שפּיציקער באָרד איז גאַנץ רויִק און ווי פֿאַרטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. וואָרעם כּל ימיו האָט ער נישט קיין מורא פֿאַר מענטשן, נײַערט פֿאַר גאָט אין הימל טוט ער זיך תּמיד פֿאַרכטן. קלאָר און שאַרף נעמט ער רעדן, זײַטיק־געווענדט צו די ייִדן, גלײַך ער וואָלט דעם עלטסטן גאַרנישט באַמערקט, מיט זײַן האַרבן־געצויגענעם גמרא־ניגון, וואָס קומט געדעמפּט, ווי עפּעס אַ ווידער־קול פֿון אַ שטייניק־פֿאַרבאָרגענעם הייל, שאָטנדיק צעפֿלעמלט מיט הייליקע אָטעמס פֿון וואַקסענע, פֿלעמלדיקע צעטריפֿטע נשמה־ליכט.

— נו, נו, אַ גזירה... אַ ביטערע גזירה, ווי דעמאָלט בשנת ת״ח, אין די פֿינצטערע טעג פֿון דעם חמל־הרשע, ימח שמו וזכרו... ווידער איז הײַנט אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן אויפֿן בית־ישׂראל. ווידער פֿליִען טײַכן ייִדיש בלוט אונטער דער טויט־שווערד פֿונעם ווילדן רוצח. אַך, אַך, אַך — טוט ער אַ טיפֿן, גרויליקן זיפֿץ, וואָס שנײַדט שאַרף ווי אַ מעסער דאָס האַרץ מיט ברענענדיקן פּײַן — אַז אַך און וויי, גאַנצע קהילות מיט ייִדן שעכט אויס דער בייזער שׂונא. פּאָגראָמען מאַכן זיי, די רוצחים. מאָרדן און הרגענען ייִדן אין די שטעט און שטעטלעך, דאָרט אין דער אוקראַיִנע און אין פּוילן און אויכעט בײַ אונדז דאָ, אין לאַנד גאַליציע. אין לעמבעריק האָבן די רוצחים אונטערגעצונדן די אַלטע שול און פֿאַרברענט די קדושים מיט ווײַבער און קינדער. ווידער טוט זיך אדום באָדן אין אונדזער בלוט און פֿאַרטיליקט דעם זאָמען פֿון אַבֿרהם. אוי, פֿאָטער דערבאַרעמדיקער אין הימל, עד מתי, ביז וואַנען וועסטו אַזוי שווער פּרוּוון דײַן אויסדערוויילט פֿאָלק? זע, גאָט, דעם גרויסן בראָך פֿון דײַנע פֿאַרוואָגלטע קינדער אין גלות. פֿאַרנעם, באַשעפֿער פֿון דער וועלט, דעם וויי־געשריי פֿון דײַן געטרײַען קנעכט יעקבֿ, וואָס טוט טוען דיך דינען מיט ליבשאַפֿט און הייליקייט מיט פֿרייד דײַן נאָמען אין אייביקייט. גיס אויס דײַן גרימצאָרן אויפֿן קאָפּ פֿונעם בייזן שׂונא, וואָס וויל דיך נישט קענען, שיק גיך און באַלד אין אונדזערע טעג דײַן וואָרהאַפֿטיקן געזאַלבטן קעניג און דערלייזער, אַנגעגורט מיט מאַכט און גערעכט פֿון דײַן שטאַרקער האַנט. וואָרעם באו מים עד נפֿש. אוי וויי, דער זידיקער כּוס פֿון לייד און קלאָג איז שוין פֿאַרפֿול. פֿאַרפֿול, פֿאַרפֿול.

דער פֿאַרכטיקער געברום, פֿרום־אָנגעזאַפּט מיט הייסע קלאָג־טרערן, ריזלט מיט שטילן נאָגנדיקן געפֿלאַטער פֿון דעם זקנס שיף־צעעפֿנטע לעפֿצן אין דער ווײַסער באָרד־האָריקייט, ווי אין דער טיפֿעניש פֿון די נעכט, ווען ער ריכט אָפּ חצות, דאָרט אין זײַן געהויקערטן, ליימענעם שטיבל אין אָרעמען שול־געסל, בײַם געדויטלטן ליכט־שײַן פֿונעם פֿאַררייכערטן נאַפֿט־לעמפּל און ברומט די פֿאַרהוילענע תּפֿילות פֿונעם דיקן, אַלטן סידור, צעקרעכצט, מיט פֿאַרצוואָגנטע אויגן, טיף פֿאַרזונקענע אונטער די געדיכטע, ווײַסע ברעמענבינטן, דעם גרויסן צעאָקערטן למדן־שטערן הויך אויסגעוועלבט, איין פֿויסט שטאַרק פֿאַרבײַלט דערהויבן, ווי אין לאַנג־געצויגענעם אחד־געשריי, וואָס עפֿנט די טויערן פֿונעם הימל און פֿאַרטרויערט די שכינה מיט האַרבן געוויין.

און פלוצעם טוט זיך אצינד א דריי, ווי א ווערבל־ווינט, זיין געבויגענע געשטאלט, און ווערט פארהילט אין בלייכן וואלקן פון דורותדיקן צער פון די חורבנות, אזוי ווי געוויקלט אין זיין לאנגן אלטן טלית, ווען ער שטייט א פארגליווערטער אין גאטספארכט ביים עמוד אין דער גרויסער שול, יום הקדוש צו נעילה.

ביים געזעמל יידן זענען די פנימער בלאס פון פחד, און פארקלעמט די נשמה מיט שווערן, פארכטיק־פרומען טרויער.

א ווילד־צעקייכטער צארן־געשריי טוט ווי אן אנגעפלויגענער שטורם־געביל וויסט א שמייס איבער די קעפ. ביי דעם פוילישן קאמאנדיר איז שוין דער קאפ רויט אנגעצונדן פון גליענדיקן כעס. ער הויבט אויף א גריילעכן געפילדער און ס׳ווארפט מיט אים ווי אין א קדחת, פון זידיקער רציחה. ער האט געהארכט דעם זקנס צעברומטע קלאג־רייד און ווי וויל ער פארשטייט נישט די יידישע ווערטער, האט ער פארט באנומען דעם הארבן מיין פון דער פרעמדער תפילה, וואס האט אויף אים אנגעיאגט, ווי א קללה, עפעס א טונקעלע שרעק און ס׳נעמט פינצטערן אין זיינע אויגן מיט צעקרימטע פארפייניקטע קלויסטער־הייליקע פון שטייניק־בארדיקע פיגורן, געמאלענע פאנעם מיט ווייבערישע פנים־בילדער, פארטאיעטע אין זיסלעכן נעפל פון געדעמפעכץ, פארהוילענע אין פייערלעכן געברויז פון ארגל־געשפיל און דעמפע גלאקן־קלענג, פארזונקענע אין גלחיש־צעפרעפלטע בלוט־סודות, מיט פרום־צעיאמערטע הושענא־געזאנגען און געהויבענע צלמים מיטן נאקעטן צוגענאגלטן פיין־געשטאלט.

אין דעם אנטפלעקטן אפגרונט פון שינאה־נעפל, צערייבערט מיט בראנד און אומרו, איז ווי א וויסער צעפלאטערטער פויגל פלוצעם אנגעשוועבט א גרייז־גראער הארִיקער קאפ. אט דאס איז ער, דער אייביקער פארשאלטענער ייִד פונעם פינצטערן בלוט־חלום, וואס האט געקרייציקט גאטס זון און קוילעט קריסט קינדער, צאפט ס׳בלוט פאר דער מצה אויף פסח. אט דא שטייט ער, דער שולדיקער זשיד אין דער קאפאטע, מיט דער זילבער־ווייסער בארד און פיאות, וואס וואנדערט איבער דער וועלט מיט געבויגענעם רוקן, די אויגן גלייביק־פארצוקט ווי צום הימל דערהויבן, אנגעפילט מיט העלן ליכט־פלאקער פון יושר און צדק.

ווארפן וויל ער זיך אצינד, דער פריץ, אויף דעם אלטן ייִד און דערהרגענען, פארטיליקן אים פונעם פנים פון דער ערד. נאר ער קאן זיך נישט רירן פונעם ארט, גלייך ער וואלט געליימט געווארן אויף אלע אברים. און חנא־איצי דער מלמד שטייט פארהאקט, ווי א פעלדז פון אייזערנעם עקשנות אין זיין געבויגענעם נאקן. מיט שטארקן גרימצארן וואס מאכט רויט זיין קאפ, פילט דער קאמאנדיר, אז ער וועט אט דעם ייִד קיין מאל נישט בייקומען. ער פאכעט און שמייסט מיטן רייט־בייטשל אין דער לופטן און שרייט מיט באנומענע קולות, מיט לאנגן, דין־געצויגענעם גריילעכן קוויטש, ווי א חזיר אויף א יאריד, ווען מען שלעפט אים די צונג פון דעם שנויץ:

— אַ טויט. אַ טויט די ייִדן. שלאָגן. שיסן. אַלע אויסשיסן. ער קײַכט מיט דערוואָרגענעם אָטעם. ער טוט זיך אַ ריס און אַ לאָז, ווי אין פֿאַרכאַפּטן שגעון. נאָר ס׳שיטן זיך אויף אים נאָך מער די באָרדיקע שוואַרצלעכע געשטאַלטן מיט די קאַפּאָטעס, פֿון די שטיבער, פֿון די שולן, פֿון די מערק, יאַרידים און קרעמלעך, ווי אַ כמאַרע וואָראָנעס, מיט ברענענדיקע אויגן און געשטרעקטע ביינערדיקע הענט צו זײַן גאָרגל. ווי אין בייזן חלום פֿון בלוט־רויש נעמט ער זעצן און שפּרינגען, האַקן מיטן קוליק אין אַ וואַנט, שטויסט און פֿאַלט איבער אַ שטרויכלונג און בלייבט ליגן.

# דער לאַנדשטורמאַן

ואָס ווײַס געשפּרייטע שנייפֿעלד האָט געבלענדט די וועלט מיט אַזאַ זוניק־שאַרפֿער פּראָסטיק־צעבליצטער לויטערקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט אַז אין דער זילבעריק געבלויערטער טיפֿעניש פֿון דעם שטראַליק געליכטיקטן ווינטערטאָג, איז ווי אויפֿן גרונט פֿון אַ קלאָרן טײַך פֿאַרהוילן עפּעס אַ שווערער שאָטן־גליוווער, וואָס פֿאַרצערט דעם אָטעם מיט טונקעלער אימה.

אַ באָרדיקער ייִד, דאָס שעפּסענע היטל אַנגערוקט איבער די אויערן, דעם געלאַטעטן טיזליק פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, האָט געשפּאַנט מיטן שניי־אויסגעטראָטענעם פֿעלדוועג פֿונעם דאָרף צוריק אַהיים, אין ווײַטלעכן שטעטל, און ווי אַ יאָד אַנגעטאָן אויפֿן האַלדז־און־נאַקן, האָט ער געטראָגן אַ רויט־ווײַס געפֿלעקט קעלבל, די פֿיסלעך געבונדן מיט שטריקלעך, דאָס קורצע וויידל זײַטיק איבער דער ברוסט אַראָפּגעהאָנגען.

אַזוי ווי תּמיד, ווען דעם שוואַרצן לײַבע איז עפּעס אָנגעזאָלצן אויפֿן האַרץ, האָט ער אויך אַצינד גענומען הינקען, גלײַך זײַנע שטאַרקע פֿיס אין די געקאָוועטע שטיוול, וואָלטן אַז זײַן ווילן געטאָן ווידערשפּעניקן אונטער דער פֿײַנלעכער משׂא פֿון דער פֿאַרוווּנדיקטער נשמה.

אמתע וווּנדן האָט ער געהאַט גענוג. זײַן גאַנץ ברייטקנאָכיק גיבור־לײַב, ווי אַ צעקנאָדערטער דעמב, איז געווען צעריסן און צעשטאָכן מיט פֿאַר־היילטע וווּנדן, ווי אָנגעוואַקסן מיט פֿאַרדאַרטע שוועמלעך. וואָרעם דער ייִד, אַ בן־חמישים, איז געהאַט געווען אַ לאַנדשטורמאַן אין קיסר פֿראַנץ יאָזעפֿס חיל, פֿון דעם לאַנד גאַליציע. אויבעט האָט ער געקעמפֿט פֿיר יאָר, ווי אַ זעלנער אין דער עסטרײַכער אַרמיי אויף אַלע שלאַכטפֿעלדער און דאָרט גענוג קוילן, שטעך און קלעפּ אַרײַנגעכאַפּט. דערנאָך, אַז ער איז בשלום פֿאָרט אַהיים געקומען מיט גאַנצע ביינער, איז ער בײַ טאָג און בײַ נאַכט

אַלע מאָל פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין וויסטע געשלעגן מיט די צעהאַקטע שקצים, וואָס האָבן ווי די וועלף געבושעוועט אין געחורבֿטן שטעטל מיט רויב און אָנפֿאַלן אויף ייִדן.

ווי דערנצמאָל, ערגעץ אין מלחמה־שפּיטאָל, ווען מען האָט אים אָפּגעהאַקט די בלאָבראַנדיקע פֿינגער פֿון צעשאָסענעם לינקן פֿוס, אַזוי האָט לייבע אַצינדער אַ פֿאַרצערטן קרעכץ געטאָן מיט פֿאַרביסענע ציין, ניט פֿון ווייטיק, נייַערט פֿון עפּעס אַ טונקעלן חידוש־געפֿיל:

— אַגוואַ... וואָס הייסט עפּעס דאָס? ... וואָס טוט זיך עפּעס מיט אים, האַ? ...

ער האָט געברומט מיט גרימצאָרן פֿון דער טיפֿעניש פֿון די געדערעם, אַ טעמפּ באַשווערט גרימעניש, אַ שטייגער ווי אַ בער וואָס האָט זיך פֿאַרשטאָכן די לאַפּע מיט אַ שפּיציקן דאָרן און באַנעמט ניט וואָס ס'איז געשען.

לייבע האָט געשפּאַנט און געהונקען ביי יעדן טריט מיט אַ טיפֿן בויג אין איין זייַט, גלייַך ער וויל מיט איין האַנט עפּעס אַ הייב טאָן פֿון דער ערד, נאָר אין מיטן דרינען איז ער זיך מיישבֿ, אַז ס'לוינט נישט דער עסק, ער גלייַכט ווידער אויס דעם איבערשטן האַלבן גוף, כּדי זיך ווידער גיך אַ בויג צו טאָן.

— אַטפּו... זע נאָר... אַז דער רוח זאָל דאָס נעמען. עפּעס אַן אָנשיקעניש צי וואָס. וואָס גייטס מעך אָן. לאָז דאָס פֿאַרברענט ווערן.

ער האָט געשאָלטן דאָס הינקען, אָבער דאָס באַשווערטע געמיט האָט זיך נישט געלאָזט גענאַרן. ער האָט געוווּסט, אַז ער שעלט זיך אַליין מיט דער פֿאַרבאָרגענער כּוונה זיך צו באַשטראָפֿן פֿאַר דער שווערער עבֿירה, וואָס ער האָט דאָ הייַנט אָפּגעטאָן און דערמיט צו לעשן דאָס גרימעניש פֿונעם בזיון, וואָס האָט ווי אַ וואָרעם געבויערט, גענאָגט די נשמה מיט אַלץ טיפֿערן און ברענענדיקן צער פֿון חרטה־פּיין.

די ווייַס־צעשטראַלטע שנייפֿעלדער האָבן זיך אַלץ רחבֿותדיקער געשפּרייט, טיף פֿאַרזונקען אין שטילן ווינטער־דרימל, געוואָרעמט די ערד מיט צוויטיקע שאָפּענע פּעלצן, געהויבן זיך און גענידערט אין דער בלאָ־בלייך געבערגלטער ווייַטקייַט, ביז צום עק הימל־געוועלב. נאַקעטע וועלדלעך האָבן פֿון ווייַטנס פּראַסטיק קלאָר געגלאַנצט, ווי געזילבערטע ווענט פֿון פֿאַרהוילענע פּאַלאַצן, און די נידעריק געדרייטלטע ווינטערזון האָט ווי אַ צעגליטער פֿייַערקאַפּ געבליט מיט צעשטראַלטע דימענטגלאַנצן אין בלאָ פּראַסטיקער לויטערקייט איבער דער ווייַס צעפּעכלטער שנייוועלט. די קורצע צווייַגן פֿון קופּעס גרינע סאָסנע־ביימער זענען דאָ און דאָרט געווען אָנגעבויגן, באַשווערט מיט שטיקער שניי, ווי שטיקער ווייַסע הימל אויף חלומדיק געשטרעקטע הענט. זייערע שאָטנס האָבן זיך געטיפֿט שוואַרץ און גלאַטיק, שאַרף אויסגעשפּיצט, ווי נעגל־לאַפּעס פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער חיה.

פֿונעם גיכן גאַנג און פֿון דער וואַרעמקייט פֿונעם קעלבלס בויך אויפֿן נאַקן, איז דעם ייִד הייס געוואָרן. ער האָט צעקנעפּלט דעם טוזליק און העכער

אַרויפֿגערוקט דאָס שעפּסענע היטל אויפֿן צעאַקערטן שטערן. ער האָט זיך געאײַלט און גערעכנט מיטאַגצײַט אָנצוקומען אַהיים. וואָרעם באַגלײַך צו אַ בוים, וואָס איז ביז אין העלפֿט שטאָם פֿאַרזונקען אין אַ געמויזעכץ און דאָך שטרעקט ער זײַנע שטאַרקע צווײַגהענט צום ליכט פֿונעם זוניקן הימל, ווײַל זײַנע געדערעם־וואָרצלען זענען אײַנגעגראָבן אין אַ פֿאַרהוילענעם חיות פֿון ערד־טיפֿעניש, אַזוי האָבן לײַבעס ברייטע אַקסלען, אָנגעדעמבעטע מיט האָרעפּאַשנע כּוחות פֿון דור־דורות, נאָר פֿאַרכאַפּטע אין גליוזער פֿון די נויטן, מיט גלייביקן בּיטחון זיך געשטרעקט צום געבאַטענעם עול, צום עול פֿון די טעג.

אַ רגע האָט, ווי אַ גלײַענדיקער פֿײַערפֿונק, אַ פֿלי געטאָן אַ פֿריידיקער געדאַנק איבער לײַבעס באַרדיק פֿאַרשוואַרצטן פּנים: אָט איז ער שוין ניצול געוואָרן פֿון אַלע סכּנות און פּורעניותן, אָט גייט ער ווידער פֿונעם דאָרף ווי אַלע יאָרן פֿון זײַן פֿאַרהאָרעוועט לעבן און אָרעמקייט. דער טאָג איז ב"ה געווען אַ מזלדיקער. דער אייבערשטער האָט אים באַשערט אַ גרויסע מציאה. ער וועט אַהיים קומען מיטן געקויפֿטן קעלבל און ס'וועט ליכטיק ווערן אין דער אומעטיק פֿאַרטונקלטער שטוב מיטן גוטס פֿון הצלחה. די פֿאַראומערטע פּנימער פֿונעם ווײַב מיט די קינדער וועלן אויפֿשײַנען פֿון גדולה, די אויגן וועלן לײַכטן מיט בליציקע פֿריידפֿלעמלעך. וואָרעם אַ קעלבל איז הײַנטיקע צײַטן אַ פֿאַרמעג. ער וועט דאָס פֿאַרקויפֿן מענדל קצבֿ און אָפּלייזן געלט מיט ריווח. דאָס קעפּל מיטן גריישל וועט ער נאָך דער שחיטה אַהיים ברענגען אונטער דער פּאַלע. שפּרינצע זײַן ווײַב וועט קאָכן אַ פֿליישיקע וועטשערע און די הייסע זעט וועט זעצן פֿון די פֿריילעכע אָטעמס. ס'וועט אויך זײַן צו שטעלן טשאָלנט אויף שבת.

דאָס קעלבל, גלײַך ס'וואָלט דערפֿילט דעם רוצחישן געדאַנק פֿונעם מענטש, האָט פֿאַרציטערט אַ צאַפּל געטאָן מיט די געבונדענע פֿיסלעך. ס'האָט גיך אַ הייב געטאָן דאָס חנעוודיקע לענגלעכע קעפּל מיטן פֿײַכטן מאָרדעלע, אַ טרעסע געטאָן מיט די אויערן און די גרויסע קינדישע אויגן האָבן אַ ווײַטן קוק געטאָן ווי בעטנדיק רחמים בײַ דער זוניק־ליכטיקער וועלט; ס'האָט דער־שראָקן אַ קרעכץ געטאָן לײַבען גלײַך אין אויער אַרײַן און אים אַ לעק געטאָן מיטן צינגל:

— מעעע... מעעע... ווי אײנער רעדט, כ'בין נאָך אַזוי יונג... כ'וויל לעבן.

נאָר דער מענטש האָט אין דער פֿאַרבלענדונג פֿון זײַן האַפּערדיק האַרץ נישט געפֿילט דעם צער פֿון בעל־חיים, ווי וויל דער ייִד האָט ליב געהאַט חיות און פֿאַרשטאַנען דאָס פֿאַרהוילענע לשון פֿון דער שטומער צונג. ער האָט טאַקע אַ זיפֿץ געטאָן פֿון רחמנות און זײַן פֿאַרטראַכטער קאָפּ, אונטערן קעלבלס בויך, האָט זיך אַלע מאָל אויבעט אַ פֿאַרצאַפּלטן הייב געטאָן, גלײַך מען וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן פֿון אונטן. די געדאַנקען, באַשווערטע מיט ביטערער פּלאָג, האָבן פּאַוואָליע געשניטן אין לײַבעס מוח, ווי שיפֿלעך באַ־לאָדענע מיט משׂא. ווי אַזוי איז דאָס עפּעס געשען הײַנט, וואָס ער האָט זיך

אזוי ביטער דערנידעריקט פארן שונא און פארלייקנט דעם ערלעכן וועג פון זיין לעבן?

ווארעם ער איז געגאנגען א קרומען וועג. ער האט געהערט, אז אין דעם דארף זלידוויץ, ביי דעם רייכן גוי סטעפאן דובאק, איז דא צו פארקויפן א קעלבל. לייבע האט געוווסט, אז די גויים ווילן נישט מער האנדלען מיט יידן, ווילן ביי זיי גאר נישט קויפן און זיי גאר נישט פארקויפן; אז די גויים ווילן די יידן אויסרויבן און זיי פארטרייבן פונעם לאנד; אז עס איז א סכנה פאר א ייד צו גיין אין א דארף אריין, וויל די גויים, די שקצים, שלאגן, פארטרייבן און זיי קאנען אויכעט דערהרגענען. נאר מיט סטעפאן דובאק, האט ער, לייבע, געהאט עפעס א באזונדערן חשבון. פעטרי, דעם פויערס זון, איז איין מאל, אין מיטן נאכט, מיט נאך א באנדע שקצים באפאלן לייבעס שטוב, אויסגערויבט ס'ביסל ארעמקייט און אין געשלעג אים צעהאקט דעם קאפ. לייבע האט גערעכנט, אז ער האט צו דעם גוט באקאנטן פויער א טענה און געהאפט דעריבער אויף רחמנות און יושר. ער האט זיך געפעדערט היינט פאר טאג און אויף גאטס בארוואט די לעצטע עטלעכע צעפליקטע געלטפאפירלעך אין ליינוונטענעם ביטל באהאלטן אין בוזעם, איז ער אוועק אין ווייטן דארף און אנגעקומען אהין גאנץ פרי. די ליימענע כאטעס זענען געווען ווארעם איינגעפעקלט אין שטרוי זאהאטעס. בלאע רויכלעך האבן שוין געצויגן פון די נידעריקע קוימענס, די דעכער מיט ווייסע שניי־קישנס אנגעבעט. ס'האט געשמעקט מיט קארנברויט, מיט זויערקרויט, מיט מילך און זעט. אין מיטן האט געהויערט די ברייטע צערקווע מיט געשפיצטע טורעמלעך ווי ציבעלעס, מיט א גרויסן צלם דערהויבן צום בלאען הימל. נייעם האבן געגרענערט, קינדער מיט ווייסע קעפלעך, ווי פלאקס, האבן גע־קוויטשעט, בהמות האבן געמעקעט אין די שטאלן, הינער, גענדז און ענטלעך זענען פול געווען איז די הייפן; ס'האבן געכרוקעט חזירים, געהירזשעט פערד, הינט האבן געבילט און ס'האבן געקרייעט די הענער. די סטעפאניכע האט נישט געוואלט פארקויפן ס'קעלבל. די גויע אין ליינוונטענעם סטאן, פארהויבן איבער די שטיוול, האט גרימיק געטריבן דעם ייד מיטן בעזעם. שיקסלעך און שקצימלעך האבן אים באווארפן מיט שטיינער, מיט שטיקער מיסט, געלאכט און געשפעט און אנגערייצט די הינט, וואס האבן זיך מורא־דיק צעבילט, געריסן אים פאר א פאלע, געביסן אין די שטיוול. סטעפאן איז נישט געווען אין דער היים און די גויע האט געשריגן מיט הויך־קוויטשעדיקן געבייזער ווי א צעגונערטע קוואקע:

— גיי, גיי, ייד, כ'האב גאר נישט צו פארקויפן, נישטא קיין קעלבלעך. זעט נאר, מענטשן גוטע, ווי די זשידעס האבן זיך דאס פארלייגט, טשעפען זיך ווי קלעשטשעס. האספאדי פאמילוי, זעט נאר אן אנשיקעניש, מיט דער לאפעטע וועל איך דיר געבן איבערן קאפ, פארשאלטענער... גיי צום טייוול, נישטא צו פארקויפן גאר נישט, א כאלערע...

ליבע איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן פֿון דער גויעס זידלערײַ און קללות. זײַן דיקער קנײטש בײַם נאָזוואָרצל איז נאָר אַ ביסל מער אָנגעדראָלן געוואָרן מיט פֿינצטערן ירגזון. ער האָט גערעדט צו איר גוטע רייד, מיט קרום פֿאַרביסענע צײן:

— נו, באַלעבאָסטע גוטע, כ'וועל דיר באַצאָלן געלט. פֿאַרקויף מיר ס'קעלבל. אָט דײַן זון פּעטרי האָט מיך באַגזלט, צעהאַקט מיר דעם קאָפּ. כ'לעבן, כ'בין אַן אָרעמאַן, הײַנטיקע שווערע צײַטן... נו, ווילע באַלעבאָסטע, נעם געלט, כ'גיב דיר צוויי ראָאַניש זילבער... גיב אַהער ס'קעלבל. און ליבעס פֿינצטערער שינאה־בליק האָט פּלוצעם אַ מעסט געטאָן דער פּויערטעס מעוברתדיקן בויך, זײַן פֿאַרהאַקטער גרימצאָרן האָט אַ ברען געטאָן מיט לעכצנדיקן נקמה־דאָרשט אַ שטויס צו טאָן מיטן קוליק אין אָט דעם מיט לעבן יווירנדיקן בויך, אַז ס'זאָל פֿון איר אַרויס אַ מפּיל. אָבער ער האָט גיך אַוועקגעכאַפּט די האַריק פֿאַרזונקענע אויגן און אַ בויג געטאָן דעם שווערן שוואַרצבאָרדיקן קאָפּ אויפֿן אַקסל מיט פֿאַרקלעמטן אָנגסטאָטעם, גלײַך ער וואָלט זיך אין דער רגע אויסגעלייזט פֿון עפּעס אַ ווייסטן נסיון.

— אַך, אַך כ'האָב צו שפּײַזן אַ הויזגעזינד — האָט ער פֿרום און קלאָר אַ קלער געטאָן.

ווידער איז ער נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט דער ברייט צעוויגטער גויע דאָ אין דער שטאָל פֿול מיט בהמות, דאָ אין דער אָנגעהייצטער כאַטע, אָנגעפּלייצט מיט זאַט צעפּאַרעטע ריחות פֿון הייסע געקעכצן, זויערקרויט, קאַשע מיט חזיר, באָרשט. די פֿאַררייכערטע פּנימער פֿון די איקאָנעס האָבן ברוגז געקוקט פֿון די בלאָ געקאַלכטע ווענט און אונטערן דעמבענעם באַלקן אין ווינקל האָט שרעקיק געדרימלט דער נאַקעט צוגענאָגלטער יוזל אויפֿן צלם. קינדער אין שעפּסענע פּעלצלעך, אַ שוואַרץ צעקודלטער בייזער הונט, פּעטע קופּעס מיסט, בהמות און עופֿות, צעפּלאַטערטע טויבן אויף די דעכער, ברייטבײַכיקע סטויגן שטרוי, פֿולע שײַערס מיט תּבֿואה, קאַמערן מיט אויבסט און קרייטעכער, — אָט די גאַנצע עשירות פֿונעם ברודער עשׂו איז געווען אָנטפּלעקט און אַזוי געזיכערט מיט זעט און שפּע אין דער שווער פֿאַרפֿונדעוועטער באַלעבאַטישקייט, אַז דער אויסגעבלייכטער ייִד האָט מיט געניטן אויג גענעפּלט פֿון קינאה, געקוקט און געביטערט אין האַרצן אויף זײַן פֿינצטערן מזל, אויף זײַן אָרעמקייט. ליבע האָט נאָך אַלץ גערעדט און געדונגען דאָס קעלבל, און די גויע האָט אים אַלץ מבֿזה געווען און געטריבן פֿון זיך. נאָר אַז זי האָט געמערקט זײַן שאַרפֿן קרומען קינאה־בליק אויף איר מעוברתן בויך, אויף די בהמות אין שטאָל, האָט זי מורא באַקומען פֿאַר אַ בייז אויג, געמורמלט שפּרוכן, געשפּיגן און זיך געצלמט און צום סוף מושווה געוואָרן אויפֿן מקח און אים פֿאַרקויפֿט דאָס קעלבל:

— נו, גיי, גיי גיכער, אַוועק פֿון דאַנען, ייִד פֿאַרשאָלטענער. זעט נאָר, מענטשן גוטע, עפּעס אַ ציגײַנער, אַ שד — האָט זי געשרײַען און פֿאַרשטעקט דאָס קניפּל אָפּגעלייזטע געלט אין הויכן בוזעם אַרײַן. נאָר אַז ליבע האָט

זיך גיך פארנומען מיטן געבונדענעם קעלבל אויפן נאקן אוועקצוגיין דורכן פלויטטויער, האט אין דער רגע פלוצעם געטאן א פאר אריין אויף דער פארווירע דער באלעבאס סטעפאן דובאק, אין א שליטן פול באלאדן מיט לאנגע אייז־אנגעפרוירענע דעמבעקלעצער פונעם וואלד. אין איין קלאץ איז געווען אריינגעשטעקט די האק. א ווייסע פארע וואלקנדלעך האט געזעצט פון די פראסטיקע נאזדרעס פון די צוואוערעמטע קליינע, ברוינע פערד, די נעגריזלטע בייכער אנגעוואקסן מיט ווייסע פראסטצעפלער. אויכעט בייס גוי, אין זיין ברייטן שאפענעם פעלץ, איז דאס שעפסענע היטל, די שטיוול און די לאנגע בלאנדע וואנצע אראפגעלאזט פונעם קנאביק געגרייטלטן, אויסגעגאלטן פנים, געווען אנגעפרוירן מיט אייזצויטן, גלייך ער וואלט מיט־געבראכט א שטיק ווינטערדיק אנגעפרוירענעם וואלד. די צוויי געלע הינט, מיט אויפגעריסענע ציינשנויצן, ווי ביי בייזע וועלף, האבן אויפגעהויבן א מוראדיקן געביל אויף דעם שווארצלעכן יידן און דער גוי, לאנג און שטארק ווי א דראנג, האט מיט הערשער־גאווה א קנאק געטאן מיטן בייטש אין דער לופטן און א גרימיקן געשריי געטאן צו לייבען:

— הע, ווער איז דער? א ייד, א גנב, א ציגיינער? וואס טוסטו דא? גיב אפ ס'קעלבל, ווייל איך וועל דיך דא דערהרגענען.

און ער האט גריילעך צעבעסט א ריס געטאן די האק פונעם קלאץ און זי א הייב געטאן מיט דער בליציקער שארף צו לייבעס קאפ. דער ייד האט ווי נישט אומישנע, נאר זייער גיך א הייב געטאן ביידע צעעפנטע הענט צום גויס האלדז און אזא סכנותדיקן ברען געטאן מיט זיין שווערן, שווארצן בליק יענעם גלייך אין די בלאע בייז פארגליווערטע אויגן, ווי פארשטאכענע בלאטערס, אז דעם גויס האנט מיט דער אונטערגעהויבענער האק, האט זיך פאוואליע אראפגעלאזט.

— א גוט מארגן, גיב גאט געזונט און מזל, פאן דובאק — האט לייבע לייטזעליק א זאג געטאן — דערקאנסט מיך נישט? דאס בין איך, לייבע, פונעם שטעטל, פון ראזדינע, כ'פלעג פארן קריג קומען אין דארף צו דיר, געהאנדלט פלאקס, עופות, פעל, אייער, א קעלבל; נו, אצינד, געווען פיר יאר אין דער מלחמה, ס'איז א שווערע צייט, נישטא קיין פרנסה, אלצדינג איז צעבראכן, כ'בין אן אָרעמאן... קומט אנומלט דיין זון פעטרי מיט א באנדע יונגען און באפאלט מיין שטוב אין מיטן נאכט, רויבט צו ס'ביסל אָרעמקייט און צעהאקט מיר דעם קאפ מיט א שטיק אייזן... אט א, נא, טו א קוק, זאג דו אליין, גוטער באלעבאס, צי ס'איז רעכט צו טאן אזוינס, צי מען מעג אזוינס טאן א היימישן מענטש; הא?? זאג.

און לייבע נעמט אראפ זיין צעפליקט שעפסנהיטל, ביינט זיין שווערן קאפ מיט דער צעקנאדערטער בארד נאענט צום גוי אונטער די אויגן און ווייזט אים מיט א פינגער א בלוטיק פארקלעפטע שמאטע אויפן געשווילעכץ.

— זעסט א לאך אין קאפ? א? א גאנצע וואך איז גערונען בלוט, ביז ס'האט זיך א ביסל פארהיילט די וווּנד... אך אך, ווען איך כאפ ערגעץ,

אונטער פיר אויגן, דײַן זון פעטרי, הערסטו, וואָלט אים שוין נישט געווען וואָס מקנא צו זײַן, דעם גזלן, מעגסט מיר גלייבן, כ'לעבן — מאַכט לייבע מיט אַזאַ גריילעך קרומען שמייכל אויף זײַנע האַריקע ליפּן, אַז דער גוי טוט אַזש זײַטיק אַ גרימיקן שפּײַ און נעמט בייז אָנגעדרודלט שרײַען:

— אַ יאַקזשע... פּעוונע... דאָס איז אויכעט עפּעס? צעהאַקט אַ ייִד דעם קאָפּ... ס'איז הײַנט אונדזער מלוכה... אונדזערע רויטענער זעלנער פירן הײַנט מלחמה מיטן פּאָליאַק און פאַרטרײַבן די פּריצים און די זשידעס פון אונדזער לאַנד. אַלצדינג געהער די כלאָפּעס. גיב אָפּ ס'קעלבל און פאַרנעם זיך פון דאַנען... ייִדן טאָרן הײַנט נישט מער גיין אין דאָרף, ס'איז פאַרבאָטן צו האַנדלען, אָט וועל איך גיין צום וואָיט און רופן אונדזערע זעלנער, וועט מען דיך דערשיסן... פּעוונע...

— טאַקע? — זאָגט לייבע זייער שטיל, און טוט ווידער אַ סכּנותדיקן בליץ מיט זײַן שמאָל פאַרצוואָגנט אויגשפּעלטל אין דער האַריק פאַרזונקענער קנאַכנהייל — ניין, וועסט נישט גיין אין ערגעץ, באַלעבאָס, מיינסט ס'איז הפקר אַ וועלט? ס'איז מײַן קעלבל, נישט דײַנס, כ'האָב עס געקויפט בײַ דײַן ווײַב און ערלעך באַצאָלט דעם פּרײַז, וויפל מען האָט דאָ אויסגעדונגען... געקויפט און באַצאָלט. בעסער לאָז מיך גיין מײַן וועג מיט גוטן... הערסטו, צי ניין?

דעם גוים פּרצוף איז טעמפּ באַגאָסן מיט אַ בלוטיק־רויטן רציחה־וואָלקן. ער טרעסעט מיט די לאַנגע האַרקודלעס, פאָכעט מיט דער האַק, די גויע כאַפּט די לאַפּעטע אין די הענט, די קינדער קוויטשען, די הינט שפּרינגען ווילד צעבילט און אַלע וואַרפן זיך אויף לייבען און שרײַען מיט גריילעך באַנור־מענע קולות:

— געוואַלד, געוואַלד, אַ ייִד, אַ גנבֿ!

נאָר פּלוצעם טוט אַ זעץ ווי אַ דונערהילך פונעם לויטערן הימל דאָס שיסן פון אַ האַרמאַט. הינטער דער צערקווע טוט זיך אַ קנויל אַ שוואַרצער רויכ־וואָלקן פון אַ שׂריפה אין דאָרף. פון ווײַטנס איבערן פעלד לויפן זעלנער מיט ביקסן און אין מיטן פון דער פאַרכאַפּטער בהלה שפּאַנט שוין דער שוואַרצער לייבע מיטן געבונדענעם קעלבל אָנגעטאָן אויף זײַן האַלדז־און־נאַקן זײַטיק מיט די פּלויטן פון די פאַרשנייטע דאָרפסגאָרטנס און ער קומט באַלד אַרויס אין פרײַען פעלד. ער אָטעמט אײַן מיט כּוח די קלאָרע פראָסטיק־שאַרפע לופט און אין אַ פרומען געדאַנק גיט ער אָפּ אַ לויב צו גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אַ צרה. נאָר וואָס ווײַטער ער גייט מיטן וועג אַהיים צום שטעטל אַלץ שווערער איז אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון פאַרביטערטן גרימצאָרן אויף זיך און אויף דער וועלט.

ווי נאָך אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, ווען מען דערפילט דעם ווייטיק ערשט שפּעטער, אַזוי האָט לייבע ערשט אַצינד דערפילט דעם גאַנצן שווערן חרטה־פּײַן פונעם געליטענעם בזיון! די פאַרשוועכטע ווערדע האָט אים ווי אַ

פייערקנויל געבריט אין דער נשמה, געגאנגט אים און געמאנט א שפיי טאן זיך אליין אין פארשעמטן פנים. ווארעם ער האט זיך עפעס היינט אזוי פארלייקנט דערנידעריקט פארן שונא, אז ער וועט זיך, כל־זמן ער וועט לעבן, נישט מוחל זיין. די זוניק צעשטראלטע קלארקייט פונעם פראסטיק געליכטיקטן ווינטערטאג, וואס האט געפעכלט די שנייק־ווייסע שטילע וועלט מיט זיל־בעריק צעבליאסקעטע גלאנצן, האט געטונקלט אין לייבעס אויגן מיט אן אומהיימלעכן שאטן־גליוועס, גלייך די פייערדיקע צעבליצטע זונקויל, איז טיף בלאען הימל־געוועלב, איז רויכיק פארהוילן, ערגעץ אין א יענערוועלטיקער שריפה, און ער, לייבע, גנבעט זיך מיט בהלהדיקן שפאן פון דער איבער־קערעניש אין סדום.

ציגיינער, האט ער געזאגט, דער גוי. יא, ער, דער שווארצער לייבע, האט טאקע עפעס א פנים פון א ציגיינער מיט זיין צעקנאדערטער בארד, אין נעלאטעטן טיזליק. און אלע יידן, די שווארצבארדיקע, ארעמע־לייט מיט דער פיינלעכער פרעמדקייט איינגעגעסן אין די פאראומערטע פנימער, זיי זענען אין די גוייִמס אויגן געגליכן צו ציגיינער, וואס מען באדארף זיי פארטרייבן און פארטיליקן. נו, און ציגיינער זענען דען ניט קיין מענטשן? ציגיינער ווילן אויכעט לעבן אויף גאטס וועלט. יא, אפילו א ווערעמל אין דער ערד צי א מילב, וויל אויכעט לעבן און דערפילן דאס געבאט פון באשאפער. יידן זענען אבער ניט קיין ציגיינער־בעטלער וואס שלעפן זיך אין צעפליקטע ביידלעך מיט געגנבעטע פערד און זיי הויזן אונטערן פרייען הימל צום ביטול און געשפאט פון דער וועלט. ניין, באלעבאטים זענען יידן, מיט גאט אין הארץ, מיט הייליקער דערהייבונג פון שבתים, ימים־טובים און שימחות. ס'איז דאס פאלק פון דער הייליקער תורה. אונטער די אנגעבויגענע מצבות, אפגעריבענע פון עלטער אויפן בית־עולם, רוט דאס געביין פון זיין טאטן, זיינע זיידעס און פון דורות יידן. נאר פלוצעם איז דא די וועלט פרעמד און שינאהדיק געווארן, באלאדן מיט דער לאסט פון גלות. פרעמד איז די ערד אונטער די פיס און דער הימל איבערן קאפ. פון זינט ער איז צו זיין שכל געקומען געדענקט לייבע די פעלדער דא, ווען ער איז געגאנגען אין די דערפער האנדלען און אהיים געקומען פון די דערפער מיט פולע זעק סחורה אויף די פלייצעס. ער געדענקט פון זיינע יונגע יארן, ווען אט די ווינטערדיק־לידיקע ברייטשטאמיקע ביימער ביים זייט פעלדוועג זענען נאך געווען קליינע, יונגע, מיט דינע ריטלעך, און ער פלעגט איינעם פון זיי אויסשניידן מיט זיין מעסער, פאר א שטעקן. איצט שטרעקן זיי צו אים דאר צעקרימטע צווייגנ־הענט ווי צו דערווערגן אים מיט בייזע נעגל־לאפעס.

ווי ווייט דאס אויג גרייכט, ביז די זוניק געגעפלטע וועלדערוועגט אונטער די בלא־געטיפטע הימלבערגן, ליגן ברייט געשפרייט די ווייסשנייִיקע פעלדער. ווי מיט ווייסע שאפענע פעלצן איז די שווארצע פעטע ערד באדעקט און ווארעמט אין איר יוירנדיקער שוים די ווינטער־זריעה. גאלדיק־געל וועלן זיך דא כוואליען די זומערדיקע תבואה־פעלדער מיט שווערע פולע זאנגען קארן,

ווייץ און האבער, געשפרענקלט מיט רויט־פלאמיקע מאנבלומען און העלבלאע קארנבלימלעך, מיט געל צעבליטע דערנערקעפלעך אין די טיף גרינע מעזשעס, מיט חלומדיק צעווינטן פייגלגעזאנג און זוניק פארטראגענעם בינענגעזשום, מיט גילדן־געפלעקטע פלאטערלעך און שטילער זוניק געבלויערטער הימלפרייד. נאר ווי וויל לייבעס הארץ איז תמיד פארבענקט צו דער געבענטשטער מי און פרייד פון פעלדער און ביימער, גרינס און בליונג און ציטיקער ערד־שפע, וואס דער אטעם פון זיין לעבן איז געווען אין דעם פארוועבט מיט ליבשאפט און ביטחון אין גאט, — פילט ער אבער אצינד עפעס א וויסט און פוסט קעלטל אין דער נשמה, ווי אן אויסגעברענטער אויוון. פאר זיין טרויעריק פארקלערטן בליק נעפלט די געבראכענע באלעבאטישקייט פון זיין ארעמער היימשטוב דארט אין עק שטעטל, וואס איז צעשאסן און געחרובט געווארן בעת דער עסטרייכער מלחמה. ערלעך און ווייליק מיט זיינע שטארקע הענט און רויע כוחות ראנגלט ער זיך מיט דער לאסט פון די טעג. ער טראגט אויפן קארק סחורה אין מארק, פאררעכט דעכער, גראבט גריבער, ארבעט אויף טאגלוין ביי די פריצים, לאדנט ביים באן תבואה, קלעצער און שטיינער אין די וואגאנען. ער איז א פורמאן, א האלצהעקער און א בהמה־טרייבער. זיינע צוויי טעכטער, רבקה און רחל, די כלה־מיידן, ארבעטן געניי, זיין ווייב שפרינצע פליקט פעדערן ביז האלבע נאכט און אפילו ברוכל, זיין צוועלף יאריק יינגעלע, קלייבט האלצשפענער און דארע צווייגן אויפן וואלדיקן בערגל־שפוע, וואס ער טראגט צו פארקויפן אין די שטיבער, צום הייצן. נאר קיין פרנסה, קיין ברויט צו זעט איז פארט נישטא. אלע מאל געשעט אים, דעם שווארצן לייבע, עפעס א נייע צרה, א נייע גזלה און ער ווערט ווידער נקי. ווי אזוי זאל ער שפייזן א הויזגעזינד? וואס וועט זיין דער תכלית פון זיינע קינדער? פאר וועלכע זינד האט אים גאט פארלאזן?

אט גייט לייבע פארביי א גוישע פעלדכאטע מיט א נייעם שטרויענעם דאך וואס גלאנצט אין דער זון ווי א גילדן היטל. א בלא קוימענרויכל, ווי א פענדל פון זעט און פרידן, קרייזלט צום בלאען הימל. לעבן דער טיר, אויף א נידעריקן האלצקלאץ, איז ארייננגעהאקט די בליציקע האק. א האן קרייעט אויפן פלויט. די גויע מיט א פארהייבענעם רויטן פארטעך טראגט ארויס פון שטאל אן אנגעמעלקט פול שעפל מילך. א הונט בילט. עופות גוגערן. דער גוי מיט א בלויזן צעקודלטן קאפ, אין שאפענעם האלבפעלץ, פירט א פערד ביי דער גריווע. קינדער קומען ארויס פון דער כאטע און קוקן לאכנדיק פארגאפט מיט זייטיקע ווייס־פלאקסענע קעפלעך אויף דעם פארבייגייענדיקן ייד, מיטן קעלבל אויפן נאקן.

— גיב גאט געזונט און מזל, באלעבאס — זאגט לייבע לייטזעליק צום גוי. נאר דער פויער טוט ברוגז א הויכן שנייץ די נאז מיט צוויי פינגער, דרייט אום א ברייטע פלייצע ווי א טויבע וואנט און ענטפערט מיט א קללה־געבייזער:

— גיי צום טייוול, ייד פארשאלטענער.

אט אזוי זענען זיי געווארן, די גוים, ווי אנגערייצטע הינט — טוט ליבע באטריבט א שאקל מיטן קאפ. ער שפאנט וויטער מיטן שמאלן וועג צווישן די ווייסע שניי־פעלדער. א מחנה ווארענעס, ווי א שווארצער וואלקן, טוען א שוועב מיט זייטיקן פליגל־געקרייז, שטעלן זיך אויף די דארע צווייגן פון א צעקרימטן פעלדבוים, לאקערן מיט אויגן, שארפן די שפיציקע שנאבלען און פליען באלד ווידער אוועק אלע אין איינעם מיט א קרעכצנדיקן געשריי. עפעס א הילצערן גראגערן צעטראגט זיך אונטערן הימל. ליבע הייבט אויף דעם קאפ און ער זעט צוויי גרויסע פלימאשינעס, ווי הילצערנע פייגל מיט גרויסע זילבערן צעגלאנצטע פליגל, שוועבן אין טיפער בלאער הייך. זיי פארשווינדן אונטער דעם צעפלעמלט שטראליקן זונקנויל, באווייזן זיך ווידער, אומגע־ריכט, נאענט און פונקט איבערן קאפ, נידערן, הייבן זיך איינע איבער די אנדערע גלייך זיי וואלטן זיך שפילעווודיק אזוי געוואלט כאפן און פארשלינגען, און מען הערט אלע מאל א צעפייקלטן קנויל געדעמפטע שיסקלעפ.

ביי ליבען איז דאס מויל ברייט צעעפנט פון צעשמייכלטן חידוש. ער פאר־רייסט דעם קאפ און זיינע אויגן פינטלען אזש פון אנגעשטרענגטן קוקן אין דער בלענדנדיקער בלאער הימלזוניקייט. זע נאר, ווי קומט דאס אהער? וואס איז דא עפעס, א שלאכטפעלד צי וואס? אבי ער האט געמיינט, אז ער האט שוין געפטרט די מלחמה. פלוצעם טוט זיך איין פלימאשין א וואקל. פון איר ברייטן ווייסן פויגלעק נעמט זעצן א שווארצער רויכוואלקן, א פלאמפייער טוט א שפריץ ווי א רויטע כוואליע פונעם קאפ און ווי אן אנגעצונדן שטיקל פאפיר, הוידעט זיך א רגע אין דער לופטן די ברענענדיקע פלימאשין, זי קערט זיך איבער עטלעכע מאל און פאלט מיטן קאפ אראפ אויף אן אפגעהאקטן בוים. עס רייכערט זיך דארט ווי א האלאוועשקע אויף די ליידיקע ביימער ביים זייט פעלדוועג, רייכערט און ברענט גיך אוים מיט שטילן פלאקער א שארפער פלינגלשפיץ צום הימל, בעת די אנדערע מאשין איז שוין ווייט פארפלויגן אין עק בלאען הימלגעוועלב און באלד פארשווונדן פונעם בליק.

צוויי מענטשן זענען דארט אין דער רגע אומגעקומען, פארברענט געווארן ווי א שטיק שמאטע, און ערשט נאר וואס האבן זיי נאך געלעבט און גע־אטעמט הויך־הויך, אונטערן הימל ווו די פרייע פייגל פליען. — אך, וואס פארא שרעק ס'דארף זיין אראפצופאלן פון אזא הייך, אראפצופאלן פון הימל. — מילא, עד בין כאטש געווען א פוסזעלנער, — קלערט ליבע מיט געניטן גידאנק, כאפסט אריין א קויל אויפן שלאכטפעלד צי א שטיק באמבע־אייזן, האסטו נאך א האפענונג אז די וווּנד וועט זיך אויסהיילן און דו וועסט בלייבן לעבן. אפילו א קאליקע איז בעסער ווי דער טויט. ער האט טאקע קיין מאל נישט געקאנט פארשטיין די פליזעלנער: א גאנצע גדולה ביי זיי געווען דאס פליען אין שלאכט און פארברענט ווערן. אפנים, אז ס'איז די מענטשן נאך צו ווייניק זיך אויסצושעכטן אויף דער ערד, פליען זיי זיך מארדן אזש אונטערן הימל. אטפוי זאל דאס ווערן! משוגעים, חיות רעות זענען דאס, נישט קיין מענטשן.

נאָר ווי ליבע קוקט אַזוי אַהין אין ווײַטקײַט צו דער ברענענדיקער פֿלימאַשין און רעדט צו זיך אין האַרץ, פֿאַרקלערט אין וועלטזאַכן, טוט פּלוצעם אַ גוט באַקאַנטער שאַרפֿער פֿײַף אין זײַן אויער און ס'פֿליט אים אַראָפּ דאָס היטל פֿון קאָפּ. ער הייבט דאָס אויף פֿון ס'נײַ. ס'האָט אַ לאָך, דורכגעשאָסן פֿון אַ קויל. זײַן אייבערשטע העלפֿט שוואַרצבאָרדיק פּנים איז געבליבט פֿון עפּעס אַ פֿריידיקן און דערשראָקענעם חידוש: זע נאָר זע, נאָך אַ רגע, און זײַן קאָפּ וואָלט פֿון דער קויל צעשמעטערט געוואָרן, ווי אַן ערדענער טאָפּ. אָט, אָט, נאָך אַ האָר, און ער וואָלט דאָ געווען אַ הרוג. אָט האָסטו דיר אַ מעשׂה. ניצול געוואָרן מיט גאָטס הילף פֿון אַלע פּורעניותן דאָרט אויף די פֿײַער צעדונערטע שלאַכטפֿעלדער פֿון דעם קײַזער פֿראַנץ יאָזעפֿס מלחמה, כּדי דאָ אין דער היים שוין דערהרגעט ווערן פֿון עפּעס אַ קויל פֿון אַ שייגעץ. — ווער שיסט דאָ?

ס'האָט פֿאַרשמעקט די בלאָ־זילבערדיקע לופֿט מיטן גיפֿטיקן ריח פֿון זיסלעכן פּולווער, וואָס איז אים געווען שוין פֿון לאַנג גוט באַקאַנט און האָט געקיצלט די נאָז ווי שמעקטאַבאַק. ווידער האָט אַ זעץ געטאָן פֿון ערגעץ דאָס קנאַקנדיקע שיסן פֿון ביקסן און פֿון דער ווײַטנס הילכט דער דומפּיק טויבער דונער פֿון אַ קאַנאָן. ליבע טוט זיך גענים אַ וואָרף צו דער ערד, אָבער פֿונעם הימל האָגלט מיט צעפּלאַצטע שטיקער אײַזן און פּונקט פֿאַר זײַן פּנים טוט אַ רײַס אויף אַ צעדונערטער ערדוואָלקן. ער הייבט זיך גיך אויף, כאַפּט דאָס קעלבל אויפֿן נאַקן און לויפֿט מיט ברייטן שפּאַן. ער שפּרינגט אַהין און אַהער איבערן צעפֿײַערטן פֿעלד, אין מוראַדיק צעפֿײַפֿטן האָגל פֿון די פֿליִענדיקע קוילן, באַגלײַך מ'וואָלט פֿון אַלע זײַטן געצילט מיטן שיסן פֿון די ביקסן נאָר צו אים, ליבען, אים צו יאָגן און נאָר אים אַליין צו טרעפֿן און דאָ אַוועקלייגן.

זײַטיק, אויף אַ קליינעם בערגל־שפּוע, צווישן דאַרע קוסטעס, שטייט אַ דיקער בוים. ווען ער זאָל קאָנען צוקומען צו דעם בוים, וואָלט ער געהאַט אַ גוט באַהעלטעניש הינטערן דיקן שטאַם. נו, אַצינד מוז ער אײַנשטעלן ס'לעבן. נישטאָ קיין ברירה. ליבע קריכט אַהין, שלעפּנדיק דאָס קעלבל אויפֿן שנײַ. ער הערט געלעכטערס פֿון שקצים און ער פֿאַרשטייט שוין, אַז די זעלנער זענען דאָרט פֿון בײדע זײַטן וועג אין שיסגריבער. ער קריכט און זיי הערן נישט אויף צו צילן אויף אים, ביז ער דערגרייכט דעם בערגל־שפּוע. מיטן רוקן געזיכערט צו אַ שטיין, בלײַבט ליבע ליגן הינטערן בוימשטאַם, דאָס קעלבל צווישן די קניִען. דאָס בהמהלע מעקעט מיטן פֿײַכטן מאָרדעלע און ס'ציטערט זײַן קליין קעפּל מיטן גרויסן שטערן, ווי בײַ אַ דערשראָקן קינד. ליבע גלעט צערטלעך די וואַרעמע פֿעל און נעמט דאָס איין מיט גוטע רייד:

— נו, נו, האָב נישט קיין מורא... אַצינד וועט אונדז גאָר נישט געשען. ליג שטיל.

ער אָטעמט אָפּ מיט כּוח, ווישט אָפּ מיטן האַנט ס'פּנים און די באָרד פֿונעם שנײַ און שטיקלעך בלאָטע און מאַכט זיך צורעכט ס'אָנטועכץ אויפֿן לײַב.

באַלד שטעקט ער אַ ביסל אַרויס באַהאַלטן און באַדעכטיק דעם קאָפּ פון הינטערן בוימשטאַם און ער זעט, ווי פון ביידע זייטן וועג קריכן גיך אַרויס זעלנער פון גריבער. די מיט פעלספּאַדיקעס זענען רוטענער, די אַנדערע, מיט פּירעקיקע היטלען, זענען פּאָליאַקן. אַ טייל טראָגן אײַזערנע העלמען, ווי טעפּ אויף די קעפּ.

— אַהאַ, אַט האָסטו דיר אַן אַטאַק. אויך מיר אַ „פראָנט", — קלערט ליבע מיט ביטול. מיט אָנגעשטעלטע ביקסן־מעסערס, לויפן זיי אַקעגן איינער צום צווייטן מיט אַזאַ פאַרכאַפּטער אײַלעניש אין די אָפּירגעשטרעקטע קעפּ, גלײַך זיי קאָנען שוין נישט לענגער אָפּוואַרטן, זיך אַרומצוכאַפּן און האַלדזן מיט ליבשאַפט ווי גוטע ברידער, וואָס האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צײַט נישט געזען און זיך פּלוצעם אַצינד באַגעגנט דאָ אויפן שלאַכטפעלד. זיי וואַרפן זיך אַלע מאָל צו דער ערד, שיסן מיט די ביקסן, שטייען ווידער אויף, לויפן זיך ווײַטער אַקעגן, ראַנגלען זיך פאַרוויזט, האַקן זיך מיט די ביקסן־קאָלבעס די קעפּ, שטעכן די באַגנעטן איינער דעם אַנדערן אין די בײַכער. און דאָ און דאָרט טוט איינער אַ פאַל אַוועק צו דער ערד, בלײַבט ליגן אַ טויטער. פאַר־ווונדיקטע קריכן ווי זשאַבעס, מיט צעשאַסענע הענט און פיס, מיט בלוטיק אַרויסגעקוועלטע איינגעווייד פון די אויפגעריסענע לײַבער. פון דער ווײַטנס טראָגן זיך פאַרטויבטע הורא־געשרייען פון די לויפנדיקע זעלנער, טעמפּ פאַרהאַקטע מיט פריידיקן און שינאהדיקן קײַד אין די צעבריללטע קולות; און ס'דוכט זיך, אַז עפּעס אַ ווייסטער שגעון־שפּיל איז דאָרט צעפלאַטערט איבערן בלענדיקן ווײַס געשפּרייטן שנייפעלד פון דעם זוניקן, זילבערדיק־צעבליש־טשעטן ווינטערטאָג, וואָס אָטעמט פרידלעך און איז שטיל פאַרזונקען אין זײַן פראַסטיק־שאַרפער קלאָרקייט, אַזוי ווי אין אַ פאַרהוילענעם און אַנט־פּלעקטן בלוט־סוד פון לעבן און טויט.

פון זײַן אָרט הינטערן דיקן ברייט צעצווײַגטן בוימשטאַם, אויפן בערגל־שפּוע, מיטן קעלבל צווישן די קני, קוקט ליבע מיט אַ גענײטן זעלנעראויג פון אַן אַלטן פראָנט־קעמפער, אַהין צו דעם שלאַכטפעלד און שמייכלט אין געדאַנק גלײַך ער איז מבטל דעם גאַנצן עסק.

— נאַדיר, אויך מיר אַ שלאַכט... אַ קינדערשפּיל איז דאָס, אַ פּראַזדניק, אַ געשלעג פון שקצים און נישט קיין מיליטערישע שלאַכט.

וואָרעם ער, דער שוואַרצער ליבע, איז געווען אַ לאַנדשטורם־זעלנער אין דער וועלט־מלחמה, האָט געקעמפט אויף אַלע צעדונערטע שלאַכטפעלדער, אונטערן מוראַדיקן האָגל פון אײַזן, פײַער און געבראַדזשעט אין טײַכן בלוט. ער איז געווען אויף די מלחמה־פראָנטן אין סערביע בײַם דונאַי, אין די אַלפּנבערג, אין איטאַליע בײַ דער פּיאַווע, בײַ דער פעסטונג פּשעמישל אין גאַליציע, בײַ גאָרליצע אין די קאַרפּאַטן־בערג. אַד איז דאָרט געווען היים! טאַקע נאָר מיט גאָטס הילף איז ער ניצול געוואָרן מיטן לעבן פון די אַלע בלוטיקע גיהנומס. געטרײַ האָט ער געדינט דעם קיסר מיט זײַן בלוט און האָט אַפילו באַקומען זילבערנע אויסצייכענונג־מעדאַלן פאַר זײַן מוט און גבורה. נאָר ס'זענען

אומזיסט געווען אַלע יסורים, אַלע טויט־פּחדים, הונגער און וואָגלען. עסטרייך האָט פאַרלוירן די מלחמה און אַצינד שלאָגן זיך פּאָליאַקן מיט די רוטענער וועגן דער ירושה פון מיזרח־גאַליציע, אוןביידע צדדים דאַרפן אויס זייער גאַוואַלדיקע שינאה און רציחה צום ייִדישן שכן אין די שטעט און שטעטלעך.

דאָס זענען דען מושטירטע זעלנער, פראָנטקעמפער? ס'זענען צערייצטע שקצים מיט ביקסן, באַמעס אָן מיליטערישער מושטירונג, כלאַפּעס אָן שׂכל, אַבי זיי קאָנען זייַן היצלעס און באַנדעסווייַז, אין מיטן נאַכט, איבערפאַלן ייִדישע שטיבער, פאַגראָמעווען, רויבן און שלאָגן אומבאַוואָפנטע ייִדן — זקנים, ווייַבער און קינדער — און אַליין זענען די וואַזשנע העלדן פּחדנים און לא־יוצלחס. אַט זעט ער וויפל פון זיי וואַרפן אַוועק די ביקס, שרייַען געוואַלד און אַנטלויפן ווי דערשראָקענע האָזן פונעם שלאַכטפעלד. אַנדערע האַקן זיך מיט דער ביקסקאָלבע ווי ייִנגלעך די קעפּ מיט שטעקנס. די באַגנעטן שטעכן זיי זיך פון אויבן אַראָפּ אין די בייַכער, ווי אַ פּויער די לאָפּעטע אין דער ערד און צעטרייַבערן די געדערעם. די האַנטגראַנאַטן וואַרפן זיי שטייענדיק, אַזוי ווי מען וואַרפט אַ שטיין, רייַסט זי אויף אַזוי נאָענט, אַז די אייַזנשפּענער טרעפן נישט דעם שונא, נאָר דעם וואַרפער. פאַלש! פאַלש! די גאַנצע שלאַכט טויג אויף כּפּרות! וואָרעם ביים נאָענטקאַמף, מאַן קעגן מאַן, מוזסטו צו ערשט דערלאַנגען דעם שונא אַ זעץ מיטן ביקס איבערן אָרעם, אַז זייַן ביקס זאָל אים אַרויספאַלן פון האַנט, און אַ בליץ גיכן שטאָך מיטן באַגנעט פון אונטן אַרויף, אין דער לינקער זייַט, אַז ס'זאָל אים טרעפן אין האַרץ, פאַלט ער אַוועק אַ טויטער. דאַקעגן ביים שיסן פון וויַיטן, מוזסטו צילן דווקא נידעריקער אַ ביסל יענעם אין לייַב, ווייַל די קויל פליט שוין במילא אַ ביסל העכער, טרעפט זי אין קאָפּ. די האַנטגראַנאַטע דאַרף מען וואַרפן ליגנדיק אויף דער ערד, אַנגעלענט אויף אַן עלנבויגן, פון אַ זייַטיק־נידעריקן וואָרף, פליט זי ווייַטער און רייַסט אויף דאָרט נאָענט ביים שונא. און זע נאָר ווי די אָקסן האָבן אַוועקגעשטעלט דאָס האַרמאַטל? אויפן דאַך פון אַ פעלד־כאַטע! שיסט עס גלאַט אין דער וועלט אַרייַן, ווייַט אַריבער דעם שלאַכטפעלד. אַ האַרמאַט מוז שטיין נידעריק אויף דער ערד, אַז די קויל זאָל טרעפן אין ציל. די מאַשין־געווערן האָבן זיי אויבעט פאַלש אַוועקגעשטעלט —אויפן הויכן אָנשיט פונעם שאַנץ, שיסן זיי טאַקע ווייַט אַוועק איבער די קעפּ. נידעריק מוזן זיי שטיין, אויף דעם פלאַכן פעלד, אַז די קוילנקנוילן זאָלן טרעפן דעם שונאס לויפנדיקע זעלנער אין די פיס און זיי אַוועקלייגן, ווי געקאָסעטע. נאָר צו ערשט וואָלט איינער פון די זעלנער־פּאַטרולן געוועזן באַ־דאַרפט אייננעמען אַט דעם בערגל־שפּוע, ווו ער, לייבע, זיצט איצט אונטערן בוים, און וואָס באַהערשט פון אויבן דעם גאַנצן פעלדוועג. אויבעט האָט מען באַדאַרפט באַלד פאַרכאַפּן אַט יענע פּויערישע פעלדכאַטע, ביים ברעג פונעם וועלדל, און באַפעסטיקן אַ פּאָזיציע, כדי פון דאָרט צו פירן דעם אָנגריף און דאָ, זייַטיק פון דער אָקאָפּע, הינטער דער פאַרצוימונג פון שטעכיקן דראָט, דאָ איז אַ גוטע דעקונג פאַר אַן אָרנטלעכן צוריקצוג און אַן אָרט פאַר געפאַנגענע פון דעם שונאס חיל.

ליבע איז אין גאנצן פארכאפט פון זיין געניטער מיליטערישער סטראטעגיע, אזש ער טוט א שפיי אין די הענט און א רייב מיט כוח די פארהארטעוועטע דלאניעס, גלייך ער איז אנגעגרייט מיט כוח צו האקן א דעמבענעם קלאץ. אד, וואלט ער אצינד חשק געהאט אראפצוגיין אהין, צום שנייקן שלאכטפעלד, אנטאן אן אייזערנעם העלעם אויפן קאפ און א זעלנער־מאנטל מיט א לעדערנעם רימען, אנגורטן וואפן, א ביקס אויף דער פלייצע, א געלאדענעם נאגאן אין דער רעכטער האנט און אנפירן די שלאכט מיט גבורה, אז זיינע הויך געשריגענע באפעלן זאלן אונטערטראגן די זעלנער צום אנגריף, און דער בליץ פון זיינע ברענענדיקע אויגן, די האריק פארזונקענע אין קנאכיקע ברעמען־בינטן, זאלן צינדן אין יונגן געבליט דאס פייער פון מענערישער קאמפסלוסט. עד חרמה וואלט ער געשלאגן און געיאגט דעם שונא און ביז צום אוונט וואלט ער געוווּנען די שלאכט מיט א גרויסן ניצחון. פאר וועלכן צד? דאס ווייס ער נישט, ווייל ס׳איז נישט זיין עסק. ביידע צדדים, די פאליאקן און רוטענער, וואס פירן דא די מלחמה וועגן דער ממשלה פונעם לאנד, זענען שונאי ישראל. זיי נעמען נישט קיין יידן צום מיליטער, רודפן מיט נגישות און הריגות און טרייבן די יידן פונעם לאנד: זשידי דא פאלעסטיני! יידן האבן דא נישט קיין פאטערלאנד. אפנים, אז אייזיק גלעזער, דער ציוניסט, איז טאקע גערעכט מיט זיין טענה, אז דאס יידישע פאטערלאנד איז ציון, אז ס׳איז היינט משיח־צייט און יידן ווערן אויסגעלייזט פונעם פינצטערן גלות. ליבע ווייס, אז א סך יונגע און מיידן פון די ארומיקע שטעטלעך לאזן זיך טאקע אוועק אהין קיין ארץ־ישראל, כדי אויפצובויען דאס יידישע לאנד. די לייט דערציילן, אז זיי בויען דארט שטעט און דערפער, האבן אייגענע ערד, באלעבאטישקייטן מיט פעלדער און גערטנער, בהמות און עופות. דער ייד איז דארט נישט מער בזוי ומבוזה, א היימלאזער הונט צווישן די שונאדיקע גוים. ער איז א באלעבאס אין זיין היים. אויכעט זיינע צוויי טעכטער, רבקה און רחל און ס׳יינגל ברוכל, גייען אין ציוניסטישן פאראיין, זיי זינגען דארט און טאנצן, לערנען לשון קודש און ריידן אין שטוב דערפון, אז זיי וועלן ווערן חלוצים און פארן קיין ארץ־ישראל. אפשר וועט אים, ליבען, אויך נאך א מאל באשערט זיין צו קומען מיטן ווייב אהין צו די קינדער. די ערד וואלט ער געקושט, מיט דער נאז וואלט ער די ערד געאקערט, מיט זיין שווייס און בלוט וואלט ער זיך געמיט צו פארפונדעוועון א באלעבאטישקייט, א נייע היים מיט נחת און מנוחה. יא, יא, דאס איז עס, ארץ־ישראל דאס הייליקע לאנד פון די אבות, ירושלים עיר הקודש... די פארבענקטע ליבשאפט איז אים איינגעזויגן אין דער נשמה מיט דער מאמעס מילך, מיטן חומש־לערנען אין חדר, מיט די תפילות פונעם דאווענען; די שול און די הייליקע תורה און דאס גאנצע געטפארכטיקע יידישקייט פונעם ערלעכן הארעפאשנעם ארעמאן, זענען אצינד אנגעפלייצט אין זיין הארץ מיט אזא פרומער דערהייבונג פון ביטחון און גדלות, אז ס׳נעמט אים היצן אין געבליט. ער בינדט אויף די שטריק פונעם טיזליק,

צעקנעפּלט דעם ראָק ביז דער ברייטער האָריקער נאַקעטער ברוסט און אָטעמט אַריַין די פֿראָסטיק־שאַרפֿע, זוניק־גליצעדיקע לופֿט מיט אַזאַ האַרבן תּענוג פֿון געזונט און כּוח, גלײַך ער האָט איַינגענומען די וועלט. מיט געשפּרייטע פּיס, ווי אײַנגעוואַקסן אין דער ערד און געשטערעקט ווי אַ דעמב מיט גבֿורה, שטייט לייבע אויף זײַן געהעכערטן אָרט און קוקט אַראָפּ צום שלאַכטפֿעלד, וווּ ס׳לויפֿן די זעלנער־געשטאַלטן אַהין און אַהער און ס׳הילכן די שיסערײַען. די אויסגעהוילטע לענגלעכע באַקן פֿון זײַן שוואַרץ אָפּגעברענטן פּנים זענען ווי פֿאַרשפּיצט אויסגעהאַקט פֿון דער שוואַרץ געזילבערטער, קורצער און געדיכטער באָרד און דאָס מויל איז ביַי אים זײַטיק־טיף צעעפֿנט מיט אַ שוואַרצער לאָד, גלײַך ס׳וואָלט זיך דערפֿון געריסן עפּעס אַ מוראַדיקער געשריי־געבייזער, אַזוי ווי דענצמאָל אין זײַן יוגנט, ווען לייבע האָט געדינט דרײַ יאָר ביַים מיליטער אין לעמבערג און מושטירט די רעקרוטן.

ער איז געווען אַ רעגימענט־קאַפּרול, מיט צוויי ביינערנע שטערן אויפֿן קאָלנער פֿונעם גרינעם געפּאַסטן מונדירראָק, מיט צעפֿינקלטע מעשענע קנעפּ, מיט אַ קופּערנעם מעדאַל און מיט אַ רויטער שיסערטראַלד, וואָס האָט גאַוווהדיק באַצירט די ברייטע זעלנערברוסט. זיי זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רײַען, אין קאַזאַרמע־הויף, פֿאַרשטײַפֿט ווי דראַנגען אין די גרינע זעלנער־מונדירן, מיט דעמפּ־דערשראָקענע פּרצופֿים; און לייבע האָט געשפּאַנט אין זײַנע צעגלאַנצטע שטיוול, געבליצט אויף זיי מיט גרין־צעפֿלעמלטע אויגן ווי אַ גרימיקער קאָטער, בייז געדרייט מיט צוויי פֿינגער אַ האַרטן שוואַרצן וואָנץ און געשריגן אויף זיי מיט אַזאַ מוראַדיקן קול־געבריל פֿון זײַטיק צעקרימטן מויללאָד, אַז די רעקרוטן האָבן געציטערט ווי בלעטער אין שטורעמווינט און ס׳האָט זיי געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— האַבט אַכט! סקוררווי סינעס, רעעעכט שויט! פֿאַרוועררטס מאַאַאַרש! איינס, צוויי — איינס, צוויי! מאַד אַ שפּאַן, דו חזיר־ווײַדל, אין דײַן געפּגרטער מאַמעס אַריַין! שטעל אַ פֿוס, דו ממזר, ווײַל כ׳האַק דיר אויס די ציין! איינס, צוויי! איינס, צוויי! לויפֿשריט! שנעל! פֿאַרווערטס מאַרש! נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט וווּ ס׳איז די רעכטע און וווּ די לינקע זײַט. האָבן זיי געדרייט די קעפּ אַהין און אַהער, געפּלאָנטערט מיט די פּיס, גע־שטויסן איינער דעם אַנדערן, געשטרויכלט פֿון שרעק. און לייבע האָט אַזוי לאַנג געשריגן, געבייזערט, געפּאַטשט זיי אין די האַרטע מאָרדעס פֿון אונטן אַרויף, אַז זיי האָבן אויסגעשפּיגן בלוטיקע ציין, ביז ער האָט זיי אויסגעלערנט מאַרשירן, שיסן מיט געווער, גוט צילן, לויפֿן, שפּרינגען און מיט פּעטש האָט ער אַריַינגעהאַקט אין זייערע טעמפּע פּויערשע מוחות די מיליטערישע תּורה, אַז זיי זענען טאַקע מיט דער צײַט געוואָרן גוטע זעלנער.

— אַ יאַקזשע — האָבן זיי געזאָגט דערנאָך מיט דרך־ארץ און געהאָרכ־זאַמקייט — באַפּעל טאָ יעסט באַפּעל. פּאַן קאַפּרול מאַיע רעכט...

אין זײַן טאָרניסטער פֿון אַ רויט־קעלבערן פֿעלעכל, האָט לייבע געהאַט אַ תּפֿילין־זעקל מיט אַ קליין זעלנעריש כּל בו־סידורל. פֿאַר טאָג אין די קאַזאַר־

מעס, ווען די זעלנער זענען נאָך געשלאָפֿן אויף די ברעטערנע פּריטשעס, איז ער שוין געשטשאַנען אין מיזרח־ווינקל ביים פֿענצטער, געלייגט תּפֿילין, די רצועה פֿעסט אַנגעצויגן אויף זיין שטאַרקער נאַקעטער האַנט אונטערן אָרבל, דעם של־ראָש פֿאַרלייגט ווי אַן איינזערנעם טאָפּ אויפֿן שטערן און ער האָט געדאַוונט, געשאָקלט זיך ביי שמונה־עשׂרה און פֿרום געמורמלט די ברכות. שבת און יום־טובֿ זענען די ייִדישע זעלנער געגאַנגען אין דער אַלטער לעמבערגער שול דאַוונען און ייִדן באַלעבאַטים האָבן זיי גענומען פֿאַר אורחים צום טיש. לייבע האָט געמאַכט קידוש איבער אַ זילבערנעם בעכער ווײַן און נאָך די זאַטע סעודות האָט ער געזונגען זמירות. די דינסטמיידן האָבן פֿאַרגנבֿעט פֿון אונטערן פֿאַרטעך, אים מיטגעגעבן אַ בולקע, אַ גענזענעם פּופּיק און אַ שטיקל לאָקשן־קוגל. און לייבע האָט זיי אין קיך אַ שטאַרקן קניפּ געטאָן אין האַרטן הינטן און אַזאַ הייסן קוש געגעבן אין רויטן פּיסק, אַז זיי האָבן געקוויטשעט פֿון תּענוג.

ביי די האַרבסטיקע קייזער־מאַנעווערס האָט ער פֿאַרוים פֿון זיין רעגימענט מאַרשירט מיט דער געצוקטער שווערד אין האַנט, איבער די קייזערשטראַזן פֿונעם לאַנד. ס'האָבן געפּייקלט די פּויקן, געשאַלט די פֿאַרשטויבטע טרומייטערס און די צעוויגטע זעלנער־מחנות האָבן פֿריילעך געזונגען. אין די שטעטלעך זענען די ייִדישע זעלנער איינגעשטאַנען ביי די באַלעבאַטים און געשלאָפֿן אויפֿן בוידעם אין שטרוי. שבת נאָכן עסן זענען זיי זיך צענויפֿגעקומען מיט די מיידן אין די שטיבער. מען האָט געקנאַקט דיניע־קערעלעך, געטרונקען אויבסייוך, געטאַנצט אַ קאַדריל, אַ קאָלאָמייקע און אַ פּאָלקע און געזונגען לוסטיק פֿאַרשייטע זעלנער־לידלעך:

עך האָב איינגעריקט
צו די זעלנער, נאַקעט און באָרוועס
עך האָב געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט
מיט אַלע לעמבערגער ק...
אי, אַ רעקרוט, אַ רעקרוט
איז דאָך טאַקע ביטער צו זיין,
דער קאַפּראַל האָט דיין כּלה
און דו כאַפּסט פּעטש אַריין.
זאָג טשיפּקעלע, טשיפּקעלע,
וואָס איז דאָס ?
דיין בייכל
איז שוין העכער פֿון דער נאָז.

זיי האָבן געליאַרעמט מיט אַזוינע הילכיקע קולות און געלעכטערס און געטאַנצט מיט אַזוינע צעפּויקטע שטיוול־קלעפּ, אַז ס'האָבן זיך געטרעסעט די ווענט און די ווייבער און מיידן זענען זיך צענויפֿגעלאָפֿן קוקן דורך די פֿענצטער, ווי אויף אַ חתונה. די זעלנער האָבן זיך טאַקע אויסגעזוכט כּלות בעת די מאַנעווערס און ס'האָבן זיך געשלאָסן שידוכים.

ווי וויַיט ער האָט געקאָנט האָט לייבע אָפּגעהיט כּשרות ביַים מיליטער. ער האָט נישט געגעסן קיין חזיר און קיין טריפה קעלבאַס. די מאַמע פלעגט אים שיקן אַ פּעקל שפּיַיז מיט ציבעלע קנישעס, מאַנדלען, אייערקיכלעך און אַ פלעשל מאַלינע־סיראָפּ, אַז ער זאָל זיך דערקוויקן ס׳האַרץ. אויף דער ברוסט, אונטערן העמד, האָט ער אויף אַ האַלדזבענדל געטראָגן אַנגעניית אַ ליַיוונטן זעקל, אַ קמיע פונעם שטעטלדיקן רבי, רב שלמהלע, מיט אַ ברכה, ער זאָל אָפּהיטן ייִדישקייט און ניצול ווערן פון גויִשע הענט.

אויף פּסח פלעגט לייבע אַהיים קומען צום סדר. אין שול האָט מען אים אויפגע־רופן צום מפטיר. אַז ער איז יום־טובֿ ביַי טאָג אַהיים געגאַנגען איבערן מאַרק פונעם דאַווענען מיטן טאַטן און מיט די ייִנגערע ברידערלעך, האָט ער גע־טראָגן אַ מעשענע טשאַקע מיט האַנערשע פעדערן אויפן קאַפּ, אַ שווערד אויף די לענדן, און די מעשענע קנעפּ אויפן רויטן זעלנער־מונדיר האָבן געפינקלט ווי אַ זון, אַז די כּלה־מיידן פון שטעטל זענען געלאָפן צו די פענצטער קוקן אויפן חידוש מיט צעחנדלטע שמייכלען אויף די פּנימער. אַ שיינער יונג, ווי גאָלד, האָט מען אים געלויבט. אָר־וואָ, אַ זעלנער!

צוועלף יאָר כּסדר פלעגט דערנאָך דער שוואַרצער לייבע יעדן זומער איַינ־רוקן אויף פיר וואָכן צו זיַין רעגימענט פאַר וואָפן־געניטונג, אין רעזערוו, ווי וויַיל ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ געזעצטער באַלעבאָס, מיט אַ וויַיב און קינדער און מיט אַ שטאָט ביַים לאַנגן טיש הינטערן אויוון אין דעם בעל־מלאָכישן שולעכל. אַז ער פלעגט דערנאָך אַהיים קומען פון די זעלנער, האָט ער אַ שטיק ציַיט געהאָט דאָס פּנים פאַרבונדן מיט׳ן וויַיבס רויטער פאַטשיילע, כּדי די אָפּגעשוווירענע באָרד זאָל אים דערוויַיל אַנוואַקסן. פון געוווינהיַיט פלעגט ער שבת און יום־טובֿ טראָגן דאָס שטריימל האָפעדיק אַנגערוקט אויף אַן אויער און די פּאָלעס פון דער בעקעשע פאַרשטעקט אין גאַרטל, ווי דעם זעלנער־מאַנטל בעתן מאַרשרוט, שטיַיף געשטרעקט, מיט לאַנגן שפּאַן און וויַיט צעפּאַכעטער האַנט. די ליַיט האָבן געהאַט אָפּשיי און מורא פאַר זיַין גבֿורה און ייִדן און גויִים האָבן פאַרמיטן זיך צו קריגן מיט אים.

די ליַיט האָבן אים גערופן צונעמענס: זעלנערוק, קאַפּראַלניק, טרעגעריונג און באַלוואַן. נאָר ער איז דער ערשטער געלאָפן אין מיטן נאַכט ראַטעווען ביַי שׂריפות. און אַז ביַי עמעצן איז די קו אַריַינגעפאַלן אין אַ גרוב אויף דער זומפּיקער פּאַשע הינטערן טיַיך, האָט מען גערופן דעם שוואַרצן לייבע און ער האָט זי באַלד אַרויסגעשלעפּט מיט אַ שטריק. אַז ביַי אַ ייִד האָט אַ ציגיַינער געגנבֿעט אַ פערד פון שטאַל, איז דער שוואַרצער לייבע אַוועק אין וועלדל, געשלאָגן זיך דאָרט מיט די ציגיַינער אויף מעסערשטעך און גע־בראַכט אַהיים דעם ייִד דאָס אָפּגענומענע פערד. בלויז דער אָפּגעשווירענער האַרווידל האָט שוין געפעלט. אויכעט האָט ער ליב געהאַט אונטערצושטעלן זיַין דעמבענעם אַקסל און אַרויסהייבן אַ באַלאָדענעם וואָגן סחורה, וואָס איז אַסיענציַיט פאַרזונקען געוואָרן אין בלאָטע הינטערן שטעטל. מען האָט אים

געזאָגט: אַ שיינעם דאַנק, רב לייבע — און אים געלויבט, אַז ער איז טאַקע אַ ווילער מענטש מיט אַ גוט ייִדיש האַרץ, כ'לעבן.

מיט אַ פֿאַרזאָרגטן בליק קוקט אַצינד לייבע אַהין, צום געשאָטנטן וועלדל וואָס דערהייבט זיך ווי אַ טונקעלע וואַנט בײַם ברעג בלאָ געבלייכטן הימלגעוועלב. דער פּראַסטיק צעשטראַלטער זונקײַלעד האָט שוין גענידערט צו מערבֿ זײַט. אַ האַלב ווײַס לבֿנה־פּנים ווי פֿון קאַלך גליווערט אין דרום־הייך. דאָרט אין ווײַטקײַט פֿון יענער זײַט וועלדל־טאָל איז אַנגעוואָרפֿן דאָס געחורבֿטע שטעטל, מיט דער אָפּגעברענטער שטיינערנער שול, העכער אַרויסגעהויבן פֿון די געהויקערטע ייִדישע שטובדעכער, מיט לייבעס היימשטוב בײַם עק בערגלוועג. דאָס ווײַב מיט די קינדער וואַרטן אויף אים אַ יעדער רגע מיט אומרו און זאָרג אין זייערע פֿאַרקלעמטע הערצער. וואָרעם שווער און ביטער זענען די סכּנות וואָס לאַקערן אויפֿן ייִד אין גוייִשן דאָרף און אין פֿרײַען פֿעלד.

ווײַזט אויס, אַז די שלאַכט האָט זיך געענדיקט. דאָס געהילך פֿון די שיסערײַען איז שוין פֿאַרשטומט. די זעלנער ציִען אָפּ. דאָ און דאָרט גייען זיי אַוועק פֿאַרווײַזט, שלעפּן זיך קוים, טראָגן אויף די רוקנס, פֿירן אונטער די אָרעמס זייערע פֿאַרוווּנדיקטע און ווערן פֿאַרשוווּנדן אין ווײַטקײַט. דאָ און דאָרט אויפֿן ווײַסן שנייפֿעלד ליגט צעלייגט אַ טויטער זעלנער מיטן פּנים אַראָפּ, גלײַך ער איז אַזוי דאָ אַוועקגעפֿאַלן אַ מידער און פֿאַרזונקען געוואָרן אין טיפֿן אייביקן שלאָף. און באַלד הערשט אַזאַ חלומדיק פֿאַרקלערטע שטילקייט איבער דער זוניק בלאָ־געררייטלטער ווײַטקײַט, אַז דאָס פֿאַרשוועבטע געטומל, דוכט זיך, האָט ווי מיט אַ זילבערדיק־צעפֿלעמלטן פֿליגל באַדעקט די וועלט מיט דער אַנטפּלעקטער גנאָד פֿון פֿאַרהוילענעם הימלפֿרידן.

דער שמאָלער פֿעלדוועג, זײַטיק פֿונעם בערגל־שפּוע, איז שוין ווידער פֿרײַ. נו, מען דאַרף אַהיים גיין, דער טאָג שטייט נישט, אָט פֿאַלט צו די נאַכט — טוט זיך לייבע אַ הייב אויף פֿון זײַן אָרט, נעמט דאָס קעלבל אויפֿן נאַקן און לאָזט זיך אַראָפּגיין; נאָר ווי ער טוט אַזוי דעם ערשטן שפּאַן, טרעפֿט אים פּלוצעם אַ שטיין אין קאָפּ. ער קוקט זיך אום און זעט ווי אונטן באַהאַלטן אין די קוסטעס, זיצט אַ זעלנער, מיט אַ ווײַסן פֿעלספּאַדעק אויפֿן קאָפּ און אַ ביקס אין די הענט. מסתּמא עפּעס אַ מאַרודניק, וואָס האָט זיך דאָ באַהאַלטן נישט צו גיין אין שלאַכט. דער שייגעץ לאַכט מיט אַ הירזשענדיקן פֿערדקול און וואַרפֿט שטיינער אויפֿן ייִד.

— הי דו, חזיר־מאָרדע, האָסט נישט קיין אַרבעט, אַז אַ רוח אין דײַן ...מאַמען אַרײַן, אַוועק פֿון דאַנען, — שרײַט לייבע צעכעסט און פֿאָכעט צו אים מיטן קוליק. דער זעלנער טוט אויף אים אַ שטעל אָן די ביקס — און ס'הילכט אָפּ אַ שאָס. לייבע דערפֿילט אַ שאַרפֿן שטאָך מיט אַ נאַסער וואַרעמקייט אין פֿוס. ער טוט אויס דעם שטיוול און דערזעט אַ בלוטיקע וווּנד. די קויל האָט דורכגעשאָסן דאָס דיקע פֿלייש. אַ בלאָ לעבל. גאָט צו דאַנק, דער סנאָכן איז נישט געטראָפֿן. געניט ווישט ער אָפּ מיט שניי, פֿאַרבינדט די

וווּנד מיט אַ שטיקל שמאַטע, וואָס ער רײַסט אָפּ פֿון דער אַניטשע, און טוט ווידער אָן דעם שטיוול. אַז אַ כאָליערע זאָל דאָס טרעפֿן! זע נאָר, אָט האָסטו דיר אַ נײַע צרה. וואָס טוט מען דאָ? ווי אַזוי זאָל ער אַהיים גיין? ער זיצט ווידער אונטערן בוים און אַלע מאָל, ווען ער פּרוּווט אַ הייב טאָן דעם קאָפּ אָדער אַרויסשטעקן אַ פֿוס, טוט דער שיגעץ אַ שאָס פֿונעם ביקס און די קוילן טרעפֿן און בויערן זיך אײַן אין בוימשטאָם. לייבע זוכט אַן עצה און געפֿינט נישט. ער האָט נישט קיין שום שוץ מער הינטערן בוימשטאָם, סײַדן ער זאָל דאָ אַזוי צונויפֿגעקנוילט ליגן בלײַבן און זיך נישט אַ ריר טאָן. איעדער באַוועג קאָן ברענגען טויט. ביז וואַנען קאָן דאָס אַזוי דויערן, ביז בײַ נאַכט? עס זענען ליכטיקע לבֿנה־נעכט און דער שיגעץ קאָן דאָ בלײַבן אויף זײַן אָרט אַ גאַנצע נאַכט און אַלע מאָל אויף אים שיסן. ס'ווערט אים זייער ביטער אויפֿן האַרץ. אַ מוראַדיקער גרימצאָרן נעמט אים ברענען דעם פֿאַרקלעמטן אָטעם און זײַן גאַנץ נפֿש לעכצט צו אַ ביקס, אַז ער זאָל קאָנען פֿאַרטרײַבן דעם שיגעץ פֿון דאַנען מיט אַ גענײטן שאָס אין ציל, ווי ער קאָן עס. נאָר ער האָט נישט קיין שום געווער. אין זײַן רוקן פֿילט ער דעם פֿעלדז־שטיין. ווען ער זאָל קאָנען דעם דאָזיקן פֿעלדזשטיין אַרויסרײַסן פֿון דער ערד און אַ וואָרף טאָן אים אַראָפּ דעם זעלנער אויפֿן קאָפּ! נאָר ער ווייס, אַז ס'וועט אים נישט געראָטן דעם גרויסן שטיין צו רירן פֿונעם אָרט. אַ שווערער באַדרענג נעמט אים ווערגן ווי אַ פּעטליע אויפֿן האַלדז. סײַדן ער זאָל זיך אַליין וואַרפֿן אַראָפּ אויפֿן שיגעץ און אים דאָרט אַוועקלייגן...

נאָך אַ מאָל טוט לייבע אַ שטעק־אָפּער דעם קאָפּ פֿון הינטערן בוימשטאָם און ער וואַרפֿט אַ לאַנגן פֿאַרבענקטן בליק אַהין צום הימלבערג, גלײַך ער וויל זיך געזעגענען מיט ווײַב און קינדער, דאָרט אין דער שטעטלהיים, אפֿשייד נעמען פֿון דער וועלט און פֿונעם לעבן. אַ לעצטער לאַנגער, שווערער בליק. אַ שאָס טוט אַ הילך פֿון אונטן מיט אַ גראָבן הירזשענדיקן געלעכטער. אין דער רגע טוט לייבע אַ כאַפּ צוריק דעם קאָפּ. נאָר ער בלײַבט נישט זיצן מער אונטערן בוימשטאָם, נײַערט ער נעמט קריכן באַדעכטיק און שטיל, אָן אָטעם, ווי אַ וואַלד־חיה וואָס שלײַכט צו פֿאַרצוקן, אויפֿן בויך, זײַטיק זיך שאַרן מיט הענט און פֿיס אויף דער ערד צווישן די דאַרע דערנער־קוסטעס, זעלנעריש געניט, ווי דענצמאָל אויפֿן שלאַכטפֿעלד, ווען ער פֿלעגט זיך אַזוי גנבֿענען צום שונא, נעענטער, אַלץ נעענטער, שטיל, אָן אַ שאָרך, ביז ער דערגרייכט אַזוי אַ העכערן אָרט און פֿון דאָרט טוט ער זיך אַ הייב אונטער, אַ צי פֿאָרויס — און מיטן גאַנצן לײַב טוט ער זיך אַ וואָרף אַראָפּ דעם זעלנער אויפֿן קאָפּ...

אויפֿן צעטראָטענעם שנייפֿעלד זענען אַנגעוואָרפֿן צעבראָכענע כּלי־זיין, בינטן שטעכיקע דראָטן, צעבויגענע אײַזנס, און דאָ און דאָרט גלאַנצט אַ רויטער בלוטפֿלעק, אײַנגעזאַפּט און פֿראָסטיק אָנגעפֿרוירן אויפֿן ווייסן שניי, אַזוי ווי עפּעס גרויסע בלינדיקע קעפּ פֿון גיפֿטיקע שוואָמענקנוילן אַקעגן דער גערייטלט צעפֿלעמטער מערבֿ־זון. לייבע גייט מיטן שמאָלן אײַז־געפֿלאָס־

מערטן פעלדוועג וואס פירט אין וויַטקייט צום היימשטעטל, דאס געבונדענע קעלבל איז אים ווידער אנגעטאן ווי א יאך אויפן נאקן. האפערדיק געשטרעקט מיט גבורה שפאנט ער, נאר דאס פנים איז בלוטיק צעקראצט, איין אויג טונקל־בלא פארשוואלן, דער טיזליק צעריסן, אז ער זעט אוים גליַיך ער וואלט זיך נאר וואס געראנגלט און בייַגעקומען ניט אן איינציקן שייגעץ, נייַערט א וועלט מיט שונאים. פלוצעם בלייַבט ער שטיין און הארכט מיט געשפיצטן אויער עפעס א שטילן אפגעשוואכטן קרעכץ, ווי פון קוים־קוים נאך לעבעדיקן אטעם. ער פארנעמט זיך זייַטיק פונעם וועלדל אראפ און באלד דארטן, אונטער א קוסט באשאטן מיט שניי, זעט ער ליגן א פארוווּנדיקטן זעלנער מיט א צעבלוטיקטן קאפ. די אויגן פארמאכט, דאס בלייכע יונגע פנים געשאטנט מיט גרינלעך פארצערטן טויטקלעם. בלויז די בלייכע לעפצן ציטערן מיטן לעצטן גסיסה־אטעם.

לייבע נעמט אים רייַבן דאס פנים און די ברוסט מיט שניי, פעטשלט און מונטערט אים, רייַסט אפ א שטיק שמאטע פון זייַן טיזליק און פארבינדט דעם זעלנער דעם צעהאקטן קאפ, אז דאס בלוט זאל אויפהערן רינען פון די לעכער. ער עפנט אים דאס מויל און גיט אים אריַין א ביסל שניי צו דערקוויקן, ביז דער פארוווּנדיקטער זעלנער עפנט קוים די אויגן און קוקט אן דעם ייִד מיט א בלינדן, פארוווּנדערטן בליק, ווי פון יענער וועלט.

פלוצעם דערפילט לייבע א שארפן שטאך אין הארץ:

— זע נאר, וואס איז דאעם? הא? ס׳קאן נישט זייַן...

ער נעמט גיך דעם זעלנערס קאפ אין בײדע הענט און טראגט אים נאענט צו צו זייַנע אויגן. יא, ער דערקענט אים, דאס איז דאך פעטרי, סטעפאן דובאקס זינדל, וואס איז, מיט א באנדע באוואפנטע שקצים, אנומלט אין מיטן נאכט אנגעפאלן אויף זייַן שטוב, צעהאקט אים דעם קאפ און אויסגערויבט דאס לעצטע. מיט א שווערן בליק באטראכט לייבע דאס טויט־בלייכע פנים פון דעם שווער פארוווּנדיקטן זעלנער. עס איז מיד און רחמנותדיק־שטום פארצערט מיט א גרינלעכן דרעמל־שאטן פון עפעס אן אומשולדיק באלאדענער פייַנלאסט ווי בייַ א קראנקן קינד. ס׳דערמאנט אים דאס שטום לייַדנדיקע פנימל פון זייַן קליין קינד שימעלע וואס ס׳איז געווען קראנק און ס׳איז אנומלט געשטארבן. אין דער עניוותדיקער גלייביקייט פון זייַן פרום הארץ ווייס לייבע, אז אזוי איז געווען גאטס ווילן. נאר ער ווייס אויכעט, אז דער ווינסטער באדרענג פון דער גוייִשער שינאה איז שולדיק אין אלע זייַנע צרות. און אז ער טוט אצינד נאך א מאל א קוק אויף דעם שייגעץ, זעט ער א רוצחיש געריטלטן פרצוף, מיט א בלוטדארשטיק פארקרימטער מארדע, ווי בייַ א וואלף; אט אזוי זעלב ווי ס׳האט אנומלט א ברען געטאן פאר זייַן בליק אין טונקעלן פירהייַזל, ווען דער שייגעץ האט זיך א שפאר געטאן אין דער אויפגעבראכענער שטובטיר, און א זעץ געטאן מיט דער אייַזערנער ביקסן־קאלבע אויף זייַן, לייבעס, קאפ, אז ער איז ווי א קלאץ אוועקגעפאלן צו דער ערד פארחלשט און פארגאסן מיט בלוט.

— אַטפּוי זאָל דאָס ווערן — טוט לייבע אַ גרימיקן שפּײַ און אַ גריילעכער שפּאָטשמייכל שוועבט ווידער אויף זײַנע אין צאָרן פאַרקרימטע לעפּצן, גלײַך עפּעס אַ גיפטיקע פליג וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן אין דער שוואַרצער האָריקייט פון זײַן צעקנאָדערטער באָרד. — זע נאָר, זע... דאָס האָט אים דער שׂטן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, וואָרעם זײַן פאַרביטערט האַרץ האָט געלעכצט נאָך נקמה, אַז ער זאָל ערגעץ אַמאָל זיך באַגעגענען אויג אויף אויג מיט דעם רוצח און אים גוט אָנברעכן די ביינער, אָפּצאָלן דעם הפקר־מענטש וואָס ס'קומט אים פאַר זײַן רישעות. נו, מילא, פאַרפאַלן. גאָט האָט אים שוין באַצאָלט. זאָל ער פגרן ווי אַ הונט.

לייבע הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. ער הערט נאָך דעם זעלנערס שטילן, שוואַכן קרעכץ: „אַ, מענטשן גוטע, ראַטעוועט"... נאָר ער קוקט זיך מער נישט אום און גייט ווײַטער זײַן וועג מיט גיכן שפּאַן, דאָס קעלבל אויפן נאַקן, מיטן וועג צום שטעטל, אַהיים. זײַן קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. דאָס שעפּסענע היטל אָנגערוקט איבער די אויערן און דער צעאַקער־טער שטערן איז חלומדיק פאַרקלערט אין טיפן אוּנטלעכן שטומשווײַגן פון דער זוניק בלאָ געריטלטער שנייוועלט. ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס דער בורא פרוּווט אים מיט אַזוינע שווערע ניסיונות? אַ פּראָסטער ייִד איז ער, ערלעך, גאָטפאָרכטיק און לײַטזעליק און כּל ימיו אַן אָרעמאַן, טראָגט דעם פּרנסה־עול, פאַרהאָרעוועט און פאַרטראָגן אין ביטערן געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט. פון זינט ער איז צו זײַן שׂכל געקומען האָט ער ליב דעם אמת און האָט פײַנט דעם שקר. ער יאָגט זיך נאָך שלום און גערעכטיקייט. נאָר אין דער זעלביקער מאָס ווי ער האָט ליב אַ גוטן פרײַנד, וואָס טוט אים אַ מאָל אַ טובֿה, אַזוי האָט ער פײַנט אַ שונא וואָס טוט אים שלעכטס. די חיה־רעה וואָס פאַרצוקט איר קרבן כּדי צו זעטיקן איר הונגער איז אומשולדיק, ווײַל זי איז אַזוי באַשאַפן געוואָרן, אָן שׂכל. דער מענטש אָבער איז באַשאַפן געוואָרן מיט שׂכל און מיט גאָט אין האַרצן. דער מענטש ווייס דעם באַשייד פון גוטס און בייז. דערום איז דער מענטש שולדיק און מוז געשטראָפט ווערן פאַר זײַנע זינד, און ס'איז געדעכט דער משפּט: אַן אויג פאַר אַן אויג, טויט פאַר טויט. אַז עמעצ וויל דיר נעמען ס'לעבן, זאָלסטו דיך פעדערן און אים דערהרגענען, אַז ס'זאָל פאַרלענדט ווערן דאָס רישעות פון דער וועלט.

אַזוי האָט ער, לייבע, טאַקע געטאָן היינט מיט דעם זעלנער מאָרודניק, וואָס האָט כּסדר אויף אים געשאָסן דאָרט, אויפן בערגל־שפּוּע און אים שיר נישט אַוועקגעלייגט. מיט זײַנע הענט האָט לייבע דערוואָרגן דעם בייזן אָטעם פון דעם פאַרסמטן נפש. און ער האָט נישט קיין חרטה, נײַערט ער פילט אַצינד אַ גדלות אין האַרץ, ווי תּמיד ווען ער האָט מנצח געווען אַ שונא.

ווי ווויל דער שוואַרצער לייבע האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו פאַר־אומווערדיקן מלחמות, און בלוטפאַרגיסונג איז אַ גרויל צו זײַן נשמה, האָט ער אָבער בשלימות געטאָן זײַן זעלנערפליכט אויף די שלאַכטפעלדער און פרײַוויליק פלעגט ער אָפּט אײַנשטעלן זײַן לעבן, כּדי צו ראַטעווען אַ פאַר־

ווגנדיקטן זעלנער, צי ס'איז געווען אַן אייגענער, צי פֿון שונאָס חיל. ווײַל ס'איז גאָטס געבאָט רחמנות צו האָבן אויף זײַנע ברואים און צו טאָן מעשׂים טובֿים. נאָך ווען ער איז געווען אַ חדר־ייִנגל, פֿלעגט ער מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפֿט, שבת נאָכן עסן, לערנען בײַם רבין אין חדר פּרקי אָבֿות און טיף אין הארצן באַנעמען די חכמה און גוטע מידות פֿון די תּנאים. אויכעט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַ חתן־בחור און דערנאָך אַ באַווײַבטער יונגער מאַן און אַ טאַטע פֿון קינדער, האָט ער ליב געהאַט ספֿרימלעך מיט מוסר־השׂכל, דעם קהל חסידים, חיי אדם, עין יעקבֿ, ספֿרי נפֿלאות און גרײַצער־מעשׂיות פֿון אויסטערלישע טרעפֿעניש מיט חסידים און פֿרומע־לײַט, פֿון בעלי־מופֿתים און צדיקים און רבײם, מעשׂיות פֿון אליהו הנבֿיא און דעם בעל שם טובֿ, וואָס ער פֿלעגט קויפֿן אין מאַרק אויפֿן יאַריד בײַ ייִדן פּאַקנטרעגער און בײַ ייִדן מדינה־גייער. שבת און יום־טובֿ פֿאַר מינחה־מעריבֿ אין בית־מדרש איז דער שוואַרצער לייבע תּמיד געווען פֿון די ערשטע וואָס פֿלעגן קומען הערן רבֿ פּינחס דעם שוחטס לערנען מיטן געהייבענעם גמרא־ניגון מדרש פֿאַר די געמיינע לײַט און בעלי־מלאָכות פֿונעם שטעטל, און לייבעס פֿרום הארץ איז געוואָרן געלײַטערט און אַזוי אײַנגעזאַפּט מיטן תּענוג פֿון די שיינע משלים און מיט דער גאָטפֿאַרכטיקייט פֿון די הייליקע אָבֿות, אַז אין קלעם פֿון אָרעמקייט און נויטן, אין די פֿינצטערסטע שעהען פֿון באַדרענגונג, האָט ער געפֿונען אין זיך דעם כּוח און ביטחון איבערצוטראָגן אַלע פּורעניותן און גיין בדרך הישר.

לייבע האָט אַצינד אַ הייב געטאָן דעם פֿאַרטראַכטן קאָפּ, און האָט דערזען פּלוצעם, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פֿון זײַן היימוועג און גייט צוריק צום פֿעלד. באַלד בלײַבט ער שטיין דאָרטן אונטערן ערדאַפּשיט, וווּ ס'ליגט אויפֿן שניי זײַן שונא, דער שווער פֿאַרווונדיקטער זעלנער, פּעטרי דובאַק. בײַ אים ציטערן שוין קוים די בלייך פֿאַרצערטע לעפֿצן מיט לעצטן שוואַכן אָטעמפֿלאַטער. דער שניי אַרום זײַן צעלעכערטן קאָפּ איז געפֿרוירן מיט אַ שוואַרץ נעררייטלטן אײַזגלאַנץ פֿונעם אײַנגעזאַפּטן בלוט. קוים וואָס ער עפֿנט די מידע אויגן־לעדלעך און וואַרפֿט אויף דעם ייִדס באַרדיק פּנים אַ נעפּלדיק פֿאַרגלייזטן בליק מיט עפּעס אַ פֿאַרחידושטן אַפּשײַ־גליווער, גלײַך ער וואָלט דאָ דערזען דאָס באַרדיקע פּנים פֿון אַ הייליקן מאַן פֿון די פֿאַררייכערטע איקאָנעס דאָרט אויף דער וואַנט פֿון זײַן כאַטע. און ער דערמאָנט זיך יענע רגע, בײַ נאַכט, ווען זײַן האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן שווערן זעץ פֿון דער אײַזערנער ביקסקאָלבע אויף דעם ייִדס קאָפּ.

— נו, נו, — זאָגט לייבע — גאָט האָט געמישפּט. ס'טוט דיר וויי, אַ?

— יאָ, יאָ, ס'טוט וויי... כ'וועל באַלד דאָ שטאַרבן, — ענטפֿערט דער שייגעץ מיט מידן אָטעם־פּליסטער.

— האָב נישט קיין מורא, ביז צו דער חתונה וועט זיך דיר אויסהיילן. נישקשה, וועסט נאָך געזונט גזלעוואַיען — מאַכט לייבע מיט אַ טיפֿן, פֿײַנלעכן זיפֿץ.

— ס'איז אונדזער קעלבל, פֿון דער געפֿלעקטער קו אין שטאַל — זאָגט דער שייגעץ מיט אַ צערטלעכן בליק אויף דעם קעלבל, וואָס לייבע טראָגט גע־בונדן אויפֿן נאַקן.

— יאָ, יאָ כ'האָב דאָס געקויפֿט היינט ביי דיין מאַמען, גוט באַצאָלט, וויפֿל ס'איז ווערט. נו, ווײַסט קאָנען גיין? קום, כ'וועל דיך אָפּפֿירן אַהיים אין דאָרף צו דיינע עלטערן.

— יאָ, יאָ, גוטער מענטש, פֿיר מיך אָפּ אַהיים.

לייבע הייבט אויף דעם שייגעץ פֿון דער ערד. ער נעמט אים אַרום מיט אַ שטאַרקער האַנט און פֿירט אים אַזוי אַ שטיקל וועג. נאָר דער פֿאַרווונדיקטער קאָן באַלד נישט מער שטעלן אַ טראָט און זיינע פֿיס שלעפּן זיך נאָך ווי אונטערגעהאַקטע צווייגן. לייבע בלייבט מיט אים שטיין, מעסט מיט פֿאַר־זאָרגטן בליק די וויטקייט און זוכט אַן עצה. וואָס טוט מען דאָ? ווי אַזוי זאָל ער אים ברענגען אַ לעבעדיקן אין וויטן דאָרף, אַז ער מוז אויך טראָגן דאָס קעלבל אויפֿן נאַקן — און די נאַכט פֿאַלט צו. דער גרינער שאָטן־גליווער אויף דעם שייגעצס בלייך פֿאַרשפּיצטן פּנים טונקלט ווי אַ זומפּיקער שימל, וואָס פֿאַרשלינגט אין זיין סוד די פֿאַרהוילענע גרענעץ פֿון לעבן און טויט.

אַצינד נעמט זיך לייבע גיך פֿאַרען מיט געניטע הענט. ער לייגט ווידער אַוועק דעם פֿאַרווונדיקטן אויף דער ערד. ער נעמט אַראָפּ דאָס קעלבל פֿונעם נאַקן, בינדט אויף די פֿיסלעך און בינדט אים אָן אַ שטריקל אויפֿן האַלדז. דערנאָך לאָדט ער זיך אָן דעם שייגעץ אויפֿן נאַקן און שפּאַנט אַזוי מיטן וועג צוריק צום דאָרף, מיט דער שווערער משׂא אויף זיין ברייטער פּלייצע.

— נו, פּעטרי, האַלט זיך אָן אין מיר מיט די הענט און פֿאַל נישט אַראָפּ, הערסט? — זאָגט לייבע און שלעפּט דאָס ווידערשפּעניקע קעלבל פֿאַרן שטריקל.

— אַהעעע... — טוט דער ייִד אַ שווער געצויגן געשריי.

דער פֿראָסט שטאַרקט זיך מיט שאַרפֿן ברען. פֿון לייבעס מויל זעצט אַ הייסער אָטעם־וואָלקן, זיין באָרד איז אַנגעפֿרוירן מיט אייזצויטן און זיינע שטיוולטריט פֿידלען מיט דינעם געזאַנג איבערן פֿראָסטיק געפֿלאַסטערטן שנייוועג וואָס איז שוין אַשיק־גראָ געטונקלט מיט בלאָלעך געריטלטן אונטער־שאָטן. די זון זעצט זיך, ווי אַ רויטער פֿייערקאָפּ, נידעריק אין מעריב־הימל; אַ וואָלקנבאַרג גליט דאָרט מיט בלוטיקן פֿייערפֿלאַקער פֿון געטיפֿטער הימל־שריפֿה, ווי אַ קעסלגרוב מיט שוואַרצע פֿלאַמען פֿון זודיקן פּעך און שוועבל וואָס פּלייצן וויסט און שווער אין אומטלעך פֿאַרטייעטן וועלטשוויַיג.

— אַהעעע.

# דער ציון־ייד

אזוי ווי פלוצעם
אנגעטראגן פון פארהוילענע מרחקים, חלומדיק פארשוועבט ערגעץ אונטער
די הימלען פון צייטן און דורות, האט זיך אצינד דא לעבעדיק אנטפלעקט
די אויסדערוויילטע געשטאלט פונעם מנהיג. האפערדיק געשטרעקט, מיטן
זיכערן טריט ווי דער שטארקסטער פון די שבטים, וואס זיין נאקן איז גוט־
וויליק באלאדן מיט דער הארב־פארזארגטער אחריות־לאסט פונעם שליחות,
טוט ער זיך געזעגענען פארויס; איין האנט הויך און געביטעריש דערהויבן
צום שטרענגן פירשפרעך:

— בי אדוני. כ'וויל רייד׳ן מיין ווארט צו דיר.

מען טוט א קוק, אהא! דארט אויבן אז, ביים לאנגן טיש פונעם פוילישן
קאמאנדיר מיטן פארבלוטיקטן לעדערנעם רייט־ביטשל אין האנט, ווי
ס'פינקלען גאוההדיק די מעשענע קנעפ פון די אויסגעסטראיעטע אפיצירן און
עם בליצן מוראדיק די שארפע באגנעטן פון די וואד־זעלנער מיט די געלאדענע
ביקסן, שטייט שוין דער משכיל און ציוניסט אייזיק דעם שוחטס. ער טענהט
היציק, נאר שטרענג און שארף געמאסטן, מאכט מיט ביידע הענט, ווי ארויס־
צוברענגען די אינעווייניקסטע וואג פון זיינע גלייכע און גערעכטע ווערטער,
באגלאנצט מיט א שטארקער מענעריש זיכערער ברוסט־שטים, ווי אויסגע־
האקט פון אייזן אויף שטיין, בעת ער לייגט פאר זיין „פראטעסט" מיט די
חתימות פון די יידן, וואס די פוילישע זעלנער האבן דא היינט צונויפגעטריבן,
אין דעם גמינע־הויז.

עפעס ווי איבערגעביטן איז ער אצינד, אייזיק דער גלעזער, דער שטענדיקער
עניודיקער, ארעמער און פארגאפטער בעל־חלום, וואס האט זייער ליב מיט
בארוישטן תענוג, וואס רוט געהויבן אויף זיין איידל געבוינגענער שפיץ נאז,

זיך היים צו אַמפּערן אין שולכל נאָכן דאַווענען און צו שמועסן מיט די לײַט אין מאַרק, אין די געוועלבער, אין די װערקשטעלן, אין די שטיבער, װעגן װעלט־פּאָליטיק און פּאַרלאַמענט־װאַלן, מלחמה סטראַטעגיע און רעגירונגס־קריזיסן, פּאַרטיי־שטרײַטן און ציון־קאָנגרעסן און װעגן אַלע װיכטיקע נײַעס, װאָס ער לייענט װױלקענעװדיק מיט גרויס התמדה אין זײַן בלאַט־צײַטונג, דאָס „לעמבערגער טאַגבלאַט", כּסדר, אַלע טאָג, און פֿון זינט כּמה יאָרן, און זײַן מוח איז תּמיד אָנגעפּיקעװעט מיט אַלע רעזאָלוציעס, פּאָרשלאָגן, באַשלוסן און זאָגעכצער פֿון די געלייענטע אַרטיקלען, מאמרים און פֿעליעטאָנען, אַזוי װי אַ בוים מיטן צערודערטן געפּײַף פֿון אַ סטאַדע פֿייגל, פֿול באַזעצטע אין די צװײַגן. אױבעט איז ער מדריך די יונגע לײַט אין רעיון ציון פֿון טעאָדאָר הערצל און מאַקס נאָרדוי, װאָס װילן געװינען בײַם טערקישן סולטאַן אַ ייִדישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. ער דערװעקט אין די געמיטער אהבת ארץ־ישראל, שטאַרקט אין די נשמות די גאולה־בענקשאַפֿט פֿונעם גלות און רופֿט אַרױס מיט זײַנע משׂכּילישע רייד דעם ייִדישן גדלות, צעברומט פֿון גבֿורה, װי דער לייב פֿון יהודה. איין מאָל האָט אײַזיק אַפֿילו געמאַכט אין זײַן שטוב־אַלקער אַ ציון פּאַראײַן „קדימה", מיט אַ נײַער בלאָ־װײַסער פֿאָן און אַ מגן־דוד אויף דער מיזרח־װאַנט, מיט בילדער פֿון טעאָדאָר הערצל מיט דער שײנער שװאַרץ־גלאַנציקער בּבֿל־באָרד און מאַקס נאָרדוי מיטן װײַסן לייבן־קאָפּ, מיטן נאָבל באַאַבערדלטן באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ, װאָס אויף אַ יעדן בלעטל איז געװען אין לשון־קודש אָפּגעדרוקט דער נאָמען פֿון אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל: פּתח־תּקוה, ראשון לציון, זכרון יעקבֿ, ראש פּינה, משמר הירדן — װאָס ראָטשילד האָט מנדבֿ געװען געלט זיי צו באַגרינדן און באַזעצט ייִדן אויף די נחלות מיט פֿעלדער און װײַנ־גערטנער אין הייליקן לאַנד פֿון די אָבֿות, אַז די לײַט זענען געלאָפֿן קוקן דורכן פֿענצטער, אויף גרויס חידוש. מיט אײפֿער האָט אײַזיק כּסדר זיך געאַמפּערט מיט די שטאָט־לײַט װאָס האָבן געװאָרט אויף משיח און ער האָט זיי אויפֿגע־װיזן שיבֿת ציון מן התורה. דער ייִד האָט געהאַט אַ השגה צונױפֿצונעמען ייִנגלעך פֿונעם חדר און פֿון דער באַראָן הירש־שול און זיי געלערנט זינגען די „התקוה" בײַם מאַקאַבייער פֿעסט, װאָס ער האָט אין פּאַראײַן געמאַכט אום חנוכּה. ער אַליין האָט געהאַלטן זײַן קלוגע ציון־רעדע, געװירצט מיט חריפֿות־דיקע גמרא־װערטלעך, באַלױכטן מיט פּסוקים פֿון די נבֿיאים, פֿאַרפֿלאָכטן מיט די אױסשפּרוכן פֿון די ציון־מנהיגים און נשמהדיק צעפֿײַערט מיט דער גבֿורה און ניצחון פֿון די מכּבי־שלאַכטן, אַז דער עולם האָט ברייט געשמייכלט פֿון תּענוג און אים האַרציק געזאָגט אַ יישר כּוח, װי אַ גוטן חזן; װי װױל די גרינגע לײַט האָבן אונטער די אויגן פֿון אים חוזק געמאַכט מיט געלעכטער. אױבעט האָט אײַזיק אין דער היים אַ בלאָ־װײַסע פּושקע פֿון קרן קימת און ער װאַרפֿט אַפֿט מאָל אַרײַן אַ מטבע. ער קויפֿט אַלע יאָר פֿאַר אַ קראָנע אַ שקל און ער פֿאַרקויפֿט די יונגע לײַט שקלים. איין מאָל האָט מען אים אַפֿילו אויסדערװיילט פֿאַר אַ דעלעגאַט צו פֿאָרן קיין לעמבערג צו אַ ציון־קאָנפֿערענץ,

נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות איז דערפון גאָר נישט געוואָרן און ער האָט ביטער געליטן שווערן עגמת־נפש. ער חלומט שטענדיק פון דער הייליקער שטאָט ירושלים און זײַן פּלאַן איז צײַטיק מיט ליבשאַפט פון זײַן האַרץ און באַגער פון זײַן נשמה עולה צו זײַן קיין ארץ־ישראל, אויף זײַן נחלה, כּדי צו אַקערן די אייגענע ערד און פּלאַנצן אַ ווײַנגאָרטן אין לאַנד פון די אָבֿות און אויפצובויען דאָס מלכות ישראל. אַצינד שטייט איציק דערהויבן מיט חשיבֿות אין זײַן אויסגעגלײַכטן רוקן. די קורצע שוואַרץ־געזילבערטע באָרד און פּיאות, אַרנטלעך צוגעגלעט, די סאַמעטענע יאַרמלקע ווײַל אויסגעשפּיצט אויפן הויכן, ווינקלדיק־צעאַקערטן למדן־שטערן, ווי בײַ אַ פּאַרצײַטיקן שתּדלן. ער טראָגט אונטערן אָרעם אַ לעדערנעם אַקטן־טאַש ווי עפּעס אַ מלוכה־מאַן, ברילן אויף דער אידל געבויגענער נאָז און מיט זײַן גאַנצן פּאַרשטײַפטן שטעל, אַנגעקליידט אין לאַנגן, שוואַרצן, אַרנטלעך פּאַרקנעפּלטן איבעראַק, מיטן סויבלענעם קאָלנער האָט ער אַ פּנים פון עפּעס אַ פרעמדן פּאַרנעמען משולח, ערשט נאָר־וואָס אָנגעקומען פון אַ רײַכער ווײַטער מדינה, מעבֿר לים, מיט אַ פּרעכטיקן גילדענעם בית־המקדש, אַ שטייגער ווי פונעם לאַנד יהודה אין שלמה המלכס צײַטן.

איציק טוט טאַקע אַלע מאָל זייער ווערדיק אַ שאָקל מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, וואָס שנײַדט, דוכט זיך, אַרויס פון זײַן פאַרמאַטערטן מוח, אַ שטאַרקן קלאָרן געדאַנק פון אַ מאַן, וואָס זײַן נשמה איז תמיד דערפֿולט, ווי אַ כּוס ביז איבערן ברעג, מיטן גרויסן ליכט פון יושר און אמת. אַזוי אַז זײַן קנאַכיק־מאָגער אייבערשט האַלב פּנים איז ווי פון אינעווייניק זוניק באַשטראַלט און דער צעפּלעמלטער בליק פון זײַנע ערלעכע פאַרחלומטע אויגן, איז קלאָר און שאַרף אײַנגעבויערט אין דעם בייזן, קאַלטן שווײַגן פון דעם מאַכטיקן שונאס אויגן ווי אין אַ בלאַ שטיק אײַז... עס איז איציקס גרויסע שעה געקומען, מיטן גלויביקן כּוח פון מסירת־נפש, שווער אַרויסגעצויגן פונעם אָפּגרונט פון דורותדיקן גלות־פּײַן, פאַרשווענקט אין טרערן פון רדיפות און נויטן, פאַרפלייצט אין טײַכן פאַרגאָסן בלוט פון הריגות און גזירות, געהייליקט אין פײַער פון די שײַטערפלאַקערס, אין נאָמען פון לעבעדיקן גאָט פון ישראל און מיט ביטחון און טרייסט באַגלאַנצט איז חזיון פון ניצחון און געאייביקטער פרייד פון די מענטשן קינדער. האַ! וואָס טוען אַזוי פילדערן די פעלקער און לעסטערן דעם באַשעפער! ס׳וועט קומען די צײַט פון דין וחשבון און ס׳וועלן ציטערן די הערשער פון דער זינדיקער וועלט. ס׳וועלן ווי רויך פאַרגיין זייערע טעג אין שקר און רישעות און ווי שפּריי אין אַלע ווינטן, וועט פאַרלוירן ווערן דער זאָמען פון זייערע לענדן. פּעך און שוועבל וועט, ווי אין סדום, גיסן פון די הימלען אויף זייערע קעפּ און גאָטס גרימצאָרן וועט זיי שלאָגן און פאַרלענדן מיט פײַער און שווערד און מגפה, אַז ס׳וועט נישט פאַרבלײַבן קיין שריד ופליט. וואָרעם זיי האָבן געפרעסן יעקבֿ און פאַרטיליקט ישראל. ער וועט זיי יאָגן און דערגרייכן און נוקם זײַן דאָס בלוט פון זײַנע קנעכט... ווי פײַערקוילן גליִען די וואָרע רייד אויף איציקס בלאַסע ליפּן און

ווי דער געבריל פֿון אַ לייב איז דערהויבן זײַן גערעכטע טענה: אַזוי און אַזוי... נאַציאָנאַלע רעכטן פֿאָדערט ער פֿאַר די היגע שטאָט־לײַט. נעמלעך, אַז די פּוילישע מלוכה־מאַכט זאָל תיכּף ומיד אַרויסגעבן אַ געזעץ, דאָס די ייִדן זאָלן דאָ, אין מיזרח־טייל פֿונעם לאַנד גאַליציע, מעגן זײַן נײַטראַל אין דער מלחמה צווישן די פּאָליאַקן און די רוטענער און מען זאָל זיי נישט נעמען צום מיליטער, ווײַל מיר, ייִדן, זענען דאָ בירגער פֿון אַ באַזונדער פֿאָלק, מיט אַן אייגענער רעליגיע און לשון, אײַנגעזעסן פֿון דור דורות, מיט אַן אייגן פֿאָטערלאַנד אין ארץ־ישׂראל, וואָס די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט אונדז פֿײַערלעך גאַראַנטירט בײַם פֿעלקער־בונד. דערנאָך העכערט ער די שטים מיט אַ שאַרפֿן קלאַנג, ווי אַ געציקטע שווערד און מיט גליִקע ווערטער, וואָס פֿאַלן אויפֿן קעגנער ווי פֿײַערדיקע שמיץ, טוט ער גריילעך פֿאַרדאַמען די ווילדע הפֿקרות און רציחות פֿון די פּוילישע זעלנער לגבי די ייִדן אין שטעטל. זיי האָבן געשענדעט די שול און צעריסן הייליקע ספֿרים פֿונעם בית המדרש, מבֿזה געווען עלטערע לײַט און געריסן בערד און פּיאות. זיי האָבן גערויבט, געשלאָגן און געפּײַניקט מענטשן, געשלעפּט די באַלעבאַטים צום אַסענטירונג אין דער גמינע. ער, אײַזיק, פֿאָדערט דעריבער באַלד פֿון דער מלוכה כּך וכך, פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די שאָדנס פֿון דעם גערויבטן האָב און גוטס, אַ גערעכטלעכע אויספֿאָרשונג און אַ שטרענגע שטראָף פֿאַר די שולדיקע רויבער און שלעגער און אויבעט זאָל די מאַכט געבן די ייִדישע בירגער געזעצלעכע באַשיצונג און רעכטלעכע פֿאַרזיכערונג פֿון לעבן, פֿרײַקײַט און באַזיץ, ווי ס׳געהער צו זײַן, לויט דעם אַקט פֿון דער קאָנסטיטוציע... טאָמער נישט, וועט ער באַלד אין נאָמען פֿון די ייִדישע בירגער אַרויסטראָגן אַ שטרענגן פּראָטעסט און אַרײַנטראָגן אַ שווערע אָנקלאַגע קעגן דער פּוילישער מלוכה צום וועלט־געריכט, וואָס דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט ווילסאָן האָט באַשטימט אין די פֿערצן פּונקטן פֿון דער רעזאָלוציע פֿונעם פֿעלקער־בונד... אויג אויף אויג שטייט אײַזיק מיטן מאַכטיקן שונא. נאָר זע! מען טוט אים גאָר נישט קיין בייז און קיינער טרײַבט נישט מיט אים קיין לצנות. אדרבא! מען האָרכט אים אויס מיט דרך ארץ און מען פֿאַרהאַנדלט מיט אים בכּבֿוד.

רויִק, פֿאַרביסן, מיט פֿאַרבאָרגענעם בייז לייענט אַראָפּ פֿון אַ לאַנגן באַשריבענעם פּאַפּיר, אין איין אָטעם, דער קאָמאַנדיר די קעגנפֿאָדערונגען:

— אַזוי און אַזוי... נעמלעך, אַז די ייִדן מוזן באַלד אײַנצאָלן דער מאַכט כּך וכך סומען קאָנטריבוציע־געלט און שטײַער־געלט... אויבעט מוזן זיי באַלד אים אָפּגעבן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון געלט, גאָלד און זילבערוואַרג, צירונג און אַלע ווערטזאַכן, וואָס זיי האָבן אין באַזיץ, אויבעט שפּײַז און וואָפֿן, בינאָקלס, אויטאָמאָבילן, פֿערד און וועגענער, בהמות צום שעכטן, תּבֿואה, פֿוראַזש, מאָטאָציקלעטן, פּעטראָל, געווער, פּולווער און אַמוניציע און קהל מוז באַלד אַרויסגעבן אין די הענט פֿון דער מיליטער־מאַכט די ייִדישע באַלשעוויקעס... אויבעט זאָלן אַלע ייִדן זיך באַלד פֿאַרשרײַבן אויף אַרבעט אומזיסט, שאַרוואַרק פֿאַר דער מלוכה, נעמלעך, בויען וועגן, פֿאַרריכטן די באַן,

האָקןביימער אין וואַלד און שטיינער פון דער סקאַלע און מען זאָל זיך שטעלן פאַר זעלנער צו דער פוילישער אַרמיי און גיין אין מלחמה־פראָנט. טאָמער נישט, וועט מען כאַפּן די דעזערטערן, זיי איינזעצן אין תפיסה און זיי שטרענג באַשטראָפן לויטן קריגס־געזעץ, מיטן טויט דורך דערשיסן און די יידן זאָלן אַרויס פון עם לאַנד: זשידזשי, דאָ פּאַלעסטיני.

— אַבער וואָאָאָ. — טוט איציק איידל־דערצאַרנט אַ מאַד אַוועק מיט אַ האַנט דעם גאַנצן אָנגעדראָלענעם פּזמון פון שקר און גזילה. — עט... בע... פּוסטע רייד! ווער האָט דאָס עפּעס מורא פאַר אַזוינע ווילדע אָנשרעקן? מיר, יידן, האָבן שוין איבערגעלעבט נישט איין מלכות זדון און וויפל המנס האָבן שוין געהאַט ביי אונדז די אמתע מפּלה? — מיט אַ פיינעם שפּאָטיש־צעקרימטן שמייכל אויף די בלייכע ליפּן, איז ער גריילעד מבטל די וויסטע שינאה: ווייסעד דאָרט וואָס, מ׳וועט כאַפּן און דערשיסן בירגער?... ס׳איז עפּעס הפקר אַ וועלט? ניין, ניין! די קאַסע האָט אָנגעטראָפן אויפן שטיין און ער, איציק, קלערט נישט זיך דאָ אונטערצוגעבן. ערלעד איינגעשפּאַרט, טייטלט ער שטרענג מיט אַ פינגער אויפן באַשריבענעם פּאַפּיר און ער דינגט זיך מוטיק, ווי אַן אמת־געטרייער מנהיג לטובת זיין פאָלק, וועגן איטלעכן פּונקט באַזונדער:

— קאָנטריבוציע־געלט... שטייער געלט... שאַרוואַרק... אַסענטירונג. וואָפן. אויטאָמאָבילן. בינאָקלס? — לאָ מיט אַ ספּאָדעק! מ׳וועט נישט געבן אַ ציבעלע־שאָלעכץ! דאָס שטעטל איז שוין צעשאָסן און חרוב געוואָרן אין קיסר פראַנץ יאָזעפס מלחמה. ס׳האָבן שוין דאָ גערויבט און געפּלינדערט די חיילות פון די רוסן, די עסטרייכער, די דייטשן, די קאָזאַקן, די מאַדיאַרן, די אוקראַינער, די רומענער, די טאַטערן, די רוטענער. וויפל איז דער שיעור? ווילסט נעמען ס׳לעצטע העמד פון עם לייב, פּאַניע קאָמאַנדיר? האַ, האַ, אָנו פּרוּוו. ניין! מ׳וועט נישט שווייגן. יעסט פּאַן באַג... האַ, האַ!

היציק, צערודערט פון ניי גער און שרעק שטופּן זיך די יידן הינטער איציקס פּלייצע, ווי אַ סטאַדע צענויפגעדרענגטע שאָף אין באַשיץ פון עם געטרייען פּאַסטעך, בעת אַ שווערן, כמאַרע געטונקלטן בהלה־שטורעם אין פרייען פעלד, ווען זיי דערשמעקן די נאָענטע סכנה פון עם בליץ און פון עם וואָלף.

נאָר פאַרכאַפּט אין דער הייסער מינוט פון דער עת צרה, האָבן זיי דערוויייל פאַרגעסן דעם ביטערן גורל פון געבראָכענע אָרעמע לייט אַז אַ תכלית, אין מוראדיקן באַדרענגט צווישן צעברויזטע פייערפלאַקערס פון צוואַנג אין וויסטן שינאה־קלעם, פון בייז צערייצטע גויים, מיט מלחמות, מרידות און גזירות, אַז אַן אויסוועג, וואָס האָבן געטראַכט זיי צו פאַרטיליקן און זיי האָבן זיך האַפּערדיק געהיצט מיט פּאָליטיקע, נעגוגערט פון רעכטן און פאָדערונגען, די פנימער פאַרהאַקט מיט עקשנות, די אויגן צעפינקלט פון מענערישן שטרייט־לוסט, ווי ביי אָנגעדרודלטע העגער.

— רב איציק, לאָזט אייך נישט... געוואַלד, האָטס נישט קיין מורא, רב איציק. וואָס הייסט עפּעס דאָס? גערעכט, גערעכט, מיר ייִדן האָבן אויכעט אַן אייגן פאָטערלאַנד, אין ארץ־ישראל, אַוודאי וואָדען... זאָגט אים דעם אמת, דעם המן. גיט אים אַ מכּה, דעם פּריץ. דערלאַנגט אים אַ קנאַק, רב איציק, לאָזט אייך נישט. געוואַלד, רב איציק! האָטס נישט קיין מורא!

שטילערהייט און גרימיק פאַרביסן האָבן די יונגע לייט אים אונטערגעגעבן חשק ווי איינעם אַ גבור, אַן אייגענעם מענטש, וואָס ראַנגלט זיך מיט אַ פרעמדן שטאַרקן קעגנער, ווער וועמען ס'וועט אוועקלייגן אַ באַזיגטן, גלייך פאַר זייער כּבֿוד וועגן האָט איציק אַצינד דאָ געמוזט מיט זיין טענה געווינען דעם געפערלעכן שטרייט קעגן דעם מעכטיקן שונא, דעם פּוילישן קאָמאַנדיר, ווי אַמאָל דוד, וואָס האָט געשלאָגן גלית דעם פּלישתּי מיט אַ שטיין און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיט אַ שווערד און געוווּנען די מלחמה.

# הייס בלוט

## די טויב צעליאַרעמטע

שניי־בערג האָט פֿראָסטיק־שאַרף און בלינד צעוויכערט וואָיענדיק געווערבלט
מיט טרוקן צעמאָלענע שנייוואָלקנס פֿון אונטן אַרויף, זײַטיק פֿון די ווײַס־
פֿאַרשיטע דעכער אַראָפּ. האַרבברענענדיק פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם, שטעכיק ווי
אײַז נאָדלען געשמיסן אין פּנים און געבלענדט די אָנגעפֿרוירענע אויגנברעמען
מיט אַ ווײסטן נעפּל פֿון ווײַסער פֿינצטערניש, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט דאָס
די צעשטורעמטע וועלט איז גרייַלעך צעשאָטן געוואָרן אויף ווײַסן שטויב,
אָן אַ ממשות, נאָר טעמפּ אָנגעפּלייצט מיט עפּעס אַ פֿאַרהוילענעם גליווער,
וואָס איז געווען שווערער פֿון שטיין און האַרטער פֿון אײַזן.

די שניי־פֿאַרשאָטענע ייִדישע שטעטל הײַזלעך אַרום דעם ווײַסן ליידיקן מאַרק־
פּלאַץ זענען ווי קבֿרים בערגלעך פֿאַרזונקען געווען אין פֿאַרלוירענעם שטום־
שווײַגן און נאָר אין דעם גרויסן שטיינערנעם גמינע־הויז, מיטן בלעכערנעם
צעקרעכצטן האָן אויפֿן קרומען שינדלדאַך האָט פֿון פֿאַרטאָג אָן גערודערט
אַ בייזער געטומל, דאָ שטיל געדעמפּט, דאָ שרײַענדיק, צעגראַגערט פֿון די
פֿול אָנגעפּאַקטע מענטשן קופּעס, זעלנער, גויִים און ייִדן. אין דעם קאַרגן
בלינדן שײַן, וואָס האָט שרעקיק געבלייכט פֿון די קליינע פֿאַרמיסטיקטע און
פֿאַרקראַטעטע פֿענצטער־שײַבלעך, ווי בײַ אַ תּפֿיסה, האָט זיך גרינלעך גע־
קנוילט אַ געדיכטער רויך־וואָלקן הויך, אונטער דער שוואַרץ פֿאַררייכערטער
סטעליע, אָנגעזאָפּט מיט אַלטן אײַנגעפֿרעסענעם זויערן קהלשן שוויים, ווי
אין אַ מרחץ, און צעפּאַרעט געגעפּלט אין טונקעלן וואַנט־ווינקל, דעם גרויסן
הילצערנעם צלם, וואָס איז דאָרט ווי פֿאַרגעסן געהאָנגען איבערגעבויגן, מיטן
צוגענאָגלטן נאַקעטן בילד, דאָס שאַרף־געשניצטע באָבערדלטע פּנים, גרימיק
פֿאַרצערט, דאָס פֿאַרטעכל קרומלעך פֿאַרבונדן אויף די לענדן.

דער אנגעטראגענער שניי פון די איַיזן־געקאוועטע שטיוול האט גענעצט מיט בלאטיקע טיַיכלעך אויפן שטיינערנעם דיל. די ליידיקע ביר פעסער אנגע־שטעלט ביַי די ווענט, אנגעוואלגערט שטרוי פארמישט מיטן הארבן בראנפן ריח פון די צעפארעטע גויים, האט דערמאנט די אמאליקע שטעטל־יארידים, פולע שענקען און געוועלבער מיט פארהאוועטע מענטשן, מיט לייזונג און שפע. נאר אצינד איז אין דעם געדיכטן געדרענג פון די שווערע ליַיבער געווען פארהאקט עפעס א בייזע פוסטקייט, וואס האט באנג גענאגט ס'חיות, ווי אין א וויסטן חלום, מיט פארטונקלטן שרעק געפלאנטער. ס'האבן זיך דא געשטופט בייזע רוטענער כלאפעס, לאנגע ווי דראנגעו, מיט פעטע הארקודלעס, רונדיק פארשוירן איבער די קורצע שטערנס, אין ברייטע שאפענע פעלצן, מיט צערייכערטע לולקע ציביקס אין די מיילער. זייערע זין, יונגע בלאנדע שקצים, אין דיקע, פארביק אויסגענייטע העמדער, האבן צארנדיק געפינטלט מיט זייערע שמאלע וויַיס־ברעמענדיקע אויגן און קוויטשנדיק געגוגערט מיט זאט־געדרייטלטע פנימער. פוילישע זעלנער, מיט ביקסן אויף די אקסלן, האבן גרימיק אנגעדרודלט, געהיט אין באזונדערן ווינקל, א געזעמל פארכאפטע ייִדן, עלטערע ליַיט, מיט באַרדיק־פאראומערטע פנימער, פארקנעפלטע אין זייערע שווארצלעכע געלאטעטע טיזליקס, וואס זענען דארט געשטאנען ווי פארלוירן און צעגויפגעדרענגט, מיט די פארשפיצטע יארמלקעס אויף די קעפ. די יונגען האבן געהאלטן די היטלען אין די הענט, אומרויִק געשטרעקט די בלויזע צעשויבערטע קעפ, געסודעט זיך מיט שארפע זוכנדיקע בליקן און שוין שטיל געפלאנעוועט זיך ארויסצוכאפן פון דאנען:

— וואס מיינסטו, משה יאנקל, מ'דארף אפשר דעם כלב ביַי דער טיר אריַינ־רוקן א צענערל אין דער יד אריַין, הא?

— עד זאג, מ'זאל אים בעסער אונטערהאקן א זיַיט און מאכן א ויברח — האט סענדער מנחמס געעצהט.

— ווייסעד דארט וואס, ס'טויג נישט. די זעלנער וועלן כאפן און שיסן ייִדן אין שטעטל — האט געזאגט זיַין ברודער יאסל, בלייך צעשמייכלט מיט די גרויסע ציין און אויסגעצוימטן לאנגן פנים, ווי ביַי א שפארבער.

— העי, חברה, ווער האט א שוועבעלע. ס'וואלט דא כדאי געווען היַינט ארויפצושיקן דעם רויטן האן אויפן בוידעם...

— א שטיקל שריפה וואלט טאקע נישט געקאנט שאטן, כ'לעבן, ס'עט ווערן א מהומה.

— שא נאר, ווו איז ערגעץ פייביש ארעלע שענקערס? אהא, דער ממזר איז שוין עוקר געווען. ס'איז דא א לאך אין דער וואנט, הינטער דער טיר אין פירהויז. ס'איז דארט פינצטער. מ'קאן זיך טאקע גוט טאן א דריי ארוים און גיי זוך מעד.

— ס'איז אפשר גליַיכער זעד צו פארעז דורכן קעלער, הא? וואס זאגסטו?

— זיַיט שטיל חברה, ווענט האבן אויערן. ש־א־א. — האט עמעץ געווארנט.

אויבן אַז, בײַם לאַנגן דעמבענעם גמינע־טיש, זענען שוין נאַוהדיק־געשטרעקט, גלײַך זיי וואָלטן אײַנגעשלונגען אַ שטעקן, געזעסן די פּריציש אויסגע־סטראַיעטע פּוילישע אָפיצירן פון דער אַסענטירונג קאָמיסיע, כּדי אָפּצוגעבן פאַר זעלנער די רוטענער גויִים און די ייִדן. באַוואָפנט זענען די פאַליאַקן מיליטער־לײַט געווען ביז די ציין. גרויסע פּיסטוילן אין געלע לעדערנע שײדן, לאַנגע שווערדן אָנגעגורט אויף די לענדן, בינטן האַנטבאָמבעס, מאַשין־ביקסן און קורצע מעסערס אין די גאַרטלען. זיי האָבן גרימיק געשטרעקט די ברייטע ברוסטן און אין גרינלעכן געלבלעכן טאַבאַק־רויך האָט אַלע מאָל אומהיימלער אַ שײַן געטאָן דער שאַרפער גלאַנץ פון מעשענע קנעפּ, פון גילדענע בענדלעך, און זילבערנע שנירן אויף זייערע ענג־געפּאַסטע מונדירן. מען האָט דאָרט שטרענג געשריבן אין די פּאַפּירן, מיט שינאַהדיקע שטאָלצע בליקן בודק געווען, באַטראַכט אײַנציקווייז די נאַקעטע שטאַרקע לײַבער פון רוטענער פּויערים, זיי איינעם נאָכן אַנדערן אָפּגעגעבן פאַר זעלנער צו דער פּוילישער אַרמיי און זיי באַלד אַוועקגעפירט, אונטערטרײַבנדיק מיט בײַטשלעך, ווי פערד וואָס מען האָט אײַנגעהאַנדלט אויפן יאַריד.

געבויגן אין דרײַען צווישן דער קופּע ייִדן אין ווינקל, וואָס האָבן דאָ געוואַרט אויף זייער רײ צו גיין זיך שטעלן פאַר דער קאָמיסיע, איז אויכעט געשטאַנען דער אַלטער חנא איצי דער מלמד. דער זקן איז געווען עפּעס אויסגעשמירט מיט ליים און מיט זײַן בלענד ווײַסער באָרד און פּאות, וואָס האָט שטראַליק אַרומגענומען דאָס אויסגעשפּיצטע פּנים מיטן הויכן ווינקלדיק צעאַקערטן למדן־שטערן, האָט זײַן אויסזען געהאַט די קנעכערנע אײדלקייט פון אַ פאַר־באָרגענעם צדיק. ער האָט אונטערגעהויבן ביידע אויסגעדאַרטע הענט, וואָס זענען געווען אַרײַנגעשטעקט אין די אַרבל פון זײַן צעריסענעם פּוטער, פאַר־גאַרטלט מיט אַ שטריק, פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זײַן שכן, דעם קראַנקן מנחם און מיט אַ שפּאַטיש צעשמייכלט האַלב פאַרמאַכט אויג, אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, מנחם, דו ביסט אויך דאָ? דער נעמט מען אויך פאַר אַ זעלנער? דו וועסט אויך גיין אין דער מלחמה שיסן? אַ טפו זאָל דאָס ווערן, משוגעים. אַ וועלט מיט משוגעים.

— אַזאַ שיינער זעלנער ווי איר זײַט, רב חנא איצי, ביז ער נאָך אויכעט, נישקשה, מיר מעגן זיך נאָך פאַרגלײַכן דעם רומעל... סיִדן מ׳וועט אײַך אָפּגעבן צו די דראַגונער... — ענטפערט מנחם מיט זײַן האַרבן האַלבן שמייכל, נאָר פאַרקרימט, ווי אַ ביסל באַליידיקט, בעת דאָס אויסגעצערטע פּנים, געל ווי וואַקס, איז געווען האַרט געשאַטנט פון דער צעקנאָדערטער באָרד און די קאַליע געריטלטע אויגן, לײַדנדיק פאַרטראַכט, ערגעץ אין אַנדערע וועלטן.

— טאַקע? וואָס גלײַכסטו עפּעס מער צו דיר? ער ביז דאָך עפּעס שוין אַ ייִד קרוב נײַנציק. ער האָב דאָך שוין ב״ה אויסגעגעבענע אור־אייניקלעך. אָבער דו, מנחם, ביסט דאָך נאָך אַ יונגערמאַנטשיק, כע־כע־כע, נאָדיר גאָר

אַזוינס אויף דער עלטער, האַ, וואָס זאָגסטו? מענטשן, טומס נאָר אַ קוק, ס'איז דאָך טאַקע קריעת ים סוף, איאַ? — און חנא איצי צעלאַכט זיך מיט זײַן דריבנע און קלוג געלעכטערל, צעשטראַלט אין אַלע פֿאַרמעטענע פּנים קנײטשלעך, וואָס בליִען, דוכט זיך, מיט פֿאַרבאָרגענע סודות פֿון הייליקע ספֿרים, בעת ער טוט שווער און ביטער שאָקלען מיטן גרײַז־גראָען קאָפּ, די יאַרמלקע ווי אַן איבערגעקערט ערדן שיסעלע, אָנגעוואַקסן אויפֿן שפּיץ־קאָפּ:

— היי, היי, שיין דערלעבט זיך, מ'שלאָגט אַלטע לײַט, מ'איז מבֿזה, מען ראַבעוועט, נו, אַזוינע צײַטן הײַנט האַ? פֿרעגט מען אַ שטייגער בחרם צי וואָס עד שטיי דאָ וואָס כ'טו דאָ, וואָס האָבן זיי צו מיר? כ'האָב געהאַלטן הײַנט אין דער פֿרי, נאָכן דאַווענען, פּונקט אין מיטן אויסקלעבן די שטוב מיט ליים, האָבן מען די זעלנער געכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט צום שטעלונג, אַפּנים, נאָך ווייניק זיך אָנגעליטן די לעצטע פּאָר יאָר פֿון דער מלחמה, ווייניק אָפּגעקומען? הערט איר, ייִדן, עד האָב מורא, אַז די מעשׂה הויבט זיך ערשט אָן, אַז ס'הויבן זיך ערשט אָן נײַע מלחמות מיט נײַע גזירות און נײַע צרות. מיר זענען ב"ה נאָך לאַנג נישט פֿאַרטיק. מי יודע וואָס ס'וועט זיך נאָך אָפּטאָן. די וועלט שפּילט זיך נישט מיט אונדז. געדענקט מענטשן, פֿאַרכט אײַך פֿאַר גאָט.

די ייִדן האָבן געשוויגן מיט פֿאַרקלעמטע אָטעמס, פֿאַראומערט און צונויפֿגעדרענגט אין פֿאַרטונקלטן ווינקל, ווי פֿאַרזונקען אין אַ בלינדן כמאַרע־גליווער.

צוויי זעלנער האָבן אַרײַנגעפֿירט איציק דעם שוחטס און ווי אַ זאַק ביינער אים אַ וואַרף געטאָן צום געזעמל ייִדן. בײַ איציקן זענען די פּאות געווען צעפּלאָנטערט פֿון שרעק, די באָרד ביסלעכווײַז אויסגעפּליקט און אונטער־געבונדן מיט אַ געלער פֿאַטשיילע. איין אויג איז געווען בלאָ אונטערגעשלאָגן, דאָס מויל צעקרימט פֿון יסורים. ער האָט זיך דערפֿרייט אומגעקוקט צווישן די היימישע לײַט, אָפּגעווישט דאָס פֿאַרבלוטיקטע פּנים, צורעכט געמאַכט זײַן הולד, שווער אָפּגעאָטעמט און ס'האָט ווידער אויפֿגעשײַנט זײַן גרויסער ביטחון אין דער נשמה. איציק, דער שטעטלדיקער ציוניסט און אַלמן, איז געווען אַ גלעזער. נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין גלאָז אַרײַנצושטעלן שויבן אין די אויסגעזעצטע פֿענצטער, האָט ער זיי פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך און נישט געקאָנט פֿאַרדינען אויף זײַן אָרעמער חיונה. מיט זײַן לאַנגער האַנט האָט ער באַלד געפּאַכעט אין דער לופֿטן און געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט זײַנע קלאָרע ווערטער, היציק און פֿאַרטראָגן ווי אין אַן אַנדערער וועלט, די גאַנצע פּאָליטיקע, וואָס ער האָט געלייענט אין דער ייִדישער צײַטונג, אַז ס'איז נישט קיין יושר, וואָס מ'נעמט די ייִדן צו די זעלנער, פּשוט, ווײַל מיר ייִדן האָבן דאָ נישט קיין פֿאָטערלאַנד, נאָר דאָרטן אין ארץ־ישׂראל, אין אונדזער מדינה. וואָס, למשל, האָבן געהאַט די ייִדן דערפֿון, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן פֿאַרן קיסער פֿראַנץ יאָזעף? דערנאָך האָבן די רוטענער זיי גענומען צו שלאָגן זיך אָקעגן די פּאָליאַקן. איצט נעמען אונדז די פּאָליאַקן זיך צו שלאָגן אָקעגן

די רוטענער. ווּו איז דער שׂכל, האָ? און וואָס וועט זײַן דער סוף? ער, איציק, זאָגט זײַנס, אַז די ייִדן דאַרפֿן מאַכן אַ נאַציאָנאַל־ראַט און פּראָ־טעסטירן.

— האָ, וואָס הייסט עפּעס דאָס? נו, ייִדן, זײַט נישט קיין פּחדנים, לאָמיר פּראָטעסטירן. לאָמיר שרײַען, לאָמיר פֿאָדערן אונדזערע פּאָליטישע רעכטע. מיר זענען אויכעט אַ נאַציאָן מיט אַן אייגן לאַנד אין ציון, וואָס די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט באַשטעטיקט בײַם פֿעלקערבונד. איר פֿאַרשטייט צי ניין? נאַט, שרײַבט אײַך אונטער, אָט אויף דעם פּאַפּיר, און גיט אָפּ די שטימע. עד בין דער פּרעזידענט, איר מוזט מיך וויילן מיט אַ שטים, וועלן מיר אַרײַנטראָגן דעם פּראָטעסט צום קאָמאַנדיר.

— שאַ נאַר, איציק, וואָס רעדסטו עפּעס, וואָס ווילסטו טאָן? הער נאַר, זאָג נאַר.

די עלטערע לײַט האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ דולן, אומגלייביק אַ הייב געטאָן אַן אַקסל:

— ווער, וואָס ווען?

פֿון זײַן „פּאָליטיקע” מיטן „פּרעזידענט” מיטן „פּראָטעסט” האָט געשמעקט מיט הוראות און פֿון זײַנע הויכע פֿרעמדע רייד האָט אַצינד, אין דער עת צרה, געוויעט מיט אומרו. ווער ווייסט וואָס איציק קאָן נאָך דאָ אָנאַרבעטן מיט זײַן פּאָליטיקע, עפּעס אַ נײַע גזירה, צי וואָס.

— ווייסער, אַ נעבטיקער טאָג, ס'וועט גאָר נישט העלפֿן, — האָט געזאָגט דער רויטער הערש מיט ביטול.

— ס'קאָן נאָך אַרויסקומען יענע מעשׂה. מ'וועט אײַנזעצן אַלע ייִדן אין אַרעשט און שוין — האָט ישׂראל עלי דער בעדער מורא געהאַט. — מען טאָר די גוים נישט זײַן צו גרוים אין די אויגן. ייִדן טאָרן נישט פֿאַרגעסן, אַז מען איז אין גלות. אוי, רבונו של עולם, — האָט געזאָגט ר' חנא איצי דער מלמד, זייער פֿאַרקלערט, מיט אַ טיפֿן זיפֿץ — משיח... משיח, צדקינו, — האָט ער פֿרום געמורמלט מיט בלייכע ליפּן, און פֿאַרכטיק גיך אַ פֿיר געטאָן מיט אַ דאַרער האַנט איבער די ווײַסע לאַנגע ברעמען־בינטן פֿון די פֿאַרמאַכטע אויגן, גלײַך זײַן פֿאַרהוילענער בליק וואָלט געבלענדט געוואָרן אין פֿײַער פֿון עפּעס אַ פֿלאַמיק־געליכטיקטער זעונג, וואָס קיינער קאָן נישט זען.

די יונגע לײַט אָבער, ווי וויל שווער פֿאַרהאַרטעוועט פֿון פּראַסטקייט, האָבן פֿאַרט מיט דרך ארץ געקוקט איציקן גלײַך אין מויל אַרײַן. זיי זענען געווען זעלנער אין דער עסטרײַכער מלחמה, זיי האָבן שוין געזען די וועלט, זיי זענען געווען אין גרויסע שטעט און זיי האָבן אַצינד גרײַלעך באַנומען דאָס גערעכטע וואָרט, וואָס איז וואַרעם געדרונגען אין האַרץ מיט דערהייבונג. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז איציק איז אַצינד דער מנהיג און זיי האָבן געפֿילט, אַז מען דאַרף אים געהאָרכן. אין זייערע לעבעדיק־צעגלאַנצטע אויגן האָט שוין געגליט די בענקעניש צו דער צוגעזאָגטער פֿרײַקײַט, פֿון ווערדיקן תּכלית אין

אייגנקייט פונעם לאנד כנען, וואס גאט האט פארשניטן א בונט מיט די קינדער פון ישראל צו ארבן, ווי זיי האבן געלערנט חומש אין חדר, און ווי איציק זאגט.

סענדער האט זיך האפערדיק אנגערופן מיט שפעטיש צעפלעמלטע אויגן:

— נו, גיכער, חברה, שרייבט אייך אונטער, גיט אפ די שטימען. אבי ס'קאסט נישט קיין געלט. איא, ר' איציק, הא? אומזיסט ס'בית המקדש מיטן ירדן... אן אייגן לאנד מיט א ווייַנגארטן, מיט פייַגנביימער, מיט באקסער און טייטלען, א מחיה, א מציאה פון א גנב, כ'לעבן. ס'זאל זייַן מיט מזל און ברכה און א גוטן פיטשאטעק.

ער האט ארויסגענומען פון קעשענע א שרייַבפען, א טונק געטאן דעם שפיץ אויפן צונג און דער ערשטער זיך אונטערגעשריבן אויף איציקס פאפירל, א ביסל ליצנותדיק צעווערטלט, נאר די געבויגענע נאז געריטלט פון גדלות. די איבריקע יונגען האבן געטאן דאס זעלבע, איינער נאכן אנדערן, מיט אן אונטערגעהויבענעם אקסל און הארטן שטערן. אויבעט זייַן טאטע מנחם האט מיט פייַערלעכער געהויבנקייט און זייער באדעכטיק אונטערגעשריבן זייַן נאמען. אפילו ישראל עלי דער בעדער און דער רויטער הערש האבן שוין אויבעט כמעט מיט גרויסע צעקרימטע אותיות, ווי קאטשערעס און לאפעטעס, אונטערגעשריבן זייערע נעמען אויפן פאפיר. חנא איצי דער מלמד האט געשאקלט דעם גרייַז־גראען קאפ מיט פארזארגטער ווארנונג, וואס האט הארב געשאטנט פון זייַן בלענדיק־ווייַסער באָרד:

— איי וואי קינדער, מ'שפילט זיך מיט קוויטלעך, מ'דארף וויסן זייַן, אז ביז וואנען ייִדן וועלן זייַן אין גלות, וועלן אונדז גויִים שלאגן און באגזלענען. ווער זאל זיך אננעמען אונדזער קריוודע, אז ס'זענען לויטער שונאי ישראל, אז ס'איז הפקר א וועלט? נאר גאט ברוך הוא קאן העלפן.

שלום בער האט געמיינט, אז חנא איצי וויל זיך דא אצינד באקלאגן פאר לייַטן, הלמאי מען האט אים עפעס געטאן שלעכטס. האט ער נעענטער זיך צוגערוקט און זיך אנגערופן מיט זייַן טיפן טרויעריקן ניגון־קול:

— הערסטו חנא איצי וואס עכל דיר דערציילן, עד האב תמיד געמיינט, אז דו ביסט א גרויסער חכם, ווארעם דו קענסט דאך לערנען תורה און ביסט זייער א פרומער מאן. צום סוף ביסטו גאר א שטיקל נאר, זאלסט מיר מוחל זייַן, וואס פרעגסטו עפעס קשיות, הא? הלמאי האט מען מעד איין מאל אין דער מלחמה באגנבעט, דעם דאך אראפ געריסן פון דער שטוב, צעבראכן מייַן אלטן וואגן, דעם פלויט אויסגעריסן. וואס זשע, עד בין ווייניקער יחסן פון דיר? ביי גאט זענען נישטא קיין מיוחסים. כל ישראל זענען ביי זייַן ליבן נאמען גלייַכע מחותנים. מסתמא, אז ער טוט אזוי, דארף אזוי צו זייַן, דו גייסט אים אין הימל פרעגן קשיות? ער ווייס שוין וואס ער האט צו טאן מיט זייַן פאלק ישראל, הערט איר מענטשן, פונעם רבין ר' משה לייב, דעם הייליקן סאסאווער, זכותו יגן עלינו, דערציילט מען גאר א שיינע מעשה:

אַז אַרענדאַר איז אַמאָל געקומען צום רבין מיט אַ גרויס געוויין: — ס'טיטש, רבי לעבן — האָט ער געקלאָגט — דער פּריץ הייסט זיך באַצאָלן הונדערט גילדענע רענדלעך אַז הוספה, אַ נישט וואַרפט ער מעך אַרויס פון דער קרעטשמע. ס'טיטש רבי לעבן, ווו זאָל איך נעמען הונדערט גילדענע רענדלעך, אַז עך בין אַן אָרעמאַן, אַ מטופּל מיט קינדער, קיין עין הרע. — שאַ — האָט געזאָגט דער רבי, בערל זײַ שטיל, פאָר בעסער אַהיים און זאָרג זעך נישט, גאָט וועט שוין העלפן, וועסט מצליח זײַן, הכלל...

בעת שלום בער האָט דערציילט די שיינע מעשה, האָט זיך די דעמבענע טיר פון דער גמינע אַלע מאָל געטאָן אַן עפן, מיט אַ גרינלעכן טראַסק און פּוילישע זעלנער, מיט צעבעסטע רויטע פּנימער, די ביקסן אין די הענט, האָבן אַרײַנגעשטויסן נאָך געכאַפּטע ייִדן, לייזער מיטן זון שײַקען, דעם שוואַרצן לייבע, דעם נגיד, זיינוול פּויטיקע מיטן זינדל פּײַביש און מעבל דעם סטאָליער. די ייִדן זענען שוין געשטאַנען ענגער צונויפגעדרענגט אין ווינקל אין אַ שוואַרצלעכן געזעמל וואַרטנדיק, אַליין נישט ווויסנדיק אויף וואָס. די צעקנאָדערטע בערד, קרומלעך אונטערגעהויבן, גלײַך זיי וואָלטן זיך גערעכט אויף עפּעס אַ ביטערן פּסק.

דער געדעמפּטער טומל האָט זיך שווער געקנוילט מיט בלינד-געטונקלטן גליווער, ווי אַ בלייערנע כמאַרע, וואָס האָט וויסט געהויערט אין די צעריי־בערטע גמינע־ווינקלען און שאַטנדיק געבלייכט די בלויזע, ווי פלאַקס-בלאָנדע קעפּ פון אַ קופּע רוטענער שקצים, צונויפגעטריבענע צום שטעלונג פאַר דער פּוילישער אַסענטירונג קאָמיסיע. ווי אין דער טיפעניש אונטער אַ גרינלעכן וואַסער האָבן זיי צונויפגעדרענגט געוואָרפן מיט די הענט, פריילעך געגוגערט מיט די טעמפּע, עקיק געריטלטע פּנימער, ווי אויסגעשמירטע מיט בלוט, געקנאַקט דיניע־קערלעך פון די קעשענעס, געשפּיגן מיט ווײַטן שפּריץ דורך די ציין, געפּײַפט מיט די לעפצן, צעהיצט געקהלט זיך וועגן זייער פּאָליטיקע און לאַכנדיק מיט צעהירזשעטע קולות, געשיט מיט צעוואָרטלטן ניבול פה, לויט זייער זאַפּטיק פאַרגרעבטן פּויערישן שטייגער און געפינענדיק זיך פּלוצעם אַזוי נאָענט מיטן געזעמל וואַרטנדיקע ייִדן, האָבן זיי דערווײַל פאַרגעסן די אייגענע מפּלה, שינאַהדיק־צערייצט געווונקען איינער צום אַנדערן מיט בייזע בלאָע אויגן, האַרטע, ווי פאַרשטאַכענע מיט בלאָטערס און געשפּעט.

— איי וואַי, זשידי כאַלאַמידי, אַרויס פון אונדזער מלוכה, דאַ פּאַלעסטיני. טו נאָר אַ קוק, די לייבסערדאַקעס, כאַ־כאַ־כאַ, זעלנער פאַר די פּאַליאַקן מיט יאַרמולקעס, אַ כאַלערע, אַזוי פיל זשידים, ציגײַנער... אי וואַי, מוישע, קווישע, בײַקעלע פּײַקעלע... פּעטליורע גייט, באַטקאָ פּעטליורע, ביק... ביק — און זיי האָבן אַ פיר געטאָן אַ פינגער איבערן האַלדז, ווי מען קוילעט מיט אַ מעסער. דערנאָך האָט מען זיך נעענטער גענומען צורוקן, אַ קניפּ געטאָן דעם אַלטן חנא איציין אין זײַט אַז עס האָט אים פאַרקלעמט ס'חיות, אַ שטויס געטאָן אײַזיק דעם שוחטס מיט אַן עלנבויגן, אַרויפגעטרעטן דעם רויטן הערש אויף

אַ פּוס, אַ האַק געטאָן מיטן קנאַפּל ישׂראל עליז אין קני, אַז ער איז בלאַס געוואָרן פֿון ווייטיק, אַ וואָרף געטאָן אומיסטן אײנער דעם אַנדערן אויף זאַנוועלע פּויטיקע, שיר נישט אויסהאַקנדיק אים די ציין און אים אַרײַנגעזאָגט אַזאַ מיאוס וואָרט אין פּײַן־צעקרימטן פּנים אַרײַן, אַז ער האָט אַזש פֿאַרמאַכט די אויגן פֿון ברענענדיקער חרפּה.

די דאָזיקע רוטענער שקצים האָבן דאָ געהאַט מער זיך וואָס צו שרעקן פֿאַר די פּוילישע הערשער ווי די ייִדן. וואָרעם די מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי און די פּאָליאַקן, וועגן זייער שטיקל לאַנד, מיזרח־גאַליציע און מען האָט געוווּסט, אַז דאָרט ווו די פּאָליאַקן זענען אַרײַן אין אַ שטעטל און פֿאַרכאַפּט די ממשלה, האָבן זיי זיך מיט די רוטענער שכנים ביטער גערעכנט. די פּאָליאַקן האָבן זיי געכאַפּט און אײַנגעזעצט אין די תּפֿיסות, גענומען זיי צום מיליטער, געמאַכט זיי פֿאַר קנעכט, דערנידעריקט און גערודפֿט. און וועלכער עס האָט אַנטקעגן גערעדט, יענעם האָבן זיי געשלאָגן מכּות רצח. ווער עס האָט ווידערגעשפּעניקט אַ באַפֿעל, האָבן זיי אים אָן שום מישפּט אוועקגעשטעלט אונטער אַ וואַנט און דערשאָסן. דאָס האָבן די רוטענער שקצים אַצינד גוט געוווּסט. פֿון דעסט וועגן אָבער, האָבן זיי, וואַרטנדיק אויף זייער פּסק, חשק געהאַט דערווײַל אַ ביסל צו פּײַניקן ייִדן.

אײנער פֿון זיי, אַ קלײנער שייגעץ, אַ הינקענדיקער, מיט אַ צעפּלעטשט נעזל, וואָס מיט די צוויי פֿאַריסענע לעכלעך אין דעם האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ צינערן קנעפּל, האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון די איבריקע. ער איז צוגעקומען צום געזעמל ייִדן, געשטאַנען אַ ביסל ווי פֿאַרגאַפֿט און געזוכט עפּעס, מיט זײַנע ווײַסע, שמאָל־פֿאַרקרימטע אויגן. ער האָט געפֿונען שלום בערס געדיכט־צעקנאָדערטע באָרד. דער ייִד האָט דערזען דעם שייגעצס שלעכטן בליק און ער האָט אַ ציטער געטאָן מיטן קאָפּ, גלײַך ווי אַ גיפֿטיקע פֿליג וואָלט אים אַ ביס געטאָן אויפֿן שפּיץ נאָז. דער שייגעץ האָט שווײַגנדיק און בייז צוגעשמייכלט, פּאַוואָליע אָנגענומען אַ ציפּל האָר פֿון דעם ייִדס באָרד, מיט איין האַנט, גלײַך ווי ער וואָלט זי געוואָלט פֿרײַנדלעך אַ גלעט טאָן. נאָר ער האָט בליץ גיך אַ צי־געטאָן, מיט אַ שטאַרקן ריס. שלום בער האָט זיך געטאָן אַ שאָקל און געגעבן אַ קרעכץ און בײַם שייגעץ איז דער ציפּל גראָע האָר געבליבן אין דער האַנט. ער האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. דערנאָך האָט ער דאָס אויסגעריסענע האָר־בינטל אַ וואָרף געטאָן דעם ייִד צוריק אין דער באָרד אַרײַן און אַ שפּײַ געטאָן אים אין פּנים. ער איז פּאַוואָליע אַוועקגעגאַנגען אונטערגעטענצלט און צוגעפּײַפֿט מיטן מויל, זייער צופֿרידן מיטן שפּיצל וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. די גױִים האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ הירזשענדיק געלעכטער פֿאַרמישט מיט פֿריילעכע קוויטשעלעך: — אַט אַ ווילער כלאָפּעץ, כאַ־כאַ־כאַ, דערלאַנגט דעם זשיד. פֿײַנאַ, פֿײַנאַ, אַ יאַקזשע.

שלום בער האָט אין דער ערשטער רגע נישט באַנומען וואָס דאָ טוט זיך עפּעס. ווי פֿאַרוווּנדערט האָט ער צעטומלט געדרייט דעם קאָפּ, מיט שטומען

צער געקוקט אין בלייכע פנימער, גלייך ער וויל עמעצ פרעגן צי ס'איז טאקע אמת וואס מען האט אים דא אנגעטאן? און ערשט א טאפ טוענדיק מיט דער האנט די באָרד און דערפילנדיק צווישן די פינגער נאס בלוט, האט אין זיין פארקלעמט הארץ א ברען געטאן דער ווייטיק און די חרפה, שווער און שטעכיק ווי דער שניט מיט א טעמפ מעסער. פארשווידערט מיטן גאנצן גוף פון גרימיקן פיין, האט דער ייד ארויסגעלאזט עפעס א האלב וויינענדיקן און האלב זינגענדיקן געשריי, מיט א מין פארכטיקן ימים־נוראימדיקן ניגון, אז ס'האט א גרויל געטאן אין דער נשמה פון פחד. ער האט שווער געטרעסעט דעם גראען קאפ מיט דער שווארצער יארמלקע און אונטערהייבנדיק א זייט פון דער צעריסענער באָרד, וואס האט אצינד אויסגעזען ווי אן אונטערגע־פליקטער פליגל פון א געיאגטן פויגל, האט ער זיך מיט הילכעדיקן געבייזער צעשריגן אויפן שייגעץ, אין רוטענער לשון און מוראדיק געפאכעט מיט א שווער געביילטן קוליק ווי א שינאהדיק פארהאקטן סענק אהין, צו דער קופע גויים:

— העי, דו, חזיר מארדע, אז א רוח אין דיין ה... מאמען אריין, דו מיאוסער שרץ, דו גייסט אן אלטן יידן רייסן די באָרד? דו ווייסט ווער איך בין? איך בין א הינגער באלעבאס, איך האב דא געלעבט און אפגעהארעוועט אלע מיינע יארן אין דעם שטעטל. מיין זון, פיני, האט מען צוגענומען אין דער מלחמה אריין; ער איז געווען א בעסערער זעלנער פון דיר, ער האט מלחמה געהאלטן פארן קייזער און איז געפאלן טויט אויפן שלאכטפעלד. און ווער ביסטו, עפעס איינער אזוינער, דו ממזר? וואס גייסטו מיר אויסרייסן די באָרד, הא? א דונער וועט דיך דערשלאגן, דיך און דיין טאטן. יא, יא. קום נאר אהער, איך צעמאל דיך דא מיט מיינע הענט, כאטש איך בין אן אלטער מאן און דו ביסט א יונגער הונט.

אויף שלום בערס האריק באוואקסענעם האלדז זענען די אדערן אנגעלאפן מיט צעכעסטן בלוט, ווי שווארצע שטריק. זיין נאז איז געווען רויט פון גרימצארן ווי א פייער־זייל. ער האט ארויסגעשטעלט א שווער באשטיוולטן פוס און אפירגעבויגן זיך א זאמירע געטאן צום שייגעץ, שווער און עקיק, ווי ארויסגעהאקט אין דער לופטן, מיט יענעם געוואלטיקן כוח וועז ער פלעגט א מאל, אין די יינגע יארן, אונטערהויבן א פערד אין מארק, ארומקלעמענדיק דאס מיט די דעמבענע הענט, די פינגער אונטערן בויך צונויפגעפלאכטן. א שווערער בהלה־שרעק האט א שטויס געטאן די צענויפגעדרענגטע קופע יידן אין ווינקל. מען האט געמיינט, אז שלום בער וועט זיך כאפן שלאגן מיט די גויים און ס'האט ווי א פלאקער אונטערגעטראגן זיך אנצונעמען פאר דעם ייד. דער ערשטער פון די יונגען איז געווען יאסל, זיין טאכטערס חתן, וואס האט זיך גאר א שפאר געטאן, געשטעלט זיך מיט ווייט געשטרעקטע הענט, פון דער אנדערער זייט האט זיך ארויסגערוקט זיין ברודער סענדער. הינטער די פלייצעס איז געווארן א שווערער גערודער, ווי אין א צעשטורעמטן וואלד.

ס'האָט זיך באַוויזן שײַקע לייזערס מיט אַן אונטערגעהויבענעם אַקסל ווי אַ געזימס פֿון אַ מויער. פֿינצטער און דראָענדיק האָט זיך אונטערגעהויבן דעם שוואַרצן לייבעס שווערער, באָרדיקער קאָפּ, ווי בײַ אַ ביק, גרייט צום גרײַלעכן שטויס. משה יאָנקל מיט זײַן ברודער נחום און אַלע יונגען, וואָס אויף זייערע פּנימער האָט זיך בלייך און רויט געמאָלט צער און צאָרן, האָבן זיך געשטופּט פֿאָרויס מיט גרימיק צעפֿײַערטע אויגן און ברומענדיקע קולות ווי אַ צוגעדישעט דונערן. יאָסל מנחמס האָט זיך פּאַוואָליע גענעענטערט צום הינקענדיקן שגץ. דער יונג האָט אויף אים גרימיק אַ נויג געטאָן זײַן שאַרף אויסגעצוימט קנעכערן פּנים און דערלאַנגט אים אַזאַ גיכן זעץ מיטן קוליק צווישן די אויגן, אַז יענער איז אַוועקגעפֿאַלן ווי אַ קלאָץ צו דער ערד. ס'האָט זיך ווי אַ צעשטורעמטע בערע אַ הויב געטאָן אַ טויב צעליאַרעמטער טומל מיט צעקײַכט פֿאַרקנוילטע געשלעגן. אין וויסטן לײַבער־געפֿלעכט האָבן די גויִים צעקוויטשעט געשריגן, ווילד געריסן זיך צו די ייִדן מיט רויט־צעכעסטע פּנימער. די ייִדן האָבן געפֿאָכעט צו זיי מיט די געבײַלטע קוליקעס, די בערד פֿאַרקנאָדערט, האַרט ווי אײַזן און ס'האָבן זיך שינאהדיק־צעפֿלאַמט געטראָגן די קולות און זילזולים:

— זשידי פֿאַרשאָלטענע, אַלע אויסקוילען. — עשׂו גנבֿ, וועסט האָבן אַ פֿינצ־טערע מפּלה. — אין דײַן געפּגרטן טאַטן אַרײַן. — אין דײַן ה... מאַמען אַרײַן — המנס אויער — חזירישע מאָרדע. — ייִד ציגײַנער — חם סראַק — ס'האָט אַ הילך געטאָן אין צעברויזטן געטומעל אַרײַן דער געשריי פֿונעם פּוילישן קאָמאַנדיר מיט אַ שאָס פֿון זײַן פּיסטויל איבער די מענטשן־קעפּ צו דער סטעליע:

— שטיל זאָל זײַן, פּשיאַקרעוו! כ'וועל הייסן אײַך אַלעמען דערשיסן. צו דער כאָלערע! ציכאָ־אָ־אָ! שאַ!

די פּוילישע וואַך־זעלנער האָבן צוריקגעשטופּט די געזעמלען פֿון גויִים און ייִדן, געהאַקט מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן אין זייערע פּלייצעס, איבער די הענט און פֿיס און קוים אײַנגעשטילט די צעכעסטע צעפֿלאַטערטע און ענג פֿאַרקנוילטע קופּעס מענטשן.

— נו, יהודים, צו וואָס טויג דאָעס? האָ? איר ווילט אײַך טאַקע דאָ קריגן מיט די דבֿר אחרם? — האָט שטיל געמוסרט דער נגיד זאַנוועלע פּויטיקע מיט זײַן ווייכן רויִקן קול — בעסער מאַכט אַ שווײַג און שלינגט אַראָפּ, ס'איז נישט אַמאָליקע צײַטן בײַם קיײַזער פֿראַנץ יאָזעף. טוט נאָר אַ קוק זייער בייזע גבֿורה, מיט די ביקסן און שפּיזן. וואָס וועט מען פּועלן? איר ווילט חלילה פֿאַראומגליקן אַ שטאָט?

— אָבער דאָך. ערגעץ אַנדערש איז מיט ייִדן נאָך ערגער. די רוצחים מאַכן פּאָגראָמען — האָט חנא איצי דער מלמד אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן.

— יא, יא, מען איז היינט אין עשום הענט — האט ישראל עלי געביטערט בלייך, פארקרימט און צעשויבערט.

— נו, נו, מען האט שוין געהערט די מעשה רב ישראל עלי, ווייסעד וואס, מ'טאר זיך נישט לאזן שפייען אין פנים. מען דארף די כאמעס ברעכן א ביין — האבן צעהיצט שרייענדיק געטענהט די יונגען זייערס און נישט געקאנט זיך בארויקן און שוין איינגעשטילט א ביסל נאך אלץ געזאטן מיט גרימצארן און נקמה־דורשט אין אלע אברים.

דערווייל איז דארט אויבן אז ביים טיש פון דער קאמיסיע ווייטער אנגע־גאנגען דאס שטעלונג. די נאקעטע, לאנגע לייבער פון די רוטענער שקצים האבן זיך נעפלדיק געוויגט אין צערייכערטן טונקל, ווי די בערעזענע ביימער פון זייערע שטובן, די פעלדוועגן און זומערדיקן אוונט־שאטן.

די פאליאקן ערשט נעכטן אליין דערנידעריקטע קנעכט פון פארהאסטע הער־שער האבן שוין היינט, באפרייטע שטאלצע פריצים, געהערשט מיט דער זעלבער אכזריות פון זייערע נעכטיקע הארן. פינצטערע בלוטדורשטיקע בליקן האבן געשפילט צווישן די שונאים, וואס זענען געשטאנען פנים אל פנים. אלע האבן זיי אצינד געהאט די זעלביקע בייזע אויגן ווי די וועלף פון זייערע טיפע וועלדער, די געשפיצטע באקנביינער געריימלט מיט א פעט גלאנצל פון זעט און עשירות. בלויז די וואנצן זענען ביי די עלטערע גויים געווען אנדערש; די פאליאקן האבן זיי געטראגן גאוודיק ארויפגעדרייט אונטער דער נאז, ווי די הערנער און די רוטענער אראפגעלאזן איבער די מויל־ווינקלען, ווי צעפלאכטענע צעפ, בלאנד ווי דאס שטרוי פון זייערע פעלדער.

— פעטרי באלאטשין, אהער גיי! — האט א שנייד געטאן דער רוף פון א נאמען, וואס טוט א גרים מיט א שרעק־קעלטל אין הארץ צו הערן באלד אויסרופן דעם אייגענעם נאמען אין קלעם פון דער פיין. דער הינקענדיקער שייגעץ, דער זעלביקער וואס האט ערשט נאר וואס פון גרוים גדולה א פליק געטאן שלום בערם בארד, איז צוגעגאנגען א נאקעטער צום טיש.

דער פוילישער קאמאנדיר טוט דארט גריילעד א פרעג דעם רוטענער שייגעץ אין פוילישן לשון און ס'פינקלען גאוודיק די מעשענע קנעפ אויף זיין ברייטער ברוסט:

— ווו ביסטו געווען נעכטן? פאר וואס האסטו זיך נישט געשטעלט צו דער אסענטירונג קאמיסיע, דא?

— יא ביל סלאביי (איך בין געווען קראנק) — ענטפערט אים יענער אין זיין אייגן אוקראינער לשון.

א האנט האט זיך גיך א הייב געטאן, א קורצע געפלאכטענע לעדערנע בייטש האט שארף א פייף געטאן אין דער לופטן, איבערלאזנדיק איבערן שייגעצס פנים, איבערן האלדז, איבער דער ברוסט, ביז אראפ אויפן נאקעטן בויך, א בלאע בלוטיק אנגעלאפענע קישקע פון צעשונדענער הויט. דער

שייגעץ האָט הייזעריק און ווי פאַרחידושט אַ קוויטשל געטאָן: — אָר־וואָ־וואָ־אַ יאָקשע... שטאַ קאַזאַטע (וואָס זאָל ער זאָגן) ?

דער קאָמאַנדיר האָט ווידער געפרעגט די זעלבע שאלה, אין פּויליש לשון, מיט אַ מוראדיקן גליווער אין זיין גיפטיקער רויקייט:

— גדזיע טי ביל? (וווּ ביסטו געווען) נעכטן, דאָ?

— יאַ ביל סלאַביי.

ווידער האָט די בייטש אַ פייף געטאָן מיט נאָך שטאַרקערן שמייס אויפן שייגעצס צווייטן העלפט פנים, ביז איבערן אייבערשטן האַלבן גוף, מיט שניידיקן לאַנגן פּאַס, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג.

באַדאַרפט האָט ער זאָגן דעם זעלבן תירוץ נאָר אין פּוילישן לשון: „יאַ ביל כאָרי". (איך בין געווען קראַנק). אין אַנהייב האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען. זיין צעשונדן פרצוף איז ווי ביי אַ געשלאָגענעם כלב געווען פאַרשפּיצט פון טעמפּן ווייטיק, אַן שכל. נאָך די דריטע שלעג אָבער, ווען דאָס צעדמטע לייב האָט אים שוין געהיצט ווי אַ שריפה, איז ער דאָס געוווירע געוואָרן. נאָר צו להכעים דעם שונא האָט ער נישט געוואָלט דינען דעם פרעמדן האַר און דווקא געשריגן דעם פּזמון אין זיין אייגענעם לשון און מיט צערייצטער רציחה האָט שוין דער הערשער מיטן בלוטיקן בייטשל געקאַטעוועט דעם קרבן. דער גע־שמיסענער שייגעץ איז דאָ געשטאַנען אַ צעקיילטער און צעביילטער פאַרגאָסן מיט היים בלוט, מיט אַ צעשונדן פרצוף. ער האָט געשריגן מיט פאַרקריצטע ציין פון זיין פאַרקרימטער מאָרדע, וויסט און גריילעד צעקייכט, געדעוועט אין אַ קול, מוראדיק און פרעמד געגעפּלט דאָרט, אין פאַרטונקלט־צערודערטן געזעמל, אַן אַ טעם, עפּעס ווי אַ שווער פאַרקנוילטער באַדרענג פון ביזן חלום, האָט דאָס אויסגעזעזן.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן די רוטענער פאַרעקשנט נישט געוואָלט ענטפערן אין פּוילישן לשון און איינער נאָכן צווייטן זענען זייערע נאַקעטע לייבער צעשונדן געוואָרן פונעם קאָמאַנדירס בייטשל וואָס האָט שוין היים געטריפט פון בלוט און שאַרפער געפייפט איבער די קעפּ מיט אַ גריילעד קוויטשל, ווי אין אַ פאַרהאַקטן שטורעם־ווינט.

צאַרנדיקע קללות און פאַרגרימטע געשרייען האָבן היים געזעצט פון דעם פינצטערן ווינקל אויבן אַן ביים גמינע טיש. ס'האָט דאָרט ווי אין די טיפעניש פון אַפּגרונט דעמפּ געזאָטן מיט צעפייערטער שינאה, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן פון בלוט און כּוח.

— טאַקיי ני קאַזאַט (דווקא נישט רעדן אין פּויליש), ווען אַפילו דער פּאָליאַק זאָל דערהרגענען. אַ נעכיי שלאַק טראַפי — האָבן די רוטענער פּויערים בייז געשפּיגן און געשנייצט די נעזער מיט געטרומייטער אין צוויי פינגער אַריין.

די צונויפגעדרענגטע עלטערע יידן אין די יאַרמלקעס האָבן אין זייער ווינקל געקוקט אויף דער מאַטערניש מיט בלייכע פּנימער פון רחמנות, ווי ווייל מען איז שוין פון לאַנג אַן געווען צוגעוווינט צו אַלע פּורעניותן, נאָר זיי האָבן

פאַרט נישט געקאָנט דאָ היינט פאַרשטיין די גאַנצע מעשׂה. חנא איצי דער מלמד האָט ביטער געשאָקלט מיטן גרייז גראָען קאָפּ און באַקלאָגט די וועלט, אַז עס איז משיח צייט. דער שלאָפער מנחם האָט זיך שווער צעהוסט פון צער און מעכל דער סטאָליער וואָס אים אַליין האָט מען אָפּגעשניטן אַ צעשאָסענע האַנט אין דער מלחמה און דער לײדיקער אַרבל האָט געשטעקט אין דער קעשענע פון זיין געלאַטעטן ראָק, איז געווען אַצינד בלאַס ווי די געקאַלעכטע וואַנט:

— ער קאָן נישט זען קיין בלוט — האָט ער געזאָגט שטיל — ס׳לאָזט זיך מיר אויס ס׳חיות. טוט נאָר אַ קוק, אַ שעכט־יאַטקע.

זיינע אויגן זענען געווען געכפּלט און זיין באָרד האָט אַנגסטלעך געציטערט. ער און מנחם האָבן זיך שוין גענומען אַרויסרוקן מיט דער דעה צו גיין בעטן דעם קאָמאַנדיר דאָס ער זאָל רחמנות האָבן אויף מענטשלעכע באַשעפעניש און זיי אויפהערן אַזוי מוראַדיק צו פייניקן. נאָר ר׳ זאַנוועלע פּויטיקע האָט הינטער די פּלייצעס געוואָרנט מיט זיין שטילן ברייטן ניגון־קול:

— אַי, יהודים, מישט אייך נישט אין פרעמדע עסקים. איר ווילט כאַפּן אַ חלק? האָטס אַ נקמה און מאַכטס אַ שוויַג. זאָלן זיי זיך אָפּדרייען די קעפּ, וואָס אַרט אייך, אַבי מען פאַרגעסט אונדז. ס׳זענען אַלע גלייכע רוצחים. די, יענע, אַלע, אַלע.

די יונגע אָבער, וואָס זייערע געמיטער זענען ביי די זעלנער אין די מלחמה־יאָרן געהאַרטעוועט געוואָרן אין דעם פייער פון לייבלעכע יסורים און געשטאַרקט דעם ווילן פון אייגנקייט, זענען בלב ונפש געווען ביי דעם עסק: זיי האָבן די רויטענער רעכט געגעבן. זיי האָבן פאַרשטאַנען דאָס עקשנות אַקעגן שׂונא. שייקע לייזערס האָט אַפילו צעשמייכלט אַ פיר געטאָן מיטן דיקן פינגער אונטער דער נאָז און אַרויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ פון לויטער גבֿורה און גדלות, ווי אַ פעלדז.

— איי וואַי, קינדער — האָט ער געזאָגט — מעד וואָלט ער באַדאַרפט אַזוי שלאָגן דער כּלבֿ, וואָלט עד אים אַריינגעוואָרפן מיטן קוליק אין די אויגן אַז ער וואָלט דערזען די עלטער־באָבע זיינע, הערט איר מענטשן, עד האָב אַמאָל געפּאַטשט אַן אָפיציר, ביי דעם מלחמה־פראָנט, אין סערביע, האָט ער אויסגעשפּיגן צוויי ציין און אָפּגעקרענקט זעקס וואָכן אין שפּיטאָל. כ׳האָב אים אויסגעדרייט אַ פּום פּונעם ת...

סענדער האָט אים גיך אַ טאָרע געטאָן מיט אַ שטויס אין זייט און איבער־געשלאָגן די באַרימערישע רייד:

— זיי שטיל שייקע פּייפער. לאָמער בעסער זען וואָס ס׳טוט זיך עפּעס. ייִדן, געוואַלד, כ׳האָב מורא מ׳וועט אונדז נאָך אַלע דאָ היינט גוט אָנברעכן די ביינער, אַז ס׳וועט גיין אַ רויד. די פּריצים זענען שוין דאָרט באַלד פאַרטיק מיט די רויטענער גויים, אַצינד וועט מען זיך מסתּמא נעמען צו אונדז. ייִדן, פאַלגט מעד און גרייט באַצייטנס אַז דעם ה... וועט מען אייך אָנצימבלען

וויפֿל ס'וועט אַרײַן. יאָ, יאָ. ס'איז טאַקע לא טוב, כ'לעבן. — מאַכט סענדער צעטראָגן מיט אַ ביטער שמייכעלע פֿון ווילערישן אָנשטעל.

ס'איז געווען די שאַרף אָנגעצויגענע רגע פֿון סכּנות נפֿשות ווען דער גורל שוועבט מיט בלינדער שווערקייט אין דער לופֿטן, גלײַך אַ האַק וואָלט געהאַנגען אויף אַ האָר איבערן קאָפּ און די גאַנצע וועלט איז וויסט אָנגעפֿלייצט מיט פֿאַרהוילענעם פֿײַער, וואָס ברענט די נשמה מיט טעמפּן קלעם און נאָגט ווי אַ גיפֿטיקער וואָרעם אין דער טונקעלער טיפֿעניש פֿון פֿאַרגליווערטן אָטעם. ווי וויל סענדער איז בטבֿע נישט געווען קיין פּחדן און דווקא ליב געהאַט דעם מענעריש געהויבענעם רייצגעפֿיל פֿון אָוואַנטורעס און סכּנות און תּמיד געגאַרט צום האַרבן שׂכר פֿון ווילערישער באַרימונג, זענען אָבער אַצינד זײַנע פֿריילעך צעוואָרטלטע אויגן געווען גרינלעך געשאָטנט פֿון עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענעם שרעק נעפּל.

גרײַלעך באַדרענגט, ווי אין אַ כּאַפּשטײַג, האָט דער יונג מיט אַלע וואַכע חושים, וואָס האָבן פּלוצעם פֿאַרשפּיצט געפֿינקלט אין זײַן צעבליצטן בליק, אַצינד געפֿלאַנירט, גענישטערט און געזוכט אַן אויסוועג אַנטרונען צו ווערן פֿון איבריקע יסורים און מעגלעכן טויט, ווי דעמאָלט אויף די פֿײַערדיקצעדונערטע שלאַכטפֿעלדער, אונטערן קוויטשיקן האָגל פֿון פֿליִענדיקע קוילן און צעגליטע אײַזן־שפּענער, ווען ער איז געווען אַ זעלנער אין די פֿראָנטן פֿון דער עסטרײַכער מלחמה. וואָרעם וואָס איז דאָ די קונץ צו ווערן אַ קאַליקע, צי גאָר אין גאַנצן אַנידער צו לייגן דעם קאָפּ פֿאַרן רוחם וועגן? געהרגעט ווערן קאָן אַ יעדער אָקס און גיין אין דר'ערד אַרײַן פֿאַרזוימט מען קיין מאָל נישט. ווייסעד דאָרט וואָס. די גאַנצע חתונה טויג אויף כּפּרות. אַז אין גאַנצן האָט ער, דער קרעפּקע ווילער יונג, תּמיד האָפֿערדיק ליב געהאַט זײַן געזונט און דאָס לעבן און זײַן האַרץ האָט כּסדר פֿריידיק געלעכצט צו געניסן פֿון זײַן יונגשאַפֿט. ער איז געווען געניט אין געשלעגן גוט באַהאַוונט אין אַלע שפּיצלעך צו אַנטרינען פֿון געפֿענגענישן, קריכן דורך שטעכיקע דראָטן, אײַנצושטעלן דאָס לעבן, כּדי צו געווינען די פֿרײַקייט. ס'האָט אים טאַקע תּמיד צוגעשפּילט ס'מזל, ער איז ניצול געוואָרן פֿון אַלע טויט־סכּנות און תּמיד אַרויסגעדרייט זיך מיט גאַנצע ביינער פֿון אַלע שווערע באַדרענגען פֿון זײַן געפֿערלעכן וואַנדל אין געוואַגטע מסחרים און דערצו נאָך אָפּט מיט הצלחה.

נאָר וואָס טוסטו, טאָמער גערעכט אַמאָל נישט דער עסק און פֿאַלסט אַרײַן גלײַך אין דער צרה, און דו מוזט טאַקע אויסשטרעקן די קאָפּעטעס, אַז אַ האָן וועט אַפֿילו קיין קריי נישט טאָן, האַ? קיין קוויטל האָט נאָך קיינער בײַ גאָט נישט אַרויסגענומען. סײַדן דו וואַגסט נאָך אַ מאָל דעם שפּיל מיטן שׂטן און שטעלסט ווידער אַ מאָל אײַן דעם קאָפּ אין קאָן און מאַכסט אַ קונץ.

— נו, חבֿרה, וואָס אַ שטייגער טויג מיר דאָ שטיין ווי אַ גולם און דאָ וואַרטן ווי אַן אָקס אויפֿן פֿריץ מיטן לעדערנעם רײַט־בײַטשל (ס'איז געפֿלאָכטן

מיט דראט), אז ער זאל מיר צעטרייבערן ס'גראשל, הא? מ'דארף זיך בעסער ערגעץ גיכער א פארע טאן און אים אנפייפן א פגר. לאזט נאר מעד.

און נאך איידער עמעץ האט צייט געהאט זיך רעכט אומצוקוקן, האט זיך דער יונג מיט שטיל־שלייכנדיקע טריט, ווי א פעלד־חיה, שלענגלדיק א לאז געטאן צו דער טיר. דארט טוט ער זיך געניט א דריי און ווי נישט אומיסטן דערלאנגט ער אזא שטארקן שטוים מיטן אויסגעשפיצטן עלנבויגן דעם זעלנער אין בויך, וואס שטייט דארט מיטן אנגעלאדענעם ביקס אויף וואך, אז יענער ווערט איינגעבראכן אין פארחלשטן בויג, מיטן קאפ ביז צו דער ערד. בליץ־גיך טוט סענדער א כאפ דעם אייזערנעם ריגל, א פראל מיט דער געעפנטער טיר, און ער ווערט נעלם.

פון דרויסן טוט א זעץ א בייזער געטומל מיט גערעמפטע געשרייען און קללות, לויפנדיק־צעפויקטע טריט פון געקאוועטע שטיוול, ס'הילכט עטלעכע מאל דאס טרוקענע קנאקן פון גיכן שיסעריי און ווי א חתן אונטער די ארעמס, פירן צוויי זעלנער צוריק אריין סענדערן אין דער גמינע, טוען אים א טלום צו די יידן אין ווינקל און גוגערן צעיאכמערט:

— געכאפט דעם פויגל, נא, צו דער כאלערע. אנטלויפן וויל ער גאר פון דאנען. נו, ווארט, ווארט, מ'וועט דיר שוין געבן א פארציע, אז וועסט האבן צו גערענקען. די הויט וועט מען פון דיר שינדן. פשיאקרעוו, זשידי.

סענדער איז בלייך און צעקייכט פארסאפעט. ער האט אריינגעכאפט שווערע קלעפ אין די זייטן. ס'בלוטיקן אים די ציין, ס'איז אים צעביילט דער שטערן און א האלב פנים פארגאסן מיט היים בלוט. הארב שמייכלט ער מיט צע־קרימטע לעפצן, א ביסל פיינלעך פארשעמט, נאר פארט פריילעך צעווערטלט, מיט א שארף גלאנצל אין שווארץ אונטערגעשלאגענעם אויג, ווי אין א געשפאלטענעם שפיגל:

— נו, מילא, — מאכט ער, אפווישנדיקן מיטן טיכל ס'בלוט פונעם מויל — איז לא געפידלט. האט ער נישט געטאנצט מיטן בער... ווי דער פסוק מאכט, אז ס'גייט נישט גלייך פארט מען קרום. אבער געטאן זיינס האט ער, איא צי ניין?

— יא, יא, סענדערל ממזר, ווגע דען, האסט א טריף מזל, ביזט אפגעקומען מיט שיע פיע. מעגסט הייסן געבן בראנפן אויף א לחיים.

ביי זיין טאטן דעם שלאפן מנחם איז טאקע שוין פארשניטן געווארן ס'חיות פון שרעק און ער איז אצינד צופרידן צו זען דעם זון ב"ה א לעבעדיקן: ער וועט מעגן שבת אין שול בענטשן גומל, סענדער, נאר לייזן וועט ער ערשט פון אים א פסק אין דער היים. מנחם בייזערט זיך מיט שטרענגן ווארעניש אין זיין שווערן אטעם, נאר מיט פארבארגענעם גדלות אין די צעאקערטע זארג־קנייטשן פונעם געל אויסגעצוימטן שטערן, אז סענדער זאל נישט זיין אזא ווילער יונג און נישט איינשטעלן ס'לעבן, ווייל מען קען אים נאך

אויפגעפירן ערגעץ און אײַנזעצן אין אַרעשט, צי גאָר דערשיסן, חלילה. און ווער טוט עפּעס אַזאַ ווילדע זאַך, סײַדן אַ משוגענער.

יאָסל, דער ברודער, קוקט אויף אים מיט ביטול, הלמאי ס'איז אים נישט געראָטן דער ויבֿרח און חבֿרה יונגען נעמען שפּעטן אויף זייער שטייגער:

— האַ־האַ, געטראָפן מיטן רעכטן פּוס, ווי אַ בלינד פערד אויפן בוידעם.

— גאָט איז אַ פאָטער, אַז ער גיט נישט אַ מכּה, גיט ער אַ בלאָטער.

— וואָסי די מעשׂה סענדער? האָסט פאַרגעסן צו קושן די מזוזה?

— אַרײַנגעכאַפּט אַ שמײַס, איז גאָטס און דײַנס, ונאמר אָמן.

— נו, נו, מענטשן, האָטס רחמנות און ציט נישט קיין אָדער, וואָרעם מיט אַ שטיקל מפּלה איז פון דעסט וועגן קיינער נישט באַוואָרנט — האָט געזאָגט סענדערס חבֿר משה יאַנקל דער גראָבער און זײַן קײַלעכיק פּנים מיט די קליינע אײַנגעבעטע אויגן איז געווען אַצינד ברייט צעשמייכלט, ווי אַ פולע לבֿנה.

# דער טאָג

אין אָנהייב פֿאַלט אויף דער נאַכטיק געטונקלטער וועלט אַ טיפֿער גליווער פֿון האַרבן באַגינקעלטל, גלײַך דער פֿאַרהוילענער ליכטאַטעם פֿונעם באַשאַף האָט אַ שוועב געטאָן מיט שווערן פֿליגל־געוויג פֿונעם בלייך געבלויטן שפּראָץ אויף טאָג.

ווי אימהדיקע ריזנקעפּ ווערן אַנטפּלעקט די גראָ־פֿאַרהילטע געבערג־קופּאָלן הויך דערהויבן אונטערן שטערן־פֿאַרבלאַסטן הימל־קײַלעד און פּאַוואָליע נידערט דער בלייכער טוינעפּל אַראָפּ צו דעם שאָטנדיק־פֿאַרדרימלטן ערד־געשפּרייט. ער איז אַזוי געדיכט און דעמפּיק באַלאָדן, אַז ער באַדעקט ווי אַ טײַך דאָס טונקל־פֿאַרקנוילטע געוויקס פֿון גרינסן און ביימער און די באַפֿלאַנצטע טאָלן. עפּעס אַ שטומער גערייזל איז דאָרט פֿאַרבאָרגן אין דעם לעבעדיקן געווימל. ווי מיט פֿאַרשמאַכטע לעפֿצן זייגן דאָס חיות פֿון גרעזער און בלעטער, כאָפּטעם און פֿעלדגעפֿלאַנץ די פּערלדיקע ראָסע־טראָפּנס, ביז זיי ווערן פֿאַרגאָסן מיט פֿרישער נעץ ווי מיט רעגנפֿלייץ. די פֿרוכטן זענען געזעטיקט מיט יוירנדיקע זאַפֿטן. דאָס געשפּראָץ בויערט זיך און וואַקסט פֿון די צעווייכטע ערדקרישלען און די דאָרשטיקע ערד ווערט פֿאַרפֿול אָנגעטרונקען מיט הימל־ראָסע ביז אין טיפֿסטן וואָרצל־געפֿלעכט פֿון איר באַפֿרוכפּערטער טראַכט. אין בלאָלעכן שאָטנטונקל פֿון דעם פֿאַרטאָגיק געבלייכטן נעפּל־געברייי לויכט אַ טריבער געשימער, גלײַך די ערדשפּעלטלעך זענען אָנגעזאָפּט מיט אַ פֿעטן געפֿלים. עס איז קיל און מאַט־ווייס ווי מילך און ערטערווײַז איז עס גילדן־ברוינלעך און קלעפּיק, מיט אַ זיסן טעם, ווי האָניק־זיים. אַלץ העלער ווערט די געטונקלטע גראָ־קייט פֿאַרמעקט מיט גרינלעך בלאַסן ליכטשײַן און די דערוואַכטע ערד שיילט זיך אַרויס פֿונעם נעפּלדיק צערייכערטן שלײַער־געהיל, ווי אַ גע־

צײַטיקטע פֿרוכט פֿון אַ שאַל. זי אָטעמט פֿריש און האַרב פֿאַרשמעקט מיט ווײַן, אתרוג און געבלי און ווי די ברכה פֿונעם פֿאַרשניטענעם גאָטבונד גייט אויף אַ זייל פֿון געווירציקן געדעמפֿעכץ צום הימל.

די געצוימטע שטילקייט איז נאָך ווי פֿאַרוועבט מיט די גרייזלעכע ווידער־קולות פֿונעם נאַכטיק פֿאַרשוועבטן שאַקאַל־געיאָמער אין די פֿעלדער, און אין שוואַרצן געקרייז פֿון די ביימער־שאָטנס הענגט דער אַלטער געברום פֿון די נאַכטסאַוועס פֿון כנען. ווי אַ פֿאַרכטיקער סוד פֿאַרזינקט דער לעצטער חושך־קנויל אין די אָפּגרונטיקע טיפֿענישן פֿון די פֿאַרצײַטיקע שטייניק־צעפּרעסטע לײדיקע ברונעמס און איבערן מוראדיקן געהייער פֿון די פֿעלדזיק פֿאַרהאַקטע געבערגוועגט נעמט פֿלימערן אַ פֿײלעך־געריטלטער אָפּשײַן. ווי קליינע פֿייגל מיט פֿערלדיק־צעוויגטע פֿליגעלעך טראָגט זיך אין נידעריקן געפֿלי דער גרינלעכער הײשעריק איבער די געל־געבלייכטע מידבר־זאַמדן. דער ווײַטער ים־געשפּרייט ליכטיקט מיט בלאָ־געטיפֿטן וואַסערשפּיגל ווי אײַנגערעמט אין זילבעריק־געטונקלטן נעפּל־געפֿלאַטער און דער מיזרח־הימל ווערט געצונדן מיט רויזרויטן פֿײַערגלי.

אַ שמאָלער זילבערשטרײַף שנײַדט זיך אַרויס ווי אַ שווערד אין געשאַרפֿטער הימללענג. אין זײַן מאַטן גלאַנץ־שימער פֿאַרלעשן די לעצטע נאַכטשטערן. דער בלייך־געבלויטער הימלקײַלעך בלײַבט מיד אָפּגעלײדיקט, ווי פֿאַרצערט פֿון שוועדן געבער און דער אײַנזאַמער מאָרגנשטערן גייט אויף גרויס און שטראַליק צעפֿינקלט ווי אַ בליציקער דימענט נאָענט באַהעפֿט אין די קילע זילבער־אָרעמס פֿון דעם שאַרף פֿאַרשפּיצטן לבֿנה־האָרן, ביז וואַנען זיי פֿאַרגייען אין איינעם, פֿאַרכאַפּט אין רויט צעפֿײַערטן בלענד פֿונעם זון־אויפֿגאַנג, פֿאַרבאָרגן הינטער די בערג.

מיט אַ יעדער רגע ווערט דער רויז צעגליטער מיזרח־ברעג טיפֿער פֿאַר־וואַקסן מיט בלאָלעך ברענענדיקע וואָלקן־קוסטעם ווי עפּעס אַ יענעוועלטיק צעבליטער פֿײַערגאָרטן. די פֿײַערן גיסן זיך איבער אין שטראָמיקן געפֿלייץ פֿון גרינלעך גילדענע און פֿײלעך רויטע שאָטן־פֿלאַקערס. געוועלבטע פּערפֿלזיילן קרײַזן ווי פֿלאַמיקע רעגן־בויגנס און זיך פֿאַרפֿלאַכטן אין צע־פֿײַערטן געבליץ פֿון דעם צעגליטן געווערבל. און פֿאַרבאָרגן אין געהייכטן בלענד פֿון קלאָרסטן געשטראַל, אַז אַ צייכן, רוט אַ פֿאַרכטיקער אָפּגלאַנץ. בלייכע ליכטסנאָפּעס ווי דין פֿאַרצוויגענע געווימלען פֿון ווײַסגעהילטע געשטאַלטן זענען אויסגעטיילט אין בלייכן הימלבלאָ אַרום דעם רויט צע־גליטן מיזרח־ברעג. זיי זענען לאַנגע און דאַרע ווי פּאַלמעביימער, מיט געקרײַזלטע לאָקן־קעפּ, פֿרום אויסגעצוימטע, בלאָסע פֿייגל־פּנימער, רויטע קרעלן־פּיס און דרײַ פּאָר פֿײַערפֿליגלען אויף די אַקסלען, באַדעקט און שוועביק־געשפּרייט, ווי אין אײַפֿעריקן געאײַל פֿון ערפֿאַרכטיקן דינסט. און עפּעס אַ רעש פֿון פֿאַרצוקטע קולות ווי פֿון צעברויזטע ליבגעזאַנגען איז פֿײַערלעך פֿאַרטראָגן אין דעם חלומדיקן וועלטשווײַגן פֿונעם גרינלעך־רויזן זונאויפֿגאַנג. די פֿײלעך געבלייכטע וואָלקנבערגלעך זענען שוין פֿאַרצערט

אין גלי פֿון געל געטונקלטן אַש־פֿאַרשיט, ווי פֿאַרקלערט אין טיפֿן ניגון־געברום פֿון אומענדלעכע באַגערן, און דער לעצטער רויטער מיזרח־שטריַף ווערט דערלייזט ווי אַ לאַנג פֿאַרצויגענער יובל־געשאַל אין גנאַדיקן באַהעפֿט פֿון די געלאָשענע פֿיַערן. דער קלאָר־געבלויטער הימל־קיַלעד איז שוין ריין און ציכטיק געליַיטערט, מיט קוים אָנזעכטיקע סימנים פֿון וויַסע וואָלקן־פֿעדעם פֿאַרוועבט, ווי מיט אַ זילבער־בעזעם אויסגעקערט.

די ערשטע שטראַלן פֿון דער אויפֿגעגאַנגענער זון טרעפֿן ווי גילדענע שפּיזן די נאַקעטע קופּאָלן פֿון די גראָ־געשאָטנטע יהודה־בערג. זיי ווערן ווי גענעענט און צעפֿלעמלט מיט בליציקע גלאַנצן, אַז ס'זעט אויס ווי די קרוין פֿון דער וועלט צום הימל דערהויבן און געהייכט איבער די געבערג־קופּאָלן ווי פֿאַרשווּמען אין בלאָ־בלענדיקן הימל־ים, שוועבט גרויס און שוואַרץ דער איַינזאַמער אָדלער, אַז אַ באַוועג, גליַיך ער הענגט אַזוי אין דער לופֿטן.

פּאַוואָליע פֿאַלן די שאָטנס אין גרינגן געפֿלאַטער ווי פֿיילעד געבלויטע שליַיערס פֿון די שטייניק געבייַכטע געבערג־שיפּועס, ביז וואַנען זיי בליַיבן נאַקעט רויז געליכטיקט אין געטיפֿטן בלענד פֿונעם זוניק־צעגלאַנצטן פֿרימאָרגן־בלי.

וואָס העכער די זון ווערט דערהויבן אין לויטערן הימלבלאָ, אַלץ קלענער ווערט זי און שאַרפֿער צעשפּיזלט מיט וויַסן פֿיַערגלי און ווי אַ בליציקער דימענט איַינגעפֿאַסט אין גרינלעך גערייטלטן שטראַלנרינג, וואָס פֿעכלט ווי אַ צעוויגט פֿיַערראָד מיט געציקטע בליאַסקן איבער די בלאָלעד־רויזע געבערג־קופּאָלן, און ס'דאַכט זיך, אַז גילדן־געפּאַנצערטע חיילות מיט בליציקע שפּיזן זענען דאָרט בלענדיק פֿאַרטראָגן אין מוראדיקן שטריַט־געווערבל פֿון וויַט־פֿאַרקלונגענע מלחמה־געטומלען.

דער זילבעריקער זוננעפּל ווערט גיך אויסגעוועפּט און די געבערג־שיפּועס בלענדן מיט די פֿאַרציַיטיק־לײדיקע טעראַסע־גערטנער, רונד איבער אָנאַנד פֿאַרצויגענע און צירלעך שטייניק־וויַיס באַצוימטע ווי פֿאַרלאָזענע מערמל־טרעפּ, חלומדיק אין זיך פֿאַרקלערטע, וואָס פֿירן ערגעץ אויף צוריק, אין דער פֿאַרהוילנקייט פֿון פֿאַרשוועבטע געציַיטן.

אַנגעוואָרפֿענע שטיינער־הויפֿנס הויערן פֿאַרגראָבן אין די זאַמדן און געטורעמט אין דער הייך, פֿאַרוואַקסן מיט זיַיטיק־שאַרפֿן שאָטנשניט אין בלאָ־וויַסן זונבלענד. זיי זענען מוראדיק גרויס, ווי אַרויסגעריסענע פֿעלדזן, עקיק געטעסעטע און שפּיציק פֿאַרריסענע, דאָ גלאַטיק אָפּגעריבן פֿון ציַיטן און געוויטערס, דאָ שוואַרץ צעפֿרעסן פֿון עלטער, שטיקער צעבראָכענע דיקע זיַילן און פֿאַרהאַקטע פּרצופֿים, אַז ס'זעט אויס ווי חורבות פֿון צעשטערטע שטעט מיט צעשמעטערטע מזבחות און אַנגעוואָלגערטע קעפּ פֿון געטשן און ריזן מקדמונים. אַ פֿאַרבאָרגענער כּוח בלייכט פֿון די שטיינערהויפֿנס, גליַיך ס'איז אין זייער טיפֿעניש פֿאַרהאַקט די לאַסט פֿון מעשׂים און וווּנדער פֿון דורות.

גרינע שלענג שלייכן אין שמאלן שטיינגעשפאלט און דער קליינער שוואר־
צער סקארפיאן קריכט זייטיק בייז מיט זיינע שארפע שערנעגל, דעם גיפט
שטעכער באהאלטן אין זיין הינטערטייל.

זילבעריק געפלעקטע עקדישלעד לויפן איליק צעפעכלט מיט לאנגע דינ־
פארשפיצטע פיילן־שווענצלעך איבער די זוניק הייסע שטיינקאנטן. זיי
בלייבן דארט זיצן אויף נידעריקע בויכלאפקעס, מיט צירלעך אונטערגע־
הויבענע קעפלעך, פארטייעט, אז א ריר, ווי טויט, נאר זיי לאקערן מיט
שווארץ גערייטלטע דימענט־אייגלעך, גלייך זיי זעען די גאנצע וועלט. אין
דער געטיפטער קלארקייט פונעם זוניקן ליכטבלענד ווערט אין געהייכטן
פלימער איבער די רויז געבלויטע יהודה־בערג זילבעריק־ווייס צעשטראלט
א דערהויבענער וועגטגעביי. עס איז ווייט אויסגעברייט אונטערן הימל,
שמאל־שטאנדיק געלעכערט, באהאנגען מיט שטייניק־געשניצטע געזימסן
און הויכע זיילן. לאנגע פאלמעביימער זענען געבויגן איבער די קופערנע
צעשימערטע קופאל־דעכער, גלייך ס'איז דארט פלוצעם אנטפלעקט די
פראכטיקע שטאט מיט אירע ווייס־צעבליצטע מערמל־פאלאצן און אין מיטן,
דערהויבן ווי א צעפייערטער בארג, גלאנצט דער גילדענער דאך פונעם
מיקדש. המונים לייט, מיט זון געברוינטע פנימער, ווי געשניצטע פון קופער,
געהילטע אין בלא־ווייסע געוואנדער, די קעפ באקראנצטע מיט בלומען און
זאנגען, וואנדלען דארט אין קילן שאטן פון די צירלעכע מערמלזיילן. זיי
טראגן אויף אן אקסל פולע קערב מיט צייטיקע פרוכטן, גרויסע הענגלען
וויינטרויבן, אתרוג און מילגרוים, סנאפעס ווייץ אויף אן ארעם. זיי שטייגן
גרינג, ווי אין חלומדיקן געשוועב, אויף ברייטע הויך דערהויבענע ווייסע
מערמלטרעפ, פארכאפט אין אידעלן פריידגערויש פון פייערלעכן לויב־
געזאנג, צעוויגט אין העלן געשאל פון לאנגע זילבער־שופרות, פרום פאר־
קלערט אין שטילן געברום פון פארבענקטן צימבלגעקלאנג, הארב פארשמעקט
אין זיסן גלוסט פון גערייכערטע געווירצן, און ס'פינקלט אין געטיפטן
פארכטגלאנץ די גרויסע גילדענע מנורה.

אין ווייטקייט, אונטערן בלא געגעפלטן הימלברעג, ווערן די נאקעטע געבערג־
קעפ פארשווונדן אין בלייך גערייטלטן לופטשימער; און אין נאענטן
געשפאלט פון די אריבערגעהאנגענע פעלדזנוועגט, ווי פארשטיינערטע ברע־
מענבינטן פון שטרענגע זקנים, וואס היטן זייער אייגן געביין, טונקלען די
היילן פון די הייליקע קברים. אינעווייניק, אין טיפן שאטן־געוועב פון אלטער
גראקייט, פלאטערן חלומדיק צעבליטע צווייגלעך זונליכט, גלייך די נשמות
פון נביאים, מלאכים און גיבורים פלעמלען דארט אין פארהוילענעם אטעם
פון געאייביקטן לעבן.

גרינע וועלדלעך נידערן פון די באפלאנצטע געבערג־שיפועס צו די טאלן. די
רויטע דעכער פון די געבערג־דערפער זענען פארבארגן אין דער שאטנדיקער
ביימער־געדיכטעניש ווי שוועמלעך אין גראז. לאנג פארצויגענער הענער־
געקריי פלאטערט ווי א רויטער שנור אין די טונקל באגרינטע געבערג־הייכן,

און ווייבער, אין געבלימלטע קליידער, גייען פאוואליע מיט דער שמאלער ווייס שטייניקער סטעזשקע פונעם ווייטן ברונעם. זיי זענען מעוברת, מיט הייכע בייכער אויסגעשפיצטע און זיי טראגן אויף די שווארצהאריקע קעפ פולע קריג וואסער, די הענט צירלעך־זייטיק אנגעלענט, געשטרעקט און צעוויגט ווי אין טאנץ. זיי גרעגערן מיט גיכע רייד, די שווארצע אויגן צעפינקלט און מיט בליציק־ווייסע מילער ציין אין די ברייט צעשמייכלטע פנימער. אין דער לופטן שוועבט א וואלקנדל טויבן. אלע מיט א מאל טוען זיי זיך געגנידערט א וויג מיטן זוניקן ווייס־צעבליצטן פליגל־געפאד און ווערן ווידער דערהויבן, גיך פארשווומען, אין בלא געהייכטן הימלבלענד. מאגערע קינדער קלעטערן אויףביימער. זיי רייסן פון די באבלעטערטע צווייגן קליינע גרינע גערייטלטע יאגדעפרוכט. זיי שרייען מיט האלדזיקע קולות ווי פייגל און זיי עסן די זיס־זויערע פרי מיט געזעטיקטן פריידגעווימל. פון ערגעץ טראגט זיך דער אייזערנער געקלאנג פון שטיינער־האקן, וואס פארזינקט נאך טיפער די בלאלעך צעגלאנצטע שטילקייט אין די זוניק געליכטיקטע ווייטקייטן. בארג ארויף, מיטן שמאלן פעלדזיק ארויסגעהאקטן שיפוע־וועג, קומט אן א מאן רייטנדיק אויפן רוקן פון א דאר אייזעלע, פון פארנט באלאדן מיט צוויי גרויסע שווער אריבערגעהאנגענע זעק משא. מיט א האנט האלט זיך אן דער מאן פון אונטן ביים אויסגעקראכענעם ווידל און זיינע לאנגע בארוועסע פיס באריִרן באלד די וועגשטיינער. פלוצעם בלייבט דאס אייזעלע שטיין, דער קאפ אראפגעלאזט, ווי פארגליווערט אין שטומער עקשנות. דער מאן טרייבט עס מיט בייזע קוליק־זעץ אין בויך. ער שרייט און שלעפט עס מיט אלע כוחות ביים ווידל, גלייך ער וויל עס אונטערהייבן, נאר דאס אייזעלע טוט זיך נישט קיין ריר פון ארט, ווי טויט. פאוואליע הייבט עס אויף דעם דארן קאפ, עס טוט א טרעסע מיט די לאנגע אויערן און פון דער זייטיק־פארקרימטער מארדע, מיט די דיקע לעפצן, פארהייבן איבער די גרויסע, קרומע ציין, ווי עפעס אין א גריילעכן געלעכטער, לאזט עס ארויס א מוראדיקן ליארעם־געשריי, דעמפיק אפגעהאקט און שווער צעכריפעט, מיט באפייפטע ביי־קולות ווי פון צעריסענעם אינגעווייד, געשטיינערט אין צעגארטלטן געדריידל מיט צעכליפעטער קלאגעריי ווי אנגעוויטיקט מיטן צער פון דער וועלט און שטילער געצוימט, מיט ביטער צעאטעמטע זיפצן, ווי מיט באדעכטיקטע מוסר־רייד — און עס ווערט באלד אנטשוויגן. דאס אייזעלע גייט זיך שוין ווייטער זיין וועג פאוואליע, מיט שטיל פארדרימלטע טריט, די גרויסע אויגן פארטראכט ווי אין עפעס א הארבן סוד און דער קאפ ווידער אראפגעלאזט, גלייך ס'איז ברוגז מיט דער ליכטיקער וועלט.

די זון הענגט העכער, קלענער און ווייסער צעגליט אין בלייכן בלא געטיפטן דרום־הימל. גרין באוואקסענע תבואה פעלדער, זאמדיק פארוויסטע כאפטעפעלדער זענען מילד געגנידערט און געבערגלט געשפרייט איבער די זוניק געליכטיקטע טאל־ווייטקייטן. די ווייסע באוויז־הייזער פון אנגעווארפענע

יִישובֿים לייכטן צעפּעכלט פֿונעם טונקעלן ביימער־גרינס ווי זילבעריקע שטיינער־הויפֿנס פֿון אַ קלאָרן וואַסער־שפּיגל. דער הייסער זונפֿלייץ האָט שוין אין גאַנצן אויסגעטרונקען די נאַכטיק פֿאַרגאָסענע ראָסע־נעץ פֿונעם גרינעם געוויקס. נאָר פֿאַרבאָרגן אין הויכן געפֿלאַנץ פֿינקלען נאָך דימענטענע ראָסע־טראָפּנס. דאָס העלע קרייטעכער־גרינס איז אַזוי זאַפֿטיק געדיכט צעוואַקסן, אַז עס האָט עפּעס אַ שטילן מערבֿיקן גערויש און אַ בלאָלעכן שאָטן־שימער אויפֿן האַרטן, טונקעלן בלעטערגרינס פֿון די פֿרוכט ביימער איז געפֿלעקט אַ פֿעטער זונגלאַנץ, ווי מיט בוימל באַטריפֿט. אין דעם גרין געקרײַזלטן געצווײַג פֿון די קורצע פּרדס־ביימער גליט די העל־רויטע מאַראַנצן־פֿרוכט ווי גילדענע קעפּ. און דער איידעלער אתרוג שימערט מיט אַ גרין־רויזן שאָטנהויך. איבער דעם ענג־פֿאַרפֿלאָכטענעם געפֿלאַנץ פֿון די ווײַנגערטנער לאָגערט אַ הייסער זוניקער שטראַלנשטויב, אַז די שווערע העל גרעלע און טונקל־גערייטלטע טרויבן־הענגלען זענען ווי פֿאַרוועבט אין אַ זילבעריק־צעגלאַנצטן שלײַער־געפֿלאַטער. ווי שורות שוואַרצע ליכט ביי די וועג־ברעגעם זענען געשטרעקט אין דער הייך די שמאָל פֿאַרשפּיצטע ציפּרעסן־ביימער. העל ברוינע טורטלטויבן וואָרקען אויף די לאַנגע גרין צעפּעכערטע פּאַלמעביימער, אין שאָטנדיקן בלעטער־געפֿלעכט פֿון די ברייט צעצווײַגטע פֿײַגנביימער נעסטן די גרין־געל און רויט־געשפּרענקלטע זינג־פֿייגל. די פּראָסטע גראָע שפּערלפֿייגל זענען צעפֿלויגן אין זונליכט מיט בלאָלעך גערייטלט פֿליגל־שימער און זיי פּיפּסען מיט אַ ניגון אויף די דינע געל־צעבליטע צוימען־ביימלעך, וואָס שמעקן מיט האָניק און זענען באַפּלאַטערט פֿון ווײַסע און רויט געפּינטלטע שמעטערלעך און מיט די לענגלעכע, פּערלדיק־צעשימערטע וואַסער פֿלִיערס. בלאָלעך־שוואַרצע שוואַלבן טראָגן זיך צעפּײַפּט מיט צעוויגטן געשוועב אין ווײַס זוניקן לופֿטבלענד און די גרויסע גרין־געפֿלעקטע וואַנדערפֿייגל, מיט רויטע קעפּטשיפּלעך, וואָס קומען געפֿלויגן פֿונעם ירדן, פּיקן מיט קורצע שנעבל די פֿעטע גרינע ווערעם־קריכער אין די הויכע ווערבע ביימער בײַ די ברעגעם פֿונעם ירקון־שטראָם. די קליינע גראָע דיק־באַפּעדערטע קייצלסאָוועס ברומען ברוגזדיק אויף דאַרע געבֿויגענע פֿעלדביימער און גלאָצן פֿאַרטראַכט מיט זייערע שוואַרץ געבלענדטע גרויסע, רונדע אויגן־אַפּלען. די צירלעכע, ווײַס־געשטרײַפּטע שטעלצפֿייגל לויפֿן צעטענצלט אויף זייערע דינע פֿיסלעך מיט צעהיפּטע לאַנגע שווענצלעך איבער די פֿעלדער. זיי פּיקן די שוואַרצע ערדזשוקעס, די רויטע זאַמדקלעמער און די בלייכע פֿיילעך־גראָע גראָזשפּרינגערס. שוואַרצע קראָען, וואָס קומען צו פֿלִיען פֿון די סדום־בערג, האָבן אַ בלאָלעכן גלאַנץ־שימער, זיי שרײַען מיט אַ קורצן לויטערן געיעגרוף און זיי כאַפּן און פֿרעסן דעם לאַנגן, גרינעם הײַשעריק אין געהייכטן און גענידערטן געפֿלי.

אין זוניקן ווײַסן פֿלימער פֿונעם שטיל פֿאַרטיפֿטן טאָגבלענד בלִיִען די בלומען פֿון ווילדן קוסט און געפֿלאַנץ מיט שאַרפֿן ברען פֿון העל־רויט און טיף רויז, העל־געל און פֿיילעך טונקל־בלאָ מיט מאַט־ווײַס און פּערפּל־גלי.

שוואַרער פאַרשמעקט, ווי דאָס האַרט ווײַסע גלעקל־נעבלי פונעם אתרוג־פרוכט, און מילדער געזיסט, ווי דער געלער שטערן־נעבלי פונעם פעלד־רומיאַניק. צעפלעמלט צווישן כאַפּטעס און גראָז, דערנער און זאַמדן, הינטער די שטיינערצוימען און וועגבערגעס, ווי אַרויסגעשפּראָצט פון פאַרוויַעטע טריט־סימנים פון די אָבות, בליט דאָס קליינע פערפל־רויטע מאַנבלימל, ווי אַ קיל פייַער־בעבערל אויף זיַין דינעם גילדענעם שטענגל. עס איז איידעלער פון דער בלייכער פעלדליליע און צירלעכער פון דער רויטער רויז פון שרון. די העל־גרין צעוואַקסענע צירביימער מיט שמאָלע דין געהעקלטע ציטער־בלעטער בליִען געהייכט מיט רונדע קעפּ פון רויז־רויטע בלומענבונטן, ווי זוניק צעגלאַנצטע קופּאָלדעכער; און איבער ווענט און צוימען־געפלעכט איז ענג פאַרצויגן דער דאַרער געצוויַיג פון קורצע קנאָדערביימער מיט טונקל־פיילעכע בלומענקנוילן, ווי שוואַרע הענגלען טרויבן־פרוכט. דער דאַרער ריטלבוים, אַז בלעטערגרינס, לייַכט דערהויבן אין זונבלענד מיט קליין געפליגלטן העל־בלאָען בלימל־נעבלי, ווי צעוויגט מיט לעבעדיקע פלאַטער־לעך — און אין געטונקלטן בלעטערגרינס פון נידעריקע גאָרטן־קוסטעס זענען קיל צעפּיַיערט די שמאָלע פּערפל־רויטע גלעקלבלומען מיט געציקטע שוואַרצע צינגלעך, ווי פון שלענגלמיַילער. מיט בלייך־וויַיסן געקנויל, ווי אַ גענידערטער וויַיסער וואָלקן איבער פאַרוויסטן פעלדגעשפּרייט, בליט ווי אַ שיגעון, מיט ביטערלעכן גיפט־ריח דער ווילדער כאַפּטע־קימל, אַזוי געדיכט פאַרוואַקסן אין פלאַנטער פון שטעכיקן ריטלדאָרן, אַז ער פאַרצערט די ערד. די שרצים וויַיכן פון אים און די פייגל מיַידן אים אויס אין דערשראָקענעם געפלי. ווי אַ וואַלד פון גרינע מנורות מיט פאַרבויגענע אָרעמס, וואַקסט דער דיסטל־דאָרן אין גאַנצן באַדעקט מיט דריַיעקיקע, שאַרף שפּיציקע שטע־כערס. ער איז צעבליט מיט קליינע, געלע בלומען־קעפּלעך, ווערט וויַיס פאַרדאַרט, מיט טויט־בלייכן גלאַנץ, ווי באַשטראַלט מיט לבֿנה ליכט. דער אַלטער סאַברע־דאָרן גרינט אַ גאַנץ יאָר אין זיַין שווערן, צעקרימטן גע־פלעכט מיט פאַרשטיינערטן וואָרצל־געקנאָדער. ער שפּרייט דיקע, גרינע הענט, אַנגעוואַקסן איינע אויף דער אַנדערער, מיט זילבעריק צעבליצטע נאָדלשטעכערס און מיט קורצע, דיקע פרי־פינגער, צעבליטע מיט האַרטע, טונקל־געלע בלומען קריינדלעך. גילדן־צעשימערטע בינען זשומען פון זיי דעם קלעפּיקן האַניקזאַפט. דער מידבר־דאָרן וואַקסט פאַרוואָרצלט אין די זאַמדן מיט גראָ־גרינלעכע דינע שטענגל־צוויַיגלעך, ווי פאַרפלאָכטענע שלענגלנעסטן, וויַיד־האַריק־שטעכיק, און אין גאַנצן צעבליט מיט לילאַ־געריטלטע שטערן־בלימלעך, ווי פאַרוועבט אין שאַטנדיקן געגריַיזל פון באַשטענדיקן בלאַלעכן פיַיער־פלימער.

נאָר דער געמיינער כאַפּטע־דאָרן באַקומט אַ בייזן ברי אין זיַינע שאַרפע שטערן־שטעכערס, זיַין גרינלעכער געפלאַנטער ווערט שטויביק פאַרדאַרט און דער גילדן צעפלעמלטער היצנעפּל פון דער וויַיס צעגליטער דרום־זון לאַגערט אימהדיק־באַשווערט מיט האַרבן מידבר־אָטעם אויפן בלייך פאַרשמאַכטן

פעלדגעוויקס. דאס גראז וויאנעט אין די שפיצן און דער ווילדער האבער ליגט זיך מיד, מיט געלן שטרוישימער. די ביימער פארלירן דעם קארגן שאטן און די פייגל זענען באהאלטן אין פארשטומטן גליווער פון די דאר־פארקנוילטע קוסטעס. די ערד ווערט גרא און פארטריקנט, הארט ווי געשטיין, זאמדיק גערינצלט, ווי אן אלט פנים, און צעלעכצט מיט צעקרימטן געשפאלט, ווי מיט דארשטיק צעעפנטע מיילער: וואסער, וואסער. נאר אין מיטן פון דער טונקל־אנגעפלייצטער ים־בלאקייט פלאמט א בלענדיק ווייסער קיילעך מיט זילבעריק צעווייגטע כוואליע־שפיגלעך געשפרענקלט, ווי א צעבליצטער געלעכטער אקעגן דער שפּיזלדיקער, הויך צעפייערטער דרום־זון.

א געלער אויסגעמאגערטער שאקאל לויפט מיד־צעקייכט פון מיזרח קיין מערבֿ. זיין צויטיקע פעל איז ווי צעפלימערט מיטן פיילעך־זוניקן געשפינסט פון די שווארצע און רויטע געשטיין־אדערן אין די פעלדזיק געלעכערטע ווענט פון די סדום־בערג און זיינע גרינע אויגן זענען בלינד גענעפלט מיטן טיפן בלא־געשאטנטן טויטאטעם פונעם ים־המלח. פון זיין שמאלער וועלפּי־שער מארדע הענגט ארויס א לאנגע דארשטיק רויטע צונג, ווי פארשטומט אין פחד פון זיין גריילעכן נאכט־געיאמער און דער דיק־האריקער פוקסווידל איז באהאנגען מיטן זילבעריק צעפלעמטן ברען פון די מידבר־זאמדן. דער הונגער דארט זיין אינגעווייד ווי א שטעכיקן דארן און אלע טויערן פון רחמים זענען פארשלאסן אין בלייכן הימלבראנד. די קליינע, ווייס־צעגליטע דרום־זון לויפט אים נאך איבערן גענידערטן און געבערגלטן מידבר־געשפרייט, און זי ווארפט אים אויפן קאפ שארפע גערייטלטע פייערפיילן. ערגעץ אין היציקן גליווער פון דער זאמדיק־שטייניקער וויסטעניש האט זיין פארטריקנטע נאזדרע אנגעשמעקט דעם דעמפן ריח פון לעבעדיקן אטעם. ער בלייבט שטיין אויף א נאקעט־געזילבערטן בערגל־קופאל, פארכאפט, אז א ריר, ווי אויס־געהאקט פון קופער, דעם שפיזיקן רויבערבליק פון די גרינע אויגן באגיריק פארבויערט אין נאענטן טאל־גענידער. דארט איז געפלעקט א טונקל געווימל פון מענטשן, שווארץ פארשפיצטע געצעלטן און פיד. אין מיטן רייכערט א פייער מיטן בייסיקן ריח פון אייזלמיסט, זייטיק דערווייטערט פיטערן זיך א הירדל געלוואליקע שעפסן, ציגן, שווארצע ווי פעך, א געהארבטער קעמל און א מוילאייזל. זיי צופן שטיל, ווי פארדרימלט, דאס זאמדיקע מידבר־געוויקס, וואס האט א זאפטיקן געפּלים אין די דארע שטענגל־בלעטלעך. א הויכער מאן, דער פאסטעך, געהילט אין א לאנגן, דיקן, שווארצן מאנטל, אן ארבל, דאס טונקעלע זוניק־אפגעברענטע פנים פארשלייערט מיטן ווייסן קאפטוך, באצירט מיט רויטע שנירן און מיט א לאנגן שטעקן אין זיין האנט, היט געטריי די טשערעדע, ווי חלומדיק פארקלערט אין פארטראגענע געצייטן פונעם זילבעריק־צעפלעמלטן מידבר־בלענד.

דער שאקאל טוט א גרים מיט דערווארגענעם צער. ער קערט זיך אום און ער נעמט ווייטער לויפן, איינזאם און ווי פארלוירן פון דער וועלט, אונטערן בלייך־געבלויטן הימלבערג פונעם צעווייגטן מידבר־גלי, ביז ער קומט אן אין

געקילטן ים־אטעם פונעם דרום־מערבדיקן ווינטערבלאז, מיטן ברעג פון א גילדן צעשימערטן ווייט־געענידערטן גערשטן־פעלד.

יונגע ליים, זוניק־געברענטע, אין קורצע בלאע הייזלעך און ווייסע דינע לייבלעך, מיט ברייטע שטרויהיט אויף די קעפ, קאסען די תבואה און זאמלען איין די סנאפעס אויף וואגנס מיט געשפאנטע מוילאייזלען. וויטער איז פארצויגן א זאמדיקער וועג צווישן געשאטנטעביימער־שורות. עס הייבט זיך אויף א געביל פון הינט, א געליארעם פון עופות און קולות פון קינדער. שווארץ־ווייס געפלעקטע רינדער מיט גרויסע פולע אייטערס, שווער אראפ־געהאנגענע צווישן די פיס, פאשען זיך אין הויכן געדיכטן הייפעלד ווי פאר־טרונקען אין א גרינעם טייך.

דער שאקאל מיידט אוים דעם ישוב מיט די ווייסע ווינהייזער און ער לויפט זייטיק פון א שמאל וואסער שטראמל, פארבארגן צווישן גרינע קוסטעס. ער גענעענט באדעכטיק מיטן גראזיקן ערדאפשיט צום וואסער און ער שלייכט מיט יאמערדיק־פארדישעטן אטעם־געכריפ פון שרעק און גלוסט אין געדיכטן גרינס, ביז וואנען ער געפינט א געזיכערטן ברעגארט און ער טרינקט לאנג מיט דער צונג די קילע נעץ, אזש ס'ווערט אים פול דער איינגעפאלענער בויך און די אויגן ווערן ווידער געשארפט מיט גרינעם מערדער־גלאנץ פון זיין זיידן, דעם וואלף. דערנאך נעמט ער זיך גנבענען, שטיל, אן אטעם, איבערן זאמדיקן דארפוועג און מיט דער חכמה פון זיין אנדערן זיידן, דעם פוקס, פארווישט ער מיטן דיק־האריקן ווידל, פון אונטן, די טריט־סימנים פון זיינע לאפעס. ער פארבארגט זיך אין נאענטן זאמדגרוב פארקנוילט אין קילן שאטן און לאקערט אויף נאכטרויב.

א בארדיקער ייד פירט דעם אקער, געשפאנט צו א מוילאייזל, איבער א ווייט שטיק פעלד אין נאענטן טאל און זיין זון גייט נאך און ווארפט די זריעה. פייגל שוועבן איבער זייערע קעפ, לאזן זיך אלע מאל אראפ אויף די פריש־צעגראבענע גרודעס און פיקן מיט די שנאבלס ערדווערעם און שרצים. די ליים זענען בארוועס, אין צעריסענע פלודערן, און זיי זענען באוואפנט מיט געווער, אנגעגורט אויף די פלייצעס. זיי ריידן עברית מיט א האלדזיק־פארשלונגענעם ניגון. אויף זייערע געברוינטע פנימער ליגט דער אפשיין פון דער געררייטלט־צעגראבענער ערד, וואס שפראצט שוין מיט גרינס אונטער זייערע פוסטריט. זיי נעמען ארום מיטן בליק דאס ווייטע שטיק צעאקערט פעלד פון דער שווערער טאג־מי, און די שווארצע אויגן זענען באגלאנצט מיט דער היימלעכער פרייד פונעם ארבעטיל. די ערד איז טרוקן, זאמדיק צעברעקלט, נאר אנגעזאפט מיט א פרישן אטעם, ווי מיט דער קילער פייכט־קייט פון די ווינטער־רעגנס, פארקנאטן אין איר טיפעניש. זי איז געבענטשט מיט א גאנץ יאריקער פרוכטבארקייט פון זאפטיק צעוואקסענעם קרייטעכצער־גרינס און מיט דער שפע פון גילדן־צעכוואליעטע תבואה־פעלדער. די פרי־ביימער הייבן שוין אן צו בליען, נאך איידער די פאראיאריק געצייטיקטע פרוכט איז פון זיי אראפגענומען. אין איטלעכן ערדקרישל פינקלט עפעס אין

דער זון, ווי אַ רויטער קערן, גלײַך די ערד איז באַגלאַנצט מיט די פּאַר־באַקענע בלוטטראָפּנס פֿון אירע קינדער, געפֿאַלענע אין די שטרײַטן מיטן שונא.

אַקעגן איבער, אויף שטייניקן בערגל־שיפּוע שטייט אַ ייִנגל מיט אַ ריטל אין האַנט און ער היט דרײַ ווײַסע ציגן מיט דיקע מילך־אייטערס. זיי קלעטערן איבערן אַרויסגעשפּיצטן געשטיין, היפּן איבער זאַמד־גריבלעך און צופּן אײַפֿעריק די מאָגערע גראָזן און שטויביקע כאַפּטע־בלעטער מיט ווייכע חנעוור־דיקע מידל־לעפּצן. אַ שוואַרצער באָק מיט אַ לאַנג בערדל שטייט זײַטיק אויפֿן העכסטן שטיינקאַנט, דעם געהאָרנטן שמאָלן קאָפּ אויפֿגעהויבן און שאַרף באַגילדט פֿון דער גרויסער, פּײַלער־רויז צעפּלעמלטער מערבֿ־זון וואָס איז שוין טיף־געניגערט; אויפֿן ייִנגלס געטונקלט פּנים שײַנט אַ מילד פֿאַרקלערטער שמייכל ווי דער מזלדיקער שטערן פֿון דער פֿרײַער אייגנקייט.

אין בלאָלעך־געבלאַסטער פֿעלד־ווײַטקייט איז געבויגן אַ לאַנגער, נאַקעטער פּאַלמעבוים. די צווײַגן־פֿעכערס געשפּרייט ווי הענט אַרויף און אַראָפּ, גלײַך ער איז דער היטער פֿונעם שטילן וועלטפּריד און אַ ברייט צעקנאָדערטער פֿײַגנבוים טונקלט שוין נידעריק, מיט טיפֿן שאָטן־שלײַער. די פֿייגל שווײַגן פֿאַרבאָרגן אין שוואַרצלעכן ביימער־געצווײַג און דאָס גרינע ערדגעוויקס קילט מיט גראָ־בלאָלעכן דרימל. מענטשן און פֿיך, פּאַוואָליע צעוויגט, גייען אַ היים פֿון די פֿעלדער.

גיך פֿאַרגייט די זון, ווי אַ גילדן צעפּײַערטער קאָפּ אין רויטפּלאָמיקן ים־ברעג. און אַ האַלבער מערבֿ־הימל איז פֿאַרשיט מיט גרינלעך געלן אַש־געשימער, און ס'דעמערט מיט חלומדיקן געברום פֿון דער נאַכט־סאָווע. דער בלאָ־צעגלאַנצטער אוונטשטערן גייט אויף אין געבויגענעם רוקן פֿונעם ווײַס־בלייכן לבֿנה־האָרן און ער פֿאַרגייט באַלד אין געטונקלטן זילבער־דעמער פֿון די גראָ־דערהויבענע געבערג־שאָטנס, ווי שווערע פֿליגל אונטערן נאַכטיק בלאָ־געטיפֿטן הימלגעוועלב און ס'הייבן אָן גרינלעך קלאָר פֿינקלען די ערשטע שטערן פֿון די מזלות.

אַ וואָרט
פונעם פאַרלאַג

עס איז פֿאַר מיר אַ גרויסע זכיה אַרויסצוגעבן אַ בוך געקליבענע דערציילונגען פֿון א. מ. פֿוקס, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ווין אין דער טעגלעכער יידישער צײַטונג „מאָרגן־פּאָסט", אונטער דער רעדאַקציע פֿון משה גראָס־צימערמאַן.

¶ שוין דעמאָלט האָב איך געפֿילט בחוש ממש פֿוקסעס טאַלאַנט און, אַז ער וועט ווערן אַ זײַל אין דער יידישער ליטעראַטור. זײַנע שריט אַלס קינסטלער האָב איך דער־קענט אין די דערציילונגען וואָס ער האָט דעמאָלט געדרוקט אין דער יידישער פּרעסע.

¶ אין יאָר 1918, ווען עס האָט זיך געשאַפֿן אין ווין דער פֿאַרלאַג „דער קוואַל", איז א. מ. פֿוקס געווען איינער פֿון די הויפּט מיטאַרבעטער אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „ק ר י ט י ק", און איז אַזוי־ערנאָך באַרימט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

¶ צײַט, יאָרן זענען געלאָפֿן — א. מ. פֿוקס איז אויסגע־וואַקסן און אַנערקענט געוואָרן און די בעסטע יידישע קריטיקערס האָבן אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן געשריבן דאָס בעסטע און דערהויבנסטע וועגן זײַן טאַלאַנט און זײַן מײַסטערשאַפֿט.

¶ ווען איך בין געווען לעצטנס אין ישראל האָב איך פֿאָרגעלייגט א. מ. פֿוקסן אַרויסצוגעבן אַ בוך דערציילונגען אין פֿאַרלאַג „דער קוואַל". ער האָט דעם פֿאָרשלאַג אָנגע־נומען און דער דיכטער מלך ראַוויטש האָט צוזאַמענגע־שטעלט דאָס בוך וואָס מיר טראָגן איצט אונטער דעם

ייִדיש־לייענער. דער פֿאַרלאַג דריקט אים אויס זײַן וואַרעמסטן דאַנק.

¶ אַרויסגעבנדיק דאָס דאָזיקע בוך, די געזאַמלטע און געקליבענע דערציילונגען פֿון א. מ. פֿוקס, „די נאַכט און דער טאָג", דערפֿילן מיר א חובֿ לגבי דער ייִדישער ליטעראַטור.

¶ שוין איבער דרײַסיק יאָר ווי אָט דער אייגנאַרטיקער, קראַפֿטפֿולער, געדיכט־מאָלערישער סימבאָלישער רעאַליסט האָט נישט אַרויסגעגעבן אין ייִדיש זײַנע דערציילונגען אין בוכפֿאָרם.

¶ אין דער געשיכטע און דעם גאַנג פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור האָט א. מ. פֿוקס זײַן אייגן אָרט, אַנערקענט דורך אונדזערע בעסטע קריטיקערס. עטלעכע ביכער פֿון א. מ. פֿוקס זענען דערשינען אין העברעיִש און זענען ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. די העלדן פֿון אונדזער דערציילער זענען פּשטותדיקע ייִדן, אָבער אין זייער פּשטות טראָגן זיי די אייביקע גײַסטיקע גבֿורה פֿון ייִדישן פֿאָלק קעגן דעם גאַנצן רשעות פֿון דער וועלט. אַזוי דאַרף אויך געלייענט און פֿאַרשטאַנען ווערן דאָס איצטיקע בוך, וואָס גייט דורך „די נאַכט" פֿון ביטערן גלות און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ ליכטיקן האָפֿנונגס־שטראַל; „דער טאָג" פֿון מדינת ישׂראל גייט אויף . . .

¶ עס איז גוט צו האָבן זײַנס אַ רײַפֿע, גרויסע זאַמלונג דערציילונגען אין באַנײַטן פֿאַרלאַג „דער קוואַל" אין ניו יאָרק.

¶ נצח ייִדישע ליטעראַטור. . . .

ישׂראל לאָנדאָן

ניו יאָרק, אַפּריל 1961

מיט דעם קולטורעלן אַחריות׳דיקן צוגאַנג צו זײַנע אויס־גאַבעס שטרעבט דער פֿאַרלאַג „דער קוואַל״ צו שאַפֿן אַ קולטור־באַוועגונג אַרום דעם ייִדישן בוך מיטן ציל צו הייבן דאָס חשיבֿות פֿון ייִדישער שאַפֿונג און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

די ביכער פֿון פֿאַרלאַג „דער קוואַל״ צייכענען זיך אויס מיט זייער אינהאַלט, שיינקייט פֿון דרוק, פּינקטלעכקייט, און מיט זייער פּראַכט.

ביז איצט דערשינען

## יצחק באַשעוויס

### מײַן טאַטנ׳ס בית דין שטוב

## זלמן שניאור

### דער ממזר

## ש. י. עגנון

### אַ פּשוט׳ע מעשׂה

ייִדיש אליעזר רובינשטיין — צייכענונגען יאָסל בערגנער

שטריכן אהרן צייטלין — עגנונ׳ס שאַפֿן אין ייִדיש דבֿ סדן

## ערנעסט העמינגווײַ

### דער אַלטער און דער ים

ייִדיש מאיר שטיקער — צייכענונגען לעאָנאַרד באַסקין

## ה. לייוויק

### לידער צום אייבּיקן

פּאָרטרעט און אילוסטראַציעס בען

## יעקבֿ פּאַט
### שמועסן מיט שרײַבער אין ישׂראל

## אַבֿרהם סוצקעווער
### גײַסטיקע ערד
13 אָריגינעלע האַלצשניטן פֿון דעם פּאַריזער קינסטלער א. קאָלניק

## א. מ. פֿוקס
### די נאַכט און דער טאָג

עס װעלן דערשײַנען

יצחק באַשעװיס
יעקבֿ גלאַטשטיין
משה גראָס־צימערמאַן
מענדל זינגער
חיים הזז
ד״ר שמואל מאַרגאָשעס
פֿראַנץ קאַפֿקאַ
אַ. ראובֿני
מלך ראַוויטש
אַבֿרהם שלאָנסקי
א״אַ

I. LONDON, *Publisher*
228 EAST 45TH STREET NEW YORK 17, N. Y.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאַו

436